STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03971

SOYDES

Mordecai Spector

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ספעקטאָר

סודות

ראָמאַן אין צוויי טיילן

ערשטער טייל

פאַרלאַג „אחיספר", וואַרשע
Printed in Poland.

Drukarnia I. Hendlera, Warszawa, Długa № 26.

א.

אין שווידער, די זומערוווינונג ביי וואַרשע, איז היינט פריילעך. עס קומט דאָ פאָר אַ גרויס געשעעניש.

ווען מען וווינט אין שטאָט, קען פאָרקומען דאָס גרעכטע געשעעניש אויף דער זעלבער גאַס, אָדער אפילו אין דעם זעלבן הויז, ווו מען וווינט. גייט מען עס פאַרביי, נאָר אויף דער זומערוווינונג, ווו יעדער האָט גענוג פרייע צייט, איז יעדע קלענסטע זאַך אַ געשעעניש, אפילו ווען אַ ציגיינער מיט אַ מאַלפּע גייט דורך און באַווייזט מאַלפּישע קונצן, בכּרט נאָך אַזאַ גרויס געשעעניש, ווי אַ חתונה. ר' מאיר פיינזילבער מאַכט חתונה זיין בת-יחידקע זיסל, אָדער, ווי מען רופט זי פאַרצויגן אויף פּויליש, סאַלטשע, און וועלכע רעכנט זיך פאַר דעם ליבלינג ביי אַלע אויף דער זומער-וווינונג פאַר איר זעלטענער שיינקייט און לעבעדיקייט.

מען האָט דאָ אויף דער זומער-וווינונג שטענדיק ליב געהאַט צו רעדן וועגן סאַלטשען, און נישט נאָר וועגן איר שיינקייט, קלוגקייט, נאָר אפילו וועגן אירע קליידער. וואָרים אויף קיינעם האָט אַזוי זיך נישט אויסגעגאָסן אַ קלייד, ווי אויף איר. אַלץ, וואָס זי האָט אָנגעטון אויף זיך, האָט געזונגען, אַלץ איז געווען צוגעפּאַסט צו איר יעדן גליד, אַז די שיינקייט פון דעם גאַנצן יונגן קערפּער האָט זיך געריסן אויף גאָטס ליכטיקע וועלט צו באַשיינען און פאַרזיסן דאָס גרו ע לעבן, גלייך מיט די בלומען און אַלערליי בליונגען, וואָס וואַקסן אויף די פעלדער.

אַלע האָבן היינט גערעדט וועגן דער כּלה סאַלטשען. די יידענעס, וואָס טראָגן מילך, די גויעס, וואָס טראָגן גריגס צו פאַר־

קויפן פאַר די דאַטשניקעס, די קרעמערקעס פון די שפייז־געוועלבלעך, און ווער שמועסט שוין יינגלעך און מיידלעך!

סאַלטשע איז באמת היינט געווען די העלדין פון טאָג.

די מאַנסבילן האָבן זיך געווערטלט און מיט קוראַזש גערעדט:

— אַזאַ שיין מיידל ווען מיר פון אונדזער דאַטשע נישט אַרויס־לאָזן! עס וועט קומען עפּעס אַ שלאַק אַ יונגערמאַן און וועט זי צו־נעמען ביי אונדז און מיר וועלן שווייגן? ניין, מיר וועלן נישט לאָזן!

אויף אונדז געזאָגט געוואָרן אַזוינע שלעק, — האָבן די מיידלעך געענטפערט,—סאַלטשעס חתן איז נישט אַבי ווער — ער איז א יונגער דאָקטאָר פון בערלין.

ביי דער וועראנדע, ווו מען איז געשטאַנען און גערעדט וועגן דער חתונה, האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט דער אַלטער פּריץ פאַן גרי־בעצקי, מיט אַן אַלטער פאַרצייטישער הילצערנער ביקס, איבערגעוואָרפן איבער די פּלייצעס. די ביקס, האָט מען דערציילט, איז נאָך פון פּאָניאַטאָווסקיס צייטן. צוויי מאָל אין דער וואָך, זונטיק און פרייטיק, פלעגט ער גיין פיר ווי‍אָרסט צום ברעג פון דער ווייכסל כאַפּן ווילדע קאַטשקעס און זעלטן ווען ער האָט עפּעס געכאַפּט, ווייל ווען ער האָט דערזען פליען די קאַטשקעס און אויסגעשאָסן, פלעגט זיך עפּעס אין דער ביקס פאַרהאַקן, נאָר איבערבייטן זי אויף אַ נייער ביקס האָט ער נישט געוואָלט, נישט וועלנדיק מיט דעם ווייזן, אַז די נייע סיסטעמען פון די ביקסן זענען בעסער פון די אַלטע.

דער אַלטער פּריץ האָט דאָ פון לאַנגע יאָרן געהאַט אייגענע דאַטשעס און אַ גאַנץ יאָר דאָ געוווינט. ער איז געווען פון די גע־ציילטע פּוילישע פּריצים, וואָס האָבן דאָ געוווינט צווישן יידן. ער האָט דאָ געקענט יעדן אין געזיכט, ער האָט געקענט א סך, וועלכע זענען נאָך קינדער געווען און זיך געשפּילט אין זאַמד.

ער האָט אויך זייער גוט געקענט ר׳ מאיר פיינזילבער מיט דער פאַמיליע, און סאַלטשען האָט ער געקענט אַלס קינד.

דערזעענדיק אַ רעדל, ווי מען רעדט וועגן סאַלטשעס חתונה, האָט ער זיך אָנגערופן מיט פּוילישן שטאָלץ:

— אַזאַ שיין מיידל, ווי סאַלטשע, אַזאַ לייטיש פיין קינד, קען נאָר געבוירן ווערן אויף אונדזער פּוילישער ערד. אַזעלכע בריליאַנטענע קינדער, ווי סאַלטשע, געהערן צו אונדז פּוילן און איצטער וועט קו־מען אַ „שוואַב" פון בערלין און זי צונעמען ביי אונדז, — מיר וועלן

נישט לאָזן! אדרבא, ווי זאָגט איר, יונגע לייט!

די יוגנט האָט זיך צולאַכט, ענטפערנדיק:

— אוודאי נישט. אָבער וואָס וועט איר, פאַן גרינעצקי טון, אַז דער „שוואָב" וועט פאָרט היינט קומען און זי צונעמען? היינט איז דאָך די חתונה!

פאַן גרינעצקי האָט אַראָפּגעכאַפּט זיין הילצערנע ביקס און גע־פאָכעט מיט איר אין דער לופטן:

— איך וועל זיך שטעלן ביי דער גרענעץ פון אונדזער דאַטשע און מיט געווער אין דער האַנט וועל איך אים נישט לאָזן אַוועקפירן סאָלטשען פון אונדזער פוילן, און ווען איך וואָלט יונג געווען אַזוי ווי איר, וואָלט איך זי מיט אַ נאַכט פריער אַרויסגעגנבעט פון פענצ־טער. כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך דער אַלטער פּאָליאַק צעלאַכט און גע־דרייט זיינע גרויע לאַנגע וואָנסן.

— און ווי קומט עס, אַז ראַבי מאיר, וואָס איז אַ פרומער ייד, אַ געבוירענער אויף פּוילישער ערד, זאָל נעמען פאַר זיין טאָכטער אַ „שוואָב" פון בערלין? —האָט דער פּאָליאַק געפרעגט.

- וואָס זשע, אַ חסיד זאָל ער נעמען פאַר זיין שיינער טאָכטער?— האָט איינער פון עולם געענטפערט — ער האָט זיין טאָכטער צופיל ליב און ער איז מיט איר געווען אין אויסלאַנד, האָט זי זיך באַ־קענט מיט דעם יונגן דאָקטאָר. זי האָט זיך אין אים שטאַרק פאַר־ליבט, האָט ער זיין טאָכטער ניט געקענט אָפּזאָגן און איז באַשטאַנען אויפן שידוך. וואָס איז דאָ דער וואונדער? היינטיקע צייטן איז ניט ווי אַמאָל, וואָס מען האָט געטון אַלץ, וואָס טאַטע־מאַמע הייסן. היינ־טיקע צייטן מוז מען קינדער נאָכגעבן.

דער אַלטער פּאָליאַק האָט מיט אַ זיפץ זיך אָנגערופן:

— עס איז ניט ווי אַמאָל, זאָגט איר, טאַטע־מאַמע דאַרף מען שוין ניט פאָלגן? ניין, איך קען ראַבי מאיר פיינזילבער, ער איז ניט אַזאַ נאָכגעבער. אפילו צוליב זיין ליבסט קינד וועט ער ניט נאָכגעבן, איך קען אים, און אויב ער האָט נאָכגעגעבן, האָט ער געוויס געמוזט.

— פאַרוואָס האָט ער געמוזט?—האָט איינער פון עולם געפרעגט.

— דאָס ווייס איך נישט, נאָר געוויס איז דאָ אַ גרויסער סוד דערביי.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט. נאָר דער לערער פון מוזיק, יעקב לערנער, וואָס האָט יעדן זומער, צוליב זיינע פיל רייכע שילע־

ריגס, אויך געוויבמ אין שווידער, האָט פּראָטעסטירט.

— וואָס פאַר אַ סודות? נישטאָ קיין סודות! אָט קום איך איצט פון באָדן, האָט מען דאָרטן אויך גערעדט וועגן דער היינטיקער חתונה און אויך וועגן דעם, ווי עס קומט ר׳ מאירן צו טון אַ שידוך מיט אַ דאָקטאָר און נאָך אַ בערלינער דערצו. האָט איינער דערציילט, אַז ר׳ מאיר איז אַ קלוגער ייד. ווען ער איז געווען מיט זיין פאַמיליע אין בערלין און האָט געזעען, ווי זיין טאָכטער מיט דעם יונגן דאָקטאָר זענען זיך געפעלן, איז ער גלייך באַשטאַנען אויף דעם שידוך, ווייל אַזאַ שידוך טרעפט זיך איינמאָל אין טויזנט יאָר. אַ געזונטער און זייער אַ שייגער, אַ גרויסער געבילדעטער, אַ יונגערמאַן מיט אַ גרויסער צוקונפט. ער האָט שוין אין אַזאַ גרויסער שטאָט, ווי בערלין, אַ שיינע פּראַקטיק. היינט וואָס וועט נאָך זיין שפּעטער? נו. און ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, איז ר׳ מאיר אַ קלוגער ייד און האָט אַוועקגעלייגט זיין חסידות אָן אַ זייט און מען האָט געשריבן תנאים און געבראָכן טעלער. ווען דאָס זאָל זיין עפּעס אַ סוד, וואָלט איך דער ערשטער געוווסט. איר ווייסט דאָך, אַז סאַלטשע איז מיין לאַנג־יעריקע שילערין און אַז איך בין אין ר׳ מאירס הויז אַ היימישער.

— דער חתן איז טאַקע אַ שיינער? — האָט אַ מיידל געפרעגט ביים לערער.

— זייער אַ שיינער.

— איר האָט אים אַליין געזעען? וואָס איז ער—אַ ברונעט, צי אַ בלאָנדין? — האָבן נאָך צוויי מיידלעך געפרעגט.

— געזען האָב איך אים נישט, נאָר סאַלטשע האָט מיר געוויזן זיין בילד. דאָרט זעט ער אויס צו זיין זייער אַ שיינער ברונעט. נאָר וואָס דאַרף איך אים אויסמאָלן? ער קומט היינט צוויי אַ זייגער צופאָרן מיט דעם צוג, וועלן מיר אים אַלע זען!

— ווען איז די חופּה?

— פּונקט דריי אַ זייגער.

— אַ, וואָלט איך אים שוין געוואָלט זען! — האָבן אויסגעשריען גיטאַמאָל עטלעכע מיידלעך. — מען רעדט אַזוי פיל וועגן אים.

— וויפל איז דער זייגער? — האָט איין מיידל געפרעגט.

איינער האָט אַרויסגענומען אַ זייגער און געזאָגט:

— שוין באַלד צוועלף.

—אוי ווי! איך בין נאָך גישט אָנגעטון! — האָבן עטלעכע מייד־לעך מיטאַמאָל אויסגעשריען. — מען דאַרף דעם חתן גיין באַגעגענען!

דער גאַנצער עולם איז אין איילעניש זיך צוגאַנגען.

יעדער אויף דער דאַטשע, פון קליין ביז גרויס, פון רייך ביז אָרעם, האָבן זיך אויף דער התונה גערעכנט פאַר מחותנים. אין אַלע הייזער האָט מען זיך אויסגעפוצט אין די שענסטע מלבושים, וואָס יעדער האָט נאָר פאַרמאָגט. יונגוואַרג און קינדער האָבן זיך באַ־שטעקט מיט בלומען און מיט גרינע פרישע בלעטלעך, וועלכע דער פאַן גרינעצקי האָט הייגט, צוליב דער חתונה, דערלויבט צו רייסן פון זיינע גערטנער.

ר׳ מאיר, ווי דער מנהג איז ביי די רייכע פרומע יידן, האָט באַשטימט די חופה אויף פרייטיק בייטאָג, מען זאָל קענען זיך משמח זיין דעם גאַנצן שבת, און מוצאי שבת זאָל פאַרקומען די גרויסע וועטשערע און מען זאָל קענען הוליען און טאַנצן ביז אין ווייסן טאָג אַריין.

כאָטש עס איז געווען פרי און צום חתנס אָנקומען איז נאָך געווען גוטע צוויי שעה, דאָך איז שוין אויף דער סטאַציע געווען אַ סך מענטשן. דערהויפּט יונגוואַרג און קינדער, ווייל יעדע האַלבע שעה זענען אָנגעקומען מיט די דאַטשע־צוגן נייע געסט פון וואַרשע, מחותנים, גוטע פריינט, באַקאַנטע, מאַנסבילן, ווייבער, מיידלעך און יונגע לייט, אַלע אָנגעטון יום־טובדיק, און דער שווידערער עולם האָט זיי אויך געוואָלט באַגעגענען. איבערהויפּט די פרויען און מיידלעך מיט זייערע אויפגענייטע נייע קליידלעך צוליב דער חתונה, נאָך דער לעצטער מאָדע גענייט.

עס איז ווידער אָנגעקומען אַ צוג, פון וועלכן עס זענען אַראָפּ־געגאַנגען עטלעכע מחותנים, און פלוצים ווערט אַ שמחה אויף דער סטאַציע און קינדער שפּרינגען פון גדולה.

— די כלי־זמר זענען געקומען פון וואַרשע! — שרייען אויס די קינדער און דרייען זיך אַרום דעם „באַס", וועלכן איין כלי־זמר קען אים קוים דערטראָגן, און נאָכמער דרייען זיך די קינדער אַרום דער פּויק מיט די צוויי טאַצן. קינדער גנבענען זיך הינטן אַרום דער פּויק און קלאַפּן מיט זייערע פינגערלעך און אַנטלויפן.

ווידער אַ צוג, און פון גאַנצן שטעטל אָטוואָצק קומט אָן דער

רב מיט אַלע כלי־קודש, און דער שמש מיט די פיר שטאַנגען פון דער חופּה.

עס איז שוין באַלד איינס אַ זייגער און די שמחה צוזאַמען מיט דעם עולם ווערט אויף דער סטאַנציע וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער.

מען רעדט, אַז באַלד וועלן אויף דער סטאַנציע קומען די הויפּט־מחותנים, ר׳ מאיר מיט דער פרוי און קינדער, מיט אַלע מחותנים צו באַגעגענען דעם חתן מיט די מחותנים פון חתנס צד.

יונגוואַרג דערציילן, אַז די כלה אַליין וועט אויך קומען באַגעגענען איר חתן, כאָטש עס איז ביי פרומע יידן ניט איינגעפירט, אַז אַ כלה זאָל אַ שעה פאַר דער חופה גיין באַגעגענען דעם חתן. נאָר זי האָט זיך איינגעשפּאַרט, און ר׳ מאיר וועט זיין ליבסט קינד מוזן צוליב טון. מען דערציילט ווייטער, ווי די כלה האָט געזאָגט איר חברטע, אַז זי וויל איר ליבן טייערן „ציגיינער" זען וואָס פריער. זי רופט אים „ציגיינער", ווייל ער איז אַ פייערדיקער ברונעט מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, מיט אַ טונקעלער, מאַטאָווער, הויט, וואָס איז מלא חן און טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז אַ טיפער ברונעט, איז זי אין אים אַזוי שטאַרק פאַרליבט.

די צייט האָט זיך אָנגעהייבן דערנענטערן, אייניקע האָבן אָנגעהייבן קוקן אויף די זייגערס און כמעט אַלע האָבן געקוקט אויף דער זייט פון דער באַן־ליניע, פון וואַנען עס דאַרף אָנקומען דער פּאָסט־צוג מיט דעם חתן, כאָטש צום צוג איז נאָך דאָ אַ גוטע האַלבע שעה.

אויף דער סטאַנציע איז אָנגעקומען ר׳ מאיר מיט אַלע מחותנים און מיט דער כלה צווישן זיי.

— אַך, וואָס פאַר אַ שיינע כלה!—האָבן אַלע באַמערקט!

— וואָס פאַר אַ שיינע מחתנים!—האָבן אייניקע געזאָגט.

ר׳ מאיר איז געגאַנגען אין אַ שוואַרצן שפּאָגל־נייעם צילינדער און אין אַ לאַנגן שוואַרצן סורדוט איבער די קני, און זיין פרוי—אין אַ זיידן קלייד, געניית ביי דער גרעסטער מאָדיסטקע אין וואַרשע, ביי דער זעלבער, וווּ סאַלטשע האָט געניית אירע כלה־קליידער.

וואָס אַ מינוט שפּעטער, איז מער אָרדענונג געוואָרן אויף דער סטאַנציע, מען האָט אויפגעהערט רעדן און גרעגערן, מען האָט זיך אויסגעשטעלט אין לאַנגע שורות ביי דער באַן־ליניע. אַלע האָבן

יִשט אויפגעהערט צו קוקן אין דער זייט, פון וואַנען דער צוג דאַרף אָנקומען.

צווישן עולם, נענטער צו די מחותנים, האָט זיך אויך געפונען דער מוזיק־לערער יעקב לערנער, און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן האָט ער געשיינט פון גליק, וואָס זיין שילערין, די כלה, זעט אויס אַזוי שיין און גליקלעך.

העט ווייט פון די מחותנים איז צווישן עולם אויך געשטאַנען מאַן סטאַש, דער יינגסטער זון פון פּריץ גרינעצקי.

סטאַש, אין זיינע סטודענטישע קליידער, וועלכע האָבן זייער געפּאַסט צו זיין יונג מוטיק געזיכט, איז געווען בלאַס און נערוועז, און ער האָט אויך געקוקט אין דער זייט, פון וואַנען עס דאַרף באַלד אָנקומען דער פּאָסט־צוג.

— מען זעט שוין דעם רויך פון צוג! האָבן קינדער אויסגעשריגן און אונטערגעשפּרונגען פון שמחה.

דער עולם האָט זיך צוגעגרייט איינצושליגגען דעם צוג מיט די אויגן.

שטילער און שטילער האָבן געקלאַפּט די רעדער, ביז דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר מינוט.

פון די וואַגאָנען זענען אַראָפּגעשפּרונגען אַ פּאָר דאַטשניקעס, אָנגעלאָדן פון אַלע זייטן מיט פּעקלעך און קוישלעך.

דער צוג איז אַוועק, אויף דער פּלאַטפאָרם פון דער סטאַציע ווידער האָט מען מער קיין ניי־אָנגעקומענע ניט געזען...

— דער חתן איז נישטאָ, דער חתן איז נישט געקומען...—האָבן הונדערטער מיילער שטיל געשעפּטשעט...

די סמיטשקעס פון די פידלען זענען אין די הענט פון די כלי־זמר געבליבן הענגען אין דער לופטן...

— — — — — — — — —

ב.

די כלי־זמר האָבן אַראָפּגעלאָזט די סמיטשקעס, דער יום־טובדיקער עולם איז געבליבן שטיין רויק, ווייל אַלע זענען זיכער געווען, אַז אין אַ האַלבע שעה שפּעטער וועט דער חתן קומען מיט אַ דאַטשע־צוג. ער האָט זיך געוויס אָפּגעשטעלט אין וואַרשע עפּעס

קריפן, האָבן אייניקע געטראַכט, און מיט דער ערשטן דאַטשע־צוג וועט ער קומען. אַלע זענען געווען רויק. נאָר די כלה איז אַ ביסל בלאַס געוואָרן און אויף איר פּנים האָבן זיך באַוויזן אַלערליי קאָלירן.

די גאַנצע וואָך האָט דער חתן נישט אויפגעהערט יעדן טאָג צו טעלעגראַפירן זיין כלה, אַז ער ציילט די טעג, ער זעגט שוין האָבן דאָס גליק זי צו זען און אַז יעדע מינוט איז ביי אים אַ יאָר. די לעצטע טעלעגראַמע איז געווען געלטן פון בערלין, אַז פּונקט היינט, דריי אַ זייגער ביי טאָג, וועט ער קומען קיין שווידער.

פאַרשידענע שרעקלעכע געדאַנקען זענען סאַלטשען געקומען אין קאָפּ.

— אפשר האָט זיך מיין דוד פון אַלעם וועגן מיר דערוווסט און דעריבער איז ער נישט געקומען.

זי האָט אַ ציטער געטון.

אירע נאָענטע, וועלכע האָבן זי אַרומגערינגלט, האָבן זיך גע־וערטלט:

— אַ פאַרטראַכטער חתן! ער האָט געוויס פאַרשפּעטיקט ערגעץ אַ צוג און האָט געמוזט וואַרטן אויף אַ צווייטן.

און איינער פון די מחותנים, דער כלהס אַ פעטער, דערציילט, ווי איינעם אַ חתן, וואָס איז געפאָרן פון קיעוו קיין וואַרשע, האָט זיך פאַרגלוסט אַ גלעזל טיי, איז ער אַראָפּ אויף אַ וואָקזאַל, די גלאָז טיי איז געווען זייער הייס, האָט ער אָנגעהייבן בלאָזן, ביז דער צוג איז אַוועק און די מחותנים, וואָס זענען געפאָרן מיט אים, זענען אָנגעקומען צו דער חופּה אָן דעם חתן און מען האָט געמוזט וואַרטן גאַנצע זעקס שעה, ביז דער חתן איז געקומען מיט דעם צווייטן צוג.

אַלע פאַרבעטענע געסט האָבן זיך שטאַרק אויסגעהונגערט, וואַרטנדיק, און מען האָט דערווייל אויפגעגעסן דעם גאַנצן לעקעך מיט דעם פלאָדן און אויסגעטרונקען אַלע משקאות.

דער עולם האָט געלאַכט און אייניקע האָבן, פון רחמנות צו דער כלה מיט אירע נאָענטע, זיך געמאַכט לאַכנדיק.

און ביי דער כלה זענען געפלויגן טויזנטער געדאַנקען:

— פון אַלע מיינע סודות האָט ער די לעצטע מינוט זיך דער־וווסט... ווי אַזוי? אַז מיינע אייגענע עלטערן ווייסן אפילו נישט! אַנ־דערש קאָן ניט זיין, ער ווייסט, ער ווייסט, דוד ווייסט פון אַלעם און איז ניט געקומען. וואָלט ער זיך כאָטש געווען דערוווסט נאָך

דער התונה, כאָטש איינמאָל אים אַרומנעמען און צודריקן אים צו מיין האַרצן, דערנאָך אַרט מיך נישט, אַז איך זאָל שטאַרבן.
— ניין, עס קען נישט זיין, ער זאָל זיך דערוויסן. ווער האָט עס אים געקענט איבערגעבן, ווען נישט איך אַליין. עס איז אוממעג־לעך אַזוי שרעקלעך באַשטראָפט צו ווערן. ער וועט נאָך קומען, דוד וועט נאָך קומען, דוד וועט נאָך היינט, באַלד קומען! נאָך דער חופה וועל איך מיט אים אַוועקפאָרן, נישט קיין בערלין, נאָר ווייט, ווייט פון מענטשן. ערגעץ אין אַ ווילדן וואַלד אָדער אַ מדבר ערגעץ אין אַמעריקע, ווו קיין מענטשן זענען נישטאָ, נאָך איך מיט דודן אַליין וועלן דאָרטן זיין. דוד, מיין גליק, קומט באַלד!
דער עולם וואַרט און אַלע קוקן אין דער זייט פון וואַרשע, פון וואַנען עס דאַרף באַלד אָנקומען אַ דאַטשע־צוג.
אייניקע רעדן צווישן זיך אין דער שטיל:
— אַ בערלינער חתן איז זייער אַ פינקטלעכער. ווי זשע קומט עס, ער זאָל אויף זיין אייגענער חתונה פאַרשפעטיקן, בפרט נאָך צו אַזאַ שיינער כלה?
— אַלץ קומט פאָר אויף דער וועלט. אפשר איז ערגעץ מיט זיין צוג אַן אומגליק געשען! ווער ווייסט?
— ווען עס וואָלט געשען אַן אומגליק, וואָלט די כלה אַ טעלע־גראַמע באַקומען.
— ווי באַלד אַן אומגליק, האָט דאָך דער טעלעגראַף געקענט צעריסן ווערן, און דעריבער וועט די טעלעגראַמע פאַרשפעטיקן.
— נאַרישקייטן! וואָס דאַרפן מיר קלערן דאָס, וואָס מיר ווייסן נישט, אָט באַלד קומט אָן אַ צוג, וועלן מיר אַלץ זיך דערוויסן.
— און טאָ־ער קומט ער מיט דעם צוג אויך נישט?
— וואָס זאָל איך אייך ענטפערן דערויף? — איז אויס כלה און ווידער אַ מויד.
— עט, נאַרישקייטן, אַזאַ כלה לאָזט מען נישט אָפּ. ער וועט באַלד קומען, זייט רויק.
— איך בין רויק, די כלה, האָב איך מורא, איז נישט רויק, כאַ, כאַ.
אַזוי האָט דער וואַרטנדיקער עולם גערעדט און זיך געוויצלט, ביז מען האָט דערהערט אויסגעשרייען: „דער צוג גייט! מען זעט שוין דעם רויך!"

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און פון אַ וואַגאָן איז פריילעך אַרויסגעשפּרונגען דער באַרימטער וואַרשעווער „רויטער בדחן", וועלכן מען לאַדט אין נאָר אויף גבירישע חתונות, און ר' מאיר פּיינזילבער האָט אים איינגעלאַדן אויף זיין בת־יחידהס חתונה.

דער רויטער שדכן איז צוגעגאַנגען צו די מחותנים לעבעדיק און פריילעך און געבעטן, מען זאל אים מוחל זיין, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט אויף אַ האַלבע שעה, ווייל ער האָט שוין היינט געהאַט אין וואַרשע עטלעכע חתונות, און ער האָט זיך קוים פון זיי אַרויסגעריסן.

— איר האָט גאָרנישט פאַרשפּעטיקט, — האָט אים איינער געזאָגט, — דער חתן איז נאָך נישטאָ.

— זייער גוט,—זאָגט ער,—אויסגעצייכנט, וועל איך קענען כאַפּן דעם אָטעם און אָנקוקן אַ ביסל די שענסטע טייערסטע כלה. נאָר וואָס זע איך, די כלה איז עפּעס נישט צופרידן, וואָס דער חתן פאַרשפּעטיקט זיך און קען נישט טרעפן צו זיין כלה. נישט קיין ווונדער, היינטיקן פרייטיק איז אין וואַרשע אַזוי פיל חתונות, האָט מען זיך בטעות פאַרביטן מיט די כלות.

דער עולם האָט זיך שטאַרק צולאַכט.

— איר האָט שטענדיק ליב צו לאַכן, אָט וועל איך אייך דערציילן, וואָס היינט האָט זיך פאַרלאָפן אין וואַרשע: אפשר הונדערט חתונות זענען היינטיקן פרייטיק געווען אין וואַרשע, און עטלעכע חתנים, וואָס זענען אָנגעקומען פון אַנדערע שטעט מיט די באַנען, האָבן די דראָשקאַרעס בטעות אָפּגעפירט זיי צו פרעמדע כלות. קוים זיי אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן.

עס האָט אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

— איר גלויבט דאָך מיר אַוודאי נישט, וועל איך אייך דערציילן, ווי אַזוי עס איז געווען: איר ווייסט דאָך, אַז די חתונות אין וואַרשע קומען פאָר דאָס רוב אין געדונגענע „סאַליעס", נו, און די דראָשקאַרעס ווייסן אַלע אַדרעסן פון די סאַליעס. מחותנים משני הצדדים האָבן זיך געפרייט איינער מיטן צווייטן און האָבן פאַרגעסן זאָגן, אין וועלכער סאַליע מען זאָל פאָרן. נו, און די דראָשקאַרעס איילן זיך, האָבן זיי געכאַפּט דעם חתן, מיט נאָך אַ פּאָר פרעמדע פון חתנס צד און צוגעפירט צו דער ערשטער סאַליע, ווו עס האָבן געשפּילט כלי־זמר. און באַקומענדיק געצאָלט, זענען די דראָשקאַרעס

אוועקגעפאָרן, די כלי־זמר, דערזעענדיק אַ חתן מיט מחותנים, האָבן געשפּילט אַ „וויוואַט". דערנאָך, ערשט שפּעטער, האָט מען זיך אומגעקוקט, אַז עס איז נישט דער. עס האָט געדויערט אַ פּאָר שעה, איידער מען האָט זיך איבערגעביטן מיט די חתנים.

דער עולם האָט געקייכט פון געלעכטער, נאָר די כלה און אירע נאָענטע זענען געווען פאַרזאָרגט. דאָך האָבן זיי זיך געפּרוווט אויך שמייכלען, אום נישט צו פאַרשטערן די שמחה. אפשר וועט דער חתן פאָרט באַלד אָנקומען און אַלץ וועט זיך ענדיקן אויף דעם בעסטן אופן. ר׳ מאיר פיינזילבער האָט דאָך צוגעגרייט אַ חתונה פאַר זיין בת־יחידקע, אַז גאַנץ וואַרשע זאָל רעדן. צו וואָס פאַרשטערן די שמחה, אַז מען ווייסט נאָך נישט, אפשר האָט זיך עפּעס געטראָפן אַזעלכעס, וואָס איז נישט אין מענטשנס כוח, ער זאָל עס קענען פאַרמיידן, און נישט דער חתן און נישט קיינער איז דאָ שולדיק!

— אפשר איז דאָ צו הויז אַ טעלעגראַמע פון דודן? — האָט די כלה אין דער שטיל געפרעגט מיט אַ שוואַך קול ווי אַ קראַנקע. און זי האָט זיך געווענדט צו איר מוזיק־לערער, יעקב לערנער, ער זאָל זיך מטריח זיין אַהיים, טאָמער איז דאָ אַ טעלעגראַמע, און דאָרטן אָנזאָגן, אַז טאָמער וועט קומען אַ טעלעגראַמע, זאָל מען זי באַלד ברענגען אויף דער סטאַציע.

יעקב לערנער איז מיט גרויס מיטגעפיל געלאָפן אַהיים.

— ווען עס האָט, חס ושלום, עפּעס געטראָפן מיט דודן, — האָט סאַלטשע געזאָגט צו אירע עלטערן, — וואָלט דאָך באַדאַרפט זיין אַ טעלעגראַמע פון אים?

דער עולם האָט זיך פאַרנומען מיט דעם באַרימטן רויטן בדחן, וועלכער האָט זיך געהאַלטן אין איין ווערטלען. און וועגן דעם, וואָס דער חתן איז נישטאָ, האָט ביי אים גאָרנישט אויסגעמאַכט, ווייל אין זיין גרויסער פּראַקטיק פון טויזנטער חתונות, ווי ער האָט דעם עולם פריילעך געמאַכט, זענען אַזעלכע צופאַלן, אַז אַ חתן פאַרשפּעטיקט מיט זיין קומען צו דער חופּה, שוין נישט איינמאָל פאָרגעקומען און עס האָט זיך שטענדיק געענדיקט גוט. מער נישט, חתן־כלה מיט די מחותנים האָבן זיך שטאַרק אויסגעהונגערט און מען האָט אַלץ אויפגעגעסן, אַז עס איז אפילו אויף קיין שיריים נישט געבליבן. און דאָ, ביי ר׳ מאיר פיינזילבער, איז ער געווען רויק, אַז מען וועט דאָ נישט הונגערן, ווען מען זאָל אפילו וואַרטן אויף דעם חתן גאַנצע דריי טעג.

די כלה האָט ווידער מיט אַ שוואַך קול געזאָגט אין דער שטיל צו אירע עלטערן:

— אויב דוד וועט נישט קומען מיט דעם איצטיקן צוג, בעט איך אייך, איר זאָלט מיך אָפּפירן אַהיים, איך פיל, ווי די פיס האַקן זיך מיר אונטער און איך וועל פאַלן...

די עלטערן, מיט גרויס צער אויף די פּנימער, האָבן זי גענו־מען געאָרעמט און מיט דעם גאַנצן קערפּער האט זי זיך אָנגעשפּאַרט אויף זייערע הענט...

אייניקע, וואָס זענען געשטאַנען נעענטער צו דער כלה, האָבן עס באַמערקט און זיך אָנגעהייבן סודען.

ג

ר׳ מאיר פיינזילבער האָט צוזאַמענגענומען זיינע אַלע פּוחוו און מיט אַ געמאַכטער פרייליכקייט האָט ער זיך אָנגערופן צו זיינע נאָנטע און צו די מחותנים, וואָס זענען געשטאַנען נעענטער צו אים, מיט אַ הויך קול, אַז אַלע זאָלן הערן:

— וואָס זשע וועלן מיר וואַרטן? מען קאָן נישט וויסן, ווען דער חתן וועט קומען. עס קאָן זיין יעדע מינוט וועט ער אָנקומען, און עס קאָן זיין ביינאַכט. לאָמיר בעסער גיין אַהיים און זיך משמח זיין. עס איז דאָך ביי מיר אַ חתונה. וואָס וועלן מיר דאָ וואַרטן? און ר׳ מאיר מיט זיין ווייב האָבן גענומען די כלה אונטער די אָרעמס און, צוגעגאַנגען מיט איר צו דער קאַרעטע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער סטאַציע און געוואַרט אויף דעם חתנס אָנקומען

די קאַרעטע איז ספּעציעל געקומען פון וואַרשע, גענומען אין דער בעסטער קאַנטאָר פון קאַרעטן אויף חתונות און בעלער.

די קאַרעטע איז געווען אויסגעפּוצט מיט בלומען.

אין דער דאָזיקער קאַרעטע האָבן זיך צעריינגעזעצט די עלטערן מיט דער כלה, נאָר אָן דעם חתן. איין פּלאַץ איז געבליבן פאַר־יתומט ליידיק.

די קאַרעטע איז מיט דער כלה און מיט די עלטערן אָפּגעפאָרן, די מחותנים מיט די געסט האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען איצט דאָ איבעריק, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ר׳ מאיר האָט זיי אַלע איינגעלאַדן צו זיך צו אַהיים, ווו עס זענען געשטאַנען רייך־געדעקטע

שישו, אויף וועלכע עס איז געווען אַנגעשטעלט אַלעס גוטעס.

דער גרעסטער טייל אָנגעקומענע מחותנים און געסט זענען געבליבן אויף דער סטאַציע, וואַרטנדיק אויף דעם ערשטן צוג, צוועקצופאָרן און דער איבעריקער עולם איז זיך צעגאַנגען, ווי פון אַ גרויסער געהייבענער לויה און מען האט שטיל צווישן זיך גערעדט, ווי די וועלט איז הבל הבלים.

— ווער איז נאָך געווען אַזוי גליקלעך, ווי די כלה און איי־רע עלטערן? די גאַנצע וועלט האָט זיי מקנא געווען, ווער שמועסט נאָך די עלטערן, וואָס האָבן דערוואַקסענע טעכטער... איצטער איז קיין אומגליקלעכערע, ווי די פיינזילבערס, ניטאָ.

אַזוי האָט מען צווישן זיך אין דער שטיל גערעדט און דער עולם איז זיך צעקראָכן אויף פאַרשידענע סטעזשקעס צו זיך אויף די זומער־וווינונגען. נאָר אויף איין סטעזשקע, וואָס האָט זיך געצויגן גליך אין וואַלד אַריין, איז געגאַנגען דעם אַלטען פריץ גרינעצקיס זון, סטאַש, און פריילעך געפייפט עפעס אַ מאָטיוו פון אַן אָפּערעטקע, ביז ער איז געקומען צום וואַלד און דאָרט פאַרפאַלן געוואָרן.

זיין פייפן האָט זיך נאָך צו ביסלעך געלאָזט הערן און דערנאָך אויך פאַרפאַלן געוואָרן.

די וואַרשעווער מחותנים און געסט זענען שוין מיטן ערשטן צוג אַוועקגעפאָרן. אויף דער סטאַציע זענען נאָר געבליבן, די כלי־זמר, דער באַרימטער בדחן, ליידיקגייער און קינדער, וועלכע האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דער גרויסער פויק מיט די צוויי מעשענע טאַצן.

די קינדער האָבן דערביי נישט אויפגעהערט צו שפעטן און לאַכן פון די כלי־זמר און פון דעם בדחן, וועלכע האָבן נישט גע־ווּסט וואָס צו טון, און זייער לאַגע איז געוואָרן זייער אַ קאָמישע.

קיינער האָט זיי נישט געזאָגט, וואָס זיי זאָלן טון און פרעגן האָט נישט געפּאַסט, זענען זיי געבליבן אויף דער סטאַציע צוזאַמען מיט דעם בדחן, וועלכער האָט אויך נישט געוווּסט וואָס צו טון, און די קינדער האָבן חוזק געמאַכט, און געלאַכט פון זיי.

* * *

ווען די כלה איז געקומען אַהיים, איז זי אַריין אין איר צי־מער און געבעטן די עלטערן, אַז קיינער זאָל איר נישט שטערן און קיינעם נישט אַריינלאָזן צו איר, ווייל זי וויל זיין אַליין.

די עלטערן האָבן זיך דערשראָקן און געפּרוּווט זאָגן:
— דו ביזט אַזוי שוואַך, ווי קאָנען מיר דיך לאָזן אַליין?
סאַלטשע האָט זיי באַרויקט און געבעטן און שטרענג בעזאָגט:
— לאָזט מיך אַליין, ווען איר ווילט, אַז עס זאָל מיט מיר עפּעס נישט געשען!
די עלטערן, קענענדיק זייער טאָכטער מיט איר פעסטקייט, און מורא האָבנדיק, אַז זיי זאָלן נאָך נישט ערגער מאַכן, זענען שוין מער נישט געווען דערווידער און האָבן זי אָפּגעלאָזט ביי די פּאָר־מאַכטע טירן.
ר׳ מאיר מיט זיין ווייב האָבן זיך קיין אָרט נישט געפונען, אַלע מאָל איז איינער פון זיי שטיל צוגעגאַנגען צו דער טיר און זיך צוגעהערט. עס איז געווען שטיל, און מען האָט קיין שאָרך נישט געהערט.
ר׳ מאירס ווייב, גיטל, האָט מיט פּאַרוויינטע אויגן געבראָכן די הענט, זאָגנדיק:
— איך קאָן זי אויף לאַנג נישט איבערלאָזן אַליין. ווער ווייסט, וואָס זי קאָן מיט זיך טון. איך אָדער אַן אַנדערער מוז זיין מיט איר. און זי האָט שוין געוואָלט עפענען די טיר פון סאַלטשעס צי־מער און אַריינגיין, האָט ר׳ מאיר נישט געלאָזט.
— וואָס ווילסטו טון! — האָט ר׳ מאיר געריסן אויף זיך די האָר. — דו וועסט נאָך צו אַן אומגליק ברענגען, דו קענסט דאָך אונד־זער טאָכטער.
— אָבער וואָס טוט מען? איך וועל עס נישט אויסהאַלטן! איך בין אַ מאַמע, מיין האַרץ ווערט מיר צעריסן אויף שטיקער. ווי קאָן איך דאָס דערלאָזן, זי זאָל זיין אַליין! איך קאָן נישט! — האָט זי נישט אויפגעהערט שטיל צו וויינען.
ר׳ מאיר האָט מער קיין ווערטער נישט געהאַט קעגן זיין ווייב. ער האָט געשוויגן אַפּאָר מינוט און פּלוצים האָט ער זיך אויפגעכאַפּט:
— ווייסטו, גיטל? וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — איך וועל בעטן דעם ה׳ לערנער, ער זאָל אָנקלאַפּן צו איר אין צימער, און ער זאָל זי נישט איבערלאָזן אַליין. לערנער איז דער איינציקער, וועלכן זי וועט פאָלגן.
גיטלען איז געפעלן דער פּלאַן, אַז דער מוזיק־לערער זאָל זיך אויף איר.

לערנערן האָט מען לאַנג נישט באַדאַרפט זוכן, ער האָט זיך טאַקע דאָ געפונען אויף ר׳ מאירס זומער־וווינונג.

און ווען ר׳ מאיר האָט אים געבעטן, ער זאָל זיין טאָכטער נישט איבערלאָזן אַליין, ביז זי וועט זיך באַרויקן און אָנהייבן צו פאַרשטיין, אַז אַלץ קומט פון גאָט און מסתמא איז אַזוי באַשערט, האָט לערנער מיט קיין איינציק וואָרט נישט געענטפערט. ער איז גלייך געגאַנגען צו דער טיר און מיט זיין שטענדיק ווייכער שטילער שטימע האָט ער, אָנקלאַפּנדיק, גערופן סאַלטשען, זי זאָל עפענען די טיר.

די טיר האָט זיך נישט געעפנט, נאָר זיך האַסטיק און שנעל אויפגעריסן. סאַלטשעס פנים איז געווען מיט אַלערליי קאָלירן פון גרויס כעס, נאָר ווען זי האָט דערזען פאַר זיך לערנערן, האָט איר פנים אָנגענומען איר געוויינלעכן אויסזען, און שטיל און רויק האָט זי אים געפרעגט:

— איר האָט עס אָנגעקלאַפּט אין טיר?

— יאָ, איך.

— זייער גוט, וואָס איר זענט געקומען, — און דערביי איז אַריינגעבעטן צו זיך אין צימער.

סאַלטשע איז שוין געווען אָן איר ווייס זיידן חופה־קלייד, וועלכעס האָט זיך געוואַלגערט איין העלפט אויף אַ שטול און די צווייטע העלפט אויף דער ערד. איר שיינער קאָפּ בלאָנדע האָר, וועלכער איז פריער אַזוי שיין געווען פאַרפלאָכטן אין צוויי דיקע לאַנגע צעפּ, איז איצטער געווען צעשויבערט און אָן אַ סדר צעוואָרפן איבער אירע האַלב נאַקעטע אַקסלען.

אויף איר שלאַנקן געזונטן קערפּער איז געווען אין אומאָרדנונג אַרויפגעוואָרפן אַ דין זיידענער כאַלאַט, וועלכער האָט פאַרדעקט נאָר טיילן פון איר לייב. זי האָט זיך געהאַלטן אין איין טולען און איין צודעקן זיך מיט דעם ברייטן כאַלאַט איר גאַנצן קערפּער, נאָר עס איז איר נישט געלונגען.

— עס איז אייך קאַלט. אין דרויסן איז דאָך אַזוי וואַרעם? — האָט לערנער נאַיוו געפרעגט סאַלטשען און אויף ביידע ווינקלען פון זיין מויל האָט זיך, ווי שטענדיק, ווען ער האָט אָנגעהייבן רעדן, באַוויזן אַ ווייכער שמייכל.

— יאָ, עס איז מיר קאַלט, כאָטש אינדרויסן איז הייס.

לערנער איז צוגעגאַנגען צו סאַלטשען נענטער און אַן חכמהלעך איר געהאָלפן אָנטון דעם כאַלאַט, ווי עס דאַרף צו זיין און פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך, פאַרבונדן אַלע בענדלעך און פאַרשנורעוועט אַלע שנירלעך, אַזוי, אַז דער גאַנצער קערפּער ביזן האַלדז און די הענט ביז די פינגער זענען פאַרדעקט געוואָרן.

— אָט אַזוי, — האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט, — איצט האָט איר אַ פּנים ווי אַ שטיקל מענטש. איצט זייט אַזוי גוט און נעמט אייער וואָלד האָר און ברענגט זיי אויך אין אָרדנונג.

ווי אַ קליין גוט קינד, האָט זי אים געפאָלגט און מיט אירע דינע פינגער האָט זי געשווינט געפלאָכטן אירע האָר, נישט אויפהערנדיק צו רעדן און צו קאָכן זיך דערביי.

— ווי געפעלט איך, לערנער? אַ מיידל, וועלכער עס זענען אַזוי פיל יונגע לייט נאָכגעלאָפן און פאַר וועלכער זיי וואָלטן זיך אין פייער געוואָרפן — קומט נישט קיין חתן צו דער חופּה!

— דער חתן וועט קומען צו זיין כּלה! — האָט לערנער געענטפערט רויק און מיט אַ פעסטער זיכערקייט.

— אָבער פאַרוואָס איז קיין טעלעגראַמע נישטאָ? עס האָט זיך, חס-ושלום, געטראָפן מיט אים אַן אומגליק, דאַרף דאָך זיין אַ טעלעגראַמע!

— עס וועט נאָך קומען אַ טעלעגראַמע! — האָט לערנער געענטפערט מיט דעם זעלבן פעסטן רויקן טאָן.

— מיין בזיון! גאָט אַליין דאַרף לאָזן אַ טרער פאַר מיין בזיון! היינט דער בזיון פון מיינע אומגליקלעכע עלטערן? ווי וועל איך דאָס איבערטראָגן?

— אַ מענטש קאָן אַלץ איבערטראָגן און אויסהאַלטן. עס וועט קומען די גוטע מינוט, וועלן זיך אַלע וווּנדן פאַרהיילן.

פלוצלונג האָט סאַלטשע פאַרדעקט דאָס פּנים מיט אירע נאָך נישט איינגאַנצן פאַרפלאָכטענע האָר און זיך צעוויינט.

— איך האָב מיין חתן ליב, ליב ווי מיין גאַנץ לעבן! קיין איינציקן טאָג קאָן איך אָן מיין דודן נישט לעבן!

— דוד איז אייערער, קיינער נעמט אים ביי איך נישט צו. יעדע מינוט קען ער קומען צו אייך. מען מוז זיין רויק און זיך האַלטן אין די הענט, ביז מען וועט זיך נישט דערוויסן די סיבה פון זיין נישט קומען.

סאַלטשע באַפרייט פלוצלונג אירע הענט פון צווישן די האָר און כאַפט אָן לערנערן ביי זיינע הענט.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס פאַר אַן אומגליק האָט דאָ געקאָנט געשען, וואָס מיין דוד האָט נישט געקאָנט קומען צו דער חופה? ער איז דאָך אַזאַ פינקטלעכער מענטש און צו מיר אוודאי. זאָגט, איך בעט אייך!

— וואָס בין איך אַ נביא?

— אָבער פאָרט. יעדער מענטש האָט זיך דאָך זיין מיינונג און האָט ליב צו טרעפן, כאָטש ער ווייסט נישט.

— איך בין נישט קיין טרעפער און האָב נישט ליב צו טרעפן.

— איך וועל אייך נישט אָפּלאָזן, לערנער, איר מוזט מיר זאָגן.

— נו, וואָס קען איך טון? אייך איז שטענדיק שווער אָפּצוזאָגן ובפרט באָך אַ כלה, נאָר פריער זאָגט מיר, וואָס מיינט אַ י ר?

—נישט איך מיין, נאָר איך בין זיכער, אַז אָדער ער איז פלוצלונג געשטאָרבן, אָדער דער צוג איז אַראָפּ פון די רעסלן און ער איז דערהרגעט געוואָרן. אַנדערש קען נישט זיין. אַנדערש וואָלט ער צו מיר געקומען. ער האָט דאָך מיך אַזוי ליב, אַזוי ליב.

ערנער האָט זיך גרינג צעלאַכט.

— אייער חתן איז געזינט און שטאַרק.

— פאַר וואָס זשע איז ער נישט געקומ?

— אָט אין דעם ליגט דער סוד.

— וואָס זשע איז דער סוד?

— עי, שוועסטערל, אַזוי גיך ווילט איר וויסן דאָס, וואָס קיי־נער פון אונדז ווייסט נישט? מיר בלאָנדזשען שטענדיק צווישן סודות. מיר זוכן אינדערפינצטער ביי די ווענט פון לעבן. אָט וועל איך אייך זאָגן...

אין מיטן לערנערס רעדן האָט די טיר זיך געעפנט מיט גרויס אימפעט און עס זענען אַריין סאַלטשעס עלטערן און נאָנטע פריינט און האָבן מיט שמחה אויסגעשריגן:

אויף דיין נאָמען איז דאָ אַ טעלעגראַמע פון בערלין!

ד.

ביי אַלע אויף דער זומער־וווינונג, ביי דער קליינער צאָל אי־

בערגעבליבענע מחותנים, געסט און היימישע, דערהערנדיק, אַז פון בערלין איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, האָבן זיך די פּנימער איבער־נעביטן. אַלע זענען מיטאַמאָל פריילעכער געוואָרן.

אויך דער כלהס עלטערן זענען אויפגעלעבט געוואָרן. וויבאַלד דער חתן לעבט און שיקט טעלעגראַמעס, וועט שוין אי״ה זיין די חתונה.

ווי אַ בליץ האָט זיך די ידיעה צעטראָגן איבער גאַנץ שווידער און פיל זענען געקומען צו ר׳ מאירס זומער־וואוינונג זיך דערוויסן, ווען עס וועט פאָרקומען די חופּה.

נאָר וואָס איז געשריבן אין דער טעלעגראַמע, האָט קיינער נישט געוווּסט און ווייניק זיך אינטערעסירט, אַבי עס איז, געלויבט זיין ליבער נאָמען, דאָ אַ טעלעגראַמע.

די כלה, באַקומענדיק די טעלעגראַמע, האָט אויף אַ מינוט אויך אויפגעשיינט. זי האָט געשווינט און נערוועז אויפגעריסן די טעלע־גראַמע און איבערגעלייענט:

„איך בעט מיך אַנטשולדיקן, וואָס איך האָב נישט געקאָנט קומען צו דער חופּה. גאָט איז מיין עדות, אַז איך בין אין דעם נישט שולדיק. נאָך אַמאָל בעט איך מיר מוחל זיין. ברייוולעך אויספירלעך״.

דוד שטיינמאַן.

סאָלטשע איז ווי פאַרשטיינערט געבליבן.

די עלטערן און די נאָענטע זענען בלאַס געוואָרן, טייל האָבן שטיל, נישט צו באַמערקן, אָנגעהייבן אַרויסצעקריכן פון סאָלטשעס צימער.

אין צימער זענען נאָר געבליבן די עלטערן און דער מוזיק־לערער.

אַלע האָבן געשוויגן, געוואַרט, אַז סאָלטשע זאָל זיך אָנרופן מיט דעם ערשטן וואָרט.

ענדלעך איז זי אַרויס פון איר פאַרשטיינערטקייט, די ליפּן האָבן זיך אָנגעהייבן רירן און רויק, שטיל, געלאַסן און אָן שום אויפרעגונג האָט זי אַרויסגערעדט:

— איך וויל מיך אָפּרוען.

און די טעלעגראַמע איז אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט.

לערנער האָט אויפגעהייבן די טעלעגראַמע, זי איבערגעגעבן סאָלטשען און זי האָט איבערגעגעבן די טעלעגראַמע איר פאָטער

מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט, ווי זי וואָלט איבערגעגעבן אַ ליידיק שטיקל פּאַפּיר.

ר׳ מאיר, וויסנדיק שוין דעם אינהאַלט, האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די טעלעגראַמע און געפרעגט זיין טאָכטער מיט רחמנות, מיט רחמים:

— און ווי פאַרשטייסטו די טעלעגראַמע?

— איך פאַרשטיי גאָרנישט, איך פאַרשטיי נאָר, אַז איך דאַרף זיך אָפּרוען.

— אָבער, מיין קינד, וואָס דאַרף מען איצט טון? — האָט ער פאַרזיכטיק געפרעגט.

— איך ווייס גאָרנישט און דאַרף גאָרנישט. איך פיל נאָר איין זאַך: ליגן אין בעט, זיך אָפּרוען. עס ציט מיך צו דער ערד, עס איז מיר שווער צו טראָגן מיין קערפּער, די הענט און פיס האַקן זיך מיר אונטער, אַלע מיינע אברים זענען מיר עפּעס איבעריק. לאָזט מיך אָפּרוען! און מיט די ווערטער איז זי ווי אַ סנאָפּ געפאַלן אויף איר בעט און זיך אויסגעצויגן, ווי גרויס זי איז.

— אַך, ווי גוט איז מיר איצטער, וואָס איך ליג אַזוי און דאַרף נישט רירן מיט קיין איין אבר, און נאָך בעסער וואָלט געווען ווען איר זאָלט מיר אַלע איבערלאָזן אַליין.

—זיסעלע, מיין קינד!—איז איר מוטער מיט טרערן אין די אויגן צוגעפאַלן צו איר טאָכטער.—רו זיך אָפּ געזונטערהייט. מיר וועלן אַלע אַוועקגיין און דיך לאָזן אַליין. נאָר איך בעט דיך, דו זאָלסט נישט פאַרשליסן די טיר. מיין האַרץ פּלאַצט מיר, איך וועל עס נישט אויסהאַלטן. איך וועל אַלעמאָל שטיל אַריינגיין צו דיר און זען ווי דו שלאָפסט

— גוט, מאַמע, איך וועל נישט פאַרשליסן די טיר.

אַלע זענען אַרויס פון צימער און יעקב לערנער דער לעצטער

ווען ר׳ מאיר איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין טאָכטערס צימער האָט ער אַ רייב געטון איין האַנט אין דער צווייטער, איבערגעדרייט די קיילעכדיקע יאַרמלקע אויף דעם קאָפּ, זיין באָרד אויסגעגלייכט מיט די פינגער, ווי מיט אַ בערשטל, אָפּגעהוסט אַ ביסל און נאָכדעם און פעסט זיך אָנגערופן צום עולם, אַז אַלע זאָלן הערן:

— די התונה איז אָפּגעלייגט געוואָרן, אַלץ איז פון גאָט. מיר האָבן זיך שוין אַלע אוודאי גוט אויסגעהונגערט, זעצט זיך אַלע מיט מיר צום טיש. אפשר איז ווער פון אונדזערע געסט געבליבן וואַרטן

אויף דער סטאַציע, זאָל מען זיי רופן און בעטן צום טיש און די אָרעמע לייט, וואָס זענען געקומען פון די אַרומיקע שטעטלעך צו דער חתונה, זאָלן אויך קומען און איך בעט זיי צום טיש. זאָגט זיי, אַז זייעריס וועט נישט פאַרפאַלן ווערן, זייערס וועלן זיי באַקומען.

סאַרוועררס און משרתים האָבן זיך אַ ריר געטון, טעלער און גלאָזוואַרג האָבן געקלונגען, בענק און שטולן האָבן זיך גערוקט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען שוין אַלע, וואָס זענען געקומען אויף דער חתונה, געזעסן ביי די טישן, צווישן זיי די כלי־זמר מיט דעם בדחן און אַלע אָרעמע לייט.

דער עולם האָט געגעסן, מעסער, גאָפּל און לעפל האָבן געקלאַפּט, עס האָט זיך אַלע מאָל געהערט: „לחיים, ר׳ מאיר!״

ר׳ מאיר האָט געענטפערט: „לחיים! לחיים! טרינקט און עסט געזונטערהייט״.

דער עולם האָט געשוויגן, און ר׳ מאיר האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן:

— אַלץ איז פון דעם, וואָס לעבט אייביק. אָן אים טוט זיך קיין זאַך נישט אויף דער וועלט. קיינער איז דאָ נישט שולדיק, וואָס היינט איז נישט פאָרגעקומען די חופה פון מיין טאָכטער. ער האָט אַזוי געוואָלט און איך בעט עס אָן פּאַר ליב.

— אוודאי, אוודאי, אַלץ איז פון גאָט! לחיים, ר׳ מאיר!—האָט דער עולם געענטפערט, און די אָרעמע לייט האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ.

— לחיים! לחיים, טרינקט געזונטערהייט! — האָט ר׳ מאיר געענטפערט. — גאָט ווייסט, וואָס ער טוט און מיר, מענטשן, פאַרשטייען נישט זיינע מעשים. מיר האָבן אויגן און זענען בלינד, מיר האָבן אויערן און זענען טויב. מיר בלאָנדזשען אינדערפינצטער אויף דער וועלט. למשל, אונדז ווייזט זיך אויס, אַז דאָס, וואָס דער חתן איז היינט נישט געקומען צו דער חופה, איז געשען אַ גרויסער אומגליק און אַ גרויסער בזיון און איך מיט מיינע פריינט זענען זיך מצער, וואָס אונדזער גרויסע שמחה איז פאַרשטערט געוואָרן. ווער ווייסט, אפשר איז דאָס, וואָס איז אָפּגעלייגט געוואָרן די חתונה ביי מיין טאָכטער, גאָר אַ גליק און מיר פאַרשטייען עס נישט, עס לייגט זיך אונדז נישט אויפן שכל? וואָס זענען מיר אַזוינס און וואָס קאָנען מיר פאַרשטיין? נאָר ער פאַרשטייט אַלץ און ער פירט די וועלט,

מיר ווייסן גאָרנישט. אונדז ווייזט זיך נאָר אויס, אַז מיר ווייסן עפּעס.

—אוודאי, אוודאי,—ענטפערן אייניקע פון עולם און די איבעריקע שאָקלען מיט די קעפּ און עס הערט זיך ווידער: „לחיים, ר׳ מאיר!“ און ר׳ מאיר ענטפערט: „לחיים, לחיים, טרינקט געזונטערהייט!“

ווען מען האָט אָפּגעגעסן און אָפּגעבענטשט, האָט ר׳ מאיר באַצאָלט די כלי־זמר און די כלי־קודש זייער „רח״ש“. די אָרעמע לייט האָט ער געטיילט שיינע נדבות און דערנאָך האָט ר׳ מאיר געזאָגט צום גאַנצן עולם:

— באַלד פאַרגייט דער טאָג, עס קומט דער ליבער שבת־קודש. פאַר וועמען עס איז שפּעט צו פאָרן אַהיים, בעט איך בלייבן ביי מיר אויף שבת. איר וועט אַלע זיין ביי מיר די שענסטע אורחים אויף שבת.

אייניקע האָבן זיך געאיילט אַוועקצופאָרן און זיך געזעגנט מיט ר׳ מאירן און די איבעריקע זענען געבליבן.

ביים טיש האָבן זיך אַלע געפונען, אַ חוץ דעם מוזיק־לערער יעקב לערנער. ווען ער איז צוזאַמען מיט סאַלטשעס עלטערן אַרויסגעגאַנגען פון איר צימער, האָט ער גלייך זיך געלאָזט גיין צווישן קאָרן און ווייץ איבער די פעלדער צו זיך אַהיים.

די זון האָט זיך אָנגעהייבן אַראָפּלאָזן, די היץ איז געוואָרן קלענער און עס האָט זיך גרינגער געאָטעמט.

אַלע זיינע געדאַנקען זענען איצט געווען פאַרנומען מיט דעם שרעקלעך געשעעניש, וואָס האָט געטראָפן זיין ליבסטער שילערין סאַלטשען, און גייענדיק, האָט ער נישט אויפגעהערט רעדן צו זיך:

— שוין אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע און ווידער אַ סוד, וואָס קיינער ווייסט נישט! אומעטום סודות. יעדער מענטש, יעדע באַשעפעניש איז אַ סוד!

ער האָט אַ קוק געטון אויף דעם זעלטן שיינעם אויסגעלייטערטן בלויען הימל און ווי דורך אַ דינע זיפּ גגבעט זיך אַן אָפּגעבּיסענע לבנה אויף ביינאַכט.

— דאָרטן איז אויך אַ וועלט מיט סודות! און דאָ צווישן די זאַנגען מיט קאָרן איז גאַנצע וועלטן מיט סודות. איך אַליין בין אויך אַ סוד, אַ רעטעניש פאַר זיך זעלבסט.

לערנער איז ווייטער בעגאַנגען אויף דער שמאָלער סטעזשקע צווישן די הויכע פּולע זאַנגען און פּלוצים האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף פעליען, זיינע אַ שילערין, אַ קליינינקע, אַ שפּרינגערקע און זיי־ער אַ פרייליכע.

פעליע האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער:

— און איך האָב געמיינט, אַז עס פּאַרט אַ פּיר מיט האָלץ צווישן קאָרן. האָב איך זיך געטראַכט: אוי, ווען די פּויערים דערזעען, ווי מען מאַכט זיי קאַליע זייערע פּאַרוואַקסענע פעלדער, וואָלטן זיי אויפגעהייבן אַ געוואַלד, צום סוף זענט איר עס!

און פעליע צולאַכט זיך שטאַרק דערביי, און לערנער, ווי זיין שטייגער איז, שמייכלט שטיל אָן רעש.

ווו אַהין טראָגט איר אייער שווערן קערפּער?

— איך גיי אַהיים זיך אַ ביסל אָפּרוען.

— שלאָפן, הייסט עס?

— אפשר אַ ביסל כאַפּן אַ דרעמל.

— געפונען אַ צייט, ווען צו גיין שלאָפן! איך לאָז אייך נישט גיין. איר גייט מיט מיר אין וואַלד, דאָרטן וועלן מיר זען די הויכע סאָסנעס ביים זון־אונטערגאַנג. איר האָט זיך אַמאָל צוגעקוקט, ווי די גרינע נאָדלען אויף די שפּיץ ביימער ווערן מיטאַמאָל גאָלדענע נאָד־לען? אוי, ווי שיין! קומט אין וואַלד. דאָרטן וועט זיין פריילעך, אַלע זענען איצט אויף די פעלדער אָדער אין וואַלד, קיין גאָטס־באַשע־פעניש שלאָפט נישט איצטער.

זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט, אים אַרויסגעפירט פון קאָרן און זיך גענומען אויפן וועג צום וואַלד.

לערנער איז באַלגעגאַנגען, ווי צוגעבונדן מיט אַ שטריקל צו פעליעס האַנט.

ער איז געגאַנגען און עס האָט אים געצויגן צום שלאָף. עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט גענעצן און ער האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות. די ליפּן האָבן זיך משונהדיק געדרייט און פון צייט צו צייט האָט זיך פּאַרט אַרויסגעריסן אַ גענעץ. און פעליע האָט אַלעמאָל אויסגעשאָסן מיט אַ קלינגענדיקן געלעכטער. אָבער זי האָט זיין האַנט נישט אָפּגעלאָזט און ער איז ווייטער מיטגעגאַנגען, ביז זיי זענען אַריין אין וואַלד.

ה.

אין וואַלד האָבן זיך געפונען פיל דאַטשניקעס, ער איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז איינער דעם אַנדערן האָט נישט געשטערט, און עס האָט אויסגעוויזן, אַז קיינער איז נישטאָ.

פאַרליבטע און די, וואָס האָבן עלנט און אַליין געטראַכט פון ליבע, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן ליב געהאַט צו פאַנטאַזירן, האָבן זיך פאַרקליבן אין צווייען אָדער אַליין אונטער אַ בוים.

און ווען יעקב לערנער איז מיט פעליען אַריין אין וואַלד, האָט לערנער ווי אַ סנאָפּ שטרוי אַ פאַל געטון אונטער אַ בוים און זיך אויסגעצויגן, ווי גרויס ער איז.

— ווידער ליגן, ווידער שלאָפן, — האָט פעליע געזאָגט. — בעסער און געזינטער פאַר אייך, איר זאָלט אַ שעה צוויי שפּאַצירן. וואָס איז ווידער פאַר אַ ליגעניש?

— איך בין היינט בייטאָג נישט געשלאָפן, אפילו דעם קאָפּ נישט צוגעלייגט, אויף אַ מינוט זיך נישט אָפּגערוט. אַזאַ טאָג! אַזאַ טאָג!

— אַן אומגליק! איר זענט נישט געשלאָפן, הלוואי וואָלט איר קיינמאָל בייטאָג נישט געשלאָפן, וואָלט געווען געזינטער פאַר אייך.

— עס איז אַזוי אויך נישט שלעכט מיט מיין געזונט, — האָט לערנער געשמייכלט. — אַ, וואָס די דאָקטוירים זאָגן, אַז עס וואָלט געווען בעסער פאַר מיר, איך זאָל נישט דיקער ווערן, גלויב איך בכלל נישט קיין דאָקטוירים. עס קרענקען און עס שטאַרבן דיקע און אויך מאָגערע. יעדער מענטש לעבט אַזויפיל, וויפל מען דאַרף לעבן.

— אַ מאָדנער, משונהדיקער מענטש זענט איר. עפּעס קוקט איר און פירט זיך אויף דער וועלט אַנדערש, ווי אַלע מענטשן.

— איך בין נישט מאָדנע, משונהדיק. איך בין נישט אַנדערש, ווי אַנדערע. איך האָב פיינט זיך צו חכמהנען, זיך און יענעם אָפּנאַרן, איך קוק אויף דער וועלט און אויף דעם לעבן מיט אָפענע אויגן, און דאַרטן, וווּ איך זע, אַז צוויי און צוויי איז פיר, וועל איך קיינמאָל נישט זאָגן, אַז עס איז פינף. גלויבט מיר, אַז דאָס רוב מענטשן וואָלטן זיך געוואָלט אויפפירן אַזוי ווי איך, נאָר זיי קאָנען עס נישט אויספירן. אַלע נאַרן נישט נאָר יענעם, נאָר מער פון אַלע זיך

אַליין! און איך בין אין דעם פּרט אַ גליקלעכער. איך בין פון קיינעם נישט אָפּהענגיק, לעב איך מיר, ווי איך וויל און ווי איך פאַרשטיי.

— גייט! מיט אייך וועט מען זיך קיינמאָל צו עפּעס נישט דער־רעדן! וואָס מאַכט מיין אומגליקלעכע חברטע? איך בין אויך געווען אויף דעם וואָקזאַל אויסגעפּוצט ווי אַ מחותּנתטע גלייך מיט אַלע און בין אַוועק אַהיים. איך האָב נישט קיין האַרץ מער צו גיין צו איר. וואָס מאַכט זי? איך האָב געהערט, אַז זי האָט באַקומען אַ טעלע־גראַמע. וואָס זשע טעלעגראַפירט ער?

— וואָס זשע? גאָרנישט טעלעגראַפירט ער. די טעלעגראַמע איז ווייער אַ טרויעריקע. ער זאָגט נישט, ווען ער וועט קומען אַמאָל צו דער חופּה. ער בעט נאָר אַנטשולדיקונג, פאַרוואָס ער איז נישט געקומען. אונטער דער טעלעגראַמע שרייבט ער זיך אונטער אָפּי־ציעל: „דוד שטיינמאַן", דאַן ווען פריער פלעגט ער זיך שטענדיק אונטערשרייבן „דוד", און בכלל איז דער גאַנצער טאָן אַזעלכער, וואָס מען קאָן גרינג פאַרשטיין, אַז אַלץ איז צווישן זיי געענדיקט. ער זאָגט, אַז ער וועט דערקלערן אין אַ בריוו, פאַרוואָס עס איז אַזוי געשען. דער בריוו וועט סאַלטשען נישט גליקלעכער מאַכן. הלוואי זאָל זי גוט אָפּשניידן און נישט קראַנק ווערן. זי האָט אים אַזוי שטאַרק ליב און איז אַזוי גליקלעך געווען, און פּלוצים אַזאַ אומ־גליק!

פעליען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און מיד האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם גראָז לעבן לערנערן.

— יאָ, אָבער פאַרוואָס איז דאָס פּלוצים, אַזוי אומדערוואַרט געשען? עס קומען פאָר אַלערליי אַזעלכע צופאַלן. אָבער אַזוי פּלוצים! מיט איין טאָג פריער איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פול מיט ברע־נענדיקער ליבע צו איר, און מיט פיר און צוואָנציק שעה שפּעטער אַזאַ אָפּקילונג! און ביי וועמען איז פאָרגעקומען אַזאַ אומגעוויינ־לעך איבערקערעניש — ביי אַזאַ מענטש. אַלע זאָגן דאָך, אַז דער יונגער דאָקטאָר שטיינמאַן איז איינער פון די אָרנטלעכסטע מענטשן. דאָס איז עפּעס אַן אומגעוויינלעכער סוד!

פעליע האָט אָנגעכאַפּט לערנערס האַנט:

— לערנער, ווי איז אייער מיינונג? וואָס פאַר אַ סוד שטעקט אין דעם?

דער מוזיק־לערער, ווי פויל ער איז געווען, האָט ליגנדיק אַ ביסל

אונטערגעהייבן זיין קאָפּ און אַ קוק געטון אויף איר. זיין קאָפּ האָט זיך באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט און ער האָט גאָרנישט געענטפערט.

— וואָס זשע שווייגט איר? געוויס ווייסט איר, נאָר איר ווילט נישט זאָגן!

— פעליע, איר וויסן וויסן, וואָס פאַר אַ סוד עס שטעקט אין דעם? גייט צו אַ טרעפערין, צו אַ כישוף־מאַכערין, וועט מען אייך זאָגן. אַלע פרעגן ביי מיר, גלייך ווי איך ווייס פון אַלע סודות אויף דער וועלט! איך ווייס גלייך מיט אייך!

פעליע האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס איז מיט אייך פלוצים די שמחה? — האָט לערנער געפרעגט.

— איך לאַך, וואָס איך זע אייך דאָס ערשטע מאָל אין כעס.

— מענטשן האָבן זיך איינגערעדט, אַז איך ווייס מער ווי אַנדערע. איך ווייס אַזוי ווי איר. איך בלאָנדזשע אויך אינדערפינסטער. איך ווייס, אַז סאַלטשע איז זייער אומגליקלעך און ווער ווייסט, צי זי וועט איר אומגליק איבערלעבן.

— איך קען אויך סאַלטשען, איך מוז אייך זאָגן, אַז קיינער איז נישט שולדיק אין איר אומגליק, נאָר זי אַליין. צו וואָס, פרעגט זיך, האָט זי באַדאַרפט האָבן דעם גאַנצן שידוך? זי איז אַ חסידישע טאָכטער, האָט זי באַדאַרפט חתונה האָבן פאַר אַ רייכן חסידישן יונגנמאַן, ווי עס טוען אַלע חסידישע טעכטער אין פוילן פון איר גראַד, און כלעבן, אַז מען מאַכט גאָרנישט שלעכט. ערשטנס, פאַרשפּאָרט מען זיך פאַרקירצן די יאָרן און קריגן זיך מיט די עלטערן. און, צווייטנס, איז קיין פרוי נישט אַזוי פריי, קיין פרוי לעבט נישט אַזוי גוט, ווי אַ חסידס אַ פרוי, דערהויפּט ווען ער איז רייך. און איר האָט מען שוין גערעדט שידוכים מיט די רייכסטע חסידישע חתנים און זי האָט אַלץ נישט געוואָלט. שטענדיק האָט זי זיך נאָר געקריגט מיט די עלטערן. פריער האָט זי געשפּאַצירט מיט פוילישע פּאַניטשעס, געפירט באַקאַנטשאַפט אין פוילישע הייזער, פון אַ שידוך דורך שדכנים האָט זי נישט געוואָלט וויסן. זי האָט פאַריאָמערט די טעג און די יאָרן פון אירע עלטערן, און ווען זי איז מיט אירע עלטערן געווען אין בערלין און זיך פאַרליבט אין דעם יידישן דאָקטאָר, איז דער טאַטע באַשטאַנען אויפן שידוך, נאָר צוליב דעם, אַבי זי זאָל אָפּצורייסן פון אירע צופיל פוילישע באַקאַנטע.

— ווער איז שולדיק אין דעם, — האָט לערנער געענטפערט,— ווען נישט די עלטערן אַליין? די רייכע פרומע יידן אין פוילן גיבן אַזאַ אומגעלומפּערטע דערציונג זייערע קינדער. ייִנגלעך לאָזט מען אויסוואַקסן נישט ווייטער פון חדרים און בתּי מדרשים און די מיידלעך דערציט מען מיט שולן, גימנאַזיעס און מוזיק מיט טאַנץ־קלאַסן, און מיט וואָס נישט? די מיידלעך באַקומען פרייהייט אין אַלעמען און דערנאָך פאַרלאַנגט מען, זיי זאָלן ווערן פרויען פון חסידישע בחורים. נישט יעדע אַזאַ מיידל קאָן זיך דערויף באַשליסן. דערפאַר טאַקע טרעפן זיך אַזוי אָפט אומגליקן, וואָס אַזעלכע מיידלעך, נישט קענענדיק איבערטראָגן די שטענדיקע קריגערייען מיט טאַטע־מאַמע, וואַרפן אינגאַנצן אַוועק די עלטערן און האָבן חתונה מיט אַ קריסט. אוודאי איז ר׳ מאיר, אַלס אַ קלוגער ייד, באַלד באַשטאַנען אויף דעם שידוך מיט אַ דאָקטאָר. ווייזט אויס, ער האָט פאַר זיין טאָכטער אויך עפּעס מורא געהאַט.

— זעט זשע, וואָס דערפון האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז מען טוט נישט מיט זיין גלייכן,—האָט פעליע באַמערקט. — אָט, למשל, איך... אוודאי זענט איר גערעכט, וואָס איר זאָגט, אַז אונדזערע עלטערן דערציען אומגעלומפּערט זייערע קינדער. אָט, איך, למשל, איך בין דערצויגן אין דערזעלבער שולע, וואָס סאַלטשע. אַרויסגייענדיק פון דאָרטן, האָבן מיר באַקאַנטע און פריינט אַזוי געזאָגט: קריסטלעכע געזעלשאַפט. מיט יידישע בחורים, לאַנגע קאַפּאָטניקעס, איז ביי אונדז כמעט אַ בזיון זיך צו באַגעגענען. און וואָס קאָן אונדז אינטערעסירן זייער בית המדרש, אָדער מלמדים, ביי וועלכע זיי זענען דערצויגן? מיר פאַרשטייען זיך איינס דאָס אַנדערע נישט. אמת, עס טרעפט זיך אמאָל, אַז אַ חסידישער בחור האָט זיך בסוד פון די עלטערן, אַ חוץ דעם בית המדרש, אויסגעלערנט שפּראַכן, אַ סך געלייענט און איז פולקום אַן אייראָפּעאיש געבילדעטער מענטש. אָבער דאָס איז נאָר אַן אויסנאַם. נישט אַלע האָבן דאָס גליק פאַר אַזוינעם אַ כלה צו ווערן.

לערנער, הערנדיק פעליען, האָט אָנגעהייבן שטיל צו לאַכן.

— וואָס איז פאַר אַ געלעכטער? — האָט זי אָנגעשריגן אויף אים.

— איך לאַך, ווייל איך טראַכט, וואָס האָט איר באַשלאָסן צו

טון מיט די פיל שידוכים, וואָס מען רעדט אייך מיט די רײַכסטע חסידים. איך ווייס אפילו אַלע מיט די נעמען.

פעליע איז אונטערגעשפרונגען.

— פון וואַנען ווייסט איר אַזוי אַלץ?

— איך בין דאָך עפּעס אַ מוזיק-לערער און האָב אַזוי פיל שי-לערינס, אייערע חברטעס. נו, רעדן זיי מער ביי די מוזיק-לעקציעס, ווי זיי שפּילן.

ווען אַן אַנדערער זאָל איר דאָס זאָגן, אַז ער ווייסט פון אירע סודות, וואָלט זי אויפגעשפּרונגען פון כּעס. נאָר פון לערנערס וויסן האָט זי זיך נאָר פאַרשעמט און איר פּנים האָט זיך אָנגעהייבן רייטלען.

— איך בעט אייך, הער לערנער, איר זאָלט קיינעם נישט דער-ציילן.

— דערציילט נאָר איר קיינעם נישט. איר ווייסט דאָך, אַז איך דאַנק גאָט, ווען מען לאָזט מיך שווייגן. ביי מיר איז רעדן אַ שווע-רע אַרבעט.

פלוצים האָבן זיך דערהערט די ווערטער:

— אַ גוטן אָוונט אייך ביידע, די געשעצטע פּאַנאַ פעליע און אונדזער ליבער לערער פּאַן לערנער!

פאַר פעליען און לערנערן איז דאָס געווען אַ באַקאַנטע שטימע. זיי האָבן זיך אומגעקוקט און באַלד דערזען ווי פון צווישן די ביי-מער האָט זיך באַוויזן דער סטודענט סטאַש, דעם אַלטן פּריץ גרי-נעצקיס זון.

ו.

לערנער האָט אים קאַלט אויפגענומען און כאָטש פעליע האָט דעם סטודענט סטאַש פריילעך געענטפערט אויף זיין באַגריסונג, דאָך האָט סטאַש באַמערקט מיט אַ פאַרביסן געלעכטער׃

— איך וועל אייך נישט שטערן, אוז איך וועל מיר גיין מיין וועג.

פעליע האָט געבעטן סטאַשן, ער זאָל בלייבן. דאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען, ווייל לערנער איז געווען ביי אים דער איינציקער, פאַר וועמען סטאַש האָט אַ דרך-ארץ, אַ עפּעס מורא געהאַט.

— ער געפעלט מיר עפּעס נישט, — האָט לערנער געזאָגט נאָך זיין אוועקגיין.

— פאַרוואָס?

— פאַרוואָס ווייס איך נישט, נאָר ער געפעלט מיר נישט און שוין.

— ווידער אַ סוד?

— אוודאי אַ סוד, וועלכען איך ווייס אויך נישט.

— אָבער פאָרט, וואָס האָט איר צו אים?

— גאָרנישט, איך האָב אים נישט ליב.

— עפּעס האָט איר היינט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און שווייגט, — האָט פעליע זיך אָנגעבלאָזן.

— דאַכט זיך, איך האָב קיינמאָל אזוי פיל נישט גערעדט, ווי איצט. ווען נישט איר, וואָלט איך שוין לאַנג געשלאָפן.

— ה׳ לערנער! איך וועל פון אייך נישט אָפּטרעטן, ביז איר וועט מיר פון אַלעם דערציילן.

— אומזיסט אייער צייט פאַרלירן, איך ווייס פון גאָרנישט.

זעענדיק, אַז זי וועט פון לערנערן גאָרנישט אַרויסבאַקומען, איז זי אויפגעשטאַנען פון דער ערד און אויסגעשריגן:

— מען קאָן משוגע ווערן פון אייערע סודות. קומט שוין בעסער אַהיים.

— יאָ, מען קאָן משוגע ווערן, זאָג איך אויך.

לערנער האָט זיך שווער אויפגעהייבן און אָנגעהויבן מיט פּעליען אַרויסצוגיין פון וואַלד.

זיי זענען געגאַנגען ביידע אויף איין סטעזשקע און האָבן געשוויגן, און ווען זיי זענען צוגעקומען צו אַ נישט פאַרזייעט פעלד, האָבן זיי זיך געזעגנט.

— איך בין אויף אייך ברוגז, — האָט פעליע געזאָגט.

— נישקשה, מאָרגן וועט איר זיך איבערבעטן.

פעליע איז געגאַנגען אַהיים און לערנער מיטן וועג, וואָס ציט זיך גלייך צו ר׳ מאירס וווינונג.

לערנער האָט געפילט, אַז ער מוז איצט אַהין גיין. ער האָט געפילט, אַז סאַלטשע וואַרט און קוקט אים איצט אויס. ער האָט געוווּסט, אַז זי ליגט איצט אין בעט און רעדט מיט קיינעם קיין וואָרט

בישט, נאָר פאַר אים וועט זי זיך אויסרעדן און עס וועט איר גרינ־גער ווערן.

און לערנער האָט איר געוואָלט העלפן און מיט עפּעס פאַר־גרינגערן, ווייל סאַלטשע איז געווען פון זיינע ליבסטע שילערינס. דערצו איז זי געווען די בעסטע און פעיקסטע פון זיי. זי האָט פאַר־שטאַנען און ליב געהאַט מוזיק מער פון אַלע און די מוזיק־לעקציע, וואָס ער האָט איר געגעבן, איז ביי אים נישט געווען קיין אָפּקומע־ניש, ווי מיט פיל אַנדערע שילערינס, נאָר אַן אמתער גייסטיקער פאַרגעניגן.

דאָס רוב פון זיינע שילערינס האָבן זיך געלערנט שפּילן נאָר דערפאַר, ווייל זייערע עלטערן זענען געווען רייך. צווישן זייערע רייכע מעבלירטע צימערן האָבן זיך אויך געפונען טייערע פּיאַנאָס ... האָט אויך געפּאַסט צום רומל, אַז דער באַרימטער מוזיק־לערער „יאַ־קוב לערנער", זאָל אַריינקומען אין הויז לערנען מיט זייערע טעכ־טער. סאַלטשע אָבער האָט געהאַט מוזיקאַלישע פעיקייטן, און ווען אירע עלטערן זאָלן נישט זיין אַזוי רייך און פאַרזאָרגן זי מיט אַלעם גוטן, וואָלט סאַלטשע געקענט אַרויסטרעטן אויף קאָנצערטן מיט גרויס ערפאָלג.

אויסער אירע אַלע אַנדערע פעיקייטן, האָט לערנער סאַלטשען גערעכנט פאַר אַ חברטע, אַ קאָלעגע פון זיין פאַך און זיי האָבן צו־זאַמען געלעבט אין אַ באַזונדער וועלט, און ווען ביידע פלעגן זיך צוזאַמענקומען, האָבן זיי גערעדט אויף אַ באַזונדער מוזיקאַלישער שפּראַך שעהן לאַנג און עס איז זיי קיינמאָל נישט נמאס געוואָרן.

יעקב לערנער, אָדער „יאַקוב לערנער", איז זייט אייניקע יאָר באַוווּסט אין וואַרשע אַלס דער בעסטער מוזיק־לערער.

אַלס 16־יעריקער יינגל איז ער פון פאָדאָליע געקומען קיין וואַרשע מיט אַ פיינער יידישער בילדונג לויט זיינע יאָרן.

ווען ער איז געקומען קיין וואַרשע, איז ער גלייך אַריין אין אַ מוזיקאַלישער שולע. גלייכצייטיק האָט ער אויך געלערנט וויסנ־שאַפט און אויך אייראָפּעישע שפּראַכן.

די ערשטע צייט האָט ער געלעבט אויף די גראָשנס, וואָס ער פלעגט באַקומען פון אייגענע, נאָר אינגיכן האָט ער אָנגע־הייבן געבן מוזיק־לעקציעס אין יידישע רייכע הייזער.

אין דעם האָט ער באַלד געהאַט גרויס ערפאָלג, ווייל אַ חוץ

דעם, וואָס ער איז געווען אַ גוטער מוזיק־לערער, האָט ער פאַר־מאָגט אין זיך אַלץ, מיט וואָס אַ מענטש קאָן געפעלן: אַ סימפּאַטיש געזיכט, אַ גוטן כאַראַקטער, קלוגע אויגן, אַ סך געלערנט און גע־לעזן, אַ געזונטער בליק אויף דעם לעבן, אַ שטילער מענטש, אָרנטלעך און זייער פּראָסט ביי זיך.

ווען דער יונגער לערנער האָט מיט גרויס ערפאָלג אַלס „ער־שטער שילער", געענדיקט די מוזיק־שולע, האָבן די פּאָליאַקן אים באַלד פאָרגעלייגט, ער זאָל ווערן לערער אין דער שולע, נאָר ער זאָל זיך אַ ביסל אונטערשמדן, דערוויזנדיק דערביי, אַז פאַר אים איז דאָס אַ קלייניקייט. ער טראָגט דאָך סיי־ווי־סיי נישט קיין לאַנ־גע קאַפּאָטע, קיין פאות און דאַווגט נישט.

לערנער האָט אַ שמייכל געטון אין, ווי זיין שטייגער איז, שטיל געענטפערט מיט אַ ווערטל:

— ווען איך בין געבוירן געוואָרן, איז מיין מאַמע געווען אַ יידינע. מען דאַרף פריער פרעגן מיין מאַמען וועגן אייער פאָר־שלאַג. איך בין נישט שולדיק, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן אַ ייד, דאָס איז איר געשעפט, — און יעקב לערנער איז ווייטער געבליבן פּריוואַט־לערער.

זיינע מוזיק־לעקציעס פלעגן זיך זייער גוט באַצאָלן און פון זיינע פאַרדינסטן פלעגט אים גענוג געלט איבערבלייבן.

איין מאָל איז יעקב לערנער אָן אַ זיי־געזונט פאַרפאַלן גע־וואָרן אויף צוויי יאָר און דערנאָך זיך פלוצלונג ווידער באַוויזן אין וואַרשע, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע צוויי יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין אויסלאַנד, ווו ער האָט באַזוכט העכערע מוזיקאַלישע שולן און בכלל זיך באַקענט מער מיט דער מוזיקאַלי־שער וועלט.

איצט האָט מען אים אין וואַרשע פאָרגעלייגט, ער זאָל ווערן פּראָפעסאָר אין דער מוזיקאַלישער שולע אויף די פריערדיקע באַ־דינגונגען. האָט ער ווידער געענטפערט מיט אַ שמייכל און זיך ווי־טער פאַרנומען מיט פריוואַטע שטונדן, וועלכע האָבן אים מאַטער־יעליש און גייסטיק באַפרידיקט.

איצט איז לערנער שוין נאָענט צו דרייסיק. ער האָט זיך קיינ־מאָל נישט געיאָגט, אַז זיין נאָמען זאָל אין דער מוזיקאַלישער וועלט קלינגען; ער איז שטענדיק געלאָפן דערפון. ער האָט זיך זיין

אייגענעם בליק אויף דער וועלט און פירט זיך זיין אייגן לעבן. פון זיין פראפעסיע איז ער אין זיין שטאנד געגוג פארמעגלעך. יעדעס יאר צעטיילט ער פיל פון זיינע פארדינסטן, דערהויפט פאר ארעמע מוזיקאלישע שילער, אבער אלץ בסתר, פארבארגן. און טאמער דער־ וויסט מען זיך, לייקנט ער שטיין און ביין.

* * *

ווען פעליע איז געקומען אהיים, האט זי שוין געטראפן איר טאטן, ר׳ שמואל ווייגטרויב, וועלכער איז נאר־וואס געקומען פון דאווגען.

— פון וואנען קומט עס מיין טאכטער? — האט ער פעליען גע־ פרעגט.

— פון וואלד.

— מיט וועמען האסטו שפאצירט לכבוד שבת, אוודאי מיט דיין גוטן פריינט סטאשן, — האט ער געזאגט מיט איראניע.

— און אז מיט סטאשן, איז וואס?

— איז גארנישט, א טאטע מעג דאך פרעגן.

— היינט קס מאל האב איך גראדע שפאצירט מיט לערנערן, דאס הייסט, ער איז געלעגן אויף דעם גראז און איך בין געשטאנען לעבן אים. געפעלט דיר שוין?

אלע אין שטוב האבן זיך צעלאכט און אויף ר׳ שמואלס גע־ זיכט האט זיך אויסגעגאסן א צופרידנקייט, ווייל דער נאמען „לער־ נער" האט פאר יעדן פארגעשטעלט פיינקייט, לייטישקייט און ארנט־ לעכקייט.

— מער שפאציר איך נישט מיט אים. א מאדנער מענטש איז דער לערנער. ער ווייסט פון אלע סודות און שווייגט, קיין ווארט ועסטו ביי אים נישט ארויסציען.

אלע האבן זיך ווידער צעלאכט

— דו קענסט זייער ווייניק לערנערן, — האט זיך אנגערופן פעליעס ברודער, א בחור פון א יאר 19 — ער האט נישט ליב צו רעדן און באריידן יענעם. אויב ער ווייסט סודות, איז נישט קיין ווונ־ דער. ער קומט אריין אין אזוי פיל הייזער, ווו כמעט אומעטום באַ־ ציט מען זיך צו אים ווי צו א היימישן. זיינע שילערינס האבן ווײַ־ בערשע מיילער, דערציילן זיי אים און, ווי לערנער זאגט, איז יע־

דעס הויז פול מיט סודות. דו, פעליע, דאַרפסט אוודאי נישט ברוגז זיין אויף לערנערן. ווען נישט ער, וואָלט דער טאַטע קיינמאָל נישט געגומען פאַר דיר קיין מוזיק-לערער. ער וואָלט אַפילו קיין מוזיק־לערער אין שטוב נישט אַריינגעלאָזט. דאָס ווייסטו זייער גוט.

פעליע האָט זיך אַ קרים געטון אויף איר ברודער און גאָרנישט געענטפערט.

ר׳ שמואל האָט שטיל אָפּגעזאָגט „שלום עליכם" און דער עולם איז געגאַנגען צום טיש, וועלכער איז געווען געדעקט אויף דער וועראַנדע. דער שמועס איז באַלד איבערגעגאַנגען וועגן סאַלטשעס חתונה, וואָס האָט היינט געזאָלט פאָרקומען.

— ר׳ מאיר האָט נישט באַדאַרפט פון אַזאַ שידוך, — האָט ר׳ שמואל געזאָגט. — מען האָט זיין טאָכטער גערעדט לייטישע שידוכים. יעדער דאַרף טון אַ שידוך מיט זיין גראַד.

— מיט וועמען האָבטו געוואָלט, סאַלטשע זאָל חתונה האָבן, מיט אַ „איטשע מאיר"? ווייז מיר אָן כאָטש איין יונגנמאַן פון ר׳ מאירס גראַד, מיט וועלכן סאַלטשע זאָל קאָנען חתונה האָבן! — האָט פעליע געענטפערט.

פעליע האָט אָנגערירט די אָנגעווייטיקטע פראַגע אין פאַמיליען־לעבן פון פוילישע רייכע פרומע יידן, און עס האָט אָנגעהייבן שמעקן מיט פולווער. ר׳ שמואל האָט געשוויגן, נישט וועלנדיק פאַר־שטערן דעם שבתדיקן טיי.

ז.

ווען סאַלטשע האָט זיך אין אַ פּאָר שעה שפּעטער אַ ביסל באַ־רויקט, האָט זי זיך געפרעגט אויף לערנערן און געבעטן, מען זאָל אים אַריינשיקן צו איר. מען האָט אים געזוכט, אָבער נישט געפונען. דאַן האָט זי געזאָגט, אַז ווען ער וועט קומען, זאָל מען אים אי־בערגעבן, אַז זי האָט אים זייער געבעטן, ער זאָל זיין ביי איר מאָרגן גאַנץ פרי.

לערנער איז דערנאָך געקומען און מען האָט אים דאָס אַלץ איבערגעגעבן.

לערנער איז אויף מאָרגן אויפגעשטאַנען, פריער ווי געוויינלעך און האָט געהאַלטן אין איין געינעצן, פילנדיק, אַז ער האָט זיך נישט

אויסגעשלאָפן, נאָר ווען ער איז אַרויס אויף דער פרישער פרימאָרגנ־דיקער געזונטער לופט און דערנאָך, פאַרבייגייענדיק דאָס טייכל, וואָס לויפט ביי שווידער און שלענגלט זיך ערגעץ ווייט־ווייט, און האָט זיך אָפגעבאָדן, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערפילט פריש און לעבעדיק ווי ניי געבוירן, און ער האָט זיך געלאָזט גיין אויף דער סטעזשקע, גלייך צו ר׳ מאיר פיינזילבערס וווינונג.

אין ר׳ מאיר פיינזילבערס דאַטשע זענען נאָך אַלע געשלאָפן, און ביי לערנערן איז געבליבן, אַז ער וועט זיצן און וואַרטן אין גאָרטן, וועלכער איז געווען דער גרעסטער און שענסטער אין גאַנץ שווידער.

אָט צוליב דעם גאָרטן, וועלכער האָט זיך אָנגעהייבן ביי דער וווינונג און זיך געצויגן ביז צום ברעג טייך, האָט ר׳ מאיר פיינזילבער געקויפט די דאַטשע נאָך איידער עס האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה. אין דער צייט פון דער מלחמה האָט פיינזילבערס פאַמיליע זיך געפונען אין אויסלאַנד און דאָ האָבן זומער געוווינט דייטשע גענעראַלן און אָפיצירן.

באַלד נאָך דער מלחמה האָט מען די דאַטשע איבערגעפרישט, די שטעזשקעס אין גאָרטן אויסגעגלייכט און באַשיט מיט פרישן זאַמד.

אין גאָרטן האָט געהערשט אַזאַ שטילקייט, אַז קיין איין אייניציק בלעטל האָט זיך נישט גערירט. פלוצלונג האָט לערנער דערהערט, ווי אין איין ווינקל שאָרכן בלעטער און האָט דערזען סאַלטשען מיט אַ בלעכענעם קאַן, מיט וועלכן זי האָט באַשפריצט די בלומען.

ער האָט זי דערזען אין איר פרימאָרגן־כאַלאַט, און איז איבערראַשט געוואָרן פון איר שיינקייט. זי איז געווען בלאַס, און אירע בלויע אויגן האָבן געהאַט דעמזעלבן קאָליר, ווי דער פרימאָרגן־הימל. איר גאַנצע פיגור, איר יונגער קערפער איז געווען אַזוי רייצנדיק, אַז ער האָט עס, ביי זיין שטענדיקער פאַרשלאָפנקייט, דאָס ערשטע מאָל דערפילט.

און ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו איר, האָבן זיך נישט ווילנדיק ביי אים אַרויסגעריסן די ווערטער:

— סאַלטשע, איר זענט איצט שענער פון דעם היינטיקן פרימאָרגן!

— איר אויך? — האָט סאָלטשע רויק און פאַרוואונדערט געפרעגט.

—יאָ, איך אויך... איך בין אַ לעבעדיקער מענטש און האָב ליב מוזיק, און איר זענט ביי מיר אַ נייער, צענטער נומער פון בעט־האָווענס סימפאָניעס, וועלכן ער האָט גאָרנישט געשריבן. איך וועל די דאָזיקע סימפאָניע אָנשרייבן.

— איר זענט צו פּויל דערצו.

— כלעבן, ווען עס איז היינט נישט שבת, וואָלט איר געהערט, וואָס פאַר אַ קלאַנגען איך וואָלט איצט אַרויסגעגעבן אויף אייער פּיאַ־נאָ. נאָר איך וויל אייער פאָטער נישט מצער זיין. עס איז שבת. נאָר היינט וועל איך אַ סך שפּילן ביי מיר אויף מיין פּיאַנאָ.

— אַ שאָד, וואָס איך קאָן היינט נישט קומען צו אייך. מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן וואָלט איך היינט אייך געהערט שפּילן.

אַ מינוט האָבן זיי ביידע געשוויגן, דערנאָך האָט זיך לערנער פּלוצלונג אָנגערופן:

— איר ווייסט, אין וואָס איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם מאָמענט?

— וואָס קאָן איך וויסן?

— איך האָב זיך דערמאָנט, ווי איך האָב זיך נישט לאַנג גע־פונען אין אַ פּוילישער געזעלשאַפט, דערהויבטע מוזיקער, קינסטלער און ליטעראַטן. דאָס איז געווען נאָך אַ קאָנצערט אין פילהאַרמאָניע, איז מען געזעסן ביי אַ גלעזל טיי און מען האָט גערעדט וועגן קונסט און שיינקייט, און, ווי דער שטייגער, איז מען אַריבער צו שיינע פרויען. איינער אַ קינסטלער האָט זיך זייער אָריגינעל אויסגעדריקט וועגן שיינע פרויען אין פּוילן.

— די שענסטע פרויען אין פּוילן, — האָט ער געזאָגט, — קאָן מען געפונען אין חסידישע פאַמיליעס.

דער קינסטלער האָט געהאַלטן דערביי אַ גאַנצע לעקציע וועגן ראַסן און געמישט בלוט. ער האָט, למשל, אָנגעוויזן, אַז די פּוילישע פרויען זענען אין דער גרעסטער צאָל בלאָנדע, אָבער זייער הויט איז מיט פאַררויטלטע פאַרבן, און ביי חסידישע טעכטער, וואָס זענען גע־בוירן אויף פּוילישער ערד פון עלטערן, וואָס לעבן לאַנג אין פּוילן, קומען אַרויס אויך בלאָנדע, נאָר מיט ווייניקער פאַרבן און מער מאַ־טע הויט, און אויף אַזאַ הויט שפּיגלען זיך אָפּ שענער די בלויע אויגן, וואָס פּוילישע שיינע פרויען פאַרמאָגן. אַזעלכע בלאָנד-מאַטע

שיינקייטן אין פוילן קאָן מען באַגעגענען אין די פרומע חסידישע פאַמיליעס, וו דאָס פאַמיליען־לעבן איז ריין און טראַדיציאָנעל, דאַן ווען ביי די מאָדערנע יידן איז דער זעלטענער טיפ שוין אָפגעשטאָרבן.

— הער לערנער, וואָס האָט איר זיך פלוצלונג אַזוי צערעדט וועגן שיינע פרויען? איך פאַרשטיי נישט איין וואָרט, וואָס אייער פוילישער קינסטלער האָט דאָ ווינסשאַפטלעך באַוויזן — האָט זיך סאַלטשע אָנגערופן און דאָס ערשטע מאָל, זינט עס האָט איר געטראָפן דאָס אומגליק, האָט זיך באַוויזן אויף אירע ליפן אַ גרינגער שמייכל. — וואָס איז פלוצלונג מיט אייך געשען? איז נישט געקומען פאַר אייך אויך די צייט, וואָס איר האָט ענדלעך אָנגעהייבן טראַכטן וועגן חתונה האָבן? אייערע רייד קלינגען אין מיינע אויערן אַזוי משונה־דיק, אַז עס ווייזט זיך מיר אויס, ווי איך הער רעדן אַ גראַמאָפאָן.

— ווער מיר חתונה האָבן? — האָט ער געשמייכלט. — איך רעד וועגן מוזיק, וועגן מיין בייער סימפאָניע און בין געקומען צום באַשלוס, אַז דער קינסטלער האָט רעכט. אָט דאָס האָב איך געטראַכט אין זעם מאָמענט, ווען איך האָב אייך אין דעם היינטיקן פרימאָרגן דערזען אין גאָרטן.

— און דאָך איז צו מיר נישט געקומען מיין חתן! — האָט זי טרויעריק געזאָגט.

- איך קאָן עס נישט פאַרשטיין און איך קאָן גאָרנישט זאָגן, ווייל איך קען אים נישט פערזענלעך.

— איך קען אים צופיל און דאָך ווייס איך אויך נישט, וואָס צו זאָגן. איין זאַך איז קלאָר, אַז צווישן אונדז איז אַלץ געענדיקט.

— פון וואַנען נעמט איר עס? איר האָט קיין רעכט נישט אַזוי צו רעדן, ביז איר וועט נישט באַקומען פון אים דעם בריוו, וועלכן ער דערמאָנט אין דער טעלעגראַמע.

— וואָס פאַר אַ בריוו און וואָס קאָן מיר זיין בריוו זאָגן? — אין דער טעלעגראַמע איז אַלץ געזאָגט. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אונטערגעשריבן מיט זיין פאַמיליע, נאָר „דוד“, און איצט „דוד שטיינמאַן“. וויפל ליבע ווערטער פלעג איך אין זיינע בריוו און טעלעגראַמעס געפינען. און איצט אַזוי קאַלט, אַזוי ערנסט, אַז אַ פראָסט גייט מיר איבער און קאַלט ווערט מיר אין אַלע גלידער. און דאָך, שטעלט אייך פאָר, באַשולדיק איך אים נישט. ווייל איך קען אים און ווייס נישט פון קיין צווייטן אָרנטלעכערן מענטשן, ווי ער

איז, און אויב עס האָט געקאָנט געשען אַזאַ שרעקלעכע זאַך, האָט עס אַנדערש נישט געקאָנט זיין. דאָ ליגט אַ שרעקלעכער סוד און ווער ווייסט, צי איך וועל זיך אַמאָל דערוויסן. און דעם ליגט מיין גרויס אומגליק: איך וועל אפילו קיינמאָל נישט וויסן, פאַרוואָס...

— רעדט נישט אַזוי. מאָרגן, איבערמאָרגן וועט קומען דער בריוו, וועט איר פון אַלעם זיך דערוויסן.

— וואָס פאַר אַ בריוו! איך וועל אייך פאָרויס זאָגן, וואָס דאָרט וועט שטיין געשריבן. הערט, דער בריוו איז אינגאַנצן אײַ בעריק. דוד האָט נישט געוואָלט, דאָס אומגליק זאָל מיך טרעפן מיטאַמאָל, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו מיט דעם געוויינלעכן נוסח אין אַזעלכע פאַלן.

סאַלטשע האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און זיך אַ כאַפּ געטון:

— איר וועט, לערנער, אַ ביסל אונטערוואַרטן, וועלן מיר צוזאַ מען טרינקען טיי. איך וויל זיך נאָר, ווי עס איז, איבערטון. עס איז היינט שבת, ווייל איך נישט אָנטון דעם טאַטן קיין יסורים. ער ליידט געוווּנג איבער מיר. אַן אַנדער פאָטער וואָלט זיך אַנדערש באַ גאַנגען מיט מיר, נאָר מיין פאָטער האָט מיך צופיל ליב און ער איז זייער קלוג. ער פאַרדינט ביי מיר, איך זאָל אים נישט שטערן זיין שבת. איך וועל גיין, ווי עס איז, זיך איבערטון. גייט־זשע נישט אַוועק, איך זאָל אייך נישט דאַרפן דערנאָך זוכן.

און מיט גיכע טריט איז סאַלטשע אַוועקגעגאַנגען.

ח

לערנער איז געבליבן אַליין, און טראַכטנדיק וועגן סאַלטשען, האָט ער זיך געמאַכט פאָרווורפן, פאַרוואָס ער האָט גערעדט אַזוי פיל וועגן איר שיינקייט, ווי אַ פאַרליבטער. זי איז דאָך מער נישט ווי זיין שילערין און אירע עלטערן האָבן צו אים צוטרוי, און ער רעכנט זיך פאַר אַ פריינט אין זייער הויז.

— איך האָב נישט באַדאַרפט רעדן מיט איר אַזוי, — האָט ער געזאָגט און זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. — עס איז זייער נאַריש געווען פון מיין זייט. איך בין נישט קיין יינגעלע, איך זאָל זיך גיין צו דרייסיק יאָר פאַרליבן... נאָר זי איז אַן אויסנאַם, — האָט

ער זיך אָנגעהייבן פֿאַרענטפֿערן פֿאַר זיך אַליין, — זי איז אַזוי רייצנדיק און מיט אַזוי פֿיל מעלות, אַז זי קאָן אַ טויטן לעבעדיק מאַכן. עס איז אוממעגלעך גלייכגילטיק זיך האַלטן אין איר געגנוואַרט. נישט אומזיסט טאַנצן אַרום איר די פּוילישע סטודענטלעך און איבערהויפּט סטאַש. איך האָב מורא פֿאַר אים, איך בין זיכער, אַז ער איז פֿעיק אויף אַלערליי פֿאַרברעכנס, אום זי צו באַקומען פֿאַר אַ פֿרוי. זיין מוטער און די גאַנצע משפּחה, אויסער דער אַלטער פֿריץ גרינעווסקי, העלפֿן אים אין דעם. ווען עס וואָלט פֿאָרגעקומען די חתונה מיט דעם דאָקטאָר, וואָלט גענומען אַ סוף. זי וואָלט מיט איר מאַן אַוועקגעפֿאָרן, און שוין!

לערנער האָט אָנגעהייבן שפּאַצירן איבערן גאָרטן. זיינע פֿיס האָבן זיך פֿאַרטשעפּעט אין אַ צווייג, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַ בוים, אָדער איינער האָט עס אַראָפּגעריסן און אַוועקגעוואָרפֿן. ער האָט אויפֿגעהייבן דעם צווייג, אַרומגעפּליקט די בלעטלעך און די דינע שטעקעלעך און ביי אים אין האַנט איז געבליבן אַ שטעקל, מיט וועלכן ער האָט געשפּאַצירט און געפֿאָכעט אינדערלופֿטן. דערנאָך האָט ער זיך אויף אַ באַנק אַנידערגעזעצט און מיט דעם שטעקל אָנגעהייבן שרייבן גאָטן אויפֿן זאַמד.

פּלוצים האָט ער אויפֿגעהערט צו שרייבן און זיך געשטעלט אַ פֿראַגע:

— אפשר בין איך פֿאַרליבט אין סאַלטשען?

און באַלד האָט ער געענטפֿערט:

— דאָס קאָן נישט זיין! דאָס וועט נישט זיין! אמת, אַ מענטש קאָן זיך פֿאַרליבן אין מיינע יאָרן אויך. אַ מענטש קאָן זיך איבערהויפּט פֿאַרליבן כּל זמן ער לעבט, וויפֿל יאָרן ער זאָל נישט אַלט זיין. ליבע ווייסט נישט פֿון קיין יאָרן, אָבער אין מיינער אַ שילערין וועל איך זיך קיינמאָל נישט פֿאַרליבן, און אויב דאָס זאָל יאָ געשען, וועט עס זיין אַ גרויס פֿאַרברעכן און איך וועל די ליבע אין מיר דערשטיקן. טויטן וועל איך זי אין מיר. איך בין נישט פֿעיק צו טון אַ פֿאַרברעכן. עלטערן פֿאַרטרויען מיר זייערע קינדער און איך וועל נעמען און זיך פֿאַרליבן אין איינער פֿון זיי. דאָס איז נידערטרעכטיק, געמיין. אָ, ווען סאַלטשע זאָל נישט זיין מיין שילערין!...

לערנער האָט זיך פאַרטראַכט און ווידער מיט דעם שטעקל אָנגעהייבן שרייבן אויפן זאַמד.

סאַלטשע איז אָנגעקומען, אָנגעטון אין איר געוויינלעכן מיידלשן קלייד און פאַרקעמט דעם קאָפּ אין צוויי אַראָפּגעלאָזענע צעפּ.

— איר שרייבט אויף דעם זאַמד אייער נייע סימפאָניע? — האָט זי געפרעגט מיט אַ שמייכל.

ער האָט מיטן שטעקן פאַרריבן דאָס אָנגעשריבענע.

— ווער ווייסט, וואָס די מוזיקאַלישע וועלט האָט פאַרלוירן, — האָט זי זיך געווערטלט.

לערנער איז, ווי זיין שטייגער איז, אַנשטאָט אַן ענטפער, אָפּגעקומען מיט אַ שמייכל.

מען האָט צו דער באַנק געבראַכט אַ קליין טישל מיט צוויי גלעזער טיי.

— יאָ, מיר האָבן דאָ פריער גערעדט וועגן דודן, וועלכן איך קאָן מער נישט אָנרופן „מיין דוד", נאָר „מיין געוועזענער חתן". איך האָב מיט אייך ווייניק גערעדט. נאָר איצט ווילט זיך נאָך רעדן וועגן אים. איר ווייסט נישט, לערנער, וואָס דער מענש איז געווען פאַר מיר. איך רעד דאָ נישט וועגן זיין שיינקייט און זיין גאַנצן אויסזען, וואָס יעדעס מיידל קאָן פון אַזאַ יונגנמאַן מיט אַזוי פיל מעלות, וואָס גאָט האָט אים געבענטשט, משוגע ווערן פון ליבע צו אים. איך רעד וועגן דעם, וואָס ער האָט מיך פראָסט געראַטעוועט, געמאַכט פון מיר אַן אַנדערע, אַ נייעם מענטשן און אין מיר אַריינגעגעבן אַ נייע נשמה, אַ ריינע, אַ שיינע נשמה.

— איך בין געווען די גליקלעכסטע אויף דער וועלט און אויך שטאָלץ בין איך געווען, וואָס ער, דוד, אָט דער שטאַרקער מענטש, וואָס קיינע פון די שענסטע מיידלעך האָבן אים נישט געקאָנט באַקומען, האָט מיך אויסגעוויילט פאַר זיין באַגלייטערין אין לעבן. איצטער... איצטער האָט זיך אַלץ פאַר מיר געענדיקט!

סאַלטשע האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— און צו דעם אַלעם האָב איך נישט וועמען צו באַשולדיקן. איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, אַז דוד איז דאָ נישט שולדיק, ער איז נישט פעיק אויף אַזאַ גרויס פאַרברעכן. מיין אומגליק וואָלט מיר

געווען גרינגער איבערצוטראָגן, ווען איך זאָל האָבן וועמען צו באַשולדיקן.

— סאַלטשע! באַרויקט אייך, איך וויל אייך עפּעס זאָגן.

— ווי איר זעט, האַלט איך זיך רויק, ווי נאָר עס איז מעגלעך, איך זאָל זיך ביי אַזאַ לאַגע האַלטן. איר קאָנט רעדן.

— איר ווייסט, אַז איך האָב אייך קיינמאָל ניט געפרעגט וועגן אייער פּריוואַט־לעבן. איך ווייס נאָר דאָס, וואָס איר זעלבסט דערציילט מיר. איך האָב בכלל נישט ליב צו רעדן און וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי יענעם. איך הער נאָר, וואָס מען דערציילט מיר. איר אַליין דערציילט מיר אויך. נאָר, דאַכט זיך, נישט אַלץ, איר באַהאַלט אַ סך. אָט, נעכטן האָט איר צו מיר גערעדט און איצט רעדט איר שוין אַ גאַנצע שעה וועגן אייער אומגליק, וואָס אייך האָט געטראָפן און איך פאַרשטיי נישט קיין איינציק וואָרט. איך זיץ ווי אַ גולם און הער. עס איז אייער זאַך. איר קאָנט מיר גאָרנישט דערציילן וועגן אייך, איך וועל אייך קיינמאָל נישט פרעגן, אָבער ווען איר דערציילט מיר יאָ, וואָלט איך געוואָלט, עס זאָל פאַר מיר זיין קלאָר, איך זאָל נישט דאַרפן גלאָצן מיט די אויגן, ווי אַ בהמה. זאָגט מיר, פאַרוואָס זענט איר אַזוי זיכער, אַז איר קאָנט אייער חתן נישט באַשולדיקן?

— איך בין זיכער אין דעם, איך וועל אייך אַלץ דערציילן. איך וויל נאָר וואַרטן ביז וואַנען עס וועט אָנקומען זיין צוגעזאָגטער בריוו.

— הייסט עס, אַז איר האָט נאָך האָפענונגען אויף דעם בריוו? צו וואָס זשע האָט איר זיך אַזוי פאַרלוירן און רעדט אַזוי פּעסט ווי פון אַ פאַרפאַלענער זאַך. מען דאַרף אַזוי נישט זיין, עס קאָן נאָך אַלץ ביי אייך גוט זיין.

— איך ווייס?—האָט זי צושפּרייט די הענט, ווי אַ מענטש, וואָס איז פאַרצווייפלט.—איך וואָלט געוואָלט עס זאָל שוין זיין אַ סוף. בעסער וואָלט געווען, אַז דוד זאָל אין דער טעלעגראַמע מיטאַמאָל מיר געבן דעם גאַנצן קלאַפּ, נישט צוביסלעכווייז מיך צוגעוווינען צום בריוו, וואָרים וואַרטן אַ טאָג־צוויי אויף דעם בריוו איז איבער מיינע כחות. מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל צום בריוו נישט דערלעבן.

— איר רעדט שוין באַרישקייטן. איר זענט געוווינט נאָר צו

גוטס. דאָס לעבן איז אָבער נישט קיין שפּילכל, מען דאַרף זיך קע־נען ראַנגלען און זיך קענען האַלטן. איר זענט נאָך אַזוי יונג און איר הייבט זיך שוין אָן צו פאַרלירן. איך האָב געהאַט וועגן אייך אַן אַנדער מיינונג.

— מיין לאַגע איז די שרעקלעכסטע. איך קאָן אַפילו פאַר אייך זיך נישט אויסרעדן. איך מוז אַלץ שטיקן אין זיך. איך פיל, אַז ווען איך עפן מיין האַרץ, איך רעד זיך אויס, וואָלט מיר אַ סך גרינגער געוואָרן. איך קען אָבער איצט נישט, איך מוז וואַרטן ביז איך וועל באַקומען דעם בריוו.

לערנער האָט זיך אויפגעהייבן פון זיין אָרט און זיך אָנגע־הייבן געזעגענען:

— נו. גענוג, באַרויקט זיך, איך מוז איצט גיין.

— גייט נישט אַוועק, לאָזט מיך נישט אַליין. דער טאָג איז אַזוי גרויס, אַזוי לאַנגווייליק, איך וועל משוגע ווערן.

לערנער האָט זיך געקווענקלט: גיין אָדער נישט. דערנאָך האָט ער פּלוצים האַסטיק אַ זאָג געטון:

— איר ווייסט גאָרנישט האָבן צו מיר, ווען איך וועל אייך נאָך עפּעס פרעגן.

— גאָרנישט, פרעגט!

— איר זאָגט, אַז אייער חתן קאָנט איר נישט באַשולדיקן.

— אוודאי נישט, ער איז נישט שולדיק!

— אָבער אַ שולדיקער מוז דאָך זיין.

— געוויס!

לערנער האָט אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט דעם טאָן און שטיל גע־פרעגט:

— דערלויבט מיר, סאַלטשע, צו פרעגן אייך, אפשר איז דער שולדיקער דער סטודענט סטאַש?

סאַלטשע איז מיטאַמאָל בלאַס געוואָרן, די הענט האָבן זיך ביי איר אַראָפּגעלאָזט. דערנאָך האָט זי מיט ציטערדיקע ווערטער גע־פרעגט, אַז לערנער האָט קוים דערהערט:

— איר ווייסט שוין אויך?... ווי אַזוי האָט איר זיך דערוווּסט?..

— איך ווייס גאָרנישט און פון קיין זאַך האָב איך זיך נישט דערוווּסט.

— וואָס זשע איז אייך פּלוצים איינגעפאַלן סטאַש?

— ער געפעלט מיר עפּעס נישט, אָט דער דאָזיקער סטאַש.

— פאַרוואָס געפעלט ער אייך נישט?

— איך ווייס נישט, פאַרוואָס. אַזוי איז דאָס, איך האָב סטאַשן געזען אויף דער סטאַציע, ווען אַלע האָבן געוואַרט אויף דעם חתנס אָנקומען און דערנאָך האָב איך אים געזען, ווען דער חתן איז נישט אָנגעקומען, איז מיר זיין פּנימל ניט געפעלן. עס איז דאָ אַמאָל אַ געפיל ביי מענטשן, וואָס זאָגט אים מער ווי אַ סך רייד. אין דעם ליגן גרויסע סודות, וואָס מיר פאַרשטייען נישט.

— איז סטאַש אויך געווען אויף דער סטאַציע ביים באַגעגענען מיין חתן? — האָט סאַלטשע מיט שרעק כמעט אויסגעשריען.

— איך האָב אים אַליין געזען. וואָס זענט איר אַזוי איבער־ראַשט? גאַנץ שווידער האָבן זיך דאַן געפונען אויף דער סטאַציע. נאָר פאַרוואָס ענטפערט איר מיר נישט אויף מיין פראַגע?

— וואָס האָט איר מיך געפרעגט? דער קאָפּ איז מיר צעמישט.

— איך האָב אייך געפרעגט, אפשר איז סטאַש שולדיק אין אייער אומגליק?

— אין אָנהייב, ווען מיין חתן איז נישט געקומען, איז דער ערשטער געדאַנק ביי מיר געווען, אפשר איז סטאַש אין מיין אומגליק שולדיק, כאָטש איך האָב דעם שרעקלעכן געדאַנק פון מיר געטריבן, אָבער דער חשד איז ביי מיר אַלץ מער געוואַקסן. נאָר ווען איך האָב באַקומען די טעלעגראַמע פון דודן, אַז ער לעבט און איז דאָך נישט געקומען, איז מיין חשד אויף סטאַשן פאַרשוווּנדן געוואָרן.

לערנער האָט געצויגן מיט די פּלייצעס, ווי אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט גאָרנישט, וואָס מען רעדט צו אים. ער האָט זיך מיט איר אָנגעהייבן געזעגענען. סאַלטשע האָט אים מער נישט אָפּגעהאַלטן. זי האָט אויסגעזען זייער מיד. זי האָט אים נאָר געבעטן, אַז ווען ער וועט זיך באַפרייען פון זיין אַרבייט, זאָל ער קומען צו איר.

לערנער האָט זיך געלאָזט גיין צו זיינער אַ שילערין אין אַ פּוי־ליש הויז. ער האָט באַדאַרפט גיין מיט דעם וועג, וואָס ציט זיך אין דער לענג פון וואַלד.

— סאַלטשע איז פול מיט סודות, — האָט ער גערעדט צו זיך גייענדיק. ער האָט אַ קוק געטון און געזען פון דערווייטנס דאָס בלויע הויז פון אַלטן פּריץ גריגעוווסקי, סטאַשס פאָטער.

דאָס בלוי־געפאַרבטע הויז איז געשטאַנען אויפן באַרג, נישט ווייט פון טייך, און אין גאַנץ שווידער האָט מען דאָס הויז אַרויסגעזען, כאָטש עס איז געווען אַרומגעשטעלט מיט ביימער.

— אָט דאָרטן, אין דעם בלויען הויז געפינען זיך אַלע סודות, — האָט לערנער געריידט צו זיך, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אין דער זייט, וווּ דאָס הויז איז געשטאַנען. אָבער פלוצים האָט ער דערהערט ווי פון וואַלד האָט זיך עמיצער צעלאַכט. ער האָט זיך אומגעקוקט און קיינעם נישט געזען.

— אפשר האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, — האָט לערנער געזאָגט, — אין ערגעץ קען זיך אַזוי נישט אויסדאַכטן, ווי אין אַ וואַלד.

און ער איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

ט.

יעדן שבת ביז שפעט אין דער נאַכט פלעגט דאָס בלויע הויז זיין באַלויכטן מער ווי אין אַלע נעכט פון דער גאַנצער וואָך, ווייל אין דער נאַכט אויף זונטיק פלעגן זיך צום אַלטן פריץ גרינעווסקי צוזאַמענפאָרן געסט פון די נאָנטע דאַטשע־ערטער.

די געסט זענען דאָס רוב באַשטאַנען פון זייער נאָנטע פריינט פון דער פאַני יאַדוויגאַ, די פרוי פון אַלטן פריץ. זי איז געווען יינגער פון איר מאַן מיט אַ יאָר פופצן און דערפאַר האָט זי געפירט דאָס רעדל אין הויז. זי האָט זיך זייער ווייניק גערעכנט מיט זיינע מיינונגען, וועלכע געסט עס זענען אים געווען צום האַרצן אָדער נישט, און בכלל האָט זי אין איר הויז געטון אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט, און ביי איר מאַן נישט געפרעגט.

אירע הויפּט־געסט זענען שטענדיק געווען אירע צוויי שוועסטער, אַלטע מיידלעך, אַן אַלטער קסיאָנדז פון אַ נאָנטן דאָרף־קלויסטער, און אַ מאָנאַכין פון מיטעלע יאָרן, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַ באַרימטן מאָנאַסטיר, עטלעכע און דרייסיק ווערסט פון שווידער, און יעדן שבת פלעגט זי קומען צו די גרינעווסקיס מיט דער באַן, און ווען זי פלעגט אַמאָל פאַרשפעטיקן דעם צוג, פלעגט זי זיך שלעפּן שפּהנווייז מיט אַ פּראָסטער פויערשער פור, אַבי נישט צו פאַרשפעטיקן אויף דעם אָוונט צו דער פאַני יאַדוויגאַ.

אָט די אַלע פיר האָבן יאָרנלאַנג נישט פאַרפעלט קיין איין שבת־אָוונט ביי די גרינעווסקיס.

נאָר דער אָנגעלייגטסטער גאַסט אויף די אָוונטן איז געווען די מאַנאַכין, וועלכע די היימישע פלעגן רופן ביי איר ווערטלעכן נאָמען „יוזעפאַ".

אָן יוזעפאַן האָבן זיך די געסט נישט געקאָנט פאָרשטעלן קיין אָוונט, ווייל זי האָט געוווסט „פון אַלע נייס פון גאַנץ פוילן". געוווּסט, וואָס ביי יעדן קאָכט זיך אין טאָפּ, וועלכע פאַנאַ קלייבט זיך חתונה האָבן און ווער עס וויל זיך אָפּזאָגן פון דער זינדיקער וועלט און אַריינטרעטן אויף דעם גאַנצן לעבן אין אַ מאָנאַסטיר. זי האָט ליב געהאַט צו טרייבן פּלאָטקעס און צוזויפּבינדן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.

פאַנאַ יאַדוויגאַ האָט געהאַלטן פון איר אַן עולם ומלואו. די מאַנאַכין מיט די איבעריקע דריי זענען געווען אירע פאַרטרויטסטע פריינט.

אין אַ באַזונדערער אויסערגעוויינלעכער שטימונג זענען די געסט היינט געקומען. אויף יעדן האָט געשוועבט אַ גוטער צעפרידענער שמייכל, און אָן ווערטער האָבן איינער פון צווייטן געוווּסט, אין וואָס ס׳באַשטייט די שמחה. אַלע האָבן מיט אומגעדולד דערוואַרט די מאַנאַכין, וועלכע האָט נאָך פון קיין זאַך נישט געוווסט.

און ווען די געסט האָבן אָנגעהייבן פרעגן, ווי קומט דאָס, וואָס זי איז נאָך נישטאָ, ווייל מען איז געוווינט, אַז זי קומט שטענדיק פון די ערשטע, האָט די באַלעבאָסטע געענטפערט:

— יוזעפאַ האָט געוויס פאַרשפעטיקט דעם צוג און שלעפט זיך מיט אַ פור.

ענדלעך איז די מאַנאַכין אָנגעקומען. אַלע אויגן האָבן זיך געווענדט צו איר, אַלע האָבן זי געוואָלט איבערראַשן מיט אַ זעלטענער נייס, וואָס איז פאָרגעקומען אין שווידער, אָבער זי האָט זיי אַלע באַגעגנט אויך מיט אַ פריילעך געזיכט.

— אונזער סטאַנציע קומט צו ווינטשעווען, אויף אַזאַ גליק האָט ער זיך נישט גערעכנט. אַ מענטש, וואָס גלויבט אין גאָט, דאַרף נישט פאַרלירן די האָפענונג, — האָט יוזעפאַ מיט אַ פרום פנים געזאָגט.

— פון וואַנען ווייסט איר שוין? איר זענט דאָך נאָר וואָס אַראָפּגעקראָכן פון דער פור.

— אין דער לעצטער קרעטשמע האָב איך געהערט, ווי יידן האָבן דערציילט. ווייזט אויס, אַז עס איז טאַקע אמת, וואָס צו אונדזער אומגליקלעכער סאַלטשע איז איר יידישער „שוואָב" נישט געקומען.

—אוודאי אמת, — האָבן דער באַלעבאָסטעס צוויי שוועסטער מיט צעפרידנקייט געענטפערט.

— און דער חתן איז טאַקע ביז איצט נישט געקומען?

— ניין.

— גאָט ווייסט, וואָס ער טוט, ווען ער באַשטראָפט די זינדיקע, נו, און עפּעס אַ ידיעה, אַ טעלעגראַמע איז געווען?

— געווען.

— וואָס־זשע האָט זיך ביים „שוואָב" געטראָפן?

— מען ווייסט נישט. מען זאָגט, אַז די ידיעה איז זייער אַ טרויעריקע.

יוזעפּאַ האָט פאַרגלאָצט די אויגן און אויפגעהייבן די הענט.

— ווי־זשע איז אונדזער סטאַש? — האָט זיך יוזעפּאַ אַ כאַפּ געטון. — איך וויל אים ווינטשעווען.

—ער לויפט אַרום ווי אַ משוגענער, — האָט די מוטער געענטפערט מיט אַ רחמנות־פּנים. — איך זאָג אייך דעם אמת, אַז עס וואָלט שוין אפשר גלייכער געווען, ווען די חתונה וואָלט שוין פאַרגעקומען. ער וואָלט זי אַוועקגעפירט און מיין אָרעמער סטאַש וואָלט זיך שוין אפשר באַרויקט. איצט איז ער ווידער ווילד געוואָרן. עס האָט זיך אים אָנגעהייבן חלומען, אַז זי וועט ענדלעך זיין פריי ווערן.

— און פאַרוואָס נישט? — האָט די מאָנאַכין געזאָגט. — ווי לאַנג האָט שוין געהאַלטן אַזוי נאָענט דערביי? ווי לאַנג זענען מיר דאָ אַלע אַזוי געזעסן צווישן די געסט, אָט טאַקע דאָ, אויף דעם דיוואַן צוזאַמען מיט סטאַשן און זי האָט מיט איר עכט פוילישער שיינקייט באַשיינט דעם זאַל.

— אַנדערש האָט נישט געקאָנט זיין, .אַנדערש האָב איך נישט געטראַכט, — האָט זיך סטאַשס מוטער אָנגערופן, — וואָרים ווי קומט אַזאַ סאַלטשע אַריינצופאַלן צו אַ יידישן מאַן, צו יידישער געזעלשאַפט. אַלץ אין איר איז דאָך עכט פּויליש: איר אויסזען, איר פּויליש רעדן, איר דערציונג און באַנעמונג האָט מיט יידן גאָרנישט צו טון.

אַלץ אין איר איז פּויליש. עס איז געווען אַזאַ שיינע פּאָר! אַזאַ שיינע פּאָר!

— ווער־זשע איז שולדיק אין דעם, וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט?

— ווער עס איז שולדיק? — האָט מיט אַ פראַגע אונטערגע־באַפּט די מאַנאַכין און זי האָט אַליין געענטפערט:

— סטאַש איז אַליין שולדיק, ער האָט זיך אין דעם אויך געוואָלט אויפפירן אויפן בייעם שטייגער מיטן גוטן ווילן. ער האָט זיך געוואָלט באַגיין אָן אונדזער קראַפט, אָן אונדזערע מאָנאַסטירן און אפשר אָן דעם קסיאָנדז אויך.

יוזעפאַ האָט אָפּגעווישט מיט צוויי פינגער די ליפּן, דערנאָך עפּעס געשעפּטשעט אַ קורצע תפילה און ווייטער זיך אָנגערופן:

— ווען סטאַש וואָלט אונדז פאָלגן, ווי אַלע גוטע פרומע, וואָלט זי שוין לאַנג געווען זיין פרוי און אונדזער הייליקע קירכע וואָלט גליקלעך געמאַכט אַ נייע זינדיקע נשמה.

זי האָט נאָכאַמאָל מיט די צוויי פינגער אָפּגעווישט די ליפּן און געזאָגט אַ שטילע תפילה.

— ווען מיין סטאַש זאָל געווען מיך פאָלגן, וואָלט ער שוין לאַנג גליקלעך געווען, — האָט די מוטער טרויעריק זיך אָנגערופן, — ער פאָלגט אונדז אָבער נישט, נישט מיר און נישט מיין מאַן.

— וואָס זאָגסטו, איגנאַץ, — האָט זי זיך געווענדעט צו איר מאַן, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן און געשוויגן, נאָר אויף זיין פרויס פראַגע האָט ער געענטפערט:

— דיר פאָלגט ער נישט אַזוי, ווי יוזעפאַ האָט געוואָלט, דאָס הייסט פאַרנאַרן סאָלטשען אין מאָנאַסטיר און זי צווינגען אָננעמען אונדזער גלויבן און מיט געוואַלד זי צווינגען חתונה האָבן פאַר סטאַשן, אַזוי ווי מען האָט ביז אַהער געטון מיט אַ סך יידישע מייד־לעך. און מיך פאָלגט נישט סטאַש, אַז ער זאָל זיך אינגאַנצן אַרויס־שלאָגן פון קאָפּ סאָלטשען. ס'איז דאָ גענוג פוילישע מיידלעך, צווישן וועלכע עס קאָן זיך געפינען אַ שיינע פרוי.

— גענוג שוין, גענוג רעדן! — האָט זיין פרוי אויף אים אָפּ־געשריגן.

— און אַזוי רעדט דאָס אַ פרומער קאַטאָליק?! — האָט יוזעפאַ מיט אַ פרום פּנים אים פאָרוואָרפן געמאַכט. — וואָס זאָלן שוין יידן

זאָגן אויף אונדזערע מאָנאַסטירן, אַז אַ קאַטאָליק רעדט אַזוי? אַ זינד, אַ גרויסע זינד אַזוי צו רעדן! ווייסט איר דען נישט, אַז דער מאָנאַסטיר, וואָס האָט אַזוי פיל הייליקע פליכטן, איז זיין פליכט אויך צו ראַטעווען זינדיקע נשמות. און נישט נאָר דער מאָנאַסטיר, נאָר יעדער פרומער גוטער קאַטאָליק דאַרף ראַטעווען זינדיקע נשמות. און איר, פאַן איגנאַץ, זאָלט מיר מוחל זיין, רעדט גאָרנישט, ווי אַן איבערגעגעבענער קאַטאָליק, — האָט די מאָנאַכין נישט אויפגעהערט אים צו מוסרן.

— מען קאָן זיין אַ גוטער קאַטאָליק און מען ברויכט נישט מיט געוואַלד יענעם אָפּרייסן פון זיין אמונה און בפרט נאָך פון זייַנע עלטערן.

— צו סאַלטשען האָט מען נישט באַדאַרפט באַנוצן קיין געוואַלד־טאַטן. זי וואָלט געקומען אין אונדזער קלויסטער מיט דעם גוטן ווילן. זי וואָלט נאָך באַדאַרפט פאַרבּרענגען מיט אונדזערע שוועסטער אין מאָנאַסטיר אַ פּאָר וואָכן, און דאָס האָט מען איבערעסטאַשס שולד דורכגעלאָזן. און דאָ איז פלוצים אויסגעבראָכן די מלחמה און די פאַמיליע פיינזילבער איז אַוועק קיין אויסלאַנד און סאַלטשע איז דערנאָך צוריקגעקומען אַ פאַרברענטע יידישע פאַטריאָטקע.

די צוויי אַלטע מיידלעך האָבן זיך צעלאַכט.

— סאַלטשע אַ יידישע פאַטריאָטקע!

— זי האָט אויפגעהערט צו קומען צו אונדז אין הויז, — האָט די מוטער זיך אָנגערופן, — מיט מיין אָרעמען סטאַשן האָט זי איבערגעריסן אַלע באַציונגען, און בכלל אַנטלויפט זי פון אונדזער געזעלשאַפט. זי מיידט אויס יעדן קאַטאָליק און יעדן פון אירע קאַפּאַטשאַזשעס וויל זי נישט וויסן. עס איז פּראָסט צו באַוווּנדערן, ווי אַזוי עס האָט זיך אַ מענטש מיט איין מאָל אַזוי איבערגעביטן.

— וואָס איז זיך דאָ וואָס צו וווּנדערן? זי איז דאָך געווען ביי די „שוואַבן”, האָבן זיי איר דאָס אָפּגעטון, זיי זענען דען קריסטן? זיי זענען דאָך רוחות! — האָט די מאָנאַכין געזאָגט און זיך דערביי איבערגעצלמט. — נאָר וואָס דאַרפט איר סאַלטשען, וועלכע איז פאָרט געבוירן ביי יידן? אָט נישט ווייט פון אונדזער מאָנאַסטיר, לעבן לובלין, געפינט זיך אַ גוטבאַזיצער, זייער אַ פרומער קאַטאָליק, האָט ער אַ זון, וואָס האָט געלערנט אין בערלינער אוניווערזיטעט, און ווען אונדזער פוילן האָט זיך מיט כוח באַפרייט פון די „קאַצאַ־

פעס" און פון די „שוואַבן", איז דער זון געקומען קיין פוילן, אַלע פרומע קאַטוילן האָבן געגלויבט, אַז מיר האָבן דאָ אַ פרומען מאָנאַר־כיסט. צום סוף האָט דער דאָזיקער סטודענטל געשריגן ביי זיין טאַטן אין הויז, אַז אונדזער פוילן דאַרף נישט האָבן קיין „קרול", נאָר אַ רעפּובליק! איך בין דאַן געוועזן ביי זיי אין הויז און איך האָב אַזש געציטערט פון שרעק, ווען ער האָט אַזוי גערעדט. דאָס האָט אויך פון אים, אַ ריינעם קאַטאָליק, דער שוואַב אַזוי געמאַכט. וווּנדערט איר זיך אַזוי אויף סאָלטשען! אַלע אומגליקן אויף אונדזער פוילן קומט פון שוואַב.

דער אַלטער קסיאָנדז, די מוטער און אירע צוויי שוועסטער האָבן געזיפצט.

עס איז אָנגעקומען נאָך אַ פּאָר נייע געסט און דער היימישער עולם האָבן מער וועגן דעם נישט גערעדט.

אויך די ניי־אָנגעקומענע האָבן באַלד אָנגעהייבן רעדן וועגן דער זעלטענער געשעעניש, וואס איז פאָרגעקומען אין שווידער, ווי אַ חתן איז נישט געקומען צו דער חופה. נאָר מען האָט גערעדט אין אַזאַ טאָן, ווי מען רעדט בכלל פון אַן אינטערעסאַנטער נייס, וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט.

עס איז אויך אָנגעקומען סטאַש.

אויף דער אַלגעמיינער פאַרווּנדערונג איז ער באַלד צוגעגאַנ־גען צו דער מאָנאַכין און האָט איר פריינטלעך געקושט די האַנט און דערנאָך זיך באַגריסט מיט די אייגענע און די איבעריקע.

די מאָנאַכין האָט זיך אויך געוווּנדערט אויף סטאַשן, ווייל שטענדיק האָט ער זי אויסגעמיידט און שטענדיק קאַלט זי באַגעגנט, און איצט אַזוי ליבלעך און פריינטלעך.

די צאָל פון די געסט האָבן זיך פאַרמערט אַזוי, אַז קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי סטאַש מיט דער מאָנאַכין האָבן זיך אָפּגע־זונדערט פון עולם און ווי זיי זענען ביידע אַרויס אין גאָרטן און זיך געזעצט אויף אַ באַנק.

— וואָס־זשע מאַכסטו, מיין ליבער סטאַש? — האָט די מאָנאַכין אים געפרעגט, — דיר קומט, דאַכט זיך, צו ווינטשעווען?

— מיט וואָס? — האָט ער זיך געפּרוּווט נישט מאַכן וויסנדיק.

— וואָס הייסט, מיט וואָס? מיט דיין סאָלטשען. איך האָב גע־הערט: זי איז איז שוין ווידער פריי און דו האָסט אַלע האָפענונגען...

און דו האָסט געמיינט, אַז דו האָסט אַלץ פאַרלוירן. זעסטו, ווי אַ מענטש דאַרף שטענדיק גלויבן אין גאָט, אַז ער קאָן אַלץ ווידער גוט מאַכן.

— וואָס קומט מיר אַרויס פון דעם אַלעם, אַז זי מיידט מיך אויס. זי וויל פון מיר נישט וויסן. איינמאָל וואָלט איך כאָטש גע־וואָלט מיט איר נאָך רעדן, געלינגט עס מיר נישט!

— שוין־זשע, אז פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זי איז געקו־מען פון אויסלאַנד, האָסטו זי נישט באַגעגנט?

— איין איינציק מאָל האָבן מיר זיך צופעליק באַגעגנט און איך האָב זי נישט דערקענט. אַזוי האָט זי זיך איבערגעביטן צו מיר און צו אונדז אַלע. איר רעדן, איר טאָן איז גאָר אַן אַנדערער. איך האָב איר דערמאָנט פון אונדזערע קינדער־יאָרן, ווען מיר זענען גע־גאַנגען אין גימנאַזיע, ווען מיר פלעגן אָפט שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן און ווען מיר זענען שוין עלטער געוואָרן, האָבן מיר זיך אַזוי שטאַרק געליבט און ווי מיר האָבן פאַנטאַזירט וועגן אונדזער צוקונפטיקן לעבן. אַלץ האָב איך איר געזאָגט, דאָס גאַנצע האַרץ האָב איך פאַר איר אויסגעגאָסן און ענדלעך האָב איך געזאָגט, ווי אַזוי שטאַרק איך האָב זי ליב נאָך איצט אויך.

לאַנג האָבן זיי נאָך ביידע גערעדט. סטאַש האָט פאַר דער מאָנאַלין זיין ביטער האַרץ אויסגערעדט. זי האָט אים געטרייסט, גע־מוסרט און געגעבן עצות, ווי אַזוי די שיינע סאַלטשע צו באַקומען פאַר אַ ווייב...

ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט טרייסטן.

י.

עס איז געווען אַרום ניין אינדערפרי, ווען סאַלטשע און לער־נער האָבן זיך געלאָזט גיין אין וואַלד. דער עולם איז געווען ביים באָדן אָדער אין שטוב באַשעפטיקט מיט עפּעס. אין וואַלד איז כמעט קיינער נישט געווען, ווען זיי זענען אָנגעקומען.

סאַלטשע האָט אָנגעהייבן דערציילן וועגן זיך נאָך אין מיטן וועג. זי איז געווען פאַרטיפט אין איר דערציילן, זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט אירע קינדער־יאָרן, און לערנער האָט מיט גרויס אינ־

טערעס געהערט, נישט פאַרלירנדיק קיין איינציק וואָרט אין דער גרויסער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט איצט אין וואַלד.

— איר קענט דאָס יידישע לעבן אין פוילן, באַזונדערס אין וואַרשע? — איז געווען איר ערשטע פראַגע.

— אוודאי קען איך! — האָט לערנער געענטפערט. — איך וווין שוין אין ווארשע עטלעכע יאָר.

—ניין, איר קענט נישט! איר קענט אפשר דאָס אויסערלעכע לעבן, אָבער נישט דאָס אינערלעכע. דערויף מוז מען זיין געבוירן אין פוילן, איבערלעבן די קינדער־יאָרן, צוזען אוןביילעבן די באַציונג צווישן עלטערן און קינדער, באַגעגענען זיך מיט קלייניקייטן אין פאַמיליען־לעבן. אַזוינע נישט באַמערקטע קלייניקייטן מאַכן גאַנצע איבערקערענישן און גרויסע רעוואָלוציעס אין די יונגע נשמות פון די קינדער... עס ווערן געשאַפן גאַנצע טראַגעדיעס, און עס האָט אַ ווירקונג אויף דעם גאַנצן לעבן.

— וואָס פאַר אַן אומגעלומפּערטע דערציונג באַקומען די קינדער ביי חסידישע עלטערן, פון וועלכע עס באַשטייט דאָס רוב יידן אין פוילן און צו וועלכע איך געהער אויך? — האָט סאַלטשע מיט אויפרעגונג גערעדט.

סאַלטשע דערציילט ווייטער, אַז, ווי איר פאָטער, אַזוי אויך איר מוטער, קומען, פאַרשטייט זיך, אויך אַרויס פון פרומע חסידישע הייזער. מען האָט זיי ביידע צו הויז דערצויגן, ווי גוטע פרומע יידישע קינדער. אַ שדכן האָט זיי צונויפגעפּאָרט און זיי לעבן בשלום, גליקלעך. זייער דערציונג, זייער גאַנץ לעבן איז נאָרמאַל.

— וואָס־זשע האָבן אָבער מייַנע עלטערן מיט מיר געטון? אויף די טעכטער קוקט מען זיך ווייניק אַרום. זיי מעגן גיין אין וואָסערע עס איז שולן און גימנאַזיעס, זיצן גאַנצע טעג און נעכט איבער פוילישע און פראַנצויזישע ראָמאַנען. קיינער וועט זיי קיין וואָרט נישט זאָגן, אַז עס איז נישט שיין, אָדער עס איז חוצפּהדיק. ווייל אַ מיידל מעג ביי זיי אַלץ, דאַן ווען אַ יינגל ביי חסידים טאָר גאָרנישט. ער דאַרף נאָר לערנען, וואָס מער לערנען אין חדר און בית־המדרש אָדער ביי מלמדים און ווייטער טאָר ער גאָרנישט. אפילו זיין לאַנגע קאַפּאָטע טאָר ער נישט אונטערקירצן מיט אַ פינגער, ווי זיין טאַטנס קאַפּאָטע אָדער אַראָפּוואַרפן דאָס היטעלע און

אַנטון אַ קאַפּעליושל, מיט איין וואָרט, איך האָב געמעגט אַלץ, און מײנע ברידערלעך — גאָרנישט.

סאָלטשע האָט די גאַנצע צייט גערעדט מיט אויפרעגונג, נישט אַזוי צוליב דעם, וואָס זי האָט איצט גערעדט, נאָר צוליב דעם, וואָס זי וועט ווייטער רעדן. די געדאַנקען זענען ביי איר געפלויגן פאָרויס מיט דער געשווינטקייט פון אַ בליק. זי האָט געהאַט אַזוי פיל צו דערציילן, אַז די ווערטער האָבן זיך איר געשטיקט אין האַלדז און זיך געגאָסן ווי אַ פאָנטאַן, פון וואַנען דאָס וואַסער לויפט מיט אַ געוואַלדיקער גיכקייט און שוימט.

— איך וויל זיך אָפּרוען, — האָט זי געזאָגט, און אַרומקוקנ־דיק זיך איבערן וואַלד, האָט זי דערזען אַן אָפּגעהאַקטן בוים ביז די וואָרצלען. זי האָט זיך אויף אים צוגעזעצט, און לערנער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד.

—אַזוי איז בעסער, — האָט זי אָפּגעאָטעמט ווי פון אַ שווערער אַרבעט. — איצט וועלן מיר קענען רעדן.

— אוודאי איז אַזוי בעסער, — האָט לערנער מסכים געווען און מיט דער גרעסטער אומגעדולט געוואַרט, זי זאָל ווייטער אָנ־הייבן צו דערציילן.

— איך שטעל זיך פאָר, ה׳ לערנער, וואָס פאַר אַ מיינונג איר האָט געהאַט וועגן מיר, ווען איר האָט זיך דערוווסט, אַז סטאַש האָט געהאַט מיט מיר געוויסע באַציונגען

— איך האָב אייך שוין אַמאָל געזאָגט, אַז איך ווייס גאָרנישט וועגן די באַציונגען פון סטאַשן צו אייך. איך האָב נאָר אַ חשד, אַז ער איז אפשר שולדיק אין אייער אומגליק.

— איר האָט זעלטן אַ טעות, ה׳ לערנער. אַ קלוגער מענטש, וואָס האָט נאָך דערצו גוטע אויגן, דאַרף נישט הערן. מען זעט, מען פילט. אַזעלכע מענטשן, זאָג איך אייך, האָבן זעלטן אַ טעות. אייער חשד איז אפשר נישט אומזיסט. עס האָט אָבער נאָך געקענט זיין אַ סך ערגער. נאָר לאָמיך אייך ווייטער דערציילן. איך האָב אייך שוין פריער דערמאָנט, אַז מאַרטע, אונזער קעכין, האָט זיך מער פאַרנומען מיט מיין דערציונג, ווי מיין פרומע מאַמע, אָדער דער פרומער טאַטע, דער חסיד. אין דער צייט, ווען דער טאַטע האָט געטאַנצט מיט די חסידים, געפאָרן צו זיין רבין, אָדער גלאַט אַזוי געזעסן ביי זיך אין שטוב איבער אַ ספר, האָב איך פאַרבראַכט אין

קיך ביי מאַרטען און האָב געטאַנצט ארום אירער אַ יאָלקע און זיך געפּרייט מיט די שיינע פייערלעך און שפּילעכלעך, וואָס האָבן זי באַלויכטן און באַפּוצט. אויך אַנדערע אירע חגאות האָב איך געפייערט מיט דער גרעסטער שמחה.

— איך קאָן אייך נאָר זאָגן, — האָט זי ווידער אָנגעהייבן מיט אויפרעגונג, — אַז אין מיינע קינדער־יאָרן האָב איך אין מיינע עלטערנס פרום חסידיש הויז זיך פריער דערוווסט פון יעזוסן, ווי פון משה רבנו! אודזער דינסט מאַרטע האָט מיר אין די ווינטערדיקע לאַנגע נעכט דערציילט, ווי אַזוי יידן האָבן געפּייניקט יעזוסן. זי האָט מיר אויך דערציילט וועגן זייערע הייליקע, וואָס זענען אומגעקומען אין די רוימישע צירקן פון די לייבן און לעמפּערטן, וועלכע האָבן זיי אויף שטיקער צעריסן פאַר זייער קריסטלעך גלויבן; נאָר מיין פרומע מאַמע און פרומער טאטע האָבן מיר גאָרנישט דערציילט וועגן משה רבנו און וועגן אונדזערע קדושים, וועלכע זענען אין פאַרשידענע צייטן אומגעקומען אין פייער פאַר דער יידישער אמונה. קיינער, קיינער פון מיין גאַנצער פרומער משפּחה האָט מיר גאָרנישט דערציילט. וואָרים אַ חסידיש מיידל דאַרף דען עפּעס וויסן? קיינער, קיינער האָט נישט געשטערט אונדזער דינסט מארטע אין דער דערציונג פון מיינע קינדער־יאָרן, קיינער!

— די גאַנצע תורה האָט מען נאָר אַריינגעלייגט אין מיינע ברידערלעך. אויף זיי האָט מען מיט דער גרעסטער שטרענגקייט אַכטונג געגעבן, זיי זאָלן זיין פרומע יידן, און מיך האָט מען געלאָזט וואַקסן אויף הפקר. איך וועל אויסוואַקסן, וועט מיר דער טאַטע געבן אַ סך נדן, מען וועט מיר רעדן אַ גרויסן שידוך מיט אַ פרומען יונגנמאן, איך וועל חתונה האָבן און אויך ווערן אַ פרומע יידענע, גלייך ווי די מאמע.

לערנער, זייענדיק אַנטציקט פון איר רעדן, האָט איר באַמערקט:

— צו וואָס דאַרפט איר דערציילן מיט אַזאַ אויפרעגונג? דאָס אַלץ איז דאָך פאָרגעקומען מיט אייך שוין אַזוי לאַנג, ווען איר זענט נאָך אַ קינד געווען, און איר רעגט אייך אויף, ווי גלייך עס וואָלט מיט אייך נעכטן געשען.

— איר זאָגט, שוין לאנג! ניין, פון מיינע קינדער־יאָרן ביז איצט ציט זיך אַלץ איין קייט, און ווען מען טוט אַ קלאַפּ איין זייט־

פילט זיך דער קלאַפּ פון דער צווייטער זייט, וואָס עס האָט מיך געבראַכט צו מיין איצטיקן אומגליק. נישט לאַנג, נאָר נעכטן איז מיט מיר אַלץ געשען!
עס האָבן זיך ביי איר אָנגעהייבן ווייזן טרערן.
לערנער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אָרט און געזאָגט:
— אייער דערציילן קאָסט אייך פיל געזונט. אפשר וואָלט איר עס אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדערש מאָל.
— ניין, ניין, איך מוז דאָס. איך שעץ זיך פאַר גליקלעך, וואָס איך האָב זיך באַגעגנט אין אַזאַ אומגליק מיט אַזאַ מענטשן, ווי איר, פאַר וועלכן איך קאָן זיך פאַרטרויען און אויסגיסן מיין האַרץ, פאַר אַ מענטשן, וואָס וועט מיר קאָנען פאַרשטיין. איך קאָן מער נישט רעדן פאַרשטעלט, פאַרמאַסקירט, איך קאָן מער נישט, און מוז כאָטש האָבן איין מענטשן, מיט וועלכן איך זאָל קאָנען רעדן אָפן, און גאָרנישט דאַרפן פאַרלייקענען. איך זאָג אייך צו, אַז ווי מעג־לעך, וועל איך זיך מער נישט אויפרעגן און נישט וויינען, הערט!
— ווען עס זאָל אַזוי זיין, ווי איך האָב אייך פריער דער־ציילט, אז יידישע טעכטער אין פרומע הייזער האָט מען געלאָזט וואַקסן אויף הפקר, ביז עס איז געקומען דער שדכן און אויסגעפירט אַ שידוך מיט אַ פרומען חסידישן חתן און נאָך דער חתונה אָנזאָגן איר צו היטן די מצוות און זי איז געוואָרן אַ פרומע יידינע — דאָס, זאָג איך, וואָלט נאָך קיין אומגליק נישט געוועזן. אַזוי האָבן גע־לעבט אונדזערע פרומע גוטע מאַמעס און באַבעס, און איך וואָלט גאָרנישט געהאַט קיין טענות און אפשר וואָלט איך גליקלעך געוועזן, ווען מיט מיר וואָלט אויך אַזוי געוועזן. איז אָבער אַן אומגליק, אַז די לעצטע דרייסיק יאָר איז אין פוילן, דערהויפּט אין די גרוי־סע שטעדט, געוואָרן אַ מין מאָדע ביי פאַרמעגלעכע חסידישע פאַ־מיליעס אַוועקצוגעבן די מיידלעך אין די שולן און אין די גימ־נאַזיעס. אַ מיידל שאַדט נישט, ווען זי איז געבילדעט, זאָגן זיי.
און סאַלטשע האָט ווייטער דערציילט, אַז זי האָט אויך אָנגע־הייבן גיין אין דער גימנאַזיע פאַר מיידלעך. דאָרטן האָט זי זיך באַ־געגנט מיט מער קריסטלעכע קינדער, און פון תמיד אָן הערשט שוין דאָרטן אַזאַ אַטמאָספערע, אַז אפילו די יידישע מיידלעך ווילן זיך מיט קיין זאַך נישט ארויסגעבן פאר יידישע קינדער: מיט יידישקייט שעמען זיי זיך. סאַלטשע האָט געהאט א מזל, אז פאר איר שיינקייט, גוט לערנען און איר אויסזען ווי אַן עכט פוילישע,

האָבן זי די קריסטלעכע חברטעס זייער ליב געהאַט און האָבן זיך גוט באַצויגן צו איר, און סאַלטשע האָט שטאָלצירט מיט דעם.

— יאָ, איך האָב שטאָלצירט, וואָס מען דענקט נישט אָן מיר, אַז איך בין אַ יידיש מיידל, — האָט זי איבערגעחזרט, — איך האָב זיך געשעמט מיט מיינער ברידערלעך, ווען זיי האָבן מיך צופעליק אָפגעשטעלט אויף די קריסטלעכע גאַסן. איך האָב זיך נישט געוואָלט שפילן און גיין צוזאַמען מיט זיי, ווייל זיין זענען געקליידט געווען אין לאַנגע קאַפּאָטעס און מיט יידישע היטעלעך. ווען איך בין גע־גאַנגען פון גימנאַזיע מיט די ביכלעך אין די הענט איבער די קריסט־לעכע גאַסן, האָב איך זיך געפילט גוט און גליקלעך. און ווען איך בין אַריין אין די יידישע גאַסן, ווו מיינע עלטערן האָבן געוווינט און מען האָט נאָר באַגעגנט יידן, וועלכע דאָס רוב האָבן מיך גע־קענט, בין איך טרויעריק געוואָרן.

— איך האָב געלייענט נאָר פּוילישע ביכלעך. דערנאָך, ווען איך בין אַ ביסעלע אונטערגעוואַקסן, האָב איך געלייענט פּוילישע ליטעראַ־טור אָן אַ שום סיסטעם, דערהויפּט בולוואַר־ראָמאַנען. איך האָב אויס־געצייכנט געקענט די פּוילישע געשיכטע. אַלץ, אַלץ האָב איך גע־לייענט אויף פּויליש און קיין איינציק יידיש וואָרט, און קיינער פון מיינע אייגענע האָבן מיר קיינמאָל גאָרנישט געזאָגט אָדער אָנגע־וויזן, וואָס איך זאָל לייענען. מיין טאַטע פלעגט שטאָלצירן, וואָס איך בין אַ געבוירענע „פּאָלקע". איך געדענק אַזאַ סצענע:

— ביי אונדז איז געווען עפּעס אַ שטיקל שמחה. שבת־צונאַכטס זענען זיך צוזאַמענגעקומען חסידים, אונדזער משפחה איז אויך געקו־מען. ביי מיר זענען אַזעלכע שמחות געווען אַן אָפּקומעניש, נאָר דער טאַטע האָט געבעטן, איך זאָל אויך זיין, האָב איך געמוזט זיין אינדערהיים. איך האָב זיך געפילט אַלס פרעמדע אין מיינע עלטערנס הויז. פּלוצים רופט מיך דער טאַטע און הייסט מיך ווייזן מיין פּוי־ליש שרייבן — וואָס איז? מען האָט גערעדט פון געראָטענע קינדער, האָט דער טאַטע זיך באַרימט מיט מיר, אַז איך שרייב גוט פּויליש, ווי אַ געבוירענע פּאָלקע, און בכלל, אַז איך האָב גרויסע פעיקייטן צום לערנען און אַז איך האָב אויסגעלייענט אַלע פּוילישע ביכער.

— ווי איר זעט, ה' לערנער, האָבן מיינע פרומע עלטערן נישט נאָר נישט פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ פּוילישע דערציונג, נאָר פאַרקערט, זיי האָבן געשטאָלצירט מיט מיר און אין דערזעלבער צייט, ווען

איינעם פון מײַנע ברידער האָט מען געכאַפּט עפּעס מיט אַ רוסיש ביכל, װעלכעס זיי האָבן אָנגערופן אַפּיקורסיש, האָט מען געמאַכט אַזאַ סקאַנדאַל, אַז מיין ברודער האָט פאַרזאָגט דעם צענטן, אַז מיט אַזעלכע ביכער דאַרף מען זיך בעסער היטן.

— איך האָב מיין שיין שרייבן פּויליש נישט געװאָלט װײַזן, די באַרימערײַ מיט מיר האָט ביי מיר אַרויסגערופן כעס מיט פאַרדרוס, עפּעס אַ שנאה צו אַלע, װאָס האָבן זיך געפונען אויף דער שמחה און, דאַכט זיך, אפילו צו מײַנע אייגענע עלטערן האָט אָנגעהייבן ביי מיר טליען אַ כעס און שנאה.

לערנער האָט פאַרגעסן אַלץ אין דער װעלט. ער האָט געשלונגען יעדעס װאָרט און האָט זיך געװוּנדערט, נישט גלויבנדיק זיינע אויערן. ער האָט געקענט סאַלטשען פאַר די לעצטע פּאָר יאָר און איצט האָט ער זי געזען גאָר אין אַן אַנדער געשטאַלט. אַ סך פראַגן האָט ער איר געװאָלט שטעלן, נאָר נישט װעלנדיק איבעררייסן דעם פאָדעם פון איר געשפּרעך, איז ער געלעגן אויפן גראָז, נישט רירנדיק זיך מיט קיין אבר.

און זי האָט אים דערציילט נאָך אַ סצענע:

אירע באַקאַנטע, איר געזעלשאַפט, זענען געװען פּוילישע מיידלעך, גימנאַזיסטן, סטודענטן. זי האָט אומעטום געהאַט גרויס ערפאָלג. נישט אַלע האָבן לויט איר אויסזען, נאָך איר באַנעמען זיך, געװוּסט, אַז זי איז אַ יידיש מיידל. און װען אימיצער האָט זיך יאָ דערװוּסט, האָט מען זיך געװוּנדערט, אָבער מען האָט עס איר מוחל געװען צוליב איר שיינקייט, איר פּויליש רעדן און אַנדערע פרויען־מעלות, װאָס װייסן נישט, אַזוי װי קונסט, פון קיין נאַציאָנאַליטעטן.

איר נאָנטער פריינט און פאַרערער איז געװעזן סטאַש גרינעװסקי, װעלכער איז נאָך דאַן געװעזן אַ גימנאַזיסט פון לעצטן קלאַס: זי האָט אים ליב געהאַט, װי אַ זעכצניעריקע גימנאַזיסטקע קען נאָר ליב האָבן אַ גימנאַזיסט פון לעצטן קלאַס גימנאַזיע. ער איז געװען לייטישער פון זיינע פּוסטע חברים, ער האָט װייניקער באַנוצט דאָס װאָרט „זשיד", װי אַנדערע, און זאָגאַר געקריגט זיך אָפּט מיט זיינע חברים, װעלכע פאַלן אָן אויף די יידישע גימנאַזיסטן. ער איז אויך געװעזן פּעיקער און אין סאַלטשעס אויגן, שענער פון אַלע.

— איינמאָל, װינטער, האָבן מיר אייניקע פון מײַנע חברטעס דערציילט, אַז זיי גייען מיט זייערע עלטערן אויף אַ גרויסאַרטיקן

באַל, ווו עס וועט זײַן אַ קאָנצערט פֿון באַרימטע אַרטיסטן און דערנאָך וועט מען טאַנצן. און זיי האָבן מיך אײַנגעלאַדן, איך זאָל מיטגיין. איך בין געקומען אַהיים און האָב דאָס דערציילט מײַנע עלטערן. איך האָב דערוואַרט, אַז מען וועט פּראָטעסטירן און מען וועט מיך נישט לאָזן גיין אויף דעם באַל. צו מײַן גרויס פאַרוווּנדערונג אָבער, האָבן זיי נישט נאָר פּראָטעסטירט, נאָר איך האָב געזען, אַז זיי טוט הנאה, וואָס זייער טאָכטער האָט דערלעבט צו אַזאַ גדולה און מען בעט זי אויף אַ באַל גלײַך מיט די פּריצישע קינדער. מען האָט מיך נאָר געפרעגט, מיט וועמען וועל איך גיין און ווער וועט מיך אָפּפירן אַהיים און זיי האָבן מיר פאָרגעלייגט, אַז איינער פֿון מײַנע ברידערלעך זאָל מיך אָפּפירן און אָפּנעמען אַהיים. האָב איך געענטפערט, אַז דאָס וויל איך נישט. איך האָב זיך פּראָסט געשעמט מיט מײַן אייגענעם ברודער, ער זאָל מיך אָפּפירן צו דער טיר, מיך אָפּפירן אַהיים, און איך האָב זיך געשעמט, טאָמער וועלן באַקאַנטע דערזען, אַז איך האָב אַ ברודער מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, און איך האָב געענטפערט, אַז איך וועל אַוועק צו מײַנע חברטעס, מיט זיי וועל איך פאָרן אויף דעם באַל און אַהיים וועלן מיך מײַנע באַקאַנטע אָפּפירן.

— שטעלט אײַך פֿאָר, אַז אָן שום פּראָטעסט איז מען דערויף באַשטאַנען. מען האָט מיר געמאַכט אַ נײַ שיין קליידל און איך בין דאָס ערשטע מאָל געוועזן אויף אַ באַל. איך האָב דאָרט געהאַט גרויס ערפאָלג. מען האָט מיך מיד געמאַכט טאַנצנדיק. די שענסטע, עלעגאַנטסטע און די רײַכסטע קאַוואַליערן פֿון דער פּוילישער סמעטענע, האָבן זיך געדרייט אַרום מיר. מען האָט מיך אָפּגעשיט פֿון אַלע זײַטן מיט קאָמפּלימענטן. איך האָב געפילט, אז איך בין אויף דעם זיבעטן הימל, איך בין די „קייזערין פֿון באַל“. איך האָב זיך פאַרגעסן, ווער איך בין און וואָס איך בין, איך האָב זיך געפילט גליקלעך. נאָר עס האָט אָנגעהויבן ווערן שפּעט אין דער נאַכט, האָב איך זיך דערמאָנט, ווער איך בין און אַז איך דאַרף פאָרן אַהיים צו מײַנע „יידישע“ עלטערן... איך האָב געהאַט באַגלייטער אין די צענדליקער, אַלע מײַנע חברטעס האָבן מיך מקנא געווען אויף מײַן גליק. און איך האָב זיך, ווי אַ גנבטע, אַרויסגעגנבעט פֿון זאַל, און שפּעט אין דער נאַכט האָב איך זיך געזעצט אויף דער ערשטער דראָשקע, און נישט באַמערקט פֿון קיינעם, בין איך אָפּגעפאָרן און

ביז געקומען בשלום אַהיים און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון מיינע עלטערנס הויז, וועלכעס האָט זיך געפונען אויף איינע פון די יידישע גאַסן. איך האָב זיך דאַן געפילט פאַר דער אומגליקלעכסטער אין דער וועלט, וואָס איך האָב יידישע עלטערן... איך האָב זיי פיינט געקריגן און זיי האָבן פון איצטער אָן געהאַט אַ שונא ביי זיך אין הויז. איך האָב...

פלוצים האָבן זיך די ווערטער ביי סאַלטשען איבערגעריסן, זי האָט עפּעס געקוקט אין איין פונקט צווישן די דורכזיכטיקע סאָסנעס און האָט זיך אָנגערופן צו לערנערן:

— קומט, לאָמיר גיין, מיר דאַכט זיך, אַז סטאַש גייט. איך בין יכער, אַז ער לאָקערט שטענדיק נאָך אויף מיר. ער האָט געוויס מיר נאָכגעקוקט ביי אונדזער דאַטשע, איצט האָט ער מיך דאָ געפונען. איך וויל זיך מיט אים נישט באַגעגע־ען.

לערנער האָט זיך אויף גיך אויפגעכאַפּט, זי גענומען געאַרעמט ביי דער האַנט און געלאָזט זיך אַרויסגיין פון וואַלד.

סטאַש, דערזעענדיק סאַלטשען מיט איר מוזיק־לערער, פאַר וועלכן ער האָט שטענדיק מורא געהאַט איבער זיינע געזונטע הענט, האָט פאַרקלענערט זיינע טריט. ער האָט נאָך פון דערווייטנס אַראָפּ־גענומען זיין היטל, אָבער סאַלטשע מיט לערנערן האָבן זיך גע־מאַכט, אַז זיי באַמערקן אים נישט, און זיי זענען ווייטער געגאַנגען מיט דעם וועג, וואָס ציט זיך צו ר׳ מאיר פיינזילבערס זומער־וווינונג.

דאָרט האָט זיי אומרויק באַגעגנט ר׳ מאיר:

— ווו ביסטו געוועזן, זיסעלע? — האָט זי דער פאָטער גע־פרעגט.

— איך האָב געשפּאַצירט אין וואַלד מיט ה׳ לערנערן.

— זייער גוט האָט איר געטון.

— וואָס־זשע זעסטו אויס אַזוי אומרויק? — האָט סאַלטשע גע־פרעגט דערשראָקן.

— גאָרנישט, עס ווייזט זיך דיר נאָר אויס. גייט בעסער טרינקען טיי, — האָט ער זיך געווענדט צום מוזיק־לערער און צו סאַלטשען.

יא.

ר׳ מאיר איז געווען זייער פֿאַרזאָרגט. ער האָט אָבער מיט אַלע כּוחות זיך געפּרוווט עס פֿאַרבאָרגן פֿון זיין טאָכטער.

זיינע זאָרגן זענען געווען גרויס. ער, וואָס איז פֿון נאַטור געווען זייער שטאַרק אין אַלעמען, האָט אָנגעהייבן ביי זיך אַראָפּצופֿאַלן. אין זיין לעבן האָט ער פֿיל איבערגעליטן און זיך געראַנגלט און האָט שטענדיק גובר געווען. עס איז געווען ציטן, וואָס נישט איינמאָל האָט ער זיין גאַנץ פֿאַרמעגן פֿאַרלוירן. קיינער האָט עס ביי אים אפֿילו נישט געוווסט. אין אַזעלכע אומגליקלעכע פֿאַלן האָט ער זיך אויפֿגעפֿירט, ווי מען זאָגט: „מען האָט געקנייפּט די באַקן, די פֿאַרב זאָל שטיין", ביז ער האָט זיך ווידער אויף אַ בעסערן מצב אַרויפֿגעכאַפּט.

ער האָט אַלץ געקאָנט פֿאַרלירן, נאָר זיין גוטן נאָמען אין דער מסחר-וועלט און צווישן מענטשן האָט ער קיינמאָל נישט פֿאַרלוירן. זיין גוטן נאָמען האָט ער שטענדיק געהיטן, ווי די אויגן אין קאָפּ און ער פֿלעגט זאָגן: „אַ מענטש, וואָס האָט נישט פֿאַרלוירן זיין גוטן נאָמען, קאָן ער קיין זאַך נישט פֿאַרלירן".

אין אָנהייב, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די וועלט-מלחמה, האָט ער גערעכנט, אַז ער האָט פֿאַרלוירן זיין גאַנץ פֿאַרמעגן און איז געבליבן אַן אָרעמאַן. ער האָט געוואָלט פֿאַרקויפֿן זיינע געשעפֿטן, זיינע הייזער, זיינע סחורות פֿאַר האַלב אומזיסט, נאָר אין דער ערשטער צייט איז נישט געווען וועמען צו פֿאַרקויפֿן, כאָטש גיב עס אַוועק אומזיסט. ער האָט שוין געהאַט פֿלעגער איבערצולאָזן אַלץ אויף הפקר און ערגעץ אַוועק אין דער וועלט אַריין און אָנהייבן בויען אַ ניי לעבן.

שפּעטער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז זיינע געשעפֿטן מיט די סחורות זענען אויף אַ סך מאָל טייערער געוואָרן, און ער איז נאָך רייכער געוואָרן.

ר׳ מאיר האָט זיך מער נישט געיאָגט נאָך עשירות, נאָך גליק. זיין גאַנצער צוועק אין לעבן איז געווען צו זען גליקלעך זיינע קינדער, און באַזונדערס זיין טאָכטער, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט. ער האָט געוווסט, ווי צו שעצן איר זעלטענע פֿעיקייטן און אירע גרויסע מעלות. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין טאָכטער.

מיט דעם שידוך פון בערלין איז ער אויך געווען צעפרידן אין אָנהייב איז ער אפילו געווען דאַגעגן. ער האָט געוואָלט מיט זיין עשירות דערגרייכן צו נעמען אַ גרויסן גוטן יידנס אַ זון פאַר אַן איידעם, נאָר זיין טאָכטער האָט זיך געפילט גליקלעך מיט איר חתן, איז ער אויך געווען גליקלעך. דערצו איז דער חתן, דוד שטיינמאַן, נישט געווען ענלעך צו אַלע אַנדערע „דייטשן". ער האָט אויך געקאָנט לערנען און האָט געקאָנט רעדן מיט זיין קינפטיקן שווער אפילו וועגן חסידות. און דאָס גרעסטע גליק, דאָס גאַנצע לעבן, איז געווען פאַר ר' מאירן צו זען זיין טאָכטער אונטער דער חופה.

דאָס אומגליק, וואָס האָט זיך מיט איר איצט געטראָפן, איז אים געווען שווער איבערצוטראָגן. ער איז עפּעס ווי מיטאַמאָל עלטער געוואָרן. זיין הויכע שטימע, מיט וועלכער ער פלעגט בטבע רעדן מעשה־גביר, האָט זיך ביי אים געביטן, זיין טאָן איז געוואָרן ווייכער צו אַלע אין שטוב און צו אַלע מענטשן אין זיינע געשעפטן. ער האָט זיך אַזוי איבערגעביטן, אַז נישט נאָר די היימישע, נאָר אפילו זייטיקע מענטשן האָבן עס אָנגעהייבן צו באַמערקן.

און נאָך מער פון אַלע האָט עס באַמערקט און געפילט סאַלטשע. זי האָט זייער גוט געוווּסט די אורזאַך, פאַרוואָס איר פאָטער האָט זיך מיטאַמאָל אַזוי איבערגעאַנדערשט, און עס האָט זי געקרענקט, וואָס דער פאָטער זעט אויס אַזוי שלעכט.

פון זינט איר פאָטער האָט איינגעשטימט, זי זאָל ווערן אַ כּלה פאַר איר אויסדערוויילטן דודן, האָט זי מער פאַר אים כמעט קיין סודות נישט געהאַט. זי האָט אליפגעהערט פאַר אים צו זיין אַ קינד און ער צו שפּילן די ראָל פון אַ פאָטער. זיי זענען געווען צוויי גוטע חברים, כאָטש זיי זענען געווען פון צוויי באַזונדערע וועלטן.

ר' מאיר האָט געוווּסט, ווי שלעכטע מענטשן לאָקערן נאָך איר, נאָר ער האָט זיך דערויף נ'שט אומגעקוקט. ער האָט געטראַכט: זאָלן זיי בילן! באַלד דאַרף זיין די חתונה, וועט זי אָפּפאָרן מיט איר מאַן און אַלץ וועט זיך ענדיקן. נאָר איצטער, נאָך דעם אומגליק, איז ר' מאיר אַרומגעגאַנגען אַן אַ קאָפּ: וואָס טוט מען איצט מיט זי־סעלען? ווי ער פלעגט רופן זיין טאָכטער סאַלטשען.

—עס הייבט זיך אָן די אַלטע געשיכטע. סטאַש האָט אָנגעהייבן צו שפּאַצירן לעבן מיין זומער־וווינונג, ביי גריניעווסקין אין הוי.

שלאָפֿן נישט זײַנע מיטהעלפֿער. איך וואָלט אײַנגאַנצן אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער דאַטשע אין שטאָט אַרײַן, ווײַל איך נישט קיין לײַטישע רייד. וואָס פּלוצים, אין די בעסטע זומער־חדשים, אין די היצן, אַרויספֿאָרן אין שטאָט? און ווידער איז אַ רחמנות אויף דער פֿרוי און קינדער, בפֿרט נאָך אויף זיסעלען: אין אַזאַ לאַגע פֿאַרשפּאַרן זי אין די פֿיר ווענט. דאָ איז כאָטש פֿרײַ און זי קאָן זיך צעשטרײַען.

ר׳ מאיר האָט געוואָלט וועגן דעם רעדן מיט זײַן טאָכטער, נאָר איר וווּנד איז נאָך געוועזן צו פֿריש, און ער האָט באַשלאָסן, נישט צו רעדן מיט איר און שטיקן עס אין זיך.

סאַלטשע האָט אַלע זײַנע באַהאַלטענע געדאַנקען געלייענט אויף זײַן פּנים און האָט אַליין באַשלאָסן מיט אים צו רעדן.

זי האָט געטראָפֿן אַלע זײַנע געדאַנקען און זי אַליין האָט אויך געזאָגט איר פֿאָטער:

— איך טאָר דאָ נישט בלײַבן אויף דער דאַטשע, איך דאַרף און מוז אַוועקפֿאָרן.

— וועלן מיר אַלע פֿאָרן, — האָט דער פֿאָטער געזאָגט.

— ניין, ווו וועלן מיר אַלע פֿאָרן? אין שטאָט אַרײַן? דאָס וועט זײַן נאָך ערגער. איך וועל אַליין אַוועקפֿאָרן.

— אַליין? ווו ווילסטו פֿאָרן?

— קיין אויסלאַנד.

ר׳ מאירן איז אין אָנהייב געפֿעלן דער פּלאַן, נאָר דערנאָך האָט ער זי געפֿרעגט:

— וואָס וועסטו טון אַליין אין אויסלאַנד?

— איך קאָן דאָך נישט פֿאַרלאַנגען, אַז איר זאָלט אַלע מיט מיר מיטפֿאָרן, אָדער דו זאָלסט אַוועקוואַרפֿן אַלע דײַנע געשעפֿטן צוליב מיר. איך וועל דאָך נישט אַוועקפֿאָרן אויף עטליכע טעג, נאָר אויף אַ לענגערער צײַט. איך בין שוין נישט קיין קינד און איך קאָן אַליין מאַכן אַזאַ רייזע.

— וואָס וועסטו דאָרטן טון?

— דאָס ווייס איך נאָך נישט. איך ווייס נאָר, אַז דאָ קאָן איך נישט מער זײַן און טאָר נישט זײַן.

— דאָס פֿאַרשטיי איך אויך, אָבער ווי אַזוי לאָזט מען דיך אַליין? — איך זאָל שוין אפֿילו באַשטײן דערויף, וועט די מאַמע

און געווייַנען מיט א געוואַלד און אויפהייבן א געוואַלד. זי וועט ניעט דערלאָזן. זי וועט אויפהייבן א געוואַלד מיט געוויינען און וועט געוויס געדעכט זיין.

סאָלטשע האָט געשוויגן און אויף ר׳ מאירס גרויסן שטערן האָבן זיך באַוויזן אַלע קנייטשן.

פּלוצים האָט זיך ר׳ מאיר אַ כאַפּ געטון:

— דו ווייסט, זיסעלע, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? נאָר וואָרט אויס, איך האָב עס נאָך ניעט איינגאַנצן באַשלאָסן. נאָר דאַכט זיך, עס וואָלט געווען זייער גוט, וואַרט אויס...

סאָלטשע האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, וואָס איר פאָטער וועט זאָגן, נאָר ער האָט זיך נאָך אַלץ געקווענקלט.

— וואָס־זשע האָסטו געוואָלט זאָגן, טאַטע? — האָט זי ניעט אויסגעהאַלטן און געפרעגט.

— וואַרט אויס, דאַכט זיך, אַז עס איז דער בעסטער פּלאַן. יאָ, קיין אַנדער וועג איז נישטאָ. אַזוי מוז עס בלייבן. רעכן איך, זיסעלע, איך זאָל בעטן דיין מוזיק־לערער, ער זאָל מיט דיר מיט־פאָרן. וואָס זאָגסטו?

סאָלטשע איז איבערראַשט געוואָרן, וואָס דער פּלאַן איז ניעט איינגעפאַלן איר, נאָר איר פאָטער.

— וואָס איך זאָג? — פרעגסטו? קיין בעסערע זאַך האָסטו ניעט געקענט אויסטראַכטן.

— איך מיין אויך אַזוי. ה׳ לערנער איז דער פּאַסיקער מענטש. ערשטנס, קען מען זיך אויף אים פאַרלאָזן. דאַכט זיך, אַז אפילו די מאַמע וועט באַשטיין, — און מיר וועלן אַלע זיין רויק. און, צווייטנס, וועסטו קענען זיך פאַרנעמען מיט דיין מוזיק. דאָס אַליין וועט דיך ווילן.

— ווי אַזוי־זשע קען עס אָבער זיין? ער וועט דען אַוועקוואַרפן אַלע זיינע לעקציעס און פאָרן מיט מיר?

— אַלץ אויף מיינע הוצאות: די רייזע, דאָס לעבן אין אויס־לאַנד. פאַר זיינע אַלע לעקציעס וועל איך צאָלן. מיט איין וואָרט, אַלע קאָסטן. איך וועל פאַר אייך אויסשרייבן טשעקן אין אייניקע בענק און עס וועט אייך גאָרניעט פעלן. ה׳ לערנער קען דאָך אויס־לאַנד, ער האָט ליב דאָס דאָזיקע לעבן.

נאָך דעם איבערשמועסן זיך מיט איר פּאָטער, האָט סאַלטשע מיטאַמאָל אויפגעלעבט. איר פּאָטערס פּלאַן האָט זי באַגייסטערט און נייע געדאַנקען האָבן אָנגעהייבן בײַ איר פליען.

— מיט לערנערן צו פאָרן וועט זיין אַן אמת פאַרגעניגן. אַ גע־טרייער, ליבער אָרנטלעכער מענטש, וועלכן איך קען אַלץ פאַרטרויען, אַ גוטע נשמה און קיינער קען מיין צעבראָכן האַרץ נישט אַזוי גוט פאַרשטיין, ווי ער. אַ מענטש מיט אַ געזונטן פאַרשטאַנד און בליק אויף דעם לעבן. אַ מענטש מיט נערוון ווי שטריק. אַלץ איז בײַ אים געוויגן און געמאָסטן ווי אויף אַ גלייכגעוויכט, ווי אין מוזיק. אין מיין גרויסן אומגליק איז עס פאַר מיר אַ גליק. מיט אים וועל איך פאָרן! אָן אים און נאָר מיט זיך אַליין וואָלט איך דאָך דאָ משוגע געוואָרן. מיט אים וועל איך אפשר מינוטנווייז פאַרגעסן אין מיין אומגליק.

און ווידער האָבן אָנגעהייבן פליען אין איר מוח נייע געדאַנ־קען מיט פּלענער:

— פריער פאַר אַלעם וועלן מיר פאָרן קיין בערלין. איך מוז וויסן די אורזאַך פון מיין אומגליק, און אויב עס שטייט אַ פרוי צווישן מיר און דודן, דאַן וועלן מיר ביידע, איך און די פרוי ניט קאָנען לעבן. איינע פון אונדז וועט מוזן אָפּגעווישט ווערן פון דער וועלט.

די ווערטער האָט סאַלטשע געזאָגט פעסט און אַנטשלאָסן.

— ווען קיין פרוי איז אָבער נישטאָ, — האָט זי גערעדט צו זיך, — דאַן וועל איך גיין אויף אַלעם. אַבי זיין לעבן דודן, אַ פרוי, אַ דינסט, אָדער גאָר אַ חברטע, אַלץ איינס, אַבי לעבן אים! איך קאָן אָן אים נישט לעבן!

אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. אויף גיך האָט זי זיי אָפּגעווישט און ווידער עפּעס נייס איז איר געפלויגן אין קאָפּ אַריין.

— און אויב איך וועל אין דודס האַרץ גאָרנישט קאָנען גע־פינען און וועל נישט קאָנען לעבן אים בלייבן, דאַן וואַרף איך מיך אַריין אין דער מוזיק־וועלט. לערנער זאָגט, אַז איך האָב צו מוזיק גרויסע פעיקייטן, נאָר איך נוץ זיי ניט אויס, ווי עס באַדאַרף צו זיין. איצט אָבער, ווען ער פאָרט מיט מיר, וועט ער מיך אַריינ־פירן אין דער גרויסער מוזיקאַלישער וועלט, איך וועל זיך לערנען

שפילן בײַ די גרעסטע און באַרימטעסטע מוזיקאַלישע לערער, ווי לערנער האָט עס אַלעמאָל געטון.

ווידער לויפן אירע נײַע געדאַנקען אין קאָפּ. די הענט לאָזן זיך איר אַראָפּ און אַלע אירע פּלענער זענען זיך פּלוצים צעגאַנגען, ווי אַ רויך.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער — ווידער נײַע פּלענער.

ווער ווייסט, ווי ווײַט סאַלטשע וואָלט פאַרפלויגן אין אירע געדאַנקען, ווען איר פאָטער זאָל נישט געווען צוקומען צו איר:

— זיסעלע! איך האָב שוין איבערגערעדט מיט דער מאַמען. זי באַשטייט אויף דערויף, אַז דו זאָלסט פאָרן קיין אויסלאַנד מיט דײַן מוזיק-לערער. און אויב דו ווילסט פאָרן, שיק נאָך אים אין מײַן נאָמען, ער זאָל קומען צו מיר, וועלן מיר איבעררעדן.

סאַלטשע איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד, וואָס איר רצון ווערט אַזוי גיך דערפילט און זי האָט געענטפערט:

— באַלד, טאַטע, וועל איך שיקן נאָך אים.

ר' מאיר האָט דאָס ערשטע מאָל, זײַט דאָס אומגליק האָט אים געטראָפן, באַמערקט אַ צופרידנקייט אויף איר געזיכט און מיט דעם גאַנצן האַרצן האָט ער געלויבט דעם, וואָס לעבט אייביק, וואָס ער האָט אים אַרײַנגעשיקט אַ געדאַנק, אַז זיסעלע זאָל פאָרן קיין אויסלאַנד צוזאַמען מיט אַזאַ פאַרטרויטן מענטשן, ווי לערנער.

יב.

יעקב לערנער איז געווען בײַ זיך אינדערהיים. זײַן וווינונג איז באַשטאַנען פון אַ גרויס שיין צימער מיט דרײַ פענסטער, וואָס גייען אַרויס אין גאָרטן, און מיט איין פענסטער און אַ גלעזערנער טיר, וואָס עפענען זיך צו אַ ווערענדע, וואָס איז אַרומגעוואַקסן מיט בלעטער פון דער ערד ביז צום דאַך. ער האָט דאָס צימער געדונגען בײַ אַ נישט-רײַכער פאַמיליע, וועלכע האָט געהאַלטן די גאַנצע זומער-וווינונג און זיי האָבן אים אָפּגעגעבן דאָס בעסטע צימער.

מעבל אין צימער האָט זיך געפונען זייער ווייניק און פּראָסט: אַ שרײַב-טישל, עטלעכע בענקלעך, אַ שאַפקעלע אויף ביכער און אַ בעט.

דאָס צימער האָט נאָר באַשיינט זייער אַ שיינע פּיאַנאָ פון די

בעסטע און באַרימטעסטע פירמעס. דאָס מעבל האָט געהערט צו דער באַלעבאָסטע און די פּיאַנאָ איז געווען זיין אייגענע, וועלכע ער האָט ספּעציעל איבערגעפירט פון דער שטאָט אויף דער דאַטשע איבערן גאַנצן זומער, ווייל מיט דער פּיאַנאָ האָט ער זיך קיינמאָל נישט צעשיידט. זי איז זיין צווייטער „איך”, מיט וועלכער ער פלעגט פאַרברענגען מיט דער גרעסטער ליבשאַפט זיין פרייע צייט. זיינע באַקאַנטע מיידלעך פלעגן זיך מיט אים וווערטלען, אַז זיי וועלן אים אַרויסשיקן פון שווידער, ווייל מיט זיין פּיאַנאָ פאַרברענגט ער מער צייט, ווי מיט זיי. אַזעלכע יונגע לייט דאַרפן זיי נישט האָבן אין שווידער.

די גאַנצע געביידע, אין וועלכער לערנער האָט געוווינט, האָט זיך געפונען אין מיטן גאָרטן, אַרומגערינגלט מיט אַ סך ביימער, אַז מען האָט זי כמעט נישט אַרויסגעזען, און גאַנץ אָפט, ווען די שיינע קלאַנגען פלעגן זיך אַרויסגיסן אונטער זיינע פינגער, פלעגן זיך די דאַטשניקעס אַרומשטעלן לעבן פלויט און מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן הערן זיין שפּילן.

איצט האָבן זיך ביי אים אין צימער געפונען דריי פון זיינע שילערינס. צווישן זיי אויך די לאַכעדיקע, קליינינקע און שפּרינגענדיקע פעליע. זיי האָבן ביי אים איצט גענומען לעקציעס אין מוזיק.

בעת די לעקציעס האָט ער דאָס רוב ליב געהאַט נישט צו זיצן, נאָר ליגן אויף זיין שטענדיק צעקנייטשט בעט, אָן אַ רעקל און אָן אַ זשילעט. לערנערן האָט מען אַלץ מוחל געווען און ביי זיינע שילערינס איז עס אויסגעקומען נאַטירלעך. עס האָט קיינעם נישט שאָקירט. צווישן זיינע באַקאַנטע איז לערנערן געווען אַלץ דערלויבט און ער אַליין האָט זיך מיט קיין זאַך נישט גערעכנט. ער האָט זיך געלעבט פריי, אַזוי ווי אים האָט זיך געוואָלט און עס איז אים קיינמאָל נישט אָנגעגאַנגען, וואָס אַנדערע וועלן זאָגן. ער איז מיט קיין זאַך נישט געווען אָפּהענגיק פון יענעם. די וועלט איז געווען זיינע און ער האָט געקעניגט איבער איר, ווי אַזוי ער האָט פאַרשטאַנען און געוואָלט. גאַנץ אָפט פלעגט פאָרקומען, אַז פון אַ רייך הויז האָט מען אים איינגעלאַדן, ער זאָל געבן אַ לעקציע. פלעגט ער די איינלאַדונג איבערלאָזן אָן אַן ענטפער, ביז די רייכע מאַדאַם האָט געמוזט

אַליין קומען צו אים, און מען האָט עס אָנגענומען פאַר ליב, אַבי זיך רעכענען פאַר אַ שילערין פון דעם באַרימטן מוזיקער „יאַקוב לערנער“.

איצט איז ער געלעגן אויף דעם בעט אויסגעצויגן, ווי גרויס ער איז, מיט די הענט אַרויף. די מיידלעך זענען צוגעגאַנגען צו דער פיאַנאָ איינע נאָך דער צווייטער און פאַר זייער לערער אויסגעפירט די לעקציע.

און ווען לערנער האָט דערהערט אַ שלעכטן טאָן, אָדער אַ פעלער, פלעגט ער זיך אָנכאַפּן ביים קאָפּ און שרייען מיט אַ קול, ווי גלייך אויף אים איז אָנגעפאַלן אַ גזלן און שניידט אים מיט אַ שטומפּיק מעסער איבערן האַלדז. זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרימט, און ער פלעגט שרייען: — באָלוואַנעס, וואָס איר זייט! ווי קומט צו אייך מוזיק? אויף דעם מאַרק דאַרפט איר זיצן און פיש פאַרקויפן, נישט ביי דער פיאַנאָ! און ווי אַן אָפּגעבריטער איז ער אַראָפּגע־שפּרונגען פון בעט, צוגעלאָפן צו דער פיאַנאָ און שטייענדיק אויס־געקלאַפּט איבער די קלאַווישן די ריכטיקע טענער, וואָס די שילע־רינס האָבן געפעלשט. און ווען די שילערין האָט איבערגעחזרט איר שפּילן אָן פעלשונגען, איז ער געווען אויף דעם זיבעטן הימל און האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן.

אָפט מאָל, ווען ער פלעגט שרייען אויף די שילערינס ביי די לעקציעס פאַר זייער פעלשן, פלעגט ער אָנרופן אַלס ביישפּיל סאַלטשען:

— אָט, ווער עס האָט רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט מוזיק, ווייל סאַלטשע איז אינגאַנצן מוזיק.

בעת דער לעקציע, ווי לערנער זאָל נישט שריין, זידלען און געוואַלדעווען, האָבן די שילערינס געשוויגן. וויבאַלד אָבער די לעקציע האָט זיך געענדיקט, פלעגן אַלע קריכן אים אויפן קאָפּ, און זייער גאַנצע באַציונג צו אים איז נישט געווען, ווי צו אַ בייזן לע־רער, אַ בעל־כּעסן, נאָר ווי צו אַ גוטן איבערגעגעבענעם חבר און אָרענטלעכן מענטשן.

אַלע שילערינס האָבן אים ליב געהאַט, געווען מיט אים היי־מיש. זייער באַציונג צו אים איז קיינמאָל נישט געווען געקינסטלט מיט מער, אָדער ווייניקער קאָקעטעריי, ווי דער שטייגער איז פון

יינגע מיידלעך, און גלייכצייטיק האָבן זיי געהאַט פאַר אים אַ געוואַל־דיקן דרך־ארץ.

אַזאַ באַזונדערע באַציונג צו אים איז עפּעס געלעגן אין זיין אייגענער קראַפט, און זיין אויפפירונג צו מענטשן. זיין קראַפט איז באַשטאַנען אין זיין אמת, אין זיין אויפריכטיקייט. ער האָט נישט געוווסט, וואָס עס הייסט חניפה, וואָס עס הייסט פאַרשטעלן זיך און נישט זיין דאָס, וואָס מען איז. אַנדערש האָט ער נישט געקאָנט זיין. דערצו איז ער געווען פּראָסט, נישט נאָר אין זיין רעדן, נאָר אין זיין גאַנצן באַנעמען זיך, אפילו אין זיינע באַוועגונגען. די קליידער, וואָס ער פלעגט טראָגן, זענען אויף אים געהאָנגען פּראָסט, אָן קונצן און צו זיין שטאַרקער געזונטער פיגור האָט עס אים גראַדע גע־פּאַסט.

מיט דעם אַלעמען האָט ער געהאַט אַ ווירקונג אויף דעם צווייטן, אַז מען האָט אים געמוזט שעצן און ליב האָבן.

נאָך דער לעקציע פלעגן אָפט קומען צו אים זיינע שי־לערינס צו פאַרברענגען צוזאַמען. איצט איז אויך געקומען פעליע.

אין צימער האָבן זיך געוואַלגערט אויף פאַרשידענע ערטער אַלערליי נאָטן און ביכער, דערהויפּט וועגן מאַטעמאַטיק.

ער האָט ליב געהאַט צו לייענען ערנסטע ביכער, ווי איי־נער לייענט אַ שיינע דערציילונג. פעליע, זיין שילערין, האָט אים איצט געפונען ליגנדיק אין בעט, פאַרטיפט אין אַ מאַטעמאַטישן בוך. האָט זי אים געפרעגט:

— עפּעס לייענט איר אַ מאַטעמאַטיש בוך, ווי אַ שיינעם ראָ־מאַן. א'ר האָט אַפילו נישט געהערט, ווי איך בין אַריינגעקומען.

— איר האָט געטראָפן. איך לייען דאָס בוך מיט אַזאַ גרויסן אינטערעס, ווי איר זאָלט לייענען דעם אינטערעסאַנטסטן ראָמאַן.

פעליע האָט געצויגן מיט די פּלייצעס און געפרעגט:

— ווי קומט מאַטעמאַטיק צו אַ מוזיקער?

לערנער האָט געענטפערט מיט זיין שטיל געלעכטערל:

— ווען איר זאָלט זיין אַן אמתע מוזיקערין, וואָלט איר פאַר־שטאַנען, אַז גראַדע מוזיק האָט געוויסע באַציונגען מיט מאַטעמאַטיק, און בכלל דאַרפט איר וויסן, אַז דאָס איז אַזאַ וויסנשאַפט, וואָס יע־דער מענטש דאַרף עס קאָנען. אָן מאַטעמאַטיק קאָנט איר זיך בכלל נישט רירן אויף דער וועלט. נאַטירלעך, מיין איך הויכע מאַטעמאַטיק.

אַ, ווען איר זאָגן, עס לעבן אַזוי פיל מענטשן אָן הויכע מאַטעמאַ־טיק, — בלאָנדזשען זיי טאַקע דאָס גאַנצע לעבן אינדערפינסטער.

פעליע האָט זיך מיט איר גלעקל־קולכל שטאַרק אויסגעלאַכט פון אים:

— ווען מען זאָל מיך דערהרגענען, וואָלט איך זיך מיט מאַטע־מאַטיק נישט פאַרנומען. דאָס זענען אַזוינע נודנע ביכער.

די איבעריקע שילערינס האָבן זיך צעלאַכט.

— ווי פאַר ווערטער. צו מאַטעמאַטיק דאַרף מען האָבן באַזונדע־רע געבוירענע פעיקייטן, און ווער עס האָט זיי, איז דאָס ביי אים דאָס שענסטע לעזע־בוך, — האָט לערנער געזאָגט.

אין מיטן דעם שמועס האָט מען אים געבראַכט אַ צעטל פון סאַלטשען, אין וועלכן זי שרייבט אים:

„ווילער, גוטער ה׳ לערנער! מיין פאָטער בעט אייך זייער, איר זאָלט באַלד קומען צו אים. ער ברויך אייך נייטיק צו האָבן. און איך בעט אייך אויך, וואַרפט אַוועק אַלע אייערע מיידלעך, וואָס געפינען זיך געוויס איצטער ביי אייך אויף זייערע לעקציעס, און קומט באַלד צו אונדז.

אייער שילערין, סאַלטשע".

לערנער האָט מיט אַ שמייכל אָפּגעריסן אַ שטיקל פאַפּיר פון צעריסענע באָטן, וועלכע זענען צופעליק געלעגן נעבנטער צו אים, און האָט אָנגעשריבן די ווערטער אָן אַ טיטל, נאָר מיט אַן אונטער־שריפט, גאָרנישט מיינענדיק דערביי, נאָר גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, עס זאָל זיין וויניקער צו שרייבן:

„קיין מיידלעך האָב איך נישט אַוועקגעוואָרפן און וועל נישט אַוועקוואַרפן. זיי געפינען זיך איצט ביי מיר אין הויז און פאַר־ברענגען דאָ זייער גוט. זאָגט אייער פאָטער, אַז אָוונט־צייט וועל איך זיין ביי אייך

לערנער".

דאָס באַשריבענע שטיקל באָטן־פאַפּיר האָט ער אַריינגעלייגט אין אַ גרויסן קאָנווערט פון פאַקעטן, וואָס האָט זיך גראַדע געפונען אונטער דער האַנט. און ער האָט עס איבערגעגעבן דעם מענטשן, וואָס האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער.

יג.

פאַרנאַכט, ווען יעקב לערנער האָט זיך באַפרייט פון זיינע לעקציעס, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו ר׳ מאיר פיינזילבערס דאַטשע. און ערשט איצט האָט אים אָנגעהייבן צו אינטערעסירן: וואָס דאַרף אים ר׳ מאיר האָבן? ער האָט אָנגעהייבן טרעפן, אָבער דערנאָך האָט ער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— אַז מען ווייסט נישט, — האָט ער צו זיך געזאָגט, — וועט אַלץ קריכן אין מוח, נאָר נישט דאָס ריכטיקע. צו וואָס־זשע זאָל איך זיך אומזיסט ברעכן דעם קאָפּ? נאָך אַ פערטל שעה וועל איך וויסן

באַזונדערס האָט אים אינטערעסירט, וואָס נישט ר׳ מאיר האָט אים געשריבן, נאָר סאַלטשע.

— געוויס וויל סאַלטשע עפּעס פועלן ביי איר פאָטער, האָט זי אים איינגערעדט, מען זאָל שיקן נאָך מיר, איך זאָל איר מיטהעלפן, — האָט ער געטראַכט.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין הויז, האָט שוין ר׳ מאיר געוואַרט אויף דער וועראַנדע.

ער האָט אים געבעטן זיצן און אויף זיין פּנים האָט זיך אָנגערוקט אַן ערנסטקייט און אין זיינע אויגן האָט זיך באַוויזן זאָרג און טרויער, אַז נישט ווילנדיק האָט לערנער געפרעגט דערשראָקן:

— וואָס איז, ר׳ מאיר, אַזוינס געשען? — און ער האָט געבעטן אַנטשולדיקונג, וואָס ער האָט נישט געקאָנט קומען פריער.

— עס מאַכט נישט אויס, ה׳ לערנער, איך האָב גאָרנישט געמיינט, איר זאָלט אַוועקוואַרפן אייער אַרבעט און קומען צו מיר. איצט וועלן מיר קאָנען רויק זיך דורכרעדן וועגן אַן ענין, וואָס איז זייער וויכטיק פאַר מיר און באַזונדערס פאַר מיין זיסעלען.

ר׳ מאיר האָט אַ ביסל אָפּגעהוסט און אָנגעהייבן:

— איר ווייסט דאָך, ה׳ לערנער, דאָס אומגליק, וואָס האָט געטראָפן מיין טאָכטער און אונדז אַלעמען. איר ווייסט, ווי איך האָב ליב מיין טאָכטער. און וואָס איז שייך? יעדעס קינד איז ביי אַ טאַטן ליב און טייער, איך האָב ליב אַלע מיינע קינדער און בין גרייט פאַר זיי דאָס לעבן אַוועקצוגעבן. נאָר וואָס עס געהער זיך אָן צו מיין זיסעלען, איז אין לשער: זי איז ביי מיר די אויגן פון

קאָפּ. איך בין ביי מיר נישט אָפּגענאַרט, ווייל זי איז מיין קינד. אָבער איך מוז זאָגן, אַז אין גאַנץ פּוילן, איז נישטאָ אַזאַ געראָטענע טאָכטער, ווי מיין זיסעלע. מען קאָן דאָך מיט איר רעדן פון אַלעם אין דער וועלט, ווי מיט דעם גרעסטן מענטשן. זי איז דאָך מיט אַלע מעלות, און דערפאַר טאַקע, — האָט ר׳ מאיר אַ זיפץ געטון, — האָב איך פון איר שטענדיק פיל צרות.

— וואָס ווייסט איר, — האָט ער ווייטער געזיפצט — האָב איך שוין פון איר אויסגעשטאַנען? נישט אַלץ קאָן מען דעם צווייטן דער־ציילן, אפילו אַן אייגענעם און אַ גוטן פריינט, ווי איר.

ר׳ מאיר האָט געריבן זיין שטערן און ווידער אָנגעהייבן:

—און אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס איך האָב פון איר אַזוי פיל צרות געהאַט, איז זי מיר אַזוי טייער. מאָלט אייך, מען האָט מיר גערעדט די גרעסטע שידוכים פאַר איר און זי וואָלט שוין לאַנג גליקלעך געווען און איך וואָלט נחת געהאַט. הייסט גאָט אָבער אַנ־דערש און זי באַגעגנט זיך מיט דעם יונגן דאָקטאָר שטיינמאַן. זי האָט זייער געוואָלט דעם שידוך און דער יונגער מאַן אַליין האָט אויסגעזען, אַז ער פילט זיך גליקלעך, וואָס ער ווערט זיין מיין איידעם. און איך, פון מיין זייט, כאָטש איך האָב גערעכנט אַנדערש, נאָר קעגן יונגן מאַן האָב איך קיין שלעכטס נישט געקענט זאָגן. מען באַגעגנט ווייניק אַזעלכע יונגע לייט, כאָטש ער איז נישט אַזוי ווי איך האָב געוואָלט פאַר מיין טאָכטער. און ווידער איז עס דאָך אַ גאָט־זאַך, נישט דער מענטש אַליין טוט אַלץ, נאָר גאָט, בפרט נאָך ביי אַ שידוך. האָב איך מסכים געווען אין אַ גוטער מזלדיקער שעה. אָבער ווער האָט געקענט רעכענען אויף אַזאַ אומגליק? נאָר מסתמא איז דאָס אויך פון גאָט און מען מוז עס אָננעמען פאַר ליב

ר׳ מאיר האָט ווידער אָפּגעהוסט:

— וואָס זאָל איך אייך, ה׳ לערנער, אַ סך ברייען? עס איז פיל צו רעדן. איצט דאַרף איך זען, אַז גאָט זאָל איר געבן כוח אַלץ איבערצוטראָגן ביז זי וועט אין אַלעם פאַרגעסן און קומען צו זיך, ביז גאָט וועט העלפן, איך זאָל מיט איר קענען אַ שידוך טון. מיט איין וואָרט, ה׳ לערנער, וואָס זאָל איך אייך דאָ דערציילן? זי מוז אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, זיך אַ ביסל צעשטרייען און זיך באַרויקן, דאָ קען זי נישט בלייבן.

— יאָ, זי מוז אַוועקפאָרן, — האָט סאָלטשעס פאָטער ווידער

אָנגעהייבן, — און וואָס גיכער, איז בעסער. אפילו מאָרגנדיקן טאָג! נאָר ווי אַזוי לאָזט מען אַ קינד, בפרט נאָך אַ מיידל, אַליין פאָרן? עס איז דאָך נישט אויף איין טאָג! וואָלט איך אייך, ה׳ לערנער, געוואָלט בעטן, איר זאָלט מיט איר מיטפאָרן. דאָס איז מיר ערשט איינגעפאַלן. מיר אַלע און זענען מסכים דערויף... איך וואָלט אייך זייער דאַנקבאַר געווען.

לערנער האָט אין אָנהייב נישט פאַרשטאַנען די בקשה, וואָס מען האָט צו אים. ער האָט עפּעס אָנגעהייבן שטאַמלען, נאָר קיין גאַנץ וואָרט האָט ער נישט געקענט אַרויסלאָזן. און ערשט, ווען ר׳ מאיר האָט דאָס צווייטע מאָל איבערגעחזרט זיין בקשה, האָט לערנער אַ ציטער געטאָן און געפרעגט:

— וואָס הייסט, ווי אַזוי זאָל איך פאָרן?

ר׳ מאיר האָט אים משונהדיק אָנגעקוקט און געענטפערט:

— וואָס הייסט ווי אַזוי? איר וועט זיך איינפּאַקעווען און פאָרן מיט זיסעלען.

— און זי, אייער זיסעלע, מיין איך, איז אויך מסכים צו פאָרן?

—אוודאי, נאָר מיט אייך. ווען נישט, וואָלט איך מיט אייך נישט גערעדט. אָט גייט זי אַליין, וועט איר הערן זעלבסט פון איר!

סאַלטשע איז צוגעגאַנגען צו לערנערן און אים געפרעגט:

— נו, דער טאַטע האָט אייך שוין אוודאי דערציילט?

לערנער האָט זי אָנגעקוקט און געוואָלט עפּעס אַרויסלייענען פון איר געזיכט, נאָר ער האָט מער נישט באַמערקט, אַז פון זינט דער אומגליק האָט זי געטראָפן, האָט ער זי נישט געזען אַזוי אויפגעלייגט, ווי איצט.

— וואָס־זשע בלייבט, ה׳ לערנער? — האָט ר׳ מאיר געפרעגט.— פאָרט איר?

לערנער האָט געשוויגן און געפרווט עפּעס אַרויסרעדן, נאָר עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. אין אים האָט איצט געקאָכט ווי אין אַ קעסל, אין קאָפּ זענען געפלויגן טויזנטער געדאַנקען, ער האָט נישט געקענט קומען צו זיך, און מיט אַלע קרעפטן האָט ער זיך געהאַלטן אַזוי, אַז מען זאָל עס אין אים גאָרנישט דערקענען.

— איך רעכן, אַז מאָרגן זאָלן מיר קענען פאָרן? — האָט סאַלטשע זיך געווענדט מיט די ווערטער צו לערנערן.

דער מוזיק־לערער האָט זיך דערשראָקן און געפרעגט:

— וואָס הייסט, מאָרגן?

סאַלטשע האָט אַ שמייכל געטאָן.

— מאָרגן הייסט, אַז מיר וועלן זיך איינפּאַקן און פאָרן.

—אַזוי גיך?

— אָ, איך האָב דאָך פאַרגעסן: איר זענט דאָך שטענדיק אַ שווערע פור!

— ניין, אַז מען דאַרף פאָרן, פאָר איך, נאָר איצטער... אַזוי פּלוצים... אַזוי אומדערוואַרט... מאָרגן וועל איך אייך זאָגן, צי איך פאָר מיט אייך... — האָט דער מוזיק־לערער קוים אויסגערעדט און זיך אָפּגערוט, גלייך ווי ער האָט אָפּגעטאָן זייער אַ שווערע אַרבעט.

פון סאַלטשען איז מיטאַמאָל אַראָפּ איר גאַנצע פריילעכקייט און זי האָט רויק געפרעגט:

— וואָס איז עפּעס ביז מאָרגן? ווען איך ווייס, אַז איר פאָרט באַשטימט, וואָלט איך שוין גאַנץ פרי זיך אָנגעהייבן פּאַקעווען.

— ביז מאָרגן, איז דאָך נישט ווייט.

ר׳ מאיר, אַלס סוחר און פּראַקטישער מענטש, האָט מיט געציילטע, פאַרשטעלטע ווערטער געגעבן אָנצוהערן דעם מוזיק־לערער, אַז ער דאַרף זיך נישט זאָרגן וועגן דער מאַטעריעלער זייט, וואָס עס דאַרף קאָסטן אַזאַ גרויסע רייזע. און ער קאָן וועגן דעם זיין גאַנץ רויק.

לערנער, וואָס קיין אַנדערן וואָלט ער אַזאַ אָנצוהערעניש נישט מוחל געווען, איז ר׳ מאירס ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון אַ סוחר און פּראַקטישן מענטשן, פאַרבייגעגאַנגען. ער האָט נאָר געענטפערט:

— נישט וועגן דעם טראַכט איך. אויף הוצאות וועט זיך נאָך ביי מיר געפינען, נאָר איך וויל זיך באַטראַכטן ביז מאָרגן.

— נו, ביז מאָרגן איז נישט ווייט, — האָט ר׳ מאיר געזאָגט און זיך געזעגנט מיט דעם מוזיק־לערער.

אויף דער וועראַנדע איז געבליבן לערנער מיט סאַלטשען. לערנער האָט געשוויגן. סאַלטשע האָט אים מיט אַ פריינטלעכן שמייכל לאַנג אָנגעקוקט און דערנאָך זיך אָנגערופן, לאַכנדיק דערביי:

— איך גלויב, אַז עס ווייזט זיך אייך אויס, אַז איר דאַרפט זיך באַטראַכטן... איר זענט פּראָסט פויל זיך רירן פון אָרט. עפּעס אַ קלייניקייט פאַר אייך אַזאַ שווערע זאַך ווי פאָרן, אַז איר דאַרפט

באַר נאָך שלאָפן! איך פאַרזיכער אייך, אַז אין וואַגאָן וועט זיין גענוג פלאַץ פאַר אייך זיך אויסצוציען און איר וועט קאָנען שלאָפן דעם גאַנצן וועג, וואָס איז אַזוי שיין און אינטערעסאַנט.

— ניין, נישט דאָס, נישט דאָס! — האָט ער געענטפערט מיט אַ פנים פון אַ פאַרשולדיקטן, וואָס האָט אויף זיך אַ גרויס פאַרברעכן.

— עפעס זעט איר מיר היינט משונהדיק אויס? אַ פנים, אַז איר זענט אויך פול מיט סודות...

לערנער האָט נישט געענטפערט.

אויף דער וועראַנדע האָט מען געבראַכט פרוכטן. סאַלטשע האָט אים געפּטן עסן, ער האָט געגעסן איין באַר נאָך דער צווייטער, נישט רעדנדיק קיין וואָרט.

— אפשר זענט איר הונגעריק? וועל איך הייסן עפעס געבן.

— ניין איך וויל קיין פרוכטן אויך נישט! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, וואונדערנדיק זיך, וואָס ער האָט אַזוי פיל באַרן אויפגעגעסן, און אָפגערוקט פון זיך דעם טעלער מיט די פרוכטן.

ער האָט געפילט עפעס אַ מידקייט און האָט זיך געזעגנט מיט סאַלטשען און געזאָגט, אַז מאָרגן וועט ער געבן אַן ענטפער.

אין מיטן וועג צו זיך אַהיים האָט ער זיך פלוצים אומגעקוקט, אַז ער גייט נישט מיט דעם געוויינלעכן וועג. דאָס ערשטע מאָל האָט ער איבערגעלעבט אַזעלכע מינוטן. איינמאָל אין זיין לעבן איז אים פאָרגעקומען, אַז אַ מיידל איז אים געפעלן און האָט זיך געדרייט אַרום איר, פאַרברענגט מיט איר פיל צייט, געגאַנגען אָפט צוזאַמען אין טעאַטער. איבערגעזעסן ביי איר שעהענווייז. איינמאָל איז אים איינגעפאַלן חתונה האָבן מיט איר, אָבער עס האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט. ער געדענקט נישט, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהייבן זיין באַקאַנטשאַפט מיט דער מיידל און ווי אַזוי זי איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. דאַכט זיך אים, אַז זי איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן צו אירער אַ שוועסטער. מער האָט ער נישט געהערט פון איר און האָט פאַרגעסן. נאָר דאָס, וואָס ער האָט איצט איבערגעלעבט, האָט ער קיינמאָל נישט אַזוי געפילט.

ביי לערנערן האָבן זיך אָנגעהייבן ווייזן געפילן צו סאַלטשען באַר אַנדערע, ווי פריער, ווען זי איז נאָך געווען ביי אים אַ געראָטענע פּעיקע שילערין. ער האָט מער נישט געקענט זיין צו איר

גלייכגילטיק, ווען זיי זענען ביידע געזעסן ביי דער פּיאַנא און גע־שפּילט צוזאַמען.

פון איר באַנטקייט צו אים האָט ער פיל געליטן און וואָס פריינטלעכער זי איז געווען צו אים, זענען זיינע ליידן גרעסער גע־וואָרן. ער האָט ענדלעך דערפילט, אַז ער האָט זי ליב מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה און ער האָט נישט איינמאָל געטראַכט, אַז סוף כל סוף וועט ער זיך איבגאַנצן דערווייטערן פון איר. און ווי שטאַרק ער האָט זי ליב געהאַט, האָט ער פאַרמאָגט גענוג מוט, ער ער זאָל זיך קענען באַהערשן, ווען ער וועט נאָר איינמאָל ביי זיך באַשליסן, און איצט לייגט מען אים פאָר, ער זאָל פאָרן מיט איר צוזאַמען!

קיין גרעסער גליק, קיין בעסערע פרייד, קען פאַר אים נישט זיין, ווי שטענדיק פאַרברענגען מיט איר צוזאַמען, אָבער ער טאָר עס נישט טאָן, ער טאָר נישט פאָרן מיט איר! וואָרים שטענדיק טראָגן אין האַרצן טיף-טיף באַהאַלטן זיין גרויסע ליבע צו איר און קיינמאָל אָפּנהערציק זיך נישט אַרויסזאָגן וועגן דעם, נישט עפענען זיין האַרץ, דאָס האָט אפילו ער זיך נישט געפילט בכוח עס איבער־צולעבן. דאָס וואָלט פאַר אים געווען די גרעסטע אינקוויזיציע — ניין, — האָט ער געזאָגט, — זאָל זי זיך פאָרן געזונטערהייט אָן מיר, און ווען זי וועט דאָ בלייבן, וועל איך מוזן אַוועקפאָרן.

מיט די געדאַנקען איז ער געקומען אַהיים. די גאַנצע נאַכט האָט ער דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן שלעכט געשלאָפן. סאַל־טשע מיט איר גאַנצער שיינקייט און רייץ איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן.

נישט איינמאָל איז אים אויף די געדאַנקען אַרויפגעקומען: צו־וואָס זאָל ער טראַכטן, וואָס עס וועט זיין שפּעטער? וואָס די צייט קען נאָך ברענגען? דערווייל איז ער נאָך נישט אַלט, ער פילט זיך יונג און געזונט, און אַזאַ רייזע, אַזאַ לעבן אין אויסלאַנד אין גע־זעלשאַפט מיט סאַלטשען, איז דאָך דאָס גרעסטע פאַרגעניגן, דאָס גרעסטע גליק אין דער וועלט, און ווי קען מען נעמען אַזוי פיל מוט פון אַזאַ פאָרשלאָג זיך אָפּצוזאָגן! און ווען לערנער איז אַ שעה פאַרטאָג איינגעשלאָפן, איז ביי אים שוין כמעט באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער פאָרט מיט סאַלטשען און פאַנטאַזיעס האָבן אָנגעהייבן ביי אים זיך צו שפּילן: עס האָבן זיך אָנגעהייבן פאַר אים מאָלן די שענסטע

בילדער. זייער ערשטע רייזע וועט זיין גלייך קיין פאַריז, די שטאָט וועלכע עס געפעלט אים מער ווי אַלע שטעט אין דער וועלט. ער וועט שפּאַצירן מיט סאַלטשען איבער די פּאַריזער פּלעצער, וועלכע זענען די שענסטע אין דער וועלט. ער וועט אויסגיין מיט איר דעם גאַנצן לוווער, אויסשטודירן אַלע בילדער אין אַלע צייטן פון די גרעסטע מאַלער, און אַלע אַנדערע אויסשטעלונגען פון קונסט וועט ער מיט סאַלטשען נישט דורכלאָזן. זיי וועלן באַזוכן די גרויסע אָפּע-רע און דערנאָך וועלן זיי פאָרן קיין איטאַליע, ווו ער וועט סאַל-טשען באַקענען מיט די גרעסטע מוזיקער, מיט דער גאַנצער מוזיקאַ-לישער וועלט.

— אַזאַ שיינע רייזע וועט אפשר ברענגען דערצו, אַז סאַל-טשע וועט פאַרגעסן אין איר גרויסן אומגליק, און ווער ווייסט, וואָס די צייט קען ברענגען? ווער ווייסט?—אין לעבן קומט אַלץ פאָר.

די געדאַנקען האָבן זיך ביי אים אָנגעהייבן פּלאָנטערן און ער איז געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן.

נאָר ווען ער איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי, איז זיין ער-שטער געדאַנק געווען, אַז ער וועט נישט גיין צו ר׳ מאיר פיינזילבער געבן אַן ענטפער, מורא האָבנדיק, אַז ער וועט נישט אימשטאַנד זיין אָפּצוזאָגן. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו זיין שרייב-טישל און אָנגעשריבן די דאָזיקע עטלעכע ווערטער צו ר׳ מאירן:

— „צו מיין גרעסטן באַדויערן, קאָן איך אייער פאָרשלאַג איצט נישט אָננעמען, ווייל איך קאָן נישט איבערלאָזן מיינע שילער".

און ווען ער האָט זיך אונטערגעשריבן, האָט ער דערפילט, ווי אַ שווערער שטיין איז אים אַראָפּ פון די פּלייצעס.

ער האָט פאַר זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: עס קאָן אַנ-דערש נישט זיין! ער האָט דעם בריוו פאַרמאַכט און מיט דער דינסט פון זיין באַלעבאָסטע אָפּגעשיקט צו ר׳ מאיר פיינזילבער אויף זיין זומער-וווינונג.

ווען דער מוזיק-לערער זאָל געווען נאָכן אָפּשיקן דעם בריוו באַלד זיך אָנקוקן אין שפּיגל, וואָלט ער זיך קוים דערקענט: אַזוי קרענקליך האָט זיין געזיכט אויסגעזען.

ער איז געבליבן זיצן אויף דעם שטול לעבן שרייב-טיש מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, זיין קאָפּ האָט זיך אָנגעבויגן און ער האָט פון קיין זאַך מער נישט געטראַכט, נאָר עפּעס האָט אַ ריר געטון ביי

אים טיף אין האַרצן און פון זיינע אויגן האָט אַראָפּגעקאַפּעט אַ פּאָר טרערן.

ער האָט זיך פאַר זיך אַליין דערשראָקן. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער געוויינט.

ווען זיין באַלעבאָסטע האָט אים געבראַכט טיי, האָט זי זיך דערשראָקן פאַר אים.

— איר זענט קראַנק? — האָט זי אים גלייך געפרעגט.

— ניין, ניין, — האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שטול, — עס ווייזט זיך אייך אויס! און דערביי האָט ער געפרעגט, צי די דינסט, מיט וועלכער ער האָט געשיקט אַ בריוו, איז שוין צוריק געקומען.

יד.

פאַר ר׳ מאיר פיינזילבער איז דעם מוזיק לערערס אָפּזאָג געווען אַן אומדערוואַרטער קלאַפּ, וואָס האָט אים געטראָפן אויף אַ פאַרווונדעט אָרט, און אַלע זיינע פּלענער זענען מיטאַמאָל צעשטערט געוואָרן.

ער האָט אפילו נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדן וועגן דעם, זיך האַלטן אַן עצה. מיט סאַלטשען האָט ער נישט געקאָנט רעדן וועגן דעם. מיט זיין פרוי אַוודאי נישט: זי האָט נישט פאַרשטאַנען די שרעקלעכע לאַגע פון איר טאָכטער. איר, ווי אַ מוטער, האָט נאָר ווי געטון דאָס האַרץ פאַר איר טאָכטער. זי האָט אינדערשטיל געוויינט און האָט געלעבט מיט האָפענונג, אַז אַלץ וועט איבערגיין און איר טאָכטער וועט ווידער אַ כלה ווערן, נאָר שוין נישט פון דער־ווייטנס „פאַר אַ דייטש", נאָר זי וועט טון אַ לייטישן שידוך מיט איר גלייכן.

ר׳ מאיר האָט אַנדערש פאַרשטאַנען די לאַגע, פון וועלכער ער האָט נישט געהאַט קיין אויסוועג. ער האָט געוווסט איר פאַרגאַנגענהייט און מער אָדער ווייניקער געוווסט איר באַציונג צון גרינגעווסקיס הויז. ער האָט מורא געהאַט, זי זאָל בלייבן דאָ אַן איבעריקן טאָג. דאָרטן אין דעם הויז וועט מען נישט שלאָפן און ווער ווייסט, וואָס פאַר אַן אומגליק פאַר סאַלטשען קאָן זיך נאָך טרעפן, און ווי געפעלט ער זאָל נישט זיין, וועט שטענדיק דער אומגערעכטער זיין דער ייד.

סאַלטשע זאָל אַליין אַוועקפאָרן, אויף אַ לייגגערער צייט איז אוממעגלעך, און מיט וועמען זי זאָל פאָרן, איז, אויסער לערנערן, נישטאָ.

מיט אַ געדוונגענעם מענטשן טויג נישט. זי וועט דאַן אויך זיין עלנט און אַליין. נאָר מיט לערנערן וואָלט זי באַדאַרפט פאָרן, ער איז איר לערער, דער פריינט, צו וועלכן אַלע האָבן צוטרויען. און ער זאָגט זיך אָפּ.

די אַלע געדאַנקען האָבן געבויערט זיין מוח און ער האָט נישט געפונען קיין אויסוועג.

עס איז אים אין אָנהייב איינגעפאַלן, ער זאָל אינגאַנצן ליקווידירן זיינע געשעפטן און מיט זיין הויז־געזינד אויף שטענדיק זיך באַזעצן אין אויסלאַנד, וואָרים וואָס טויג אים זיין רייכטום, זיין גאַנץ לעבן, ווען זיין טאָכטערס לעבן איז אין געפאַר? צוליב וואָס לעבט ער, אַז נישט צוליב דעם גליק פון זיינע קינדער?

דער דאָזיקער פּלאַן איז אָבער ביי אים אינגאַנצן באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן. ווייל עס איז נאָר געווען גרינג צו זאָגן „ליקווידירן די געשעפטן", אָבער נישט אויסצופירן. הונדערטער פאַמיליעס, ביז עטלעכע הונדערט נפשות לעבן אַרום זיינע געשעפטן, און אַ חוץ דעם, איז עס פאַר אים זעלבסט אַ גרויסע ריזיקע.

נאָך פיל איבערטראַכטונגען האָט ער צו זיך גערופן סאַלטשען און אָן ווערטער איר איבערגעגעבן לערנערס ענטפער.

סאַלטשע האָט איבערגעלייענט, גאָרנישט זאָגנדיק דערביי איר פאָטער. זי האָט גוט פאַרשטאַנען איר פאָטערס טרויעריקע געדאַנקען, זי האָט נישט געהאַט פון וואָס צו רעדן מיט איר פאָטער, ווייל זיי האָבן געטראַכט וועגן איינס און דאָסזעלבע. נישט אומזיסט פלעגט מען זאָגן אויף סאַלטשען, אַז זי האָט דעם טאַטנס קאָפּ אויף זיך, און לערנער האָט אַמאָל געזאָגט סאַלטשען, אַז זי מיט איר פאָטער טראָגן איין קאָפּ און דערפאַר פאַרשטייען זיי זיך שטענדיק זייער גוט אָן ווערטער.

סאַלטשע האָט נאָר רויק געזאָגט איר פאָטער:

— איך וועל גיין צו לערנערן, איך וועל פרווון אים איבעררעדן, ער זאָל מיט מיר פאָרן.

— עס שאַדט נישט, אָבער נאָר מיט זיין גוטן ווילן, צופיל צורעדן טויג נישט...

— אוודאי מיט דעם גוטן ווילן, מיט געוואַלד וועל איך אים נישט נעמען.

ביים אַוועקגיין האָט ער איר געווונטשן ערפאָלג.

ווען סאַלטשע איז געקומען צו אים, אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר און באַקומען אַן ענטפער, אַז מען קאָן אַריינגיין, האָט זי געעפנט די טיר און געזען לערנערן אויסגעצויגן אויף זיין בעט, אַרומגעלייגט מיט ביכער, וועלכע ער האָט געלייענט.

ווען סאַלטשע האָט אים דערזען אין אַזאַ פּאָזע, איז זי געבליבן שטיין ביי דער טיר, אַ קלאַפּ געטון איין האַנט אין דער צווייטער, און אויסגעשריגן:

— קריכט שוין אַרויס פון בעט! איר וועט דאָ אַזוי פאַרשימלט ווערן. נעמט עפּעס מיט זיך און לאָמיר אַרויסגיין אין גאָרטן אונטערן הימל. אין דרויסן איז אַזוי שיין און אַזאַ גוטע לופט און איר פאָרעט זיך דאָ אין שטוב. איך בעט אייך, זאָגט מיר, לערנער, צו װאָס האָט איר, צו אַלדע גוטע יאָר, באַדאַרפט האָבן אַ זומער־וווינונג און זיך שלעפּן מיט אייער פּיאַנא, ווען איר ליגט שטענדיק אין בעט? איר וואָלט דאָך דאָסזעלבע מיט מער קאָמפאָרט געקאָנט אויספירן אין שטאָט? איז שטאָט איז דאַ בעסערע און ווייכערע בעטן.

לערנער איז מיט אַ געלעכטערל פויל אַראָפּגעקראָכן פון בעט, זיך אויסגעצויגן, געקנאַקט די ביינער און, אַרויסלאָזנדיק אַ לאַנגן געוויין, איז ער געבליבן שטיין אויף די פיס און ענדלעך געענטפערט שמייכלענדיק:

— אפשר זענט איר גערעכט. וואָס האָב איך מיט מיין פּיאַנא באַדאַרפט זיך שלעפּן אויף אַ זומער־וווינונג?

לערנער האָט אָנגעהייבן פויל און לאַנגזאַם צו שלעפּן אויף זיך אַ רעקל און בשום אופן נישט געקאָנט טרעפן מיט דער צווייטער האַנט אין אַרבל. האָט אים סאַלטשע מיט אַ געלעכטער געהאָלפן אָנטון און אים דורך דער וועראַנדע אַרויסגעשלעפּט אין גאָרטן.

און ווען זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערשטער באַנק, האָט לערנער געזאָגט, קוויקנדיק זיך מיט דער פרישער לופט:

— אַ מחיה דאָ, די לופט איז אַזוי גוט!

— ווער־זשע האָט אייך געבויט צו ליגן אין דער פּאַרשטיקטער שטוב-לופט?

— דאָרטן אין צימער איז אויך נישט שלעכט און דאָ איז נאָך בעסער.

— זאָגט מיר, לערנער, — איז סאַלטשע גלייך איבערגעגאַנגען צום ענין, צוליב וואָס זי איז געקומען, — זאָגט מיר, וואָס האָט איר פּלוצים מיטאַמאָל אָנגעהייבן שרייבן בריוולעך, ווען מיר זעען זיך עטלעכע מאָל אין טאָג.

אויף לערנערס געזיכט האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעגאָסן אַן ערנסטקייט און ער האָט אָנגעהייבן אומרויק צו זיצן אויף זיין אָרט.

— עס איז מיר שווער געווען אייער פֿאָטער אָפּצוזאָגן פֿאַר-זענלעך.

— נו, און מיר וועט אייך אויך שווער זיין אָפּצוזאָגן, ווען איך וועל אייך בעטן, זייער בעטן, איר זאָלט פֿאָרן מיט מיר?

— אויך שווער, — האָט ער שטיל געענטפֿערט.

אַ בלאַסקייט און אומרויקייט האָט זיך באַוויזן אויף סאַלטשעס פּנים.

— און ווי איז ביי אייך געבליבן, איר פֿאָרט מיט מיר?

— ניין.

— פֿאַרוואָס? שוין זשע צוליב אייערע שילערינס, ווי איר האָט געשריבן? דאָס איז נישט ריכטיק. איך קאָן אייך, אַזאַ תּירוץ קאָנט איר זאָגן אַן אַנדערער. פֿאַרוואָס זשע זאָלט איר זיך אָפּזאָגן פֿון אַזאַ רייזע מיט מיר?

ער האָט אַ מינוט געשוויגן און זי האָט אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין.

— איך האָב מורא פֿאַר אייך...

— פֿאַר מיר מורא!? — האָט זי מיט אַ האַלב געלעכטערל און מיט האַלב שרעק איבערגעפֿרעגט.

— יאָ, פֿאַר אייך האָב איך מורא, ווייל, ווי איך האָב אייך שוין נישט איינמאָל געזאָגט, איר זענט פֿאַר מיר אַ פֿרעמדע, וועל-כע איך קען נישט, און נישט קוקנדיק דערויף, וואָס איך קען איין און אייער הויז שוין אַ פּאָר יאָר, זענט איר פֿאַר מיר אַ רעטעניש וואָס איך קען נישט טרעפֿן. ביז איצט, ווייס איך נישט, וואָס האָט

איר אַזוי מורא פאַר סטאַשן, און פאַר דעם גאַנצן הויז פון די גרינעווסקיס. איך האָב באַמערקט, אז ווען איר דערזעט סטאַשן, אָדער איינעם פון גרינעווסקיס הויז, ווערט איר אַ דערציטערטע און אַנטלויפט. איך האָב אייך שוין איינמאָל געזאָגט, אַז איר זענט פול מיט סודות. איך האָב אויך אורזאַכן צו זאָגן, אַז אייער פאָטער ווייסט נאָך נישט אינגאַנצן פון אייערע סודות, נאָר פון אַ סך ווייסט ער געוויס, און איך ווייס גאָרנישט. גלויבט מיר, אַז מיט מיין גאַנצן לעבן וואָלט איך געוואָלט מיט אייך פאָרן, נאָר איך האָב פראָסט מורא. איר האָט פאַר זיך, ווייזט אויס, אַ באַזונדער וועלט און איך וויל אין אייער וועלט נישט אַרומגיין איז דער פינסטער און טאַפּן די ווענט.

— איר האָט שוין געענדיקט ? — האָט זי געפרעגט, נאָכדעם ווי זי האָט מיט געדולט אים אויסגעהערט ביז צום סוף.

— ניין, איך האָב נאָך נישט געענדיקט. עס איז דאָ נאָך אורזאַכן, פאַרוואָס איך קאָן מיט אייך נישט פאָרן, נאָר דאָס איז שוין מיינע פערזענלעכע סודות. יעדער מענטש האָט זיך זיינע סודות. איך האָב אויך מיינע סודות, איבער וואָס איך קאָן מיט אייך נישט מיטפאָרן.

אָבער לערנערס עקשנות איז באַלד געבראָכן געוואָרן. מיט דער גאַנצער קראַפט פון איר אויפריכטיקייט האָט אים סאַלטשע איבערצייגט, אַז ער מוז מיט איר פאָרן, אַז ער האָט זיך נישט פאַרוואָס צו שרעקן. זי האָט לאַנג גערעדט, און ער האָט זיך צו אירע רייד צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. ער איז געוואָרן אַלץ בלאַסער און ווייכער ביז ער האָט ענדלעך שטיל אַרויסגעזאָגט:

— איר האָט מיך באַזיגט. איך פאָר מיט אייך!

— גיט מיר די האַנט!

לערנער האָט איר דערלאַנגט די האַנט, וועלכע זי האָט שטאַרק געדריקט, און מיט שמחה איז זי אַוועק אָנצוזאָגן איר פאָטער די בשורה, אַז לערנער האָט איינגעשטימט צו פאָרן מיט איר.

ווען סאַלטשע זאָל אַליין פאָרן אָדער מיט אַן אַנדער יונגערמאַן, ווער ווייסט, וואָס מען וואָלט גערעדט. נאָר דערהערנדיק, אַז דער מוזיק-לערער, „יאַקוב לערנער״, פאָרט מיט איר, האָט קיינער נישט געוואַגט צו רעדן אַ שלעכט וואָרט. אפילו די באַוווסטע ספּלעט-

גיצעס אין שווידער האָבן געהאַלטן מויל, וויסנדיק, אַז דאָרט, ווו דער באַרימטער מוזיק-לערער איז דאָ, טאָר מען פאַר מענטשן קיין שלעכטס נישט רעדן, ווייל קיינער וועט זיי נישט גלויבן.

די נייס אין שווידער, אַז סאַלטשע מיט איר מוזיק-לערער פאָרן אַוועק, האָט אויך דערגרייכט צו די גרינעווסקיס אויף דעם באַרג, אין בלויען הויז.

פאַר פאַני יאַדוויגאַ גרינעווסקי איז סאַלטשעס רייזע געווען אומדערוואַרט, באַזונדערס פאַר סטאַשן און מיט איר אָפּפאָרן איז מיט-אַמאָל צעפאַלן געוואָרן אַלע זייערע פלענער. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אין אָנהייב אפילו פאָרשטעלן, וואָס איז דאָ אַזוינס פלוצים געשען, וואָס זי פאָרט אַוועק און דערצו נישט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט דעם מוזיק-לערער, צו וועלכן סטאַש האָט געפילט אַ געוואַלדיקע שנאה.

סטאַש איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ פאַרסמטער, אָן אַ קאָפּ. זיין מוטער האָט די ערשטע דאָס באַמערקט, אוּן ווי אַ געטרייע מוטער האָט זי אים געטרייסט:

— אירע עלטערן און די גאַנצע פאַמיליע פיינזילבער בלייבן דאָ, וועט סאַלטשע געוויס צוריקקומען אינגיכן.

— נאָר ווי אַזוי דערוויסט מען זיך, צוליב וואָס פאָרט זי און וווהין? עס איז אַלץ פאַר מיר אַזוי געוואָרן אומדערוואַרט, דאַכט זיך, אַז איך לאָז זי נישט אָפּ פון אויג. איך ווייס פון איר יעדן טריט און שריט, און פלוצים אַזאַ זאַך, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט דער-וואַרט. סאַלטשע האָט מיך שוין פאַרמוטשעט. מאַמע, עס מוז נעמען אַ סוף!

— באַרויק זיך, מיין קינד. מען מוז האָבן געדולד. די צייט וועט אַלץ אַנדערש אָנווייזן, וואָס מיר דאַרפן טון. זי פאָרט דאָך נישט אַוועק אויף אייביק, אפשר נאָר אויף עטלעכע טעג

— וואָס רעדסטו, מאַמע, אויף עטלעכע טעג? זי פאָרט דאָך קיין אויסלאַנד! ווען זי זאָל פאָרן ערגעץ אַנדערש ביי אונדז אין פוילן, וואָלט איך געווען רויק, נאָר קיין אויסלאַנד!..

— נו, וועט זיך זוימען אַ פאָר וואָכן, אָבער צוריק צו אירע עלטערן מוז זי דאָך קומען.

— איך וועל זי נישט אָפּלאָזן! עס מעג מיר קאָסטן מיין לעבן!

— באַרויִק זיך, מיין קינד! האָסט געמאַכט אַ פעלער, מוזטו אָפּקומען. הלוואי וואָלסטו געווען געפאָלגט אונדזער פריינט, דער פרומער יוזעפאַ! ביזט געגאַנגען מיט דיינע וועגן אויף דעם נייעם שטייגער. האָסט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן אין אויסלאַנד, נישט ברענגענדיק זי אין אונדזער הייליקן קלויסטער, נישט זאָרגן פאַר איר נשמה.

— הער שוין אויף, מאַמע. דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט.

— אָט האָסטו דיר אַ שיינעם דאַנק דיין מוטער, וואָס זאָרגט שטענדיק פאַר דיר און שלאָפט נישט קיין נעכט, און אַז עס קומט צו עפּעס, ווייסט די מאַמע נישט וואָס זי רעדט. איך האָב אַזוי נישט גערעדט מיט מיין מוטער.

— הער שוין אויף! דו דערציילסט מיר אַלץ וועגן דעם, וואָס עס וואָלט געווען! וואָס געוואָלט און געזאָלט, איז נישטאָ וואָס צו רעדן. עס איז פאַרפאַלן. דערצו בין איך היינט אַזוי אויפגערעגט, אַז איך ווייס אַליין נישט וואָס איך רעד. וועסט מיר מוחל זיין, מאַמע!

— טראַכט ווייניקער פון איר. דו זעסט דאָך אַליין, אַז עס איז פאַרפאַלן! דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב דיר געוואָלט אין אַלעמען מיטהעלפן. יוזעפאַ איז שוין געווען גרייט מיט אַלעמען.

סטאַש האָט מיט כעס איבערגעריסן אירע רייד.

— שוין ווידער וועגן דעם, וואָס האָט געזאָלט זיין! און הער מיר שוין אויף צו רעדן וועגן יוזעפאַן.

— איך זאָג עס אַקעגן דעם, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען דו וואָלסט אין סאַלטשען אינגאַנצן פאַרגעסן.

— ניין, דאָס קאָן נישט זיין און וועט נישט זיין! — האָט ער אויסגעשריגן און אויפגערעגט אַרויס פון שטוב.

טו.

אין שווידער האָט גע... די דאַטשניקעס, לײדיקגייער, וואָס האָבן נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט זייער צייט, האָבן צוגעקוקט ווי אויף אַ ספּעקטאַקל, ווי אַזוי דער מוזיק־לערער האָט געבראַכט אַ פור צו זיין זומער־וווינונג און מען האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט זיין פּיאַנאָ און זי איבערגעפירט צו ר׳ מאיר פיינזילבער אויף דער

זומער־ווינונג. אַ טייל פון זיינע שילערינס האָבן מיטגעהאָלפן שלעפּן די פּיאַנאָ, און זייערע מיידלשע געלעכטערס האָבן ווי זיל־בערנע גלעקלעך געקלונגען אין דער לופט.

באַזונדערס האָט אָפּגעטון מעשים די קליינע לעבעדיקע פעליע: זי האָט מיט איר געלעכטער אָנגעשטעקט אַנדערע און געשטערט די אַרבעט.

דער מוזיק־לערער האָט ווי שטענדיק געשמייכלט, און אַז פעַ־ליע זאָל נישט שטערן די אַרבעט, האָט ער זי ווי אַ קליין קינד אויפגעהייבן אין דער לופטן און אַנידערגעזעצט אויף דער פור. די געלעכטערס און קוויטשערייען האָבן דערגרייכט ביז צום הימל

דער עולם איז געווען פריילעך, ווי עס איז נאָר מעגלעך אויף אַ זומער־ווינונג, ווו יעדער פילט זיך פריי און אומגעשטערט, באַפרייט פון דעם פאַרשלאָסענעם שטאָטישן לעבן.

נאָך פריילעכער איז געווען אויף דער סטאַציע שווידער. דאָ האָט מען געוואַרט אויף דעם פּאָסט־צוג, וואָס דאַרף באַלד אָנקומען.

דאָ האָט זיך געפונען סאַלטשעס אין אַ דינעם וועג־מאַנטל און אין אַ העל איינפאַך היטעלע, און אַלע האָבן געפונען, אַז אַלץ, וואָס זי טראָגט איצט, פּאַסט איר זייער שיין. לעבן איר זענען געלעגן אַ פּאָר טשעמאָדאַנעס מיט עטלעכע גרויסע און קליינע פּעקלעך

אויף דער סטאַציע זענען אויך געווען סאַלטשעס עלטערן, אי־רע אַנדערע אייגענע, יעקב לערנער און נאָך פיל באַקאַנטע.

סאַלטשעס חברטעס און באַקאַנטע האָבן געבראַכט פיל בלומען.

די קליינע פעליע האָט אָנגעריסן ערגעץ אויף די פעלדער קווייטן פון אלערליי קאָלירן, געמאַכט אַ בוקעט, כמעט גרעסער ווי זי אַליין איז, און האָט דעם בוקעט דערלאַנגט איר מוזיק־לערער.

לערנער האָט גענומען דעם בוקעט און האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט אים. זיינע ביידע הענט זענען געווען פאַרנומען מיט דעם בוקעט און ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, ווי אַן אומגליקלעכער, וואָס בעט, מען זאָל אים העלפן. אָבער קיינער איז אים צו הילף נישט געקומען. זיין לאַגע האָט נאָר אַרויסגערופן ביי יעדן אַ געמיטלעכן געלעכטער.

ענדלעך האָט ער אַנידערגעלייגט זיין בוקעט אויף סאַלטשעס טשעמאָדאַנעס און האָט אָפּגעאָטעמט, גלייך ווי ער וואָלט זיך באַ־

פרייט פון אַ שווערער משא. דערביי האָט ער צוגעזאָגט פּעליען, אַז ער וועט דעם בוקעט פאַרפירן קיין אויסלאַנד

אַ טייל פון זיינע שילערינס האָבן אין די לאַצן פון זיין רעקל אריינגעשטעקט איינצלנע, נאָר שיינע פרישע בלומען.

אייניקע פון עולם און אפילו נאָנטע באַקאַנטע האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע איבערגעקוקט, גלייך ווי זיי זאָלן פרעגן: ווהין און צוליב וואָס ווארפן זיי אַוועק אין דער בעסטער זומער־צייט אַזאַ שיינע דאַטשע און מען פאָרט אַוועק? נאָר קיינער האָט נישט באַקומען קיין ענטפער.

איין זאַך האָט זיך נאָר געוואָרפן ביי יעדן אין די אויגן, אַז סאַלטשע האָט זיך מיטאַמאָל אינגאַנצן איבערגעביטן צום בעסערן, אַז פון זינט דער אומגליק האָט זי געטראָפן, זעט זי אויס איצט אַ סך פריילעכער און מוטיקער.

אַלע האָבן געפונען, אַז זי זעט איצט אויס אַ סך שענער, ווי אַמאָל.

יעדן האָט הנאה געטון, וואָס סאַלטשע זעט אויס גוט און האָט זיך בכלל איבערגעאַנדערשט, צוריק אַ מענטש געוואָרן.

אויף דער זומער־וווינונג האָט סאַלטשע איבערגעלאָזט נאָר פריינט, קיין שונאים האָט זי נישט געהאַט.

— זייער גלייך, וואָס זי הערט אים ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי — האָט זיך אָנגערופן אַ יונג ווייבל.

— וועגן וועמען רעדט איר דאָ? — האָט זי געפרעגט אַ מיידל.

— וועגן סאַלטשעס חתן רעד איך. אַזאַ בחור איז נישט ווערט זיין נאָמען. טויטערהייט האָט ער באַדאַרפט קומען צו דער חופה. איז ער נישט געקומען, מעג ער דאָרט נישט דערלעבן צו בלייבן.

— וואָס שעלט איר אַ פרעמדן מענטשן, וואָס איר קענט נישט?

— ער האָט עס פאַדינט און זייער גלייך, וואָס סאַלטשע האָט אים ווי אַ בייזע ווונד פאַרגעסן.

— אַ מאָדנער מענטש זענט איר! פון וואַנען ווייסט איר, אַז זי האָט אים פאַרגעסן?

—מען זעט דאָס אויף איר פנים. זי איז גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן.

אַ רעדל ווייבלעך און מיידלעך, וואָס האָבן געהערט דעם שמועס, זענען אויך אָנגעפאַלן אויף דעם חתן, וועלכן זיי האָבן נישט געקענט.

גאַנץ שווידער זענען אומבאַקאַנטערהייט געוואָרן בלוט-שונאים סאַלטשעס געוועזענעם חתן.

פון וואַלד האָט מען שוין געזען דעם רויך פון צוג. דער עולם האָט זיך אָנגעהייבן געזעגענען.

די עלטערן, אייגענע און פריינט, האָבן אָנגעהייבן זיך צו קושן מיט סאַלטשען.

די שילערינס האָבן אַרומגערינגלט זייער מוזיק-לערער, אַ פּאָר פון זיי האָבן אים מיטגעגעבן אויף דעם וועג זיסע זאַכן. און איין שילערין האָט געהאַט מוט אונטערצושפּרינגען און אָפן פאַר אַלע אַ קוש געבן דעם מוזיק-לערער, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פריילעך געלעכטער צווישן עולם.

לערנער האָט זיך נישט מיט קיינעם באַזונדער געזעגנט. ער האָט נאָר אַ שאָקל געטון מיט דעם קאָפּ צו דער גאַנצער סטאַציע שווידער, און מיט אַ שמייכל איז ער אַריין אין וואַגאָן צוזאַמען מיט סאַלטשען, וועלכע האָט פון פענצטער געפאָכעט מיט אַ ווייס טיכל צום עולם אַזוי לאַנג, ביז זי האָט נאָר געקאָנט זען די סטאַציע שווידער.

ווען דער צוג איז שוין אַוועק און אַ טייל עולם האָט זיך אָנ-געהייבן צוצוגיין, איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן סטאַש.

ער האָט זיך באַגעגנט מיט דער קליינער פעליע און זי גע-פרעגט:

— וואָס, שוין טאַקע אַוועקגעפאָרן? ווו איז זי געפאָרן?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן!

— און טאַקע מיט דעם מוזיק-לערער?

— יאָ, מיט אונדזער לערער.

פעליע האָט אים אַ ווײַלע נאָכגעקוקט און אויך אַוועק פון דער סטאַציע צוזאַמען מיט דעם עולם.

* *

אין אַ שעה אַרום איז דער פּאָסט-צוג אָנגעקומען אויף „וואַרשע-

ווינער-וואָקזאַל", ווו סאַלטשע מיט לערנערן זענען איבערגעגאַנגען אין קורירער-צוג, וואָס גייט גלייך צו דער גרענעץ.

פאַרנעמענדיק זייערע פּלעצער און צולייגט זייערע פּעקלעך, האָבן זיי זיך אין וואַגאָן איינגעאָרדנט.

סאַלטשע האָט איבערגעציילט אירע פּעקלעך און זיך באַרויקט, נאָר פּלוצים האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון:

— און ווו איז אייער באַגאַזש, ה' לערנע

— וואָסער באַגאַזש?-האָט ער געענטפערט.

— וואָס הייסט, וואָסער? איר פאָרט דאָך נישט אויף איין טאָג, האָט איר זיך מסתמא, ווי יעדער מענטש מיטגענומען באַגאַזש?

— אָט דאָס איז מיין באַגאַזש! — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ קליין לעדערן האַנט-רענצל.

— אט דאס איז גאָר? — האָט זי זיך געוווּנדערט. — וואָס קאָן דאָ זיין?

— וואָס הייסט, וואָס? אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן אין וועג, קאָן אַריין.

— איך בעט אייך, זאָגט מיר, וואָס האָט איר דאָרטן געקענט איינפּאַקן? — האָט זי געפרעגט מיט אַ געלעכטער.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף אין וועג: אַ פּאָר וועש, אַ בערשטל, אַ קעמל, אַ שטיקל זייף און אַ האַנטוך. וואָס נאָך דאַרף אַ מענטש? — האָט ער אויך געענטפערט מיט אַ געלעכטער.

ניין, לערנער, איך פרעג טאָקע ערנסט, שוין זשע מער נישט? אפשר האָט איר אַוועקגעגעבן אייערע זאַכן אין באַגאַזש?

— איך ענטפער אייך גאַנץ ערנסט, אַז אין דעם קליינעם רענצל געפינען זיך אַלע מיינע זאַכן, אין באַגאַזש האָב איך גאָר-נישט אַוועקגעגעבן, ווייל איך האָב אין מיין לעבן קיין באַגאַזש נישט געהאַט.

— איר זענט דאָך אַ מערקווירדיקער, משונהדיקער מענטש, ה' לערנער! ווי אַזוי לעבט דאָס אַזוי אַ מענטש? איך בעט אייך, זאָגט מיר, פאַרוואָס זענט איר אַזוי? פאַרוואָס לעבט איר נישט אַזוי, ווי אַלע מענטשן?

— פאַרוואָס, סאַלטשע, מיינט איר אַזוי וועגן מיר? פאַרוואָס טוט איר נישט אַ טראַכט, אפשר לעב איך נאָרמאַלער ווי איר, און

אַז נישט איך, נאָר איר זענט מערקווירדיקע מענטשן. איך פרעג אייך: וואָס דאַרפן מענטשן האָבן אַזוי פיל שמאַטעס? איז דען נישט בעסער, גרינגער, ביליקער און, אַז איר ווילט, קליגער אַזוי ווי איך פיר זיך? איך האָב מער נישט, נאָר דאָס, וואָס איך טראָג אויף זיך. ווערט מיין קאָסטיום אַלט, פאַרפלעקט, אָדער ער ניצט זיך אַ ביסל אָפּ, וואַרף איך אים אַוועק און קויף מיר אַ נייעם! און ווי איר ווייסט, גיי איך שטענדיק ריין און שיין געקליידט. דאָסגלייכן מיט די שיך, וועש, אַ קאַפּעלוש. דערצו קאָנט איר גלויבן, אַז מיר קאָסט קליידונג ביליקער, ווי אַן אַנדערן, וואָס האָט עטלעכע מלבושים אויף צו בייטן און ספּעציעלע שענק אויף צו האַלטן די קליידער.

סאַלטשע האָט זיך צעלאַכט.

— איר לאַכט. גלויבט מיר, אַז עס איז נאָר אַן איינרעדעניש, אַז אַ מענטש דאַרף האָבן אַ סך מלבושים און מען דינט צו זיי ווי אַמאָל צו געצנדינער. איך פאַרשטיי נישט דעם פאַרגעניגן, וואָס מענטשן האָבן דערפון, וואָס ביי זיי געפינען זיך גאַנצע שאַפעס מיט קליידער, וועלכע מען טוט אָן אַמאָל אין דער וואָך, אָדער אַמאָל אין חודש. דאָס קאָסט איבעריק געלט און מען מאַכט זיך ענג אין שטוב פון די איבעריקע שמאַטעס. דערמאָנט זיך, וויפל איבעריקע זאַכן געפינען זיך אין אייערע עלטערנס הויז, וואָס מען באַנוצט זיי כמעט נישט. איך פרעג אייך, וואָס פירט איר אַזוי פיל פעקלעך מיט זיך, אַ חוץ נאָך אַ גרויסן קאַסטן אין באַגאַזש? איר וועט דען אַלץ ניצן? איך בין זיכער, אַז ווען מיר וועלן זיין אין אויסלאַנד און איר וועט דערזען אַ נייע מאָדיש קלייד, וועט איר שוין אָט די אַלטע שמאַטעס, וואָס איר פירט מיט זיך, נישט וועלן טראָגן און וועט זיך קויפן דאָס נייע קלייד. היינט וואָס פירט איר אַזוי פיל זאַכן? וויפל קאָסט עס אייך אָפּ אומזיסטע געלט פאַר באַגאַזש מיט טרעגערס, וואָס וועלן שלעפּן פון איין צוג צום צווייטן? איר מוזט אייערע פעקלעך שטענדיק היטן, איר זענט שקלאַפן צו אייערע שמאַטעס, איר זענט אייער גאַנץ לעבן פאַרקויפט צו זיי. איז דען נישט גלייכער צו זיין אַ פרייער מענטש, ווי איך, וואָס איך האָב גאָרנישט מיט זיך? אי, טאָמער האָב איך איבעריק געלט, האָב איך עס אויך קיינמאָל נישט מיט זיך. איך בין שטענדיק אַ פרייער מענטש

און איר זענט שטענדיק אַ פּאַרקויפטע צו אייערע אָפּגעטער — די שמאַטעס.

— מיט אייך איז זיך שווער צו אַמפּערן, לערנער. נאָך אייע־רע רייד, קומט אויס, אַז איר זענט זייער גערעכט. נאָר בײַ מיר קומט איר אויס אַ ביסל משוגעוואַטע. לאָמיר אונדזער געשפּרעך אָפּ־לייגן אויף שפּעטער. אונדזער וועג איז נאָך לאַנג. מיר וועלן נאָך האָבן צייט צו רעדן. זעט נאָר בעסער ווי די פעלדער זעען איצט אַזוי שיין אויס און ווי אַלץ לעבט און אַרבעט!

און דערבײַ האָט זי אַרויסגעקוקט פון אָפענעם וואַגאָן־פענצ־טער און געזען, ווי אויף דעם וועג שטייען הונדערטער מענטשן, מענער, פרויען און דערוואַקסענע קינדער. מען שניידט דאָס נייע ברויט אויף די פעלדער און מען בינדט סנאָפּעס.

— אוי, לערנער, ווילט זיך מיר אין לעבן אויך עפּעס טון און וויסן צוליב וואָס איך לעב! — האָט סאַלטשע געזאָגט, אַרויסלאָזנדיק דערבײַ אַ לאַנגן זיפץ.

— און ווער לאָזט אייך ניט לעבן און ווער שטערט אייך צו אַרבעטן?

— און ווען איר זאָלט קענען אַ קוק טון, וואָס עס טוט זיך בײַ מיר אין האַרצן און ווען איר זאָלט קאָנען וויסן, וואָס איך האָב פאַרלוירן! אָ, איר ווייסט ניט, ווי גליקלעך איך בין געווען! צו מיין גליק איז קיין גלייכן ניט געווען! אַלע האָבן מיך מקנא געווען! אָ, ווען איר זאָלט אים כאָטש קענען, אַזוי ווי איך!

לערנער האָט געשוויגן. זיין געזיכט האָט זיך געביטן און מיט אַלע קרעפטן האָט ער זיך געהאַלטן אַזוי, אַז מען זאָל אויף אים ניט דערקענען, אַז ער ליידט אַזוי פון אירע רייד.

דער צוג איז געגאַנגען שנעל, אָבער רויק און שטיל געקלאַפּט צום טאַקט, פּונקט ווי זיין האַרץ. ער האָט ניט אויפגעהערט צו קוקן אויף סאַלטשען. ער האָט עפּעס געזוכט אין איר אַזוינס, וואָס זאָל אים ניט געפעלן, וואָס זאָל אין אים אַרויסרופן שנאה, נאָר זי איז געזעסן אויף איר פּלאַץ רויק און שטיל און האָט אויסגעזען רייצנדיק שיין און געקוקט אויף אים מיט קלוגע אומשולדיקע אויגן.

— ניין, — האָט ער געטראַכט, — זי איז אַ ווילדע, אַ לייטישע. זי טראַכט ניט וועגן מיר קיין שלעכטס. איך זע אין איר מיינעם אַ גרויסן איבערגעגעבענעם פריינט, היינט פאַרוואָס זאָל זיך אין מיר

אַרויסרופן שנאה צו איר? אמת, איך לייד זייער, נאָר וואָס איז זי שולדיק?

לערנער האָט פאַרשטיקט זיינע געפילן און מיטאַמאָל געוואָרן גוט צו איר, ווי צו אַ ליב שיין קינד. ער האָט זי אַנגענומען ביי איר שיינער צאַרטער האַנט און האָט געפרעגט:

— נו, סאַלטשע, וואוהין־זשע פאָרן מיר? אין עטלעכע שעה אַרום וועלן מיר זיין ביי דער גרענעץ. וואוהין־זשע זאָלן מיר נעמען בילעטן?

— וואָס הייסט וואוהין? — קיין בערלין!

לערנער האָט אַ שפרונג געטון, גלייך ער וואָלט געזעסן אויף הייסע קוילן.

— וואָס הייסט קיין בערלין? איר זענט פון זינען אַראָפּ, צי וואָס?

— איך מוז אים זען, איך מוז אים זען, איך מוז אַלץ וויסן! דערנאָך וועל איך זיך באַרויקן און וועל אייך אַלץ פאָלגן. וואָס פאַרשטייט איר נישט און קוקט מיך אָן מיט אַזוינע גרויסע שרעקלעכע אויגן.

— איך קוק אויף אייך מיט גרויס פאַרוואונדערונג. איר, סאַלטשע, אַזאַ שטאָלצע, זאָלט זיך קאָנען אַזוי אַראָפּלאָזן, אַזוי זיך דערנידעריקן און פאָרן צו אייער געוועזענעם חתן, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אייך און אַזוי פיל בזיונות געבראַכט פאַר אייך און פאַר אייער הויז. און איצטער ווילט איר זיך בעטן און זיך דערנידעריקן. זייט מיר מוחל, וואָס איך רעד אַזוי. איך פאַרשטיי אַנדערש נישט אייער אויפפירונג און איך רעד מיט אייך גאַנץ אָפן.

—יאָ, דערנידעריקן זיך! ביי אַזאַ פאַל זענען נישטאָ קיין שטאָלצע פרויען אויף דער וועלט. די פרוי מעג נישט נאָר זיין אַ טאָכטער פון דעם גביר ר׳ מאיר פיינזילבער, נאָר אפילו אַ פרינצעסין, אַ טאָכטער פון אַ גרויסן קעניג, וועט אויך, אין מיין לאַגע, ביי איר דער שטאָלץ פאַרלוירן גיין און זיך דערנידעריקן. איין האַרץ איז דאָ ביי אַלע פרויען. אַ פרויען־האַרץ איז שוואַך און קען זיך ביי אַזעלכע פאַלן נישט באַהערשן. מענער זענען שטאַרקער, זיי קענען זיך אפשר באַהערשן, אָבער נישט קיין פרוי. איר דאַרפט מיך פאַרשטיין, ה׳ לערנער, און מיך נישט באַשולדיקן.

— יאָ, אָבער איר מוזט דאָך אויך פאַרשטיין, אַז זיין אויס־

פירונג צו אייך איז נישט אַזוי פיין, וואָס פאַר אַ אורזאַכן עס זאָלן נישט זיין פון זיין נישט קענען קומען צו דער חופה.

—איך טראַכט נישט דערפון. איך קען דודן נישט פאַרשטיין און איך ווייס נישט. דערווייל האָב איך צו אים די בעסטע געפילן, ווי פריער. און דעריבער טאַקע וויל איך פריער פאַר אַלעם פאָרן קיין בערלין. איך האָב מער נישט קיין כוח געפיניקט צו ווערן. אָט דאָס וואָס איך ווייס נישט און אַלץ, וואָס איז פאַר מיר פאַרדעקט, שאַפט מיר די שרעקלעכסטע ליידן. וואָס עס זאָל אין בערלין נישט געשען, וועט מיר זיין אַ סך גרינגער. איך בעט אייך, לאָמיר נעמען בילעטן קיין בערלין!

אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. לערנערן האָט איצט באַנג געטון, וואָס ער האָט באַשלאָסן מיט איר מיטצופאָרן. נאָר עס איז שוין געווען פאַרפאַלן, אָבער באַלד פאָרן גלייך קיין בערלין, האָט ער באַשלאָסן אויף קיין פאַל נישט, עס מעג זיין וואָס עס וויל זיך. און אַנטשלאָסן האָט ער איר געזאָגט:

— עס איז ביי מיר געבליבן, איך זאָל אייך צוליב טון און פאָרן מיט אייך קיין בערלין, אָבער נישט באַלד, פריער ערגעץ אַנ־דערש: קיין פאַריז, איטאַליע, אין דער שווייץ און ווו איר ווילט. איך האָב אין בערלין באַקאַנטע, איך וויל זיך פריער דערוויסן וועגן אים. און ווידער, וואָס וועלן מיר פאָרן קיין בערלין, אפשר איז ער איצט דאָרטן נישטאָ? אפשר וועל איך פריער אַליין אַהין פאָרן און זיך אַלץ דערוויסן?

— ניין, ניין, אַליין אָן מיר וועל איך אייך נישט לאָזן פאָרן,— איז זי אים אַריינגעפאַלן אין די רייד. — אַנדערש קען נישט זיין, פיידן איר ווילט פאָרן אָן מיר.

- איך וואָלט עס געטון, — האָט סאַלטשע ווייטער גע־זאָגט, — נאָר איך האָב מיין פאָטער געגעבן דאָס וואָרט, איך זאָל אָן אייך אין ערגעץ נישט פאָרן. איך האָב קיין ברירה נישט און מוז אייך פאָלגן... נו, איצט זענט איר שוין צופרידן מיט מיר?

לערנער האָט נישט געענטפערט און טרויעריק געשוויגן. ער איז נישט געווען צופרידן דערמיט, וואָס זי האָט אים געפאָלגט נישט מיט דעם גוטן ווילן. זי איז פון אים געווען געצוווּנגען דער־צו. אַזאַ לאַגע איז לערנערן שווער געווען איבערצוטראָגן.

ער האָט נישט אויפגעהערט צו שווייגן און אַרויסקוקנדיק פון וואַגאָן־פענצטער, האָט ער מיט איין אויער געהערט, וואָס סאַלטשע האָט גערעדט וועגן זייער ווייטערדיקער רייזע.

— איך מיין, — האָט זי געזאָגט, — אַז מיר זאָלן פאָרן אין דער שווייץ. דאָרטן האָב איך פיל באַקאַנטע, דאָרטן איז פאָרגעקומען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דודן. ווי זאָגט איר?

— ביי מיר איז אַלץ איינס, וווהין איר ווילט, — האָט ער געענטפערט מיט אַ האַלב מויל, נישט אָפּקערנדיק דעם קאָפּ פון פענצטער.

סאַלטשע האָט אָנגעהייבן פילן זיך מיד פון די היינטיגע איבערלעבונגען און זי האָט זיך אָנגערופן צו לערנערן:

— איך וויל אַ ביסל איינדרעמלען. דער צוג וויגט אַזוי מחיה־דיק איין און איך בין אַזוי מיד!

ער האָט פאַר איר אַרויסגענומען פון אַ פּעקל אַ קליין קישעלע, און ווי אַ קליין קינד האָט ער איר געהאָלפן זיך אויסציען אויף דעם ווייכן דיוואַן.

עס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אירע טונקעלע לאַנגע ברעמען און זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

לערנער איז געזעסן אַקעגן איר און געקוקט, ווי דער אָטעם גייט שטיל און נאָרמאַל, ווי ביי אַ יונגן געזונטן מענטשן. פאַרשידענע געדאַנקען זענען אים געקומען אין קאָפּ וועגן סאַלטשען און וועגן זיך. גאַנץ שווידער מיט אַלע פריינט און באַקאַנטע זענען אים געשטאַנען פאַר די אויגן. אַלץ האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעלעבט, וואָס איז דאָרטן פאָרגעקומען אין די לעצטע פאַר וואָכן, ווי אַזוי מען האָט זיך געגרייט צו סאַלטשעס חתונה און וואָס עס איז דערנאָך געשען.

ער האָט אַ קוק געטון אויף סאַלטשען, אויף דער שלאָפנדיקער שיינהייט און מיט רחמנות געטראַכט

— פאַרוואָס קומט איר אַזוי צו ליידן, זי איז דאָך אַזוי יונג און שיין, זי וואָלט דאָך געקאָנט גליקלעך זיין, זי האָט דאָך ליב... ווער האָט געשטערט איר גליק? ווער דאַרף איר אומגליק?

און ווידער, טראַכטנדיק, האָט ער נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויף איר און געזאָגט:

— וואָס עס זאָל מיט דער צייט נישט פּאַרקומען צווישן אונדז, איך וועל זי אַליין נישט איבערלאָזן.

אין אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט זיך סאַלטשע אויפגעכאַפּט מיט צעשויבערטע האָר און מיט גערויטלטע בעקלעך.

זי האָט געריבן די אויגן און געפרעגט לערנערן:

— איך האָב לאַנג געשלאָפן? — אוי, ווי געשמאַק! איך פיל זיך אַזוי גוט און פריש!

— אַ האַלבע שעה זענט איר געשלאָפן!

— נישט מער? און מיר ווייזט זיך אויס שוין אַזוי לאַנג! — האָט זי געזאָגט צעפרידן און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר אויסגעשלאָפן מונטער פּנים.

— איך וואָלט עפּעס געטרונקען, — האָט סאַלטשע געזאָגט.

— דאָס איז זייער אַ גוטע זאַך, — האָט לערנער זיך אָנגערופן און איר פאַרגעלייגט אַריינגיין אין רעסטאָראַן-וואַגאָן.

דאָרט האָבן זיי געהייסן דערלאַנגען טיי.

אין דעם שיינעם, ליכטיקן וואַגאָן, מיט די לאַנגע גרויסע ווענט-פענצטער, ווו מען זעט די פעלדער-וועלדער-לאַנדשאַפטן פוןביידע זייטן, האָט סאַלטשע נאָך אויסגעזען שענער און גלענצנדיקער, ווי אין שמאָלן ענגן קופּע.

די רייזנדער, וואָס זענען געזעסן ביי די טישלעך, האָבן דאָס שיינע מיידל באַלד באַמערקט און נישט אויפגעהערט, ווער בגנבה און ווער אָפן, צו וואַרפן בליקן אין דער זייט, ווו לערנער מיט סאַל-טשען זענען געזעסן.

סאַלטשע, פון געוווינהייט צו אַזעלכע זאַכן, האָט זיך נישט אומגעקוקט און האָט זיך געהאַלטן איינפאַך, ווי גלייך אין וואַגאָן איז קיינער נישטאָ. נאָר לערנערן איז שווער געווען איבערצוטראָגן די פרעמדע בליקן, דאָך האָט אים געשמייכלט, וואָס ער איז דער באַ-גלייטער פון אַזאַ שיין מיידל.

לערנער איז איצט געווען ליב און גוט צו איר, אַז אין קיין זאַך וואָלט ער איצטער נישט געווען אומשטאַנד איר אין עטוואָס אָפּצוזאָגן. אפילו ווען זי זאָל איצטער פּלוצים אים בעטן, זיי זאָלן פאָרן קיין בערלין.

זי האָט אָבער וועגן דעם מער נישט גערעדט.

דער צוג האָט זיך אָנגעהייבן דערנענטערן צו דער גרענעץ.

און באַלד גאָכן טיי זענען זיי אַריין צוריק צו זיך אין וואַגאָן.

סאַלטשע האָט אָנגעהייבן זאָרגן, אַז ביי דער גרענעץ וועט מען אָנהייבן זוכן אין אירע פעקלעך, אַז זי וועט דערנאָך קיין זאַך נישט קענען געפינען.

— נו, פרעג איך אייך, האָט איר עס באַדאַרפט? ווי גוט מיר איז איצט, וואָס איך האָב נישט קיין פעקלעך. די גרענעצן הייבן זיך ערשט אָן! עס איז נישט די פריערדיקע יאָרן, וואָס מען פלעגט אָפּקומען מיט איינער, אָדער מיט צוויי גרענעצן. היינט, וואָס אַ גו־בערניע, וואָס אַ שטאָט, — איז אַ גרענעץ. אַזוי פיל מדינות איז היינט דאָ.

— פונדעסטוועגן בין איך אייך נישט מקנא!

— מיט וואָס?

— מיט דעם, וואָס איצט פעלט אייך אויך נישט קיין פעקלעך. איך אַליין בין אַ געגוג פעקל פאַר אייך, איר וועט שוין מסתמא אויך פאַר אַלע מיינע פעקלעך זאָרגן.

— נאָר דערפאַר פאָר איך מיט דעם שענסטן מיידל אין צוג. סאַלטשע האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

— דאָס ערשטע מאָל הער איך, איר זאָלט אַזוי רעדן וועגן אַ מיידל.

— וואָס־זשע? מען קען פון דעם אמת נישט אַוועקגיין. איר האָט באַמערקט, סאַלטשע, ווי אַזוי אין רעסטאָראַן האָבן אייך די מע־נער אויפגעגעסן מיט די אויגן?

זי האָט אַ מאַך געטון גלייכגילטיק מיט דער האַנט:

— עט, ווער קוקט זיך אום אויף מענער. זיי דערזעען אַ מיידל, קוקט מען, זאָלן זיי קוקן, וואָס אַרט עס מיר.

— אָבער פון קוקן צו קוקן איז נישט גלייך.

— מיין געשעפט? איך וועל די וועלט נישט איבערמאַכן, מיך אינטערעסירט עס ווייניק.

— און מיך האָט עס זייער אינטערעסירט.

— וואָס הער איך! — האָט זי זיך נאָך מער צעלאַכט. — שוין־זשע זענט איר געווען אייפערזיכטיק?

— פון איין זייט יאָ, נאָר פון דער צווייטער זייט האָט מיר הנאה געטון, וואָס זיי קוקן אַזוי אויף אייך און זענען מיך מקנא, וואָס איך בין דער באַגלייטער פון אַזאַ שיין מיידל.

סאַלטשע האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון לאַכן.

— אָט אַזוי, ה׳ לערנער, מיר געפעלט עס זייער. ענדלעך האָט איר אָנגעהייבן רעדן, ווי אַ יונגערמאַן. איך האָב קיינמאָל פון אייך אַזאַ רעדן נישט געהערט. מיר געפעלט עס זייער, ה׳ לערנער. כ׳וויל האָפן, — האָט זי ווייטער צוגעגעבן, — אַז אונדזער רייזע וועט פון אייך אַ נייעם מענטש מאַכן און איר וועט אויפהערן זיך אויפצופירן משונהדיק... אַ מענטש דאַרף זיין גלייך מיט אַלע.

— און פירן מיט זיך אַ סך שמאַטעס, — האָט לערנער צוגעגעבן.

אין אַזעלכע רייד צווישן צוויי יונגע מענטשן זענען זיי אָנגעקומען צו דער גרענעץ.

טז.

ווען זיי האָבן נאָך דער גרענעץ זיך איבערגעזעצט אין אַ נייעם צוג מיט זייערע צעוואָרפענע פעקלעך, האָט זיך סאַלטשע פריילעך אָנגערופן:

— איר ווייסט, לערנער, אַז איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, וואָס איר האָט מיך נישט געלאָזט פאָרן קיין בערלין? ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ נאַרישקייט איך וואָלט דאָרטן אָפּגעטון.

לערנער האָט זיך געפילט אויפן זיבעטן הימל, הערנדיק פון סאַלטשען אַזעלכע ווערטער.

דעם גאַנצן וועג איז מער נישט פאָרגעקומען צווישן זיי אַזעל-כעס, וואָס האָט געקאָנט ברענגען צו פאַרשידענע מיינונגען.

לערנער האָט אָנגעהייבן רעדן וועגן מוזיק, ווי אַזוי זיי וועלן זיך איינאָרדנען אויף זייערע נייע ערטער אין זייער רייזע, נאָר זי האָט געענטפערט:

— איך ווייס גאָרנישט... גאָרנישט... איך מוז פריער וועגן אַלץ וויסן. אין דער שווייץ, ווו עס איז פאָרגעקומען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דודן, האָב איך אַ סך באַקאַנטע. איך האָף, אַז פון זיי וועל איך זיך אַ סך דערוויסן, און דערנאָך וועלן מיר זען.

וואָס ווייטער זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער שווייץ, האָט סאַלטשע נאָכאַמאָל איבערגעלעבט יענע רייזע מיט אירע עלטערן קיין אויסלאַנד

זיי האָבן זיך אין אָנהייב באַזעצט אין דער שטענדיק ריקער שטאָט באַזעל, אָבער נאָך דער מלחמה איז באַזעל אויך געוואָרן אַ רוישיקע שטאָט פון די פיל אָנגעלאָפענע נייע איינוווינער פון די מלחמה-לענדער, וואָס האָבן זיך דאָרט ציטווייליק באַזעצט.

דאָ, אין באַזעל, האָבן זיך געפונען אַ סך יידישע פאַמיליעס פון פאַרשידענע לענדער, דערהויפּט פאַרמעגלעכע.

די פיינזילבערס האָבן באַלד באַקומען פיל באַקאַנטע יידישע פאַמיליעס, מיט וועלכע מען איז באַפריינדעט געוואָרן.

אין אַ קורצער צייט האָט סאַלטשע דאָ געהאַט אויך פיל באַקאַנטע צווישן דער יידישער יוגנט, סטודענטן און יונגע דאָקטוירים. זי האָט זיך אויך דאָ באַפריינדעט מיט אייניקע יידישע מיידלעך. אַ טייל האָבן שטודירט און אַ טייל — קינדער פון רייכע עלטערן.

מיטאַמאָל איז זי דאָן אַריינגעפאַלן אין אַ יידישער אינטעליגענטער געזעלשאַפט, וועלכע איז געווען פאַר איר אינגאַנצן נייַ.

עפּעס האָט זי געפונען פאַר זיך אַ ניי לעבן, וואָס זי האָט עס אינדערהיים קיינמאָל נישט געזען.

זי האָט נישט געזען נישט קיין פרומע חסידים און נישט קיין פּאָליאַקן, צווישן וועלכע זי האָט פאַרבראַכט אירע אַלע יאָרן.

איר געזעלשאַפט איז באַשטאַנען כמעט נאָר פון יידן, בעסערע און ערגערע, נאָר יידן.

אין דער ערשטער צייט האָט זי מיט דער פּוילישער שפּראַך און דערציונג זיך געשפּירט פרעמד. זי האָט דאָ, ערשטנס, זיך גענומען לערנען די דייטשע שפּראַך, און דערווייל איז זי אויסגעקומען מיט איר יידיש רעדן, ווייל צו איר גרויס פאַרוווּנדערונג, האָבן אַלע אירע באַנטע, נישט קוקנדיק אויף זייער בילדונג און אפילו די, וואָס האָבן באַקומען הויכע בילדונג, נישט שעמענדיק זיך, גערעדט יידיש.

ביי איר איז דאָס געווען גאַנץ ניי, ווייל זי, ווי אויך אירע יידישע חברטעס פון דער גימנאַזיע, מיט וועלכע זי האָט צוזאַמען געלערנט, האָבן קיינמאָל קיין יידיש נישט גערעדט. אפילו מיט אייגענע עלטערן האָט מען אויך גערעדט נאָר פּויליש. יידיש האָבן גערעדט צווישן זיך נאָר פרומע אָדער פּראָסטע יידן, אָבער צווישן אינטעליגענטע יידן האָט מען גערעדט אויף אַלע שפּראַכן, נאָר נישט יידיש.

אַ נייע וועלט האָט סאָלטשע דאָ געפונען, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען פרעמד און כמעט שטום.

עפּעס האָט מען דאָ גערעדט פון אַנדערע ענינים, מיט וועלכע זי האָט זיך שטענדיק אַזוי ווייניק אינטערעסירט.

מען האָט דאָ גערעדט און זיך געקאָכט וועגן נייע אומגליקן, וואָס גיסן זיך כסדר אויס אויף יידן. פון פאַרשידענע שטעדט אין רוסלאַנד און אַנדערע לענדער שיקט מען אַרויס יידן פון זייערע לאַנג־יאָריקע איינגעזעסענע ערטער, מען מאַכט אויף יידן בלבולים, און זי, סאָלטשע, האָט געוווינט אין וואַרשע, האָט אַזוי ווייניק געוווסט דערפון. עס האָט איר ווייניק אינטערעסירט. צו איר רייכן פאָטער האָט קיין שום שלעכטס נישט דערגרייכט. אַ דאַנק זיין רייכטום, האָבן די פּריצים, מיט וועלכע ער האָט געהאַט געשעפטן, זייער גוט געלעבט, זיין געלט האָט אים געשיצט פון אַלעם שלעכטן און צו זיין פאַמיליע האָט גאָר קיין שום שלעכטס נישט דערגרייכט און קיין זאַך האָט נישט געשטערט זיי זאָלן לעבן רויק.

ווען מען פלעגט קומען צו איר פאָטער נאָך הילף פאַר אָרעמע אומגליקלעכע יידן, האָט ער קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט און געגעבן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גביר. היינט וואָס נאָך האָט מען געקאָנט טון?

דאָ, אין באַזעל, און אין דער גאַנצער שווייץ זענען זיך אָנגעלאָפן יידן רייכע, יידן אָרעמע, אומגליקלעכע פון לויפעניש. איבער דער וועלט־מלחמה זענען צעטיילט געוואָרן גאַנצע פאַמיליעס און איינער פון דעם צווייטן האָט נישט געוווסט.

אין יעדער שטאָט אָדער שטעטל, ווו עס זענען אַריינגעקומען זיי מיליטער אָדער ווו מען האָט באַדאַרפט אַנטלויפן פון שונא, האָט מען געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן, צעראַבירט יידיש פאַרמעגן און געשענדט יידישע טעכטער.

פון יעדע אַזעלכע נייס האָבן די יידן אויפגעציטערט. מען האָט געקליבן געלט, מען האָט געמאַכט קאָנצערטן און בעלער פאַר וווילטעטיקע צוועקן, און די יידישע יוגנט, פאַרמעגלעכע און זעלבסט נויטבאַדאַרפטיקע, האָבן געאַרבעט אין דעם, אַוועקגעגעבן זייער גאַנצע צייט, און מיט יונגן ברען אַוועקגעגעבן, און פאַרשידענע הילפס־קאָמיטעטן געגרינדעט.

אַלע יידן, יונג און אַלט, רייך און אָרעם, האָבן געהאַט אַרבעט און געווען באַשעפטיקט אין דער דאָזיקער אומרויקער אומגליק־

לעכער צייט, נאָר סאַלטשע האָט זיך אַרומגעדרייט אָן אַרבעט. זי האָט אָנגעהייבן אויך וועלן זיך נעמען צו דער אַרבעט, גלייך ווי אירע נייע חברים און חברטעס, אָבער זי איז געווען פרעמד און נישט צוגעוויינט דערצו. זי האָט נאָר געגעבן געלט, ווען מען איז געקומען צו איר פון פאַרשידענע קאָמיטעטן. איר פאָטער האָט אויך געגעבן און קיינעם נישט אָפּגעזאָגט, היינט וואָס נאָך?

סאַלטשע האָט צוגעזען, ווי אירע נייע באַקאַנטע צווישן דער יוגנט לויפן, רעשן, זענען שטענדיק פאַרנומען. מען זעט, אַז זיי לעבן! און איר, סאַלטשען, איז אַזוי לאַנגווייליק, צו קיין זאַך האָט זי אין דעם היגן יידישן לעבן נישט קיין אינטערעס און האָט נישט געוווסט וואָס צו טון מיט איר צייט, און נישט איינמאָל פלעגט זי צו זיך זאָגן: „איך וואָלט אויך געוואָלט זיין אַזוי, און איך ווייס נישט, ווי אַזוי!”

אין דעם האָטעל, ווו אירע עלטערן האָבן געוווינט, האָט זיך אויך געפונען אַ רייכע פאַמיליע פון קיעוו, גרינפעלד, האָט זי זיך באַפריינדעט מיט זייערס אַ מיידל אין אירע יאָרן, וועלכע מען האָט גערופן אידאַ, פלעגט איר סאַלטשע נישט איינמאָל זאָגן:

— אידאַ, איך וואָלט אויך געוואָלט זיין אַזוי, ווי איר. איר זענט שטענדיק באַשעפטיקט, איר טוט עפּעס, איר זענט שטענדיק פאַרנומען, איר לעבט! איך בין אייך אמת מקנא.

אידאַ האָט זי מיט פאַרוואונדערונג אָנגעקוקט און געענטפערט

וואָס איז דאָ מיך מקנא צו זיין, איר קענט דאָסזעלבע טון, וואָס איך. אַרבעט איז דאָ אזוי פיל, אַזוי פיל!

— איך קאָן נישט, איך קאָן נישט, — האָט זי געזאָגט אין פאַרצווייפלונג, — יעדע אַרבעט, בפרט אַזאַ אַרבעט, פאָדערט נשמה און ביי מיר איז זי נישטאָ... איר זענט עפּעס אַנדערש.

אידאַ האָט זי אָנגעקוקט ווי אַ קאַפּריזנע רייכע בת־יחידה און איר דערויף נישט געענטפערט.

זיצנדיק איינמאָל אַזוי אַליין, האָט סאַלטשע באַקומען עטלעכע בריוו אויף איר נאָמען פון אייגענע און באַקאַנטע. צווישן זיי האָט זי אויך געפונען אַ בריוו פון איר סטאַשן, ווו ער שרייבט פול מיט ליבע און בענקעניש צו איר און ער פרעגט אָן, ווען וועט זי שוין אַמאָל קומען צוריק אַהיים, קיין פוילן.

סאַלטשע האָט דאָס ערשטע מאָל גלייכגילטיק איבערגעלייענט

זיין בריוו. לאַנג האָט זי איצטער געטראַכט וועגן סטאַשן און דער־נאָך אַוועקגעלייגט זיין בריוו אין אַ זייט און מיט אַ שטילן זיפץ גע־זאָגט

— ער איז מיר פרעמד.

אין דעמזעלבן טאָג איז ר׳ מאיר אַריין צו זיין טאכטער מיט אַ פּאָר בילעטן און געזאָגט:

— נאָר וואס איז מען ביי מיר געווען פון אַ הילפס־קאָמיטעט און מען האָט מיר געבראַכט בילעטן. ווערסט אפשר גיין מאָרגן אויף דעם באַל? געלט האָב איך באַצאָלט גענוג, זיי זענען אַוועקגעגאַנגען פון מיר צופרי׳דן.

— זייער גוט, — האָט זי געזאָגט, — נאָר צו איך וועל גיין, ווייס איך נישט.

— פאַרוואָס נישט?

— אפשר יאָ, איך וועל זען.

און ווען איר פאָטער איז איצט אַרויס פון איר צימער, האָט זי אים לאַנג נאָכגעקוקט און געזאָגט:

— ער איז מיר אויך פרעמד... איך פיל זיך עלנט און בין איינע אַליין..

דערנאָך האָט זי אָנגעהייבן טראַכטן, צי זאָל זי יאָ גיין, אָדער נישט אויף דעם באַל.

דערווייל איז אָנגעקומען איר מוטער און איר אָנגעהייבן איינ־רעדן, זי זאָל גיין.

— פאַרוואָס זאָלסטו נישט וועלן גיין. עס איז דאָך אַ יידישער באַל.

— איך ווייס, איך וואָלט געגאַנגען, נאָר עפּעס פיל איך זיך נישט גוט אויף אַזעלכע אָוונטן.

אוודאי אויף אַ פּוילישן באַל אין וואַרשע וואָלסטו זיך בע־סער געפילט, וואָלסטו אַהינגעלאָפן... דאָ איז דאָך אַ יידישער באַל, שטייט דיר נישט אָן? — האָט איר מוטער געזאָגט מיט פאַרדראָס.

— ניין, מאַמע, אומזיסט מאַכסטו מיר פאָרוורפן און שטעכסט מיך מיט דיינע ווערטער. אין וואַרשע וואָלטן דיינע שטעכווערטער אפשר געפּאַסט, נאָר נישט דאָ. פון נישט וועלן גיין איז קיין רייד נישט. איך וואָלט געגאַנגען אַהין מיט פאַרגעניגן, נאָר איך פיל זיך עפּעס נישט גוט דאָרטן.

— פאַרוואָס און מיט וואָס אַ שטייגער?—האָט די מאַמע זי באַ־שיט מיט פראַגן.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן? אָט, למשל, אפילו מיט דעם: דאָרט גייען אַלע מיידלעך אָנגעטון פראָסט, אייגפאַך. און איך גיי אויף אַזאַ אָוונט צו עלעגאַנט און וואַרף זיך יעדן אין די אויגן.

— דו ווילסט זאָגן, אַז דו ביזט צו אַ שיין מיידל, מיט פוי־לישע פריצישע מאַניערן... דעריבער קוקן אַלע אויף דיר!—האָט די מאַ־מע מיט שטאָלץ איבער איר גראָטעסקער טאָכטער געזאָגט, שמייכ־לענדיק.

— ניין, מאַמע, איך טראַכט גאָרנישט וועגן דעם, איך וויל נאָר זאָגן, אַז איך קאָן נישט גיין, ווייל איך האָב נישט וואָס אָנ־צוטון.

— אַ בראָך צו מיר! — האָט די מוטער אויסגעשריגן. — צוויי קאַסטנס מיט די טייערסטע קליידער, און דו האָסט נישט וואָס אָנ־צוטון

— אָט דאָס איז טאַקע דער אומגליק, וואָס זיי זענען צו טיי־ערע. וואָס ווילסטו, איך זאָל אָנטון דעקאָלטע אויף דעם באַל, אָדער האַלב נאַקעט, ווי אין וואַרשע אויף די פוילישע בעלער און קאָנ־צערטן?

— דאָס איז זייער שיין פון דיין זייט, וואָס דו ווייסט זיך ווי אויפצופירן. דערויף האָט דאָך זיין ליבער נאָמען מיך געבענטשט מיט אַ קלוגער שיינער טאָכטער. איך גלויב אָבער, אַז אין דיינע צוויי קאַסטנס קליידער וועט מען נאָך געפינען איין קלייד, אין וועלכן דו וועסט קאָנען גיין אויף דעם אָוונט.

און דער געשפרעך, ווען זי איז געווען צום ערשטן מאָל מיט די עלטערן אין דער שווייץ, בעת דער מלחמה, האָט זיך ווייטער געפירט:

— נו, גוט, וועסטו שוין גיין אויף דעם באַל?

—אַז איך וועל נאָר האָבן וואָס אָנצוטון, וועל איך גיין.

— רבונו של עולם! אייביק זאָלסטו, מיין טאָכטער, זיין אַזוי נאַקעט ווי איצטער, געהערט אַ ביסל? זי האָט נישט וואָס אָנצוטון! אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן אַזאַ נישט אָנטון! קום מיט מיר, וועלן מיר עפענען די קאַסטנס, וועט מען אפשר געפינען פאַר דיר עפעס אָנצוטון, — האָט סאַלטשעס מוטער גערעדט מיט אי־

ראָניע, — און אויב נישט, וועט מען ביז מאָרגן נאָך קאָנען אויפנייען פאַר דיר אַ ניי קלײדל, ווי דיר וועט געפעלן!

— איך וועל נישט נייען קיין ניי קלײדל. מאַמע, איך וועל שוין עפּעס געפינען.

— אַ רחמנות, נעבעך! — האָט די מוטער געשאָקלט מיט דעם קאָפּ און זי נאָכגעקרימט און איז אַוועקגעגאַנגען.

פאַרנאַכט,ביים שפּאַציר, האָט זיך סאַלטשע באַגעגנט מיט אידען, וועלכע, דערזעענדיק זי, איז זי איר געלאָפן אַנטקעגן מיט דער גרעסטער פרייד.

— אוי, סאַלטשע, וועט מאָרגן זיין אַ שיינער באַל! אַלע ביילעטן זענען פאַרקויפט. עס וועט בלייבן אַ סך געלט. דו וועסט אוודאי אויך גיין.

— אפשר וועל איך גיין.

— וואָס איז פאַר אַ אפשר? ווער וועט דאַרפן נישט זיין? דער באַל וועט זיין זייער אַן אינטערעסאַנטער.

— מיט וואָס?

— ערשטנס, וועלן אַרויסטרעטן די בעסטע שפּילער, און, צווייטנס, וועלן זיין טענץ ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— אייערע טענץ זענען ביי מיר נישט אַזאַ אַנטיק, — האָט סאַלטשע געזאָגט.

— יאָ, איך האָב טאַקע באַמערקט, אַז ווען מיר זענען דאָס פאָריקע מאָל געווען אויף אַן אָוונט, האָסטו אַזוי ווייניק געטאַנצט, כאָטש עס האָבן דיר נישט געפעלט קיין יונגע לייט און די טאַנצט זייער גוט.

— און היינטיקס מאָל, אויב איך וועל גיין, וועל איך גאָר־נישט טאַנצן. און ווייסטו, פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס די היגע קאָנען אפילו נישט אַרומנעמען זייערע דאַמען ביים טאַנצן גרינג, לופטיק. זיי טוען דאָס ווילד. איך בין נישט געוויינט צו אַזאַ טאַנצן. שיין טאַנצן קאָן מען נאָר זען אין פוילן.

— יאָ, איך האָב דיר פאַרגעסן צו זאָגן, אַז אויפן היינטיקן אָוונט האָט צוגעזאָגט צו קומען דער יונגער געלערנטער ד״ר שטיינמאַן.

— וואָס איז מיט דעם אַזאַ גליק?

— ער איז זייער אַן אינטערעסאַנטער יונגערמאַן. ווען איר זען, וועסטו אַליין זאָגן.

ווי אַזוי קאָן זיין אַ געלערנטער אינטערעסאַנט פאַר אַ פריילן? — האָט סאַלטשע געזאָגט מיט אַ געלעכטערל.

— אָט דערמיט איז ער טאַקע אינטערעסאַנט. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז שטענדיק פאַרנומען מיט זיינע באַקטעריעס און אַלערליי מיקראָבן, איז ער דאָך אַ מענטש פול מיט לעבן; און שיין איז ער ווי די וועלט! אַן אָריגינעלע מענטשן־שיינקייט. די צרה איז אָבער, וואָס ער קומט זעלטן אין געזעלשאַפט.

וועגן דעם יונגן דאָקטאָר שטיינמאַן האָט סאַלטשע נישט איינמאָל געהערט רעדן אין געזעלשאַפט, באַזונדערס, צווישן אירע באַקאַנטע מיידלעך. אַלע האָבן געהאַט וועגן אים די בעסטע מיינונג. נאָר מיט איין זאַך זענען זיי נישט געווען צופרידן, וואָס זייענדיק יונג און שיין, אינטערעסירט ער זיך וויניק מיט מיידלעך. קיין איינציק מיידל קאָן זיך נישט באַרימען, אַז זי געפעלט אים מער ווי אַן אַנדערע; מיט אַלע פירט ער זיך אויף גלייך ליבלעך און פריינטלעך און איז פאַר יעדן, סיי פרויען און סיי מענער, זייער אינטערעסאַנט אין געזעלשאַפט. ער רעדט שיין און דערציילט שיין, און אין זיין געזעלשאַפט פאַרגעסט מען, ווי אַזוי די צייט לויפט אַריבער.

נישט איין מיידל, נישט איין יונגע פרוי איז בסוד סודות אין אים פאַרליבט. נאָר קיינער וואַגט אפילו נישט צו טראַכטן וועגן אים, ווייל אויסער אין געזעלשאַפט, ווו מען באַגעגנט זיך אַמאָל צוזאַמען, איז ער ווייט און פרעמד פון יעדן. זיין גאַנצע צייט פאַרברענגט ער נאָר איבער זיינע ביכער און איבער אַלערליי מיקראָבן, וועלכע געפינען זיך ביי אים אין פאַרמאַכטע גלעזערנע קעסטעלעך.

— מיקראָבן, אָט דאָס איז זיין וועלט, — האָט אידאַ דערציילט.

— מען זאָגט אויף אים, אַז ער וועט אַמאָל אויסוואַקסן אַ גרויסער דאָקטאָר. מען דערציילט, אַז ער גרייט זיך מיט דער צייט צו באַקומען אַ קאַטעדרע און ווערן פּראָפעסאָר.

— אייער יונגער דאָקטאָר, — האָט סאַלטשע געזאָגט מיט אַ שמייכל, — שיינט ווירקלעך צו זיין אַן אינטערעסאַנטער מענטש, אָבער איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ געלערנטער, וואָס פאָרשט שטענדיק דאָס לעבן פון מיקראָבן, זאָל זיין אינטערעסאַנט פאַר אַ יונגער פריילן. ווייזט אויס, אידאַ, אַז דו ביסט אין אים פאַרליבט. ליבע איז בלינד. מיך אינטערעסירט ער וויניק, און מיט געלערנטע מענטשן האָב איך וויניק וואָס געהאַט באַציונגען. איך פרעג דיך, —

האָט סאַלטשע געלאַכט, — וואָס קאָנען מיך אינטערעסירן זיינע מי־קראָבן? ווען איך גיי אויף אַזאַ באַל, האָב איך ליב צו טאַנצן מיט אַן עלעגאַנטן קאַוואַליער, און אַזעלכע איז ביי אייך נישטאָ.

אין מיטן שמועס איז אָנגעקומען סאַלטשעס מוטער און אַריינ־געבראַכט אַ ניי קלייד, וואָס זי האָט אויפגעזוכט פון סאַלטשעס קאַסטן.

אַלע דריי פּרויען האָבן באַטראַכט דאָס קלייד, געדרייט עס און עטלעכע מאָל איבערגעדרייט אויף אַלע זייטן, און אַלע דריי האָבן באַשלאָסן, אַז מיט דעם קלייד קאָן מען גיין אויף דעם באַל.

יז.

אויף מאָרגן איז סאַלטשע, אין דער באַגלייטונג פון איר נאָנ־טער חברטע, אידאַ, און נאָך אַ פּאָר באַקאַנטע מיידלעך, געקומען אויף דעם באַל אין איר איינפאַך קלייד, געשפּיליעט ביז צום האַלדז און מיט לאַנגע אַרבל ביז צו דעם קנעכל פון די הענט. טראָץ דעם, וואָס זי איז געווען איינפאַך פאַרקעמט, האָט זי זיך פאָרט געוואָרפן אין די אויגן. אירע בלויע אויגן מיט די לאַנגע טונקעלע ברעמען האָבן צוגעגעבן דעם פּנים אַ באַזונדער יידיש־צניעותדיקע שיינקייט, און ווי זי האָט געוואָלט אויסזען איינפאַכער, איז זי אַלץ אויסגעקו־מען שענער.

זי האָט אויף זיך נישט געטראָגן קיין שום צירונג, אפילו נישט איר דין גאָלדן קייטעלע מיט אַ קליין זייגערל, מיט וועלכן זי פלעגט זיך קיינמאָל נישט צושיידן. און דאָך האָט נישט געהאָלפן: אַלע האָבן באַמערקט דאָס שיינע פּויליש־יידישע מיידל. זי האָט אויסגעזען שעמעוודיק, ווי איינע, וואָס וויל אויסבאַהאַלטן איר שיינ־קייט. נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. איר שיינקייט האָט פון איר איינפאַכער קליידונג זיך מיט געוואַלד אַרויסגעריסן אויף דער ליכ־טיקער וועלט. און אַלע, ווילנדיק, אָדער נישט ווילנדיק, האָבן זי מיט פאַרגעניגן אָנגעקוקט און געזוכט איר באַקאַנטשאַפט.

צווישן די פיל יונגע לייט האָט זיך אויך געפונען דער יונגער דאָקטאָר שטיינמאַן.

סאַלטשע האָט אין אָנהייב נישט באַמערקט אין אים, אַז דאָס איז דער בעלערנטער יונגער דאָקטאָר, פון וועלכן אידאַ האָט איר־

אַזוי פיל דערציילט און אַלע האָבן אַזוי פיל וועגן אים גערעדט.

זי האָט דערזען פאַר זיך אַ געוויינלעכן יונגנמאַן, וואָס מיט קיין זאַך האָט זיך אין אים נישט אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ געלערנ־טער און אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש. זי האָט נאָר פאַר זיך געזען אַ יונגנמאַן מיט אַ טונקל־ברוינער הויט, ווי אַ ציגיינער, אָדער אַראַבער, מיט ברענענדיקע, סאַמעטענע, שוואַרצע קלוגע אויגן, אין וועלכע ס'איז שווער געווען גלייך אַריינצוקוקן. און אַז מען האָט גע־פרוווט יאָ אַריינקוקן אין זיי, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער קוקט אַריין אין דיר, גלייך ווי דו ביזט פון גלאָז און ער זעט אַלץ אין דיר און מען קאָן קיין שום סודות אין זיך נישט באַהאַלטן. און פון זיינע בליקן האָסטו גלייכצייטיק פאַרגעניגן געהאַט און מורא באַ־קומען.

שטיינמאַנס ווירקונג אויף מענטשן, און באַזונדערס אויף פרויען, איז געווען אומגעוויינלעך.

זיין שטאַרקער קערפּער־געבוי, זיין שלאַנקע פיגור און זיין חנעוודיק פּנים, פול מיט מענער־מוט, האָט געוואַלדיק געווירקט אויף פרויען, און זיי פלעגן זיך אין זיין געזעלשאַפט שטענדיק פאַרלירן. און דאָס, וואָס ער פלעגט שטענדיק אויסמיידן פרויען־געזעלשאַפט און ווייניק זיך אומקוקן אויף זיי, האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ שטאַרקערן פאַרדרוס און רייץ אים גובר צו זיין. נאָר קיין פרוי איז עס נישט געלונגען, אָדער ווי איין פרוי, וועלכע האָט געזוכט זיין פריינטשאַפט, האָט אים אַמאָל געזאָגט:

— אין פרויען־געזעלשאַפט זענט איר, ה' דאָקטאָר, אַ שטאַר־קער פעלז, וואָס קיין קויל נעמט אייך נישט.

דער דאָקטאָר האָט גוטמוטיק, געשמייכלט, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס פאַר אַ קוילן שיסט מען אין אים, און האָט עס אָנגענומען פאַר אַ געוויינלעכע ווייבערשע פּלאַפּלעריי.

דער יונגער דאָקטאָר, איז צוגייענדיק צו אידען, וועלכע ער האָט שוין לאַנג געקאָנט, האָט זיך אויך באַקענט מיט די איבעריקע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען לעבן אידען, און מען האָט גערעדט.

אידאַ האָט אים אויך פאָרגעשטעלט איר נייער חברטע סאַל־טשען.

— ווו האָט איר גענומען אַזאַ שיינע חברטע? — האָט שטיינ־מאַן געזאָגט.

— גאָר אַזוי? — האָט אידאַ מיט גרויס פאַרוווּנדערונג זיך אָנ-גערופן. — ענדלעך האָט זיך פאַר אייך אויף דער וועלט געפונען אַ שיין מיידל! דאָס דאַרף מען פאַרשרייבן אין פנקס.

— אַזאַ זעלטענע געשעעניש איז דאָס ביי אייך? דאַכט זיך, אַז איך האָב אייך אויך געזאָגט, אַז איר זענט אַ שיין מיידל.

אידאַ האָט זיך צעלאַכט:

— איר ווייסט דאָך, ה׳ דאָקטאָר, אַז ביי אונדז אין אוקראַינע זאָגט מען אַ ווערטל: „גיב, גאָט, אַ גאַסט, וועלן מיר אויך הנאה האָבן״. אַ דאַנק מיין שיינער חברטע, בין איך ביי אייך אויך געוואָרן אַ שיינע. נאָר ווער גלויבט אייך?

— אַזוי גאָר? איך בין שוין נישט באַגלויבט? וועגן דעם האָב איך ביז איצט נישט געוווּסט.

אין אַזעלכע שמועסן האָט זיך דאָס יונגוואַרג געווערטלט, ביז עס האָבן זיך אָנגעהייבן די טענץ.

כמעט אַלע מיידלעך זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די רעד-לעך פון די טענצערס.

שטיינמאַן איז געבליבן לעבן אידען מיט איר חברטע סאָלטשע און האָבן צוגעקוקט די טענץ.

— וואָס זיצט איר? — האָט זיך אידאַ געווענדט צו שטיינ-מאַנען. — פאַרוואָס בעט איר נישט אַ מיידל צום טאַנצן.

— איך? — האָט שטיינמאַן געצויגן מיט די אַקסלען. — ווי קומט צו מיר טאַנצן?

— איך ווייס, אַז אַמאָל, ווען איר זענט געווען אַ סטודענט, האָט איר זייער גוט געטאַנצט.

— אַמאָל, זאָגט איר? מאַלע, וואָס איז געווען אַמאָל!

— מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דער אַמאָל איז מיט צענ-דליקער יאָרן צוריק, — ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען עס האָט זיך אָנגעהייבן די מלחמה. איך געדענק אַזוי ווי איצט, סוף ווינטער איז עס געווען, די יידישע סטודענטן אין בערלין האָבן געמאַכט זיי-ער באַל, האָט איר דאַן געטאַנצט אָן אויפהער די גאַנצע נאַכט.

— איר געדענקט, אידאַ, דעם דאָזיקן באַל? — האָט שטיינמאַן געפרעגט און אויפגעלעבט.

— אַזוי ווי איצט. איר האָט מיט מיר אויך געטאַנצט, נאָר באַ-אונדערס וועל איך נישט פאַרגעסן, ווי איר האָט נישט אויפגעהערט

צו טאַנצן מיט איין מיידל, מיט שיינע זיידענע האָר. זי איז דאַן געווען די קייזערין פון באַל.

און אידאַ האָט זיך געווענדט צו סאַלטשען:

— האָסט אַמאָל געזען אַזאַ שיינקייט? אַ ווייס געזיכט, בלויע אויגן, זיידן־טונקעלע האָר, אַ זעלטן קליין מיילכל, פון וועלכן עס האָט זיך אַלע מאָל אַרויסגעוויזן שיינע ציין, ווי גלייכע שנירלעך פערל. איך האָב נאָך אַזאַ שיינקייט אין מיין לעבן נישט געזען.

— ווו איז זי איצטער, דאָקטאָר? — האָט זי אים ווידעראַמאָל געפרעגט.

שטיינמאַן האָט נישט געענטפערט. ער האָט נאָר עפּעס משונה־דיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און זיין פּנים האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעביטן.

אַ פּאָר מינוט איז שטיינמאַן געשטאַנען לעבן די צוויי מיידלעך און דערנאָך ערגעץ צווישן עולם פאַרשוווּנדן געוואָרן.

ווען די צוויי מיידלעך זענען געבליבן אַליין, האָט סאַלטשע פאַרגעהאַלטן אידען:

— צו וואָס האָסטו באַדאַרפט דעם דאָקטאָר דערמאָנען וועגן דעם מיידל? דו האָסט דען נישט באַמערקט, אַז דו האָסט געטראָפן אין אַ טיפער וווּנד? דו האָסט זיך דאָ אָנגעשלאָגן אין אַ גרויסן סוד! יעדער מענטש האָט זיך זיינע פאַרבאָרגענע סודות און קיינער האָט נישט קיין רעכט צו גריבלען זיך ביי יענעם אין האַרצן. דער דאָק־טאָר האָט זיך אפילו נישט געקאָנט פאַרשטעלן, איך האָב אָפן געזעי־ענט אויף זיין פּנים, אַז ווען דו האָסט גערעדט, האָט ער איבערגע־לעבט עטוואָס שרעקליכעס.

— איך האָב מיט אַ כּיוון געזוכט דעם צופאַל אים צו טרעפן טיף אין האַרצן, אַז עס זאָל אים וויי טון, — האָט אידאַ דערויף געענטפערט.

סאַלטשע האָט מיט אויפרעגונג געזאָגט:

— אַזוי באַגייט זיך אַ מערדערין. איך האָב נישט געוווּסט, אַז דו ביזט אַזאַ פאַרביסענע, אַזאַ שלעכטע.

— יאָ, אַ מערדערין... איך בין אָבער אַ פרוי! ווען דו, סאַלטשע, וואָלסט וויסן, ווי איך האָב אים ליב!

אידען האָבן אָנגעהייבן שטיקן די טרערן אין די אויגן, און זי האָט מער נישט געקאָנט רעדן.

און ווען סאַלטשע האָט אידען אַ ביסל באַרויקט, האָט זי ווידער אָנגעהייבן רעדן.

— איך קאָן אים שוין עטלעכע יאָר, נאָך דאַן, ווען ער איז געווען אַ סטודענט, אין בערלין איז דאָס געווען, ווו איך האָב דענסטמאָל אויך געלערנט. ווען דו זאָלסט מיך געווען קענען דאַן, ווען איך האָב זיך מיט אים דאָס ערשטע מאָל באַקענט! זיבעצן יאָר בין איך דענסטמאָל אַלט געווען. איך ווייס, אַז איך בין דאַן געווען איינע פון די שענסטע מיידלעך. צענדליקער יונגע לייט האָבן זיך געדרייט אַרום מיר, איך האָב זיך אויף קיינעם אפילו נישט אומגעקוקט. קיינער האָט מיך נישט אינטערעסירט. נאָר דער סטודענט שטיינמאַן, צו אים האָב איך זיך צוגעבונדן און איך פלעג ציטערן פון גליק, ווען מיר פלעגן זיך אַמאָל באַגעגענען, אָדער גיין אין טעאַטער ערגעץ אויף דער „גאַליאַרקע". אויף אַן אַנדער פּלאַץ אין טעאַטער האָט ער נישט ליב געהאַט.

— נו, און ער האָט זיך צו דיר נישט צוגעבונדן?

— קיינמאָל נישט! ריר עפּעס אַ שטיין! אַלע מיידלעך זענען ביי אים גלייך, אַלע שיין... אויף דער „גאַליאַרקע" האָסטו אים געקאָנט זען היינט מיט מיר, מאָרגן מיט אַן אַנדערער, מיט קיין זאַך האָב איך אים קיינמאָל נישט געקאָנט אַרויסרופן אויף אַן ערנסטן געשפּרעך. ווען ער פלעגט אַמאָל האָבן געלט, פלעגט ער, גייענדיק מיט מיר אין טעאַטער, קויפן שאָקאָלאַד און מאָרגן אָדער איבערמאָרגן האָט ער שוין געקאָרמעט מיט שאָקאָלאַד אַן אַנדער מיידל. נאָר מיט דעם מיידל מיט די זיידענע האָר, וועלכע האָט זיך געפונען אַ קורצע צייט אין בערלין, פלעגט ער שטענדיק אַרומגיין. אַלע האָבן געמיינט, אַז עס איז זיינע אַ שוועסטער. וואָרים ווי קומט עס, אַז שטיינמאַן זאָל אַרומגיין מיט אַ מיידל? האָב איך אים אַמאָל געפרעגט, ווער זי איז, האָט ער מיר געענטפערט: „אַ מיידל". וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ ענטפער?

— ער האָט זייער קלוג געענטפערט, — האָט סאַלטשע געזאָגט. — מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו זיך צו מישן אין יענעמס פּריוואַטן לעבן?

— ווייזט אויס, סאַלטשע, אַז דו ביזט נישט געווען פאַרליבט זיבעצן יאָר. אַנדערש וואָלסטו נישט גערעדט אַזוי.

סאַלטשע האָט זיך צעלאַכט.

אידאַ האָט ווייטער אויסגעגאָסן איר פאַרביטערט האַרץ:

— ווען עס האָט אַזוי פּלוצים אויסגעבראָכן די מלחמה און איך מיט מיינע עלטערן האָבן, ווי יעדעס יאָר, זומער פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד, האָט זיך אָנגעהייבן אַ בהלה, אַ לויפעניש, זענען מיר אויך געלאָפן אין דער שווייץ און דאָ פאַרבליבן. און מיט וועמען באַגעגנט מען זיך דאָ נישט צווישן די אָנגעלאָפענע? האָב איך שטיינמאַנען באַגעגנט ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק, ווען איך בין שוין אַריבער צוואַנציק און ער איז שוין דאָקטאָר. ווייטער האָבן זיך זיינע באַציונגען צו פרויען מיט קיין זאַך נישט איבערגעביטן, פּונקט ווי אין די סטודענטישע יאָרן, אויסער וואָס ער איז נאָך געוואָרן שענער, מענישער און אַזאַ שטאַרקער מאַן! נו, האָב איך אים איינמאָל געוואָלט טרעפן מיט אַ קויל גלייך אין האַרצן און האָב אים געפרעגט אויף יענעם מיידל, וואָס ער פלעגט זיך דאַן שטענדיק אַרומפירן מיט איר. ווי־זט אויס, אַז זי איז געווען די איינציקע, וועלכע ער האָט ליב געהאַט, האָב איך, ווייזט אויס, געטראָפן גלייך ווו מען דאַרף. האָסטו געזען ווי זיין פּנים האָט זיך איבערגעביטן, ווי אַ שוואַרצער וואָלקן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אים?

— נאָר, אידאַ, — האָט סאַלטשע מיטאַמאָל אונטערגעבראָכן דעם שמועס, — ווען איז אים געלונגען צו ענדיקן דעם אוניווערזיטעט און שוין ווערן באַוווּסט אַלס א יונגער געלערנטער? ער איז דאָך אַזוי יונג?

— נאָך אַלס סטודענט איז שטיינמאַן צווישן זיינע חברים געווען באַוווּסט מיט זיינע גרויסע פעיקייטן. דערצו איז ער געווען אַ גרויסער מתמיד. זיינע חברים פלעגן זאָגן, אַז דאָס לערנען קאָסט אים ווייניק צייט. אַלע פלעגן אים דעריבער מקנא זיין און געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ גליקלעכן מענטשן.

אַ פּאָר יונגע לייט זענען צוגעקומען און איבערגעשלאָגן זייער געשפּרעך. מען האָט זיי איינגעלאַדן צום טאַנצן, סאַלטשע האָט זיך אָפּגעזאָגט, און אידא האָט זיך געלאָזט איבעררעדן, און ווען איר קאַוואַליער האָט זי אין א האלבער שעה שפּעטער צוריק געבראַכט אויף איר אָרט, איז שטיינמאַן געזעסן אויף איר פּלאַץ לעבן סאַלטשען. ער האָט באַלד אָפּגעטרעטן איר אָרט און געבליבן שטיין לעבן זיי.

שטיינמאַן האָט קיין וואָרט נישט גערעדט, עפּעס אַ טרויער האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים.

— וואָס איז מיט אייך, ה׳ שטיינמאַן, וואָס איר זענט היינט אַזוי פאַרזאָרגט? — האָט אידאַ געפרעגט.

— נישטאָ פון וואָס פריילעך צו זיין.

— איר זענט דאָך אויף אַ באַל, ווו מען שפּילט און מען טאַנצט.

— און טאַקע דערפאַר איז נישטאָ פון וואָס פריילעך צו זיין. קוקנ־דיק אויף דעם גאַנצן עולם, ווי מען טאַנצט און מען איז זיך משמח, קומט מען צו זייער טרויעריקע געדאַנקען, אַז מענטשן זענען קליינינקע מיאוסע באַשעפענישן.

— קעגן וואָס זאָגט איר עס?

— איך זאָג עס אַקעגן דעם, אַז כדי מען זאָל ביי מענטשן אַרויס־רופן געפיל, רחמנות און הילף פאַר זייערע פאַראומגליקלעכטע ברי־דער און שוועסטער, מוז מען מאַכן בעלער און טאַנצן, אַנדערש עפענען זיך נישט ביי זיי די קעשענעס, זיי זאָלן עפּעס געבן פאַר די פאַראומגליקטע. איך ווייס, אַז איך בין נישט דער ערשטער, וואָס איך זאָג דאָס, איך בין אויך נישט דער לעצטער. איך ווייס, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפענע רייד. אָן כלי זמר מיט טענץ וועט מען זיך נישט אָפּרופן אויף די געשרייען פון אונדזערע פאַראומגליקלעכטע ברידער, נאָר איר פרעגט מיך, ענטפער איך אייך.

— די מענטשן זענען נישט שולדיק, — האָט סאָלטשע דאָס ער־שטע מאָל זיך אָנגערופן צו שטיינמאַנען. — זיי זענען מיאוסע און קליינינקע באַשעפענישן אַזוי געבוירן און עס איז זייער גוט, וואָס מען קאָן כאָטש די מענטשן צוזאַמענרופן מיט אַ פידעלע, צו טון גו־טע זאַכן. פון היינטיקן אָוונט וועט בלייבן אַ סך געלט פאַר די אומ־גליקלעכע און דאָס איז גוט. משפּט נישט קיין מענטשן, ה׳ דאָקטאָר. יעדערער פון זיי האָט אין זיין קורץ לעבן איבערצוטראָגן אַזוי פיל צרות און ליידן, אַז מען דאַרף אים אין קיין זאַך נישט באַשולדיקן.

שטיינמאַן האָט מיט אַ שמייכל אַ קוק געטון אויף אירע הימל־בלויע אויגן און געפרעגט:

— איר האט אויך צרות? איר ליידט אויך?

— יעדן ווייזט זיך אויס, אַז נאָר זיינע ליידן זענען גרויס און דער צווייטער לעבט אַ גוטן טאָג. אָט ווייזט זיך מיר אויס, אַז

איר זענט דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט.

— פון וואַנען נעמט איר דאָס? — האָט ער מיט נייגעריקייט געפרעגט.

— איר זענט יונג, געזונט און אַזוי גרינג שוין געמאַכט אַ קאַריערע.

— קאַריערע, זאָגט איר? — וואָס פאַר אַ קאַריערע מיינט איר?

— איך מיין, וואָס איר האָט שוין אַזוי יונג באַקומען אַ שיינעם נאָמען פאַר אַ געלערנטן און אַלע רעדן וועגן אייך מיט ליבע און דרך־ארץ. וואָס קאָן נאָך זיין שענערס און גליקלעכערס פאַר אַ מענטשן אין אייערע יאָרן?

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ וועגן מיר? — האָט ער געפרעגט.

— אַלע רעדן דאָ אַזוי וועגן אייך.

— דאָס אַלץ זענען קלייניקייטן. מענטשן האָבן ליב נאָר צו רעדן און צו באַמערקן דאָס גוטע, דאָס שיינע. קיינער ווייסט אָבער נישט, אַז אין מיין גאַנצן לעבן ווייס איך נישט פון קיין איינציקער גוטער מינוט. אָט אַזוי לעבן מיר אַלע, איינער ביים צווייטן אין טעות.

פאַר אידען איז דער גאַנצער שמועס געווען לאַנגווייליק, און ווען איינער פון די יונגע לייט איז צוגעגאַנגען און זי איינגעלאַדן טאַנצן, איז זי מיט אים פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די צענדליקער פאָר טענצערס.

סאַלטשע און שטיינמאַן זענען געבליבן אַליין, און ווען אידאַ איז אין אַ שעה שפּעטער צוריק געקומען אויף איר אָרט, האָט זי קיינעם נישט געפונען.

ערשט ווען מען האָט באַדאַרפט גיין אַהיים, האָט אידאַ קוים געפונען סאַלטשען אויף איינעם פון די באַלקאָנען, ווו זי איז געווען זייער פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט דעם יונגן דאָקטאָר.

יח.

אויף מאָרגן האָט סאַלטשע נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן שטיינמאַנען. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איז איר געפעלן געוואָרן אַ יידישער יונגערמאַן. זי האָט אים אָנגעהייבן מעסטן מיט סטאַש־

און איז פאַר זיך אַליין רויט געוואָרן פון בושה, וואָס פאַר אַ גרוי־
סער אונטערשיד איז צווישן זיי ביידע!

דאָס ערשטע מאָל האָט זי דערזען אין סטאַשן אַ פּוסטן עלע־
גאַנטן פראַנט, וואָס האָט זיך ליב צו פּוצן ווי אַ מיידל און זיין
גאַנצע חכמה איז באַשטאַנען פון די פּוילישע וויצבלעטלעך, וועלכע
ער האָט געקענט אויסווייניק, ווען שטיינמאַן איז אַ מענטש מיט אַ סך
וויסן און מיט אַ גוטן קאָפּ אויף זיך. דערצו האָט זי אין אים געפונ־
נען אַ נאַטירלעכע מענער־שיינקייט. אַלץ אין אים, אין זיין רעדן,
אין זיינע באַוועגונגען איז אַזוי איינפאַך, נישט געקינסטלט. זיין יע־
דעס וואָרט שטראָמט מיט אמת, מיט איבערצייגונג און גערעכטיקייט.

אויף דעם נעכטיקן אָוונט האָבן זיי זיך אַזוי דערנענטערט איינס
צום צווייטן, ווי זיי וואָלטן זיך שוין קענען יאָרן לאַנג.

און ווען סאַלטשע האָט וועגן אַלעם, וואָס זי האָט גערעדט
מיט שטיינמאַנען, דערציילט אידען, האָט יענע נישט געגלויבט אירע
אייגענע אויערן און געזאָגט:

— ווען נישט דו דערציילסט מיר, וואָלט איך געקוקט דערויף
ווי אויף אַ באַרימעריי. קיין מיידל קען זיך נישט באַרימען, אַז דער
יונגער דאָקטאָר זאָל רעדן מיט איר אָפנהערציק.

פון דעם אָוונט אָן פלעגט זיך סאַלטשע אָפט באַגעגענען מיט
דעם יונגן דאָקטאָר אויף אַ שפּאַציר ביי די ברעגן פון טייך ריין,
וואָס לויפט און שלענגלט זיך אַרום דער שטאָט באַזעל, אָדער ער
פלעגט קומען צו איר אין האָטעל, ווו זי האָט געוווינט צוזאַמען מיט
אירע עלטערן.

גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך פאַרזיצן ביי איר אין צימער און
פאַררעדן זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אידאַ האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין זייערע באַציונגען און דע־
ריבער האָט עס נישט אַרויסגערופן קיין אייפערזיכטיקייט ביי איר.
זי האָט פון לאַנג געקאָנט שטיינמאַנען און זיכער געוועזן, אַז זייערע
באַציונגען קאָנען ווייטער נישט גיין. ווי געוויינלעכע פלוידערייען
צווישן אַ שיין מיידל מיט אַ שיינעם יונגנמאַן. דערצו איז אידאַ גע־
נוג פיין דערצויגן געוואָרן ביי אירע רייכע עלטערן, זי זאָל איר
אייפערזיכטיקייט אַרויסווייזן.

אידאַ איז געוועזן צו שטאָלץ, מען זאָל אויף איר באַמערקן,
אַז זי ליידט פון דעם, וואָס דער יונגער דאָקטאָר באַזוכט אַזוי אָפט

איר חברטע, און זי האָט זיך אויפגעפירט אַזוי, אַז ווען שטיינמאַן איז געקומען אין האָטעל, האָט זי קיין צייט נישט געהאַט און באַ־דאַרפט ערגעץ אַוועקגיין.

וואָס ווייטער, האָט זיך דער יונגער דאָקטאָר מער צוגעבונדן צו סאַלטשען און אָפּנהאַרציק מיט איר גערעדט, ווי מיט אַן אַלטן גוטן פריינט און באַזונדערס פלעגט ער קומען צו איר, ווען ער האָט זיך געפילט טרויעריק און דערשלאָגן און פלעגט שטענדיק אַוועקגיין פון איר מונטער און לעבעדיק.

איינמאָל האָט ער סאַלטשען איבערראַשט מיט אַזעלכע ווערטער:

— דענקט וועגן מיר, וואָס איר ווילט, נאָר מיין באַגעגעניש מיט אייך איז פאַר מיר דאָס גרעסטע גליק. ווער ווייסט, וואָס פון מיר וואָלט זיך אויסגעלאָזט אָן אייך?

— איך פאַרשטיי אייך נישט, דאָקטאָר, איר זענט פול מיט סודות און איך קאָן אָפּט אייך דעריבער נישט פאַרשטיין.

— סאַלטשע, איך וויל פאַר אייך קיין סודות נישט האָבן און וואָס אייך איז נישט פאַרשטענדלעך, בין איך גרייט אייך אַלץ צו דערקלערן.

— איך פיל זיך פאַר גליקלעך, וואָס אַזאַ מענטש, ווי איר האָט צו מיר אַזאַ צוטרויען... דעריבער דערלויב איך זיך אייך צו פרעגן, וואָס פאַר אַ טרויער פאַלט אָפּט אָן אויף אייך? עס גלויבט זיך נישט, אַז אַזאַ יונגערמאַן מיט אַזוי פיל לעבן זאָל זיך פילן אומגליק־לעך. איך ווייס, אַז אַ סך יונגע לייט זענען אייך מקנא און קוקן אויף אייך, ווי אויף אַ גליקלעכן.

שטיינמאַן האָט לאַנג נישט געטראַכט און, ווי זיין שטייגער איז, האָט ער אָפּנהאַרציק אָנגעהייבן דערציילן:

— אַלץ וואָלט געווען ריכטיק, צו מיין גליק וואָלט קיין גלייכן נישט געווען. אמת, מיין גליק און מיין שטאַנד, צו וואָס איך האָב דערגרייכט, איז מיר אַזוי גרינג נישט אָנגעקומען. איך האָב פיל געליטן... ביי אַ צופאַל וועל איך אייך אַלץ, אַלץ וועגן מיר דערציילן. נאָר דער לעצטער קלאַפּ, וואָס מיך האָט געטראָפן, האָט מיך אינגאַנצן דערשלאָגן. קורץ וועל איך אייך זאָגן: איך האָב ליב געהאַט און בין געליבט געווען, צו מיין גליק איז קיין גלייכן נישט געווען און מיט איין מאָל האָב איך אַלץ אויף שטענדיק, אויף אייביק פאַר־לוירן...

שטיינמאַן האָט געכאַפּט דעם אָטעם און זיך אָפּגערוט. סאַל־טשע האָט אים מיט עפּעס געוואָלט קומען צו הילף, זעענדיק, אַז אים איז שווער ווייטער צו רעדן.

— איך ווייס, ה׳ דאָקטאָר, אַז איר זענט געווען זייער באַ־פריינדעט מיט אַ שיין מיידל, מיט זיידענע האָר און מיט בלויע אויגן.

— יאָ, — האָט ער גלייך געענטפערט, — אַלע מיינע פריינט און באַקאַנטע ווייסן עס. זי איז שוין אָבער לאַנג נישטאָ, זי איז אומגעקומען, זי לעבט שוין מער נישט!...

און ווידער איז ער שטיל געבליבן.

סאַלטשע האָט מיט דעם גרעסטן מיטגעפיל געקוקט אויף אים און דאַך האָט זיך אין די באַהעלטענישן פון איר האַרצן אַריינגע־גנבעט אַ פרייד־געפיל: „ער איז פריי״...

זי האָט זיך באַלד פאַר זיך אַליין פאַרענטפערט: איך בין נישט שולדיק, מיין האַרץ טוט דאָס, נישט פרעגנדיק ביי מיר. איך בין נישט פעיק אויף אַזעלכע זאַכן, נאָר דאָס האַרץ פרעגט נישט בי־קיינעם און שטעלט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּ. דעם מענטשנס האַרץ איז פעיק אויף אַלעם: אויף די שענסטע מעשים און אויף די ערגסטע, מיאוסטע זאַכן.

שטיינמאַן האָט ווידער אָנגעהייבן.

— און ווער ווייסט מיט וואָס פאַר אַ טויט זי איז דאָרט גע־געשטאָרבן! שוין עטלעכע יאָר, זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהייבן, בין איך אָפּגעריסן פון איר און אין דעם לעצטן יאָר האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס שטעטל אין פּאָדאָליע, ווו זי האָט מיט אירע על־טערן פון לאַנגע יאָרן געוווינט, איז עטלעכע מאָל פּאָגראָמירט גע־וואָרן פון אַלערליי באַנדעס און מערדער. נישט לאַנג האָב איך זיך באַגעגנט מיט איינעם, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון יענע ערטער, האָט ער מיר דערציילט, אַז פון דעם שטעטל איז אַ שטיין אויף אַ שטיין נישט געבליבן. די גרעסטע צאָל איינוווינער האָט מען אויס־געהרגעט און די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן. און ווען איך האָב געפרעגט אוף דינהן, אויף איר פאַמיליע, די גרינבערגס, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט געהערט, אַז די פאַמיליע איז געהרגעט געוואָרן און צי איז עמיצער פון דער פאַמיליע איז לעבן געבליבן, ווייסט ער נישט.

— ווער איז די אומגליקלעכע דינה? — האָט סאַלטשע זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ דרעמל.

— דאָס איז דאָס שיינע מיידל מיט די זיידענע האָר און בלויע אויגן, וועגן וועלכער מען האָט אייך דערציילט.

— און איר קענט זי נישט פאַרגעסן אפילו נאָכן טויט? — האָט סאַלטשע ווידער געפרעגט.

— ווי זאָל איך אייך זאָגן, אין אַ טויטן מוז מען סוף כל סוף פאַרגעסן. אַז מען וויל, האָב איך אויך שוין אין איר פאַרגעסן... נאָר דאָס אומגליק איז, וואָס זינט איך האָב געהערט, אַז זי לעבט שוין נישט מער... וואָרים ווען זי זאָל לעבן, וואָלט נישט געווען אַזאַ שטאַרקע וואַנט, וואָס וואָלט אונדז צעשיידט, זי וואָלט מיר געגעבן צו וויסן וועגן זיך. נאָר דער טויט האָט זי געקענט פון דעם אָפּהאַלטן — יאָ, מיין אומגליק איז אין דעם, וואָס זינט זי איז נישטאָ, פיל איך זיך עלנט אויף דער וועלט. איך קאָן אַליין נישט לעבן. איך האָב צופיל געליטן און געאַרבעט איי מייז לעבן, כאָטש איך בין נאָך יונג.

ער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. סאַלטשען האָט זיך דאָס מזיל ווי פאַרשלאָסן און זי האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן. אַ גרינגער ציטער האָט אַרומגעכאַפּט איר גאַנצן קערפּער פון דעם גליקלעכן געדאַנק. ווהין ציט ער זיין גאַנצן שבועס? שוין־זשע וועל איך זיין די גליקלעכע צווישן די שענסטע מיידלעך, וואָס ער וועט מיך אויסדערוויילן?

וועגן דעמדאָזיקן גליק, וואָס זי האָט געטראַכט פון דער ערשטער מינוט אָן, זייט זי האָט אים דערזען, האָט זי נישט אויפגעהערט צו טראַכטן... און איצט רעדט ער צו איר מיט אַ שטימע, אין וועלכער עס קלינגט אַזוי פיל ליבע און איבערגעבנקייט... שוין־זשע רעדט ער אַזוי צו איר.

ער האָט ווידער אָנגעהייבן צו רעדן און זי האָט זיין יעדעס וואָרט געשלונגען, ווי אַ דורשטיקער טרינקט פון אַ פרישן לויטערן ברונען.

— יאָ, איך בין יונג, שטאַרק און פול מיט מוט... און אַרבעט איז דאָ אַזוי פיל אין דער איצטיקער אומגעווייגלעכער צייט! עס ווילט זיך אַרבעטן פאַר זיך, פאַר אייגענע, פאַר דער גאַנצער וועלט. איך קאָן אָבער נישט לעבן אַליין, איך וויל האָבן אַ פריינט, מיט

ווען איך זאָל קאָנען טיילן מיין לעבן, מיינע געדאַנקען, מיין אַר־בעט, אַלץ, אַלץ, אַלץ צוזאַמען! אַליין אין מיין עלנטקייט, ווערן אַלע מיינע פעיקייטן, מיין מוט, מיין גאַנצע לוסט צו אַרבעט, איינגע־שלאָפן, און איך מוז אייך אָפן זאָגן, אַז איך האָב געזוכט צווישן מיינע באַקאַנטע מיידלעך איינע, מיט וועלכער איך זאָל קאָנען טיילן מיין לעבן, נאָר איך האָב נישט געפונען. איר זענט געווען די ערש־טע, וואָס פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב אייך דערזען, האָב איך זיך צוגעבונדן צו אייך... מיין גאַנצע נשמה האָט איר אַרומ־געכאַפּט, אָבער וואָס ווייטער אונדזער באַקאַנטשאַפט דויערט, זע איך, אַז איר זענט דאָך פאַר מיר פרעמד. איר זענט שיין און זענט מיט אַלעם באַשאָנקען פון גאָט און פון דער נאַטור... אייערע בלויע אויגן, אייער שיינער קלוגער קאָפּ דערמאָנט מיר יענע בלויע אויגן, וועל־כע זענען שוין לאַנג פאַרלאָשן און דאָך זענט איר פאַר מיר פרעמד און אַ גרויס רעטעניש!

— מיט וואָס, מיינט איר, בין איך פאַר אייך פרעמד, מיט וואָס בין איך אַזאַ רעטעניש פאַר אייך?—האָט סאַלטשע אים איבערגעשלאָגן, נישט האָבנדיק קיין געדולט אויסצוהערן אים ביז צום סוף.

— איר זענט אַ פרעמדע, ווייל אין אייך איז נישטאָ קיין איינ־ציקער אָדער, וואָס זאָל קלאַפּן פון יידישע צרות, וועלכע זענען איצ־טער אַזוי גרויס. איר רעדט וועגן יידן גאָרנישט, און ווען יאָ, רעדט איר ווי אַ פרעמד׳ע, און דאָס רעטעניש איז, וואָס איר זענט אויפגע־וואַקסן ביי פרומע יידישע עלטערן. אַ יידיש האַרץ פאַר אַ יידישע טאָכטער איז די בעסטע צירונג. ווען אין אייך זאָל קלאַפּן אַ יידיש האַרץ, וואָלטן אייערע בלויע אויגן נאָך שענער געלויכטן. ווייסט איר וואָס פאַר אַ שרעקלעכע טראַגעדיע עס קומט איצט פאַר מיט אונדזער פאָלק? ווייסט איר פון זייערע אוממענטשלעכע ליידן? שטעלט איר, אייך כאָטש פאַר דאָס גרויסע אומגליק פון יידישע טעכטער, וואָס זענען שיין און איידל דערצויגן, אַזוי ווי איר, און האָבן אויך אַזוינע שיינע אויגן, ווי איר...

— וואָס קען אַזאַ מיידל, ווי איך, זיי העלפן אין זייער אומ־גליק? איך האָב אַלץ געלייענט אין די צייטונגען. מיט וואָס קען איך זיי העלפן? — האָט סאַלטשע שטיל געענטפערט מיט אַ טאָן ווי אַ פאַרשולדיקטע.

— אייער ענטפער איז אויך ווי אַ פרעמדע קען ענטפערן. ווער

זאָגט עס, אַז איר קאָנט העלפן, אפילו איר מיט אייער רייכן טאַטן צוזאַמען? עס איז ווייניק ביי אַזאַ אומגליק צו געבן נדבות. איך מיין, אַז יעדעס יידישע האַרץ דאַרף וויי טון און דערפילן יעדן קרעכץ אין יענע אומגליקלעכע ערטער, כאָטש עס איז ווייט־ווייט. מיר דאַרפן עס דאָ דערהערן, ווו מיר גייען און ווו מיר שטייען. מיר דאַרפן עס אומעטום פילן, און אין אייך איז עס נישטאָ.

— איך מוז זיך מודה זיין, — האָט סאַלטשע געענטפערט, — אַז איך בין פרעמד צו דעם אַלעם, וואָס איר האָט דאָ גערעדט. איך האָב אפילו קיין מינוט וועגן דעם נישט געטראַכט, נאָר איך בין אין דעם נישט שולדיק... איך מוז אייך נאָך מער זאָגן, אַז איידער איך בין געקומען אַהער קיין באַזעל, ווו איך לעב דאָ אין אַ יידישער סביבה, בין איך נאָך מער פרעמד געווען, ווי איר מיינט.

און סאַלטשע מיט איר שטענדיקער אָפנהאַרציקייט האָט אים פאַרציילט איר פאַרגאַנגענהייט, נאָר וועגן איין זאַך האָט זי געשוויגן, וועגן אירע באַציונגען צו סטאַשן.

זי איז צו ערלעך געווען, זי זאָל באַהאַלטן פאַר אַ פריינט, וועלכן זי איז איבערגעגעבן, נאָר דער אינסטינקט האט איר געזאָגט, זי זאל אַלץ נישט פאַרלירן.

סאַלטשע האָט זיך פראָסט געשעמט, וואָס זייענדיק אַ יידיש מיידל, איז איר אַזוי פרעמד דאָס יידישע לעבן.

— איך שעץ זיך גליקלעך, — האָט זי געזאָגט, — וואָס איך האָב זיך אינגאַנצן אַרויסגעריסן פון יענער געזעלשאַפט, ווו איך בין דערצויגן געוואָרן, און אויב איר געפינט, אַז מיר איז נאָך פרעמד דאָס יידישע לעבן מיט זיינע ליידן און פריידן, וועט עס צו מיר מיט דער צייט קומען.

דער דאָזיקער אָפנהאַרציקער געשפרעך צווישן צוויי יונגע מענטשן האָט אויף ביידן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג: זייער פריינט־שאַפט און איבערגעגעבנקייט איז געוואַקסן פון טאג צו טאָג. סאַל־טשע האָט אים באַוווּנדערט און פאַרגעטערט.

דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט זי געפונען אַ יונגן־הויך־געבילדעטן מאַן, פאַר וועלכן עס זענען געווען אָפן אַלע טירן צו אַ גרויסער קאַריערע, און דאָך האָט ער זיך אָפגעהאַלטן דערפון צוליב דעם שטאָלץ, וואָס ער איז אַ ייד, וואָס אין זיינע אָדערן פליסט יידיש בלוט.

און סאַלטשע האָט אים איינמאָל געזאָגט:

— פון דער נאַטור בין איך זייער אַ שטאָלצע. איך האָב מיין גאַנץ לעבן געוואָלט מיט עפּעס שטאָלצירן, נאָר איך האָב נישט געהאַט מיט וואָס...

איינמאָל איז סאַלטשען אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַן אָוונט צווישן דער יידישער יוגנט אין באַזעל, ווו דער עולם האָט דיספּוטירט. איינער האָט אויפגעהייבן אַ פראַגע: צוליב וואָס דאַרפן יידן אַזוי ליידן? עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז אַ פאָלק זאָל אומשטאַנד זיין אייביק צו ליידן. עס וועט דאָך סוף־כל־סוף פון אַזוי פיל ליידן מוזן אונטערגיין דאָס יידישע פאָלק. קיין אייביקס איז דאָך נישטאָ אויף דער וועלט. נישט איין מעכטיק פאָלק איז שוין אונטערגעגאַנגען, און צוזעענדיק, ווי איצטער גייען אונטער גאַנצע יידישע שטעט, ווייזט זיך מיר אויס, — האָט ער געזאָגט, — אַז אפשר האָט זיך שוין אָנגעהייבן דער אָנהייב פון סוף. איך מיין דער אָנהייב פון דעם אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק... הײַנט צוליב וואָס דאַרפן מיר אומזיסט אַזוי ליידן?

דאַן האָט שטיינמאַן פול מיט ברען און פייער אויסגעשריגן:

— אונדזערע ליידן וועלן זיך אַזוי גיך נישט ענדיקן, אונדזער פאָלק וועט אייביק לעבן! אין אונדזערע ליידן און אין אונדזער עקשנותדיק לאַנג לעבן ליגט אונדזער שטאָלץ און אונדזער גרויסקייט. איך האָב קיינמאָל נישט געוואָלט אַזוי לעבן און איך האָב קיינמאָל נישט אַזוי שטאָלצירט מיט מיין יידישקייט, ווי דווקא איצטער, ווען הונדערטער טויזנטער יידן, פרויען און קינדער קומען אום פון אַלערליי באַרבאַרן אויף דעם אכזריותדיקסטן אופן, וואָס די וועלט האָט ווען געזען.

און נאָך אייניקע יונגע לייט האָבן מיט פייער גערעדט אויף דערזעלבער טעמע.

אַזעלכע רייד האָט אויף סאַלטשען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. זי האָט פאַר זיך געפונען אַ נייע וועלט, אַ ניי לעבן, און האָט באַדויערט אירע פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען זי האָט געלעבט אין אַזאַ פּוסטקייט, ווען די גאַנצע צייט איז ביי איר אַוועקגעגאַנגען אין שיינע קליידער און אין געזעלשאַפט מיט אויסגעפּוצטע ליאַלקעס, וועלכע זענען פאַר איר אינגאַנצן פרעמד געווען.

שפאַצירנדיק אַמאָל מיט דעם יונגן דאָקטאָר ביים ברעג פון דיין, האָט זי אים פלוצלונג אַ פרעג געטון

— זאָגט מיר, ה׳ דאָקטאָר, ווי אַזוי זענט איר דערצויגן געוואָרן? אייערע עלטערן דאַרפן זיין זייער געבילדעטע מענטשן. ווער זענען געווען אייערע לערער אין אייערע קינדער־יאָרן?

שטיינמאַן האָט אָנגעהייבן צו לאַכן אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט נישט געקאָנט קומען צו זיך, און טרערן האָבן אים אַרויסגעזעצט פון די אויגן פון פיל לאַכן.

סאַלטשע האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און געטראַכט, מיט וואָס האָט זי עס אַרויסגערופן ביי אים אַזאַ געלעכטער, און זי האָט אים געפרעגט:

— וואָס האָב איך אייך אַזוינס געזאָגט, וואָס איר הערט נישט אויף צו לאַכן?

— איר האָט גאָרנישט געזאָגט, איר האָט נאָר געפרעגט, ווי אַן אומשולדיק קינד, כאָטש איר זענט שוין אַ דערוואַקסענע. און אפשר לאַך איך אומזיסט. אַלע אין אייער גראַד, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין רייכטום, אין ווילטאָג און צווישן אַלערליי ליאַלקעס און שיינע קינדער־שפּילעכלעך, מיט גוווערנאַנטקעס און לערער, האָבן אַ באַגריף, אַז יעדער, מער אָדער ווייניקער געבילדעטער מענטש, מוז האָבן געבילדעטע עלטערן, אָדער ווייניקסטנס אַ טוץ גוטע לערער.

— ווי דען?

— איך האָב קיין לערער נישט געהאַט.

און שטיינמאַן האָט איר דערציילט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ יידיש שטעטל אין פאָדאָליע ביי זייער אָרעמע עלטערן. דער פאָטער זיינער איז אַ שוחט און ער לעבט דערפון, וואָס דאָס שטעטל האָט אים געצאָלט וואָכן־געלט, אַמאָל יאָ און אַמאָל נישט... צווישן אַ פולער שטוב מיט קינדער, נאַקעטע, באָרוועסע און הונגעריקע, איז ער אויסגעוואַקסן. דער פאָטער זיינער איז זייער אַ פרומער ייד, אַ גרויסער למדן, אַ ייד אַ חכם. זיין מוטער איז די גוטסקייט אַליין און ביידע פאַרגעטערט ער ביזן היינטיקן טאָג.

— איך בין אויסגעוואַקסן אין גרויס נויט, — האָט שטיינמאַן ווייטער דערציילט, — נאָר מיט אַ געוואַלדיקן חשק צום לערנען, וואָס עס איז מיר זייער גרינג אָנגעקומען. מיינע עלטערן, כאָטש זיי זענען זייער פרום און פון דער אַלטער וועלט, האָבן מיר אין דעם

נישט געשטערט. זיי האָבן נאָר אַלטונג געגעבן, איך זאָל זיין אַ פרום קינד און זאָל גיין, ווי מען זאָגט ביי יידן, „אין גוטן וועג". אָט דאָס איז די דערציונג, וואָס זיי האָבן מיר געקאָנט געבן. זייער יונג בין איך אַוועק פון דערהיים. איך האָב זיך געוואַלגערט אין פאַרשידענע יידישע הייזער, אָבער אומעטום האָב איך געוווּסט פון נויט און עלנט. נאָר מיין חשק צו לערנען האָט מיך געשטאַרקט און עס האָט זיך מיר געגלוסט צו לעבן און אַרבעטן.

וואָס ווייטער שטיינמאַן האָט גערעדט, אַלץ שענער און גרע־סער האָט ער אויסגעזען אין אירע אויגן. און, ווירקלעך, האָט שטיינ־מאַן איצטער אויסגעזען שיין און מוטיק, ווי אַ זיגער, וועלכער האָט מנצח געווען אַלע דערנער, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף זיין לעבן.

סאַלטשע האָט מיט אומגעדולט דערוואַרט ביז עס וועט קומען צו דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מיט דינהן, אָבער עס איז געווען צו באַמערקן, אַז ער איז דעם מאָמענט פאַרבייגעגאַנגען. אויף זיין געזיכט האָט זיך אָנגערוקט אַ טרויער און אין זיינע טיפע, שיינע, שוואַרצע אויגן, — האָט זיך סאַלטשען אויס־געוויזן, — האָבן זיך באַוויזן טרערן. צו שיין האָבן זיינע אויגן איצט געגלאַנצט, פונקט ווי עס האָט געשפּיגלט דאָס וואַסער אין שטילן טייך ריין, ביי די ברעגן פון וועלכן זיי האָבן איצט שפּאַ־צירט.

— וויפל מאָל האָב איך זיך פון עלנט און נויט געוואָלט וואַרפן אין דעם טייך, — האָט שטיינמאַן אָנגעוויזן אויף דעם שיינעם ריין. — מיינע ליידן און עלנט האָבן זיך ערשט אָנגעהייבן, ווען איך בין געקומען קיין אויסלאַנד. איך האָב דאָ קיין באַקאַנטן נישט גע־האַט, און נישט איין טאָג האָב איך געהונגערט, אָן אַ שילינג אין קעשענע... אָבער מיין חשק צום לערנען האָט דערהאַלטן מיין לעבן. מיין ליבע צו וויסנשאַפט האָט געבראַכט דערצו, אַז מען האָט זיך פון מיר דערוווּסט, און פון דאַן אָן האָט זיך מיר גרינגער אָנגעהייבן צו לעבן. און כ׳האָב דערגרייכט דאָס, וואָס איך בין, און וואָס איר האָט אפשר געהערט וועגן מיר. אָבער די שרעקלעכע צייטן, וואָס האָבן זיך איצט אָנגערוקט, ווי אַ שטאַרקער דיקער, שוואַרצער וואָלקן, וואָס מען זעט דורך אים גאָרנישט, פאַראומערן מיין לעבן. איך ווייס נישט, ווו זענען מיינע עלטערן, צו וועלכע איך בין אַזוי צוגעבונדן. איך ווייס נישט פון מיינע אייגענע. מיין עלנטקייט ברענגט מיך

ציטנוויז צו משוגעת, און אָפטמאָל קומען מאָמענטן, ווען איך הייב ווידער אָן צו קוקן אויף דעם טייך ריין...

שטיינמאַן האָט פלוצים איבערגעריסן זיין דערציילונג. שווייגנדיק, האָט ער געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס און כמעט אויסגעשריגן:

—ווער ווייסט, צי איך וואָלט נאָך ביז איצט געקאָנט זיך ראַנגלען מיט דעם לעבן, ווען נישט דינה, מיט וועלכער איך האָב געהאָפט זיך צו זען. איצט איז זי אויך נישטאָ!... אָבער ציטנוויז קומט מיר אויפן געדאַנק: אפשר לעבט זי נאָך...

און שטיינמאַן, מאַכנדיק אַ פּאָר טריט פאָרויס, האָט ווייטער אָנגעהייבן:

— אָפטמאָל קומט מיר אויפן געדאַנק, אַז דינה לעבט נאָך, און אַמאָל גלויב איך יאָ אין איר טויט. עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז זי זאָל לעבן און זי זאָל וועגן זיך נישט געבן צו וויסן. מיינע פריינט טרייסטן מיך, אַז אין אַ טויטן דאַרף מען פאַרגעסן.

סאַלטשען איז זייער שווער געווען צו הערן אים רעדן וועגן דער פאַרשטאָרבענער דינהן. זי האָט אים ליב געהאַט מיט איר גאַנץ לעבן... זי האָט אַמאָל ליב געהאַט סטאַשן, אָבער אַנדערע געפילן האָט זי געהאַט צו שטיינמאַנען און זי פלעגט זיך אַליין דערקלערן:

— מיט סטאַשן איז געווען אַ מין קוראַזש, אַ פאַרשיכורטקייט,— און אַן עקל פלעגט זי אַרומכאַפּן, ווען זי פלעגט זיך דערמאָנען אין סטאַשן.

די לעצטע ביים פלעגט זי זיינע בריוו נישט עפענען און האָט אים אָנגעשריבן אַ בריוו, אַז צווישן זיי איז אַלץ געענדיקט. זי האָט אים דערקלערט, אַז זייערע פריערדיקע באַציונגען זענען געווען קינדערשע, זי איז אויסגעוואַקסן און דערזען, אַז זיי זענען גאַנץ פרעמדע מענטשן און האָט אים געבעטן, ער זאָל איר קיין בריוו נישט שרייבן.

כטאַש האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו שרייבן. דאַן האָט זי זיך אינגאנצן אָפּגעזאָגט זיינע בריוו צו באַקומען פון דער פּאָסט, און זיי זענען צוריקגעגאַנגען. און אין סטאַשן האָט זי אינגאַנצן פאַרגעסן, ווי גלייך ער וואָלט קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געלעבט.

שטיינמאַן האָט פאַר איר באַשאַפן אַ נייע וועלט, אַ ניי לעבן. זי האָט זיך געפילט, ווי ניי געבוירן און אירע אַלע געדאַנקען זע־נען געווען אַרום שטיינמאַנען.

סאַלטשע האָט מיט אַלע אירע חושים געפילט, אַז שטיינמאַנען האָט זי ליב, אָבער עס איז איר שווער געווען צו הערן, ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם מיידל מיט די זיידענע האָר און מיט די בלויע אויגן. זי האָט געוואָלט, אַז נאָר זי אַליין זאָל זיין זיינע, נאָר וועגן איר זאָל ער טראַכטן און רעדן. עס איז איר אויך שווער געווען איבערצוטראָגן די פאַרגאַנגענהייט פון זייערע אַמאָליקע באַ־ציונגען, וואָס איז פאַר איר אַזוי פאַרבאָרגן און צערומגעריגגלט מיט סודות, און סאַלטשע האָט געטראַכט:

— אפילו ווען די פאַרבאָרגענע פאַר מיר דינה זאָל לעבן, וועל איך מיין פלאַץ נישט אָפּטרעטן. איך האָב אים צופיל ליב. דאָס איז מיין ערשטע אמתע ליבע. פון אַזעלכע געפילן צו אים ווייס איך דאָס ערשטע מאָל.

און טרויעריק איז זי געוואָרן, ווען ער האָט איר איינמאַל געזאָגט:

— ווען איך קוק זיך איין אין אייערע בלויע אויגן, דערמאָן איך זיך אין דינהן. אַ מערקווירדיקע צוציונגסקראַפט ליגט אין איי־ערע זעלטענע אויגן.

סאַלטשע האָט אַ ציטער געטון און זיך טרויעריק אָנגערופן:

— וואָס־זשע, ה׳ דאָקטאָר... ווען איר קוקט אויף מיר, טראַכט איר וועגן אַן אַנדערער? איר זענט דאָך אַ דאָקטאָר און פאַרנעמט זיך מיט וויסנשאַפט, דאַרפט איר דאָך קאָנען אַ פרויען־האַרץ..

שטיינמאַן האָט זיך אַ כאַפּ געטון, ווי אַ פאַרשולדיקטער און זיך אָנגעהייבן פאַרענטפערן:

— איך בין נישט שולדיק... איך בין מיין גאַנץ לעבן געוווינט צו רעדן דאָס, וואָס איך טראַכט און דענק, פאַר קיין שום פּשרות אין מיין געוויסן איז קיין פלאַץ נישטאָ. איר ווייסט און פילט גע־וויס, ווי אַזוי איך האָב אייך ליב... איך בענטש דעם צופאַל, וואָס האָט געבראַכט צו אונדזער באַקאַנטשאַפט. איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב אין אייך אַן איבערגעגעבענעם פריינט. די מינוטן, וואָס איך פאַר־ברענג מיט אייך צוזאַמען, זענען די גליקלעכסטע אין מיין לעבן דאָך... שטייט דינה מיט אירע זיידענע האָר און בלויע אויגן פאַר

מיר, און ווען נישט פאַר מיינע אויגן, פיל איך, ווי זי גייט מיר נאָך אונטער מיינע פּלייצע טריט ביי טריט... און אָפטמאָל, ווען איך בין אַליין, קוק איך זיך אום, צי שטייט זי נישט לעבן מיר...

עס האָט שטיינמאַנען פּלוצים פאַרכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט זיך אויסגערוט און ווייטער גערעדט מיט האַרץ:

— איך פאַרשטיי, וויפל ליידן דאָס פאַרשאַפט אייך! אום צו קאָנען אַ פרויען־האַרץ, ברויכט מען זיך נישט פאַרנעמען מיט וויסנשאַפט. איך פאַרשטיי אייך זייער גוט, אָבער איך קאָן זיך נישט איבערמאַכן און קיין זאַך פון מיינע געפילן וויל איך פאַר אייך נישט באַהאַלטן. איך זאָג אייך דאָס, וואָס איך פיל און טראַכט... עס וואָלט מיר זייער גרינג געווען אייך אָפּצונאַרן, און קיינער, אפילו איר אַליין, וואָלט מיך אפשר נישט באַשולדיקט אין דעם, אָבער איך קאָן נישט! נישט צוליב אייך וויל איך אייך נישט אָפּנאַרן, נאָר פאַר זיך זעלבסט טו איך עס, ווייל איך קאָן אַנדערש נישט!

הערנדיק אַזאַ אָפנהאַרציקייט פון אים, איז שטיינמאַן אין אירע אויגן נאָך גרעסער אויסגעוואַקסן, שענער און ליבער איז ער איר געוואָרן, נאָר מיט אַ ווייטיק אין האַרצן האָט זי אים אונטערטעניק געפרעגט:

— וועט איר שטענדיק וועגן דינהן אַזוי טראַכטן?

— איך ווייס נישט, דאָס איז נישט געווענדט אין מיר. מען זאָגט, אַז די צייט איז דער גרעסטער דאָקטאָר. איך, אַלס דאָקטאָר, קאָן עס אויך באַשטעטיקן, און אייך קאָן איך נאָר זאָגן, אַז אויב איר פילט זיך פעיק מיטצולײַדן מיט מיר, וועל איך זיין דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט.

סאַלטשע איז געווען ווי פאַרשיכורט פון זיינע ווערטער. זי האָט אָנגענומען זיינע ביידע הענט און פריינטלעך זיי געדריקט. אירע בלויע און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן זיך באַגעגנט און האָבן אַריינגעדרונגען איינס אין דעם צווייטן טיף אין זייערע הערצער.

אָן ווערטער זענען זיי געפאַלן אויף די העלדזער און זענען פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ לאַנגן, לאַנגן קוש.

פון דאַן אָן האָבן זיי זיך גערעכנט פאַר חתן־כלה.

נאָך אַ לאַנגער דערקלערונג פון סאַלטשען צו איר פאָטער, האָט זיך ר׳ מאיר אויך געפילט פאַר גליקלעך, וואָס זיין בת־יחידה איז אַ כלה געוואָרן פאַר דעם יונגן דאָקטאָר. מען האָט געשריבן תנאים, און באַזעל האָט גערעדט וועגן די שיינע יונגע חתן־כלה.

די גאַנצע צייט פון מלחמה האָבן זיי דאָ, אין באַזעל, געוווינט. סאַלטשע האָט זיך געפילט פאַר דער גליקלעכסטער אין דער וועלט. זי האָט די גאַנצע צייט קיין איינציק מאָל נישט געהערט פון איר חתן, ער זאָל דערמאָנען דינהן מיט אירע ווידענע האָר און בלויע אויגן. זי האָט אים זעלטן געזען פאַרטרויערט, ער איז שטענ־דיק געווען באַשעפטיקט מיט אַרבעט און אין דער פרייער צייט פאַרבראַכט נאָר מיט איר.

נישט איינמאָל האָט דאָס יונגע פאָר צווישן זיך אויפגעהייבן די פראַגע, מען זאָל באַשטימען די צייט פון זייער חתונה, און נישט איינמאָל האָט מען וועגן דעם איבערגערעדט אין געגנוואָרט פון אי־רע עלטערן, נאָר ר׳ מאיר האָט דערויף געענטפערט:

— מען מוז אָפּלייגן די חתונה, ביז די מלחמה וועט זיך ענ־דיקן... עס וועט דאָך קומען שלום אויף דער וועלט. די באַנען וועלן זיך עפענען, מען וועט קאָנען פאָרן אַהיים, און דאָרט וועלן מיר מאַכן די חתונה. די מלחמה וועט זיך אייביק נישט ציען. אָט שרייבן שוין היינטיקע צייטונגען, אַז דייטשלאַנד בעט שלום. מיר וועלן מיט דער חתונה וואַרטן נאָך אַ האַלב יאָר, אָדער אַ יאָר.

סאַלטשעס מוטער האָט אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און גע־זאָגט:

— וואָס הייסט, איך וועל מיין בת־יחידקע חתונה מאַכן אין דער פרעמד? איך האָב עפּעס אַ סך קינדער, זיי זאָלן זיין געזונט און שטאַרק און מיינע ביינער איבערלעבן? בפרט נאָך זיסעלע, וואָס איז ביי מיר איינאונאיינציקע.

— און ווידער, — האָט ר׳ מאיר געזאָגט, — ווי קאָן מען איצט טראַכטן וועגן אַ חתונה, ווען עס איז אַזאַ טומל אויף דער וועלט און קיינער ווייסט נישט, וואָס עס וועט זיין מיט אים. מען דאַרף נאָך צוואַרטן.

און אַזוי איז געבליבן, מען האָט געוואַרט, און אין עטלעכע חדשים אַרום, ווען עס איז געוואָרן דער שלום און עס איז מעגלעך געוואָרן ווי עס איז, אַז פּריוואַטע מענטשן זאָלן זיך קאָנען רירן פון זייערע ערטער, זענען אַ סך מענטשן זיך צעפאָרן פון באַ־זעל, און צווישן זיי אויך ר׳ מאיר פיינזילבער מיט זיין פאַמיליע, צו זיך אַהיים, קיין פּוילן און דער דאָקטאָר קיין בערלין ווו ער

האָט געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל. און פאַר זייער אָוועקפאָרן האָט מען באַשטימט די צייט פון דער חתונה.

די גליקלעכע חתן־כּלה האָבן זיך צעשיידט מיט דער גאָלדענער האָפענונג, אַז זיי וועלן אין גיכסטן זיך צוזאַמענקומען אויף שטענדיק, אויף אייביק און זיך קיינמאָל אין זייער לעבן נישט צעשיידן.

אַלך, פון דער ערשטער מינוט, זינט סאָלטשע האָט זיך באַקענט מיטן יונגן דאָקטאָר שטיינמאַן אין באַזעל, ביז איר געזעגענען זיך מיט אים אלס חתן־כּלה, האָט זי איצט איבערגעלעבט, זיצנדיק מיט איר מוזיק־לערער, יעקב לערנער אין וואַגאָן, וועלכער האָט זיי געטראָגן צו דער גרענעץ פון דער שווייץ, און ווען זי איז איצטער דורכגעפאָרן די אייביק גרינע בערג און טאָלן, וועלכע גרענעצן זיך מיט דער שווייץ, האָט זי זיי דערקאָנט, ווי אַלטע גוטע פריינט. ווי גליקלעך איז זי דאָ געוועזן, ווען זי איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק די־זעלבע גרינע בערג און טאָלן פאַרבייגעפאָרן צו זיך אַהיים, ווו זי האָט באַדאַרפט וואַרטן אויף דעם גליקלעכן טאָג פון איר חתונה מיט איר ליבן און געליבטן חתן דוד.

אַזוי ווי נעכטן איז עס געשען, אַזוי געדענקט זי אַלץ: קלייניקייטן, וועלכע זי האָט זיי קוים מיט אַ פּאָר יאָר צוריק באַמערקט, געדענקט זי איצט אַזוי דייטלעך און קלאָר. זי געדענקט אפילו אין וואָס פאַר אַ קלייד זי איז דאַן, ביים געזעגענען זיך מיט איר חתן, געגאַנגען, און וואָס פאַר אַ האלדזטוך איר חתן האָט דאַן געטראָגן: ווייסע געשטיקטע פּינטעלעך אויף טונקל־בלויען זייד.

אַלץ האָט זי געדענקט, אַלץ האָט זי איבערגעלעבט, און סאָלטשע האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון פענצטער. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דער גאַנצער וועג, יעדעסביימל, יעדעס פאַרוואַקסענע שטיקל ערד איז איר באַקאַנט פון די צייטן, ווען זי איז די גליקלעכסטע אויף דער וועלט געוועזן.

און איצטער פאָרט זי, וווהין און צו וועמען? און צוליב וואָס פאַר אַ צוועק?

אויף די אַלע פראַגן ווייסט זי נישט וואָס צו ענטפערן.

סאָלטשע האָט זיך איינגעגעסן מיט אירע אויגן אין פענצטער און אַלע מאָל האָבן זיך פאַר איר געטראָגן נייע לאַנדשאַפטן, פעלדער, וועלדער, בערג און טאָלן, און זי האָט פון קיין זאַך נישט

געטראַכט און געזעסן ווי פאַרשטיינערט אויף איין אָרט מיט דעם קאָפּ צום פענצטער.

— סאַלטשע! — האָט לערנער זי גערופן. נאָר זי איז געזעסן אַזוי פאַרטיפט אין זיך, אַז זי האָט נישט געהערט זיין שטימע.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי איינגעגעסן אין פענצטער, אַז עס איז אייך נישט אָפּצורייסן? — האָט ער ווידער זיך געווענדט צו איר.

— האַ, וואָס איז? — האָט זי געענטפערט, אַרומקוקנדיק זיך אין אין וואַגאָן, ווי גלייך זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

— וואָס האָט איר אין פענצטער אַזוינס דערזען, וואָס איר הערט אפילו נישט, ווען מען רופט אייך?

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי זיך פאַרטראַכט.

— און פאַרשטייט זיך, אַלץ געטראַכט וועגן אים, וועגן דעם חתן, וואָס האָט איבערגעלאָזט זיין כלה שטיין אונטער דער חופה און אַליין איז ער נישט געקומען...

— געוויס, וועגן וועמען זאָל איך דען טראַכטן?

— איר וואָלט דאָסזעלבע געקאָנט טון, זיצנדיק אין שווידער און נישט דאַרפן מאַכן וויטע רייזעס...

סאַלטשע האָט געשוויגן און לערנער האָט אָנגעהייבן רעדן מיט האַרץ:

— איר ווייסט, סאַלטשע, אַז איר האָט קיינמאָל נישט געהערט, איך זאָל רעדן וועגן וועמען עס איז אַ שלעכט וואָרט, נאָר וועגן דעם דאָזיקן יונגן דאָקטאָר, וויל איך אייך זאָגן, אַז לויט זיין לעצטער אויפפירונג צוזאַמען מיט זיין טאָן אין טעלעגראַמע און בריוו צו אייך פאַרדינט ער נישט, איר זאָלט זיין נאָמען דערמאָנען. איך האָב אייך שוין איינמאָל וועגן דעם געזאָגט און זאָג עס איצט נאָכאַמאָל.

— גלויבט מיר, איך וואָלט עס אפשר אַזוי געוואָלט, ווי איר, ער זאָל פאַר מיר מער נישט עקזיסטירן, ווי גלייך ער איז אויף דער וועלט נישט געבוירן, נאָר עס איז נישט געווענדט אין מיר. אפשר מיט דער צייט... דערווייל קאָן איך אים נישט פאַרגעסן. דער מענטש האָט צופיל גוטס מיר געטון, אַ נייע נשמה מיר געגעבן, אַ ניי לעבן! וואָס בין איך געווען ביז אים? אַ גאָרנישט, אַ פּוסט מיידל, וואָס איך האָב נאָר געביטן אַלע מאָל נייע קליידלעך און קאָקעטירט מיט גימנאַזיסטן אָדער סטודענטן און זיך געשעמט מיט

אייגענע טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן מיר די שיינע קליידלעך געגעבן און אויסגעהאָדעוועט אין רייכטום, איך בין געווען בלינד און נישט געזען, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיר געעפנט די אויגן און איך בין געוואָרן אַ זעענדיקע... דערצו קאָן איך אַזוי גיך נישט פאַרגעסן אַ מענטשן, וואָס האָט מיר אַזוי פיל גליק געגעבן אין דער קורצער צייט, וואָס איך בין זיינע אַ כלה געווען. אָט לייענט זיינע בריוו צו מיר...

און, אַזוי רעדנדיק, האָט זי אויף גיך און נערוועז געכאַפּט איי־נע פון אירע לעדערנע רענצלעך, געעפנט און אַרויסגענומען אַ גרויס פּעקל בריוו, אַרומגעבונדן מיט זיידענע סטענגעס און אים זיי דערלאַנגט.

— אָט, נאַט זיי אייך און לייענט זיי, וועט איר זען, ווי מען קאָן אַזאַ מענטשן אַזוי גיך פאַרגעסן

לערנער האָט נישט גענומען דאָס פּעקל בריוו, זאָגנדיק מיט אַ פאַרביטערטן שמייכל:

— וואָס האָב איך צו לייענען פרעמדע חתן־כלה־בריוו?

— ניין, איך בעט אייך, לייענט זיי!

לערנער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, און סאַלטשע האָט זיי לאַנגזאַם מיט ציטערדיקע הענט, ווי אַן אבן־טוב, באַהאַלטן אויף דעם פריערדיקן אָרט.

סאַלטשע איז מיטאַמאָל געוואָרן פריילעך און זיך אָנגערופן צו איר מוזיק־לערער:

— איך שטעל זיך פאָר, לערנער, ווי איך האָב אייך דערעסן מיט מיין רעדן און בענקען נאָך מיין חתן, וועלכער וויל פון מיר נישט וויסן... איך פאַרשטיי, אַז אייך וואָלט אָנגענעמער געווען צו מאַכן אַזאַ שיינע רייזע מיט אַ פריילן, וואָס זאָל זיך פילן לעבעדי־קער און פריילעכער פון מיר. איך ווייס, אַז פון אַזאַ קלאָגנדיקע און וויינענדיקע, ווי איך, קאָנט איר נישט זיין צופרידן. נאָר שטענ־דיק וועט דאָך אַזוי נישט זיין, מיר וועלן קומען קיין באַזעל. דאָרטן האָבן מיר אַ סך באַקאַנטע, וועלכע האָבן זייער גוט געקאָנט מיך און דעם יונגן דאָקטאָר. איך האָף, אַז איך וועל נאָך איינעקע פון זיי געפינען. פון זיי וועל איך אַלץ וויסן. און דאַן, וואָס איך זאָל זיך נישט דערוויסן, וועל איך זיך באַרויקן און איר וועט זען, ווי פיין און לייטיש איך וועל זיך אויפפירן... איך וועל אייך אין אַלעמען

פֿאַלגן, און אונדזער ווייטערדיקע רייזע וועט זײַן שיין און אינטע־רעסאַנט... לאָמיר נאָר קומען קיין באַזעל!

לערנער, דערזעענדיק ווי סאַלטשע איז ווידער פֿריילעכער גע־וואָרן, האָט אים אָנגעהייבן באַנג צו טון, וואָס ער האָט איר פֿאַר־וווּרף געמאַכט פֿאַר איר אויפֿפֿירן זיך, און ער האָט בײַ זיך באַ־שלאָסן מיט קיין זאַך איר מער נישט צו שטערן: זאָל זי טון און זיך אויפֿפֿירן, ווי זי וויל.

לערנער איז געקומען צום באַשלוס, אַז נישט ער און נישט קיינער קאָן אויף איר ווירקן און זי אַליין געפֿינט זיך אין אַזאַ צו־שטאַנד, וואָס זי קאָן איבער זיך זעלבסט נישט געוועלטיקן. „זאָל עס גיין, ווי עס גייט".

אויף דעם דריטן טאָג פֿון זייער רייזע האָבן זיי אָנגעהייבן צו־פֿאָרן צו דער שטאָט באַזעל. סאַלטשע, און דערנאָך לערנער, האָבן זיך אָנגעהייבן אָנטון פֿריער פֿאַר אַלע פּאַסאַזשירן, און ווען דער צוג האָט אָנגעהייבן גיין צווישן גערטנער, הײַזער און פֿאַבריקן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אונטער דער שטאָט, האָט סאַלטשע אָנגעהייבן קוקן אין פֿענצטער פֿון וואַגאָן. זי האָט געזען באַקאַנטע ערטער, וווּ זי האָט אַמאָל שפּאַצירט מיט איר חתן.

די ערינערונגען פֿון איר אַמאָליקער גליקלעכער צײַט האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט פֿאַנטאַזיע. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס קאָן זיך טרעפֿן, זי זאָל דאָ באַגעגענען איר חתן. אפֿשר האָט ער גראָדע באַדאַרפֿט פֿאָרן קיין באַזעל און ער געפֿינט זיך דאָ? זי האָט זיך איצטער אויך דערמאָנט אין איר חברטע: אפֿשר איז זי פֿאַרבליבן דאָ? און אין נאָך פֿיל באַקאַנטע האָט זי זיך איצטער דערמאָנט.

זי האָט נישט געקוקט, נאָר זי האָט דורכן פֿענצטער געוווּכט: אפֿשר וועט זי דאָ באַגעגענען אַ באַקאַנטן?

לערנער האָט עס באַמערקט און געפֿרעגט:

— וועמען זוכט איר, סאַלטשע?

— אַ באַקאַנטן, איך האָב דאָ געהאַט אַזוי פֿיל באַקאַנטע און פֿרײַנט

לערנער האָט זיך צעלאַכט.

— און אַפֿילו, ווען איר האָט דאָ יאָ באַקאַנטע, וווּ-זשע וועט איר זיי באַגעגענען? עס איז דאָך ערשט נישט לאַנג טאָג געוואָרן, ווי שלאָפֿן דאָך איצטער אַלע...

נאָר פאַרליבטע גלויבן נישט אין לאָגיק, זיי גלויבן אין זייע־רע פאַנטאַזיעס, אַז זיי קאָנען פאַרווירקלעכט ווער

סאַלטשע האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן אין פענצטער און זוכן באַקאַנטע.

אויף דער לעצטער קליינער סטאַציע האָבן זיך אין איר וואַגאָן אַרויפגעכאַפּט עטלעכע נייע פּאַסאַזשירן, האָט זי אָנגעהייבן אין זיי זיך איינצוקוקן: אפשר וועט זי אין זיי געפינען באַקאַנטע און זיי אויספרעגן וועגן יונגן דאָקטאָר שטיינמאַן?

אָבער די נייע פּאַסאַזשירן האָבן געגענעצט פון פרי אויפשטיין און אַלע זענען פאַר איר געווען פרעמדע.

ענדלעך האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט און סאַלטשע מיט איר מוזיק־לערער זענען גלייך פון באַנהויף אָפּגעפאָרן אין דעמזעלבן האָטעל, וווּ זי האָט אין דער צייט פון דער מלחמה געוווינט און ווו דער ד״ר שטיינמאַן פלעגט אַזוי אָפט צו איר קומען.

פאָרנדיק איבער די גאַסן ביז צום האָטעל, האָט סאַלטשע נישט אויפגעהערט זיך איינצוקוקן אין די פאַרבייגייער, — אפשר וועט זי פּאָרט באַגעגענען אַ באַקאַנטן, אָבער אַלץ פרעמדע און פרעמדע מענטשן האָט זי געזען.

זי האָט באַמערקט, אַז אויף דער גאַס איז זייער אַ קליינע באַוועגונג, נישטאָ דער רעש און ענגשאַפט, ווי אין דער מלחמה־צייט, און די שטאָט האָט באַקומען איר פריערדיקן אויסזען.

אין האָטעל האָט מען זי באַגעגנט זייער ליבלעך, צימערן זענען געווען פרייע, נישט ווי פריער, ווען מען האָט באַדאַרפט טעג וואַרטן ביז עס זאָל זיך באַפרייען אַ צימער.

סאַלטשע איז טרויעריק געוואָרן, זאָגנדיק צו לערנערן:

— ווייזט אויס, אַ סך פון מיינע באַקאַנטע זענען זיך צעפאָרן.

לערנער האָט אין האָטעל פאַר זיך גענומען אַ באַזונדער צימער מיט אַ פּיאַנאָ, ווי ער פלעגט שטענדיק טון, ווען ער פלעגט זיך אויף זיינע רייזעס אָפּשטעלן אין אַ שטאָט אויף עטלעכע טעג, ווייל מיט אַ פּיאַנאָ האָט ער זיך אומעטום געפילט, ווי ביי זיך אין דער־היים.

ער איז אַריין צו זיך אין צימער מיט זיין קליין האַנט־רענצל און איז גלייך צוגעגאַנגען צום מוזיקאַלישן אינסטרומענט און אָנגע־

הייבן פירן מיט די פינגער איבער די קלאַווישן, פּרווונדיק, צי די פּיאַנאָ איז גוט אָנגעצויגן.

אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ צעפרידנהייט, וואָס די פּיאַנאָ איז אין אָרדענונג און ער האָט געזאָגט צו זיך:

— לעבן זאָל אויסלאַנד!

דערנאָך האָט ער זיך מיט הנאה צוגעזעצט צו דער פּיאַנאָ און מיט איין האַנט אָנגעהייבן אַרויסציען פון די קלאַווישן זיינע באַליבטע „ניוואַנסן", וואָס ער האָט אָפּט ליב געהאַט שטיל צו זינגען „פאַר זיך".

אין דער טיר האָט אָנגעקלאַפּט סאַלטשע און, אַריינקומענדיק, האָט זי אים געזאָגט:

— אפשר וואָלט איר אויפגעהערט צו שפּילן און זיך געלאָזט פריער אָפּרוען פון וועג?

לערנער האָט זיך צעלאַכט:

— און איר לערנט זיך נאָך מוזיק! שוין אַזאַ צייט אָן אַ פּיאַנאָ און ביי אייך מאַכט עס גאָרנישט אויס? ווען איך וואָלט רייך געווען, וואָלט איך גענומען פאַר אונדז אַ סאַלאָן־וואַגאָן, וואָלט איך געשפּילט אין וועג... איך האָב מיר שוין פאַרבענקט נאָך דער פּיאַנאָ.

— ווי קומט עס אָבער, וואָס איר, האָבנדיק אַ בעט, זאָלט זיך נישט לייגן שלאָפן... אַ קלייניקייט ביי אייך שלאָפן?

— איך וועל שוין שלאָפן ביינאַכט, וואָס זאָל איך דאָ לייקענען... עס ציט מיך אויך צום בעט, נאָר איך האָב מורא זיך צו לייגן, איך זאָל נישט שלאָפן ביז איבערמאָרגן.

סאַלטשע האָט לאַכנדיק זיך אָנגערופן:

— ווייסט איר וואָס, לאָמיר בעסער גיין אָנקוקן די שטאָט! איר זענט גערעכט, מען קען זיך אויסשלאָפן ביינאַכט. מיר וועלן טרינקען קאַווע און דערנאָך וועלן מיר זיך לאָזן איבער דער שטאָט.

— גוט, זאָל זיין אַזוי.

פּלוצים האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון:

— יאָ, וואָס הערט זיך עפּעס מיט אייערע געשעפטן? איר האָט עפּעס געפונען פון אַמאָליקע באַקאַנטע?

— איך האָב אין האָטעל געפרעגט אויף אייניקע, ווייסן זיי נישט. זיי האָבן מיר נאָר געזאָגט, אַז אַלע מיינע באַקאַנטע, וואָס האָבן ביי זיי אין האָטעל געוווינט, זענען אין פאַרשידענע צייטן זיך

צעפּאָרן, נאָר אידאַ, מיין צמאָליקע חברטע, האָבן זיי מיט אַ פּאָר חדשים צוריק באַגעגנט אין שטאָדט, נאָר ווו זי איז איצטער, ווייסן זיי נישט. איך גיי צו מיר אין צימער זיך איבערטון און איר וואַשט זיך דאָ אויך אַרום און טוט זיך איבער, זייט אַ שיינער יונגערמאַן...— האָט זי געטייטלט צו אים מיט די פינגער, און איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער.

לערנער האָט זיך פיין אַרומגעוואַשן, דערנאָך אַרומגעבערשטלט זיין קאָסטיום, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך, אַרויסגענומען פון רענצל אַ ווייסן קאָלנער מיט אַ האַלדזטוך און עס אָנגעטון.

דערנאָך איז ער אַריין אין רעסטאָראַן פון האָטעל, ווו מיט אַ צייטונג אין דער האַנט האָט ער געוואַרט מיט דער קאַווע אויף סאַלטשען.

אין רעסטאָראַן האָבן זיך שוין געפונען אייניקע געסט, וועל־כע האָבן כמעט נישט באַמערקט לערנערס אַריינקומען, נאָר ווען אין אַ צוואָנציק מינוט אַרום איז סאַלטשע אַריינגעקומען אין רעסטאָראַן און גלייך צוגעגאַנגען צו לערנערס טישל, זיך געזעצט לעבן אים, האָבן אַלע אויגן זיך געווענדט אין דער זייט, ווו זיי ביידע זענען געזעסן.

לערנער, פון זינט ער פּאָרט מיט סאַלטשען, איז שוין צוגע־וויינט צו אַזעלכע עפּיזאָדן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט צוליב אים קוקט דער עולם אין זיין זייט, נאָר צוליב סאַלטשעס שיינקייט. יונ־גע לייט קאָנען נישט דורכלאָזן אַ יונג שיין מיידל, זיי זאָלן זי נישט דורכשטעכן מיט די אויגן. און סאַלטשע האָט, פון געוויינהייט צו אַזעלכע באַגעגענישן, גלייכגילטיק געקוקט אויף דעם גאַנצן עולם, וועלכער האָט זיך געפונען אין רעסטאָראַן, גלייך ווי זי האָט געקוקט אויף דעם שיינעם מעבל מיט די געגילטע שפּיגלען און אויף דער געמאָלטער סטעליע מיט די מיטאָלאָגישע פיגורן.

דער עולם, צוזעענדיק די איינפאַכע אויפפירונג פון דער שיי־נער פריילן, און אויך דעריבער, וואָס לעבן איר איז געזעסן אירער אַ באַקאַנטער, האָט אויפ:עהערט צו קוקן אין איר זייט, נאָר איין יונגערמאַן האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון סאַלטשען.

סאַלטשע און לערנער האָבן זיך ווייניק אומגעקוקט אויף אים. ווי זיי האָבן נאָר אָפּגעטרונקען קאַווע און עפּעס צוגעביסן, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין צופוס איבער דער שטאָט, ווייל נאָך אַזאַ לאַנ־

גער רייזע, ווען זיי זענען עטלעכע טעג געווען אין וואַגאָן, האָט זי דאָס פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס עס איז שוין געווען באַלד צוועלף אַ זייגער, האָט מען אויף די גאַסן באַגעגנט ווייניק מענטשן.

סאַלטשע האָט זיך געוואונדערט. זי האָט געקענט באַזעל פאַר אַ רעשדיקער שטאָט און זי האָט איר פאַרוואונדערונג אַרויסגעזאָגט איר מוזיק-לערער, אויף וואָס לערנער האָט געענטפערט:

— איך קען באַזעל נאָך פריער פון אייך און איך קען אייך זאָגן, אַז באַזעל איז שטענדיק געווען אַזאַ רויקע שטילע אויסגעפוצ-טע שטאָט, און איר האָט דאָ געוווינט אין דער צייט פון דער מלחמה, ווען פון אַלע מלחמה-ערטער איז מען דאָ אָנגעלאָפן. איצטער זענען זיך אַ סך צעפאָרן, פונדעסטוועגן דאַכט זיך מיר, אַז עס זענען דאָ צוגעקומען מער איינוווינער, ווי אין דער צייט, ווען איך בין דאָ גע-ווען. באַזעל איז דאַן געווען נאָך שטילער!

— וואָס האָט איר דאַן געטאָן אין באַזעל, הער לערנער?

— וואָס איך האָב געטאָן? — האָט ער געענטפערט אויך מיט אַ פראַגע. — ביי מיר האָט זיך צוזאַמענגעקליבן איבעריק געלט. האָב איך געמאַכט אַ רייזע איבער דער שווייץ, בין איך אויך געווען אין באַזעל, און גראַדע דאָ האָב איך פאַרבראַכט לענגער ווי אומעטום, ווייל דאָ האָבן געוווינט אַ פאָר באַוווּסטע מוזיקער, מיט וועלכע איך האָב זיך דאַן באַקענט. איינער פון זיי האָט אַמאָל קאָנצערטירט אין דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע. איך גלויב, אַז ער דאַרף נאָך דאָ וווי-נען. דענסטמאָל האָט ער דאָ געהאַט אַן אייגענע ווילע. ווען מיר וועלן זיך אָפרוען פון וועג, וועל איך אים אויפזוכן. מיר וועלן האָבן פאַר-גניגן פון דער באַקאַנטשאַפט.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען די גרויסע שטאָטישע געביידע „קאַ-זינאָ", לעבן וועלכער עס זענען געווען אויסגעקלעבט אַפישן פון פאַרשי-דענע טעאַטערס און קאָנצערט-זאַלן.

זיי האָבן זיך אָפגעשטעלט איבערצולייענען.

לעבן זיי האָט זיך אָפגעשטעלט אַ יונגערמאַן, עלעגאַנט געקליידט, מיט נייע הענטשקעס און אַ שטעקל אין דער האַנט. ער האָט זיך פאַרבויגן אין דרייען פאַר סאַלטשען און פאַר איר באַגלייטער און מיט זיסע ווערטער האָט ער זיך געווענדט אויף פויליש צו סאַלטשען:

— איך בעט אייך זייער איבער, זענט איר נישט די פאַנאַ

סאַלטשע פיינזילבער פון וואַרשע? האָב איך נישט קיין טעות?

סאַלטשע, דערהערנדיק, ווי מען ווענדט זיך צו איר אַזוי אומ־דערוואַרט אויף פויליש און מען רופט אָן איר נאָמען, האָט זיך האַסטיק אומגעקערט צו אים און געענטפערט:

— יאָ, איך בין עס!

דער יונגערמאַן האָט פון גרויס פרייד אָנגעהויבן רעדן אַזוי גיך, אַז ער האָט זיך מיט די ווערטער אָנגעהייבן צו ווערגן.

— איך האָב אייך געזען אין רעסטאָראַן „צום ווייסן אָדלער“. אייער געזיכט איז מיר אויסגעקומען באַקאַנט, נאָר איך בין געווען נישט זיכער, און איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב זיך דערלויבט אייך נאָכצוגיין. איך וויל גלויבן, אַז איר וועט מיר אַנטשולדיקן פאַר אַזאַ חוצפה, ווייל איך האָב זיך געוואָלט איבערצייגן, אַז איך האָב נישט קיין טעות. איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב קיין טעות נישט גע־האַט... און איר דערקענט מיך?

סאַלטשע האָט מיט אַ שטרענגן בליק אים אָנגעקוקט. זי האָט געזען פאַר זיך אַ פראַנט מיט אַן אויסגעצאָלט פּנימל און מיט א קליין פראַנצויזיש בערדל, וואָס האַלט ערשט אין וואַקסן, און האָט נאָך שטרענגער געענטפערט:

— ניין, איך דערקאָן אייך נישט.

— איך בין דאָך וואַלערי קאַרפּינסקי, סטאַשס חבר פון גימ־נאַזיע! מיר האָבן דאָך אַמאָל מיט אייך געטאַנצט אויף אַ באַל. איר זענט נאָך דענסטמאָל אַ גימנאַזיסטקע געווען, די שענסטע און פעיק־סטע שילערין אין גימנאַזיע.

— יאָ איך דערמאָן זיך, — האָט זי אים קאַלט געענטפערט, — וואָס טוט איר דאָ?

— איך האָב דאָ מיין שטודיום געענדיקט אין בערן. איצט פאַרברענג איך ביי מיינע פריינט.

סאַלטשע האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און געזאָגט:

—איר וועט מיר מוחל זיין. איך בין איצט זייער באַשעפטיקט...—

און, אַזוי רעדנדיק, האָט זי אים דערלאַנגט די האַנט און אַוועקגעגאַנ־גען מיט לערנערן.

וואַלערי איז געבליבן אַליין, ווי אַן אָפּגעשמיסענער, ווי אַ באַ־ליידיקטער. זיין שטאָלץ איז זייער געווען אָנגערירט. ער האָט אין דעם ערשטן מאָמענט בדעה געהאַט איר אָפּצוענטפערן פאַר אזא

אויפנאַמע, נאָר דערזעענדיק דעם שטאַרק געוואַקסענעם באַגלייטער, האָט ער זיך דערשראָקן און מיט כעס פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

— איך וועל איר אַן אַנדערש מאָל ביים ערשטן צופאַל באַצאָלן, און נאָכקוקנדיק זיי, האָט וואַלערי אָנגענומען, אַז דער באַגלייטער אירער איז געוויס איר מאַן, וועלכער ברויכט זיין איינער פון די רייכסטע יונגעלייט. אַנדערש וואָלט די שיינע, רייכע סאָלטשע אים נישט גענומען. זי אַליין פאַרמאָגט זיך אַ גרויסן נדן, וואָס אירע רייכע עלטערן האָבן איר געגעבן.

וואַלערי איז אינגאַנצן פאַרכאַפּט געוואָרן מיט נייגעריקייט. ער, אַלס סטאַשס יונגער פריינט, מיט וועלכן ער האָט אויך אין אויסלאַנד צוזאַמען געלערנט און זיך צייטנווייז איבערגעשריבן, האָט מער אָדער ווייניקער געוווּסט כון די באַציונגען צווישן סאָלטשען מיט סטאַשן און איצטער זעט ער זי מיט איר מאַן.

און כאָטש וואַלערי האָט זיך געפונען באַליידיקט פון איר ערשטער באַגעגעניש, האָט ער געהאָפט פאָרט צו זוכן אַ צופאַל, זיך נאָכאַמאָל מיט איר צו באַגעגענען.

סאָלטשע מיט איר מוזיק-לערער האָבן ווייטער געשפּאַצירט איבער די גאַסן, און ווען זיי זענען שוין געווען ווייט פון וואַלערין, האָט לערנער מיט אַ געלעכטערל זיך אָנגערופן צו סאָלטשען:

— נו, איצט זענט איר שוין צופרידן? איר האָט דאָך ענדלעך שוין געפונען אַ באַקאַנטן.

— יאָ, — האָט זי זיך צעלאַכט, — ווי אַ סאָלדאַט אין סוכה איז ער מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן. עס האָט געלוינט צוועקצופאָרן פון וואַרשע, איך זאָל זיך דאָ מיט אים באַגעגענען.

— פונדעסטוועגן האָט איר אים נישט אַזוי שיין מקבל־פּנים געווען.

— איך ווייס דאָס, ער פילט זיך געוויס פון מיר באַליידיקט. איך האָב וועגן דעם געטראַכט און האָב באַשלאָסן, כאָטש עס איז מיר שווער געווען אים אַזוי אָפּצוענטפערן, איך זאָל זיך פון אים באַפרייען, וואָרים ווען איך כיר זיך מיט אים אַנדערש אויף, וואָלט איך אַזוי גיך זיך פון אים נישט באַפרייט. זיי האָבן מיר דערעסן און איך האָב שוין לאַנג איבערגעריסן מיט זיי אַלע. איך וויל נישט און קאָן זיי מער נישט קענען. בעסער דער ערשטער רוגז, ווי דער

צוויסער. און איך מוז אייך זאָגן, לערנער, אַז איך פיל זיך גליקלעך, וואָס איר פּאָרט מיט מיר. מיין טאַטע איז אַ גרויסער חכם! דאָס איז זיין איינפאַל געווען, איר זאָלט פאָרן מיט מיר ווען איך בין אַליין, וואָלט איך פון אַזאַ באַגעגעניש געהאַט גרויסע צרות. ער וואָלט זיך פון מיינע באַליידיקונגען גאָרנישט געמאַכט, איך וואָלט פון אים פאַרמודיעט געוואָרן, און אַזוי האָב איך מיט איין קלאַפּ זיך באַפרייט פון אים.

— איך בין אויך צופרידן, וואָס איך פאָר מיט אייך, ווייל איך גלויב, אַז אונטער מיין אויפזיכט וועט איר סוף כל סוף ווערן אַ שטיקל מענטש.

זי האָט זיך צעלאַכט און האַרציק געזאָגט:

— איך בין גרייט אייך אין אַלעמען צו פאָלגן, אַבי איך זאָל ווערן דאָס, וואָס איר ווילט אין מיר זען, גוטער, ווילדער לערנער!

זי האָט די ווערטער אַרויסגערעדט מיט אַזוי פיל פריינטשאַפט און האַרציקייט, אַז עס האָט אים גערירט ביז טרערן, און ווען זיי זאָלן איצט זיך נישט געווען געפינען אויף דער גאַס, וואָלט ער ריזיקאַליש די אַרומגענומען און אַ קוש געגעבן, אַזוי ליב און שיין האָט זי איצט אויסגעזען אין זיינע אויגן.

שפּאַצירנדיק אַזוי, האָבן זיי זיך דערנענטערט צו די ברעגן פון טייך ריין. די צענטער־גאַסן זענען שוין געווען אונטער זיי. שטיל און רויק איז געווען. דאָס וואַסער אין ריין האָט געשפּיגלט, ווי אַ גלאַטיק פעלכל פון אַ יונג טונקל-גרוי קעצעלע, ווען עס ליגט אַ זאַטע און רוט אויף דער זון און וואַרעמט זיך.

סאַלטשע האָט דאָ דערקאָנט יעדעס אָרט, יעדעס ווינקל, וווּ זי איז געגאַנגען, געשטאַנען און געזעסן מיט איר חתן.

זי האָט זיך דערמאָנט אין איר חתנס ווערטער, ווען ער האָט איר אַמאָל אויף דעמזעלבן אָרט געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דעם טייך: „ווען איך באַגעגן זיך נישט מיט אייך, וואָלט מיין קערפּער שוין לאַנג געלעגן אויף דעם אָפּגרונט פון ריין”... און ווי האָט ער דאָ, צווישן די ביימער, וואָס שטייען כורעים ביים ברעג, געגלעט אירע האָר און געקושט אירע אויגן.

ער האָט פיל מיט איר גערעדט וועגן זייער צוקונפט.

סאַלטשע האָט אָנגעוויזן לערנערן די ערטער, ווו זי איז געגאַנגען און געשטאַנען צוזאַמען מיט איר חתן

און לערנער, וואָס האָט שטענדיק גערעדט אָפנהאַרציק, פונקט ווי ער האָט געטראַכט, כאָטש עס האָט יענעם געמעגט ווײ טון, האָט איצט געזאָגט צו סאַלטשען:

— וואָס רעדט איר אַזוי פיל וועגן אײַער חתן: ער איז דאָך שוין מער נישט אײַערער...

— און סאַלטשע האָט זיך אויף אַ מינוט נישט פאַרטראַכט און מיט איבערצײַגונג אים גלײַך געענטפערט:

— לויט דער לאָגיק האָט איר אפשר רעכט, נאָר איך רעכן זיך נישט דערמיט און זאָג אײַך, אַז ביז איך וועל זיך פאַרזענלעך מיט אים נישט זען און נישט הערן פון זײַן מויל, אַז איך בין שוין נישט זײַן כּלה, איז ער נאָך ביי מיר מײַן חתן!

לערנער האָט געשוויגן. מיט ליבשאַפט און רחמנות האָט ער געקוקט אויף איר ווי אויף אַ קראַנק קינד, וואָס דער קריזיס פון דער קרענק איז שוין אַריבער און עס דאַרף נאָך אַ צײַט געדויערן, ביז עס זאָל קומען צו די פריערדיקע קרעפטן.

זיי האָבן זיך ביידע געזעצט אָפּרוען אויף איינעם פון די פיל שטיינער, וועלכע זענען אָן אַ סדר צעוואָרפן ביים ברעג טײַך. זיי האָבן שווײַגנדיק לאַנג געקוקט אויף דעם מערקווירדיקן שיינעם טײַך, וועלכער ציט זיך און שלענגלט זיך צווישן גרינע פעלדער, און דער ברייטער פּאַס וואַסער ווערט פאַרפאַלן ערגעץ ווײַט־ווײַט צווישן געדיכטע ביימער, און ווען מען קוקט אין יענער זײַט אויף דעם גאַנצן ברעג טײַך, זעט מען ווייטע גרינע נידעריקע כוואַליענדיקע בערג און בערגלעך און נאָך ווײַטער, — אומענדלעכע גלײַכע ברייטע פעלדער.

זיי זענען לאַנג אַזוי געזעסן שווײַגנדיק און באַצויבערט פון דער געגנט.

דאָס לאַנגע שווײַגן האָט איבערגעריסן סאַלטשע:

— אויף דעמזעלבן אָרט און, דאַכט זיך, אויף דעמזעלבן שטיין, בין איך געזעסן מיט מײַן חתן און מיר האָבן לאַנג־לאַנג געשוויגן אַזוי ווי איצט און זיך אײַנגעקוקט אויף דער וווּנדערלעכער געגנט, אויף די זעלטענע שיינע לאַנדשאַפטן. ער איז געווען זייער פאַרטראַכט און זײַנע מערקווירדיקע שיינע שוואַרצע אויגן האָבן דאַן געלויכטן, ווי אמתע ברילאַנטן. אויף זײַן טונקל־חנעוודיק פּנים האָבן זיך באַוויזן בלאַסע קאָלירן, וואָס מען באַמערקט אָפט ביי געצײַלטע

מענטשן, וועלכע ווערן פון עפּעס באַגייסטערט, און ער האָט זיך פּלוצים אָנגערופן צו מיר:

— דו זעסט אָט די בריק מיט שמאָלע געפלאָכטענע פּאָרענטשעס, וואָס איז נישט ווייט פון אונדז איבערגעצויגן איבער דעם ריין? אויף דער דאָזיקער בריק איז אַמאָל געשטאַנען איינער אַליין אַ גרויסער מענטש, אַ גרויסער ייד... ער איז געשטאַנען טרויעריק פאַרטראַכט, נאָר באַגייסטערט און געקוקט אין דער ווייטקייט און געזען אַ גרויסע זעאונג, ווי זיין צעזייט און צעשפּרייט פאָלק, וואָס איז אַזוי צעריסן און צעשניטן אויף שטיק-שטיקלעך איבער דער גאַנצער וועלט... האָסט אוודאי געזען דאָס זעלטענע בילד, וואָס איז אַזוי פאַרשפּרייט צווישן יידן? — האָט ער מיך געפרעגט.

איך האָב געענטפערט:

— איך ווייס נישט.

און מיין חתן האָט אַזוי טרויעריק, מיט אַ רחמנות־פּנים אַ קוק געטון אויף מיר, זאָגנדיק:

—צום גרויסן באַדויערן, ביזטו נישט איינע פון אונדזערע יידישע קינדער, וואָס ווייסן נישט. דאָס איז געווען, — האָט ער געזאָגט, דער גרויסער מענטש, דער גרויסער ייד, דר. הערצל.

— מיר איז זייער באַקאַנט דאָסזעלבע בילד, — האָט לערנער באַמערקט.

— יאָ, מיר איז עס שוין איצט אויך באַקאַנט, נאָר נישט דאָס וויל איך אייך, לערנער, דערציילן.

סאַלטשע איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זי ווידער אָנגעהייבן:

— זיצנדיק אַזוי דאָ מיט מיר, האָט ער זיך פּלוצים אָנגערופן: ווייסטו, סאַלטשע, וואָס איך זע און וואָס איך טראַכט איצט, זיצנדיק אויף דעם שטיין? איך זע אין דער ווייטקייט פון אָט די אומענדלעכע פעלדער מיין היים, מיין פּאָדאָליע, וווּ איך בין געבוירן... איך זע אויף די פּאָדאָליער פעלדער גיין טויזנטער, אַ סך טויזנטער יידן מיט ווייבער און קינדער, אָפּגעריסענע, מיט טויטע בלאַסע פּנימער, מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס און מיט לאַנגע שטעקנס אין די הענט... און זיי גייען און גייען ערגעץ מיט באָרוועסע פאַרבלוטיקטע פיס און קוקן זיך אום אויף אַלע זייטן... איך זע דעם שטויב, וואָס הייבט זיך אויף פון זייערע טריט און הייבט זיך אויף ביז אין

הימל, אַז מינוטנווייז זע איך קוים זייערע פּנימער ווי דורך אַ זיפּ און אָט ווערט דער שטויב אַ ביסל שיטערער און איך זע ווי מײַנע עלטערן און אַלע מײַנע נאָענטע און ליבע גע‏פינען זיך אויך צווישן די פּיל טויזנטער פוס־גייער.

— איך געדענק, אַז איך האָב ז״ך עפּעס דערשראָקן פאַר זײַנע רייד. ער האָט עס באַמערקט, מיך באַרויקט און ער האָט זיך צו מיר געטוליעט נענטער און נענטער מיט אַזוי פיל צערטלעכער ליבע, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, מיר פליען צוזאַמען ביז אונטער די הימ־לען. יענע גליקלעכע מינוטן וועל איך אין מײַן לעבן נישט פאַר־געסן. ער איז געווען אַזוי שיין, אַזוי שיין, ווי אַ מלאך מיט זיל־בערנע פליגלען, וועגן וועלכן איך האָב אַמאָל געלייענט אין אַ שיין ביכל, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען.

— און ווייסטו, — האָט מיר מײַן חתן ווייטער געזאָגט, — אַז איך בין זיי מקנא... איך וואָלט אויך געוואָלט זײַן צווישן זיי און אויך גיין מיט פאַרבלוטיקטע פיס. יעדער פון זיי, דער קלענסטער פון זיי, זענען גרויסע מענטשן... איך וואָלט זיך געשעצט פאַר דעם גליקלעכסטן, ווען איך זאָל זײַן דאָרטן מיט זיי צוזאַמען, — און דערבײַ האָט מײַן חתן אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין דער ווײַטקייט פון די פעלדער, וואָס מיר זעען איצטער פון דאַנען...

יעקב לערנער, וועלכער האָט זייער ווייניק געטראַכט וועגן סאַלטשעס חתן, האָט זיך איצט זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט זײַן פּערזענלעכקייט און ער האָט געזאָגט סאַלטשען:

— איר ווייסט, איך וואָלט זייער געוואָלט קענען דעם יונגן דאָקטאָר שטיינמאַן, וועגן וועלכן איר הערט נישט אויף צו רעדן. ער האָט מיך זייער פאַראינטערעסירט.

— איר קאָנט עס אויספירן, — האָט זי זיך אָנגערופן און איז מיטאַמאָל לעבעדיקער געוואָרן. — מיר קענען פאָר־ן קיין בערלין, וועט איר זיך מיט אים באַקענען...

— נישט איצט, סאַלטשע, — האָט ער מיט באַדויערן געזאָגט, — נישט איצט... זאָל אַוועקגיין אַ געוויסע צײַט, דערנאָך, דערנאָך, שפּע־טער אַ ביסל, וועלן מיר פאָרן

און וועלנדיק איבערגיין אויף אַן אַנדער שמועס, נישט רעדנ־דיק מער וועגן דער רייזע נאָך בערלין, האָט ער די פּלוצים גע־פרעגט:

— מיך אינטערעסירט, וואָס האָט ער אייך דערציילט וועגן ד״ר. הערצל... איר האָט דאָך מסתמא ביי אים געפרעגט וועגן דעם?

— יאָ, איך האָב געפרעגט, נאָר ער האָט מיר אויף מיין פראַ־גע מער נישט געענטפערט: ער איז געווען אַ גרויסער מענטש, אַ גרויסער ייד, איצט ווייס איך אַ סך מער וועגן דעמדאָזיקן מענטשן.

סאַלטשע איז ווידער איבערגעגאַנגען צום פריערדיקן שמועס.

— אפשר, ה׳ לערנער, וואָלטן מיר פּאָרט געפאָרן קיין בערלין?

די דאָזיקע ווערטער האָט זי געזאָגט מיט אַזוי פיל געבעט און שיינ־קייט, אַז לערנער איז געווען גערירט, נאָר ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אַנטשלאָסן געזאָגט:

— איצט נישט.

און סאַלטשע האָט זיך מיטאַמאָל באַרויקט ווי אַ גוט קינד, וואָס האָט ליב צו פאָלגן טאַטע־מאַמע.

עס איז שוין געווען האַלבער טאָג. די זון, וועלכע האָט זיך אויפגעהייבן גאַנץ הויך, האָט זיי פאַרטריבן מיט אירע ברענענדיקע שטראַלן פון דעם שטיין, אויף וועלכן זיי זענען געזעסן, און זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז עס איז שוין מיטאָג־צייט.

— נאָך מיטאָג, — האָט לערנער געזאָגט, — וועל איך זיך פּרוּוון געפינען די אַדרעסן פון מיינע באַקאַנטע מוזיקער און מאָרגן וועלן מיר זיין ביי זיי.

— מען דאַרף אויך געפינען מיין חברטע אידאַ גרינפעלדס אַדרעס.

— מיר וועלן אַלץ אָפּטון נאָך היינט, — האָט לערנער געענט־פערט און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צוריק אין האָטעל.

יט.

סאַלטשעס חברטע, אידאַ גרינפעלד, וועלכע האָט אַמאָל ליב געהאַט דעם יונגן דאָקטאָר שטיינמאַן און האָט עד היום איבערגע־לאָזט אין איר האַרצן אַ גרויסע, טיפע ווונד, האָט אַ קורצע צייט, נאָך די תנאים ביי סאַלטשען מיט דעם יונגן דאָקטאָר, חתונה געהאַט מיט אַ רייכן סוחר, וועלכן זי האָט נישט ליב געהאַט.

דעם דאָזיקן שידוך האָט זייער געוואָלט איר פאָטער, און ביי איר, ווען זי האָט פאַרלוירן דעם דאָקטאָר, איז געווען

אַלצאַיינס, פאַר ווערמען חתונה צו האָבן, און האָט צוליב געטון איר פּאָטער.

אידאַ האָט געטראָגן אַ פאַרבאָרגענע שנאה צו איר חברטע סאָלטשע און זי האָט שטענדיק געגלויבט, אַז ווען נישט סאָלטשע, וואָס איז פון אַלעמען געווען אַן אָנערקענטע שיינהייט און מיט אַ סך מעלות, וואָלט סוף כּל סוף דער יונגער דאָקטאָר געבליבן אירער.

קעגן סאָלטשען האָט זי נישט געקאָנט קאָנקורירן און זי האָט פאַרשאָלטן דעם טאָג, וואָס סאָלטשע איז אָנגעקומען קיין באַזעל און האָט „באַרויבט" איר ליבע, — ווי זי פלעגט זיך אויסדריקן פאַר זיך זעלבסט.

אידאַ האָט איצט געוווינט אויף איר אייגענער רייכער דאַטשע, נישט ווייט פון באַזעל. קיין קינדער האָט זי נישט געהאַט, איר מאַן איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן און ווען ער האָט צייט געהאַט און איז געווען אין דערהיים, איז ער איר אויך געווען לאַנגווייליק.

ער פלעגט איר אָפט ברענגען מתנות, אויסגעשטאַנען אַלע אירע קאַפּריזן, אָבער קיין זאַך האָט זי נישט באַפרידיקט און זי האָט אַלץ געזוכט געזעלשאַפט אין פרעמדע הייזער. צו איר מאַנס באַקאַנטע, די סוחרים, האָט זי ווייניק אינטערעס געהאַט, זייערע שמועסן וועגן מסחר האָט איר ווייניק אינטערעסירט.

איר רייכע וווינונג פון אַ סך צימערן האָט ביי איר אויסגעזען פרעמד, ווי אַ הויז פון אַן אויסשטעלונג מיט פאַרשידענע בילדער און טייערע מעבל, וועלכע זענען נאָר אינטערעסאַנט איינמאָל אָדער צוויי מאָל אָנצוקוקן, אָבער נישט ווי אַ היים, וווּ מען דאַרף זיך פילן גוט און אָנגענעם.

ווען זי איז אַריינגעקומען צו זיך אין שלאָף־צימער, וווּ עס זענען געשטאַנען צוויי שיינע בעטן און וווּ עס איז געווען שטיל, ווי אויף אַ בית־עלמין, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס שטייען צוויי טרומנעס פאַר ערשט־גראַדיקע מתים, וווּ יעדן אויף דער נאַכט לייגן זיך אַריין צוויי טויטע מענטשן.

און אידאַ האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן אין דערהיים און פלעגט אַרומלויפן אין פרעמדע באַקאַנטע הייזער.

דערהויפּט אָבער איז זי איבערגעלעגן אויף דער זומער־וווינונג פון באַרימטן מוזיקער, וועלכער איז געווען באַקאַנט אונטער דעם

נאָמען דזשאָזעף און האָט געוווינט מיט זיין פאַמיליע אין דערזעל־בער געגנט.

האָט אויך ביי אים געגומען מוזיק־לעקציעס, וועלכע האָבן זיך זייער טייער באַצאָלט, כאָטש מוזיק האָט איר זייער ווייניק אינ־טערעסירט.

איר לערער האָט איר נישט איינמאָל געוואָרנט, אַז פון איר שפילן וועט גאָרנישט אַרויסקומען און עס איז נאָר אַרויסגעוואָרפן געלט, אָבער זי האָט זיך מיט קיינעם נישט גערעכנט. זי האָט זייער ליב געהאַט דאָס הויז מיט דער פאַמיליע און האָט געשטאָלצירט, וואָס זי רעכנט זיך פאַר אַ שילערין פון אַזאַ וועלט-באַרימטן מוזיקער.

אין דעם הויז פלעגן אָפט קומען זייער אינטערעסאַנטע מענטשן, קינסטלער, אַמאָל ליטעראַטן און דערהויפּט מוזיקער און זי האָט זייער ליב געהאַט צו פאַרברענגען אין אַזאַ געזעלשאַפט.

ווען מען האָט אַמאָל באַדאַרפט מאַכן אָוונטן פאַר אָרעמע קינסטלער אָדער סטודענטן, פלעגט זי זיין די הויפּט-אַרבעטערין אין איינאָרדענען די אָוונטן און לויט איר שטאַנד זיך געלאָזט קאָסטן געלט. דעריבער האָט מען זי אין דער קינסטלערישער וועלט געהאַלטן פאַר אַן אייגענע.

איינמאָל, ווען אידאַ איז געוועזן ביי דעם מוזיקער גארדי אויף דעם זומער־וווינונג און פאַרבראַכט אין גאָרטן צוזאַמען מיט זיין פאַ־מיליע, האָט זי פלוצים דערזען, ווי גאַרדי גייט צוזאַמען מיט צוויי פּערזאָן און ער רופט אָן איר נאָמען.

— מען פרעגט אויף אייך, — האָט גאַרדי זיך געווענדט צו אי־דאַן, ווען ער איז מיט די צוויי פּערזאָן צוגעקומען נענטער.

— סאַלטשע! — האָט אידאַ אויסגעשריגן, צוקושנדיק זיך מיט איר און איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט פון גרויס איבערראַשונג.

— אַזוי אומדערוואַרט! — האָט אידאַ קוים אַרויסגערעדט, — ווי קומסטו אַהער?

—פאַר מיר איז עס אויך אומדערוואַרט, מיר וועלן נאָך רעדן... נאָר פריער וועל איך דיר פאָרשטעלן מיין פריינט, ה׳ לערנער.

- אויך מיין פריינט... — האָט גאַרדי צוגעגעבן מיט אַ געלעכ־טער. און לערנער האָט זיך באַקענט מיט אידאַן און מיט דער פאַ־מיליע.

אידאַ האָט געברענט פון נייגעריקייט, נישט ווויסנדיק, וואָס דאָ

קומט פאַר! און דערהויפּט האָט איר באַלד פאַראינטערעסירט דער יונגערמאַן, וואָס באַגלייט סאַלטשען, וועלכע איז שטענדיק געווען אַזאַ שטאָלצע און שטרענגע צו מענער. זי האָט אים אָנגערופן „פריינט" און דער מוזיקער האָט אים אויך אָנגערופן „פריינט". און דער רויקער, שטילער איינפאַכער יעקב לערנער איז באַלד ביי איר אויסגעוואַקסן אין די אויגן. זי האָט געפונען, אַז איר נייער באַקאַנטער איז געגוג שיין, געזונט און שטאַרק און אידאַ, טראַכטנדיק וועגן איר נייער באַקאַנטשאַפט, האָט זיך אָנגעהייבן רויטלען.

גאַרדיס פאַמיליע צוזאַמען מיט די נייע געסט האָבן געפירט אַן אַלגעמיינעם שמועס, נאָר אידאַ האָט פון גרויס נייגעריקייט פאַרלוירן איר געדולט, און איז נישט אָפּגעטרעטן פון סאַלטשען:

— זאָג מיר, ווי אַזוי קומסטו פּלוצים קיין באַזעל און ווי אַזוי האָסטו געוווּסט, אַז איך בין דאָ?

— גאַנץ פּראָסט, — האָט סאַלטשע געענטפערט, — איך מאַך אַ רייזע, גאַרדי איז אַ באַקאַנטער פון מיין פריינט יעקב לערנער, וועלכער איז אויך אַ באַוווּסטער מוזיקער און גאַרדי איז זיינער אַן אַלטער באַקאַנטער, האָב איך אָנגעהייבן אויספרעגן אויף מיינע אַלטע באַקאַנטע. איך האָב געפרעגט אויף דיר אויך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דו וווינסט אויך אין דער געגנט און געפינסט זיך גראַדע איצטער ביי ה' גאַרדין אין הויז.

— אַזאַ צופאַל! אַזאַ צופאַל! — האָט אידאַ פאַרוואונדערט אויסגעשריגן.

— אויך דער וועלט קומט פאָר אַלץ! איך וויל זאָגן: אין לעבן טרעפט זיך אַלץ!

— נו, האָסטו עפּעס בריוו פון דיין חתן? — האָט זי פּלוצים געפרעגט.

סאַלטשען האָט זיך דאָס בלוט געביטן אין פּנים און זי האָט קוים אַרויסגערעדט:

— המ... מיר וועלן נאָך רעדן... וועגן דעם האָב איך דיך געוואָלט אויפזוכן און פרעגן... מיר וועלן נאָך רעדן...

אידאַ האָט געצויגן מיט דער פּלייצע און אַזש געציטערט פון נייגעריקייט. זי האָט קיין איינציק וואָרט נישט פאַרשטאַנען און האָט נאָר אין איר חברטעס פּנים געזען, אַז דאָ איז עפּעס פאָרגעקומען אומגעוויינלעכעס. זי האָט מורא געהאַט צו פרעגן און באַ־

שלאָסן בײ זיך צו וואַרטן, ביז סאַלטשע וועט איר אַלײן דערצײלן.

לערנער האָט געשפּאַצירט אין גאַנצן צוזאַמען מיט גאַרדין און גערעדט וועגן פאַרשידענע ענינים, ווי צוויי אַלטע באַקאַנטע.

די פרוי גאַרדי האָט געבעטן אַנטשולדיקונג בײ די געסט און האָט זיך באַשעפטיקט מיט צוגרײטן אַ געדעקטן טיש.

אין אַ קורצער צײט זענען אַלע גערופן געוואָרן צום טיש.

דער באַלעבאָס האָט לערנערן געזעצט לעבן זיך און אידאַ מיט סאַלטשען האָבן פאַרנומען אַ פּלאַץ אײנע לעבן דער צווײטער.

פונדעסטוועגן האָבן בײם טיש גערעדט אַלע צוזאַמען, איבער־גײענדיק פון אײן שמועס צום צווײטן.

— ה׳ לערנער, — האָט זיך פּלוצים גאַרדי אָנגערופן, — שטעלט מיך פאָר נעבנטער אײער פרײַנדין... איר האָט מיך נאָר אָנגערופן איר נאָמען... וואָס קאָן אַ נאָמען זאָגן?

— זי איז מײנע אַ שילערין.

— און זי איז אויך מײנע אַ שילערין, — האָט גאַרדי געזאָגט, אָנווײזנדיק אויף אידען.

— וואָס פאַר אַ שילערין בין איך, משטײנס געזאָגט... איך בין שוין אַ פרוי, איך האָב אַ מאַן מיט אַ הויז און אַ גאַנצע באַלעבאַ־טישקײט... אַ פאַרנומענער מענטש. ווי קאָן איך לערנען מוזיק, ווי עס דאַרף צו זײן... איך בין זײער אַ שלעכטע שילערין, — האָט אידאַ געזאָגט, לאַכנדיק.

— וואָס אמת, איז אמת, — האָט גאַרדי באַשטעטיקט, — נעבעך, אַזאַ פאַרנומענער מענטש מיט אַ מאַן און אַזאַ גרויסע באַלעבאַטישקײט... אַ רחמנות, נעבעך!

— אוודאי, ה׳ גאַרדי! איר האָט זיך נישט וואָס צו באַרימען, זעט איר, דער ה׳ לערנער מעג זיך יאָ באַרימען מיט זײן שילערין, מײן חברטע... איך געדענק, אַז זי האָט גע אַט גרויסע פעיקײטן צו מוזיק... אַ יאָ, סאַלטשע, איך זאָג נישט קײן ליגן?

— איך בין טאַקע שטאָלץ מיט מײן שילערין! — האָט לערנער געזאָגט.

סאַלטשע האָט זיך אומגעקוקט אויף אים מיט פאַרוווּנדערונג. דאָס ערשטע מאָל האָט זי געהערט פון אים, אַז ער זאָל זיך אַזוי אויסדריקן וועגן איר. זי האָט מיט אַ האַלבן ביסן אין מויל אים

עסטראַשעט מיט אַ פינגער, ער זאָל זיך אויפפירן אַנשטענדיק. לער-
נער האָט זיך צעלאַכט, אַז דאָס עסן איז אים אַריין אין דער לינ-
קער קעל און ער האָט זיך פאַרהוסט.

אַלע ביים טיש האָבן שטאַרק געלאַכט, ווי די שילערין האָט
זיך געבייזערט אויף איר לערער.

— איר ווייסט, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — האָט זיך אָנגע-
רופן דער באַלעבאָס, ווען עס איז רויקער געוואָרן ביים טיש. — איך
קאָן מיין פריינט ה׳ לערנערן פאַר זייער אַ שטרענגן לערער, און ווי
באַלד ער שטאָלצירט מיט זיינער אַ שילערין, איז דאָס נישט אומזיסט.
איז מיר איינגעפאַלן, נאָך היינט, מיט דער פריילן סאַלטשע פיינזיל-
בערס דערלויבעניש, זי צו הערן ביי אונדז שפּילן.

דער עולם ביים טיש האָט אָנגעהייבן קלאַפּן „בראַוואָ", נאָר
סאַלטשע האָט דעם פּלאַן אַוועקגעמאַכט מיט די הענט.

דאָס האָט אָבער נישט געהייסן, אַז זי וויל נישט. זי האָט
פּראָכט מורא געהאַט צו שפּילן פאַר אַזאַ גרויסן מוזיקער, ווי דזשאָ-
זעף גאַרדי. זי האָט זיך באַגעגנט מיט לערנערס אויגן און אָן ווער-
טער האָט זי אויף אויגן-שפּראַך אים פאָרוואָרפן געמאַכט: וואָס האָט
ער געוואָלט פון איר?

לערנער האָט זי פאַרשטאַנען און איר געענטפערט, אַז אַלע
זאָלן הערן:

— עס איז נישט אַזוי שרעקלעך, אויף מיין אחריות.

— נו, אַז דער רבי הייסט, מוז מען פאָלגן, — האָט סאַלטשע
געענטפערט מיט אַ שמייכל.

און דער גאַנצער עולם ביים טיש האָט מיט אַ פריי-
לעכן געלעכטער ווידער געפּאַטשט „בראַוואָ".

עס איז געבליבן, אַז אין אָוונט זאָל מען זיך נאָכאַמאָל צוזאַ-
מענקומען און דאַן וועט מען שפּילן.

אידאַ האָט געבעטן סאַלטשען, זי זאָל איצטער מיטפאָרן צו איר
אַהיים.

סאַלטשע האָט אָבער געזאָגט, אַז אָן איר פריינט לערנער גייט
זי נישט אין ערגעץ.

— ווער האָט דען אַנדערש געדענקט? — האָט זיך אידאַ אַ
כאַפּ געטון. — איך וועל זיך שעצן פאַר גליקלעך, ווען איר ביידע
וועט פאָרן צו מיר. איך האָב נישט געוואַגט דאָס ערשטע מאָל ה

לערנערן אויך צו בעטן.—און זי האָט זיך געווענדט צו לערנערן:

— איך בין זיכער, אַז איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן, כאָטש מיר זענען אַזוי ווייניק באַקאַנט.

לערנער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געשמייכלט, קוקנדיק אויף סאַלטשען.

— אפשר, — האָט ער איר געזאָגט, — זאָל איך פאָרן אַליין אין האָטעל? אין אָוונט וועלן מיר זיך אַלע צוזאַמענקומען ביי ה׳ גאַרדי.

סאַלטשע האָט, פאַרשטייענדיק אים אויף שטום-לשון, זיך צעלאַכט, ווענדנדיק זיך צו איר חברטע:

— מיין באַגלייטער איז אַ שווערער פאַרשוין. נאָכן טיש האָט ער זיך ליב אַ ביסל אויסציען און אָפּרוען זיך... אַ יאָ, ה׳ לערנער?

ער האָט געשמייכלט.

— וואָס-זשע, זיי וועלן האָבן ביי מיר ווו אויסצורוען זיך און מיר וועלן קאָנען אַ ביסל פאַרברענגען צוזאַמען.

לערנער האָט מיט פאַרגעניגן איינגעשטימט אויף דעם אויסגעצייכנטן פּלאַן, און אַלע דריי זענען אַוועקגעפאָרן צו אידען אויף איר זומער-וווינונג.

זיצנדיק קעגן זיי אין דעם אויטאָמאָביל, האָבן זיך ביי לערנערן געקלעפּט די אויגן און ער האָט זיך מיט אַלע קרעפטן געראַנגלט, ער זאָל נישט אַרויסלאָזן אַ גענעץ, כאָטש ביידע פריינדינס וואָלטן עס נישט באַמערקט: אַזוי פאַרטיפט זענען זיי געווען איינס אין דעם צווייטן.

לערנערן האָט מען אָפּגעגעבן אַ באַזונדער גרויס צימער, ווו עס האָט זיך געפונען אַ גוטער ברייטער דיוואַן. ער האט זיך צוגעלייגט און באַלד זיס און געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן.

ביידע חברטעס האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער וועראַנדע אויף צוויי שטולן, נאָענט איינס צום צווייטן, און האָבן זיך צערעדט.

אָנגעהייבן האָט סאַלטשע:

— איך האָב געזוכט באַקאַנטע, אָבער צו מיין באַדויערן, האָב איך קיינעם נישט געפונען. אין האָטעל, ווו מיר האָבן אַמאָל צוזאַמען געוווינט, האָט מען מיר געזאָגט, אַז מען האָט דיך דאָ באַגעגנט אין שטאָט, אָבער מען ווייסט נישט, ווו דו געפינסט זיך. איך בין גליקלעך, וואָס מיר האָבן זיך מיט דיר באַגעגנט, און איך וועל פון

דיר וויסן, אפשר האָסטו געהערט וועגן מיין חתן?
אידאַ האָט זיך דערשראָקן פון איר משונהדיקער פראַגע. עפּעס האָט ביי איר געקלונגען סאַלטשעס שטימע פון איינער, וואָס איז מיטאַמאָל אַראָפּ פון זינען.
אידאַ האָט אָנגעהייבן שטאַמלען:
— דו זאָלסט מיר מוחל זיין, איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו רעדסט? וואָס הייסט, דו ווילסט ביי מיר וויסן פון דיין חתן? איך האָב שוין, ברוך השם, אַ מאַן און אַ הויז, וואָס קאָן מיך אינטערעסירן דיין חתן?
— דו האָסט מיך נישט פאַרשטאַנען, נישט דאָס מיין איך...
סאַלטשען איז שווער געוואָרן ווייטער צו רעדן, ווייל זי האָט דאָ געמוזט עפענען איר צעבראָכן האַרץ, און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי אָנגעהייבן:
— איך האָב שוין לאַנג פון אים קיין בריוו נישט געהאַט...
ענדלעך האָט סאַלטשע נישט אויסגעהאַלטן און זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד:
— ער האָט אין מיר אינגאַנצן פאַרגעסן און איך ווייס נישט, וואָס מיט אים איז געשען. איך מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל וויסן, וואָס איז מיט אים? איך קאָן אים אין קיין זאַך נישט באַשולדיקן, ביז איך וועל אים נישט זען. דער הויפּט־צוועק פון מיין רייזע איז נאָר כאָטש איינמאָל מיט אים זיך באַגעגענען...
אידאַ, וועלכע האָט פון לאַנג אָן געטראָגן אויף סאַלטשען אַ פאַרבאָרגענע שנאה איבער דעם יונגן דאָקטאָר, דערזעענדיק איצט אירע טרערן און פאַרשטייענדיק פון אירע ווערטער, אַז איר האָט געטראָפן אַ גרויס אומגליק מיט איר חתן, האָט זיך מיטאַמאָל אינגאַנצן איבערגעביטן צו איר און מיט דעם גאַנצן האַרצן איז זי איצט גרייט געווען איר צו העלפן, גרייט געווען אויף אַלעם, איר לאַגע צו פאַרגרינגערן.
— וואָס איז דיר איינגעפאַלן, אַז איך קאָן וויסן וועגן דיין חתן מער ווי דו? — האָט אידאַ געפרעגט.
— גאַנץ פּראָסט, דו ווייסט די גאַנצע צייט נענטער צו בערלין, ווי איך, אפשר האָסטו געהערט?
— יאָ, איך האָב געהערט, אַז דיין חתן איז אַוועקגעפאָרן פון בערלין...

סאַלמשע האָט זיך ווי אַן אָפּגעבריטע איפּגעכאַפּט פון איר
אָרט.

— אַוועקגעפאָרן?! פון וועמען האָסטו עס געהערט?

— אַ סוחר, וועלכער האַנדלט מיט מיין מאַן און פאָרט אָפּט וועגן זיינע געשעפטן קיין בערלין, האָט ער מיר דערציילט.

—צי קאָן איך זען דעם סוחר? איך וויל דאָס הערן פון אים... געוויס איז ער דאָך מיין חתנס באַקאַנטער, ווען ער ווייסט פון אים.

— איך גלויב, אַז ער וועט די טעג קומען, וועל איך דיך באַקענען מיט אים.

— גוט, איך וועל מיט אומגעדולט וואַרטן דאָ אין באַזעל אויף אים. און פאַרוואָס איז מיין חתן אַוועקגעפאָרן, האָט ער דיר נישט דערציילט?

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב אים אַזוי פיל נישט איבערגעפרעגט. ער איז דאָך נישט מיין חתן, ער זאָל מיך אַזוי שטאַרק אינטערעסירן, ווי דיך... ווען איך זאָל געוועזן וויסן, אַז דו וועסט קומען, וואָלט איך אים מער אויסגעפרעגט. ווען דער סוחר איז געקומען פון בערלין, האָב איך זיך דערמאָנט אין מיינע בערלינער באַקאַנטע, האָב איך אויך געפרעגט אויף דעם דר. שטיינמאַן, אָט דאָס איז גאָר!

באמת אָבער האָט אידאַ אַ סך מער געלייקנט פאַר איר חברטע. דער סוחר מאַרק ליפשיץ האָט נישט געקאָנט דעם דאָקטאָר שטיינמאַן, נאָר אידאַ האָט קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזט פון אויג דעם יונגן דאָקטאָר, וועלכער האָט פון איר אַמאָליקער ליבע צו אים איבערגעלאָזט איר אַ וווּנד אין האַרצן, און זי האָט שמענדיק געוואָלט וויסן, וואָס עס קומט פאָר מיט אים. אפילו נאָך איר חתונה האָט זי נישט פאַרגעסן אין שטיינמאַנען.

דער סוחר מאַרק ליפשיץ, וועלכער האָט געהאַנדלט מיט איר מאַן און איז אָפט געוועזן ביי איר אין הויז, האָט שטאַרק זיך געדרייט אַרום אידען. איר איז דאָס זייער געפעלן. ערשטנס, האָט זי געגנוג צייט געהאַט צו פלירטעווען מיט מענער, און, צווייטנס, איז זי נישט געווינט, אַז מענער זאָלן זיך דרייען אַרום איר, און דאָ האָט זיך געפונען נישט קיין אַלטער מאַן, נאָר אַ מענטש פון די מיטעלע, פון די בעסטע יאָרן, און זי איז אים געפעלן, האָט זי זיין ליבע צו איר אויסגענוצט אויף די צייט צו פאַרטרייבן און אויף אַנדערע זאַכן. און

ווען זי האָט עפּעס געדאַרפט אויספירן, האָט עס אַלץ געטון מאַרק ליפּשיץ.

און איינמאָל, ווען ער איז וועגן זיינע געשעפטן געפאָרן קיין בערלין, האָט זי אים געבעטן, ער זאָל זיך באַקענען מיט שטיינמאַנען און זיך דערוויסן, ווי עס לעבט זיך אים. ער האָט עס געטון בשלמות, ווי פאַר אַ פרוי, וואָס איז אים שטאַרק געפעלן. ער איז געווען ביי אים מיט אַ פאַר „דאָקטאָרסקע וויזיטן" און זיך נעענטער באַקענט מיט שטיינמאַנען, אים איבערגעגעבן אַ גרוס פון אידען, און ער האָט איר געבראַכט ידיעות וועגן שטיינמאַנען, אַז ער אַרבעט אין אַ שפּיטאָל און האָט אַ ביסל פּראַקטיק. אַליין איז ער געזונט און שיין, און אין גיכן האָט ער חתונה, ווי מען האָט דערציילט, פאַר זייער אַ שיינע און גראַטעווע כלה און זייער אַ רייכע.

דאָס צווייטע מאָל, ווען מאַרק ליפּשיץ איז געפאָרן קיין בערלין, האָט אים אידאַ ווידער געבעטן, ער זאָל זיין ביים יונגן דאָקטאָר, און ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער דערציילט, אַז זיינע פאַר צימער, וועלכע ער האָט פאַרנומען אין שאַרלאָטענבורג ביי אַ יידישער פאַמיליע, זענען אינגאַנצן פאַרשלאָסן. מען האָט אים געזאָגט, אַז דער דאָקטאָר איז אומדערוואַרט ערגעץ אַוועקגעפאָרן זייער אַן אויפגערעגטער.

זיצנדיק זאַלבענאַנד אויף דער וועראַנדע, האָט סאָלטשע מיט טרערן אין די אויגן אויספירלעך דערציילט איר חברטע וועגן דעם אומגליק, וואָס איר האָט געטראָפן מיט איר חתן, און זי ווייסט אפילו נישט, פאַרוואָס און פאַר ווען און וואָס איז מיט אים אַזוינס געשען, און וואָס האָט אים געבראַכט דערצו.

אידאַ האָט מיט שרעק אויסגעהערט איר חברטע און איז מיטאַמאָל נישט נאָר אָפּגעקילט געוואָרן צום יונגן דאָקטאָר, וועלכן זי האָט אַזוי לאַנג ליב געהאַט, נאָר זי האָט אָנגעהייבן רעדן וועגן אים מיט שנאה, ווי וועגן אַ מענטשן, וואָס איז פול מיט אַלע חסרונות און איז פעיק אויף אַלערליי פאַרברעכנס. זי האָט אָנגעהייבן רעדן וועגן אים מיט באַליידיקלעכע ווערטער און האַרציק מיטגעפילט איר חברטע.

— אידאַ, — האָט סאָלטשע איר געזאָגט, — נישט דו און נישט איך האָבן דאָס רעכט זיך שלעכט אויסצודריקן וועגן אים, ביז איך וועל נישט זען מיין חתן און הערן פון אים די אורזאַכן, וואָס האָבן

אים געבראַכט דערצו, ער זאָל מיך און מיינע עלטערן אַזוי אומגליק־לעך מאַכן.

— ביזט אַ נאַר, סאַלטשע, ווען דו ווילסט נאָך אַזאַ מענטשן אָנקוקן! ווען עס טרעפט זיך מיט מיר אַזאַ זאַך, וואָלט איך זיין פּנים מער נישט געוואָלט אָנקוקן.

— דו האָסט קיינמאָל נישט ליב געהאַט, דערייבער רעדסטו אַזוי, — האָט איר סאַלטשע דערויף געענטפערט.

— ווער, איך? איך האָב נישט ליב געהאַט?! — האָט זיך אי־דאַ אַ כאַפּ געטון,—דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב דעם יונגן דאָקטאָר ליב געהאַט נאָך פריער, איידער דו ביזט געקומען קיין באַזעל.

— דו ביזט אָבער פון אים נישט געליבט געוועזן, ווי דו האָסט מיר אַמאָל אַליין דערציילט, און ווידער, נישט אַלע הערצער פילן גלייך.

— אָבער ווי קאָן מען איבערטראָגן אַזאַ שרעקלעכע באַליידי־קונג? אַ קליינינקייט! ביזט שוין געווען אין אַ ווייס חופּה־קלייד, דו ביזט שוין כּמעט געשטאַנען אונטער דער חופּה, צווישן מחותּנים און פאַרבעטענע געסט און דער חתן איז נישט געקומען! אַ קליינינקייט! וואָס נאָך קאָן זיין אַ גרעסער פאַרברעכן? איך אויף דיין אָרט וואָלט מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג פאַרגעסן אין אים, ווי אין אַ טויטן. און דו רעדסט נאָך וועגן אים, ווילסט אים נאָך זען! ווי שעמסטו זיך נישט? ווו איז דיין שטאָלץ? ווי פאַלט עס אַ מענטש אַזוי אַראָפּ ביי זיך!

— ער האָט ביי מיר אין אַ בריוו געבעטן, איך זאָל אים מוחל זיין, ווייל איבער שרעקלעכע אומדערוואַרטע אומשטענדי האָט ער נישט געקאָנט קומען.

— און שוין. מער האָט ער נישט געשריבן?

ניין, מער נישט.

— מער נישט, זאָגסטו? פאַרוואָס האָסטו אים נישט געשיקט קיין דאַנק, וואָס ער האָט ביי דיר געבעטן אַנטשולדיקונג! — האָט אידע איראָניש געזאָגט.—און איך זאָג דיר, ער איז אַ געפערלעכער פאַרברעכער, דער פאַרדאָרבנסטער מענטש אויף דער וועלט, ווען ער האָט געקאָנט אַזאַ זאַך אָפּטון! ער איז דאָך אַן אמתער מערדער! און דו פאַרענטפערסט אים נאָך, וואָס איז? עס האָט אים עפּעס אַן אומגליק געטראָפן, וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן צו פאָרן צו זיין

אייגענער חתונה! לאָמיר זאָגן, אַז זיין טאַטע־מאַמע זענען אין דעם טאָג בֿיידע געשטאָרבֿן. וואָס קאָן זיין אַ גרעסער אומגליק? נו, וואָלט ער באַדאַרפֿט דיר טעלעגראַפֿירן אָדער שרייבן, אַז מען מוז אויף אַן אומבאַשטימטער צייט אָפּלייגן די חתונה, און ער — גאָר־נישט! ער האָט געבעטן מחילה ביי דיר! — האָט זיך אידאַ דערביי מיט פאַרבֿיטערטקייט צעלאַכט.

— ער וואָלט באַדאַרפֿט אויף מיר אָנטרעפֿן! איך וואָלט אים די יאָרן דערגאַנגען, אַז ער וואָלט שוין געווען דאָרטן, ווו זיין טאַטע־מאַמע געפינען זיך איצטער, אויבֿ זיי זענען אין יענעם טאָג בֿיידע געשטאָרבֿן. אַ נאַר בֿיזטו, אָט וואָס איך קאָן דיר זאָגן! שפּיי אויף אים! אַזאַ מיידל, ווי דו, האָסט אַוודאי אַ דאגה מיט אַ חתן! — טויזנט פאַר איינעם!

סאַלטשע איז געווען פאַרטראַכט און געהערט מיט איין אויער איר פּלאַפּלעריי, און זי האָט געקוקט אויף איר חברטע, ווי אויף אַ יונג ווייבל, וואָס האָט באַלד נאָך דער חתונה באַקומען פרייהייט פון אירע מיידלשע קייטן און דערלויבט זיך צו רעדן אַלץ, וואָס מיידל־ווייז האָט עס נישט געפּאַסט צו רעדן מיט אַזאַ לשון.

און פּלוצים האָט זיך אידאַ פריילעך אַ כאַפּ געטון:

— זאָג מיר, סאַלטשע, ווער איז דער יונגערמאַן, וואָס דו בֿיזט מיט אים אַזוי באַפריינדעט? ער האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ גוטן איינדרוק... ער איז דאָך אַן אמתער ברונעט, מיט קלוגע שוואַר־צע אויגן און אַזאַ שטאַרקער, אַזאַ געזונטער...

— ער געפעלט דיר? — האָט סאַלטשע געפרעגט מיט אַ שמייכל. — איך האָבֿ שוין אַזאַ מזל, אַז אַלע מיינע באַקאַנטע יונגע לייט געפעלן דיר.

— וואָס־זשע, מיר האָבן איין גוסט. נו, דערצייל מיר, ווער איז ער און צו וואָס פאָרט ער מיט דיר? אייער אויפפירונג צווישן זיך זענען אַזעלכע פריינטלעכע, אַז פרעמדע קאָנען מיינען, אַז איר זענט מאַן און ווייבֿ.

— דו בֿיזט געוואָרן אַ געוואַלדיקע גייציקע און ווילסט מיט־אַמאָל וועגן אַלץ וויסן. זאָג איך דיר, אַז ווי איך זאָל דיר וועלן צו־ליבֿ טון, איז שווער מיט איינמאָל דיר איבערצוגעבֿן, ווער ה׳ לערנער איז. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע פּערזאָן, וועלכע, אויבֿ מען וויל קענען, דאַרף מען שטודירן... מען דאַרף זיין באַקאַנט מיט אים אַזאַ

לאַנגע צייט, ווי איך, און דו ווילסט אים קענען מיט איינמאָל, דאָס איז אוממעגלעך! איך קאָן דיר נאָר זאָגן, אַז ער איז איינער פון די אָרנטלעכסטע מענטשן, וועלכע איך האָב נאָר אין מיין לעבן באַגעגנט. דערצו איז ער זייער אַ קלוגער און האָט אַ געזונטן בליק אויף דעם לעבן.

— איך האָב אָבער דיר געזאָגט, אַז דער יונגערמאַן איז מיר באַלד געפעלן.

— האָסט שוין, געלויבט צו גאָט, אַ מאַן ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר... — האָט סאַלטשע מיט אַ שמייכל געזאָגט.

פון אידען איז מיטאַמאָל אַראָפּ איר גאַנצע פריילעכקייט און זי האָט זיך אָנגערופן אין אַ שטילערן טאָן:

— איך האָב מיט מיין מאַן נישט חתונה געהאַט אויס ליבע.

— ווער האָט דיך געצוווּנגען דערצו?

— איך ווייס? מיין טאַטע האָט זייער געוואָלט דעם שידוך, האָב איך חתונה געהאַט.

— וואָס ביזטו געווען אַ קליין מיידעלע צו דער חופה, וואָס די האָסט אַזוי געפאָלגט טאַטע־מאַמע?

— איך ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי דאָס איז געוואָרן... עס איז מיר נמאס געוואָרן צו זיין אַ מיידל און זיך יאָגן נאָך חתנים און מיינע עלטערן האָבן מיר זייער צוגערעדט צו דעם שידוך, איז עס געוואָרן... נאָר איצט טוט מיר באַנג, אָבער עס איז פאַרפאַלן.

סאַלטשע האָט געצויגן מיט די אַקסלען פון גרויס פאַרוווּנדערונג, ווי זי רעדט אַזוי גרינג וועגן איר חתונה האָבן.

— וואָס־זשע, — האָט סאַלטשע געפרעגט, — דיין מאַן איז אַ שלעכטער מענטש?

— ניין, דווקא זייער אַ גוטער און באַזונדערס צו מיר. דאָס טעלערל פון הימל וואָלט ער מיר געגעבן, אַבי איך זאָל זיך פילן גליקלעך. ער האָט אומעטום אַ שיינעם נאָמען, אַלע האָבן אים ליב. ער איז זייער רייך און אין דער סוחרישער וועלט האָט ער אַ גרויסן נאָמען, נאָר איך האָב אים נישט ליב...

— פאַרוואָס? ער איז נישט קיין שיינער מאַנספּערזאָן?

— פאַרקערט, מען זאָגט, אַז ער איז אַ שיינער.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו אים נישט ליב?

אידאַ האָט געשוויגן און דערנאָך זיך אָנגערופן, אוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט:

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן? איך קאָן מיט דיר וועגן מיין מאַן אָפנהאַרציק נישט רעדן, ווייל איך בין אַ ווייבל און דו ביזט אַ מיידל.

אין מיטן שמועס איז אַרויסגעקומען אויף דער וועראַנדע יעקב לערנער, אַן אויסגעשלאָפענער, אַן אַרומגעוואַשענער און אַ צעפרי־דענער.

— אַט אַזוי איז גוט, איך האָב זיך אויסגעצייכנט אויסגע־שלאָפן, אַ מחיה! איצט וואָלט איך מיט פאַרגעניגן געטרונקען אַ גלעזל טיי און געגעסן אַן עפּל.

ביידע פרויען, דערזעענדיק אים, זענען מיטאַמאָל פריילעך גע־וואָרן, באַזונדערס איז לעבעדיק געוואָרן אידא, וועלכע האָט זיך אָנ־גערופן:

— באַלד, ה׳ לערנער, וועט אַלץ זיין.

סאָלטשע האָט פאַרענטפערט לערנערן, וואָס דאָס ערשטע מאָל געפינענדיק זיך דאָ, דערלויבט ער זיך אַזוי היימיש אויפצופירן, ווי ביי זיך אין דערהיים, און האָט צוגעגעבן: „אַזוי איז שוין ה׳ לערנער, קיינער קאָן אים נישט איבערמאַכן און נישט אויסלערנען“, — האָט זי געענדיקט מיט אַ געלעכטער.

— אָ, מיר געפעלט אַזוי! לערנער, מיר געפעלט זייער, וואָס איר געפינט זיך ביי מיר אין הויז אַזוי היימיש.

לערנער, ווי זיין שטייגער איז, האָט ווייניק גערעדט און האָט געשמייכלט. ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון דער וועראַנדע, געשפּאַנט אַ ביסל הין און צוריק, זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און זיך אָנ־גערופן:

— ביי אייך איז גאָרנישט שלעכט, אַלץ אַזוי שיין און פיין און רייך.

— יאָ, אַלץ איז ביי מיר שיין און פיין, — האָט זיך אָנגערופן אידאַ, — אַ חוץ די באַלעבאָסטע...

לערנער האָט אַ קוק געטון אויף איר און געענטפערט:

— וואָס ווילט איר, איך זאָל שוין דער באַלעבאָסטע אַזוי גיך אַרויסגעבן אַן אַטעסטאַט אויף שיינקייט און פיינקייט? אָ, נישט אַזוי גיך, מען דאַרף עס פריִער פאַרדינען... איך וועל פריִער זען, ווי אַזוי

נס וועט שמעקן דער טיי און וואָס פאַר אַ טעם עס וועלן האָבן די נפל.

— איך וועל אַלץ טון, — האט אידע געזאָגט, — אַבי אַ גוטע מיינונג צו פאַרדינען ביי איך.

סאַלטשע האָט לערנערן אָנגעהייבן צו ציען ביי אַן אויער, זאָגנדיק:

— זעט בעסער, אַז איר זאָלט זיך אויפפירן לייטיש! איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז איר זענט אַזאַ בריה זיך אויסצוטענהן מיט יונגע ווייבלעך!

— אַז מען דאַרף, בין איך אַ בריה, — האָט לערנער אונזער־געלאַכט.

מען האָט געבראַכט טיי און פּרוכטן.

לערנער האָט מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן די פּרוכטן, אויסגעטרונקען איין גלאָז טיי און געבעטן נאָך אַ צווייטן און די גאַנצע צייט קיין איינציק וואָרט נישט גערעדט.

ווען ער האָט געענדיקט און זיך אַרומגעווישט די וואָנסן, האָט ער זיך אָנגערופן צו אידען:

— און ווו איז אייער פּיאַנאָ, איר שפּילט דאָך, דאַכט זיך?

זי האָט אים אַריינגעפירט אין זאַל, וווּ עס איז געשטאַנען אַ נייע רייכע פּיאַנאָ, און ווי זיין שטייגער איז, האָט ער שטענדיק געפּרווּט, צי די פּיאַנאָ איז גוט אָנגעצויגן, און בלייבנדיק צופרידן, איז ער ווידער אַרויס אויף דער וועראַנדע.

סאַלטשע האָט זיך געפילט נישט אַזוי גוט. די נייס, וואָס זי האָט זיך דערוווּסט פון אידען, אַז איר חתן איז פּלוצלונג אַוועקגעפאָרן פון בערלין, האָט אויף איר זייער שלעכט געווירקט.

דער גאַנצער פּלאַן פון איר רייזע איז געווען אים, ווי צום גיכסטן, צו זען. זי האָט געפילט, אַז זי מוז זיך באַרויקן. ווען נישט, וועט זי קראַנק ווערן.

— עס מוז נעמען אַ סוף! — האָט זי צו זיך געזאָגט. — עס האָט מיך שוין אויפגעהערט צו אינטערעסירן וואָס פאַר אַ סוף, וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן עס וועט ברענגען אונדזער זעען זיך, גוטע אָדער שלעכטע, אַלץ איינס! נאָר אַ סוף, אַן ענדע מוז זיין! ווען נישט, פיל איך, אַז איך וועל עס נישט איבערלעבן!

דאָס פאַרברענגען ביי אידען איז איר געוואָרן לאַנגווייליק. אי־

רע אַלע רייד וועגן זיך און וועגן איר מאַן, האָט איר ווייניק אינ־טערעסירט, און עס איז אויסגעקומען ביי איר נאַריש. אידאַ האָט ביי איר איצט אויסגעזען אַ סך פּוסטער און נאַרישער, ווי זי איז געווען מיידלוויז. און אַלע אירע מעשיות וועגן איר לעבן און וועגן איר מאַן האָבן איר גענודיעט.

סאַלטשע האָט דעריבער פאַרגעלייגט לערנערן, ער זאָל פאָרן מיט איר אין האָטעל און אין אָוונט זאָלן זיי זיך אַלע צוזאַמענקומען צום באַרימטן מוזיקער, דזשאָזעף גאַרדי, ווי מען האָט אָפּגערעדט. נאָר אידאַ האָט שטאַרק קעגן דעם פּראָטעסטירט.

— איך וועל אייך נישט לאָזן אַוועקפאָרן, איר מוזט בלייבן ביי מיר אויף מיטאָג. מיין מאַן וועט אויך קומען און אין אָוונט וועלן מיר אַלע פאָרן צו גאַרדין.

— איך פיל זיך אָבער נישט אַזוי גוט, איך מוז זיך אָפּרוען, — האָט זיך סאַלטשע געבעטן.

— דו קאָנסט זיך ביי מיר אָפּרוען אַזוי גוט און רויק, ווי ביי זיך אין האָטעל! — און אידאַ האָט זי מיט געוואַלד אַוועקגע־פירט אין איינע פון אירע רייכע צימערן און געזאָגט:

— אָט דאָ קאָנסטו זיך אָפּרוען וויפל דיין האַרץ וועט גלוסטן; זיי ווי ביי זיך אין דערהיים און מאַך זיך פריי.

סאַלטשע האָט קיין ברירה נישט געהאַט און איז פונדעסטוועגן מיט פאַרגעניגן געבליבן אַליין אין צימער, ווו קיינער האָט זי נישט געשטערט, ווייל קיינמאָל האָט זיך איר נישט געוואָלט אַזוי זיין אַליין, ווי איצט.

סאַלטשע, בלייבנדיק אַליין אין צימער, האָט זיך געמאַכט פריי, און אויסציענדיק זיך אויף אַ ווייכער סאָפע, האָט זי זיך פאַרטיפט אין אירע טרויעריקע געדאַנקען.

אין צימער האָט געהערשט אַ שטילקייט, ווי גלייך קיין לעבע־דיקע באַשעפעניש וואָלט זיך אין דעם הויז און אין דער געגנט נישט געפונען.

אַלע אירע געדאַנקען זענען געווען אַרום איר חתן:

— וווהין איז ער געפאָרן?

אָט די פראַגע איז אַלע מאָל פאַר איר אויפגעשוווּמען. פאַר איר אין דורכגעגאַנגען די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט מיט איר חתן פון דער ערשטער מינוט, זינט זי האָט זיך מיט אים

באַקענט, ביז זי האָט זיך צעשיידט מיט אים אַלס חתן־כּלה. זי האָט זיך דערמאָנט אין זייערע אַלע געשפּרעכן און דערמאָנט זיך אַפילו אין די ערטער און פּלעצער, וווּ זיי האָבן זיך געפונען און אין אַלעם האט זי געזוכט אַן ענטפער. וווּהין האָט ער געקאָנט אַוועקפאָרן אַזוי פּלוצים, אַזוי אומדערוואַרט, אַז ער האָט אפילו נישט געקאָנט פאָרן אויף זיין אייגענער חתונה?

זי האָט זיך דערמאָנט אין אַ מאָמענט, ווען זי איז מיט אים געזעסן אויף אַ שטיין ביים ברעג ריין, ווי ער האָט מיט באַגייסטע־רונג גערעדט וועגן זיין היים פּאָדאָליע, ווו ער זעט פון דערווייטנס טויזנטער יידן מיט ווייבער און קינדער אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַ־טערטע, מיט שטעקנס אין די הענט, מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס און מיט פאַרבלוטיקטע פיס פון זייער דערנער־וועג.

און סאָלטשען איז איצט איינגעפאַלן:

— ביי מיר איז קלאָר, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן צו זיי, צו די אומגליקלעכע. ער האָט דאָך מיר געזאָגט, זיצנדיק מיט מיר אויפן שטיין, אַז ער וואָלט זיך געפילט גליקלעך, ווען ער זאָל זיין צווישן זיי און ליידן צוזאַמען מיט זיי און גיין אויך מיט פאַרבלוטיקטע פיס.

— פאַרוואָס־זשע האָט ער מיר עס נישט געזאָגט! — האָט זיך סאָלטשע אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ מיטביידע הענט. — פאַרוואָס האָט ער מיר נישט געזאָגט? איך וואָלט פון מיר אַראָפּגעוואָרפן אַלע מיינע זיידענע קליידער, אויך אָנגעטון אַ טאָרבע און וואָלט געגאַנגען מיט אים און וואָלט געליטן גלייך מיט אַלע. שוין־זשע האָט ער מיך נישט געקענט? שוין־זשע האָט ער מיר נישט געגלויבט?

— דוד! אוי, דוד! — האָט זי אויסגעשריגן אין דעם גרויסן צימער און אַ ווידער־קול האָט אָפּגעקלונגען דעם נאָמען פון איר חתן.

— וואָס האָסטו געטון מיט מיר? פון וועמען האָסטו זיך אָפּ־געזאָגט? וועמען האָסטו פאַרלאָזט! ווען דו זאָלסט וויסן, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע זאַך דו האָסט אָפּגעטון נישט נאָר פאַר מיר, נאָר פאַר דיר אַליין! ווען דו ווייסט, וויפל גליק איך וואָלט דיר בעקאָנט געבן ביי אַלע אומשטענדן אין לעבן, אין גוטע און אין שלעכטע צייטן? וואָס האָסטו געטון, דוד!

סאָלטשע איז מיד געוואָרן פון אויפרעגונג און איז רויק

געלעגן אַרומקוקנדיק זיך אינם שיינעם און ליכטיקן גרויסן צימער, פון וואַנען די פענצטער זענען אַלע אַרויס אין גאָרטן.

— וואָס פאַר אַ רייכטום! פון דער מלחמה, פון מענטשנס אומגליק זענען אַ סך מענטשן משוגע רייך געוואָרן, און מיין פאָטער איז אויך אַזוי רייך געוואָרן. און דאָרטן, דאָרטן, האָט דיזעלבע מלחמה אַזוי פיל מענטשן אומגליקלעך געמאַכט.

סאַלטשע האָט זיך אָנגעהייבן שעמען פאַר זיך אַליין, וואָס זי געניסט אַזוי פיל פון איר טאַטנס רייכטום... באַלד אָבער האָט זי געשטילט איר געוויסן, אַז איר פאָטער האָט אייגנטלעך גאָרנישט געטון אַזוינס, ער זאָל אַזוי רייך ווערן. זיינע הייזער און די סחורות, וואָס זענען אים פאַרבליבן פון פאַר דער מלחמה, זענען אויף טויזנטער פראָצענט טייערער געוואָרן און אפשר איז אידעס מאַן אויך אויף אַזאַ אופן רייך געוואָרן.

אָבער פאַרוואָס פילן זיי נישט, פאַרוואָס זעען זיי נישט, וואָס אַרום זיי קומט פאָר?

אידאַ האָט אָנגעקלאַפּט און איז אַריינגעקומען אין צימער.

— מיין מאַן איז געקומען און מיר וואַרטן אַלע אויף דיר מיט דעם מיטאָג. דו האָסט זיך שוין אוודאי ביי מיר אויסגעהונגערט?

— אוי, גלוסט זיך מיר נישט אויפצושטיין! איך וואָלט אַזוי געלעגן און געלעגן...

— און וואָלסט פאַנטאַזירט, — האָט אידאַ צוגעגעבן, — דו ביזט נאָך אין אים פאַרליבט... גלויב מיר, אַז ער פאַרדינט נישט דיין ליבע.

סאַלטשע האָט אָנגעהייבן ברענגען אין אָרדענונג אירע האָר און איר קלייד און אידאַ האָט נישט אויפגעהערט דערביי צו רעדן:

— אָט, ווער עס פאַרדינט ליבע! אַנו, טרעף, סאַלטשע?

סאַלטשען איז געווען נישט שווער צו טרעפן, אָבער זי האָט געשוויגן, זיך גישט געמאַכט וויסנדיק און געענטפערט:

— איך האָב נישט ליב צו טרעפן, איך האָב ליב צו זען פאַרטיקערהייט.

— נו, וועל איך דיר זאָגן: דאָס איז דיין באַגלייטער ה׳ לערנער... ער פאַרדינט, אַז אַלע מיידלעך זאָלן אים ליבן און... אפילו ווייבלעך אויך, — האָט זי זיך אויפן קול צעלאַכט,—ער איז אַזאַ שיינער ברונעט, אַזאַ געזונטער! אזא שטאַרקער!

— איך זאָג אייך אַזוי, אַז אַלע מעגן אים ליב האָבן און מען האָט זיים טאַקע ליב.

— טאַקע?! זאָג מיר, סאַלטשע, ווער, איך בעט דיך!

סאַלטשע האָט איר אָנגעקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ, נישט זאָגנ־דיק קיין וואָרט.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן?

— גאָרנישט! איך האָב אויגן, קוק איך. נו, אידאַ, איך בין שוין פאַרטיק.

— נו, קום, מען וואַרט אויף אונדז, — האָט אידאַ זי גענומען אונטערן האַנט און איז, שפּרינגנדיק, מיט איר אַרויס פון צימער.

אויף דעם וועג איז אידאַ אונטערגעשפּרונגען און געפרעגט סאַלטשען:

— ווילסט מיר טאַקע נישט זאָגן, ווער עס האָט אים ליב?

— ווער? וועמען? — האָט סאַלטשע געפרעגט, פאַרגעסנדיק אין דער גאַנצער געשיכטע.

— דיין באַגלייטער, ה׳ לערנער?

סאַלטשע האָט זיך שטאַרק צעלאַכט און געענטפערט:

— אַלע האָבן אים ליב.

— און דו?

— איך? איך מער פון אַלע.

— קומט אויס, אַז דו ביזט אין יונגע לייט פאַרליבט?

— אוודאי אין צוויי, — האָט סאַלטשע זיך שטאַרק צעלאַכט.

אויף דעם געלעכטער איז אָנגעקומען לערנער צוזאַמען מיט אידאַס מאַן, וועלכער האָט זיך פאַר סאַלטשען פאָרגעשטעלט מיט דעם נאָמען סאַמועל בערנשטיין.

— איך האָב געהערט וועגן אייער פאָטער און אפילו איינמאָל אים באַגעגנט וועגן געשעפט. איר מעגט שטאָלצירן מיט אייער פאָ־טער. ער איז איינער פון די זעלטענע אָרנטלעכע סוחרים. אַ וואָרט איז ביי אים אַ וואָרט.

סאַלטשע האָט געשוויגן.

— ווי גייען עפּעס אייער פאָטערס געשעפטן?

— וואָס ווייס איך אין מיין טאַטנס געשעפטן? — האָט סאַלטשע געענטפערט.

— יאָ, יאָ, איך זע, אַז איר ווייסט אַזוי אין אייער פאָטערס

געשעפטן ווי מיין ווייבעלע אין מיינע! — און בערנשטיין האָט זיך דערביי צעלאַכט.

— נו, יאָ, וואָס קאָן מען פון זיי פאַרלאַנגען, — האָט זי בערנשטיין געווענדט צו לערנערן, — זיי זענען נאָך יונגע קינדער און דערביי האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין פרוי און אויף סאָלטשען.

דער עולם האָט זיך געזעצט ביי אַ רייכן טיש אויף דער צוויי־טער וועראַנדע, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן.

— איר זענט אַ פוילישער? — האָט סאָלטשע געפרעגט דעם באַ־לעבאָס.

— יאָ, איך קום אַרויס פון פוילן, נאָר באַלד נאָך דער מלחמה האָב איך איבערגעריסן אַלע מיינע באַציונגען מיט פוילן. איך לעב זיך דאָ רויק און שטיל און איך האָב צו קיינעם קיין טענות ניט... מיר האָבן שוין וועגן דעם פיל גערעדט מיט ה׳ לער־נערן.

— און ווי פאַרברענגט איר דאָ די צייט?

— זייער גוט.

— נו, אַ שטייגער, ווי גייט ביי אייך אַוועק דער טאָג?

— דעם ערשטן האלבן טאָג איז מען פאַרנומען מיט געשעפט, דערנאָך רוט מען זיך אַ ביסל אָפּ, מען שפּאַצירט, מען גייט אַמאָל אין טעאַטער אָדער צו באַקאַנטע און אַמאָל זיצט מען אין דערהיים. איך האָב דאָך אַ יונג ווייבעלע, וועלכעס מען דאַרף נישט לאָזן זיך לאַנגווייליקן.

אידאַ האָט דערביי געמאַכט אַ זויערע מינע און זיך אָנגערופן:

— וואָס וועט איר הערן, וואָס ער דערציילט אייך, עסט בעסער און זאָגט, ווי עס געפעלט אייך די פיש און באַזונדערס דער „סאָוס" צו די פיש? אַזוינס קאָן מען ביי אייך נישט מאַכן.

לערנער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אַ סימן, אַז ער איז מסכים מיט דער באַלעבאָסטע, אַז ווען מען עסט, דאַרף מען נישט רעדן און ער האָט זיך ווידער שטאַרק פאַרטיפט אין טעלער און גע־קייט אויףביידע באַקציין. אידאַ האָט אין זיין טעלער אַלעמאָל עפּעס צוגעוואָרפן און לערנער האָט נישט פּראָטעסטירט.

בערנשטיין האָט ווייטער גערעדט:

— אַמאָל קומט מיר אויס אַוועקצופאָרן אויף אַ קורצער צייט וועגן געשעפט. אט דענסטמאָל איז, נעבעך, אַ רחמנות אויף מיין ווייי־

בעלע... זי בלייבט עלנט און אַליין. ווען איר בלייבט דאָ ביי אונדז אין באַזעל לענגער, וואָלט דאָס געווען אַן אמתער גליק פֿאַר אונדזער הויז! איר בלייבט דאָ לאַנג? — האָט ער זיך געווענדט צו חאַלטשען און צו לערנערן.

— מיר ווייסן נאָך דערווייל אַליין נישט ווי לאַנג, — האָט סאַלטשע געענטפֿערט און לערנער האָט מיט אַ פֿול מויל קייענדיק עפּעס געבורטשעט, אַז קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער וויל זאָגן.

נאָך אַ קליינער פּויזע פֿון שווייגן און קלינגעריי פֿון טעלער און גלעזער, האָט בערנשטיין געפֿונען פֿאַר זיין חוב אונטערצוהאַלטן די געסט, און ער האָטווידער אָנגעהייבן:

— אָט אַזוי לעבן מיר דאָ, פֿריילן פֿיינזילבער! — און דערביי אָפּגעזיפֿט פֿון אַ היפּשער פּאָרציע פֿיש, וואָס ער האָט נאָר וואָס אויפֿגעגעסן.

לערנער, וואָס איז נאָר וואָס פֿאַרטיק געוואָרן מיט זיין פֿולן טעלער, האָט אויך אָפּגעזיפֿצט, אויסגעווישט די וואָנסן מיט די ליפּן, געמאַכט זיך אין אָרדענונג, אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן זיפֿץ און געזאָגט:

— עסן איז אויך אַ שווערע אַרבעט, מען ווערט מיד.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— איר זענט פֿראָסט פֿויל צו עסן, — האָט סאַלטשע זיך אָנגערופֿן. — איר וואָלט געוואָלט, מען זאָל אייך האָדעווען אָדער עס זאָלן פֿליען צו אייך אין מויל גרייטע געבראָטענע טויבן.

— וואָס־זשע, עס וואָלט דאָן גאָרנישט שלעכט געווען צו לעבן אויף דער וועלט, ווען געבראָטענע טויבן זאָלן אויך פֿליען צו די, וועלכע זענען שטענדיק הונגעריק.

— איר האָט רעכט, ה׳ לערנער, — האָט בערנשטיין געענטפֿערט. — עס וואָלט געווען זייער גוט, ווען עס זאָל אַזוי זיין. די וועלט איז אָבער אַזוי באַשאַפֿן, אַז עס קאָן נישט זיין, ווי מען וויל.

— פֿון וואַנען, ה׳ בערנשטיין, נעמט, אַז עס קאָן אַזוי נישט זיין?

— איך ווייס? די וועלט פֿירט זיך שוין לאַנג אַזוי, מסתמא קאָן אַנדערש נישט זיין, ווי איינעם פֿליען געבראָטענע טויבן גלייך אין מויל אַריין און דער צווייטער קאָן אַפֿילו מיט די הענט נישט

דערלאַנגען אַ שטיקל ברויט. אַזוי פירט זיך שוין די וועלט, וואָס קאָן מען מאַכן?

— ה׳ בערנשטיין, איר לייענט צייטונגען? — האָט פלוצים סאַלטשע געשטעלט אַ משונהדיקע פראַגע.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? איך לייען עטלעכע צייטונגען, איך האָב אויך ביכער, אַ גאַנצע שאַפּע ביכער מיט די שענסטע איינבונדן. איך וועל זיי אייך נאָך דעם עסן ווייזן.

— איך פרעג אייך אַקעגן דעם, צי ווייסט איר וואָס עס טוט זיך דאָרטן.

— ווו דאָרטן?

— ווו טויזנטער יידן מיט ווייבער און קינדער גייען אויס פון הונגער און קעלט, ווי זיי לויפן פון פּאָגראָמען און מען טרייבט זיי פון איין אָרט אויף דעם צווייטן און ווו זיי שטאַרבן אויס אויף די ערטער און אויף די וועגן... צי ווייסט איר וועגן דעם אַלעם?

— אוודאי ווייס איך! וואָס איז, איך בין קיין ייד נישט? איך לייען אַלץ וועגן זיי אין די צייטונגען.

— נו, און וואָס טוט איר עפּעס פאַר זיי?

בערנשטיין האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז די פראַגע האָט אַ שייכות מיט זיין קעשענע, און ווי יעדער גביר, וואָס פירט זיך אויף אינטעליגענט און אַנשטענדיק ביז צו דער קעשענע, האָט בערנשטיין אויך איצטער פון געוווינהייט געוואָלט איבערבײַטן דעם טאָן מיט זיין טאַקטיק פון אַרט רעדן, אום צו פאַרהיטן זיין קעשענע. נאָר ער האָט גערעדט מיט איינע פון די רייכסטע יידישע טעכטער, האָט ער זיך געהאַלטןביים פריערדיקן טאָן און האָט געענטפערט:

— איר פרעגט, וואָס איך טו עפּעס פאַר זיי? איך גיב געלט, ווען מען קומט צו מיר. איך האָב נאָך קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. אָט איז מען ערשט נישט לאַנג געקומען צו מיר, איך זאָל געבן „אויף פּאַלעסטינע", האָב איך געגעבן און דעם קאָמיטעט צו העלפן יידישע היימלאָזע האָב איך אויך געגעבן.

— נישט דאָס מיין איך. איך וויל אייך פרעגן, צי אייך קומט נישט אַמאָל אויף דעם געדאַנק, איך וויל זאָגן: צי דערפילט איר אַמאָל, צי באַווייזט זיך ביי אייך אַמאָל אַ ווילן, אַ חשק צו פאָרן אַהין אויף די ערטער, ווו אונדזערע יידן ליידן אַזוי פיל און זיי דאָרטן צו העלפן מיט געלט, מיט אַרבעט און ליידן מיט זיי צוזאַמען

איז עס אייך אַמאָל געקומען אויף דעם געדאַנק?

— איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן, פריילן פיינזילבער, איך פאַר־שטיי נישט וואָס איר פרעגט מיך... וואָס הייסט, איך זאָל פאָרן אַהין? וואָס וועל איך זיי דאָרטן קאָנען העלפן? דערקלערט מיר קלאָרער, וואָס מיינט איר דערמיט?

סאַלטשע האָט געשוויגן און זיך גענומען צום עסן.

— וואָס־זשע, איר ווילט מיר נישט דערקלערן? — איז בערנ־שטיין נישט אָפּגעשטאַנען.

—עס זענען דאָ זאַכן, וואָס מען קאָן עס נישט דערקלערן, מען דאַרף עס פילן, דאַן איז עס פאַרשטענדלעך. איך האָב אייך גע־פרעגט, ווייל איך האָב עס באַדאַרפט וויסן. דערקלערן אָבער קאָן איך עס נישט.

— פונדעסטוועגן וואָלט איך עס זייער געוואָלט וויסן.

— טשעפּע זיך אָפּ פון איר און לאָז איר עסן! — האָט זיך אידאַ אַריינגעמישט.

ביים טיש איז געוואָרן שטיל. עס האָט זיך ווידער געהערט אַ קלינגעריי פון טעלער און גלעזער, נאָר ווען עס האָט שוין גע־האַלטן ביים סוף מיטאָג, האָט זיך בערנשטיין אָנגערופן:

— יונגעלייט איז שטענדיק שווער צו פאַרשטיין, זיי האָבן זיך זייערע באַזונדערע באַגריפן וועגן מענטשן און לעבן, וועלכע זיי קאָנען נישט.

— איר זענט דען אַזוי אַלט?—האָט סאַלטשע זיך אָנגערופן.— איר זעט דאָך אויס ווי אַ יונגערמאַן.

בערנשטיין איז מיטאַמאָל אויפגעלעבט געוואָרן און האָט אָנגע־הייבן רופן זיין פרוי:

— אידאַ! אידאַ! דו הערסט, וואָס סאַלטשע זאָגט?

אידאַ האָט אים אָנגעקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ, אָנווייזנדיק אויף אים מיט דער האַנט:

— זע נאָר די שמחה מיט אים, אַ גאַנצער בריה מיטאַמאָל גע־וואָרן. דערהערט ער אַ גוט וואָרט פון אַ שיין יונג מיידל, ווערט ער מיטאַמאָל אויפגעלעבט... נעם זיך נישט איבער, מיין מאַן! מען קאָן דיך, פעטער...

די לעצטע ווערטער, וועלכע זענען נישט געווען קלאָר פאַר סאַלטשען מיט לערנערן, זענען אָבער גוט פאַרשטענדלעך געווען פאַר

בערנשטיינען און אידען. דאָס איז געווען זייער אייגענער סוד — איינער פון די פיל סודות צווישן מאַן און ווייב, וועלכע לעבן אָפּ זייער גאַנץ וועלטל און טראָגן אַוועק זייערע סודות אין קבר אַריין.

נאָך דעם מיטאָג האָבן זיי זיך צעשיט איבער דעם גאָרטן. אידאַ מיט לערנערן האָבן שפּאַצירט אויף אַ באַזונדער אַלייע און האָבן ווייטער געפירט זייער אינטימען געשפּרעך, וואָס זיי האָבן אָנגעהייבן אין דער צייט, ווען סאַלטשע האָט פאַר מיטאָג זיך אָפּגערוט אין צימער.

אין דער קורצער צייט, וואָס זיי זענען באַקאַנט, זענען זיי געוואָרן אינטים, אַזוי, אַז זי האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן ליבע, און ער האָט, ווי זיין שטייגער איז, נישט אויפגעהערט צו שמייכלען.

אידאַ האָט באַוואונדערט זיין איינפאַכקייט אין זיין רעדן, אין זיינע אַלע באַוועגונגען, און זי האָט זיך אַזוי גוט געפילט מיט אים צוזאַמען, אַז זי האָט אָנגעהייבן אויסגיסן פאַר אים איר האַרץ ווי גלייך זיי זענען באַפריינדט שוין יאָרן לאַנג.

— איך מיין, אַז איר דאַרפט זיך פילן גליקלעך. אייער מאַן שיינט צו זיין זייער אַ פיינער מענטש און דערצו אַזוי רייך... איך זע דאָך, ווי איר לעבט! און צו אייך, זעט אויס, איז אייער מאַן זייער גוט. מיט וואָס־זשע זענט איר אַזוי אומצופרידן? מיר דאַכט זיך, אַז קיין סך אזעלכע גליקלעכע, ווי איר, איז נישטאָ. הלוואי אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן!

— זאָל גאָט אָפּהיטן יעדע פרוי פון אַזאַ לעבן, ווי איך פיר... משטיינסגעזאָגט, אויך אַ לעבן!

לערנער האָט געקוקט אויף איר מיט דער גרעסטער פאַרוווּנדערונג, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס קאָן איר פעלן עפּעס אין איר רייך לעבן.

— איר האָט אינגאַנצן אַ טעות, ווען איר מיינט, אַז מיין רייך לעבן קאָן מיר געבן גליק. אַזוי מיינען אלע און קיינער ווייסט נישט, אז איך בין די אומגליקלעכסטע אין דער וועלט. איך דערצייל קיינעם נישט, ווייל איך ווייס, אַז קיינער וועט מיך נישט פאַרשטיין, אפילו איר פארשטייט מיך אויך נישט.

— אייער מאן האָט אייך נישט ליב? — האָט לערנער מיט זיין שטענדיקער איינפאכקייט פלוצלונג געפרעגט.

— דער אומגליק איז, וואָס ער האָט מיך צופיל ליב

אַזאַ ענטפער האָט לערנער נישט דערוואַרט, און ער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט איר.

ער האָט אָבער געפונען פאַר נויטיק זיך נישט אַריינצולאָזן איצטער מיט איר אין אַלגעמיינע שמועסן, ווייל אויף דער צווייטער אַלייע האָט געשפּאַצירט איר מאַן מיט סאַלטשען, און ער האָט נישט געוואָלט, אַז זיין שמועס מיט אידען זאָל איבערגעריסן ווערן. ער האָט באַשלאָסן צו רעדן מיט איר אַן אַנדערש מאָל.

און אַזוי איז טאַקע געווען. זיי האָבן זיך אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער אַלע באַגעגנט און עס האָט זיך צווישן קליינעם עולם אָנגעהייבן אַן אַלגעמיינער שמועס

מען האָט אָנגעהייבן דערפון, אַז עס איז שוין צייט צו פאָרן צום באַרימטן מוזיקער, דזשאָזעף גאַרדי, וווהין זיי זענען היינט אין אָוונט איינגעלאַדן.

בערנשטיין האָט געקוקט אויף דעם זייגער און געזאָגט, אַז עס איז נאָך פרי. אידאַ האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל פריער טרינקען טיי, לערנער האָט געזאָגט, אַז טיי וועט מען דאָרטן טרינקען. סאַל-טשען איז געווען אַלץ איינס, דאָ, צי דאָרטן, און זי האָט געשוויגן, און אויסגעפירט האָט אידאַ.

דער עולם האָט זיך געזעצט צום טיש טרינקען טיי. כאָטש גאַנץ באַזעל טרינקט אין דער צייט קאַווע, נאָר אידאַ האָט אויף יעדנס וווּנדער איינגעפירט ביי זיך אַ רוסישן סאַמאָוואַר און מען האָט ביי איר געטרונקען טיי, ווי אין אירע קינדער־יאָרן, ביי אירע געוועזענע רייכע עלטערן אין קיעוו.

אידאַ און לערנער האָבן געשוויגן. זי איז געווען פאַרנומען מיט דעם צעגיסן אין די גלעזער טיי און לערנער מיט דעם טרינקען פון דער שאָל, און דערביי געבלאָזן דעם טיי, ווייל ער איז געווען צו הייס.

בערנשטיין האָט פון תמיד ליב געהאַט צו רעדן ביים טיש, און ער האָט איצטער אויך נישט געשוויגן.

ער האָט זיך געווענדט צו לערנערן און צו זיין פרוי:

— אָט וויל איך וויסן אייער מיינונג.

לערנער האָט אויפגעהויבן זיין אָנגעבויגענעם קאָפּ איבער דער שאָל טיי און האָט אַ קוק געטון אויף אים, און אידאַ האָט זיך

אפילו נישט אומגעקוקט, זייענדיק פאַרטיפט אין איר אַרבעט בערנשטיין האָט ווייטער גערעדט:

— שפּאַצירנדיק אין גאָרטן, האָב איך מיט פריילן פיינזילבער געהאַט אַן אינטערעסאַנטן געשפּרעך. זי האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן אונדזערע פּאַראומגליקלעכטע היימלאָזע יידן. זי האָט מיר געמאָלט די שרעקלעכסטע בילדער, וואָס עס איז קוים מעגלעך זיך פאָרצעשטעלן ביי דער גרעסטער פאַנטאַזיע. איך מוז אייך זאָגן, אַז עס איז מיר קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים.

אידאַ, מיט אַ האַלבער גלאָז טיי אין די הענט, האָט זיך אומגעקערט מיט דעם גאַנצן קערפּער אין דער זייט, ווו סאַלטשע איז געזעסן.

— זאָג מיר נאָר, מיין טי'ערע, פון וואַנען ווייסטו אַזוי, וואָס דאָרטן קומט פאָר? דו ביזט דאָך דאָרטן נישט געווען און געליטן, היינט פון וואַנען ווייסטו מער פון מיר, מער פון אונדז אַלע?

— מיין חתן האָט מיר דערציילט. ער איז פון יענע ערטער, ער פילט זייערע ליידן און שמערצן מער ווי מיר.

— האָט מיר פריילן פיינזילבער געפּרוווט באַווייזן, — האָט בערנשטיין ווייטער גערעדט, — אַז די פאַרמעגלעכע יידן גיבן זייער ווייניק אויף צו פאַרגרינגערן די שרעקלעכע לאַגע פון אונדזערע היימלאָזע, און איך האָב איר דערוויזן, אַז די פאַרמעגלעכע יידן גיבן היינט מער אויף וווילטעטיקע צוועקן, ווי אין די אַמאָליקע צייטן פון פאַר דער מלחמה. איצט, גלויב איך, גיט מען צען מאָל אזוי פיל. ווי מיינט איר, ה' לערנער, האָב איך רעכט?

נאָר איידער לערנער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין טיי, אום צו ענטפערן אויף דער פראגע, וועלכע ער האָט אין אָנהייב ווייניקצעקייט, האָט סאלטשע זיך אָנגערופן:

— ה' בערנשטיין, איידער איר פרעגט, זאָלט איר באַרעכענען, ווי גרויס איז די צאָל ליידנדיקע קעגן דער צאָל פון פאַר דער מלחמה. איך גלויב, אַז עס לאָזט זיך גאָרנישט אָנצורופן. ווען מיר וועלן זאָגן טויזנט מאָל אַזוי פיל, וועט דאָס זיין ווייניק. איך מיין, אַז די צאָל פון די ליידנדיקע איז אַזוי גרויס, אז מען קאָן די ציפער פון די ליידנדיקע גאָרנישט אָנרופן... און באַרעכנט, וואָס אונדזערע גבירים גיבן אויף דעם צוועק, זיי צו העלפן, וועט איר זען, אַז זיי גיבן גאָרנישט אָדער נאָך ווייניקער. אונדזערע פאַרמעגלעכע יידן

ווילן נישט פאַרשטיין, אַז ווי באַלד זיי וועלן נישט קומען צו היל־
זייערע אומגליקלעכע ברידער מיט דער פולער האַנט, דאַן וועט
וויסט, צי עס וועט עפּעס בלייבן פון יידן. נאַטירלעך, די, וואָס
טראַכטן נישט וועגן דעם, איז נישטאָ וואָס צו רעדן, אַבי זיי לעבן
זיך רויק, ווי איר זאָגט, „געליבט זיין ליבער נאָמען, איך האָב צו
קיינעם קיין טענות נישט". איך רעד דאָ, נאַטירלעך, וועגן יידן מיט
יידישע הערצער.

— איר געדענקט, אַפּנים, אַלץ, וואָס איך רעד, מען דאַרף זיך
פאַר אייך היטן מיט אַ וואָרט, — האָט בערנשטיין געזאָגט מיט אַ
געלעכטערל. — איך וואָלט נאָר, ליבע פריילן, געוואָלט וויסן, צי מיט
אייער טאַטן רעדט איר אויך אַזוי?

— אַז עס קומט אויס, רעדט מען.

—אויב אַזוי, אַרט מיך נישט, וואָס איר רעדט אַזוי מיט מיר, —
האָט ער לאַכנדיק און מיט גרויס הנאה געזאָגט.

לערנער האָט זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטון צום זייגער און אויפ־
געשטאַנען פון טיש.

— שוין צייט צו גיין צום ה' גאַרדי. מען וואַרט שוין געוויס
אויף אונדז דאָרט.

בערנשטיין איז קיינמאָל נישט געקומען צום גרויסן מוזיקער
אין הויז. ער איז אפילו נישט געווען באַקאַנט מיט אים. ער האָט
צו דעם הויז נישט געהאַט קיין אינטערעס און מיט מוזיק בכלל נישט
געהאַט וואָס צו טון. און בערנשטיין האָט זיך אָנגערופן:

— אויב אַזוי, גייט געזונטערהייט און פאַרברענגט גוט די
צייט.—און ער האָט זיך געווענדט צו זיין פרוי:

— איך וועל גיין צו אַ באַקאַנטן און אפשר אין קלוב.

זיין פרוי און די געסט האָבן זיך מיט אים געזעגנט און
זענען אַלע דריי אַוועקגעפאָרן.

* * *

ביים גרויסן מוזיקער אין הויז האָבן זיך געפונען אַ פּאָר באַ־
קאַנטע און צווישן זיי אויך וואַלערי קאַרפּינסקי.

דעם גאַנצן טאָג האָט אידאַ מיט לערנערן נישט אויפגעהערט
צו רעדן און סאַלטשע האָט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט,
ווייל פון דער צייט, זינט זי האָט זיך דערוווסט, אַז איר חתן איז
אַוועקגעפאָרן פון בערלין, זענען אַלע אירע געדאַנקען געווען שטענ־

דיק מיט אים. זי האָט עפּעס געפילט, אַז איר חתן איז נישט גע־פאָרן ערגעץ גוט פאַרברענגען, וואָס צוליב דעם האָט ער זי פאַרלאָזן, נאָר ער איז געפאָרן ליידן. און סאַלטשע האָט זיך איינ־גערעדט, אַז ער וועט זי נאָך רופן צו זיך.

מיט די געדאַנקען איז זי אַריינגעקומען צו דעם באַרימטן מו־זיקער אין הויז.

זי האָט זיך באַגריסט מיט אַלע און אויך מיט וואַלערי קאַר־פינסקי, וועלכן זי האָט קוים באַמערקט, און זיך פאַרזעצט ערגעץ אין אַ ווינקל, ווו זי איז אַריין איינגאַנצן אין זיך צוזאַמען מיט אירע טרויעריקע געדאַנקען.

לערנערן האָט אידאַ נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין מינוט און זיך געקלעבט אין אים.

לערנער איז מיט אידען אַ פּאָר מאָל צוגעגאַנגען צו סאַלטשען, אָבער זי האָט קוים געהערט, וואָס מען האָט גערעדט צו איר.

עפּטער ווי די אַלע אַנדערע געסט איז צוגעגאַנגען צו סאַל־טשען די באַלעבאָסטע, פרוי גאַרדי, וועלכער סאַלטשע איז שטאַרק געפעלן פון דער ערשטער מינוט פון זייער באַקאַנטשאַפט און האָט גע־זאָגט איר מאַן, אַז זי האָט זייער ליב באַקומען די דאָזיקע פריילן.

פרוי גאַרדי איז געווען זייער אַ גוטע נשמה, אַן אויסגעצייכנ־טע באַלעבאָסטע, שטענדיק פאַרנומען געווען מיט אירע צוויי קינ־דערלעך און פאַרגעטערט איר מאַן.

שטיל ווי אַ טויב און נישט קיין שיינע, נאָר מיט זייער אַ סימפּאַטיש געזיכט, איז זי יעדן געפעלן און אַלע האָבן איר געשעצט און געליבט.

אַליין אַ געבוירענע דייטשקע, האָט זיך דער באַרימטער מוזי־קער מיט איר באַקענט, ווען זי איז נאָר וואָס אַרויס פון פּאַנסיאָן און האָט זיך אין איר פאַרליבט. פון זייער באַקאַנטשאַפט ביז זייער חתונה האָט זייער ווייניק געדויערט און אַזוי לעבן זיי שוין גליק־לעך אַ יאָר פופצן.

ווער דזשאָזעף גאַרדי איז האָט אפילו זיין פרוי ריכטיק נישט געוווּסט. טייל האָבן געזאָגט, אַז ער איז פון דער שווייץ, אַ טייל, אַז ער איז אַ דייטש און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער קומט אַרויס פון יידן. נאָר קיינער, אפילו זיין אייגענע פרוי, האָט זיך ווייניק מיט דעם אינטערעסירט. דזשאָזעף גאַרדי איז געווען אַ יחוס עצמו. זיין גאַנצע וועלט איז געווען מוזיק און אין זיין ווערטל איז ער

געווען געשעצט און געליבט און ביי זיין פרוי איז ער געווען איר שטאָלץ. איר מאַן האָט ליב געהאַט מוזיקער און פאַרערער פון מו־זיק, פלעגט זי יעדן אויפנעמען פריינטלעך און באַזונדערס האָט זי זיך באַצויגן גוט צו די, וועלכע זענען איר געפעלן.

סאַלטשע האָט באַזונדערס ביי איר אויסגענומען און זי האָט איר מער צייט אָוועקגעגעבן, ווי אַנדערע.

אויך איצטער האָט זי זיך צוגעזעצט לעבן סאַלטשען און זי געפרעגט, וואָס זי זיצט אַזוי אָפּגעזונדערט און פאַרוואָס זי איז נישט אויפגעלייגט.

— איך בין מיד און בין ווירקלעך נישט אויפגעלייגט. עס וועט אָבער איבערגיין... עס מאַכט זיך אַמאָל אַזוי מיט יעדן מענטשן, נאָר עס גייט איבער.

— אויב אַזוי, וועל איך אייך לאָזן אַליין און אייך נישט שטערן.

— איר שטערט מיר נישט, פאַרקערט, איך שטער אייך. איך בין דאָך ביי אייך נישט קיין איינציקער גאַסט.

— נו, אויב אַזוי, באַרויקט אייך. איך וועל אַ ביסל אַ קוק טון, ווי גייט עס ביי מיר אין באַלעבאַטישקייט, וועל איך קומען צוריק צו אייך.

ביי דער פיאַנאָ האָט זיך געזעצט איינער פון די געסט און אָנ־געהייבן שפּילן. די שיינע און קלאָרע טענער האָבן סאַלטשען פאַר־טראָגן אין ווייטע אומבאַקאַנטע לענדער, ווו איר חתן געפינט זיך, און זיין שיין געשטאַלט האָט פאַר איר אין דער ווייטער ווייטקייט אויסגעוואָקסן זיך אַזוי נאָענט, ווי גלייך ער שטייט לעבן איר, אַז זי קאָן צו אים דערלאַנגען מיט דער האַנט.

פּלוצים איז צו סאַלטשען צוגעגאַנגען איר מוזיק־לערער צוזאַ־מען מיט ה׳ גאַרדי, וועלכער האָט זיך אָנגערופן:

— נו, מיין ליבע פריילן, איצטער וועלן מיר אַלע האָבן דאָס פאַרגעניגן אייך אויסצוהערן, — און דערביי האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם אָרט, ווו עס איז געשטאַנען די פיאַנאָ.

סאַלטשע האָט זיך אָנגעהייבן רויטלען און דערשראָקן געזאָגט:

— ביי אייך אין הויז זאָל איך שפּילן?!

— נאָר נישט געשראָקן זיך, די פיאַנאָ איז אַ גוטע, עס וועט

זיך שפּילן בײַ אײַך װײַער גוט, האָט גאַרדי מיט אַ פרײַנט עכן שמײכל געזאָגט.

— דערצו מוז איך זאָגן, אַז איך בין פּראָסט נאָך מיד פון װעג און בין נישט אַזױ אױפגעלײגט צום שפּילן.

— איך גלױב, אַז די נאַכט האָט איר זיך גוט אױסגעשלאָפן,— האָט זיך גאַרדי געװענדט צו לערנערן.

— נישט שלעכט, אַ שעה פופצן, איז מען אױף אײן זײט געשלאָפן.

אַלע דרײַ האָבן זיך צעלאַכט.

— נו, איך זע, אַז מײַנע בקשות גײען איצטער נישט אָן און אפילו מײן לערער װיל פאַר מיר קײן גוט װאָרט נישט זאָגן, פאָלג איך אײַך. נאָר איך מוז זאָגן, אַז איך בין אַ גרױסע עגאָאיסטקע. איך װעל הײַנט נישט שפּילן אומזיסט. איך װיל, אַז איר, ה׳ גאַרדי, זאָלט מיר באַצאָלן מיט אײער שפּילן, איך װיל האָבן דאָס גליק, אײַך צו הערן.

— נו, נו, גענוג! נישט שײן פאַר אַזאַ יונגע שײנע פרײלן צו מאַכן אַזױנע קאָמפּלימענטן אַ מאַן, װעלכער הײבט שױן אָן גרױ צו װערן. — און דערבײַ האָט ער געװיזן זײַן שײנעם קאָפּ האָר, װי עס װאַרפט זיך דורך כמעט אַ האַלבער קאָפּ מיט זילבערנע האָר און ער האָט װײַטער געזאָגט:

— זײט רויק! איר װעט נישט פון באַזעל אַװעקפאָרן ביז איר װעט מיך נישט הערן.

— נאָך הײַנט װיל איך אײַך הערן! ה׳ גאַרדי! — האָט זי געזאָגט מיט אַזױ פיל חן און געבעט, אַז דער באַרימטער מוזיקער האָט אָפּגעלאָזט די הענט און געענטפערט:

— אײַך איז שװער אָפּצוזאָגן, װען איר בעט. מיר װעלן זען. איך װעל נאָך הײַנט שפּילן.

דערװײַל איז אָנגעקומען פרױ גאַרדי און דערװיסנדיק זיך, װאָס דאָ קומט פאָר, האָט זי אָנגעשריגן אױף איר מאַן:

— װאָס װילט איר פון דער פרײלן, זי איז נעבעך אַזױ מיד, זי האָט זיך נישט אָפּגערוט פון װעג, האָט זיך אײַך פאַרגלוסט, זי זאָל גײן שפּילן. איך װעל זי נישט לאָזן!

און פרױ גאַרדי האָט זיך געזעצט לעבן סאָלטשען און מיט איר האַנט פעסט אַרומגענומען איר דינע שײנע טאַליע.

גאַרדי און לערנער מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן האָבן זיך איבערגעקוקט, און גאַרדי האָט געזאָגט:

— מיר האָבן אַזוי שווער געאַרבעט ביז אונדז איז געלונגען צו פּועלן ביי דער פריילן פיינזילבער צו גיין שפּילן, איז געקומען מיין פרוי און צעשטערט אונדזער שווערער אַרבעט.

סאַלטשע האָט זיך אויפגעהייבן פון איר אָרט און זיך געווענדט צו דער באַלעבאָסטע:

— איך דאַנק אייך זייער, וואָס איר פאַרטיידיקט מיך, נאָר איך גיי שפּילן, איך וויל שפּילן!

— אָט אַזוי, פאַרשטיי איך, מיט דעם גוטן ווילן, אָבער נישט מיט געוואַלד נויטן יענעם. די מענער זענען דאָך נישט קיין מענטשן, נאָר מערדער. נו, גייט געזונטערהייט, מיין ליבע פריילן און איך ווינטש אייך ערפאָלג.

און פרוי גאַרדי האָט מיט דעם פינגער געטייטלט צו איר מאַן:

— זע, זאָלסט נישט זיין שטרענג צו איר! זי שרעקט זיך, נעבעך, אַזוי.

און צווישן אַזאַ אינטימען שמועס איז סאַלטשע נישט נאָר געגאַנגען, נאָר געלאָפן צו דער פּ'אַנאָ, האַסטיק זיך אַנידערגעזעצט און אָן שום צוגרייטן זיך האָט זי געלאָזט אירע פינגער איבער די קלאַווישן מיט אַזאַ אימפּעט, ווי איינער, וואָס וואַרפט זיך אין אַ ברייטן טייך אַריין איבערצושווימען די גאַנצע ברייט פון טייך ביז צו דעריכן אויף יענער זייט ברעג און האָט נאָך נישט אויסגעמאָסטן זיינע קרעפטן, צי וועט ער קאָנען שווימען אַזוי לאַנג.

סאַלטשע האָט גרינג, מיט יענער קראַפט און ברען געשווימען איבער די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ און זי האָט פון דאָרטן אַרויסגעצויגן גלאַטע, סאַמעטענע טענער, ריינע לויטערע קוואַלן, וואָס שפּריצן מיט פרישקייט איבער אויסגעוואַשענע מאַרמאָר־שטיינער.

אין איר שפּילן האָט זיך געהערט דאָס רוישן פון גרינע ביימער, דאָס קרעכצן און געוויין פון פאַרבלאָנדזשעטע מענטשן, האַרצרייסנדיקע קולות. עס האָט זיך געהערט דאָס גיין פון נישט זיכערע טריט.

אַלע צוהערער אין דעם זאַל האָבן זיך איבערגעקוקט, גאַרדיס געזיכט איז געוואָרן ערנסט. אויף לערנערס פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן גליק און שטאָלץ, ווי ביי אַ קינסטלער, וועלכער פאַרענדיקט

זיין בילד, באַטראַכט זיין שאַפונג און קוועלט אָן פון זיין אַרבעט.

אַ גאַנצע האַלבע שעה האָבן סאַלטשעס הענט אַזוי געשווומען איבער די ווייסע קלאַווישן, די טענער זענען געוואָרן נידעריקער און נידעריקער, שטילער און שטילער ביז די שטילסטע און דינסטע טעבער זענען אײַנגעאַנצן דערטרונקען געוואָרן.

סאַלטשעס הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, זי איז געבליבן זיצן אויף איר אָרט און גרינג אָפּגעאָטעמט.

סאַלטשע האָט געענדיקט איר שפּילן, אַ פּאַטשעריי פון אַ לאַנגן בראַוואָ האָט זיך געהערט פון אַלע געסט אין דעם זאַל.

דער באַרימטער גרויסער מוזיקער גאַרדי איז צוגעגאַנגען צו סאַלטשען און פאַר אַלע געסט זי האַרציק אַ קוש געגעבן. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו לערנערן און אים געזאָגט:

— איך גראַטוליר אײַך מיט איר ערפאָלג. איך בין אײַך מקנא, וואָס איר האָט אַזאַ שילערין. אַ געוויסע צייט דאַרף זי נאָך שפּילן, און דערנאָך וועט פון איר אַרויסקומען אַ נייער שטערן אין דער מוזיקאַלישער וועלט.

פרוי גאַרדי איז צוגעגאַנגען צו סאַלטשען, זי אָנגענומען בײַ דער האַנט און זיך אַנידערגעזעצט לעבן איר.

אַלע האָבן איר גראַטולירט און מיט גרויס אָפּשיי געקוקט אויף איר. אַלע געסט, וועלכע זענען אַליין מער אָדער ווייניקער מוזיקער, פאַרשטייען און האָבן ליב מוזיק, האָבן געוווסט אָפּצושאַצן סאַלטשעס ערפאָלג, וואָרים זיי האָבן גוט געקאָנט גאַרדין, אַז ער איז זייער אַ שטרענגער און זייער ווייניק איז דאָ, וועלכע דער גרויסער מוזיקער זאָל וועמען אָנערקענען, און סאַלטשע האָט דערגרייכט דעם העכסטן אידעאַל, פון וואָס אַ מוזיקער קאָן נאָר פאַנטאַזירן. אַ קלייניקייט צו זאָגן: גאַרדי, דער שטרענגער נישט נאָר צו יענעם, נאָר צו זיך אַליין, האָט זי אָנערקענט מיט אַזאַ באַגײַסטערונג.

אַזוי האָבן געטראַכט אַלע, קוקנדיק אויף סאַלטשען. אַזוי האָט אויך געטראַכט סאַלטשעס פרײַנט, וואַלערי קאַרפּינסקי, וועלכער האָט אויך ליב געהאַט מוזיק און איז דעריבער געווען אַן אָפטער גאַסט בײַ גאַרדין אין הויז.

— אָרעמער סטאַש! — האָט ער זיך באַטראַכט. — ער איז, נעבעך, פאַרליבט אין איר ביז אין די אויערן! נאָר ווי קאָן ער גאָר טראַכטן וועגן איר? זי איז מיט אַלעמען אויסגעוואַקסן און ער איז

געבליבן שטיין אויף איין אָרט. ער וועט זיך מוזן אַרויסשלאָגן סאַל־טשען פון קאָפּ און ווערן אַן ערנסטער מענטש.

קאַרפּינסקי האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף סאַלטשען און געטראַכט: מאָרגן וועט גאַנץ באַזעל זיך דערוויסן, אַז דער באַרימטער גאַרדי האָט געפונען אַ נייעם שטערן אין דער מוזיקאַלישער וועלט. שפּעטער וועט מען זיך וועגן דעם נייעם שטערן דערוויסן אין בער־לין, לאָנדאָן, פּאַריז און אין איטאַליע... דערצו איז זי אַזוי יונג און שיין, איר גלאַנצנדיקע צוקונפט איז אָפן איצט פאַר יעדן. גאַרדי האָט זי אַנערקענט, אַ קליינגיקייט! און דער נאַרישער סטאַש קאָן זיך נישט באַרויקן, ער איז פאַרליבט אין איר! נאַריש, עס איז צו לאַכן.

— איך האָב מורא, — האָט קאַרפּינסקי זיך געטראַכט, — אַז דאָס, וואָס זי רעדט מיט מיר אַזוי קאַלט, נישט פריינטלעך, איז שולדיק סטאַש, וואָס ער איז מיין חבר... עס ווייזט אויס, אַז זי האָט איבערגעריסן מיט אים אַלע באַציונגען, זי קאָן זיין נאָמען נישט הערן און דערווייטערט זיך אַפילו פון זיינע באַקאַנטע און פריינט.

סאַלטשע, זיצנדיק לעבן דער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט זי נישט אָפּגעלאָזט פון זיך, האָט געפילט דעם גרויסן איצטיקן מאָמענט פאַר איר. כאָטש זי האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט קיין גרויסקייט און קיינמאָל זיך נישט געיאָגט נאָך דעם, דאָך האָט זי איצט איבער־געלעבט גליקלעכע מינוטן.

לערנער, באַפרייענדיק זיך אַ ביסל פון אידען, וועלכע האָט אים די גאַנצע צייט נישט אָפּגעלאָזט פון זיך, איז מיט אַ שיינענדיק געזיכט צוגעגאַנגען צו סאַלטשען.

די פרוי גאַרדי, דערזעענדיק סאַלטשעס באַגלייטער, האָט זיך אויפגעהייבן פון איר אָרט, ווענדנדיק זיך צו לערנערן:

— איך מוז גיין זען, וואָס הערט זיך מיט אונדזער אָוונט־ברויט פאַר מיינע ליבע געסט. נאָר אייך געטרוי איך די פריילן פיינזילבער. גיט אַכטונג אויף איר, זי פילט זיך עפּעס שוואַך.

לערנער האָט זיך געזעצט אויף דער באַלעבאָסטעס אָרט.

— נו, סאַלטשע, זענט איר צופרידן מיט דעם היינטיקן אָוונט? איך וויל זאָגן: אייער אָוונט איז היינט געווען פול מיט ערפאָלג. ווייסט איר, וואָס דאָס הייסט, ווען דעם ה׳ גאַרדי איז געפעלן איי־ער שפּילן! איך האָב שטענדיק אויך געגלויבט אין אייערע גרויסע

מוזיקאַלישע פעיקייטן, אָבער אַז דער באַרימטער גאַרדי זאָל אַזוי אַנטציקט ווערן פון אייער שפילן, דאָס איז מער ווי איך האָב דער־וואַרט. איר קאָנט זיך שעצן פאָלקאָם גליקלעך.

— איך ווייס דאָס זייער ווי צו שעצן, נאָר צום גליק, מיין ליבער לערער, איז דאָס נאָך זייער ווייט. איך וואָלט באמת די גליקלעכסטע אין דער וועלט געווען, ווען מיין דוד זאָל אויך דאָ זיך געפינען און הערן פון ה׳ גאַרדי, ווי ער לויבט אַזוי זיין פלהס שפילן...

— ווידער אייער אַלטע מוזיק! — האָט לערנער געזאָגט און פון זיין געזיכט איז מיטאַמאָל אַוועק זיין גאַנצע גוטע שטימונג.

— איר מיינט דאָך, וואָס איך רעד צופיל וועגן מיין חתן? יאָ, מיין אַלטע מוזיק איז ביי מיר אייביקע מוזיק! אומעטום און ביי אַלע אומשטענדן איז ער לעבן מיר און אין מיר, און מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך האָב היינט געשפילט, איז ער אויך געווען צוזאַמען מיט מיר... אין פיר הענט האָבן מיר געשפ׳לט צוזאַמען.

— איך מוז מודה זיין, סאַלטשע, — האָט לערנער געזאָגט, — אַז אין אייער היינטיקן שפילן האָט איר אַריינגעלייגט אַ סך נשמה.

— איר ווילט זאָגן, מיין גאַנצע נשמה, דאָס איז אמת. מיין היינטיקן ערפאָלג האָב איך אַ סך צו פאַרדאַנקען אייך, מיין אויסגע־צייכנטן לערער, און נאָך מער מיין חתן, מיין דודן.

לערנער האָט מיט פאַרוווּנדערונג איר אָנגעקוקט.

— וואָס האָט דער יונגער דאָקטאָר שטיינמאַן צו טון מיט איי־ער מוזיק? — האָט ער געפרעגט.

— אָ, ער האָט אַ סך צו טון! איר האט מיך געלערנט אן אויס־געצייכנטע טעכניק און ער האָט אין מיר דערהייבן מיין גייסט, מיין נשמה! דאָס אַלץ האָט זייער פיל צו טון מיט מוזיק.

אויף לערנערן האָט זיך אָנגערוקט אַ טרויער און ער האָט איר ערנסט געזאָגט:

— וואָס אַמאָל, פירט איר זיך אויף ערגער. איך האָב גערעכנט אַז איר הייבט אָן צו פאַרגעסן אין אים, צום סוף אין דער לעצטער צייט הערט איר נישט אויף צו רעדן וועגן אים... ווייסט איר דען נישט, אַז איר רעדט וועגן אַ טויטן מענטשן? ער איז דאָך פאַר אייך שוין לאַנג אָפגעשטאָרבן.

און אַז ער איז טויט, און אַז ער איז געשטאָרבן, איז וואָס?

איך וועל אין מיין טויטן דודן אויך נישט פֿאַרגעסן. מיין חתן איז פֿאַר מיר נישט געשטאָרבן.

לערנער האָט אָן ווערטער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, נישט רעדנדיק מער. ער האָט אָנגעהייבן זיך שרעקן פֿאַר איר געזונט. ווייל אין דער לעצטער צייט האָט זי אַזוי משונהדיק נישט אויפֿגעהערט צו רעדן וועגן איר געוועזענעם חתן... ער האָט באַשלאָסן אַ פּאָר טעג איר נישט פֿאָרצעהאַלטן פֿאַר איר משונהדיקער אויפֿפֿירונג.

זיין גאַנצן צער אָון יסורים וועגן איר האָט ער דערשטיקט אין זיך און מיט דער גרעסטער צערטלעכקייט און ליבשאַפֿט האָט ער זיך מיט איר אָנגעהייבן צו באַגיין ווי אַ פֿאָטער מיט זיין ליבסטן קינד.

לערנער האָט מיט זאָרג געטראַכט וועגן איר און אים איז אַרויפֿגעקומען אויפֿן געדאַנק: אפשר האָט ער געמאַכט אַ פֿעלער, וואָס ער איז מיט איר גלייך נישט געפֿאָרן קיין בערלין? זאָל זי זען, זאָל זי אַליין זיך איבערצייגן, אַז זי האָט דאָרט נישט וואָס צו טון, אַז איר געוועזענער חתן איז איר אינגאַנצן פֿרעמד און זי וועט זיך ענדלעך באַרויקן. פֿון דערוויייטנס אָבער חלומט זי וועגן אים און גלויבט, אַז ער וועט זיך נאָך אומקערן צו איר.

דעם היינטיקן אָוונט האָט ער וועגן דעם פֿיל געטראַכט און ער האָט באַשלאָסן צו וואַרטן אַ פּאָר טעג, און אויב זי וועט זיך נישט ענדערן, וועט ער איר פֿאָרלייגן צו פֿאָרן קיין בערלין.

עס איז שוין געווען אַ שעה צוויי אין דער נאַכט, ווען די באַלעבאָסטע האָט געבעטן דעם עולם צו אָוונטברויט. אידאַ האָט זיך ביים טיש איינגעאָרדנט לעבן לערנערן, סאַלטשען האָט גאַרדי געזעצט לעבן זיך און דער איבעריקער עולם האָבן זיך אויסגעזעצט לעבן דער באַלעבאָסטע פֿון ביידע זייטן.

ביים טיש זענען אַלע פֿריילעכער געוואָרן, נאָר סאַלטשע איז ווי אַ שעמעוודיקע שילערין געזעסן לעבן גאַרדין, זיין פֿרוי האָט אַלע ווייַלע צו אים געשריגן, ער זאָל אַכטונג געבן אויף זיין „דאַמע", זי זאָל עסן און נישט אַוועקגיין פֿון טיש הונגעריק.

אידאַ איז באַזונדערס געווען פֿריילעך און פֿאַרגעוואָרפֿן איר „קאַוואַליער", לערנערן, פֿאַרוואָס ער איז נישט לעבעדיקער און ריי-רעוודיקער.

— איר וואָלט געווען דער שענסטער יונגערמאַן, ווען איר זאָלט זיין אַ ביסל רירעווודיקער.

— מיט וואָס בין איך נישט רירעוודיק? דאַכט זיך, איך אַרבעט זייער גוט מיטן מעסער און גאָפּל.

— אָבער פאַרוואָס גיט איר נישט אַכטונג אויף אייער „דאַמע", זי זאָל עסן? — האָט אידאַ זיך געוואָרטלט.

— מיין דאַמע איז אָן, עין־הרע, אַ געזונטער מענטש און קאָן זיך איר שטעטל אַליין באַשטיין און אַליין טרעפן אין טעלער אַריין...

— נו, אויב אַזוי, וועל איך אַכטונג געבן אויף אייך...— און זי האָט אים אָנגעגאָסן אַ גלעזל קאָניאַק.

ער האָט אויסגעטרונקען און דערביי געזאָגט:

— פאַר מיין געזונט!

זי האָט אָנגעגאָסן אַ צווייט גלעזל און געזאָגט:

— איצט טרינקט פאַר מיין געזונט!

— פאַר אונדזערביידנס געזונט! האָט ער אויסגעטרונקען דאָס צווייטע גלעזל.

אידאַ האָט מיט אַ געלעכטער אַלע מאָל פון איר טעלער אי־בערגעלייגט צו אים אין טעלער אריין און אַכטונג געגעבן, אַז די גלעזלעך פון קאָניאַק און וויין זאָלן נישט זיין ליידיק. אָבער לער־נער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טרינקען. — עסן אַ ביסל מער, שאַדט נישט, — האָט ער געזאָגט, — נאָר טרינקען דאַרף האָבן אַ מאָס.

— נו, צוליב מיר טרינקט נאָך אויס איין גלעזל.

און ער האָט געמוזט אויסטרינקען.

שפּעטער אַ ביסל האָט זי אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך און האָט געזאָגט:

— איצט וויל איך, איר זאָלט מיט מיר טרינקען... איך גלויב, אַז איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן.

ער האָט אַ ביסל געטראַכט און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— געדענקט, אַז מער טרינק איך נישט, נאָר דאָס לעצטע גלעזל.

און ביידע האָבן געקלאַפּט מיט די גלעזלעך און גלייך אויסגע־טרונקען ביזן דנאָ.

סאַלטשע האָט באַמערקט, ווי לערנער האָט זיך אַזוי צעהוליעט מיט אידען און די גאַנצע סצענע האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ גע־

דעקטער. זי וואָלט אויך אַ בעלן געווען צו זען לערנערן שיכּור. און סאַלטשע האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי לערנער וועט דאַן אויסזען, אָבער זי האָט נישט געגלויבט, אַז עמיצער זאָל אים קאָנען אָנשיכּורן. ער האָט געהאַט אַ צו שטאַרקן קאָפּ און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אַמאָל איז געווען ביי זיי אין הויז אַ שמחהלע, ווו לערנער איז אויך געווען איינגעלאַדן. דער עולם האָט אַ סך געטרונקען, לערנער אויך, אָבער ער האָט זיך אויסגעצייכנט געהאַלטן.

— אומזיסט דיין אַרבעט! — האָט סאַלטשע געשריגן איבערן טיש צו אידען. — דו וועסט אים נישט אָנשיכּורן! אַן עבירה דער באַלעבאָסטעס קאָניאַק און וויין.

דער עולם האָט הערצלעך געלאַכט.

און אידאַ האָט לערנערן שטיל געזאָגט:

— אויב איך וועל אייך נישט קאָנען איינשיכּורן מיט וויין און קאָניאַק, וועל איך אייך איינשיכּורן מיט מיין ליבע צו אייך.

זי האָט די ווערטער געזאָגט מיט אַ טאָן, ווי זי מיינט עס נישט ערנסט, נאָר זי ווערטלט זיך.

— אין ווייניקער ווי אין פיר און צוואָנציק שעה קאָנט איר זיך פאַרליבן?

— אין אַזעלכע שטאַרקע, געזונטע און שיינע יונגעלייט קאָן מען זיך פאַרליבן אין ווייניקער צייט.

דער אָוונט־ברויט האָט זיך געענדיקט. דער עולם האָט נאָך פאַרבראַכט אַ פאָר שעה אין מוזיק און אין היימישע טענץ. אַ הוץ סאַלטשע, וועלכע איז געווען זייער מיד און שוואַך.

ווען דער עולם האָט אָנגעהייבן רעדן פון צעגיין זיך אַהיים, האָט די פרוי גאַרדי פאָרגעלייגט סאַלטשען:

— צו וואָס וועט איר פאָרן צו זיך אין האָטעל, ווען איר פילט זיך אַזוי שוואַך? בלייבט ביי אונדז נעכטיקן!

סאַלטשע, פילנדיק, ווי מען בעט זי נישט פון יוצא וועגן, נאָר מיט דעם גאַנצן הארצן, האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און איז געבליבן נעכטיקן ביי גאַרדין אין הויז.

דער עולם האָט זיך אָנגעהייבן געזעגענען. אַלע זענען זיך צעפאָרן.

אידאַ האָט געבעטן לערנערן, ער זאָל איר באַגלייטן אַהיים אין איר אויטאָמאָביל.

כ.

אידאַ, זיצנדיק מיט לערנערן אין איר רייכן גרויסן אויטאָמאָ־ביל, האָט זיך געפילט אויסגעצייכנט פון היינטיקן זעלטענעם אָוונט.

שוין לאַנג, אַז זי האָט אַזאַ אָוונט אַזוי גוט פאַרבראַ

לערנער איז געווען אַ ביסל איבערגעזעטיקט פון דעם אָוונט־ברויט, ער האָט זיך געפילט שווערלעך, און די גוטע, געזונטע לופט פון די פאַרבייפאָרנדיקע גערטנער האָבן אים אָנגעהייבן זיס איינ־דרעמלען, נאָר אידאַ האָט אים נישט געלאָזט איינשלאָפן.

— אַ בזיון, אַ יונגערמאַן פאָרט מיט אַ יונגער פרוי און דרעמלט... זייט אַ ביסל לעבעדיקער, זעט נאָר וואָס פאַר אַ שיינע גאָלדענע נאַכט היינט איז!

—איך דרעמל נישט, איך הער יעדעס וואָרט, וואָס איר רעדט... איך פיל זייער גוט, אַז לעבן מיר זיצט אַ יונג לעבעדיק ווייבעלע.

— ענדלעך הער איך פון אייך אַ גוט וואָרט! בין איך, הייסט עס, ביי אייך אַ לעבעדיקע?

— און אַ שיינע אויך, וואָס נאָך ווילט איר?

— איך וויל, אַז איר זאָלט מיך ליבן, אַזוי ווי איך האָב אייך ליב.

— איך באַשטיי! — האָט ער נישט קלערנדיק באַלד געענט־פערט.

אידאַ האָט זיך געפרוווט אים אָנקוקן אין פנים ביי דער שיין פון דער לבנה, און מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט:

— וואָס הייסט „איך באַשטיי?" וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּראַך? אַזוי רעדט מען עס מיט אַ יונג ווייבל און נאָך אַ שיינע, ווי איר אַליין זאָגט?

— וואָס פאַרשטייט איר דאָ נישט, איך האָב אויף אייער ליבע צו מיר געענטפערט. „איך באַשטיי", דאָס הייסט, איך בין איינשטי־מיק מיט אייך... וואָס וואָלט איר געוואָלט, אַז איך זאָל זאָגן, אַז איך בין נישט איינשטימיק מיט אייך?

— ניין, ניין, דאָס וויל איך נישט! — האָט זי זיך הויך צע־לאַכט. — איר ווייסט, ה' לערנער, איר זענט זייער אַן אינטערעסאַנ־

טער און אָריגינעלער מענטש. איר רעדט אַנדערש ווי אַלע מענטשן, אפילו וועגן ליבע רעדט איר אַנדערש.

— איך רעד אַזוי ווי איך קאָן... ווי אַזוי רעדן דען אַלע אַנ־דערע מענטשן?

— ניין, אַלע מענטשן רעדן אַנדערש! אַלע מענטשן רעדן מיט האַלבע ווערטער, אָדער מיט פרעמדע ווערטער, און דאָס איבעריקע, וואָס איז אייגנס, נישט קיין פרעמדס, קיין געבאָרגטס, באַגראָבן זיי אין זיך און זאָגן עס זעלטן אַרויס... און ווי לאַנג זיי זאָלן נישט לעבן, נעמען זיי עס צו מיט זיך אין קבר אַריין. יעדער איז פול מיט סודות... איר זענט דער איינציקער מענטש, וועלכן איך האָב באַ־געגנט, וואָס איז אָן סודות... ווי זאָגט מען... „וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג"... אַזעלכע מענטשן, ווי איר, זענען די גליק־לעכסטע אויף דער וועלט.

לערנער האָט זיך פון אירע ווערטער וועגן אים מיטאַמאָל ווי אויסגעניכטערט פון דעם קאָניאַק און וויין, וואָס ער האָט היינטיקן אָוונט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, און ער האָט געפרעגט:

— מיט וואָס, מיינט איר, זענען אַזעלכע מענטשן גליקלעכער, ווי אַנדערע?

— דערמיט, וואָס אַזעלכע, ווי איר, טראָגן נישט אַרום אין זייער גאַנץ לעבן קיין פּעקל סודות... איר ווייסט נישט, איר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וויפל יעדער מענטש ליידט אין דער שטיל און ווערט געפּייניקט פון זיינע סודות, וועלכע מען מוז, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, האַלטן טיף, טיף באַגראָבן אין זיך... ווען איר זאָלט וויסן, ווי איך ווער געפּייניקט פון מיינע סודות!

אידאַ האָט באַמערקט, ווי דער אויטאָמאָביל דערנענטערט זיך שוין צו איר הויז, האָט זי פּלוצים געזאָגט צו לערנערן:

— ווייסט איר וואָס מיר איז איינגעפאַלן?

— וואָס קאָן איך וויסן.

— די נאַכט איז אַזוי שיין, לאָמיר נאָך פאָרן אין די אַלייען אַ האַלבע שעה, אַיאָ?

— ווי איר ווילט.

און אידאַ האָט געהייסן דעם שאָפער פאָרן אין די אַלייען, אַ ספּעציעל אָרט, וווּ מען שפּאַצירט אין אויטאָמאָבילן און אין קאַרעטן. אידאַ האָט זיך אומגעקערט צו איר פריערדיקן שמועס.

— איר זענט אַ גליקלעכער, איר רעדט פריי און טראַכט פריי און טוט, וואָס איר ווילט, וואָס אייער האַרץ גלוסט, און איך בין שטענדיק פון די סודות פאַרקאָוועט אין שווערע קייטן.

— אַזוינע שרעקלעכע סודות רינגלען אייך אַרום? איר האָט דאָך שוין חתונה געהאַט? אייער קאַריערע האָט איר דאָך שוין געמאַכט? אייער מאַן איז רייך און האָט אייך ליב, ווי קומען צו אייך סודות? ביי אַ מיידל קאָן נאָך פאַרקומען סודות, אָבער נישט ביי אייך, וואָס איר האָט שוין אייער צוועק דערגרייכט!

— אַ מיידל, זאָגט איר? וואָס פאַר אַ סודות קאָן זיין ביי אַ מיידל? זי פירט ליבעס און וויל נישט, אַז די עלטערן אָדער אַנדערע זאָלן וויסן? דאָס זענען נישט קיין סודות, נאָר קינדערישע שפּילערייען.

— און איר זאָגט, אַז ליב האָבן איז קינדערישע שפּילערייען? ווייזט אויס, אַז איר האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט.

— איך האָב יאָ ליב געהאַט און ווייס פון די שרעקלעכע ליידן, ווען מען האָט ליב און מען איז נישט געליבט. נאָר וואָס זענען זיי געגליכן קעגן מיינע איצטיקע ליידן! איך לעב אין רייכטום און אין ווילטאָג, נאָר קיין אומגליקלעכערע פון מיר איז נישטאָ אויף דער וועלט.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. לערנער האָט באַמערקט, ווי צוויי טרערן קייקלען זיך איבער אירע באַקן און די אויגן האָבן געפינקלט.

זי האָט מיט איר טיכל אויסגעווישט די אויגן און געזאָגט:

— ווען סאַלטשע זאָל וויסן, ווי אומגליקלעך איך בין! נאָר ניין, איך וויל נישט, זי זאָל וויסן! אַ פרוי דאַרף נישט וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי דער צווייטער.

פּלוצים איז זי מיטאַמאָל פריילעך געוואָרן.

— צו וואָס האָב איך זיך צעוויינט? איך וויל לעבן און וויל געניסן אַלץ פון לעבן! און ווען איר זענט אַ שווערער, אַ נישט-ריידעוודיקער, אַ שלאָפנדיקער, וועל איך אייך לעבעדיק מאַכן.

אַ גאַנצע שעה האָבן זיי אין אויטאָמאָביל געשפּאַצירט הין און צוריק איבער די ברייטע אַלייען. די שטילע, שווייגנדיקע נאַכט האָט זיי אויך געמאַכט שווייגנדיק. זי האָט זיך די גאַנצע צייט געטוליעט נענטער צו אים און אים אויסגעקוקט דאָס גאַנצע פּנים. אירע אויגן

האָבן געשטראַלט, ווי בריליאַנטן. לערנער האָט זיי געקושט.

און ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו איר הויז, האט זי אים געזאָגט:

— צו וואָס זאָלט איר פאָרן אַזוי שפּעט אין האָטעל, אַז איר קאָנט גענעכטיקן ביי מיר אין הויז... עס איז דאָ אַ באַזונדער צימער פאַר אייך.

לערנער האָט זיך אָפּגעזאָגט, צוזאָגנדיק, אַז זיי וועלן זיך נאָך זען.

זיי האָבן זיך געזעגנט, און דער אויטאָמאָביל האָט אים אָפּגעפירט אין האָטעל.

ווען אידאַ איז אַריינגעקומען צו זיך אין הויז, האָט זי שוין אין דער שטוב־לופט דערפילט דעם אָטעם פון איר מאַן, וועלכער איז געלעגן אין שלאָף־צימער. איר פּנים האָט זיך ווי אויסגעקרימט, און איר פריילעכקייט און לעבעדיקייט איז פון איר מיטאַמאָל אַוועק.

זי איז אַריין אין איר צימער, אָנגערירט דאָס עלעקטרישע קנעפּל און עס איז געוואָרן ליכטיק.

אויף גיך האָט זי זיך גענומען אויסטון איין קליידל נאָכן צווייטן, ביז זי איז געבליבן שטיין האַלב נאַקעט פאַר דעם שפּיגל, וועלכער האָט זי באַלויכטן פון ביידע זייטן מיט צוויי מאַטאָווע עלעקטרישע לעמפּלעך.

זי האָט זיך אויסגעדרייט פאַר דעם שפּיגל אויף אַלע זייטן, אָנגעקוקט אירע לאַנגע צעוואָרפענע האָר, די נאַקעטע הענט, אירע אַקסלען און אפילו איר גלייכע שיינע פּלייצע. אַלץ האָט זי באַטראַכט און האָט געזען פאַר זיך אַ יונגן געזונטן שיינעם קערפּער.

— וויפל יונגעלייט פאַנטאַזירן און זוכן אַזאַ פרוי, ווי איך! — האָט זי געזאָגט, און טרויעריק אַ קוק געטון אין דער זייט, וווּ איר שלאָף־צימער איז געווען, פון וואַנען עס האָט זיך איצט געהערט דאָס אָטעמען פון איר מאַן.

אידאַ האָט קיינמאָל זיך נישט איבערגעשאַצט. זי האָט געוווּסט, אַז זי איז נישט אַזוי שיין און אינטערעסאַנט, ווי סאַלטשע, אָבער זי האָט גוט געוווּסט, אַז זי קאָן געפעלן מענער.

זי איז געווען אַ הנעוודיקע ברונעטקע, שטאַרק און שלאַנק געבויט און האָט געהאַט שוואַרצע אויגן און שיינע לאַנגע האָר, אַ

די־רעוודיקע און אַ פריילעכע. דערצו האָט זי געהאַט עפּעס אין זיך אַ סך ווייבערישעס, וואָס מענער האָבן זי געמוזט באַמערקן.

פון דעם אַלעמען האָט זי געוווּסט און איז שטענדיק זיכער געווען, אַז זי איז אומשטאַנד צוצוציִען די אויפמערקזאַמקייט פון יעדן יונגנמאַן.

עפּעס איז אין איר געווען אַ מין פיזישע קראַפט, אַ געזונט שטיק לעבן, וואָס איז געפעלן מענער אַזוי גוט ווי שיינקייט.

ווען אידאַ האָט נאָר געוואָלט, האָט זי געקאָנט לעבעדיק מאַכן די פאַרשלאָפנסטע, אָפּגעלאָזנסטע מענער.

אין איר האָט מען געזען אַ נאַטירלעכע שיינקייט פון אַ יונגער פרוי, וואָס איז פול מיט לעבן, דאָס לעבן זעלבסט.

אידאַ, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין רייכטום און אין וווילטאָג, האָט כמעט נישט געוווּסט פון פודער און פון אַנדערע קאָסמעטיק. דער קאָליר אויף איר געזיכט איז שטענדיק געווען אַ נאַטירלעכער, אַזוי אויך איר קליידונג, איר גאַנג און באַוועגונג, און אין מענער זענען איר אויך מער געפעלן דיזעלבע מעלות, און דערפאַר האָט אויף איר געמאַכט אַ באַזונדער גוטן איינדרוק יעקב לערנער.

זי איז איצט געשטאַנען לעבן דעם באַלויכטענעם שפּיגל און געטראַכט וועגן לערנערן. זי האָט געפילט אויף איר געזיכט זיינע הייסע קושן. איר פּנים האָט געברענט, איר גאַנצער קערפּער האָט געגליט.

זי האָט ווידער אַ קוק געטאָן אין דער זייט, ווו איר שלאָפצי־צימער געפינט זיך און פון וואַנען עס הערט זיך דער אָטעם פון איר מאַן.

— און איך דאַרף דאָס גיין אָט אין דעם קבר שלאָפן... אַ מענטש, וואָס האָט זיין בעסטע יוגנט אַוועקגעגעבן ערגעץ אין אַלדי שוואַרצע יאָר און מיט מיר איז ער געגאַנגען חתונה האָבן, ער זאָל זיך אָפּרוען—און אינגאַנצן איז ער אַלט עטלעכע און דרייסיק יאָר! — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיפץ. — אָט אַזוי האָבן מיר מיינע עלטערן באַוואָרנט! ווי האָט נאָך אַזאַ מענטש געהאַט דאָס רעכט חתונה צו האָבן! אַזעלכע מענער זענען דאָך די גרעסטע פאַרברעכער, וועלכע מען דאַרף באַשטראָפן, ווי אַלע אַנדערע פאַרברעכער. מען דאַרף זיי פאַרבאָטן חתונה צו האָבן! וואָס האָט געוואָלט פון מיינע יונגע יאָרן אָט דער מערדער...

— עס איז דאָ איין אויסגאַנג, — אַ גט, סקאַנדאַלן, בזיונות! ווער קאָן דאָס אַלץ איבערטראָגן? גייען די טעג און די יאָרן אַזוי. איך בין דען איינע אַזעלכע? און מען לעבט, דערווייל ווערט מען עלטער, און אַזוי גייען אַוועק די יאָרן און יעדער טראָגט זיך אַרום דאָס גאַנצע לעבן מיט זיינע סודות, ביז מען שטאַרבט.

— איך בין נאָך אָבער יונג און וויל לעבן! — האָט זי אויסגעשריען.

זי האָט געפילט אַ מידקייט פון דעם היינטיקן איבערגעלעבטן אָוונט. זי האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול און פאַרפלאָכטן אירע האָר.

— וואָס פאַר אַ שיינער אָוונט איז היינט געווען! אָ, וואָס פאַר אַ אינטערעסאַנטער יונגערמאַן איז לערנער

מיט די ווערטער האָט זי זיך געלאָזט גיין צו זיך אין שלאָפצימער, און איר גאַנצע פרייליכקייט איז פון איר באַלד אַוועק.

ווען זי איז אַריין אין צימער, האָט זי אַ קוק געטון אויף דעם צווייטן בעט, וווּ איר מאַן איז געשלאָפן.

— גלייכער וואָס ער שלאָפט, — האָט זי געזאָגט, אַוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט אין דער זייט, וווּ איר מאַנס בעט איז געשטאַנען, און זיך אַריינגעכאַפּט אין איר בעט אַריין. עטלעכע מאָל האָט זי געביטן איר אָרט אין בעט: דאָ איז זי געלעגן אויף דער רעכטער זייט, דאָ אויף דער לינקער, און דאָ האָט זי זיך גלייך אויסגעצויגן מיטן פנים אַרויף. עטלעכע מאָל האָט זי אַזוי געביטן איר אָרט אין בעט, און ענדלעך טיף אין קישן איינגעגראָבן דעם קאָפּ, און ווי אַ דערהרגעטע, אַנטשלאָפן געוואָרן.

* *
*

יעקב לערנער איז געווינט געווען נישט אַנטשלאָפן צו ווערן אָן אַ בוך אין דער האַנט, ווי שפּעט ער זאָל זיך נישט לייגן.

אויך איצטיקס מאָל, כאָטש עס איז שוין געווען זייער שפּעט און ער האָט פאַרבראַכט אַזאַ אָוונט, האָט ער זיך אויך געלייגט מיט דעם בוך אין דער האַנט. אָבער עס האָט זיך אים נישט געלייענט. ער האָט געקוקט מיט די אויגן איבער די געדרוקטע שורות, נאָר פאַרשידענע געדאַנקען זענען איך געפלויגן אין קאָפּ:

— ווי איינער לעבט ביים צווייטן אין טעות! אידאַ זאָגט, אַז

זי איז מיך מקנא, וואָס איך בין פריי פון סודות! זען אידאַ, ווען סאַלטשע זאָלן וויסן מיינע ליידן, מיין גרויסן סוד! אידאַ קאָן אירע סודות, וואָס רינגלען זי אַרום, דערציילן אַ צווייטן, צו וועלכן זי האָט צוטרוי. זי דאַרף עס נאָר וועלן און באַשליסן און זאָגן: „איך הער די וועלט, ווי דעם נעכטיקן טאָג! איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט און וועל זער גאַנצער וועלט דערציילן אַלע מיינע סודות, זאָל די וועלט וויסן!" און ווען אידאַ וועט דאָס טאָן, וועט איר געוויס ווערן גרינגער צו לעבן אויף דער וועלט. אָט האָט זי דאָך מיר כמעט מער ווי אַ העלפט פון אירע סודות דערציילט און איר איז געוויס פון דעם עפּענען דאָס האַרץ אַ ביסל גרינגער געוואָרן.

— און ווי האָב איך זי מקנא געווען! — האָט לערנער ווייטער געטראַכט. — און ווי האָט זיך מיר אין דער דאָזיקער שיינער שטילער נאַכט, ווען מיר האָבן אין אויטאָמאָביל שפּאַצירט אין די ברייטע אַלייען, זיך אויך געוואָלט פאַר עמעצן עפּענען מיין האַרץ און אָפּן דערציילן וועגן מיין גרויסן, טיף־באַגראָבענעם סוד אין מיין האַרץ! נאָר ווי קאָן איך עס טאָן? ווי איז דאָס מעגלעך? איך האָב דערויף קיין רעכט נישט, און ווען איך זאָל אפילו ביי זיך יאָ באַשליסן דאָס צו טאָן, ווער מען קוקן אויף מיר, ווי אויף אַ משוגענעם? און די ערשטע פון אַלע וואָלט אַזוי געקוקט אויף מיר סאַלטשע. און זי וואָלט רעכט געהאַט. סאַלטשע קאָן זיך אפילו אויף איין רגע נישט פאָרשטעלן, אַז אין אונדזער פריינטשאַפט און איבערגעגעבנקייט האָט זיך אַריינגעגנבעט עפּעס אַנדערש, און איך לייד אַזוי פיל!

לערנער האָט זיך געפילט גענוג שטאַרק, ער זאָל זיין סוד נאָך לאַנג קאָנען טראָגן אין זיך און ליידן אין זיך און געפּייניקט ווערן אין דער שטיל. ער האָט אָבער געוואָלט זען עפּעס אַ שטראַל, עטוואָס האָפענונג.

ווען ער האָט באַשלאָסן מיט איר צו פאָרן, האָט ער געזען אין דער צוקונפט, אַז מיט דער צייט, מיט אַ נאַטירלעכן גאַנג, וועט זיין סוד זיך דערקלערן. ער האָט געוווסט, ווי הויך סאַלטשע שעצט אים, און די צייט און פאַרשידענע אומשטענדן קענען ברענגען גוטע רעזולטאַטן. ער האָט זיך אויך פאָרגעשטעלט, אַז עס קען פאָרקומען, סאַלטשע זאָל זיך ווידער צוזאַמענקומען מיט איר חתן. דאַן האָט ער באַשלאָסן אינגאַנצן אַוועקגיין פון איר, עס מעג אים קאָסטן דאָס לעבן

איצטער האָט לערנער נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טון און אויף וואָס ער זאָל זיך באַשליסן. פון דער מינוט, וואָס זי האָט זיך פון אידען דערוווּסט, אַז איר געוועזענער חתן איז ערגעץ אַוועקגע־פאָרן, חלומט זי נאָר וועגן אים. זי האָט זיך איינגאַנצן איבערגעגאַנ־דערשט. קיין פריילעכע מינוט זעט מען נישט אויף איר פנים.

עס זענען געפלויגן ביי אים אין קאָפּ פאַרשידענע פּלענער: זיך אָננעמען מיט מוט און מיט זיין גרויסער ווונד אין האַרצן זאָל ער זיך אָפּזאָגן פון דער רייזע מיט סאַלטשען און אַרויסרופן קיין באַ־זעל איר פאָטער און אַליין אַוועק פון איר אויף שטענדיק, אויף אייביק צוזאַמען מיט זיין טיפן סוד, אָדער ער זאָל איר אָפן דער־קלערן די אורזאַך, פאַרוואָס ער מוז פאַרשווינדן ווערן פון איר.

ער האָט אָבער די פּלענער באַלד אַרויסגעטריבן פון זיין קאָפּ און זיך געזאָגט:

— אַז מען קאָן נישט שלאָפן, קריכן נאַרישקייטן אין קאָפּ. אין דער פרי, ווען איך וועל זיך אויסשלאָפן, וועלן מיר אויפקומען נייע פּלענער.

זיינע געדאַנקען האָבן אים איבערגעטראָגן צו דעם היינטיקן שפּאַציר מיט אידען און ער האָט אַ שמייכל געטון.

ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז בכלל האָט ער אין זיין לעבן קיין באַזונדערן ערפאָלג ביי פרויען נישט געהאַט, אויסער עט־לעכע צופאַלן, און אין איינעם פון זיי האָט ער זיך איצטער דער־מאָנט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

צווישן זיינע שילערינס איז געוועזן איינע אַ פּופּצן־זעכצן־יע־ריקע מיידל, זייער אַ שייינינקע און אַ לעבעדיקע, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט, אַלס שיין מיידל און אַלס גוטע פעיקע שילערין, וואָס האָט פּינקטלעך און אויסגעצייכנט געמאַכט אירע לעקציעס.

איינמאָל, ווען אַלע שילערינס זענען זיך צעגאַנגען און ער איז געבליבן מיט איר אַליין, האָט זי זיך פּלוצים אים דערקלערט אין ליבע. ער איז שרעקלעך געווען איבערראַשט.

און דאָס מיידעלע האָט אין איין ציטערניש נישט אויפגע־הערט צו רעדן וועגן איר הייסער ליבע.

— איך קאָן אָן אייך נישט לעבן, איך האָב אייך פון לאַנג ליב... נאָר איך האָב עס געטראָגן אין זיך און געליטן, און ווען אין הער איצט פון אייך איין גוט וואָרט, וועל איך זאָגן מיינע עלטערן

און בײַ אונדז װעט אײַנגיכן זײַן די חתונה.

לערנער האָט פֿון אומדערװאַרטונג געשװיגן, זײַן שילערין האָט געציטערט. לערנער, טראַכטנדיק װי אַזױ צו מאַכן מיט אײן־מאָל אַ סוף דערפֿון, האָט געהײסן דאָס מײדעלע צוזאַמענעמען אַלע אירע נאָטן, און װען זי האָט עס געטון, האָט ער שטרענג איר געזאָגט:

— איצט, מײַן טײַער מײדעלע, פֿאַרנעם דײַנע נאָטן, גײ אַהײם און מער זאָלסטו נישט קומען צו מיר שפּילן.

און דערבײַ האָט ער זי באַגלײט מיט אַ פּאָר אַזעלכע שטרענגע װערטער, אַז זײַן שילערין האָט קױם געפֿונען די טיר, װי צו עפֿענען.

פֿון יענער צײַט האָט ער זי מער נישט געזען און אין איר אײנגאַנצן פֿאַרגעסן. איצטער האָט ער זיך מיט אַ שמײכל אין איר דערמאָנט, און דערבײַ זיך געזאָגט:

— װען אידאַ זאָל אַלט זײַן פֿופֿצן־זעכצן יאָר, װאָלט איך מיט איר אױך אַזױ געטון, װי מיט מײַן שילערין. אָבער אידאַ האָט שױן אַ מאַן און איז פֿאַר זיך גענוג פֿאַראַנטװאָרטלעך. אין איר רײַכטום, װאָס רינגלט זי אַרום, װײַזט אױס, איז זי גענוג אומגליקלעך! װי אַזױ אײגענע עלטערן באַגראָבן זײערע אײגענע קינדער! װער װײסט, װאָס נאָך פֿאַר אַ סודות עס רינגלען אַרום דאָס דאָזיקע רײַכע הױז? אַלץ איז שװער צו טרעפֿן, אַ רחמנות אױף אידען, זי איז נאָך אַזױ יונג!

עס האָט שױן אָנגעהײבן צו טאָגן, װען לערנער איז אײַנגע־שלאָפֿן.

* *
*

אױף מאָרגן, צװעלף אַ זײגער, האָט סאַלטשע פֿון גאַרדיס װױ־נונג טעלעפֿאָנירט צו לערנערן אין האָטעל. מען האָט איר אָבער גע־ענטפֿערט, אַז ער שלאָפֿט נאָך, און ערשט אַרום פֿיר אַ זײגער בײַ־טאָג האָט זיך ענדלעך דערהערט זײַן פֿאַרשלאָפֿן קול בײַם טעלעפֿאָן:

— װאָס איז געשען, סאַלטשע? — האָט ער געפֿרעגט.

— גאָרנישט איז געשען! קומט און נעמט מיך אָפּ פֿון דאַנען. פֿרױ גאַרדי לאָזט מיך נישט פֿאָרן אין האָטעל. זי זאָגט, אַז איך זאָל װױנען דאָ און איבערפֿירן מײַנע פּעקלעך צו איר אין הױז.

— זייער גלייך טוען זיי. אין אַ שעה אַרום וועל איך זיין בײַ אײַך.

— פאַרוואָס נישט באַלד? איר האָט זיך נאָך נישט אויסגעשלאָפֿן?

— אַ ביסל געכאַפּט אַ דרעמל. באַלד וועל איך קומען.

אין טעלעפאָן הערט זיך סאַלטשעס געלעכטער.

ערשט פאַרנאַכט איז לערנער געקומען צו גאַרדין אין הויז. און ווי ער איז נאָר אַריינגעקומען, האָט ער געמוזט אויסהערן טענות פון צוויי פרויען.

די פרוי גאַרדי האָט געטענהט:

— וואָס האָט אַ פריילן צו זיצן אַליין אין האָטעל, אַז זי קאָן וווינען בײַ מיר?

און סאַלטשע האָט געטענהט:

— וואָס האָב איך צו שטערן אַ פאַמיליע? איך האָב זיך דאָ גוט אויסגערוט. פאַרוואָס איך בין פרוי גאַרדי זייער דאַנקבאַר, און איצטער וויל איך פאָרן אין האָטעל, לאָזט מען מיך נישט. די פרוי גאַרדי מיט איר מאַן האָבן מיר מודיע געווען, אַז איך בין בײַ זיי אַרעסטירט... באַפרייט מיך, ה׳ לערנער!

גאַרדי איז געשטאַנען בײַ דער זייט און געלאַכט.

— שאַט, קריגט זיך נישט! — האָט לערנער די פרויען באַרויקט. — איר ווייסט, סאַלטשע, איך האָב באַשלאָסן, אין אַ פּאָר טעג אַרום זאָלן מיר פאָרן קיין בערלין, נאַטירלעך, אויב איר ווילט פאָרן?

— אויב איך וויל, פרעגט איר? קוין בערלין! קיין בערלין! — האָט זי מיט שמחה אויסגעשריגן און אונטערגעטאַנצט. — אַך! וואָס פאַר אַ גוטער איר זענט, ה׳ לערנער! אויב איר ווילט, קאָן איך זיך מיט אײַך צעקושן דערפאַר!

לערנערס פנים האָט זיך איבערגעביטן. ער האָט עפּעס געשטאַמלט און מיט א פאַרקרימט שמייכעלע האָט ער געענטפערט:

— דאָס גראַדע וויל איך נישט.

בײַ אַלע האָט זיין ענטפער אַרויסגערופן אַ גרויס געלעכטער.

— וואָס? — איז סאַלטשע אויפגעשפרונגען. — איר ווילט זיך מיט מיר נישט קושן?

זי האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן. דערנאָך איז זי אונטער־

געשפּרונגען, האָט אים אַרומגענומען און האַרציק אַ קוש געגעבן.

גאַרדי און זיין פרוי האָבן אָנגעקוואָלן, צוזעענדיק די סצענע צווישן דער שילערין מיט איר לערער.

סאַלטשע האָט זיך דערנאָך געווענדט צו פרוי גאַרדי מיט איר מאַן:

— ביי איך קומט עס אפשר אויס משונהדיק... גלויבט מיר, ה׳ לערנער פאַרדינט עס ביי מיר. אָ, איר ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַ גוטער, וואָס פאַר אַ וווילער ער איז!

— מיר צווייפלען נישט אין זיין גוטסקייט און וווילקייט, אָבער קושן פון אַזא שיין מיידל! — האָט גאַרדי באַמערקט.

— אוי, דו אַלטער בעל־עבירהניק, — האָט די פרוי גאַרדי זיך געווענדט צו איר מאַן. — דו פאַרגינסט אים נישט? מען דאַרף אַזעל־כע קושן פריער פאַרדינען.

— איך בין גרייט צו דינען, וויפל מען וויל נאָר.

אַלע האָבן ווידער האַרציק געלאַכט. נאָר ביי לערנערן האָט זיך שווער אויסגעלייגט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

ביי סאַלטשען איז דער טאָג געווען דער גליקלעכסטער, זייט זי איז אַוועקגעפאָרן פון דערהיים. זי האָט דערגרייכט דאָס גרעסטע גליק, פון וועלכן זי האָט שטענדיק געטראַכט. איצט דאַרף זי וועגן דעם נישט בעטן לערנערן, נאָר ער אַליין איז געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס איז דער איינציקער ריכטיקער וועג. פון גרויס שמחה האָט זי גאָרנישט געוווסט, וואָס צו טון מיט אים. זי האָט זיך פראָסט געהאָנגען אויף אים.

— איר זענט אַ טייערער, אַ וווילער, אַ גאָלד, אַ בריליאַנט! — האָט זי געשריגן פאַר אַלע.

ביי די ווערטער איז אָנגעקומען אידאַ אַ פריילעכע, אַ לעבע־דיקע און זייער אויסגעפּוצט.

— ווער איז דאָס אַ גאָלד, אַ בריליאַנט? — האָט זי, לאַכנדיק, געפרעגט.

— ער! — האָט זי אָנגעוויזן אויף לערנערן.

— איך האָב דאָס באַלד געזאָגט אויף ה׳ לערנערן, ווען דו האָסט מיך באַקענט מיט אים. נאָר וואָס איז מיט דיר אַזוי די שמחה? איך דערקען דיך נישט.

— איך פאָר קיין בערלין, אידאַ, דו הערסט? קיין בערלין פאָר איך!

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס וועסטו טון אין בערלין?

— צו מיין חתן פאָר איך! דו פאַרשטייסט, צו מיין חתן!

אידאַ האָט אַ קוק געטון אויף איר, ווי אויף איינעם, וואָס איז פּלוצים משוגע געוואָרן.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, צו וואָס פאָרסטו? דער דאָקטאָר שטיינמאַן איז נישטאָ אין בערלין, ער איז דאָך אַוועקגעפאָרן.

— וועל איך דאָרט וואַרטן ביז ער וועט קומען... איך וועל דאָרטן זיך דערפרעגן, וווהין ער איז געפאָרן, וועל איך אים נאָכ-פאָרן.

אידאַ האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף איר מיט דער גרעסטער פאַרוווּנדערונג און געשוויגן. נאָר ווען גאַרדי מיט לערנערן האָבן זיך פאַררעדט און גאַרדי איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען און זיי זענען גע-בליבן אַליין, האָט זי געפרעגט סאַלטשען:

— דו ביזט משוגע געוואָרן, סאַלטשע? וואָס הייסט, דו וועסט אים נאָכפאָרן, ווען ער אַנטלויפט פון דיר און שרייבט דיר אפילו נישט קיין בריוו? ווי אַזוי ביזטו ביי זיך געפאַלן און שעמסט זיך נישט? ביזט דאָך א שיין יונג מיידל, אַ פרייער מענטש. איך קאָן דיך נישט פאַרשטיין. דערקלער מיר, וואָס איז מיט דיר אַזוינס?

— איך האָב אים ליב! אָט דאָס איז מיין דערקלערונג.

— ווען אָבער ער האָט דיך נישט ליב און ער האָט אפשר געפונען אַן אַנדערע? ווי אַזוי-זשע קאָן אַ מיידל זיך אַזוי אויפפירן? איך פאַרשטיי נישט!

— דו וועסט מיך נישט פאַרשטיין, ווייל דו האָסט קיינמאָל נישט אַזוי ליב געהאַט, ווי איך.

אידאַ האָט געזען, אַז עס איז אומזיסט אירע רייד און זי איז איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער שמועס.

— דו פאָרסט אַליין?

— ווי פאַלט דיר איין! איך פאָר מיט לערנערן. ער איז מיין באַגלייטער דעם גאַנצן וועג. איך האָב אַזוי צוגעזאָגט מיינע עלטערן, אַז אָן אים וועל איך קיין שריט נישט מאַכן און דערפאַר טאַקע פיל איך זיך איצטער אַזוי גליקלעך, וואָס ער אַליין איז געקומען צום באַשלוס, אַז מיר מוזן פאָרן קיין בערלין.

אידאַ האָט אויסגעהערט און געשוויגן.

דער עולם איז זיך ווייטער צוזאַמענגעקומען, און סאַלטשע האָט אויסגעשריגן:

— איך פיל זיך היינט אַזוי גליקלעך, אַז איך וויל היינטיקן אָוונט צוזאַמען מיט אייך פאַרברענגען. איך לאַד אייך אַלע איין ער־געץ אין אַ טעאַטער!

לערנערן האָט שוין באַנג געטון, וואָס ער האָט איר פאָרגע־לייגט צו פאָרן קיין בערלין. ער האָט נישט דערוואַרט, זי זאָל זיך אַזוי פרייען מיט דער רייזע. אים איז שווער געווען איבערצעטראָגן איר גרויסע פרייד, נאָר ער האָט זיך געטרייסט:

— אפשר איז דאָס דער לעצטער ביטערער טראָפן, וואָס איך מוז אויסטרינקען? אפשר וועט אין בערלין נעמען אַ סוף צו מיינעליידן? גלייכער אַזוי, בעסער אַזוי! — האָט ער זיך געטרייסט. — מען דאַרף עס נאָר קאָנען איבערטראָגן!

סאַלטשע איז צוגעגאַנגען צו לערנערן און געפרעגט:

— ווען זשע, רעכנט איר, וועלן מיר פאָרן?

— איך רעכן אין אַ פּאָר טעג אַרום. איר דאַרפט זיך דאָך אויסרוען פון וועג.

— איר ווילט זאָגן, אַז איר דאַרפט זיך גוט אויסשלאָפן פון וועג? — האָט סאַלטשע צוגעגעבן און זיך צעלאַכט.

— זאָל זיין אַזוי! און ווידער, — האָט לערנער געזאָגט, — דאַרף איך נאָך איבעררעדן מיט גאַרדין וועגן אייער מוזיקאַלישער קאַריערע. איר וועט דאָך אייביק נישט פאָרן זוכן אייער חתן! איר מוזט דאָך זיך אויף עפּעס באַשליסן.

— נאָך בערלין וועלן מיר אַלץ באַשליסן. באַזעל וועט נישט אַנטלויפן, און ווען מען וועט דאַרפן, וועלן מיר צוריקקומען צו גאַרדין.

פּלוצים איז פון סאַלטשען פאַרשוווּנדן געוואָרן איר גאַנצע פריילעכקייט. זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט, אַרויסגעפירט אין גאָרטן און געפרעגט:

— זאָגט מיר, ה' לערנער, ווי שטעלט איר זיך פאָר, איך וויל זאָגן, ווי דענקט איר, ווי איז אייער מיינונג, קאָן איך נאָך האָפן, אַז איך זאָל זיך, ווי עס איז אַמאָל קאָנעז צוריק צוזאַמענקו־מען מיט מיין חתן?

לערנער האָט געשוויגן און זיך פאַרטראַכט אַ ביסל.

— וואָס־זשע שווייגט איר? איר האָט מיר נישט וואָס צו זאָגן?

— אַז איר ווילט, האָב איר גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

— ניין, איך וויל, אַז איר זאָלט מיר ענטפערן אויף מיין פראַגע, מעג זיין אפילו, אַז קיין זיכערס האָט איר מיר נישט וואָס צו זאָגן. איך פאַרשטיי אייך זייער גוט. נאָר דאָך וויל איך וויסן ווי איר דענקט.

— איך דענק גאָרנישט.

— איך וועל אייך נישט אָפּלאָזן. איר מוזט מיר ענטפערן אויף פראַגע.

לערנער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטון אויף איר, ווי גלייך ער זעט זי דאָס ערשטע מאָל און מיט אונטערגעשטריכענע געצויגענע ווערטער געענטפערט:

— אויב איר פאַרלאַנגט עס אַזוי שטאַרק פון מיר, מוז איך אייך זאָגן דער גאַנצן אמת. מיר דאַכט זיך, אַז איר וועט דעם דאָקטאָר שטיינמאַן שוין נישט זען, ווי איר זעט נישט אייערע אויערן. איך ווייס, אַז ער איז נישט קיין יינגעלע. איך פאַרשטיי, אַז ער איז אַן ערנסטער מענטש, און ווען עס האָט זיך געקאָנט געפינען אַזאַ אורזאַך, וואָס האָט אים געשטערט צו קומען צו דער חופּה און איבעררייסן מיט אייך אַלע באַציונגען, איז די אורזאַך אַ צו ערנסטע. אַן אַנדערע אויף אייער אָרט, — איך וויל נישט זאָגן אַ קליגערע, ווייל איר האָט גענוג פאַרשטאַנד, — וואָלט שוין לאַנג וועגן דעם נישט געדענקט. נאָר דער אומגליק איז, וואָס איר, זענט אַ צעפּיעשטשעטע, אַ קאַפּריזנע מיידל פון רייכע עלטערן, וואָס קאָן אַלץ אויספירן און זיך דערלויבן, דערצו פעלט אייך קיין פאַנטאַזיע אויך נישט, חלומען זיך אייך שיינע חלומות...

לערנער האָט אָפּגעאָטעמט און ווייטער גערעדט:

— איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז מיר איז נישט אַזוי אַנגענעם צו פאָרן מיט אייך קיין בערלין, נאָר איך טו עס אַלס אַ מיטל, אַלס אַ רפואה צו אייער קראַנק האַרץ, ווייל איך בין כמעט ווי זיכער, אַז דאָרטן אויפן אָרט, אין בערלין, מיין איך, וועט איר זיך אַליין איבערצייגן, אַז אייער געוועזענער חתן איז פאַר אייך אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן.

— איך געדענק גוט אייערע ווערטער, — האָט לערנער

צוגעגעבן, — אַז איר האָט געזאָגט: „און אפילו ווען ער איז געשטאָרבן, איז וואָס? אפילו דאַן וועל איך אין אים נישט פאַרגעסן, ער וועט ביי מיר אייביק לעבן". דאָס איז גערעדט געוואָרן, ווען אַ מענטש שטאַרבט אָפּ פאַר אַלעמען. ער איז אָבער אָפּגעשטאָרבן פאַר אייך אַליין, פאַר אַנדערע לעבט ער! מיר טוט זייער באַנג, וואָס איך האָב אייך נישט געפאָלגט פון אָנהייב אָן און פון וואַרשע גלייך נישט געפאָרן קיין בערלין, ווי איר האָט עס אַזוי שטאַרק געוואָלט... נאָר פאַרפאַלן! מיר וועלן עס קאָנען גוט פאַרריכטן... דערווייל איז אונדזער צייט נישט אַוועק אומזיסט. וואָס איז ווערט, אַז דער באַרימטער גאַרדי האָט אייך געהערט שפּילן און האָט אייך אַנערקענט? דאָס איז געווען ביי מיר אַ הויפּט־פּונקט אין דעם פּראָגראַם פון אונדזער רייזע, און דאָס האָבן מיר דערגרייכט.

נאָך לערנערס רייד האָט זיך סאַלטשע אָנגעהייבן פילן ווי אַ ביסל אויסגעניכטערט און זיך אָנגערופן:

- איר זענט גערעכט, ה' לערנער, מיין האַרץ איז קראַנק, בערלין וועט זיין מיין רפואה. איך בין גליקלעך, וואָס איר פאָרט מיט מיר! ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט געווען מיט מיר אָן אייך!!

און אָן ווערטער האָט זי אים געדריקט ביידע הענט פון גרויס דאַנקבאַרקייט, וואָס ער פאַרלאָזט זי נישט און היט זי, ווי אַן אייגן קינד.

סאַלטשע איז ווידער אַ ביסל פרייליכער געוואָרן.

* *

דער עולם האָט זיך אָנגעהייבן קלויבן אין טעאַטער, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ גאָרטן מיט אַן אָפענער סצענע, ווו מען האָט געשפילט לייכטע וואָדעווילן, ווי געוועגלעך, אין די זומער־טעאַטערן.

אויך היינטיקן אָוונט האָט מען געשפּילט אַ וואָדעוויל. אין גאָרטן, אונטערן הימל, האָבן זיך געפונען הונדערטער טישלעך, ווו די געסט זענען געזעסן און פיל האָבן געגעסן אָוונט־ברויט.

גאַרדי מיט דעם עולם האָבן אויך פאַרנומען אַ טישל.

דער וואָדעוויל, וואָס מען האָט איצט געשפּילט, האָט געהאַט אַזאַ אינהאַלט, וואָס מען האָט אים געקאָנט הערן מיט איין אויער אָדער גאָרנישט הערן. עס איז נאָר געווען אָנגענעם צו זיצן אין אַ

שיינעם גאָרטן, אונטערן הימל, מיט פרישער לופט און מען האָט גע־געסן אָוונט־ברויט.

אַרדי האָט זיך שטאַרק פאַררעדט מיט סאַלטשען וועגן איר צוקונפטיקער מוזיקאַלישער קאַריערע. איר אָנגעוויזן אַ גאַנצן פּראָג־ראַם, וואָס זי דאַרף נאָך דורכגיין, ביז זי זאָל איז דער מוזיק דער־גרייכן אַ הויכע שטופע.

אידאַ האָט זיך פאַרשמועסט מיט לערנערן, נאָר די פרוי גאַר־די האָט זיך שטאַרק פאַרקוקט אויף דער סצענע און מיט גרויס הנאה געהערט דעם וואָדעוויל, נישט דורכגעלאָזט קיין איינציק וואָרט.

— און איר פאָרט טאַקע אַוועק? — האָט אידאַ געפרעגט לער־נערן

— יאָ, איך מוז פאָרן.

— אויף לאַנג

— וואָס קאָן איך וויסן!

— ווייסט איר כאָטש, פילט איר, ווי איך וואָלט געוואָלט איר זאָלט דאָ אויף אַ לענגערער צייט בלייבן אין באַזעל?

— מיר וועלן זיך נאָך זען,—האָט ער איר געזאָגט, אום זי צו באַרויקן.

— אויף וויפל צייט בלייבט איר נאָך אין באַזעל?

— דאָס איז נישט געווענדט אין מיר. ווען סאַלטשע וועט וועלן, וועל איך פאָרן. איך רעכן, אַז עס וועט נאָך געדויערן אַ פּאָר טעג.

לערנער האָט אַ טראַכט געטון און ווידער געזאָגט:

— אפשר וועט איר איינפאַלן מאָרגן, וועל איך מוזן אַוועק־פאָרן אָן אַ זיי־געזונט און איר וועט מיר מוזן מוחל זיין.

— אָט אַזוי, הייסט עס, קאָן זיך מאַכן, איר זאָלט אַוועקפאָרן?

— עס קאָן זיין.

— און אַ בריוול וועט איר מיר שרייבן?

— יאָ, אויב איך וועל קיין צייט נישט האָבן מיט אייך זיך צו געזעגענען, וועל איך אייך שרייבן.

— ווי קאַלט איר זענט צו מיר, אַזש אַ ציטער כאַפּט מיר אָן פון אייער קעלט...

לערנער האָט דערויף געענטפערט מיט אַ שמייכל אידאַ האָט אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן און איז טרויעריק געוואָרן.

פלוציִם האָט זי זיך אָנגערופן:

— ווען איך זאָל אייך שטאַרק בעטן, וואָלט איר געגלייבן?

— ווי איז דאָס מעגלעך? איר האָט דאָך געהערט ווי סאָל־טשע האָט אייך געזאָגט, אַז זי האָט צוגעזאָגט אירע עלטערן, אַז אָן מיר זאָל זי קיין טריט נישט מאַכן. דאָסזעלבע האָבן מיך געבעטן אירע עלטערן. זי איז דאָך אַזוי אומגליקלעך, ווי קען איך זי אי־בערלאָזן אַליין?

אידאַ האָט זיך ווידער פאַרטראַכט און פּלוציִם אַנטשלאָסן גע־פרעגט:

— זאָגט מיר, ה׳ לערנער, איך וועל אייך עפּעס פרעגן... איר וועט מיר זאָגן דעם אמת?

— וואָס קען איך אייך ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע? איך מוז פריער וויסן, וואָס איר ווילט מיך פרעגן. איר האָט מיר דאָך נעכטן אַליין געזאָגט, אַז איר זענט אַרומגערינגלט מיט סודות... קען איך דען פאַרלאַנגען, איר זאָלט מיר דערציילן אַלע אייערע סודות?

— איך האָב אייך דען נישט דערציילט?

— יאָ, עפּעס האָט איר מיר דערציילט. פון אייערע ווערטער שטויס איך זיך אַ ביסל אָן, נאָר דאָס געדיכטסטע פון אייערע סודות האָט איר באַהאַלטן פאַר זיך און זייער גלייך טוט איר, דאָס איז יעדן מענטשנס רעכט...

— דאָך וועל איך אייך פרעגן, און אויב עס וועט מעגלעך זיין, בעט איך אייך, איר זאָלט מיר ענטפערן..

— פרעגט.

— איר האָט ליב סאָלטשען? — האָט אידאַ מיטאַמאָל אומדער־וואַרט אויסגעשאָסן.

אירע ווערטער האָבן, ווי הייסע קוילן, געטראָפן אים גלייך אין האַרצן, דאָך האָט ער זיך אָנגענומען מיט אַלע קרעפטן און נישט געענטפערט גלייך אויף דער פראַגע.

— ווי פאַלט אייך גאָר איין אַזאַ זאַך צו פרעגן?

— פראָסט דערפאַר, ווייל זי איז זייער אַ שיין און בעראָטן מיידל און איר זענט נאָך אַ יונגערמאַן. מיין מיינונג איז, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ יונגערמאַן, וואָס זאָל זיין גלייכגילטיק צו אַזאַ מיידל, ווי סאָלטשע איז. באַמערקט איר דען נישט, אַז ווען מען איז מיט איר אין געזעלשאַפט, עסן זי אויף די יונגעלייט מיט די אויגן. קוקט

איך צו אפילו דאָ אין גאָרטן, אַלע מענער כאַפּן אַ קוק אין דער זייט פון אונדזער טיש, ווו מיר זיצן. פאַרשטייט זיך, אַז מען מיינט נישט מיך און נישט פרוי גאַרדי, נאָר סאַלטשען. איר זענט שטענדיק מיט סאַלטשען אַזוי נאָענט, ווי קאָן איך אַנדערש טראַכטן? דער־צו זענט איר אַזוי איבערגעגעבן סאַלטשען... קיין מלאכים אויף דער וועלט גייען נישט אַרום!

אידאַ האָט געוואַרט, ער זאָל עפּעס זאָגן אויף אירע ווער־טער, נאָר ער האָט געשוויגן און געכאַפּט אַ קוק אויף דער סצענע, פון וואַנען עס האָט זיך דערהערט אַ רעוואָלווער־שאָס. אַ געליבטער האָט זיך דערשאָסן אין די אויגן פון זיין געליבטע.

פרוי גאַרדי, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף דעם שפּילן, האָט עפּעס אויסגעשריגן פון שרעק און דער עולם ביים טיש האָט זיך צעלאַכט.

דאָס שפּילן אויף דער סצענע איז ווייטער געגאַנגען און דער עולם האָט ווייטער געפירט דעם שמועס: גאַרדי מיט סאַלטשען און אידאַ מיט לערנערן.

— קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט אייך, אַזוי ווי קיינער דאָ אין גאָרטן אינטערעסירט זיך נישט מיט דעם אומגליקלעכן העלד, וואָס האָט זיך נאָר וואָס דערשאָסן אויף דער סצענע, אויסער פרוי גאַרדי, וועלכע האָט רחמנות אויפן אָרעמען העלד. איך אינטע־רעסיר זיך אויך מיט אייך, ווייל איך וויסן, נאָר איך ווייס, אַז איר וועט מיר נישט זאָגן. דאָס איז אייער זאַך, ווי איר זאָגט. דאָס איז יעדן מענטשנס רעכט צו באַהאַלטן זיינע סודות טיף באַגראָבן ביי זיך אין האַרצן, אָבער פאַר מיר איז קלאָר, אַז איר ליידט און איר זענט אומגליקלעך.

לערנער האָט געפילט, אַז כאָטש ער שווייגט, לייענט זי פון אים אָפן, ווי פון אַ בוך.

זיי האָבן ביידע געשוויגן. די ערשטע האָט זיך אָנגערופן אידאַ:

— איך וועל אייך, ה׳ לערנער, מער נישט פרעגן און פאַרלאַנג מער נישט פון אייך, איר זאָלט מיר ענטפערן. נאָר נאָך איין בקשה האָב איך צו אייך און אפשר איז זי די לעצטע... ווו איר זאָלט נישט זיין און וואָס עס זאָל זיך מיט אייך נישט טרעפן, עס מעג זיין וואָס עס איז, קיין צייט באַשטים איך נישט, נאָר ווען אַלע וועלן

אייך אַמאָל פאַרלאָזן און איר וועט בלייבן אַליין, עלנט, אַנטטוישט און אומגליקלעך, קומט דאַן צו מיר... איך וועל אייך פאַרהיילן אַלע אייערע ווונדן. דאָס זענען מיינע לעצטע ווערטער ביים געזעגענען זיך. פאָרט געזונט, זייט גליקלעך. מער וועלן מיר זיך נישט זען, סיידן איר וועט קומען צו מיר... נאָר פאַרשרייבט אייך טיף אין אייער האַרצן מיינע לעצטע ווערטער, מיין בקשה צו אייך!

— איצט לאָמיר קוקן אַ ביסל אויף דער סצענע, — האָט אידאַ געזאָגט, ווען זי האָט פון פריערדיקן שמועס אַ ביסל אָפּגעאָטעמט.

לערנער איז געווען גערירט פון אירע ווערטער און דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך ערנסט פאַרטראַכט איבער זיין לאַגע און אויך דאָס ערשטע מאָל אָנגעהייבן צו פאַרשטיין, אין וואָס פאַר אַ טיפן אָפּגרונט ער איז אַריינגעפאַלן. זיין ליבע צו סאָלטשען איז גרויס און אומענדלעך, און סאָלטשע איז אַזוי ווייט פון אים ווי פון הימל צו דער ערד און דאָך קאָן ער זיך פון איר נישט אָפּשיידן.

ער האָט געפילט, אַז ער קאָן אָן איר אַ מינוט נישט לעבן און אַז ער מוז זיין נאָענט צו איר. ער האָט איצט מער ווי אַלע מאָל געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף בערלין. ער איז זיכער געווען, אַז דאָרט וועט זיך סאָלטשע ענדלעך איבערצייגן, אַז זי מוז אינגאַנצן אַרויסוואַרפן פון איר זכרון איר געוועזענעם חתן, און דאַן וועט פאַר אים אַלץ קלאָר ווערן.

דער גאַנצער עולם האָט געקוקט אויף דער סצענע, ווו די אַקטיאָרן האָבן געשפּילט. דער לעצטער אַקט האָט אַלעמען זייער פאַראינטערעסירט. עס האָט אויסגעזען, אַז לערנער קוקט אויף דער סצענע, נאָר ער האָט מיט אָפענע אויגן און אויערן גאָרנישט געזען און נישט געהערט.

נאָך דעם לעצטן אַקט האָט דער עולם פאַרענדיקט דעם אָוונטברויט. מען האָט געטרונקען וויין און שוואַרצע קאַווע מיט קאָניאַק. פלוצלונג איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן וואַלערי קאָרפּינסקי, לעבעדיק, פריילעך און שטאַרק אויפגעלייגט.

— אַך, ווי גוט, וואָס איר זענט דאָ?

— וואָס פאַר אַ גוטסקייט? — האָבן אייניקע געענטפערט

— גאָרנישט, עס איז זייער אַנגענעם צו פאַרברענגען אין אַ קאָמפּאַניע אונטער אַזאַ ליוטערן הימל און צווישן אַזוי פיל גרינס.

קיינער האָט אים נישט געבעטן זיך צו זעצן צום טיש, נאָר

ער איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפּאַלן און איז ווייטער געבליבן שטיין.

— צו אייך האָב איך אַ גרוס! — האָט ער זיך פּלוצלונג גע־ווענדט צו סאָלטשען.

סאָלטשע האָט זיך פאַרוואונדערט אומגעקערט צו אים. נאָר זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, וועגן וואָס פאַר אַ גרוס ער רעדט און איז אָן ווערטער געבליבן זיצן אין איר פריערדיקער פּאָזע.

נאָר קאַרפּינסקי האָט ווייטער גערעדט צו איר:

— איך מיין נישט דירעקט אַ גרוס צו אייך, נאָר איך האָב באַקומען היינט אַ בריוו, ווו מען רעדט וועגן אייך.

סאָלטשע האָט גוט פאַרשטאַנען, ווער עס רעדט אין בריוו וועגן איר און זי האָט נישט געפונען פאַר נויטיק צו ענטפערן דערויף.

— לערנער האָט אויך זייער גוט געוווּסט וועגן וואָס דאָ רעדט זיך. ער האָט געוווּסט, ווי קאַרפּינסקיס צוגיין צו זייער טיש מיט אַזעלכע בשורות איז איר נישט אָנגענעם און בכלל האָט לערנער איינגעזען אין קאַרפּינסקיס אויפפירן זיך צופיל חוצפה און, ווי זיין שטייגער איז, האָט לערנער אין אַזעלכע זאַכן לאַנג נישט געטראַכט און געזאָגט קאַרפּינסקין:

— איר וועט אונדז אַלעמען אַנטשולדיקן, ה׳ קאַרפּינסקי, מיר אַלע זענען איצט דאָ באַשעפטיקט וועגן פּריוואַטע ענינים.

די ווערטער האָט לערנער געזאָגט ווי מעגלעך ווייך, נאָר מיט אַזאַ פעסטן טאָן, אַז קאַרפּינסקי האָט קוים געקונען וואָס צו ענטפערן און איז פאַרשעמט אַוועקגעגאַנגען און פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ צווישן די ביימער.

* *
*

אין קאַרפּינסקין האָט זיך אָנגעצונדן די רציחה. ער האָט פאַר זיך גאָרנישט געזען און געבלאָנדזשעט צווישן די ביימער און נישט געקאָנט טרעפן צום טישל, ווו עס איז געזעסן זיין קאָמפּאַניע יונ־גע פּאָליאַקן.

ער האָט געפּאָכעט מיט איין האַנט אין דער זייט פון טיש, ביי וועלכן עס זענען געזעסן לערנער און די איבעריקע.

— וואַרט נאָר גויס, מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען!

און דערביי אויף לערנערס אדרעס זיך אָנגערופן מיט זידל־ווערטער, ווי נאָר אַ פּאָליאַק קאָן זידלען אַ ייד.

— מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען! — האָט ער נישט אויפגע־הערט מיט די הענט צו סטראַשען אין דער לופטן.

ווען קאַרפּינסקי איז ענדלעך צוגעקומען צום טיש, האָט ער זיך אָפּגעווישט די ליפּן, ווי גלייך עס איז מיט אים גאָרנישט גע־שען, קיין איינציק וואָרט נישט דערציילט ווי אַזוי מען האָט אים באַגעגנט און האָט זיך געווענדט צו סטאַשן, וועלכער איז היינט גע־קומען צו פאָרן און איז נאָך געגאַנגען אין זיין וועג־מאַנטל.

— שטעל זיך פאר, אַז איך האָב קיין טעות נישט געהאַט: דיין סאַלטשע איז טאַקע דאָ! זי זיצט דאָרט אין קאָמפּאַניע מיט דעם באַ־רימטן מוזיקער גאַרדי און, פאַרשטייט זיך, מיט איר שטענדיקן באַ־גלייטער.

— דער מוזיק־לערער! — האָט סטאַש אונטערגעכאַפּט.

— יאָ, דאָס איז ער! אוי, האָב איך אים פיינט, אַזאַ פּרצוף!

סטאַש איז בלאַס געוואָרן, הערנדיק פון קאַרפּינסקין, אַז ער האָט נאָר וואָס געזען סאַלטשען און מיט איר גערעדט, ווי קאַרפּינ־סקי האָט דערציילט.

— ער איז פאַרליבט! — האָבן זיינע חברים פון אים געלאַכט.

— סטאַש איז אַ נאַר, — האָט קאַרפּינסקי צוגעגעבן.

— יעדער פאַרליבטער איז אַ נאַר! — האָט זיך די יונגע קאָמפּאַניע ווידער צעלאַכט.

— הערט אויף! — האָט סטאַש זיך אָנגערופן, נישט ווילנדיק מיט זיי, מיט פרעמדע, רעדן וועגן סאַלטשען.

זיינע אַלע סודות האָט ער געהאַט מיט זיין פריינט פון די קינדער־יאָרן, וואַלערי קאַרפּינסקי, מיט וועלכן ער האָט באַשלאָסן צו רעדן, ווען מען וועט זיך אָפּטיילן פון דער קאָמפּאַניע און ער וועט בלייבן מיט וואַלערין אַליין.

דער עולם איז איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער שמועס. אַלע האָבן אָנגעהייבן פאַרוואַרפן דעם נייעם גאַסט מיט פראַגן: וואָס הערט זיך עפּעס אין זייער היים?

— וואָס טוט זיך עפּעס אין אונדזער פּוילן? מען צופּט נאָך יידישע בערד? — האָט איינער געפרעגט.

— און איר שעמט זיך נישט צו פרעגן וועגן אַזעלכע זאַכן.

מיט וועלכע מיר וואָלטן זיך באַדאַרפט שעמען? — האָט סטאַש גע־ענטפערט. — און דערויף זענט איר נאָך געפאָרן שטודירן אין אויס־לאַנד, אַ בזיון!

— ער רעדט אַזוי, — האָט קאַרפּינסקי אים פאַרענטפערט, — ווייל ער איז פאַרליבט איבער די אויערן אין אַ שיינער יידישקע.

אַלע האָבן קלינגענדיק זיך צעלאַכט.

— און איך זאָג, — האָט קאַרפּינסקי אָנגעהייבן ערנסט צו רעדן, — אַז ווייניק צופּט מען ביי אונדז יידישע בערד. די געגאָלטע „זשידעס" זענען נאָך ערגער ווי די בערדיקע. וואָס דאַרף מען מער? אָט אַזאַ געגאָלטער זשיד ווי דער מוזיק־לערער, איז ער דען לייטי־שער ווי אַ בערדיקער ייד?

— דו קאָנסט אים דען? וואָס דו רעדסט אַזוי וועגן אים? — האָט סטאַש געפרעגט.

— אין די פּאָר מאָל, וואָס איך האָב אים באַגעגנט, האָב איך אים גוט דערקאָנט. אַזוי פיל חוצפּה מיט אַזוי פיל שטאָלץ האָב איך זעלטן אין אַ מענטש געזען. נאָר ביי אַ געגאָלטן יידן קאָן מען עס זען...

סטאַש האָט זיך צעלאַכט.

— איך וויל טרעפן, וואַלערי, אַז דו האָסט געוויס צופיל גע־וואָלט רעדן מיט סאַלטשען און האָסט זיך באַגעגנט מיט איר גע־טרייען באַגלייטער, דעריבער ביזטו אַזוי אין כעס אויף אים. זאָג דעם אמת, ד׳יר געפעלן נישט זיינע געזונטע הענט? יופּיטער, ביזט אין בעס... ווייסטו מסתמא, פאַרוואָס!

— וואָס האָב איך מורא פאַר אים! — און מיט שטאָלץ האָט ער אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער פון קעשענע.

סטאַש האָט באַטראַכט דעם רעוואָלווער און מיט אַ שמייכל זיך אָנגערופן:

— סאַלטשעס באַגלייטער האָט אַ בעסערן רעוואָלווער! דיינער איז אַ „סמיט" און זיינער איז אַן אמתער „בולדאָג". איך קאָן זייער גוט זיין רעוואָלווער.

די יונגע קאָמפּאַניע האָט געהוליעט ביז עס האָט אָנגעהייבן טאָגן, און צוליב דעם גאַסט האָבן זיי פיל געטרונקען.

ווען סטאַש און זיין חבר קאַרפּינסקי האָבן האַלב שיכּור זיך געזעגנט מיט זייער קאָמפּאַניע און זענען אין צווייען געפאָרן צו

קאַרפּינסקין אין זיין וווינונג, ווו סטאַש האָט זיך דערווייל אָפּגע־שטעלט, האָט אים קאַרפּינסקי געפרעגט:

— צוליב וואָס ביזטו אַהערגעקומען?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז עס איז ביי מיר געבליבן ווייטער צו שטודירן אין אויסלאַנד.

— וועמען וועסטו אַזאַ בבא־מעשה דערציילן? אפשר פאַר דיינע עלטערן, וואָס וועלן דיר דאַרפן שיקן געלט אויף צו לעבן, האָסטו באַדאַרפט האָבן אַ תירוץ... מיר וועסטו נישט דערציילן קיין בבא־מעשיות. דו ביזט געקומען צוליב סאַלטשען...

— נו, איז וואָס, אַוודאי בין איך געקומען צוליב איר אויך. דו ווייסט דאָך פון לאַנג, ווי איך האָב זי ליב... עס האָט שוין גע־האַלטן, זי זאָל זיך טויפן און זאָל חתונה האָבן מיט מיר.

— דאָס ווייס איך אויך, נאָר פון „וואָלט איך" און „זאָלט איך" וועט גאָרנישט אַרויסקומען! דערצייל מיר בעסער, וואָס פאַר אַ באַציונגען האָט זי איצטער מיט דיר?

— קיינע באַציונגען!

— און פאַר איר אַוועקפאָרן פון פוילן האָסטו מיט איר גע־רעדט? וואָס האָט זי דיר געזאָגט?

—זי האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. זי אַנטלויפט פון מיר, זי וויל פון מיר גאָרנישט וויסן.

— און דו לויפסט איר נאָך? — האָט קאַרפּינסקי אַ קוק געטון אויף זיין חבר פון אויבן ביז אַראָפּ. — אומגליקלעכער! צוליב וואָס טוסטו עס?

— איך האָב נאָך אייניקע פּלענער, ווי זי אַריבערצוציען צוריק צו מיר. איך בין איצטער זייער מיד. מיר וועלן זיך אויסשלאָפן — וועל איך דיר אַלץ דערציילן.

קאַרפּינסקי האָט טיף אַריינגעקוקט אין זיין חברס אויגן און זיך אָנגערופן:

— פאָלג מיך און וואַרף אַוועק דיינע אַלע נאַרישע פּלענער. זי פאַרדינט עס נישט. זי איז דיך נישט ווערט. און ענדלעך וועט עס דיר גאָרנישט העלפן, ווען זי איז אַזוי ווייט פון דיר. ערשט נעכטן האָב איך דאָס אַלץ געזען מיט מיינע אייגענע אויגן.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, וואָס האָסטו געזען מיט דיינע אויגן?

— דיין סאַלטשע ווערט אַ באַרימטע שפּילערין, אַ זינגערין, אַ טענצערין, אַן אַרטיסטין!

— דו ביזט משוגע געוואָרן! וואָס רעדסטו?

— אַזוי ווי איך בין אַ פּאָליאַק, — האָט קאַרפּינסקי אָנגעהייבן שווערן, — אַז דיין סאַלטשע ווערט אַן אַרטיסטין! די גרעסטע מיליאָ־נערין, גראַפן מיט פירשטן וועלן זיך אַרום איר דרייען!

און קאַרפּינסקי האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

— הער אויף צו לאַכן און חוזק מאַכן פון מיר!

קאַרפּינסקי האָט זיך נאָך מער צעלאַכט.

— ווילסטו קאָנקורירן מיט אַזעלכע גרויסע לייט?

— הער אויף צו רעדן, וואָרים איך בין נישט פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר זיך! איך טראָג אויך אַ רעוואָלווער אין מיין קעשענע.

— נו, נו, איך וועל מער נישט רעדן, ווען עס רעגט דיך אַזוי אויף! — האָט קאַרפּינסקי אָנגעהייבן מיט גוטן. — עס ווייזט אויס, אַז מיר האָבן ביידע אַ ביסל צופיל געטרונקען. מיר וועלן זיך אױ־בערשלאָפן, וועלן מיר פון אַלץ איבעררעדן.

אין דרויסן איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען קאַרפּינסקי מיט זיין חבר זענען צוגעפאָרן צו זיין וואוינונג. מידע און האלב פאַרשלאָפענע זענען זיי צוגעגאַנגען, שווייגנדיק, צו דער טיר און דאָרטן פאַרפאַלן געוואָרן.

* * *

אין דערזעלבער צייט איז לערנער געלעגן אין בעט ביי זיך אין האָטעל און זיך געקאַטשעט אויף זיין געלעגער און נישט גע־קאָנט אַנטשלאָפן ווערן. די גאַנצע נאַכט האָט ער קיין אויג נישט צו־געמאַכט. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן איז אים פאָרגעקומען, ער זאָל נישט קאָנען באַלד איינשלאָפן, ווען ער לייגט זיך.

אידעס לעצטע ווערטער, וועלכע זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַזוי פיל האַרץ, געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט, האָבן געמאַכט אויף אים א געוואַלדיקן איינדרוק. ער האָט וועגן דעם נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, און דער שלאָף איז ביי אים ווי אָפּגענומען געוואָרן. ער האָט זיך אָנגעהייבן אָפּגעבן אַ חשבון, וואָס איז ער? צוליב וואָס לעבט ער און וואָס וועט זיין פון אים דער סוף? ער איז שוין אַלט דרייסיק יאָר. נאָך עטלעכע יאָר הייסט ער שוין אַן אַלטער בחור.

דערנאָך הייבט די עלטער אָן צו לויפן באַרג אַראָפּ מיט אַ געוואַל־דיקער שנעלקייט און ער בלייבט אַליין. אמת, מען האָט אים אומעטום ליב, פון אַלעמען איז ער געשעצט; ער פילט, אַז ער לעבט אַן ערלעך לעבן. ער קאָן אַזאַ לעבן גרינג אויספירן. קיין דאגות פרנסה האָט ער נישט, זיין ספעציאַליטעט אַלס אָנגעזעענער מוזיק־לערער פאַרזיכערט אים זיינע לעבנס־מיטלען זייער גרינג און ער פאַרדינט אַ סך מער ווי ער ברויכט. נאָר וואָס קומט אַרויס פון דעם אַלעמען? ער בלייבט אַליין. און איצטער האָט זיך געפונען אַ נשמה, וועלכע איז אים אַזוי איבערגעגעבן.

— איך האָב פיל באַקאַנטע, וועלכע באַציען זיך צו מיר זייער גוט, אָבער פון קיינעם האָט ער נישט געהערט אַזעלכע ווערטער, ווי היינט פון אידען, — האָט ער צו זיך געזאָגט.

לערנערן האָט איצט נישט אינטערעסירט, צי אידא איז אַ יונגע פרוי, צי זי איז אַ שיינע און צי זי געפעלט אים אַלס פרוי. צו אים האָט גערעדט אַ מענטשנס האַרץ מיט אַזוי פיל ליבע און טריישאַפט.

לערנער האָט קיינמאָל נישט איבערגעלעבט אַזעלכע געפילן, ווי איצטער. באַזונדערס האָבן זיך זיינע געדאַנקען געדרייט אַרום איין פראַגע, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין און פאַרענטפערן.

— ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, ווי קאָן דאָס זיין? מיט אידען קאָן איך זיך אינגאַנצן עטלעכע טעג און זי האָט זיך אַזוי שטאַרק צו מיר צוגעבונדן! ווי אַזוי זאָל איך עס פאַרשטיין? אמת, ווי עס ווייזט אויס, פילט זי זיך אין איר רייך הויז זייער אומגליקלעך, אָבער זייענדיק אַ פאָר טעג באַקאַנט מיט אַ מענטשן — זיך אַזוי איבערצו־געבן?

אַז מען קאָן נישט שלאָפן, קומען אַלערליי געדאַנקען, די אומ־געלומפערטסטע, נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע.

לערנער האָט זיך איצטער אויך דערמאָנט, ווי ער האָט מיט אַ פאָר יאָר צוריק געלייענט אַ בוך פון אַ מאָדערנעם דייטשן שריפט־שטעלער. אין יענעם בוך קומט פאָר, ווי אַ יונגערמאַן, זייענדיק אויף אַ גרויסאַרטיקן באַל, האָט דערזען אַ פריילן, וועלכע האָט געמאַכט אויף אים אַ גוטן איינדרוק. ער האָט געבעטן איינעם פון זיינע פריינט, מען זאָל אים באַקענען מיט איר. און נאָך דעם ערשטן גע־שפרעך מיט איר, וואָס עס האָט געדויערט פינף מינוט, האָט ער פאָרגעלייגט דער פריילן, זי זאָל מיט אים חתונה האָבן.

דאָס פריילן איז אויפגעשפרונגען.

— איינגאַנצן פינף מינוט, אַז איר זענט מיט מיר באַקאַנט, מאַכט איר מיר שוין אַ פאָרשלאַג, איך זאָל מיט אייך חתונה האָבן! איר קענט מיך דען? איר ווייסט דען ווער און וואָס איך בין?

— פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט אַ גוט אויג, איז פינף מינוט צופיל צייט, אַז מען זאָל דערקענען אַ מענטשן. עס איז דערצו איבערגענוג דריי מינוט! — האָט דער יונגערמאַן גערעדט מיט איבערצייגונג.

— דריי מינוט, זאָגט איר, איז גענוג, אַז אַ מענטש זאָל דערקענען אַ מענטשן, מיט וועלכן ער דאַרף טיילן דאָס גאַנצע לעבן! — איז די פריילן נאָך ווייטער אָפּגעשפרונגען פון אים.

דער יונגערמאַן האָט איר באַוויזן מיט אַלערליי אַרגומענטן, אַז פאַר מאַנכע מענטשן איז גענוג עטלעכע מינוט צו דערקענען דעם צווייטן מענטשן, וואָס ביי אַנדערע דאַרף עס דויערן עטלעכע יאָר.

— קומט דען נישט פאָר, — האָט דער יונגערמאַן דערוויזן, אַז איינער קען אַ פריילן עטלעכע יאָר, האָט מיט איר חתונה און דערנאָך ווערט ער אין זיין פרוי אַנטוישט דאָס גאַנצע לעבן?

ער האָט דעם אָוונט לאַנג גערעדט און דערוויזן, אַז פאַר אים איז גענוג עטלעכע מינוט צו דערקענען אַ מענטשן נישט נאָר מיט זיין כאַראַקטער, נאָר מיט אַלעמען. אָט, צום ביישפּיל, האָט ער אין עטלעכע מינוט דערקאָנט אין דער פריילן, אַז זי וועט זיין אַ געטרייע איבערגעגעבענע פרוי, אַ גוטע מוטער.

— אַז זי איז אַ שיינע, אַ גוטע, א קלוגע, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — דאָס קען יעדער געוויינלעכער מענטש באַמערקן. — און ער האָט אַזוי לאַנג גערעדט, אַז די פריילן, איינע פון די שענסטע און אָנגעזעענסטע אויף דעם באַל, האָט אים דעמזעלבן אָוונט געשענקט איר האַנט. זיי האָבן אינגיכן חתונה געהאַט און האָבן טאַקע געלעבט אַ גליקלעך לעבן.

לערנער, דערמאָנענדיק זיך וועגן דעם, וואָס ער האָט געלייענט אין אַ בוך, האָט עס אים אַ ביסל קלאָרער געמאַכט, פאַרוואָס אידאַ האָט זיך אים אַזוי איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן, ווי זיי וואָלטן זיך קענען שוין יאָרן לאַנג.

— עס איז שווער צו קענען דעם מענטשנס נשמה,—האָט לערנער געזאָגט,—געוויס זענען דאָ אַזעלכע אורזאַכן און סודות אין דער

באַטור פון מענטשן, וועלכע ברענגען אָפט צו אַזעלכע אומשטענדן, וואָס רופן אַרויס ביי אונדז פאַרוואונדערונג. זאָל מען אָבער וויסן די אורזאַכן, די סודות, וועט מען דערזען, ווי אַלץ איז אַזוי איינפאַך, געוויינלעך און נאַטירלעך, אַז עס איז נישטאָ פון וואָס צו וואונדערן זיך.

נאָך לאנג האָבן זיך ביי לערנערן געדרייט פאַרשידענע געדאַנ־קען אַרום אידען, ביז ער איז מיטן גרויסן טאָג אַנטשלאָפן געוואָרן. און ווען סאַלטשע האָט אים דעמזעלבן טאָג געזען, האָט זי דאָס ערשטע מאָל, זינט זי קען אים, באַמערקט, אַז ער איז בלאַס, און האָט אים געפרעגט, צי פילט ער זיך נישט געזונט.

לערנער האָט זי באַרויקט. סאַלטשע האָט זיך אָבער מיט דעם נישט באַפרידיקט. זי האָט באַמערקט, אַז עפּעס קומט פאָר אין אים, ער לעבט עפּעס איבער. זי האָט געוואַרט, אַז ער זאָל איר אַליין דערציילן, נאָר ער האָט וועגן זיינע אינערלעכע איבערלעבונגען קיינמאָל נישט גערעדט און איצטער אויך נישט. און זי האָט באַ־שלאָסן, ווען זיי וועלן זיין אין בערלין, ווען זי וועט זיך אַ ביסל באַרויקן, מוז זי אים אַמאָל פרעגן וועגן זיין לעבן בכלל. אַ מענטש קען דאָך מיט זיך אַליין נישט לעבן? ער האָט דאָך געוויסע אינטע־רעסן פאַר וועמען און צוליב וועמען ער לעבט?

סאַלטשע איז אים געווען אַ גרויסער פריינט. זי האָט אים הויך געשעצט, געווען זייער איבערגעגעבן, און דאָך האָט זי אַזוי ווייניק געוווסט וועגן אים, און נישט איינמאָל האָט סאַלטשע אַ טראַכט גע־טון, ווער זענען זיינע נאָענטע, זיינע אייגענע?

סאַלטשע האָט נאָר געוווסט, אַז ער האָט נישט ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיך. און זי האָט זיך דערמאָנט, ווען איינמאָל, ביי אַ פּאַסנדיקן צופאַל, האָט זי אים געפרעגט וועגן דעם, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן.

און סאַלשטע האָט וועגן דעם מיט אים מער נישט גערעדט. נאָר איצטער האָט זי ווידער געוואָלט אים פרעגן, נאָר זי האָט עס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, ווייל זי איז איצטער זייער פאַרנומען גע־ווען מיט זיך זעלבסט.

אויף איר פריערדיקער פראַגע, וואָס ער זעט אויס אַזוי שלעכט, האָט ער נאָכדעם, ווי ער האָט געזאָגט, אַז עס איז אים גאָרנישט,

באַר צוגעגעבן, אַז ווען ער וואָלט זיך געפילט גוט אויסגעשלאָפן, וואָלט מען נאָך היינט געפאָרן קיין בערלין.

און געשען איז עס אין צוויי טעג אַרום. נאָך מיטאָג זענען זיי אָפּגעפאָרן קיין בערלין. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט דער פאַמיליע גאַרדי און מיט אידען, וועלכע האָבן זיי געבעטען ביים ערשטן צופאַל נאָכאַמאָל קומען קיין באַזעל. גאַרדי האָט געזאָגט סאַלטשען:

— זעט, פאַרלאָזט נישט אייער שפּילן!

פרוי גאַרדי, וועלכע האָט אין דער צייט זייער ליב באַקומען סאַלטשען, האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך געזעגנט מיט איר, ווי עפּעס מיט אַן אייגענער. אידאַ האָט געזאָגט לערנערן: „פאַרגעסט נישט מיין לעצטע בקשה".

כא.

די וווּנדערשיינע רייזע פון באַזעל קיין בערלין, וועלכע געדויערט אַכצן שעה, האָט ביי סאַלטשען אויסגעזען ווי אַ האָכצייט־רייזע, אַזוי גוט און גליקלעך האָט זי זיך געפילט, כאָטש זי האָט נישט געוווּסט, וואָס איר דערוואַרט דאָרטן. עס איז איר ליב געווען דער וועג, וועלכער איז איר געווען אַזוי גוט באַקאַנט, ווען זי האָט זיך געפילט אַמאָל פאַר דער גליקלעכסטער אין דער וועלט.

ווען זי איז געקומען קיין בערלין, איז זי אַראָפּגעגאַנגען אויף דערזעלבער סטאַציע, אויף „פרידריכשטראַסע", פון וואַנען זי איז דאָס לעצטע מאָל, זייענדיק אין בערלין, אָפּגעפאָרן אַהיים, און זיך אָפּגעשטעלט אין דעמזעלבן האָטעל, וואָס האָט זיך געפונען אויף דערזעלבער גאַס, ווו זי האָט מיט אירע עלטערן געוווינט.

אַלץ איז איר דא געווען ליב און טייער. דאָ איז זי געשטאַנען מיט איר חתן, דאָ, אין דעם מאַגאַזין זענען זיי אַריינגעגאַנגען, און ער האָט עפּעס געקויפט פאַר איר; אין דעם רעסטאָראַן האָבן זיי געגעסן; אין דער קאָנדיטעריי האָבן זיי געטרונקען קאַווע, און אין דעם טעאַטער האָבן זיי אַ באַרימטע אָפּערע געזען.

אַלץ, אַלץ אין בערלין האָט איר דערמאָנט, ווי זי האָט פאַרבראַכט מיט איר חתן.

יעדע גאַס, יעדעס הויז, יעדעס ווינקעלע, האָט איר דערמאָנט, אַז זי איז אַמאָל גליקלעך געווען, און איצטער דאַרף זי זיך נאָר

אריינזעצן אין דער „רונד-באן" און אראפגיין אין שארלאטנבורג. וועט זי גלייך קומען צו איר חתן, וועלכער וועט זי באגעגענען מיט אזוי פיל פרייד און גליק.

אויפן צווייטן טאג, ווען זיי האבן זיך אפגערוט פון וועג, איז סאלטשע מיט לערנערן געפארן קיין שארלאטנבורג, לויט דעם לעצטן אדרעס פון איר חתן, מיט וועלכן זי האט זיך איבערגעשריבן.

אין א שעה ארום איז זי מיט לערנערן געזעסן ביי דער באלע־באסטע פון א גרויסער וווינונג, ווו דער יונגער דאקטאר שטיינמאן האט פארנומען א פאר צימערן.

סאלטשע האט זיך פארגעשטעלט אלס א ייִנגערע שוועסטער פון דאקטאר שטיינמאן און לערנערן אלס אירער א גוטער פריינט.

די באלעבאסטע, א פרוי פון די מיטעלע יארן, אן אלמנה, ביי וועלכער איר מאן איז געפאלן אין דער לעצטער מלחמה, האט זי זייער פריינטלעך אויפגענומען. זי האט נישט אויפגעהערט צו לויבן ביז אין הימל אריין דעם יונגן דאקטאר, אז ער איז זייער א גוטער און אן אנשטענדיקער מאן און אז עס טוט איר זייער באנג, וואס ער איז אזוי פלוצים און אומדערוואַרט אוועקגעפארן אויף א לענגערע צייט.

זי האט דערציילט, אז ער האט זיך געגרייט צו זיין חתונה, וועלכע האט באדארפט פארקומען אין פוילן, לעבן ווארשע.

—איך מיט מיין עלטערער טאכטער האבן שוין אפילו געטראכט אפצעבאקן אזא גוטן און גרויסן וווּנדערשיינעם „קוכן" צום טאג, ווען ער וועט קומען צוריק מיט זיין יונגער פרוי.

— דער יונגער דאקטאר האט זיך א גליקלעכער צוגעגרייט צו דער רייזע קיין פוילן, — האט זי דערציילט, — ער האט זיך א שיי־נעם שווארצן ראק געמאכט און נאך פיל זאכן געקויפט. אלץ איז שוין געווען ביי אים איינגעפאקט צו זיין גליקלעכער רייזע, נאר פלוצים, אומדערוואַרט, האט ער א בריוו באקומען און אלץ איז צום גרונט געגאנגען, — האט די באלעבאסטע געענדיקט מיט פארבראכענע הענט.

סאלטשע האט מיט שרעק געשלונגען יעדעס ווארט און זי אויפגעגעסן מיט די אויגן.

לערנער, הערנדיק מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט דער ווירטין פון דער וווינונג, האט נישט אראפגעלאזט קיין אויג פון סאלטשען. ער האט מורא געהאט, אז עס זאל מיט איר עפעס נישט פארקומען.

— וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ בריוו געווען? — האָט סאַלטשע אַ ציטערנדיקע געפרעגט.

— וואָס קאָן איך וויסן? ער האָט גאָרנישט געזאָגט. געוויס איז עפּעס אַן אומגליק געשען. ער איז געווען בלאַס, זייער צע־טראָגן און האָט זיך פאַרשלאָסן ביי זיך אין צימער און קיינעם נישט אויפגענומען. ערשט אויף דעם צווייטן אָוונט איז ער אַריינגעקומען צו מיר און אפילו קאַווע ביי מיר נישט געטרונקען. איך האָב אים קוים דערקאָנט, אַזוי האָט ער זיך איבערגעביטן, און דערנאָך האָט ער מיר אַזוי אומדערוואַרט דערציילט, אַז אפשר מאָרגן וועט ער אויף אַ לענגערע צייט אָפּפאָרן. דעם צימער לאָזט ער פאַר זיך. ער וועט עס איבגאַנצן אָפּשליסן און דעם שליסל וועט ער מיר איבער־געבן, איך זאָל פון צייט צו צייט קאָנען זיין וווינונג אויסלופטערן.

— וווהין איז ער געפאָרן? — האָט סאַלטשע געפרעגט.

— דאָס האָט ער מיר נישט געזאָגט.

— ער האָט גאָרנישט אָנגעזאָגט, אפשר וועט קומען פרעגן אויף אים אַ באַקאַנטע, אַ שוועסטער?...

— דאָס האָט ער נישט געזאָגט, — האָט די דייטשקע קאַלט געענטפערט.

סאַלטשע האָט גוט געוווסט, אַז אויף אַלע אירע פראַגן וועט איר די דייטשקע מער נישט ענטפערן ווי: „דאָס האָט ער נישט גע־זאָגט", נאָר זי האָט געהאַט אַזוי פיל צו פרעגן, אַז עס האָט זיך אַליין געפרעגט.

— ער האָט מיטגענומען אַ סך זאַכן? — האָט זיך ביי איר ווי־דער אַרויסגעכאַפּט אַ פראַגע.

— דאָס קאָן איך נישט וויסן.

שוין נישט וויסנדיק, וואָס צו פרעגן, אַז זי זאָל קאָנען אַן ענטפער באַקומען, האָט זיך צום לעצט אַרויסגעריסן ביי איר אַ פראַגע:

— און וואָס האָט ער געזאָגט פאַר זיין אַוועקפאָרן?

— ער האָט גאָרנישט געזאָגט, — האָט זי באַקומען אַן ענטפער.

די קליינע טאָכטער, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פופצן, וועלכע איז אויך געווען דערביי, צוזעענדיק, ווי דעם דאָקטאָרס שוועסטער וויל אַזוי וויסן וועגן איר ברודער און באַמערקנדיק די טרערן אין אירע אויגן, האָט מיט איר קינדיש ווייך הערצל רחמנות געקריגן אויף

דעם דאָקטאָרס שוועסטער און האָט איר דערציילט:

— איך האָב אויסגעאַרבעט אַ שיין טישטוכל אויף אַ קליין טי־שעלע און האָב עס געוואָלט אונטערטראָגן אַלס פּרעזענט זיין יונגער פרוי, ווען ער וועט קומען מיט איר פון פוילן... ער פלעגט מיר אַזוי פיל פּרעזענטן געבן.

— אַ וווּנדערשיינע אַרבעט, — האָט די מוטער צוגעגעבן, — און זי האָט זיך געווענדט צו איר קינד, זי זאָל דעם דאָקטאָרס שוועסטער ווייזן איר אַרבעט.

דאָס מיידעלע איז געלאָפן און פון אַ קעסטעלע אַרויסגענומען דאָס טישטוכל און עס געוויזן סאַלטשען.

דאָס טישטוכל איז נאָך געווען צוזאַמען מיט די לאַנגע שפּיז־לעך, מיט וועלכע זי האָט עס געאַרבעט, און די גליקלעכע מוטער האָט דערציילט, אַז נאָך אַ פּאָר „שורות אויגלעך" האָט מען באַדאַרפט מאַכן, אום עס צו פאַרענדיקן, און ביז דער דאָקטאָר וואָלט געקומען מיט זיין יונגער פרוי, וואָלט די אַרבעט פּונקט פאַרענדיקט געוואָרן.

סאַלטשע איז געווען גערירט. זי האָט קוים איינגעהאַלטן די טרערן. זי האָט אַרומגענומען דאָס מיידעלע, איר אַ קוש געגעבן, דערנאָך האָט זי אָפּגעשפּיליעט פון זיך אַ קליין דין גאָלדן קייטעלע און האָט עס געגעבן דעם מיידעלע.

— אָט האָסטו פון מיר אַ פּרעזענט, מיין טייערינקע!

דאָס מיידעלע האָט נישט געוואָלט נעמען און געקוקט אויף יער מוטער.

די מוטער האָט פּראָטעסטירט.

— צו וואָס אַזאַ טייערן פּרעזענט?

— דערפאַר, וואָס זי האָט אַזאַ שיינע אַרבעט צוגעגרייט אַלס פּרעזענט פאַר מיין ברודערס פרוי.

און סאַלטשע האָט זייער געבעטן די מוטער, זי זאָל דערלויבן איר קינד צו נעמען פון איר דאָס קייטעלע.

די מוטער האָט איינגעשטימט און סאַלטשע האָט איר אָנגעטון דאָס קייטעלע.

דאָס מיידעלע האָט אָפּגעדאַנקט און געזאָגט:

— ווען אייער ברודער וועט קומען, וועל איך אים דערציילן, וואָס פאַר אַ שיינעם פּרעזענט איר האָט מיר געגעבן.

— גוט, זײַער גוט! — האָט סאָלטשע געזאָגט. —דו קאָנסט אים דערצײלן!

סאָלטשע האָט געוואָלט נאָך לענגער בלײַבן אין דעם הויז, ווו איר חתן האָט געוווינט, נאָר זי האָט מער נישט געקאָנט אײַנ-האַלטן אירע טרערן. זי האט זיך פּלוצלונג אויפגעהייבן פון איר אָרט און זיך אָנגעהייבן געזעגענען מיט דער באַלעבאָסטע פון הויז און מיט איר קינד. די ווירטין האָט איר געבעטן נאָך צו בלײַבן, אָבער זי האָט געענטפערט, אַז זי איז זײַער באַשעפטיקט.

די ווירטין האָט איר געבעטן, אַז די צייט, וואָס זי וועט פאַר-ברענגען אין בערלין, זאָל זי אַרײַנקומען צו איר. סאָלטשע האָט עס איר צוגעזאָגט.

אויף דעם וועג האָט זי געזאָגט לערנערן:

— איך וואָלט פון דאָרט אַזוי גיך נישט אַוועקגעגאַנגען... איך וואָלט געזעסן לעבן דער טיר פון מײַן חתנס וווינונג און אַזוי לאַנג געוואַרט, ביז ער וועט קומען. נאָר איך האָב געפילט, אַז איך קאָן דאָרט היינט מער נישט בלײַבן... איך האָב מיט אַלע קרעפטן אײַנגע-האַלטן מײַנע טרערן און האָב מורא געהאַט, עס זאָל מיט מיר עפּעס נישט פּאַסירן... מאָרגן וועלן מיר ווידער דאָרט זײַן.

לערנער איז געזעסן ווי צעמישט פון דעם גאַנצן וויזיט. עס איז אים געווען זײַער שווער דערבײַ צו זײַן און הערן סאָלטשעס פראַגן וועגן איר חתן. נאָר ער האָט גערעכנט, אַז דער וויזיט וועט זײַן דער לעצטער און זי וועט ענדלעך אָנהייבן צו פאַרשטיין איר אמתע לאַגע. אָבער הערנדיק פון איר, אַז זי וויל אויך מאָרגן פאָרן קיין שאַרלאָטנבורג, האָט ער זיך אָנגערופן:

— צו וואָס דאַרפט איר נאָכאַמאָל פאָרן קיין שאַרלאָטנבורג? איר האָט זיך שוין, דאַכט זיך, וועגן אַלץ דערוווּסט?

— וואָס האָב איך זיך דערוווּסט? גאָרנישט!

— און וואָס וועט איר זיך מאָרגן דערוויסן?

סאָלטשע האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

— איך ווייס? אפשר וועט אָנקומען אַ בריוו פון אים, — האָט זי דערנאָך געזאָגט.

— ערשטנס, וועט קיין בריוו פון אים נישט קומען. ווען ער האָט ביז איצט נישט געשריבן, וועט ער ווײַטער נישט שרײַבן, און שטעלט אײַך פאָר, אַז עס זאָל יאָ פון אים אָנקומען אַ בריוו, וואָס

וועט איר דאָרט געפינען? ער וועט געוויס שרייבן זיין באַלעבאָסטע, אַז זי זאָל אַכטונג געבן אויף זיינע זאַכן, אויסלופטערן דאָס צימער, אָדער ער וועט איר שיקן געלט פאַר דער וווינונג.

— עס קאָן זיין, אַז איר האָט רעכט, נאָר דאָך וועל איך מאָרגן אַהין גיין און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל עס ציט מיך אַהין, איך פיל זיך דאָרט זייער גוט.

— ווי איר ווילט, איך וועל נישט גיין מיט אייך...

סאַלטשע האָט אים אָנגעקוקט, גלייך ווי זי זעט אים דאָס ערשטע מאָל.

זי האָט פון אים דאָס ערשטע מאָל געהערט, אַז ער וויל מיט איר נישט גיין און זי איז עפּעס ווי ביי זיך אָראָפּגעפאַלן. די גאַנצע צייט פון זייער רייזע האָט ער קיינמאָל נישט פּראָטעסטירט, קיינמאָל נישט געווען קעגן אירע פאַרלאַנגען און איצט דאָס ערשטע מאָל...

זי האָט מיט שטילע ווערטער אַרויסגעזאָגט:

— איך מיט מיינע קאַפּריזן בין אייך שוין געוואָרן לאַנגווייליק. איר ווילט מיט מיר מער נישט גיין אַהין...

— אָ, איך וועל נישט גיין! — האָט ער פעסט געזאָגט. — און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל איך זע אין דעם קיין שום נוצן נישט פאַר אייך. איר ברענגט נאָר אויס אומזיסטע צייט. פריער האָב איך אייך אין אַלעמען צוליב געטון, ווייל איך האָב געטראַכט: אפשר? טאָמער?

— איך מוז אייך נאָך זאָגן, — האָט ער צוגעגעבן, — איך אַליין האָב עס געוואָלט, אַז איר זאָלט אַליין זען און זיך איבערציייגן, אַז אַלץ, וואָס איז געווען, איז פאַרפאַלן און אויף שטענדיק אָפּגעשטאָרבן פאַר אייך!

און לערנער האָט ווייטער געזאָגט:

— איר מוזט ענדלעך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דאָס געוועזענע און מוזט טראַכטן וועגן זיך. איר קאָנט מאַכן אַ גלענצנדע קאַריערע אין דער מוזיק. איר מוזט זיך נעמען צו דער אַרבעט. איר דאַרפט זיך ענדלעך אויף דעם באַשליסן און איך בין גרייט אייך אין דעם צו העלפן מיט אַלעמען.

סאַלטשע האָט אויף זיינע רייד גאָרנישט געענטפערט. איר שווייגן האָט אים געשראָקן.

שווייגנדיק זענען זיי געקומען אין האָטעל. לערנער האָט נישט געוווּסט, וואָס מיט איר צו טון און ער האָט זי ווידער געפרעגט, ווי אַזוי רעכנט זי אויף ווייטער זיך איינצואָרדענען?

— איך ווייס נישט! — האָט זי ענדלעך געענטפערט. — אַלע אייערע רייד זענען ריכטיק. איך פאַרשטיי דאָס זייער גוט, אָבער וואָס קאָן איך טון מיט זיך? איך קאָן איבער זיך נישט געוועלטיקן. דער שכל זאָגט אַזוי און דאָס האַרץ רעדט אַנדערש. איך קאָן זיך נישט נעמען צו קיין ערנסטער אַרבעט און קאָן זיך אויף קיין זאַך נישט באַשליסן. איך פיל נאָר, אַז איך בין קראַנק, כאָטש איך קאָן מיין קראַנקהייט נישט אָנרופן מיט דעם נאָמען און איך ווייס נישט, וואָס מיר טוט וויי. מיר דאַכט זיך, אַז אַלץ טוט מיר וויי... וואָס פאַר אַן אָרט מען זאָל נישט אָנרירן אין מיר, טוט וויי.

לערנער האָט זיך אויף אייניקע מינוטן פאַרטראַכט און אַ טיפע זאָרג האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין געזיכט.

— אפשר וואָלט איך מיט אייך אַריינגעגאַנגען צו אַ דאָקטאָר? דאָ זענען דאָ די באַרימטעסטע דאָקטוירים.

— וואָס וועט מיר דער באַרימטעסטער דאָקטאָר זאָגן? ער וועט מיך הייסן זיין רויק און אַ סך שפּאַצירן. איך רעכן, אַז עס איז אַ נגאַנצן איבעריק. נאָר אַז איר ווילט, טו איך אייך צוליב און מיר וו'עלן גיין צו אַ דאָקטאָר.

אויף מאָרגן זענען זיי געווען ביי אַ באַרימטן בערלינער פּראָפעסאָר. ער האָט זי באַטראַכט און געזאָגט כמעט דאָסזעלבע, וואָס סאָלטשע האָט נעכטן כּאָרויסגעזאָגט. דערביי האָט ער איר פאַרשריבן טראָפּנס און געהייסן זיך יעדן טאָג באָדן אין געזאַלצענעם וואַסער. ווייטער האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט, אַז זי איז כּולקום געזונט.

סאָלטשע האָט גאָרנישט געטון, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט געהייסן. לערנער האָט אויך געפונען, אַז מיט טראָפּנס און געזאַלצענע וואַנעס און אָן דעם איז אַלץ איינס.

עס זענען אַוועק עטלעכע טעג. סאָלטשע פלעגט כמעט אַלע טאָג אַליין, אָן לערנערן, פאָרן קיין שאַרלאָטנבורג צו דער באַלעבאָסטע פון דעם הויז, וווּ איר חתן האָט געוווינט. זי האָט דערציילט, אַז זי האָט זיך מיט איר און מיט אירע קינדער זייער באַפריינדעט און זי פילט זיך דאָרט זייער גוט.

לערנער פלעגט די צייט פאַרברענגען אַמאָל מיט סאַלטשען און אַמאָל מיט זיינע באַקאַנטע, וועלכע ער האָט געהאַט אין בערלין.

ווען עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג אַכט, האָט לערנער געזאָגט צו סאַלטשען:

— מיט בערלין האָבן מיר זיך שוין גענוג באַקאַנט, אומעטום זענען מיר שוין געווען, אין די קונסט־אויסשטעלונגען, אין די טעאַ־טערן און באַקאַנטע געזען. וואָס נאָך? איך רעכן, מיר זאָלן, לויטן פּראָגראַם פון אונדזער רייזע, פאָרן קיין איטאַליע.

סאַלטשע האָט דערויף איינגעשטימט.

— ווען־זשע זאָלן מיר פאָרן?

— ווען איר ווילט.

עס איז ביי זיי געבליבן, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום זאָלן זיי אָפּפאָרן פון בערלין.

אינדערפרי, אַ טאָג פאַר זייער אָפּפאָרן פון בערלין, האָט לער־נער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון סאַלטשעס צימער אין האָטעל. קיינער האָט אים נישט געענטפערט. איינער פון די באַדינער פון האָטעל האָט באַמערקט לערנערן, אַז ער קלאַפּט אומזיסט. דער שליסל פון צימער געפינט זיך דאָ און אַז דאָס פריילן איז די נאַכט נישט גע־קומען נעכטיקן.

לערנער האָט זיך באַרויקט, ווייל עס איז שוין געווען אַזאַ פאַל, ווען זי איז געבליבן נעכטיקן אין שאַרלאָטענבורג ביי איר חתנס באַלעבאָסטע, נאָר באַלד דערנאָך איז ער ווידער געוואָרן אומרויק, ווייל דאַן האָט זי טעלעפאָנירט אין האָטעל, אַז מען זאָל אים איבער־געבן, אַז זי בלייבט נעכטיקן אין שאַרלאָטענבורג. ביז איצט האָט מען אים אָבער נאָך גאָרנישט געזאָגט.

ער האָט באַלד געפרעגט אין האָטעל, האָט מען אים געענט־פערט, אַז קיינער האָט צו אים נישט טעלעפאָנירט.

לערנער האָט זיך געוואָרפן צום טעלעפאָן און אָנגעפרעגט ביי דער באַלעבאָסטע פון איר חתנס וווינונג, צי סאַלטשע האָט גענעכטיקט ביי איר.

די באַלעבאָסטע האָט געענטפערט מיט שרעק דורכן טעלעפאָן:

— זי האָט נעכטן פאַרבראַכט ביי מיר אַ פּאָר שטונדן. פאַרנאַכט איז זי אַוועק פון אונדז. וואָס איז געשען? — האָט זי געפרעגט.

— איך ווייס אויך נישט, — האָט לערנער געפרווט ענטפערן

רויק, — זי האָט געוויס גענעכטיקט ביי איינער פון אירע פיל באַקאַנ־
טע אין בערלין. אויב זי וועט היינט זיין ביי איך, זייט אַזוי גוט
און קלינגט מיר אָן.

די באַלעבאָסטע האָט אויך געבעטן, אַז ווען סאַלטשע וועט קו־
מען אין האָטעל, זאָל מען איר צו וויסן געבן דורך דעם טעלעפאָן.

ביי לערנערן האָבן געציטערט די הענט, האַלטנדיק דאָס רערל
פון טעלעפאָן, און ער האָט אומגעדולדיק געמוזט אויסהערן די באַלע־
באָסטע. און, ענדלעך, ווען ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס רערל, איז ער
ווי אַ משוגענער אַריינגעלאָפן צו סאַלטשען אין צימער.

ער האָט אַלץ געפונען אין דער בעסטער אָרדענונג. אירע רייזע־
פעקלעך און אירע אויסגעפּאַקטע קליידער זענען געווען אויפן אָרט.
ער האָט געזוכט אויף דעם טיש, אויף דעם בעט עפּעס אַ בריוו, אַ
צייכן פון איר אַוועקגיין, נאָר ער האָט גאָרנישט געפונען.

לערנער האָט אין האָטעל גאָרנישט געזאָגט. ער האָט נישט
געוואָלט אויפהייבן קיין טומל, ווייל ער האָט נאָך געהאָפט, אַז אָט
באַלד קאָן זי אָנקומען.

ער האָט פאַרמאַכט סאַלטשעס צימער, איבערגעגעבן דעם דינער
פון האָטעל דעם שליסל און איז אַריין צו זיך אין צימער. און אַ
מידער, אַ צעבראָכענער, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און
זיך אָנגעהייבן רייסן די האָר פון קאָפּ פאַר פאַרצווייפלונג.

— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? — האָט ער נישט אויפגע־
הערט צו פרעגן זיך.

דערנאָך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אָרט און גיך אָנ־
געהייבן צו שפּאַנען איבערן צימער הין און צוריק, רעדנדיק די גאַנ־
צע צייט צו זיך:

— מיט וועמען באַראַט מען זיך? וואָס הייבט מען אָן צו טון?
אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק!

פאַרשידענע געדאַנקען האָבן אים אָנגעהייבן פליען אין קאָפּ
אַריין און דער ערשטער געדאַנק איז געווען: סטאַש גרינעווסקי מיט
זיינע פריינט, פאַר וועלכע סאַלטשע און אירע עלטערן האָבן אַזוי
מורא געהאַט. לערנער האָט זיך אויך דערמאָנט אין וואַלערי קאַר־
פּינסקי, וועלכן זיי האָבן באַגעגנט אין באַזעל. און, בינדנדיק אַלץ
צוזאַמען, די זומער־וווינונג אין שווידער מיט באַזעל, איז ער געקומען

צום באַשלוס, אַז אין איר פלוצימדיקן פאַרשווינדן איז שולדיק סטאַש מיט זיינע גוטע פריינט.

— קאַרפינסקי, וואָס איז ווי פון אונטער דער ערד מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן לעבן אונדז אין באַזעל, איז מיר פון דער ערשטער מינוט נישט געפעלן!...

אויף איין מינוט איז ביי לערנערן פעסט געבליבן, אַז די גאַנ־צע שולדיקע זענען סטאַש און קאַרפינסקי און זייערע פריינט און אַז אין דעם וועג דאַרף מען אָנהייבן זוכן סאַלטשען. נאָר באַלד איז די זיכערקייט פון דעם וועג מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן.

— דאָס איז אוממעגלעך! ווו איז שווידער און ווו איז בער־לין? ווי קומט סטאַש אַהער? און ווידער, סאַלטשע איז דאָך נישט קיין קינד, מען זאָל איר קאָנען כאַפּן מיט געוואַלד. זי איז מיט בערלין גוט באַקאַנט פון פריער. זי איז דאָ נישט קיין פרעמדע. עפּעס איז געשען, נאָר עס איז שווער צו טרעפן.

לערנער איז מיד געוואָרן, שפּאַצירנדיק איבערן צימער, מיד פון טראַכטן, און ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אין אַ ווייכער שטול און אַ טיפן זיפץ געטון.

— ווער האָט זיך דאָ געקאָנט פאָרשטעלן אַזאַ אומגליק, און איך זאָל דאָ אומזיסט און אומנישט שטיין אין דער מיט!

ער האָט רויק נישט געקאָנט איינזיצן.

— וואָס זיץ איך און קלער און טרעף? מען דאַרף דאָך עפּעס טון! פון וואָס הייבט מען אָן! טעלעגראַפירן איר פאָטער? ער וועט אַזאַ אומגליק נישט איבערלעבן...

— מען דאַרף באַלד אַריבערפאָרן קיין שאַרלאָטנבורג, איבער־רעדן מיט דער באַלעבאָסטע, אפשר וועט זי מיר עפּעס זאָגן. איך וועל זיך מיט איר באַראַטן. אפשר האָט איר פאַרשוווּנדן ווערן אַ שייכות מיט איר חתן... ווער ווייסט? אפשר איז זי אַרומגערינגלט מיט נאָך סודות, פון וועלכע איך ווייס נישט, און זי האָט מיר וועגן זיי גאָרנישט דערציילט... אפשר ווייסט די באַלעבאָסטע מער ווי איך!

פלוצים פאַלט אים איין, אַז מען דאַרף נאָך אָפּוואַרטן, טאָמער קומט זי נאָך... צו וואָס־זשע דאַרף מען אומזיסט אויפהייבן אַ גע־פּילדער?

לערנער האָט זיך איינגערעדט, אַז זי וועט געוויס קומען.

אפשר איז זי געבליבן נעכטיקן ביי אירער אַ באַקאַנטער, וועלכע זי האָט געגנוג אין בערלין...

ער ווערט רויקער. ער דערהערט טריט אין קאָרידאָר. ער הערט זיך צו און איז זיכער, אַז די טריט וועלן זיך אָפּשטעלן לעבן זיין טיר, מען וועט אָנקלאַפּן, ער וועט עפענען די טיר און סאַלטשע וועט אַריינגיין אַ לעבעדיקע, אַ פריילעכע און וועט בעטן ביי אים אַנטשולדיקונג, וואָס זי האָט אים נישט טעלעפאָנירט, אַז זי איז געבליבן ביי אירער אַ חברטע, וועלכע זי האָט באַגעגנט.

ער וועט זיך דאָס ערשטע מאָל אויף איר ערנסט אָנברוגזן, איר געבן אַ „פּאַרציע", אַז זי זאָל געדענקען דאָס צווייטע מאָל. נישט אָפּלייגנדיק אפילו קיין איבעריקע שעה, וועלן זיי אַוועקפאָרן פון בערלין קיין איטאַליע. זי וועט פאַרגעסן אין איר אומגליק, זי וועט ווערן אַ נייער מענטש. און ערשט דאַן, ביים ערשטן, בעסטן צופאַל, מוז ער פאַר איר עפענען זיין האַרץ, ווייל מער קאָן ער נישט ליידן. ער וועט איר זאָגן, אַז עס איז נישט פאַר קיין מענטשלעכע קרעפטן אַזוי ווייטער צו ליידן און וועט איר מוזן פאַרלאָזן.

די טריט אין קאָרידאָר האָבן זיך דערנענטערט. זיי האָבן זיך דייטלעכער געהערט, נאָר באַלד דערנאָך זענען די טריט שוואַכער געוואָרן, און שפּעטער איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן.

אַזוי איז ער אָפּגעזעסן אַ שעה צוויי. דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטון, גלייך אַרויס פון צימער און זיך געלאָזט מיט גיכע טריט צו דער ערשטער סטאַציע פון דער „רונדבאַן", וועלכע איז נישט ווייט געווען פון האָטעל.

אַראָפּגייענדיק אין שאַרלאָטנבורג, איז ער גלייך אַוועק צו דער באַלעבאָסטע פון דעם חתנס וווינונג.

זי האָט אים באַגעגנט מיט דער פראַגע:

— וווּ איז די פריילין?

ער האָט איר געענטפערט מיט דערזעלבער פראַגע, און זי איז אויסגעפרעגט, ווי האָט סאַלטשע פאַרבראַכט ביי איר אין הויז דאָס לעצטע מאָל און זי האָט דערציילט, אַז יעדעס מאָל, ווען זי איז געווען ביי איר, האָט זי נאָר גערעדט וועגן איר ברודער, דעם יונגן דאָקטאָר, וועלכן זי האָט אַזוי ליב.

— איינמאָל, — האָט די באַלעבאָסטע דערציילט, — איז זי געווען מיט מיר אין דעם דאָקטאָרס צימער. איך האָב געעפנט די

פענצטער און זי האָט באַטראַכט ביידע צימערן און אויף יעדער זאַך, וואָס זי האָט דאָרט געפונען, האָט זי אויסגעפרעגט, ווען האָט ער עס געקויפט. זי האָט דערזען זיין בילד און זי האָט אים געקושט.

מער האָט די באַלעבאָסטע נישט געהאַט וואָס לערנערן צו דערציילן וועגן סאַלטשען, אַ חוץ נאָר דאָס, אַז זי איז זייער אַ „ליבע פריילן", און ווען לערנער האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט וועגן סאַלטשעס לעצטן וויזיט ביי איר אין הויז, האָט זי גאָרנישט געהאַט וואָס צוצוגעבן.

— ביים אַוועקגיין האָט זי זיך געזעגנט מיט מיר און מיט מיין טעכטערל. מיר האָבן אין דער קורצער צייט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט זי זייער ליב באַקומען און האָבן זי געבעטן, זי זאָל מאָרגן אויך צו אונדז קומען.

די באַלעבאָסטע איז פון סאַלטשעס פארשווונדן ווערן נישט איבערראַשט געוואָרן. זי האָט געקוקט אויף לערנערן ווי אויף דער פריילנס אַ פריינט. איצט האָט זי אים אַוועקגעוואָרפן און ער זוכט איר. געוויס האָט ער זי ליב און איז איבערראַשט פון איר פאַרשווונדן ווערן. דאָס איז אַ נאַטירלעכע זאַך, אַ געוויינלעך געשעעניש, וואָס טרעפט זיך אין בערלין יעדן טאָג.

דער באַלעבאָסטע האָט נאָר באַנג געטון, וואָס סאַלטשע האָט זיך מיט איר נישט געזעגנט. נאָר געוויס האָט זי קיין צייט נישט געהאַט און וועט זיך אַנטשולדיקן דורך אַ בריוו אָדער ווען זי וועט דאָס צווייטע מאָל זיין אין בערלין.

לערנערן איז שווער געווען איבערצעטראָגן, ווי די דייטשקע האָט אַזוי קאַלט און גלייכגילטיק גערעדט וועגן סאַלטשעס פאַרשווונדן ווערן, און ער האָט זיך אָנגעהייבן געזעגענען. די באַלעבאָסטע האָט אים געבעטן, ער זאָל נאָך אַריינקומען צו איר אין אַ פרייער צייט און האָט אים געטרייסט:

— באַרויקט אייך, די פריילן וועט נאָך געוויס קומען צו אייך... איר זענט וואַרשיינלעך שטרענג געווען צו איר, וויל זי אייך אָנלערנען און איז אַוועק פון אייך... אירע קאַפריזן יועלן איבערגיין, וועט זי ווידער קומען צו אייך. זייט רויק, דאָס איז אַ געוויינלעכע געשיכטע ביי יונגעלייט...

קוים אַ לעבעדיקער איז ער אַרויס אויף דער גאַס. ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן אָן אַ שום צוועק. די פיס האָבן אים געטראָגן אַהין, וווּ זיי האָבן געוואָלט, און אין יעדער שיינער עלעגאַנטער פריילן, וואָס ער האָט אין גאַס באַגעגנט, האָט ער דערוואַרט צו באַגעגענען סאַלטשען.

ער האָט פון קיין זאַך נישט געטראַכט און האָט קוים געשלעפּט די פיס אונטער זיך. פאַרבייגייענדיק אַ פּלאַץ, ווו עס זענען געשטאַנען אויטאָמאָבילן, האָט אים איינער פון די שאָפערס פאָרגעלייגט צופאָרן, האָט ער זיך אַרייַנגעזעצט אין אויטאָ און אָנגערופן דעם נאָמען פון זיין האָטעל.

דאָס פאָרן האָט געדויערט אַ גאַנצע שעה און, קומענדיק אין האָטעל, האָט ער געפרעגט, צי דאָס פריילין איז שוין געקומען און ער האָט באַקומען אַן ענטפער, אַז ניין.

אַ מידער, אַ צעבראָכענער און אַ דערשלאָגענער איז ער אַריין צו זיך אין צימער און געפאַלן ווי אַ דערהרגעטער אויף זיין בעט.

ער האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער וועט וואַרטן ביז מאָרגן פרי, און אויב זי וועט נישט קומען, וועט ער אָננעמען מיטלען זי אויפצעזוכן.

ער איז אָפּגעשלאָפן ביז פאַרנאַכט, און ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער ווידער געפרעגט אין האָטעל, צי דאָס פריילן איז געקומען און ער האָט באַקומען אַן ענטפער, אַז זי איז נישטאָ. ער האָט פאַרלוירן אַלע האָפענונגען אויף איר צוריקקומען.

— עס איז געשען אַ גרויס אומגליק! — האָט ער געזאָגט, און האָט געוואָלט גיין אין פּאָליציי געבן צו וויסן וועגן דעם און בעטן, מען זאָל אים העלפן זי אויפזוכן. ער האָט אָבער געפונען, אַז ביינאַכט וועט מען גאָרנישט קענען טון.

אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, איז ער אַוועק אין פּאָליציי און דאָרט צוגעזאָגט די „אַגענטן", אז ער וועט זיי גוט באַפרידיקן, מען זאָל זי אויפזוכן, און דערווייל זיי געגעבן אַ געוויסע סומע אויף הוצאות. מען האָט אים געהייסן וואַרטן אַ טאָג צוויי.

דריי טעג האָט ער געוואַרט און קיין רעזולטאַטן זענען נישט געווען. סאַלטשע איז פאַרפאַלען געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין. דאַן

איז ווידער אויסגעשוואומען פאַר אים סטאַש גרינעווסקי מיט וואַלערי קאַרפּינסקי, מיט זייערע פּריינט. „איז דעם אומגליק שטעקן זייערע הענט"!.. — האָט ער זיך געזאָגט.

עס איז ביי אים געבליבן, ער זאָל פאָרן קיין באַזעל. דאָרט וועט זיך אַלץ אויפקלערן, און דערנאָך וועט ער טעלעפאָנירן טאַלטשעס פאָטער.

דעמזעלבן טאָג איז לערנער אָפּגעפאָרן קיין באַזעל.

מ. ספעקטאָר

סודות

ראָמאַן אין צוויי טיילן

צווייטער טייל

פאַרלאַג „אחיספר“, וואַרשע
Printed in Poland.

Drukarnia I. Hendlera, Warszawa, Długa № 26.

א.

דאָס יידישע שטעטל דאַר־ברעשקטי געפינט זיך אויף באַסאַראַבישער ערד, ביים ברעג דניעסטר. די שטיבלעך זענען ווי אַרבעס אויסגעשיט אויף דעם באַרג און אין די טאָלן, ענג אָנגעשפּאַרט איינס אין דעם צווייטן, ווי גלייך זיי האַלטן זיך צו איינס דאָס אַנדערע ביי די הענט, מען זאָל נישט פאַלן, נישט צעשיט ווערן און אַריינפאַלן אין טייך דניעסטר.

פרייטיק צונאַכטס. פון אַלע פענצטער שיינען נאָך די שבתדיקע בענטש־ליכט.

די יידישע איינוווינער אין דעם שטעטל פילן זיך אויסגעצייכנט. מען האָט איבערגעלעבט די גרויסע מלחמות און קליינע פּאָגראָמלעך. דערנאָך, ווען רומעניע האָט פאַרכאַפּט באַסאַראַביע, האָבן זיך אָנגעהייבן די צרות פון אַלערליי „פאַרשטאַרקטע אָרדענונגען". דאָס מיליטער האָט געבושעוועט, אַ ייד האָט נישט געטאָרט אַרויסשטעקן די נאָז פון זיין שטוב. דעם יידנס לעבן און זיין פאַרמעגן איז די ערשטע צייט אונטער דער רומענישער מ.ז.כט געווען הפקר. איצט האָט זיך אַלץ באַרויקט און איינגעאָרדנט ווי נאָך אַ שלאַקס־רעגן, ווען די זון גייט אויף.

רומעניע האָט אָנגעהייבן געבן גלייכע רעכט די יידן אין איר לאַנד און צו די באַסאַראַבער איינוווינער האָט זי, איבער פאַרבאָרגענע פּאָליטישע טעמים, אָנגעהייבן זיך חנדלען און קאָמפּלימענטן מאַכן.

איצט לעבן זיך די באַסאַראַבער יידן און אויך די יידן אין שטעטל דאַר־ברעשקטי רויק און שטיל, און דער שבת רוט איצט אויך אין אַלע יידישע הייזער און אויף די פאַרדרייטע געסלעך.

עס איז איצט אַזוי שטיל און רויק אין שטעטל, אַז מען קאָן פון צייט צו צייט הערן דעם שטילן גאַנג פון דעם וואַסער איבער דער ווייטער לענג פון דעם שיינעם, לויטערן, גלאַנצעדיקן דניעסטר.

אין דער דאָזיקער שטילקייט זענען פון איין הייזל אַרויסגעגאַנגען צוויי יונגעלייט און מיט לאַנגזאַמע שבתדיקע טריט אָנגעהייבן שפּאַצירן איבער די געסלעך פון שטעטל.

אָט האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ טאָל און אָט האָבן זיי זיך ווידער אויפגעהייבן אויף אַ בערגל.

דעם גאַנצן וועג האָבן זיי גערעדט און גערעדט, אַזש זיך אַלעמאָל פאַרכליניעט פון איבערגעפולטן רעדע־שטאָף, וואָס האָט זיך ביי זיי אָנגעקליבן אין דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג נישט געזען. און אָט זענען זיי אַרויפגעגאַנגען אויף דער העכסטער הויך פון באַרג. דאָ האָבן זיי זיך אַנידערגעשטעלט און איינער פון זיי האָט אין דער טיפקייט פון דער נאַכט אָנגעהייבן קוקן אין דער ווייטער ווייטקייט אויף יענער זייט ברעג, ווו דער ברייטער, לאַנגער דניעסטר גרענעצט אָפּ באַסאַראַביע פון פּאָדאָליע און לויפט מיילן־וויי צווישן די צוויי לאַנגע ברעגן פון די קאַרפּאַטן-בערג ביז אין שוואַרצן ים אַריין.

— איך זע גאָרנישט, בעני!

מיט די ווערטער האָט זיך געווענדט דער יונגער דאָקטאָר דוד שטיינמאַן צו זיינעם אַ חדר־חבר, בעני גאָלדשטיין.

נאָך פיל צייט וואַנדערן איבער רומעניע און באַסאַראַביע איז ער ערשט היינט אָנגעקומען אין דעם שטעטל דאַר־ברעשקטי, ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיינעם אַן אַלטן פריינט בעני.

שטיינמאַן האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בינאָקל און אָנגעהייבן ווידער קוקן אין דער ווייטקייט אויף יענער זייט ברעג.

בעני האָט אים אַ כאַפּ געטון ביי דער האַנט.

— וואָס איז? — האָט שטיינמאַן געפרעגט.

— קוק נישט מיט דעם בינאָקל. אַז מען וועט דיך דערזען דאָ אויף דעם ברעג קוקן דורך אַ בינאָקל, קאָן מען אונדז אַרעסטירן און דיך אָננעמען פאַר אַ שפּיאָן. דעם דניעסטר היט מען פון ביידע זייטן.

שטיינמאַן האָט צוריק אַריינגעלייגט אין קעשענע דעם בינאָקל און זיך אָנגערופן:

— איך זע אָבער גאָרנישט.

— וואָס ווילסטו זען?

— וואָס הייסט, וואָס? דאָס פּאָדאָליער שטעטל טשאַרניוווסק וויל איך זען! טשאַרניוווסק איז צעשיט ביים פּאָדאָליער ברעג אַזוי ווי דאַר־ברעשקטי. דיביידע יידישע שטעטלעך קוקן איינס אויף דאָס אַנדערע.

— דו געדענקסט, בעני, — האָט שטיינמאַן זיך אָנגערופן, — ווען מיר זענען געווען יינגלעך, פלעגן מיר זיך פון דאַנען איבער־שרייען איבערן דניעסטער מיט די מיידלעך פון טשאַרניוווסק. זיי פלעגן צו אונדז פּאַכן מיט זייערע טיכלעך און מיר פלעגן זיי שיקן לופט-קושן. דו געדענקסט, בעני, די זומערדיקע פאַרנאַכטן מיט דעם באַסאַראַביש־אוקראַינער הימל? די טשאַרניוווסקער מיידלעך האָבן אונדז איבער דעם טייך גערופן, און פון דעם שיינעם גלאַטן דניעסטער האָבן זיך געהערט געזאַנגען פון יונגע פּאָרלעך, וועלכע האָבן געשפּאַצירט מיט שיפלעך, און די „וויאָסלעס" פון די שיפלעך האָבן צוגעקלאַפּט צום טאַקט פון זייערע געזאַנגען. ווי שיין איז עס גע־ווען! און ווי שטיל איז איצט אַרום און אַרום...

— וואָס האָסטו זיך דערמאָנט! איך מיין, אַז ביי אייך אין דייטשלאַנד איז פיל שענער. דאַרט געפינט זיך דאָך דער באַרימטער טייך ריין, וואָס איז געוויס שענער פון אונדזער דניעסטער.

— האָסט אַ טעות, מיין פריינט! אונדזער דניעסטער איז שענער פון דעם ריין! אָט וועל איך עס דיר באַלד באַווייזן. אויף דער גאַנצער לענג פון דייטשן ריין וועסטו נישט באַגעגענען אַזאַ שיין ווינקל, ווי אָט די צוויי יידישע שטעטלעך דאַר־ברעשקטי מיט טשאַר־ניוווסק, וועלכע שטייען אויף צוויי גלייכע הויכע בערג און קוקן איינס אויף דעם צווייטן איבערן דניעסטער אַ סך הונדערטער יאָרן, ווי צוויי פאַרליבטע... קיין אויג נעמען זיי נישט אַראָפּ איינער פון דעם אַנדערן. און געדענקסטו יעדן פרייטיק־צונאַכטס אָדער יום־טוב־פאַרנאַכט, ווען מען האָט אין ביידע שטעטלעך אָנגעצונדן בענטש־ליכט אין די יידישע הייזלעך, וועלכע האָבן זיך מיט זייערע פייערלעך אָפּגעשפּיגלט אין גלאַטן שטילן טייך דניעסטער?.. האָסטו אַמאָל געזען אַ שענער בילד אויף דער וועלט?

— און אויף דעם טייך ריין, — האָט ער ווייטער גערעדט, — קאָן מען זען אויף די ברעגן אַלטע שלעסער און פּאַלאַצן פון די אַמאָליקע דייטשע באַראָנען, היסטאָרישע באַרימטע מערדער, וועלכע

האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג פון רויבערייען ביי די דורכרייזנדיקע סוחרים אויף דעם טייך ריין. פרעג איך דיך, ווו איז שענער? און חוץ דעם איז דער דניעסטער שוין שענער מיט דעם, וואָס ער איז נישט געקינסטלט. נישטאָ ביי די ברעגן פון ריין קיין שטיקל ערד, ווו אַ לאָפּעטע און אַן אייזן האָט זיך נישט צוגערירט, און דאָ זעסטו אינגאַנצן די אומשולדיקע, נאָר רייכע נאַטור... נאָר ווער קוקט זיך אום אויף אַזעלכע פאַרבישופטע שיינע ווינקעלעך, ווו יידן וווינען?..

טיינמאַן האָט ווייטער געקוקט אין דער ווייטקייט איבערן דניעסטער און געפרעגט בענין:

— פאַרוואָס זע איך נישט דאָס שטעטל טשאַרניוווסק? עס איז דאָך היינט פרייטיק־צונאַכטס! איך געדענק, אַז יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס, ווען מען האָט דאָרט אָנגעצונדן בענטש־ליכט, האָבן מיר פון דאַנען געזען הונדערטער פייערלעך פון די פענצטער, ווי אַ גאַנצע אילומינאַציע האָט עס אויסגעזען פון דערווייטנס... איצט זעט מען גאָר־נישט, קיין איינציק פייערל נישט! נאָר עפּעס שווארצע שאָטנס, גרויסע און קליינע, שפּינען זיך פאַר מיינע אויגן...

— וואָס־זשע ווילסטו זען? — האָט בעני שטיל געפרעגט. — דאָרטן איז אַלץ טויט. מען הערט גאָרנישט און מען זעט גאָרנישט. שוין זייער לאַנג, אַז מען האָט פון יענער זייט נישט געזען ביינאַכט אַ שיין פון אַ פענצטערל. בייטאָג קאָן מען פון דאַנען יאָ זען די הייזלעך פון שטעטל, אָבער פונדאַנען זעען אויס די הייזלעך ווי מצבות און דאָס גאַנצע שטעטל ווי אַ בית־הקברות... צייטנווייז קאָן מען מיט אַ גוט אויג פון דאַנען דערזען, ווי עס גייט צווישן די קברים־שטיבלעך אַ מענטש אָדער צוויי, נאָר זיי זעען אויס ווי קברות־יידן.

— וואָס־זשע, דאָס שטעטל איז חרוב געוואָרן, פּאָגראָמען זע־נען דאָרט געווען? — האָט שטיינמאַן געפרעגט מיט ציטערניש.

— איך ווייס נישט, מיר ווייסן ווייניק, וואָס דאָרט קומט פאָר. די „קאָנטראַבאַנדזשיקעס" דערציילן אונדז פאַר גוט געלט. זיי קאָן מען אָבער נישט גלויבן. מיר ווייסן זייער ווייניק, נאָר אויף דער גאַנצער לענג פון יענער זייט ברעג, ווו עס זענען אויסגעמישט אַ סך יידישע שטעטלעך, זעען מיר, אַז דאָרט הערשט דער טויט. נישטאָ קיין סימן פון לעבן

— אַ שרעק כאַפּט אָן! איז דאָס מעגלעך, עס זאָל אַזוי זיין, ווי דו דערציילסט?

— דו וועסט דאָך אַליין. דיר זענען פון אַמאָל אויך גוט באַקאַנט די ברעגן פון דניעסטער, האָט עס דאַן אַזוי אויסגעזען? עס איז נאָך איצט אָנהייב נאַכט. דאָ איז איצט לכּבֿוד שבת ליכטיק אין אַלע פענצטער, און וואָס זעסטו דאָרט?

— אַ פינסטערניש! געדיכטע שוואַרצע שאָטנס. אָט ווייזט מיר אויס, אַז איך זע פאַר זיך אַן אַלטן שוואַרצן וואַלד, אָדער שוואַרצע שפּיציקע שטיינער. נאָר דאָס וואַסער פון דניעסטער זע איך דייטלעכער פון אונדזער זייט.

— ווייל די שיין פון אינדזער זייט שפּיגלט אָפּ אַ שיין אין וואַסער, און פון יענער זייט איז אפילו דאָס וואַסער שוואַרץ.

— דו קאָנסט מיך, בעניו, אַז איך בין נישט קיין שרעקעוודיקער, נאָר איצט פיל איך, אַז [illegible]ך ביטער פון שרעק.

שטיינמאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן און ווידער געקוקט אויף דער פינסטערער ווייטקייט, ווענלדיק עפּעס זען, נאָר פּלוצים האָט ער געפרעגט זיין חבר:

— בעני, דו האָסט אַמאָל געזען דאָס פּאָפּולערסטע בילד פון באַרימטן קינסטלער בעקלין: „דער טויט־אינדזל“?

— ניין, איך האָב נאָר געהערט, זיין נאָמען איז מיר באַקאַנט, נאָר דאָס בילד האָב איך נישט געזען.

— אַ שאָד, נאָר דו קאָנסט עס איצט זען דייטלעכער און קלאָרער. בעקלין האָט געמאָלט אַן אינדזל, ווו דו זעסט נאָר גרויסע שפּיציקע שטיינער און ביי די זייטן טויזנט־יעריקע פאַרוואַקסענע ביימער. צווישן די שטיינער איז דאָ אַ טויער. אויף דעם וואַסער זעט מען ווי דער מלאך־המות, שטייענדיק אין אַ שיפל, שווימט מיט אַ מת, וועלכן ער פירט צו דעם טויער אין דער אייביקער רו. דאָס־זעלבע בילד זע איך איצט, קוקנדיק אויף יענער זייט ברעג, ווו עס געפינט זיך דאָס יידישע שטעטל טשאַרניווסק. צו דעם איצטיקן בילד פעלט נאָר דאָס שיפל מיט דעם מלאך־המות און זיין קרבן.

— עס כאַפּט מיר אָן אַ שרעק, — האָט שטיינמאַן ווייטער געזאָגט, — ווען איך דערמאָן זיך, אַז פון דאָרט, פון דעם טויט־אינדזל, דאַרף איך דערוואַרטן, אַז מיין דינה זאָל אַריבערקומען. איך גלויב גאָרנישט, צו זי לעבט... איך האָב זי שוין לאַנג געהאַלטן פאַר טויט. שוין אַ יאָר זעקס, אַז איך האָב פון איר נישט געהערט. ווען נישט דיין בריוו, וואָס איך האָב באַקומען. ווען נישט דיין בריוו, וואָלט איך

קיינעם נישט געגלויבט. ביזטו זיכער, אַז זי לעבט נאָך דאָרט און אַז זי וועט אַריבערקומען?

— דו רעדסט ווי אַ ניי אָנגעקומענער, וואָס האָט זיך גאָר נישט באַקענט מיט דעם היגן לעבן, וואָס הערשט ביי די ברעגן פון דניעסטער. ווען דו וועסט דאָ אַ געוויסע צייט פאַרברענגען, וועסטו פאַרשטיין מיין ענטפער, וואָס איך וועל דיר איצט געבן.

— וואָס־זשע קענסטו מיר ענטפערן?

— איך קען אויף זיכער אין דעם מאָמענט נישט זאָגן, צי זי לעבט... און ווען זי לעבט אַפילו יאָ, קען מען אויף זיכער נישט זאָגן, אַז זי וועט אַריבערגיין... מיט איין זאַך אָבער קען איך דיך נאָר באַרויקן, אַז אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב דיר געשריבן קיין בערלין, אַז זי בעט, מען זאָל דיר געבן צו וויסן וועגן איר לאַגע און אַז דו זאָלסט קומען זי ראַטעווען, ווי עס טוען אַ סך מענטשן פאַר זייערע אייגענע,—ווען איך האָב דיר וועגן דעם געשריבן, האָט זי יאָ געלעבט.

— ווער האָט עס דיר איבערגעגעבן, אַז זי לעבט? די קאָנטראַ־באַנדיסטן?

— ניין, אויף זיי פאַרלאָז איך זיך ווייניק. איך האָב געהאַט פון איר אַ בריוו.

— אַ בריוו?! פון דינהן אַ בריוו?

— יאָ, מיט איר אייגענער האַנט געשריבן...

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געוויזן?

—דו ביזט ערשט היינט געקומען. איך האָב דיר נאָך אַ סך צו ווייזן, און בכלל גיב איך דיר אַן עצה: אויב דו ביזט געקומען עמעצן אַריבערצעבערענגען פון יענער זייט, מוז מען קודם־כל האָבן אַ סך גע־דולט און רויקייט... דאַן קען מעגלעך זיין, עס זאָל געלינגען. אָן דעם איז אַרויסגעוואָרפענע צייט מיט געלט, מיט פלאָגעניש, מיט צרות...

— איך בין גרייט אויף אַלעם, אַבי דינהן צו איבערצעבערענגען.

— אויב אַזוי, איז גוט. באַרויק זיך. מיר וועלן טון אַלץ און וועלן האָפן, אַז מיר וועלן דינהן אינגיכן זען!

שטיינמאַן האָט ווייניק געגלויבט אין זיין גליק, אַז ער וועט אינגיכן זען זיין דינהן. אויף דעם וועג אין רומעניע האָט ער כּיל געזען און נאָך מער אַ סך זיך אָנגעהערט וועגן די שוידערלעכע אומ־גליקן ביים איבערגיין דעם דניעסטער, און שטיינמאַנען האָט זיך ווייניק געגלויבט, אַז אַזאַ גליק זאָל אים טרעפן און ער האָט פּלוצים געפרעגט בענין

— מען זאָגט, אַז דאָ געפֿינען זיך אַ סך מערדער, אפֿילו צווישן יידן, וועלכע זויגן אויס דעם לעצטן טראָפּן בלוט פֿון די אומגליקלעכע, וואָס לאָזן זיך גיין איבער דעם דניעסטר. איז עס אמת?

— צום באַדויערן, איז עס אמת. אָבער גלייכצייטיק געפֿינען זיך דאָ מלאכים אין דער געשטאַלט פֿון מענטשן, וועלכע ראַטעווען פֿון טויט און אומגליק אַ סך פֿון אונדזערע ברידער און שוועסטער.

— ווער־זשע זענען זיי?

— קיינער קען זיי נישט. זייערע נעמען וועלן דיר און קיינעם גאָרנישט זאָגן. די צייטונגען שרייבן נישט וועגן זיי, ווייל קיינער ווייסט נישט פֿון זיי. דאָס זענען געוויינלעכע מענטשן און אָפֿט גאַנץ פּראָסטע מענטשן, נאָר מיט גרויסע הערצער, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען מיט לייב און לעבן צו ראַטעווען דאָס לעבן פֿון די אומגליקלעכע. אָט די אומבאַוווּסטע מענטשן טוען אין דער שטיל גרויסע זאַכן און נאָר געציילטע, גאַנטע און אָרטיקע איינוווינער ווייסן פֿון זיי און מער פֿון אַלע ווייסן וועגן זיי די אומגליקלעכע, וועלכע זענען געראַטעוועט געוואָרן פֿון שאַנד און פֿון טויט.

—עס טרעפֿט זיך אָבער אָפֿט, אַז אפֿילו די אומגליקלעכע, וועלכע ווערן געראַטעוועט פֿון די דאָזיקע מלאכים, ווייסן אויך נישט, פֿון וואַנען זייער ישועה איז געקומען. יאָ, מיין ליבער דוד, — האָט בעני געענדיקט, — דאָ, ביי דער גאַנצער לענג פֿון ביידע ברעגן דניעסטר, געפֿינען זיך שדים און רוחות און אויך מלאכים, וועלכע ראַנגלען זיך שטענדיק צווישן זיך, ווי שטענדיק, ווען עס באַגעגענען זיך גוטס און שלעכטס...

— ווער זשע זענען זיי? איך וויל זיי מיטהעלפֿן אין זייער הייליקער אַרבעט.

—זיי וועסטו זעלטן קאָנען זען. זיי זענען צעוואָרפֿן אויף ביידע ברעגן פֿון דניעסטר אין פֿאַרשידענע שטעטלעך, נאָר זייערע גוטע מעשים וועסטו יאָ קאָנען זען, ווען דו וועסט דאָ אַ לענגערע צייט פֿאַרבלייבן. דו וועסט זען, אַז לויט זייערע שיינע מעשים פֿאַר זייער פֿאָלק, זענען זיי גרויסע העלדן. אמתע העלדן!

— פֿאַרוואָס־זשע הערט מען נישט פֿון זיי? פֿאַרוואָס ווייסט מען נישט פֿון זיי? — האָט שטיינמאַן מיט פֿאַרוואונדערונג געפֿרעגט.

— אונדזער עולם וועט פֿון זיי וויסן. אין אַלע צייטן, ווען אויף דעם יידישן פֿאָלק גיסט זיך אויס אַ גרויסער גזר, אַ גרויס אומגליק, באַווייזן זיך צווישן זיי אַזעלכע שטילע העלדן. און אין איצ־

סיקן גרעסטן אומגליק, וואָס עס האָט ווען עס איז געטראָפן יידן, צווישן אַלערליי אייגענע און פרעמדע מערדער, פאַרברעכער און רוצחים, זענען אויך אויסגעוואַקסן צווישן יידן שטילע, נאָר גרויסע העלדן. איצט זענען זיי אומבאַוווסט. זיי זעען אויס ווי געוויינלעכע און גאַנץ אָפט פּראָסטע מענטשן. נאָר דאָס יידישע פאָלק פאַרגעסט זיי נישט, דער זכרון וועגן די דאָזיקע העלדן ווערט אויף דורות לאַנג געוועבט און פאַרקרעפטיקט אין יידישן פאָלק דורך פאַרשידענע לעגענדן און ווונדערלעכע מעשיות.

— אָט די אַלע אונדזערע אליהו הנביאס פון די גאָר אַלטע צייטן און די ל"ו צדיקים, די „למד־וואָווניקעס", די ר' לייב שרהס מיט די גוטע בעל־שמס פון די נענטערע צייטן, באַווייזן זיך אַלע מאָל בעת אַ צרה צו יידן, אפילו צו אַ יחיד און טרייסטן אים און העלפן אים. זיי האָבן אין זייערע צייטן, ווען זיי האָבן געלעבט, געוויס געטון גרויסעס און העלדישעס פאַר זייער פאָלק און זענען דערפאַר פאַראייביקט געוואָרן אויך איצט. דוד, אין אונדזער גרויסן אומגליק, ווען מיליאָנען יידן זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע היימען און לויפן פון אומגליק און טויט, הונגעריקע, באָרוועסע און נאַקעטע, ווען טויזנטער יידישע טעכטער ווערן געשענדט, געהרגעט און צעראַבירט, באַווייזן זיך אויך נייע פאַרבאָרגענע ל"ו צדיקים אין דער געשטאַלט פון פּראָסטע געוויינלעכע מענטשן, נאָר מיט יידישע הערצער.

— ווי אַזוי זע איך זיי? ווו באַגעגן איך זיי? איך וויל זיין אַזוי ווי זיי!

— זיי רעדן נישט און פרעגן נישט אַזוי ווי דו, נאָר זיי טוען גוטס אויף רעכטס און אויף לינקס... זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ און זענען זיך מקריב פאַר יעדער געראַטעוועטער יידישער נשמה.

שטיינמאַן האָט געשוויגן. דער קאָפּ האָט זיך ביי אים אַראָפּגעלאָזט ווי ביי אַ פאַרשולדיקטן, אַ פאַרמשפּטן און ער האָט זיך געפילט אַזוי קליין, אַזאַ גאָרנישט קעגן זיין חבר, וואָס האָט נישט געלעבט און נישט געזען די גרויסע וועלט, נאָר ער לעבט דאָ, אינם קליינעם שטעטל ביים ברעג פון דניעסטער.

— און וואָס טוסטו פאַר די אומגליקלעכע? — האָט שטיינמאַן געפרעגט.

— קיין גרויסע זאַכן טו איך נישט... איך טו וואָס איך קאָן,

נאָר ווי קום איך צו זיי, צו די גרויסע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן אַזוינע גרויסע, גרויסע הערצער און ליבע צו מענטשן מיט אַזוי פיל העלדישקייט? איך טו אַזוי פיל, וואָס יעדער ייד איז מחויב צו טון...

ביידע אַמאָליקע חברים האָבן געשוויגן. עפּעס האָט זיך ביידן געוואָלט גוט אָנקוקן איינער דעם אַנדערן, נאָר די נאַכט האָט זיי ביידן געשטערט. די יונגע לבנה האָט זיך שוין אָנגעהייבן אַראָפּצע־לאָזן און די שטערן האָבן אָנגעהייבן קלערער צו פינקלען. בעני האָט באַמערקט, ווי זיין חברס שיינע, שוואַרצע אויגן האָבן געגלאַנצט פון שטייענדיקע טרערן, וועגן וועלכע מען דריקט זיך אַמאָל אויס, אַז אַ גוט האַרץ שפּיגלט זיך אָפּ אין די אויגן.

בעני האָט זיך דערמאָנט, אַז דוד איז שטענדיק געווען אַ גו־טער חבר און אַלע האָבן אים ליב געהאַט.

ביידע האָבן זיך אויף דעם באַרג געזעצט אויף אַ שטיין און האָבן געשוויגן. דער זעלטן שיינער אויסגעשטערנטער הימל האָט זיי ביידן געמאַכט צום שווייגן. די שטילע, שווייגנדיקע נאַכט האָט ווי אַ שלאָס אויפגעהאָנגען אויף זייערע מיילער און זיי האָבן נישט גע־וואַגט צו שטערן די שטילקייט פון דער דאָזיקער נאַכט.

פּלוצים האָבן זיי דערהערט אַ שאָרך פון דערווייטנס, און די בלעטלעך פון די נידעריקע ביימלעך, וועלכע וואַקסן אין דער רעכטער זייט פון באַרג, פון וואַנען יעדן פרימאָרגן גייט אויף די זון, האָבן זיך איצט באַוועגט.

דוד האָט זיך דערשראָקן.

— געוויס גייט דאָרט אַ פּאַטרול, וואָס היט דעם ברעג פון דניעסטר? — האָט דוד געפרעגט.

— שרעק זיך נישט, — האָט אים בעני באַרויקט, — דאָ דאַרף מען נישט היטן. בייטאָג וועל איך דיר באַווייזן, אַז אויף דעם אָרט איז אוממעגלעך, אַז עמעצער זאָל קאָנען אַריבערגיין דעם דניעסטר. דער באַרג ציט זיך צום וואַסער ווי אַ גלייכע וואַנט, און פון יענער זייט, פּונקט אַנטקעגן, ביים שטעטל טשאַרניוווסק, ציט זיך אויך אַזאַ גלייכע וואַנט.

דאָס שאָרכען און דאָס שאָקלען זיך פון די נידעריקע צווייגן האָבן זיך געהערט קלאָרער און נענטער, און אין אַ מינוט שפּעטער האָבן זיך דערהערט טריט.

דוד האָט ווידער אָנגעהייבן צו ווערן אומרויק.

— באַרויִק זיך, — האָט אים בעני שטיל געזאָגט. — אפשר וועט מען פאַרבייגיין און אונדז נישט באַמערקן... און ווען אפילו יאָ, איז אויך נישט קיין אומגליק. איך בין אַ היימישער, דו ביזט אויך נישט קיין פרעמדער. היגע איינוווינער האָבן דאָ פאַר קיינעם קיין מורא נישט. די וואַך, וואָס היט די ברעגן און די גאַנצע היגע „גאַטשאַל־סטווע“ קאָנען אונדז זייער גוט און באַזונדערס מיך. אין דעם זענען די רומענער זייער אַ גוט פאָלק. זיי האָבן ליב יידיש געלט און באַ־סאַראַבער וויין מיט שבתדיקע פיש...

און ווי די צוויי חברים האָבן אַזוי שטיל גערעדט צווישן זיך, איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן אַ שוואַרצע געשטאַלט, וואָס האָט זיך איינגעקוקט איןביידע יונגעלייט און זיך אָנגערופן:

— אַ גוט שבת, ר׳ בעני! ווער איז דער יונגערמאַן, וואָס איז מיט אייך? איך זע אים דאָס ערשטע מאָל.

— מיינער אַ פריינט, ער איז ערשט היינט געקומען צופאָרן.

די געשטאַלט האָט שטיינמאַנען דערלאַנגט די האַנט און גע־זאָגט:

— שלום עליכם! הייסט עס, זיי זענען ביי אייך אַן אורח אויף שבת, וועל איך שוין מאָרגן ביי אייך נישט זיין.

— איר מעגט קומען, מיין ווייב האָט זיך גערעכנט אויף אייך. ווי קומט איר אַהער, ר׳ אהרן?

— גאָרנישט... עס איז זומער־לעב, בין איך נאָכן עסן געגאַנגען זיך אַ ביסל שפּאַצירן... איצט ג׳יי איך שוין שלאָפן. די בענטש־ליכט גייען שוין אויס און מאָרגן דאַרף איך גאַנץ פרי אויפשטיין. אַ גוטן שבת אייך, יידן!

ר׳ אהרן האָט אַ קוק געטון אויף דער ברייט און אויף דער לענג פון דניעסטער און געזאָגט:

— עס איז שטיל און מען זעט גאָרנישט! אַ גוטן שבת אייך!

ער האָט זיך אָנגעהייבן אַראָפּצעלאָזן פון באַרג און איז פאַר־שווונדן געוואָרן צווישן די נידעריקע ביימלעך. עס האָבן זיך נאָך אַ פּאָר מינוט געהערט זיינע טריט, נאָר באַלד האָט מען זיי אויך נישט געהערט און עס איז ווידער שטיל געוואָרן.

דוד האָט די גאַנצע צייט געהערט ווי דער אומבאַקאַנטער ר׳ אהרן האָט גערעדט און מיט גרויס פאַרוווּנדערונג האָט ער געשלונ־גען יעדעס וואָרט, וואָס ר׳ אהרן האָט אַרויסגעלאָזט פון מויל און

וואָס איז אים געווען אַזוי ניי און אומפאַרשטענדלעך.

דוד און בעני האָבן דעם ר׳ אהרנען געבעטן, ער זאל נאָך אַ ביסל פאַרבלייבן מיט זיי און שפּאַצירן צוזאַמען. זיי האָבן אים געוואָלט אויספרעגן, וואָס עס הערט זיך עפּעס אין שטעטל, נאָר ר׳ אהרן האָט זיך אָפּגעזאָגט, זיי איבערגעלאָזט און איז אַליין אַוועקגעגאַנגען. בעני האָט אים מער נישט געוואָלט איינרעדן. ער האָט אים נאָר געזאָגט: „גייט געזונטערהייט!“ און געוואָלט אים באַגלייטן ביז אונטערן באַרג, נאָר ר׳ אהרן האָט זיך פון דעם אויך אָפּגעזאָגט.

— איר, יונגעלייט, קאָנט נאָך שפּאַצירן, די נאַכט איז אַזוי שיין... — און בעני האָט אים נאָר באַגלייט מיט בליקן פול מיט דרך־ארץ.

ווען ר׳ אהרן איז אַוועקגעגאַנגען און עס איז ווידער שטיל געוואָרן, האָט דוד זיך געווענדט צו בענין:

— עפּעס אַ מאָדנער ייד איז אָט דער דאָזיקער ר׳ אהרן. ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ משונהדיקן איינדרוק. וואָס דרייט ער זיך דאָ אַרום אַליין צווישן די בערג ביינאַכט? איך קאָן זיך נישט פאָר־שטעלן, אַז אַזאַ מין ייד זאָל האַלטן פון שפּאַצירן... אַלע דאָר־בּרעשק־טער יידן גייען שוין שלאָפן... און צו וואָס דאַרף ער זיין ביי דיין ווייב מאָרגן? און פאַרוואָס וויל ער נישט קומען צוליב מיר? קיין איינציק וואָרט האָב איך נישט פאַרשטאַנען!

— איך בין זייער צופרידן, וואָס מיר האָבן זיך איצט באַגעגנט מיט אים דאָ אויף דעם באַרג, — האָט בעני זיך אָנגערופן. — דאָס איז אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך פאַרשלעפּט אַהער אָנקוקן דאָס שטעטל טשאַרביוואָסק פון דערווייטנס... ווייטער קום איך אַהער ווייניק. שוין לאַנג, אַז איך בין דאָ נישט געווען. ר׳ אהרן איז געוויס נישט צופרידן, וואָס ער האָט זיך מיט אונדז באַגעגנט... ער האָט עס נישט ליב.

— ווער־זשע איז דער דאָזיקער ר׳ אהרן? — האָט שטיינמאַן מיט אומגעדולט געפרעגט. — אַ קאָנטראַבאַנדיסט, צי וואָס?

בעני האָט אַ שמייכל געטון:

— הלוואי וואָלטן יידן געהאַט אַ סך אַזעלכע קאָנטראַבאַנדיסטן! דער דאָזיגער ר׳ אהרן איז איינער פון די היינטיקע נייע ל״ו צדיקים, וועגן וועלכע מיר האָבן נאָר וואָס גערעדט. ער היט אויך די ברעגן פון דניעסטער גלייך מיט דער רומענישער וואַך און מיט די אמתע

קאָנטראַבאַנדיסטן. ר׳ אהרן היט אויף דעם דניעסטר...

שטיינמאַן האָט געעפנט מויל און אויערן פון גרויס פאַרוווּנדערונג.

— צוליב וואָס טוט ער עס?

— האָב געדולט. איך וועל דיר וועגן אַלץ דערציילן... דו מיינסט אוודאי, אַז ער איז דאָ געגאַנגען שפּאַצירן און כאַפּן פרישע לופט צוליב דער שיינער זומער־נאַכט? אָדער ער איז שוין געגאַנגען שלאָפן? איך בין זיכער, אַז ניין! איך גלויב, אַז אין דער היינטיקער נאַכט וועט ער נאָך אַ פּאָר מאָל זיך אַרומדרייען, אָדער ליגן צווישן די נידעריקע ביימלעך און זיך צוהערן, אפשר קומט עפּעס פאָר אויף דעם דניעסטר אין דער פינסטערער נאַכט?.. וואָס, מיינסטו, טוט ער דאָ אפילו ווען ער דערהערט שוין, אַז עפּעס טוט זיך ביים ברעג אָדער ווען ער דערהערט, ווי עס גנבעט זיך אַ שיפל צו אונדזער ברעג? ער טוט גאָרנישט. ער הערט נאָר: איז שטיל און עס גייט אָפּ בשלום די נאַכט, שווייגט ער און גייט זיך אַהיים שלאָפן. דערהערט ער אָבער, ווי די אומגליקלעכע זענען אַריינגעפאַלן צו דער וואַך, לויפט ער באַלד אין שטעטל, וועקט אויף געוויסע מענטשן און יענע, דערהערנדיק פון ר׳ אהרנען, אַז מען מוז ראַטעווען יידן, לויפן זיי באַלד ווו מען דאַרף און מען ראַטעוועט זיי פון טויט און אָפטמאָל אויך זייער פאַרמעגן. אויף דעם ערגסטן פאַל, ווען מען כאַפּט די „איבערגעגאַנגענע", ווערן זיי דאַן אַרעסטירט און דאָס הייסט שוין געראַטעוועט. די באַפרייונג קומט שפּעטער. מיט די רומענער קען מען אַלץ מאַכן. אַמאָל מיט יושר און מיט גוטע ווערטער, און אין ערגסטן פאַל קויפט מען אויס די אומגליקלעכע פאַר געלט. די רומענער האָבן ליב צו לעבן בשלום מיט די באַסאַראַבער איינוווינער.

— נישט אַלעמאָל געלינגט עס אָבער ר׳ אהרנען צו ראַטעווען מענטשן. אַמאָל קומט ער נישט צו דער ריכטיקער צייט, אָדער איבער אַנדערע אומדערוואַרטע סיבות, אָבער אַ סך יידן ווערן געראַטעוועט אַ דאַנק ר׳ אהרנען. די געראַטעוועטע וויסן קיינמאָל נישט, ווער זייער רעטער איז. אָט דאָס איז ר׳ אהרן, וועלכן מיר האָבן אָר וואָס באַגעגנט.

ביידע חברים האָבן זיך אָנגעהייבן אַראָפּצעלאָזן פון באַרג מיט דעם וועג, וואָס האָט געפירט צו בעניס הייזל

שטיינמאַן האָט דעם גאַנצן וועג געשוויגן געגאַנגען פאַרטרויערט און נידערגעשלאָגן. און פאַרשידענע טרויעריקע געדאַנקען זענען אים געקראָכן אין קאָפּ.

— דינה, מיין דינה וועט דאַרפן אַזוי פיל איבערלעבן ביז זי וועט געראַטעוועט ווערן. ווער ווייסט, צי זי וועט קומען אַ לעבעדיקע, און איך בין געזעסן דאָרט און געדאָקטאָרט. אָט ווו עס איז דאָ אַרבעט פאַר מיר! דאָ, נאָר דאָ ביי די ברעגן פון דניעסטר! זאָל זי נאָר קומען געזונט אַהער, צוזאַמען וועלן מיר קענען זיך אַרבעטן!

ער האָט אָנגעהייבן טראַכטן וועגן דעם פּראָסטן יידן, וואָס רופט זיך ר' אהרן, וועלכער איז פאַר זיינע אויגן אויסגעוואַקסן אַזוי גרויס און ער האָט געפילט, אַז ער, דוד, דער דאָקטאָר שטיינמאַן, וואָס האָט אַ גרויסע צוקונפט, איז אַזוי קליין קעגן אים. נישט אומזיסט האָט אים בעני, מיט וועלכן ער האָט קיינמאָל נישט איבערגעריסן זיינע פריינטלעכע באַציונגען, אין לעצטן בריוו געשריבן, אַז דאָ געפינט זיך אַרבעט פאַר יעדן, אַז דאָ זענען איצט נויטיק מענטשן, וואָס מער מענטשן, און שטיינמאַן האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס ער איז איצט דאָ ביי די ברעגן פון דניעסטער.

מיט אומגעדולד האָט שטיינמאַן געוואַרט אויפן מאָרגעדיקן טאָג און די איבעריקע טעג, ווייל דאָס היגע לעבן ביי די גרענעצן פון דניעסטער האָט פאַרכאַפּט זיין גאַנצע נשמה.

אויף מאָרגן, שבת אינדערפרי, ווען בעני איז צוזאַמען מיט שטיינמאַנען אַרויסגעגאַנגען איבערן שטעטל, האָט עס שטיינמאַן נישט דערקענט. נישט קוקנדיק אויף שבת, האָט עס גערעשט. יעדער האָט געהאַט עפּעס וואָס צו דערציילן, און איינער האָט געפרעגט ביים צווייטן: „וואָס הערט זיך עפּעס נייס?"

איינער האָט דערציילט, אַז דריי וויאָרסט פון שטעטל האָט מען ביים ברעג געכאַפּט צוואָנציק יידן מיט פרויען און קינדער. אַלע זענען אַרעסטירט.

אַלע צוהערער האָבן אָפּגעאָטעמט:

— אַבי זיי זענען לעבעדיק, מען וועט זיי שוין באַפרייען! — האָט איינער געטרייסט דעם עולם.

— און אַז מען וועט זיי באַפרייען, וואָס וועלן מיר מיט זיי טון? — האָט אַ צווייטער מיט פאַרביטערונג געפרעגט.

— מיר וועלן זיי שיקן ווייטער פון גרענעץ. גאָט איז אַ פאָטער,

אַבי זיי זענען בעראַטעוועט פון טויט און די פרויען פון שאַנד.

איינער האָט מיט שרעק דערציילט, אַז פינף וויאַרסט פון דאַנען זענען דערטרונקען געוואָרן זעקס מענטשן: איין ייד אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ פרוי, אַ קינד און דריי מיידלעך.

שטיינמאַן האָט אַ ציטער געטון און בלאַס געוואָרן. בעני האָט פאַרשטאַנען זיין בלאַסקייט, נאָר ער האָט געשוויגן.

— ווער ווייסט? — האָט זיך שטיינמאַן אָנגערופן, — אפשר איז צווישן די דריי דערטרונקענע מיידלעך געווען דינה!

— הער שוין אויף! — האָט בעני אָנגעשריען אויף אים. — ווען זי וועט אָנהייבן גיין, וועט מען מיר געבן צו וויסן.

שטיינמאַן האָט זיך אַ ביסל באַרויקט און דאָך איז די שרעק פון אים נישט אַוועק. די זעקס דערטרונקענע מענטשן זענען געשטאַנען פאַר זיינע אויגן.

פלוצים איז פאַרבייגעלאָפן ר׳ אהרן, און, דערזעענדיק בענין, האָט ער אים אָפּגעשטעלט און איינגערוימט אַ סוד: צוועלף מענטשן, ווייבער מיט קינדער איז געלונגען גליקלעך „אַריבערצוגיין". איך האָב זיי צעטיילט אין פאַרשידענע הייזער, ווו מען באַהאַלט זיי אויס. נאָך היינט וועט מען דאַרפן אויסאַרבעטן פאַר זיי דאָקומענטן, זיי זאָלן קענען ווייטער פאָרן. לאַנג וועט מען זיי נישט קענען דאָ האַלטן. באַלד וועל איך זיין ביי אייער ווייב, וועלן מיר איבעררעדן. איר וועט זיין אין דערהיים?

און, נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, איז ר׳ אהרן ווייטער געלאָפן.

— מיר וועלן גיין אַהיים! — האָט בעני זיך געווענדט צו זיין גאַסט. — מיין ווייב וואַרט שוין אוודאי אויף אונדז מיט דעם עסן און ר׳ אהרן דאַרף אויך באַלד אָנקומען.

ווען בעני מיט זיין פרוי זענען שוין געזעסן ביים שבתדיקן טיש, איז אָנגעלאָפן ר׳ אהרן מיט צוויי ווייבער, וועלכע האָבן געטראָגן אַ גרויסן קויש, וואָס איז געווען פול מיט טעפּלעך געקעכטס און אין אַ זאַק-שבתדיקע חלהס.

בעניס ווייב האָט אין קויש אויך אַריינגעשטעלט אַ טאָפּ און אין זאַק אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר שבתדיקע קוילעטשן.

די ווייבער זענען מיט דעם קויש און מיט דעם אָנגעפּילטן זאַק אַוועק, און ר׳ אהרן האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז דער קויש מיט דעם

זאָק זאָלן זיי אָנטרעקטאָגן פאַר די נייע אַרעסטירטע.

— איצט, — האָט זיך ר׳ אהרן געווענדט צו בענין, — וועל איך זיך אַ ביסל אָפּרוען און מיר וועלן רעדן וועגן די נייע דאָקו־מענטן פאַר די אויסבאַהאַלטענע.

— איר ווייסט, ר׳ אהרן, זיך גיין וואַשן און מיט אונדז עסן. איר האָט נאָך אוודאי נישט געגעסן.

— נישט נאָר נישט געגעסן, נאָר אפילו נישט געדאַווענט... קיין צייט נישט געווען. עס זענען נייטיקערע זאַכן געווען צו טון ווי דאַווענען. גאָט מעג צוואַרטן... ווען ער וויל, אַז יידן זאָלן דאַווענען צו דער צייט, דאַרף ער נישט צושיקן אַזויפיל צרות אויף יידן. עס קלעמט מיר טאַקע זייער דאָס האַרץ. ביילקע, — האָט ער זיך גע־ווענדט צו בעניס ווייב, — בפרט נאָך ווען אויף דעם טיש שטייט אַ ביסל בראָנפן מיט אַזאַ לויטערן ווייַן, ער איז דאָך אוודאי פון דעם אַלטן, פון דעם גוטן פעסל,—האָט ער זיך פריילעך געווענדט צו בענין.

— דערזעלבער, וואָס איר האָט געטרונקען יענע וואָך ביי מיר. נו, ר׳ אהרן, גייט זיך וואַשן און ביים טיש וועלן מיר איבעררעדן.

ווען ר׳ אהרן האָט געמאַכט קידוש איבערן ווייַן און נאָך דעם וואַשן זיך גענומען דאָס ערשטע ביסל בראָנפן און אָנגעהייבן עסן, האָט ער געזאָגט:

— הייסט עס, אַז איך עס אומגעדאַווענט... זאָל ער מיר מוחל זיין, מסתמא וויל ער אַזוי, אַז יידן זאָלן עסן אומגעדאַווענט און פאָרן אום שבת צום דניעסטער און פון דניעסטער. עס איז דאָ אַ סך פרומע יידן, וואָס זענען פול מיט תורה און האָבן אויפגעהערט צו דאַווענען.

און ר׳ אהרן האָט דערציילט, אַז צווישן די אַרעסטירטע גע־פינט זיך אַ רב פון אַ פּאָדאָליער שטעטל, וועלכעס די פּאָגראָמשטשי־קעס האָבן אַ׳נגעצונדן חרוב געמאַכט און צוויי קינדער זיינע דערהר־געט און דעם רבס ייִנגערע שוועסטער געשענדט. האָט דער רב אויפגעהערט צו דאַווענען, כאָטש ער האָט ביי זיך זיין טלית מיט צוויי פּאָר תפילין.

— ווען גאָט וויל, מען זאָל אים דאַווענען און תורה לערנען, — האָט ר׳ אהרן ווייטער גערעדט, — זאָל ער שיקן אויף יידן ישועות ונחמות און נישט אַזעלכע גרויסע צרות. — דערביי האָט ר׳ אהרן אָנ־געגאָסן נאָך אַ גלאָז ווייַן און געטרונקען „לחיים“ צו אַלע, וואָס זע־נען געזעסן ביים טיש.

דערנאָך איז ר׳ אהרן געוואָרן ערנסט און אָנגעהייבן רעדן וועגן די „אויסבאַהאַלטענע", וועלכע זענען גליקלעך אַריבער דעם דניעסטר.

— נאָך היינט מוז מען פאַר זיי מאַכן צייטווייליקע פּאַפּירן, זיי זאָלן ווייטער קאָנען פאָרן, וואָרים לאַנג אויסבאַהאַלטן קאָן מען נישט. זיי קאָנען, חס־ושלום, אַריינפאַלן אין גרעסטן אומגליק, ווען מען וועט זיי געפינען, און אומשולדיקע יידן קאָנען אויך דערפון פיל ליידן דערפאַר, וואָס זיי באַהאַלטן זיי אויס.

דערביי האָט ר׳ אהרן אַרויסגענומען פינף הונדערט לעי און דערלאַנגט בענין מיט די ווערטער:

— מער האָב איך איצט נישט. דאָס איבעריקע וועט איר שוין דערלייגן אָדער אויסלייען... מיר וועלן שוין באַצאָלן! עס גייט אַ נייע וואָך, וועט מוזן זיין ניי געלט.

שטיינמאַן האָט זיך געכאַפּט צו זיין קעשענע.

— מען דאַרף נישט, יונגערמאַן, — האָט ר׳ אהרן זיך אָנגע־רופן, — איר זענט דערווייל נאָך ביי אונדז אַן אורח... אַן אַנדערש מאָל. מיר וועלן שוין באַקומען דאָס נייטיקע געלט. — און ר׳ אהרן האָט זיך ווידער אָנגעהייבן צו ווערטלען. — לאָמיר אָפּבענטשן, ווי זאָגט מען, זאָל אונדזערס איבערגיין.

דער עולם האָט פאַרביטערט געלאַכט פון ר׳ אהרנס פריילעכע ווערטלעך.

— ר׳ אהרן! — האָט זיך פּלוצים אָנגערופן שטיינמאַן, — איך זע, אַז איר האָט דאָ פיל אַרבעט און איר דאַרפט האָבן מענטשן, מען זאָל אייך העלפן. איך בין גרייט אייך מיט אַלץ צו העלפן. וואָס איר וועט מיר הייסן, וועל איך טון.

— איר זענט נאָך אַן אורח, אַ נייער מענטש, — האָט ר׳ אהרן געענטפערט מיט אַ שמייכל. — איר וועט זיך דאָ איינגעוווינען און צו־זען וואָס פאַר אונדזערע אויגן קומט דאָ פאָר, וועט איר, אויב איר האָט נאָר חשק, זיך אַליין נעמען צו דער אַרבעט, וועלכע איז דאָ זייער פיל. ווו נעמט מען נאָר אַזוי פיל מענטשן! די צרות זענען גרויס, נאָר מענטשן האָבן מיר ווייניק... אָט אַרבעטן מיר צו ביסלעך, וויפל מיר קענען. אָבער עס איז ווייניק, זייער ווייניק.

פאַרן אַוועקגיין האָט ר׳ אהרן געזאָגט:

— אויב מיין ווייב וועט מיך דאָ זוכן, זאָלט איר זאָגן, אַז איך

האָב שוין געגעסן בײַ אײַך און זי זאָל אויף מיר נישט וואַרטן. איר זאָלט זאָגן, אַז איך בין הײַנט זײַער פּאַרנומען. זי וועט נישט זײַן אויף מיר אין כּעס, וואָס הײַנטיקן שבת וועט זי דאַרפֿן זיצן בײַם טיש אַליין. זי איז אַ גוטע. זי קומט אַרויס פֿון די זינקעווער. זי איז דעם אַלטן זינקעווערס אַן אייניקל... און דאָס ווייסן דאָך אַלע, אַז די זינקעווער האָבן אין זיך קיין גאַל נישט געהאַט; און דערפּאַר טאַקע האָט זיך מײַן טאַטע משדך געווען מיט די זינקעווער. פֿאַרגעסט נישט דאָס איר צו זאָגן, ביילקע, ווען זי וועט מיר קומען צו אײַך זוכן.

און ר' אהרן איז לעבעדיק, פֿול מיט מוט, אַרויס פֿון שטוב.

בעני האָט געבעטן בײַ שטיינמאַנען, ער זאָל אים מוחל זײַן, וואָס ער מוז אים איבערלאָזן אַליין. ער מוז נויטיק אַוועקגיין מיט נאָך אַ פּאָר ייִדן, מען מוז פֿאַר די אומגליקלעכע ווי צום גיכסטן אויסאַרבעטן די נייטיקע פּאַפּירן.

— רו זיך דערווײַל אָפּ, עס איז דאָך הײַנט שבת. ווי איך וועל זיך באַפֿרײַען, וועל איך גלײַך קומען, — און בעני איז אַוועקגעגאַנגען.

בעניס פֿרוי איז שפּעטער מיט האַלבע שעה אויך ערגעץ אַוועקגעגאַנגען און זי האָט בײַ שטיינמאַנען אויך געבעטן אַנטשולדיקונג, וואָס זי לאָזט איבער אַזאַ גאַסט אַליין און זי האָט ווײַטער נישט אויפֿגעהערט זיך צו פֿאַרענטפֿערן.

— גלויבט מיר, אַז מיר ווייסן דאָ נישט, צי מיר לעבן. די צרות זענען אַזוי גרויס, אַז עס בלײַבן נישט קיין הענט און צײַט אויף עפּעס צו טון. דאָס איינציקע פֿאַרגעניגן איז, ווען עס געלינגט אונדז עמעצן צו ראַטעווען.

שטיינמאַן איז געבליבן אַליין נידערגעשלאָגן און אַראָפּגעפֿאַלן בײַ זיך:

— אַלע טוען, אַרבעטן און איך בין אַ ליידיק-גייער.

ער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן אַ חשבון וועגן זיך אַליין, וועגן זײַנע אַלע יאָרן, דערהויפּט פֿאַר די לעצטע יאָרן, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אין אויסלאַנד. ער האָט אַזוי פֿיל געלערנט און שטודירט און איצט פֿילט ער זיך אַזוי ווייניק באַפֿרידיקט.

ער האָט אָנגעהויבן זוכן די סיבות דערפֿון און האָט זיי נישט געקאָנט געפֿינען. ער וואָלט אויך געוואָלט זײַן אַזוי ווי בעני, אַזוי ווי

ר׳ אהרן און ער ווייסט נישט ווי אַזוי.

בעני האָט אויך אַמאָל געשטרעבט צו פאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן גלייך מיט אים. נאָר איבער פאַרשידענע אורזאַכן איז עס אים נישט געלונגען און ער איז געבליבן אין זיין שטעטל. ער פלעגט שטיינמאַנען מקנא זיין.

— ווען בעני זאָל וויסן, ווי איך פיל זיך אומגליקלעך! ער ווייסט נאָך גאָרנישט, וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען די לעצטע פאָר יאָר, וויפל איך לייד איצטער. דינה זאָל כאָטש קומען ווי צום גיכסטן! זי איז די איינציקע, וואָס קאָן מיך באַרויקן. בעני האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט פון איר אַ בריוו. ער האָט מיר אַ סך צו דערציילן וועגן דינהן, נאָר ער האָט נאָך אַלץ קיין צייט נישט צו דערציילן.

שטיינמאַן האָט זיך ווידער געלאָזט גיין צום ברעג. עס האָט אים אַלץ געצויגן צו דעם באַרג, פון וואַנען ער קאָן זען דאָס שטעטל טשאַרניוווסק, וואָס איז אים אַזוי נאָענט, אַזוי באַקאַנט.

און ווען ער איז אַרויף אויף דעם באַרג, האָט ער דערזען די הייזלעך פונקט ווי אַמאָל, נאָר קיין לעבעדיקן מענטשן האָט ער פון דערווייטנס נישט באַמערקט.

— ווער ווייסט, אפשר איז דינה איצטער דאָרטן און וואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען זי וועט זיך קאָנען לאָזן גיין איבער דעם דניעסטער?

— אַזוי נאָנט, אַזוי נאָנט, כאָטש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען! איינגאַנצן טיילט מיך אָפּ פון דינהן אַ שמאָלער פאַס וואַסער! צי ווייסט זי, צי פילט זי, אַז איך בין שוין דאָ און וואַרט אויף איר?..

עטלעכע טויבן, וואָס זענען געשטאַנען אויף דעם באַרג נישט ווייט פון שטיינמאַנען און האָבן עפּעס געפּיקט צווישן דעם אַלטן, גרוי־גרינעם מאָך, האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן און אָנגעהויבן פליען איבערן דניעסטער אויף יענער זייט.

— גריסט דאָרט מיין דינהן! — האָבן זיך די ווערטער מיט אַ טיפן זיפץ ביי אים אַרויסגעריסן.

שטיינמאַן האָט מיט אַן אויפגעהייבענעם קאָפּ נאָכגעקוקט דאָס פליען פון דער חברה טויבן און האָט דייטלעך געזען, ווי זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף יענער זייט, פונקט אויף אַזאַ באַרג ווי דער,

אויף וועלכן ער שטייט איצט. נאָר פון יענעם באַרג הייבט זיך אָן דאָס שטעטל טשאַרניוווסק, ווו דינה דאַרף זיך געפינען, אויב זי לעבט נאָך...

ער האָט זיך געלייגט אויף דעם גראָז מיט די אויגן צו יענער זייט דניעסטער.

ער האָט אויך געזען פליען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע שוואַרצע קראָ־ען, וועלכע האָבן זיך געדרייט איבער דעם טייך מיט אַ פריילעך קראַקען. עס האָט אויסגעוויזן, אַז זיי קוקן עפּעס אַריין אין דער טיפעניש פון טייך.

— ווער ווייסט, וואָס זיי זעען דאָרט? — איז שטיינמאַנען אויפגעקומען אויף דעם געדאַנק. — ווער ווייסט, וויפל סודות עס געפינען אויף די אָפּגרונטן פון דעמדאָזיקן שרעקלעכן טייך!

אַרום און אַרום, ווו שטיינמאַן איז איצט געלעגן, האָט גע־הערשט אַ שטילקייט. דאָס קראַקען פון די קראָען האָט זיך אין דער שטילקייט געהערט נאָך העכער און עס האָט אים שטאַרק געגרילצט אין די אויערן, פונקט ווי מ׳וואָלט מיט אַ זעג זעגן אויף אַ שטיין.

די קראָען האָבן נישט אויפגעהערט זיך צו דרייען איבערן טייך און פריילעך געקראַקעט.

שטיינמאַן האָט ליגנדיק אָנגעהייבן דרעמלען, נישט אויפהערנ־דיק צו טראַכטן וועגן די אָפּגרונטן פון דניעסטער. פּלוצים האָט ער זיך מיט שרעק אויפגעכאַפּט.

— וואָס פאַר אַ שרעקלעכער קאָשמאַר!

אין דרעמל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער פליט אויך צוזאַ־מען מיט די שוואַרצע קראָען איבערן טייך... ער קוקט זיך איין אין דעם אָפּגרונט פון דניעסטער און דורך דעם לויטערן וואַסער זעט ער, ווי עס ליגט אויסגעצויגן דינה, אירע שוואַרצע האָר זענען ווי צעוואָרפן, איר געטאָקט געזיכט, ווי ביי אַמאָליקע יונגע גריכישע פרויען, איז רויק, ווי שטענדיק. די הענט, די פיס און איר גאַנצער יונגער, שיינער קערפּער זעט ער דורך די לויטערע וואַסערן.

— וואָס פאַר אַ שרעקלעכער קאָשמאַר! — האָט ער נאָכאַמאָל כמעט אויסגעשריען. ער איז אויפגעשטאַנען פון דעם מאָך און זיך אויסגעריבן די אויגן.

שטיינמאַן האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעק צו זיין דאָ אַליין, און ער האָט מיט גיכע טריט זיך געלאָזט גיין אין שטאָט אַריין. ער האָט געפרעגט ביים דינסטמיידל, צי דער באַלעבאָס מיט זיין פרוי זענען

שוין געקומען, און ער האָט באַקומען אַן ענטפער, אַז זיי וועלן קו־מען אפשר אויפדערנאַכט.

שטיינמאַן איז אַריין צו זיך אין צימער.

דאָס שרעקלעכע בילד, וואָס ער האָט געזען ביים ברעג, ווען ער האָט דאָרט געדרעמלט, איז אים נאָכגעגאַנגען ביז אַהיים און אויך איצט אין זיין צימער איז דאָסדאָזיקע בילד מיטגעגאַנגען, און שטיינמאַן האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן:

— עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זי קוקט אויף מיר אַזוי גוט און מילד. און פאַרוואָס דען זאָל זי זיין אויף מיר בייז. איך האָב דאָך אַלץ, אַלץ אַוועקגעוואָרפן צוליב איר, צוליב דינהן. אפילו מיין כּלה אונטער דער חופּה האָב איך צוליב איר אַוועקגעוואָרפן.

שטיינמאַן האָט אַ ציטער געטון.

אַ ניי בילד האָט ער געזען: די רייצנדיקע שיינע סאַלטשע אין איר ווייס חופּה־קלייד מיט איר שיינעם בלאָנדן צעפּלאָסענעם קאָפּ, וואַרט אויף אים, איר חתן, ער זאָל קומען און גיין מיט איר אונטער דער חופּה... נאָר ער איז נישט געקומען! אַ פאַרשעמטע איז זי גע־בליבן אַליין, און אַלע טייטלען איצט אויף איר מיט די פינגער: אַ כּלה, וואָס דער חתן האָט זי פון אונטער דער חופּה אַוועקגעוואָרפן! אָ, ווען אַלע זאָלן וויסן, ווי איר חתן האָט זי אַזוי שטאַרק ליב און דאָך האָט ער נישט געקענט קומען צו דער חופּה. ווען די גאַנצע וועלט זאָל וויסן מיינעליידן, וועלכע האָבן קיין ענדע נישט, ווען זי, סאַלטשע, זאָל כאָטש וויסן, ווי איך בין נישט שולדיק.

שטיינמאַן האָט געפּרוּווט צומאַכן די אויגן, ער זאָל גאָרנישט זען, ער האָט געפּרוּווט וועגן גאָרנישט טראַכטן. נאָר ער האָט דאָך געזען און עס האָט זיך פאָרט געטראַכט.

— סאַלטשע טראַכט וועגן מיר, אַז איך בין דער פאַרדאָרבנ־סטער, דער אויסוווּרף פון דער וועלט! ווען זי זאָל כאָטש וויסן אַ טייל פון מיינע ליידן. אַ גליקלעכער האָב איך זיך צוגעגרייט פאָרן צו דער חופּה. יעדער טאָג, יעדע שעה ביז צו מיין חופּה־טאָג מיט סאַלטשען איז ביי מיר געווען אַ יאָר. און פּלוצים באַקום איך אַ בריוו פון בעניך, אַז דינה לעבט און זי בעט מיט רחמים, איך זאָל זי קומען ראַטעווען. ווייטער האָט געשריבן בעני, אַז פון אַלע אירע נאָענטע און ליבע בין איך פאַר איר געבליבן דער איינציקער, צוליב וועלכן זי לעבט נאָך. איך האָב געמיינט, אַז איך ווער משוגע. אַ

צוויי טעג איז אינגאַנצן געבליבן צו מיין חופּה, איך האָב זיך געדרייט ווי אַ שלאַנג, איך האָב נישט געוווסט, וואָס אָנהייבן צו טון. איך בין אַרומגעגאַנגען, ווי מיט אַן אַריינגעשטעקטן מעסער אין האַרצן און האָב זיך נישט געפילט בכוח עס אַרויסצערייסן אָדער עס ווייטער אַריינשטעקן ביז אין סוף.

שטיינמאַן, איבערלעבנדיק איצט יענע פּאָר טעג, ווען ער האָט באַקומען בעניס בריוו, האָט אים אָנגעהייבן צו שטיקן אין האַלדז. ער איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער, וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ גרויסן גאָרטן, ווו עס זענען געווען פאַרזעצט אַלערליי גרינסן, אַרבעס, בוראַקעס, קאַרטאָפל, פּאַפּשויעס, פּאַסאָליעס און דעסטגלייכן. די הויכע צווייגן פון די פּאַפּשויעס האָבן זיך פון צופיל צעוואַקסן און פון ענגשאַפט זיך געשטופּט אין פענצטער מיט זייערע גרויסע, ברייטע בלעטער און שטיינמאַן האָט כמעט זיין גאַנצן קאָפּ אַריינגעשטעקט צווישן די בלעטער און אַריינגעאָטעמט אין זיך פרישע לופט.

ער האָט אָנגעהייבן שפּאַנען איבערן קליינעם צימער און פּלוצים זיך אָפּגעשטעלט און כמעט אויסגעשריגן:

— איין וועג איז נאָר געווען פאַר מיר: זיך נעמען דאָס לעבן... נאָר דערמיט וואָלט איך נאָר זיך גוט געמאַכט, אָבער דינה וואַרט דאָרט אויף מיין הילף. איך ווייס, איך קאָן דינהן, אַז זי לעבט נאָר צוליב מיר. דאָס בעסטע וואָלט דאַן געווען פאַר מיר דער טויט, נאָר דאָס וואָלט אויך געווען פאַר מיר דאָס מיאוסטע, דאָס עקלסטע...

שטיינמאַן האָט אין אַלע זיינע אומגליקן אָנגעהייבן זיך אַליין צו באַשולדיקן.

— איך האָב קיין רעכט נישט געהאַט צו פאַרגעסן אין דינהן און זי רעכענען פאַר טויט, נישט קוקנדיק, וואָס אין שטעטל ווישקאָוויטש זענען עטלעכע מאָל פאָרגעקומען די שרעקלעכסטע פּאָגראָמען און די פאַמיליע „גרינבערג" האָב איך אויך אין די צייטונגען געפונען אין דעם צעטל פון די דערהרגעטע. איך האָב נישט געטאַרט אַזוי טראַכטן און פאַרגעסן אין דינהן, ווי אין אַ טויטן...

ער האָט ווידער אָנגעהייבן צו שפּאַנען איבערן צימער, זיך אָפּשטעלנדיק אַלעמאָל ביים אָפענעם פענצטער, אַריינשעפּנדיק אין זיך דעם גאָרטן-ריח.

— ניין, איך בין נישט שולדיק! איך וואָלט קיינמאָל נישט

פֿאַרגעסן אין דינהן, און ווי האָב איך גאָר געקאָנט אין איר פֿאַר־געסן, אין אַזאַ דינהן פֿאַרגעסן! גאָר דאָס באַגעגעניש מיט סאַלטשען האָט מיך געמאַכט צום פֿאַרגעסן.

— איך בין נישט שולדיק,—האָט שטיינמאַן ווייטער גערעדט,— סאַלטשעס רייצנדיקע שיינקייט, אירע מעלות און געראָטנקייט האָט מיך פֿאַרבלענדט און איך האָב מיין גאַנצע פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט מיך געבונדן מיט דינהן, אויסגעטייטשט, אַז זי איז פֿאַר מיר געשטאָרבן און אַז אין אַ טויטן מוז מען פֿאַרגעסן. עפּעס האָט נאָך דאַן אין מיר זיך שטאַרק געראַנגלט, נאָר פֿאַר מיר איז געשטאַנען די בליענדיקע סאַלטשע מיט אירע הימל־אויגן, אין וועלכע איך האָב געזען די גאַנצע וועלט מיט איר שיינקייט, דאָס יונגע געזונטע לעבן מוט אַזוי פֿיל גליק. פֿון איין זייט האָב איך געזען אַ וויטן בית־הקברות און פֿון דער צווייטער זייט אַזוי נאָענט דאָס לעבן גופֿא. און דאָס לעבן האָט גובר געווען! און איצטער האָט זיך אַלץ איבער־געביטן! איך זע פֿאַר זיך ביידע, נאָר אין ווייסערע געשטאַלטן!

שטיינמאַן האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ און האָט זיך מיט אַ האַלבן קערפּער אָנגעשפּאַרט אויף זיין בעטל. די פֿיס זענען געווען אַראָפּגעהאָנגען אויף דער ערד און דער קאָפּ צום אָפֿענעם פֿענצטער, אין וועלכן עס האָבן זיך געשטופּט די גרויסע בלעטער.

די נאַכט האָט זיך אָנגעהייבן אָנרוקן, אין צימער האָט אָנגע־הייבן ווערן טונקעלער, בין-השמשותדיק, בעני מיט זיין פּרוי זענען נאָך נישט געקומען. אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ שטילקייט, אַז די בלעטער לעבן פֿענצטער האָבן זיך נישט גערירט. שטיינמאַן איז מיד געוואָרן טראַכטנדיק. ער האָט נישט אויפֿגעהערט צו קוקן אין דער זייט פֿון פֿענצטער, ווו עס האָט זיך נאָך באַמערקט אַ בלאַסער פּאַס פֿון פֿאַרגאַנגענעם שבתדיקן טאָג.

ער האָט איצט מער באַמערקט די צווייגן פֿון די גרויסע בלעטער, וועלכע האָבן צוליבן בין־השמשות איבערגעביטן דעם קאָליר און האָבן זיך געשטופּט אין פֿענצטער.

—עפּעס ווילן זיי אַוועקשטופּן די שטוב, עס זאָל פֿאַר זיי מער פּלאַץ בלייבן, — איז אים איינגעפֿאַלן.

און פּלוצים האָט ער דערזען, ווי די בלעטער באַוועגן זיך און פֿון צווישן זיי באַווייזן זיך צוויי יונגע פֿרויען. איינע אין אַ ווייס זיידן חופּה־קלייד, מיט צעפּלאָכטענע בלאָנדע האָר און די צווייטע

האַלב נאַקעט מיט שוואַרצע צעוואָרפענע האָר און מיט אַראָפּגעלאָזטע טונקעלע ברעמען, און אויף אירע נאַקעטע ברוסטן צוויי פאַרבלוטיקטע, פאַרטריקנטע ווונדן.

ביידע קוקן טרויעריק און באַוועגן זיך און שטופּן זיך פון צווישן די צווייגן אין אָפענעם פענצטער גלייך אין צימער.

שטיינמאַן איז מיט שרעק אויפגעשפרונגען פון בעט און די צוויי יונגע פרויען זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן.

פון גרויס שרעק איז ער אַרויסגעלאָפן פון זיין צימער אין דרויסן. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דעם קליינעם גאַניק, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער שטוב און האָט לאַנג אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

אויף דער גאַס האָבן זיך געדרייט אייניקע מענטשן און ער איז געווען צעפרידן, וואָס ער איז נישט אליין. נאָר דאָס בילד, וואָס ער האָט נאָר וואָס געזען, איז נאָך געשטאַנען דייטלעך פאַר זיינע אויגן.

— מיט וואָס פאַר אַ גוטע אויגן האָבן זיי דאָס אויף מיר געקוקט, — האָט ער געטראַכט. — פיל גוטסקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף זייערע אויגן... קיין סימן פון כעס...

— פאַרוואָס האָב איך אין זייערע פּנימער נישט געזען קיין צאָרן? פאַרוואָס האָבן זיך זייערע הענט מיט כעס נישט געוואָרפן אויף מיר? אַזוי בנעימותדיק, אַזוי ליבלעך האָבן זיי ביידע געקוקט אויף מיר, מיין האַרץ איז צעריסן געוואָרן אין מיר...

איבער דעם געסל, אַקעגן דעם גאַניק, ווו שטיינמאַן איז געזעסן, האָט זיך געהערט זינגען אַ זמרל. מען האָט דאָרטן געפּראַוועט שלש־סעודות. באַלד דערנאָך האָט אין אַ פענצטער אין דערזעלבער שטוב זיך באַוויזן אַ שיין, פון וועלכער עס האָט זיך געצויגן אַ ליכטיקער פאַס צו דעם גאַניק, ווו שטיינמאַן איז געזעסן און ער איז אַ ביסל מונטערער געוואָרן.

שטיינמאַן האָט דייטלעך געזען, ווי אַ ייד מיט אַ שיינער באָרד האָט הבדלה געמאַכט און דאָס גאַנצע בני בית זענען געשטאַנען אַרום טיש און אַ קינד האָט אַן אָנגעצונדענע הבדלה אין ביידע הענטלעך געהאַלטן.

ער האָט זיך פאַרטראַכט אויף דעם בילד, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט געזען און דערמאַנט זיך אין דעם פּאָדאָליער שטעטל ווישקאָוויטש, ווו דינהס עלטערן האָבן געוווינט.

ב.

שטיינמאַן איז מיט פאַרגעניגן געזעסן אויף דעם גאַניק און צו־
געקוקט ווי די באַוועגונג אויף דער גאַס איז מיט דעם אַוועקגעגאַנ־
גענעם שבת געוואָרן גרעסער און אין יעדן פאַרבייגייער האָט ער גע־
זוכט זיין חבר בעני, וועלכער איז צוזאַמען מיט זיין פרוי אויף אַ
גאַנצן טאָג פאַרפאַלן געוואָרן. ער האָט געוווסט, אַז זיי זענען זייער באַ־
שעפטיקט מיט די היימלאָזע, וועלכע האָבן פאַרפּלט דאָז שטע ל.

ענדלעך האָט זיך באַוויזן בעניס פרוי, געזאָגט אים אַ „גוט־וואָך״ און געבעטן, ער זאָל איר מיט איר מאַן מוחל זיין, וואָס זיי האָבן אַזאַ טייערן גאַסט איבערגעלאָזט אַ גאַנצן שבת אַליין.

— וואָס זאָל מען טון? — האָט זי זיך פאַר אים פאַרענטפערט.— עס זענען אָנגעלאָפן אַזוי פיל אומגליקלעכע און מען מוז יעדן מיט עטוואָס העלפן, כאָטש, אומשטיינס־געזאָגט, וואָס קאָנען מיר זיי העלפן? נאָר גאָרנישט, אַ גוט וואָרט איז אויך פאַר זיי גוט. זאָלן זיי זיך נישט פילן אַזוי עלנט, און ווידער מען קען דאָך מענטשן נישט לאָז הונ־גערן! לויפט מען אַרום דעם גאַנצן טאָג און מען טוט וואָס מע' קאָן איר וועט מיר מוחל זיין, איך בין דאָך אַ באַלעבאָסטע אויך, באַלד וועט אויך קומען מיין מאַן, מען דאַרף זיך דאָך עפעס צוגרייטן און איר זענט דאָך אַוודאי אויך הונגעריק?

מיט די ווערטער איז זי אַריינגעלאָפן אין שטוב און באַלד איז אין אַלע פענצטער ליכטיק געוואָרן.

באַלד איז אויך אָנגעקומען בעני מיט ר׳ אהרנען, ביידע מלא שמחה ווי גלייך זיי וואָלטן געקומען פון אַ פריילעכער חתונה.

בעני האָט זיך אויך אָנגעהייבן פאַרענטפערן פאַר זיין גאַכט.

— נאָר געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, דער טאָג איז נישט אַוועקגעגאַנגען אומזיסט: אַלע „אויסבאַהאַלטענע״ האָבן באַקומען „דער־וויליקע פאַפירן״ און זיי וועלן קאָנען פאָרן ווייטער. איצטער וועלן מיר קאָנען פאַרברענגען צוזאַמען. איך האָב נישט אָפּגעלאָזט ר׳ אהרנען. ער איז זיך, נעבעך, גענוג אָנגעלאָפן.

— וואָס ר׳ בעניע וועט אייך דערציילן „זיך אָנגעלאָפן!״ הלוואי העלפט דאָס לויפן. וואָלט מען געלאָפן מויזנט וויאָרסט, אַבי צו די יידישע צרות זאָל נעמען אַ סוף. נאָר נאָך אַזאַ גליקלעכן טאָג וועלן מיר הוליען! עס איז דאָך איצטער שבת־צונאַכטס! אונדזערט .אויכבאַ־

האַלטענע יידן זענען פריי און ווייטער וועט גאָט העלפן...

בעניס ווייב, דערהערנדיק, אַז דער עולם דערציילט אַ גוטע בשורה, איז מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל אַרויס פון קיך און מיט אַ פרייד געפרעגט:

— וואָס זשע, זיי האָבן שוין די פאַפּירן?

—זיי זענען שוין אַרויס פריי אין גאַס!— האָט בעני דערציילט.— דו האָסט באַדאַרפט זען ווי זיי פילן זיך גליקלעך!

ביילקע איז אַ גליקלעכע אַנטלאָפן אין קיך און זי האָט געבעטן דעם עולם זיצן אויף דעם גאַניק, און ווען זי וועט פאַרטיק ווערן מיטן צוגרייטן עפּעס עסן, וועט זי זיי רופן.

בעני און ר׳ אַהרן האָבן נישט אויפגעהערט צו דערציילן די גדולות פון היינטיקן טאָג ביז מען האָט צוזאַמענגעקלאַפּט דאָס געלט, ביז מען איז אָנגעקומען צו „באַטשאַלסטווע" און דאָ איז שבת. נאָר גאָרנישט, אַבי עס האָט זיך געענדיקט גוט.

צו בעניס גאַניק איז מיט לאַנגזאַמע טריט צוגעגאַנגען אַ ייד מיט אַ שיינער האַלב גרויער באָרד, אָנגעטאָן מיט אַ יאַרמעלקע אויף דעם קאָפּ און אין אַ כאַלאַט מיט צוויי פרענז, וועלכע ער האָט מיט גרויס רחבות געדרייט אויף איין פינגער.

— אַ גוטע וואָך אייך, ר׳ בעני! אַ גוטע וואָך, ר׳ אַהרן!—האָט דער ייד געזאָגט און דערלאַנגט שלום עליכם שטיינמאַנען.

— און ווער איז דער יונגערמאַן? האָט ער ביי בענין געפרעגט אויף שטיינמאַנען.—אודאי, נעבעך, פון יענער זייט? נו, איך פאַרשטיי...— און דערביי זיך ווידער געווענדט צו שטיינמאַנען:—זאָל אייך גאָט העלפן. איך פריי זיך מיט יעדן יידן, וואָס עס געלינגט אים אַריבערצוכאַפּן זיך צו אונדז. זאָל אייך גאָט העלפן!

בעני מיט ר׳ אַהרנען האָבן אים קאַלט אָפּגעענטפערט אויף זיין „גוטע וואָך" און שטיינמאַן האָט אין אים דערקענט דעמזעלבן יידן מיט דער שיינער באָרד, וועלכן ער האָט געזען מאַכן הבדלה אין דעם פענצטער פון דער שטוב, וואָס געפינט זיך קעגן גאַניק.

גערופן האָט מען אים ר׳ וועלוול קרופּניק.

— וואָס הערט זיך עפּעס אין שטעטל? עפּעס אַ סך זענען איבערגעגאַנגען היינטיקע נאַכט?

— ווער ווייסט? האָט בעני געענטפערט.

ר׳ וואָלף קרופּניק האָט מיט חשד אַ קוק געטאָן פון זיינע

בריקן, וואָס זענען געהאָנגען אויף זיין שפּיץ נאָז און האָט אַ זיפּץ געטון.

— ווען וועט זיך שוין דער רבונו של עולם מרחם זיין אויף אויף אונדז, יידן! וואָס אַ טאָג, לויפן איבער דעם דניעסטער מער אום־גליקלעכע. די טיר פאַרמאַכט זיך ביי מיר נישט און איך העלף זיי מיט וואָס איך קאָן... נאָר וואָס קאָן אַ מענטש אַליין טון? איך האָב ערשט היינט אין בית המדרש געמאַכט אַ געוואַלד, אַז מיר דאַרפן אויך מאַכן אַ קאָמיטעט אויף...

אינמיטן זיינע רייד זענען צום גאַניק צוגעקומען צוויי מיידלעך, איינע פון אַ יאָר צוואַנציק מיט דעם נאָמען פעסל און די צווייטע פון אַ יאָר זעכצן, גיטל, און זיך גלייך געווענדט צו ר' וועלוולען:

— מיר זענען נאָר וואָס געוועזן ביי אייך אין דערהיים, האָט מען אונדז געזאָגט, אַז איר שפּאַצירט אין דרויסן פאַר דער שטוב. גוט, וואָס איך האָב אייך געטראָפן!

גערעדט האָט דאָס עלטערע מיידל און די צווייטע, אַ דערשראָקענע, האָט זיך געהאַלטן נאָענט לעבן איר און געציטערט.

— וואָס־זשע וועט איר עפּעס גוטס זאָגן, קינדער? — האָט ר' וועלוול געפרעגט מיט פאָטער־ווייכע רייד.

דאָס עלטערע מיידל איז אָנגעצונדן געוואָרן פון זיינע זיסע רייד, און דאָס גאַנצע יונגע בלוט איז איר געקומען אין פּנים אַריין.

— איך וויל אייך בעטן, איר זאָלט ענדלעך אָפּגעבן מיר מיט מיין שוועסטערל דאָס געלט, וואָס אונדזער טאַטע האָט אונדז געשיקט, מיר זאָלן קאָנען פאָרן און זיך דאָ אויפהערן צו פּלאָגן אומזיסט און אומנישט!

— ערשטנס, מיין ליבע טאָכטער, — האָט ר' וועלוול ווידער ווייך גערעדט, — אויף אַ „פּוילע וואָך" מאָנט מען נישט קיין געלט. און, צווייטנס, — נישט אויף דער גאַס... איך האָב אַ שטוב, און אַז דו האָסט מיט דיין שוועסטער געקאָנט טרעפן צו מיר אין הויז, ווען דו ביזט אַריבער דעם דניעסטער, קאָנסטו איצטער אויך טרעפן צו מיר אין הויז, ווען דו מאָנסט ביי מיר געלט.

פעסל האָט זיך נאָך מער אָנגעצונדן.

— מער צו אייך אין הויז ביי איך נישט, נאָר טאַקע דאָ אויף

גאָס ווער איך אײַך מאָנען מײַן טאַטנס געלט, זאָלן אַלע ייִדן וויסן! הלוואי וואָלטן מיר בעסער אַרײַנגעפאַלן צו די רומענישע סאָלדאַטן אָדער אין דניעסטר דערטרונקען געוואָרן, אײדער איך מיט מײַן שוועסטערל זענען אַרײַנגעפאַלן צו אײַך אין די הענט! — האָט דאָס מיידל גערעדט מיט האַרץ, וואָס איז געווען אָנגעווייטיקט פון לאַנגע ליידן און פּלאָגן, און איר שוועסטערל, וואָס האָט קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט, האָט שטיל געוויינט און געגאָסן מיט טרערן.

אין דעם געסל איז געוואָרן אַ קליין רעדל פון אַ פּאָר פאַרבייגייענדיקע, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דאָדי דער שוסטער, אַ פּראָסטער גוטהערציקער ייִד, וועלכער איז געווען באַוווסט מיט זײַן הויכער וווּקס, ברייטע פּלייצעס און געזונטע שטאַרקע הענט: אויף דעם יריד־טאָג, ווען עס פּלעגט זיך מאַכן אַ געשלעג אויף דעם מאַרק, פּלעגן אפילו די מאָלדאַוואַנעס ציטערן פאַר דאָדין, ווען ער פּלעגט זיך אַרײַנמישן אין קריג, נישט קאָנענדיק בטבע פאַרליידן קיין עוולות.

אויך איצט גייענדיק צו בענין ווענן אַן ענין, האָט זיך דאָדי צוגעהערט צו דעם דאָזיקן איבעררעדן זיך צווישן דעם מיידל מיט ר׳ וועלוול קרופּניק, וועלכן ער האָט גוט געקאָנט און עס איז אים געווען באַוווסט, מיט וואָס פאַר אַ געלטער ער האָט איבערגעבויט זײַן שטוב מיט אַ בלעכענעם דאַך, צוגעבויט אַ נייעם שטאַל, געקויפט צוויי האָלענדישע קי, אַ שיין בריטשקעלע מיט צוויי גוטע פערד און אַ מזרח־שטאָט אין גרויסן בית־המדרש, די דריטע שטאָט, ווו דער רב זיצט, און פון דער צווייטער זייט מזרח־וואַנט זענען געזעסן די „האַלפערינס” מיט די קינדער.

דאָדי האָט גוט געוווסט פון ר׳ וועלוולס פינצטערע געשעפטן בעת דער מלחמה, ווי ער פּלעגט זיך פריער דרייען לעבן דער רוסישער „נאַטשאַלסטווע” און דערנאָך, ווען מען האָט די רוסן אַרויסגעטריבן פון באַסאַראַביע, האָט ר׳ וועלוול זיך אָנגעהייבן צו דרייען אַרום די רומענער. וואָס אייגנטלעך ר׳ וועלוול האָט געטון, איז דאָדין אויף ריכטיק נישט געווען באַקאַנט, נאָר דאָס האָט ער געוווסט, אַז פריער האָט ער געמאַכט „רובלס” און דערנאָך „לעיס” און איצטער, ווען עס האָט זיך אָנגעהייבן דאָס גרויסע אומגליק מיט דעם לויפּעניש פון אומגליקלעכע איבערן דניעסטר, האָט זיך ר׳ וועלוול

געמאַכט אַ ניי געשעפט און גייע גוטע יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר ר' וועלוולען.

זיין געוויינלעך געשעפט אָבער איז געווען מיט שאָפענץ פעלעכלעך, וואָס ער פלעגט אויפקויפן אין די דערפער ביי די מאָלדאַוואַנעס. נאָר אין דעם מסחר מאַכט מען היינטיקע שווערע יאָרן נישט קיין קאַפּיטאַלן.

פון דעם אַלעמען האָט דאָדי געוווסט, און ער פלעגט שטענדיק קוקן קרום אויף דעם פרומען יידן ר' וועלוול מיט זיין שיינער באָרד. און איצט האָט דאָדי מיט גרויס נייגעריקייט זיך צוגעהערט צו די טענות פון דעם מיידל צו ר' וועלוולען.

— איך וועל איצט פון אייך נישט אָפּטרעטן, — האָט דאָס מיידל נישט אויפגעהערט,—ביז איר וועט אונדז באַלד נישט אָפּגעבן מיין טאַטנס געלט, מיר זאָלן קענען אַוועקפאָרן!

ר' וועלוול, דערזעענדיק ווי דאָס „גאַרישע" מיידל איז אַרויס פון די כלים, האָט זיך געוואָלט אָפּטראָגן צו זיך אַהיים, נאָר דאָס האָט באַמערקט דאָדי און האָט גלייך מיט זיינע אייזערנע הענט אָנגעכאַפּט ר' וועלוולען, אַ טרייסל געטון מיט אים ווי מיט אַ לולב און מיט זיין דיקער לייבן-שטימע רויק, נאָר פעסט געזאָגט:

— ר' וועלוול, איר וועט פון דאַנען נישט אַוועקגיין!.. אויב איר האָט עפּעס צו ענטפערן אויף די טענות פון דעם מיידל, רעדט דבורים. ר' בעני וועט אונדז דערלויבן אַריינצוגיין צו זיך אין שטוב. וועלן מיר אויסהערן. זייער גוט וואָס ר' אהרן איז אויך דאַ, וועט ער אויך הערן.

דערביי האָט דאָדי אָנגעשריגן אויף דעם רעדל מענטשן, זיי זאָלן זיך צוגיין: עס איז נישט קיין קאָמעדיע, וואָס מען איז זיך אָנגעלאָפן! נאָכדעם האָט ער ר' וועלוולען אַריינגעשטופּט אין דער טיר פון בעניס הויז.

בעני, שטיינמאַן און ביידע שוועסטערלעך זענען אויך אַריינגעגאַנגען. דער עולם איז זיך צעגאַנגען, נאָר אַ פּאָר האָבן אַריינגעקוקט אין פענצטער און געפּרוווט הערן, וואָס מען רעדט דאָרטן.

ווען דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אַרום טיש און ר' וועלוול האָט געזען, אַז ער האָט קיין אויסוועג נישט און ער וועט זיך דאָ נישט קענען אַרויסדרייען, האָט ער אָנגעהייבן צו טענהן מיט אַ גאַנצער הקדמה:

— איך וועל אייך אָנהייבן פון אָנהייב און איר וועט זען, אַז

איך בין גאָט די נשמה שולדיק און זיי באַצאָלן מיר פאַר מיין גוטס־קייט מיט שלעכטס... איך בין נאָר שולדיק אין דעם, וואָס איך האָב אַ יידיש האַרץ און עס טוט מיר וויי, צוזעענדיק, ווי יידישע היימלאָזע פּלאָגן זיך, נעבעך, אַזוי, שטעלן איין דאָס לעבן, כדי צו ראַטעווען זיך פון הונגער און קעלט.

דערביי האָט ר׳ וועלוול פאַרגלאָצט די אויגן און געזאָגט:

— איין גאָט זאָל זיך נאָר מרחם זיין אויף אונדזערע אומגליקלעכע יידן!

דאָס מיידל האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין ר׳ וועלוולען. זי האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָט געפילט, אַז זי פּלאַצט, ווען זי וועט נישט אַרויסשפּרינגען מיט אַ פּאָר ווערטער. האָט זי דאָדי אָפּגעזאָלטן און זיך געווענדט צו ר׳ וועלוולען:

— אָבער, ר׳ וועלוול, וואָס הערט זיך בעסער מיט דעם געלט, וואָס די קינדער מאָנען ביי אייך? וואָס זאָגט איר, ר׳ בעני, בין איך נישט גערעכט? אָט לאָז זאָגן ר׳ אהרן.

און דערביי האָט ער זיך אומגעקערט צו שטיינמאַנען.

— אָט זיצט אַ פרעמדער יונגערמאַן, זאָל ער זאָגן, צי האָב איך נישט רעכט? וואָס טויגן מיר די אַלע מעשיות! די קינדערס געלט ווו איז?

— וואָסער געלט? — האָט ר׳ וועלוול זיך אָנגערופן. — אָט וועל איך אייך דערציילן פון אָנהייב ביזן סוף. צוריק מיט פיר, פינף חדשים בין איך אויפגעשטאַנען פאַרטאָג...

— נישט קיין פיר, פינף חדשים, נאָר שוין מער ווי אַ האַלב יאָר, אַז איך פּלאָג זיך! — האָט דאָס מיידל באַמערקט.

איינער פון עולם האָט זי נישט געלאָזט רעדן און ר׳ וועלוול האָט ווייטער גערעדט:

—יאָ, איך בין אויפגעשטאַנען פאַרטאָג... עס איז געוואָרן שטאַרק פינצטער, איידער עס האָט אָנגעהייבן טאָגן... איך האָב באַדאַרפט זיך זען מיט איינעם אַ מאָלדאַוואַן, מיט וועלכן איך האַנדל. ער האָט באַדאַרפט פאַרטאָג אַוועקפאָרן. און ווי איך גיי אַזוי און נעם זיך אין דער זייט פון אונדזער געסל...

— עס איז געווען נישט אויף קיין גאַס, נאָר אויף אַ גלייכן פּלאַץ, נישט ווייט פון דניעסטער! — האָט דאָס מיידל ווידער באַמערקט.

— יאָ, מען האָט געזען פון דערווייטנס דעם דניעסטער, — האָט

ר׳ וועלוול ווייטער גערעדט. — פלוצים דערזע איך צוויי מיידלעך זיצן אויף דער ערד.

— צוויי מיידלעך און אַ ווייבל, — באַמערקט פעסל.

— יאָ, און אויך אַ ווייבל. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען אומגליקלעכע, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס אַריבערגעכאַפּט פון יענער זייט און ווייסן נישט וווהין צו גיין ביינאַכט. האָב איך, פאַרשטייט זיך, רחמנות געקריגן אויף זיי, בין איך צוגעגאַנגען און זיי אויסגע־פרעגט. האָבן זיי מיט טרערן אין די אויגן און פול מיט שרעק מיר דערציילט, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע נאַכט זיי האָבן איבערגעלעבט, ביז זיי זענען לעבעדיקע געקומען אַהער. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיי געפירט צו זיך אַהיים, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר, געגעבן צו עסן און זיי באַרויקט. דערווייל איז אויפגעשטאַנען מיין ווייב און זיך מיט זיי באַגאַנגען, ווי אַן אייגענע מאַמע. זאָגט אַליין, איז עס נישט אמת? — האָט ער זיך געווענדט צו דעם מיידל, וואָס האָט ביי אים געלט געמאָנט.

— אוודאי איז אמת, — האָט דאָס מיידל געענטפערט און ר׳ וועלוול האָט ווייטער דערציילט:

— אין די ערשטע צוויי חדשים האָבן זיך די קינדער ביי מיר אין שטוב אויפגעפירט פיין און לייטיש. דאָס עלטערע מיידל, פעסל, האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט אַ פאָטער אין אַמעריקע, ווייזט אויס, אַ פאַרמעגלעכער מענטש. מיר האָבן אים באַלד אַ בריוו געשיקט און מיט דער ערשטער פּאָסט איז געקומען טויזנט דאָלאַר אויף מיין נאָ־מען. אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר האָב איך איר געגעבן, און אויף דאָס איבערי־קע האָב איך איר געגעבן אַ חשבון, וואָס האָט מיר געקאָסט מאַכן אי־רע פּאַפּירן, היינט עסן, וווינונג און נאָך הוצאות. איך בין דאָך קיין גביר נישט, איך זאָל זיי אומזיסט האַלטן, בפרט נאָך, אַז איר טאַטע וווינט אין אַמעריקע און ווייזט אויס צו זיין אַ פאַרמעגלעכער מענטש. היינט פרעג איך אייך, זאָגט אַליין, יידן, וואָס פאַר אַ טענות קאָן זי האָבן צו מיר און מיך אַזוי מבזה צו זיין פאַר לייטן, ווען איך האָב זיי הונגעריקע און עלנטע אַריינגענומען צו מיר אין הויז, ווי אייגענע קינדער, און זיי באַצאָלן מיר איצט מיט שטיינער פאַר מיין גוטסקייט?

ר׳ וועלוול האָט געענדיקט מיט טרערן אין די אויגן.

דאָדי און דער איבעריקער עולם, וואָס זענען געזעסן ביים טיש, האָבן זיך געווענדט צו דעם מיידל, וועלכע האָט אָנגעהייבן:

—איך וועל אייך נישט דערציילן פון אָנהייב, נאָר פון דעם

מאָמענט, זײַנט מיר האָבן געהאַט דאָס אומגליק זיך צו באַגעגענען מיט ר׳ װעלװלען. נאָך אַזאַ לאַנגע נאַכט מיט טויט־שרעק אויף יעדן טריט און שריט, האָט זיך בײַ אונדז אויסגעלאָזט די כּוחות, און פֿון שוואַכקייט זענען מיר געפֿאַלן אויף דער ערד און געלעגן ביז ר׳ װעלװל איז צוגעקומען צו אונדז. דערזעענדיק אַ יידן, װעלכער האָט גערעדט צו אונדז מיט אַזאַ יידיש האַרץ, האָבן מיר זיך זייער דערפֿרייט, װאָס גאָט האָט שוין אויף אונדז ענדלעך רחמנות געקריגן... מיר האָבן זיך, גליקלעכע, אײַנגעגאַנצן פֿאַרטרויט צו אים װי צו אַן אייגענעם טאַטן. און באמת האָט ער מיט זײַן װײַב אונדז אויפֿגענומען װי אייגענע קינדער און מיר האָבן געלויבט גאָט, װאָס צווישן יידן בני רחמנים װערט מען נישט פֿאַרפֿאַלן. די ערשטע פֿאַר װאָכן האָט זיך אונדז געלעבט זייער גוט, נאָר דאָס האָב איך באַמערקט, אַז צו אונדז האָט מען זיך באַצויגן פֿיל בעסער, װי צו דעם אומגליקלעכן װײַבל, װאָס איז מיט אונדז געװען, װײַל ער האָט זיך פֿון אונדז דערװוסט, אַז מיר האָבן אַ טאַטן אין אַמעריקע און דערצו נישט קיין אָרעמאַן און דאָס װײַבל האָט, נעבעך, קיינעם נישט געהאַט אין אַמעריקע, נאָר אַ ברודער, נישט האָבנדיק אפילו זײַן אַדרעס און מען האָט אים ערשט געדאַרפֿט אָנהייבן זוכן. איר האָט זיך זייער שלעכט געלעבט בײַ ר׳ װעלװלען... נאָר װי זאָגט ער, אומזיסט קען ער נישט האַלטן אַ מענטשן, האָב איך איר געגעבן אויף הוצאות און זי איז ערגעץ אַװעקגעפֿאָרן. פֿון די ערשטע טויזנט דאָלאַר, װאָס מײַן טאַטע האָט געשיקט פֿאַר מיר מיט מײַן שוועסטערל, האָט ר׳ װעלװל צוגענומען אַכט הונדערט און אונדז געגעבן צוויי הונדערט דאָלאַר. און בײַ אים איז געבליבן אַכט הונדערט, דאָס הייסט אַכציק טויזנט לעי! שוין־זשע, פֿרעג איך אײַך, איז אין די צוויי חדשים, װאָס מיר זענען געװען בײַ ר׳ װעלװלען, האָבן מיר אויפֿגעגעסן אַכציק טויזנט לעי, װאָס װאָלט געקלעקט דאָ אַ גאַנצער פֿאַמיליע אָפּלעבן גאַנצע הונדערט יאָר, חתונה מאַכן קינדער און אייניקלעך און דערנאָך איבערלאָזן אַ רײַכע ירושה?!

דער עולם האָט האַרציק, נאָר פֿאַרביטערט געלאַכט, און דאָ מיידל האָט װײַטער דערציילט:

— און װען איך, זעענדיק צו װאָס פֿאַר אַ מערדער מיר זענען אַרײַנגעפֿאַלן, בין איך מיט מײַן שוועסטער אַרויס פֿון זײַן הויז און פֿאָדערן אָנגעהייבן מײַן געלט. האָט ער מיר געדראָט, אַז אויב איך װעל

זיין אַן עזות־פּנים, וועט ער מיך מיט מיין שוועסטערל צוריק אַריבערשיקן אויף יענער זייט, און איך, אַ דערשראָקענע פון אַזוי פיל אוממענטשלעכע איבערלעבונגען, האָב לאַנג געמוזט שווייגן. עס איז דאָך גענוג, ער זאָל זאָגן, אַז איך בין אַ „באָלשעוויטשקע"... האָב איך אַ דערשראָקענע געמוזט שווייגן.

דאָס מיידל האָט נישט אויסגעהאַלטן און זי האָט זיך צעוויינט און איר שוועסטערל האָט נאָך העכער געוויינט.

שטיינמאַן האָט פון אויפרעגונג געציטערט, הערנדיק, ווי דאָס מיידל האָט דערציילט. ער האָט זיך געוואָלט וואַרפן אויף ר׳ וועלוולען און אים אויסרייסן זיין שיינע באָרד. ער, אַלס נייער מענטש, וואָס איז נישט געווינט צו אַזעלכע שוידערלעכע געשיכטן, האָט נישט געקאָנט רויק איינזיצן, נאָר דער עולם האָבן די שוועסטער צוזאַמען מיט דעם אויפגערעגטן שטיינמאַנען באַרויקט, און דאָדי האָט געזאָגט שטיינמאַנען:

— איר, יונגערמאַן, קאָנט זיין רויק. דער דאָזיקער שיינער ייד וועט פון מיינע הענט לעבעדיק נישט אַרויס, ביז ער וועט נישט באַפרידיקן די טענות פון די צוויי שוועסטער.

דאָס מיידל האָט ווייטער דערציילט:

— איך וואָלט אים שוין מוחל געווען דאָס געלט און וואָלט געבעטן מיין פאָטער, ער זאָל מיר שיקן נאָך אַ ביסל געלט מיט שיפסקאַרטן און מיר וואָלטן שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן. באַקום איך הייינטיקע וואָך אַ בריוו פון מיין פאָטער, אַז לויט מיין טעלעגראַמע האָט ער מיר אַרויסגעשיקט נאָך טויזנט דאָלאַר אויף מיין רעטער, ר׳ וועלוול קרופּניקס נאָמען... נישט איך האָב טעלעגראַפירט, און נישט איך ווייס וואָס צו זאָגן.

דאָס מיידל האָט אַרויסגענומען פון איר קעשענע איר פּאָטערס בריוו און זי האָט עס אַנידערגעלייגט אויף דעם טיש, זאָגנדיק דערביי:

— נאַט, לייענט, דאָ האָט איר אַלץ, אפילו די באַנק איז אָנגעוויזן, דורך וועלכער מען האָט דאָס געלט געשיקט אויף ר׳ וועלוול קרופּניקס נאָמען. דאָ וועט איר איבערלייענען, אַז מיין פאָטער בעט ביי מיר אַנטשולדיקונג, וואָס ער האָט נישט געקאָנט שיקן די גאַנצע טויזנט פינף הונדערט דאָלאַר, ווי איך האָב געבעטן, און ער רעכנט, אַז מיט די טויזנט דאָלאַר וועלן מיר שוין קאָנען בשלום קומען צו אים.

דאָס מיידל, דערציילנדיק, איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז זי האָט קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם און געבעטן אַ גלאָז וואַסער, וועלכעס זי האָט איינגאַנצן מיטאַמאָל אויסגעטרונקען און ווייטער אָנגעהייבן דערציילן:

— איך שווער אייך ביי אַלעם, וואָס איז מיר הייליק, אַז איך ווייס פון קיין שום טעלעגראַמע נישט צו זאָגן. און ר׳ וועלוול, ווייזט אויס, האָט מיין אונטערשריפט אָן מיין וויסן אונטערגעשריבן. און ווען איך בין געלאָפן צו אים און געמאַכט אַ געוואַלד, האָט ער פּרייער זיך ווידער געפּרוווט מיך איבערצושרעקן, אַז מען וועט מיך און מיין שוועסטערל שיקן צוריק, נאָר ווי מיט צרות אַזוי אויך מיט שרעק ווערט מען געוויינט און איך האָב אים גלייך געענטפערט, אַז ער קאָן דאָס טון באַלד די מינוט, און אַז איך האָב פאַר קיין זאַך איצט קיין מורא נישט. סיי ווי סיי, האָב איך געזאָגט, קאָן איך שוין אָן דעם געלט נישט קומען צו מיין פאָטער מיט מיין שוועסטערל. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל אַליין גיין צו „נאָטשאַלסטווע״, מיט וועלכער ער פלעגט מיך שטענדיק שרעקן און אַלץ אַליין דערציילן, און די גאַנצע שטאָט וועט אַלץ וויסן. דאַן האָט ר׳ וועלוול אָנגעהייבן מיט גוטן און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז צוביסלעך וועט ער מיר דאָס געלט אויסצאָלן. איר הערט! מיר דאַרפן פאָרן, און ער וועט מיר אויסצאָלן! די לעצטע טעג אָבער האָט ער אפילו וועגן אויסצאָלן אויפגעהערט צו רעדן און לאָזט מיך לויפן, ווי אַ הונט.

— קוקט איר נאָר אָן, וואָס פאַר אַ פּיסק זי האָט מיטאַמאָל באַקומען! — איז ר׳ וועלוול מיטאַמאָל אַריינגעפאָרן אינמיטן אירע רייד. — אַ גאַנצער אַדוואָקאַט געוואָרן! הערט נאָר, ווי זי האָט זיך צערעדט אַ ביסל!

— יאָ, — האָט דאָס מיידל זיך אָנגערופן, — אַ גאַנצער אַדוואָקאַט בין איך געוואָרן! צרות לערנען אַלץ אויס. איך האָב זיך אַ סך זאַכן אויסגעלערנט, כאָטש איך בין אַ פּראָסט מיידל, און נישט אַזאַ ווילקענענדיקע, אַ געבילדעטע, וויל איך זאָגן. עס זענען אָבער דאָ אַזעלכע מיידלעך, וואָס די צרות און אומגליקן האָבן פון זיי געמאַכט אַזעלכע גרויסע העלדינס, וואָס מען קאָן נאָר אין געדרוקטע ביכער געפינען... אָט האָב איך אויף „יענער זייט״ געקאָנט אַ מיידל דינה, וואָס אירע שרעקלעכע ליידן און איבערלעבונגען האָבן געמאַכט פון איר אַזאַ העלדין, אַז זי האָט מיט אירע שיינע הענטלעך אַ געזונטן „רויטן

אַרמעיעץ״ אויף טויט דערהרגעט. דערנאָך איז זי אַליין אַוועק אין „טשעקאַ״ און וועגן איר פאַרברעכן דערציילט. מען האָט זי אַרעסטירט, דערנאָך געמשפּט און מען האָט זי באַפרייט.

דוד שטיינמאַן און בעני האָבן זיך איבערגעקוקט, און שטיינמאַן האָט אַ בלאַסער זיך איבערגעפרעגט:

— ווי, האָט איר געזאָגט, הייסט דאָס מיידל?

— דינה.

— איר פאַמיליע?

— איך ווייס נישט.

— אפשר ווייסט איר פון וועלכן שטעטל זי איז?

— איך געדענק נישט. איך ווייס נאָר, אַז זי איז פון אַ פּאָדאָליער שטעטל, ערגעץ לעבן קאַמיענעץ.

ר׳ אהרן האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס שטערט איר איר צו דערציילן? מען קאָן דאָך אַ גאַנצע אַכט אַזוי נישט זיצן.

שטיינמאַן איז קוים געזעס/ אויף זיין אָרט, ווי אויף שפּילקעס און פעסל האָט ווייטער געטענהט:

— איך וויל גאָרנישט פון ר׳ וועלוולען, לאָז ער קומען אויף אַנדערע הענט פאַר די ליידן, וואָס ער האָט אונדז אָנגעטון. איך בין אים מוחל די אַכט הונדערט דאָלאַר! זאָל ער נאָר אָפּגעבן די טויזנט דאָלאַר, וואָס מיין טאַטע האָט אונדז, זיינע קינדער, געשיקט און ער האָט זיי אויסגענאַרט מיט אַ פאַלשער אונטערשריפט, אונטערשרייבנדיק, אָן מיין וויסן, מיין נאָמען.

פעסל האָט אָפּגעאָטעמט און זיך געווענדט צו ר׳ וועלוולען:

— איך מוז אייך אָפן זאָגן, ר׳ וועלוול, אַז איר דאַרפט זיך שעמען פאַר גליקלעך, וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט די ייִדן, וואָס זיצן דאָ אַרום טיש און מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין דעם הויז... ווען נישט, ווער ווייסט? איך וואָלט מיט אייך דאָסזעלבע געטון, וואָס דינה האָט געטון מיט דעם „רויטן אַרמעיעץ״. ביי מיר איז שוין געווען באַשלאָסן דאָס צו טון, ווען איר וואָלט זיך ווידער אָפּגעזאָגט מיר נישט אָפּגעבן מיין טאַטנס געלט, וואָס ער האָט געשיקט פאַר זיינע קינדער. אויף דעם בעסטן פאַל וואָלט איך אַליין געגאַנגען אין דער פּאָליציי און דערציילט, ווי אַזוי איר האָט דורך אַ פאַלשער חתימה אויסגענאַרט ביי מיין פאָטער אונדזער געלט. נאָר איך וויל עס

נישט. איך וויל גאָרנישט פון אייך, איך וויל נאָר וואָס צום גיכסטן אָנזעקפּאָרן מיט מיין שוועסטערל צו מיין טאַטן. מיר זענען שוין מיד, מיר האָבן שוין קיין כּוח נישט זיך צו וואַלגערן אין דער פרעמד און ליידן אַזוי פיל צרות.

פעסעלען האָבן געשטיקט די טרערן און זי האָט זיך צעוויינט, און איר יינגערע שוועסטערל האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול.

דער עולם האָט זיי באַרויקט און פעסל, אויסווישנדיק אירע טרערן, האָט ווייטער גערעדט:

— איך בין אייך, יידן, זייער דאַנקבאַר, וואָס איר האָט אונדז אַריינגענומען אין דעם הויז און האָט מיך מיט דעם אָפּגעהיט פון ווילדע מעשים, וואָס אַ מענטש קאָן טון פון פאַרצווייפלונג און צרות. איך וויל גאָרנישט. איך וויל נאָר, איר זאָלט מיר געבן די מעגלעכקייט פאָרן ווי צום גיכסטן מיט מיין שוועסטערל צו אונדזער פאָטער. און נאָך איין זאַך וויל איך בעטן ר׳ וועלוולען: אין דער שרעקלעכער נאַכט, ווען ר׳ וועלוול האָט זיך צו אונדז באַוויזן פאַר אונדזער משיח און האָט אונדז אַריינגעפירט צו זיך אין הויז, אונדז אָנגעטרונקען און אונדז געגעבן אַ געלעגער, ווו מיר זאָלן זיך אויסרוען, האָט ר׳ וועלוולס ווייב בײַ מיר אָוועקגענומען אַ בריליאַנטן פינגערל און בײַ מיין שוועסטערל אַ גאָלדן קייטעלע. ר׳ וועלוולס ווייב האָט געזאָגט, אַז מען וועט עס בײַ אונדז צונעמען, וועט זי עס בײַ זיך באַהאַלטן... נאָר ביז איצט האָט זי אונדז דאָס פינגערל און דאָס קייטעלע נישט אָפּגעגעבן, כאָטש מיר האָבן עס בײַ איר נישט אויפגעהערט צו מאָנען. מיר וואָלטן די צוויי זאַכן איר איבערגעלאָזט, נאָר דאָס זענען די איינציקע זאַכן פון אונדזער דערהרגעטער מאַמען אין פּאָגראָם. די צוויי זאַכן זענען אונדז זייער טייער...

פעסל האָט געענדיקט, און אַ מידע איז זי געבליבן זיצן אויף איר אָרט.

אַלע אויגן האָבן זיך געווענדט צו ר׳ וועלוולען, און דאָדי האָט אַזאַ קוק געטון אויף אים, אַז ר׳ וועלוול איז בלאַס געוואָרן און אַ ציטער געטון.

— נו, וואָס וועט איר, ר׳ וועלוול, איצטער זאָגן? — האָט דאָדי מיט זיין לייבן־שטימע געפרעגט.

ר׳ וועלוול האָט געשוויגן, דערנאָך אָנגעהייבן עפּעס רעדן, נאָר די ווערטער האָבן זיך בײַ אים פאַרפּלאָנטערט מיט זיין צונג,

אַז מען האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען.

ענדליך האָט דאָדי געפרעגט:

— ר׳ וועלוול, איר גיט אָפּ דאָס געלט מיטן פינגערל און דאָס גאָלדענע קייטעלע?

— ווי קאָן איך ביינאַכט, אויף דער „פולער וואָך", קריגן אַזוי פיל געלט? — האָט ר׳ וועלוול קוים מיט אַ שוואַך קול אַרויסגערעדט.

דאָדי איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, געבליבן שטיין אַזוי גרויס, ווי ער איז, אַז ער האָט מיט זיין קאָפּ דערגרייכט ביז צו דער סטעליע און זיך געווענדט צו די צוויי שוועסטער:

— קינדער! גייט אַהיים און זייט גאַנץ רויק... נישט שפּעטער ווי מאָרגן, וועל איך אייך אָפּגעבן אייער טאַטנס געלט מיט דעם פינגערל און קייטעלע, וואָס איז אייך געבליבן פון אייער מוטער און איר וועט קאָנען פאָרן, ווען איר וועט נאָר וועלן.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו ר׳ וועלוולען:

— און איך זאָג אייך אָן, אַז מאָרגן זאָל אַלץ זיין צוזאַמען מיט אַ חשבון, וואָס אייך מיט אייער ווייב קומט פאַר אייער גוטס־קייט, וואָס איר האָט געטון פאַר די קינדער, — קיין קאָפּיקע זאָל נישט פעלן! איר הערט, וואָס איך זאָג אייך אָן? ווען נישט, וועל איך אייער גאָרגל אַרויסרייסן! און איך זאָג אייך אָן, אַז טאָמער וועט איר וועלן עפּעס אויסטראַכטן אַ ביי מסירהלע אויף די קינדער, מען זאָל זיי דערוויי״ל אַרעסטירן און איר וועט זיי דערוויי״ל פאַרשפּאָרן אָפּגעבן דאָס געלט, זאָלט איר וויסן, אַז איר מיט דער ווייב און קינדער וועלן דאָ באַגראָבן ווערן. איך קען אַלע אייערע מעשים, ר׳ וועלוול! איצט גייט „אַהיים צו די אַלדע שוואַרץ יאָר און ברעכט רוק און לענד! נאָר פריער זאָלט איר אַלץ די קינדער אומקערן!

ר׳ וועלוול איז אָן ווערטער אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און איז אַוועקגעגאַנגען, קוים געפינענדיק די טיר, און דאָדי האָט זיך בעווענדט צום איבעריקן עולם:

— ווי געפעלן אייך אַזעלכע מערדער! איר מיינט, אַז ער איז איינער? גאַנצע באַנדעס פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, פרעמ־דע און אייגענע, זענען זיך אָנגעלאָפן, ווי אויף אַ גוטן, יאריד צו דער גאַנצער לענג פון דניעסטער און מען מאַכט גוטע גע־שעפטן... מען זויגט דאָס בלוט פון די אומגליקלעכע און דער־שראָקענע, וואָס לויפן אַריבער דעם דניעסטער, און ווער? שיינע יידן

און באַלעבאַטים זענען אויך דאָ צווישן זיי! איך רעד שוין נישט פון באַקאַנטע מערדער, וואָס לעבן שטענדיק פון מערדעריי און אַלערליי גנבים און שווינדלער — אַ גרויסער יאַריד פאַר זיי! — און מען מאַכט גרויסע געשעפטן. מען האַנדלט מיט בריליאַנטן, מיט גאָלד און מיט קאַראַקולענע מאַנטלען און אַלץ איז געראַבעוועט פון די אומגליקלעכע דערשראָקענע אַנטלויפער פון יענער זייט!

— איך זע, אַז איר וווּנדערט זיך! — האָט זיך דאָדי געווענדט צו שטיינמאַנען. — איר זענט נאָר דאָ אַ נייער מענטש. איר וועט דאָ וווינען, וועט איר זען, וואָס עס טוט זיך ביי אונדז!

בעניס ווייב, ביילקע, וואַרטנדיק די גאַנצע צייט מיט דער וועטשערע און ווייסנדיק, אַז דער עולם האָט זיך פון היינטיקן טאָג שטאַרק אויסגעהונגערט, איז אַריינגעקומען, געגרייט צום טיש און אויך געבעטן די צוויי מיידלעך, זיי זאָלן בלייבן אויף מלוה־מלכה.

— איר האָט דאָך געוויס זיך אַ.יך גוט אויסגעהונגערט, — וווּ וועט איר גיין איצטער אַזוי שפּעט אַהיים און זיך לייגן שלאָפן הונגעריקע? בלייבט מיט אונדז און איר מעגט זיין גאַנץ רויק, אַז ווי באַלד ר׳ דאָדי האָט אייך געזאָגט, אַז איר וועט באַקומען אייער געלט, מעגט איר זיך שוין צוגרייטן צו אייער ווייטער רייזע אין אַ מזלדיקער שעה! נו, קווייקלט זיך נישט און זעצט זיך צום טיש.

די מיידלעך זענען געבליבן. ר׳ אהרן האָט געפרעגט ביי בענין, צי אין קעלער איז נאָך איבערגעבליבן אַ ביסל ווין פון דעם „עכטן און גוטן“, וואָס ער האָט היינט ביי אים געטרונקען?

— זייט רויק, — האָט בעני געענטפערט, — עס וועט נאָך בלייבן אי״ה אויף איבעראַכטאָג שבת... און איר, — האָט זיך בעני געווענדט צו דאָדין, — מעגט אויך בלייבן מיט אונדז צו דער מלוה־מלכה: אַזאַ ביסל ווין האָט איר נאָך נישט געטרונקען. ר׳ אהרן איז אַ מבין און ווייסט וואָס ער רעדט.

ביילקע האָט געבראַכט דעם שבת־צונאַכטסטיקן הייסן פלייישיקן רויטן באָרשטש מיט קאַרטאָפל, אויף דעם טיש האָט זיך באַוויזן אַ פּאָר פלעשער ווין, דער עולם איז געוואָרן פריילעכער. נאָר דוד שטיינמאַן איז געזעסן אַ בלאַסער, אַ טרויעריקער, כמעט גאָרנישט געהערט, וואָס מען רעדט ביים טיש. זיינע אַלע געדאַנקען זענען געווען אויף יענער זייט דניעסטר, אַרום דינהן, און ער האָט נישט צופּגענומען די אויגן פון פעסלען, וועלכע האָט דאָ נישט לאַנג

דערמאָנט איר נאָמען און דערציילט וווּנדערלעכע מעשים וועגן דינהן.

און פון דער מינוט, וואָס פעסל האָט דערמאָנט דינהס נאָמען, איז זי מיט איר שוועסטערל געוואָרן ביי שטיינמאַנען טייער און ליב, ווי אייגענע, ווי זיינע שוועסטער.

— זיי קאָנען דינהן, זיי האָבן זי געזען און גערעדט מיט איר, זיי ווייסן ווי זי לעבט, ווי אַזוי זי זעט אויס, — האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, און מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט, די מלוה-מלכּה זאָל זיך ענדיקן. ער מיט פעסלען וועלן אָפּפאָרן אַהיים און אויפן וועג וועט ער אַלץ אויספרעגן וועגן דינהן און זי וועט דערציילן און דערציילן.

שטיינמאַן האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס דער צופאַל האָט אים צוזאַמענגעבראַכט מיט די צוויי מיידלעך. אַ דאַנק זיי וועט ער זיך ענדלעך דערוויסן וואָס מיט דינהן איז געשען, ווו זי געפינט זיך איצטער, וועט קאָן ער דערוואַרטן, זי זאָל אַריבערגיין דעם דניעסטר און עס וועט נעמען אַ סוף צו אירע און זיינע ליידן. נאָר ער איז געווען נידערגעשלאָגן און דערשראָקן וועגן דעם, ווי אַזוי דינה איז געקומען צו אַזאַ שרעקלעכער לאַגע, אַז זי האָט געקאָנט און געמוזט אַ מענטשן הרגענען און געווען אַרעסטירט.

גרויסע שרעק און טיפער טרויער איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין בלאַס געזיכט.

ג.

דער עולם אַרום טיש האָט פריילעך געפּראַוועט די מלוה-מלכּה. די :יהרן און דאָדי האָבן שטאַרק געסמאַקעוועט פון דעם וויין און אים געלויבט ביז אין הימל אַריין, די צוויי שוועסטער זענען מיט-אַמאָל פריילעך געוואָרן און זיך איינגאַנצן איבערגעביטן פון די גליקלעכע געדאַנקען, אַז עס קאָן זיין, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן, היינטיקע וואָך, וועלן זיי, נאָך אַזוי פיל פּלאָגעבישן, קאָנען אַוועקפאָרן קיין בוקאַרעשט מאַכן די אַלע „וויזעס", קויפן שיפס-קאַרטן צווייטן קלאַס, ווי זייער פאָטער האָט זיי געשריבן, אַז זיי זאָלן פאָרן נאָר מיט דעם צווייטן קלאַס.

די צוויי דערשלאָגענע מיידלעך, וועלכע האָבן איבערגעלעבט פּאָגראָמען, ווו זיי האָבן פאַרלוירן דאָס ליבסטע און טייערסטע אין

זייער לעבן — זייער מוסער, האָבן זיך איצטער מיטאַמאָל איבער־געביטן

זייער שרעקלעך לעבן פון יענער זייט, הונגער, קעלט און דאָס שרעקלעכסטע פון אַלץ, דאָס איבערגיין דעם דניעסטר, האָט אין זיי באַגראָבן זייער יוגנט, זייער פריילעכקייט, זייער יונגן געלעכטער, וואָס מאַכט אַזוי שיין און לעבעדיק די יוגנט, און איצטער, זעענדיק זיך שוין אין צווייטן קלאַס אויף דער שיף, האָבן מיטאַמאָל זייערע אַלע יונגע כּוחות זיך אַרויסגעריסן פון זייערע באַגראָבענישן, און מיט אַן אַליאַרם און שמחה זיך צעגאָסן און אויסגעשפּרייט איבער זייערע יונגע געזיכטער. און דאָס ערשטע מאָל פאַר דער לאַנגער צייט פון ליידן און צרות זענען די צוויי שוועסטערלעך געוואָרן פריילעך און האָבן אָנגעפילט די שטוב מיטן האַרציקן, קלינגענדיקן יונגן געלעכטער.

און ווען דער עולם האָט נאָך עטלעכע גלעזלעך נייין אָנגע־הייבן צו זינגען „המבדיל" און „איש חסיד" האָבן די שוועסטערלעך אויך מיטגעזונגען מיט זייערע שטילע, נאָר זיסע יונגע מיידלשע שטימעלעך. און זיי האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זיצן ווי אַמאָל אין זייער שטעטל צוזאַמען מיט זייער טאַטן, איידער ער איז פאַר דער מלחמה אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, און זינגען „המבדיל בין קודש לחול". און פעסל האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז ווען זי פלעגט אויפ־הערן צו זינגען, האָט זי דער טאַטע געבעטן, זי זאָל אים מיטהעלפן זינגען און פלעגט דערביי זאָגן: „עס שטייט דיר נישט אָן צו זינגען צוזאַמען מיט דיין טאַטן?" און ווען אַ'ר מוטער פלעגט זיך אָננעמען פאַר איר און זאָגן: "וואָס ווילסטו פונם קינד", פלעגט ער איר ענטפערן: „האָסטו מיר געזאָלט האָבן אַ יינגל, וואָלט ביי מיין טיש קיין מיידל נישט געזונגען!" און אַלע און אויך די מאַמע פלעגן דערביי זייער לאַכן.

שטיינמאַן האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון די יונגע קינדער. ער האָט אויף זייערע פּנימער געלייענט זייערע איצטיקע איבערלעבונגען און געדאַנקען און זיין האַרץ האָט זיך געפרייט.

— זיי זענען שוין פון די געציילטע גליקלעכע. וויפל טויזנטער אומגליקלעכע זענען אָבער נאָך דאָ אויף יענער זייט! וויפל הער־צער האָט צעריסן אָט די פאַרשאָלטענע שרעקלעכע מלחמה און די איבערקערענישן! מיליאָנען מענטשן זענען געפאַלן טויט און פוילן

ערגעץ אין דער ערד, אין זיי קאָן מען נאָך מיט דער צייט פאַר־געסן, אָבער די אומגליקלעכע לעבעדיקע! דאָס איז שרעקלעך! טויזנטער הערצער ווערן צעריסן און צעשניטן אויף שטיקער, על־טערן פון קינדער, שוועסטער פון ברידער, חתנים פון כלות און גע־ליבטע הערצער!.. אָט די צעריסענע לעבעדיקע הערצער איז דאָס שרעקלעכסטע.

ביים טיש, ביי דער מלוה־מלכה, איז אַלע מאָל פריילעכער געוואָרן און פעסל האָט געזאָגט צו איר שוועסטערל:

— אַז מיר וועלן זיין אין בוקאַרעשט, וועלן מיר זיך מאַכן נייע קליידלעך מיט נייע היטעלעך און שיכלעך. מען קאָן דאָך אַזוי נישט קומען צום טאַטן, עס וועט זיין אַ בזיון פאַר אונדזער טאַטנס באַקאַנטע.

— יאָ, יאָ, מיר וועלן קויפן אין בוקאַרעשט, — האָט גיטעלע פריילעך געענטפערט.

— ווען מיר וועלן דאָרטן קויפן די שיפס־קאַרטן, וועלן מיר פאָרן איבער פאַריז... מיר וועלן אָנקוקן די שיינע שטאָט פאַריז און דערנאָך וועלן מיר פאָרן צו דער שיף און זיך זעצן אין צווייטן קלאַס.

— ווייסט וואָס, פעסעלע? — איז גיטעלע אויפגעשפרונגען. — אַז מיר וועלן זיין אין פאַריז, וועלן מיר זיך קויפן הענטשקעלעך און זאָנטיקלעך. אַיאָ, פעסעלע?

— יאָ, ווו קאָן מען נאָך קויפן שענערע זאַכן, ווי אין פאַריז? מיר דאַרפן טאַקע הענטשקעלעך מיט זאָנטיקלעך, און בראָשקעס און קרעלן וועלן מיר קויפן! דעם טאַטן וועלן מיר קויפן אַ מתנה אין פאַריז: אַ גוטן פאָרטאַבאַק אויף צו האַלטן פאַפיראָסן און אַ שיין בורשטינען ציגאַרן־פיסקל.

—טאַקע! — איז גיטעלע אונטערגעשפרונגען פון גרויס פרייד.

שטיינמאַן, וואָס האָט אונטערגעהערט דעם שמועס, האָט אונ־טערגעשמייכלט. זייער פרייד, זייער גליק איז עפעס געוואָרן זיין פרייד און זי'ן גליק.

שטיינמאַן האָט געפרוווט זיין פריילעך גלייך מיט אַלע, ער האָט אויך וויין געטרונקען, נאָר וואָס ווייטער, איז ער אַלץ מער טרויעריק געוואָרן. ער האָט געוואָלט איצט ביי דעם פריילעכן טיש אויך זען זיצן דינהן, נאָר זי איז אַזוי ווייט, אַזוי ווייט. דער שטח

וואָס שיילט אָפּ פון דינהן, איז אַזוי נאָענט און דאָך אַזוי ווייט, און דער דניעסטער האָט ביי אים אויסגעזען ברייטער׳ פון דעם גרויסן אָקעאַן. שטיינמאַן האָט געוואָלט איצט ביים טיש אויספרעגן פעסלען וועגן דינהן, וועמענס נאָמען זי האָט דערמאָנט אין אירע טענות צו ר׳ וועלוולען, נאָר ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל פון איר זיך נישט דערוויסן עטוואָס שרעקלעכעס. ער האָט זיך געהאַט געשראָקן פאַר זיך. אים האָבן געשטערט די פרעמדע מענטשן, וואָס זיצן איצט אַרום טיש און ער האָט באַשלאָסן אָפּצולייגן עס אויף שפּעטער, ווען ער וועט פעסלען מיט איר שוועסטערל אָפּפירן אַהיים, און דאַן זאָל זי ז, וואָס עס וועט זיין...

בעני האָט באַמערקט, ווי זיין חבר שטיינמאַן זיצט טרויעריק דאַן, ווען אַלע זענען פריילעך. ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען זיין טרויער. בענין האָט זיך אויך זייער געוואלט וויסן וועגן דינהן און ער האָט זיך דאָ ביים טיש געווענדט צו פעסלען:

— ווען איר האָט געהאַלטן אין טענהן צו ר׳ וועלוולען, האָט איר דערמאָנט אַ נאָמען פון אַ מיידל, וואָס איז מיינע אַ גוטע באַקאַנטע.

— יאָ, איך האָב דערמאָנט דינהן, וואָס איז געוואָרן אַן אמתע העלדין! — האָט זי געענטפערט.

ווען בעני האָט אַזוי אומדערוואַרט אָנגעהייבן אויספרעגן דאָס מיידל וועגן דינהן, האָט שטיינמאַן אַ ציטער געטון און זיך מיט די אויגן איינגעגעסן אין פעסלען.

— איר קאָנט דינהן? — האָט בעני ווייטער געפרעגט.

— ווער קאָן זי נישט? איך געדענק אפילו נישט, צי איז מיר צמאָל או סגעקומען צו רעדן מיט איר אַ פּאָר ווערטער. נאָר איר דאַרפט וויסן, אַז די אַלע, וואָס געפינען זיך אויך יענער זייט ברעג און ווילן גנבהנען די גרענעץ, קאָנען זיך זייער גוט איינס דאָס אַנידערע... ערשטנס, די צרות און ליידן פאַראייניקן מענטשן, כאָטש זיי זענען מיט אַלעמען ווייט איינער פון דעם צווייטן. נישטאָ קיין רייך און אָרעם, קיין געבילדעטער און פּראָסטער, אַלע זענען גלייך... און, צווייטנס, לאָקערט און פּאָרט איינער נאָך דעם צווייטן, דאָס הייסט, יעדער וויל וויסן, ווען דער צווייטער רעכנט אַריבערצוגיין דעם דניעסטער? אויף וועלכן אָרט? צי דאָס אָרט איז זיכער און צי די קאָנטראַבאַנדיסטן זענען מער אָדער ווייניקער אָרנטלעכע מענטשן,

אויף וועלכן מ'קאָן זיך מער אָדער ווייניקער פאַרלאָזן.

— וועגן אַלץ, — האָט פעסל ווייטער דערציילט, — וועט איינער דעם צווייטן דערציילן, נאָר וועגן דעם, וואָס האָט אַ מינדעסטע שייכות צום אַריבערגיין דעם דניעסטער, שווייגט יעדער... עס מעג זיין, ווי מען זאָגט: „אַן אייגענער מאַמען", וועט מען קיין וואָרט נישט זאָגן... דאָרט, ווו עס קומט צו דעם מאָמענט פון ראַטעווען דאָס לעבן, שווייגט יעדער, קיין וואָרט וועט איר זיך נישט דערוויסן, און טאָמער וועט איינעם איינפאַלן צו טון אַ נאַרישקייט און פרעגן דעם צווייטן, ווען ער רעכנט אַריבערצוגיין דעם דניעסטער, וועט אייך יענער אָנקוקן מיט פאַרוווּנדערונג און ענטפערן: „וואָס פאַלט אייך איין? איך טראַכט גאָרנישט וועגן אַריבערגיין... ווער קאָן עס איינשטעלן דאָס לעבן אויף אַ זיכערן טויט! זאָלן אַלע אַריבערגיין — איך נישט! איך בלייב דאָ ביז עס וועט ווערן שטילער אויף דער וועלט... וואָס קאָן מען טון, מען מוז ליידן"!.. און אויף מאָרגן אין דערפרי דערוויסט מען זיך, אַז דער, וואָס האָט אַזוי פאַרזיכערט, אַז ער וויל נישט איינשטעלן דאָס לעבן אויף אַ זיכערן טויט און בלייבט דאָ, איז היינטיקע נאַכט אַריבער דעם דניעסטער, און ביי קיינעם בלייבט נישט קיין פאַרדרוס, וואָס יענער האָט אָפגענאַרט. וואָס־זשע, ער האָט געוואָלט איינשטעלן דאָס לעבן, כדי זיך צו ראַטעווען פון טויט, ווער־זשע קאָן האָבן צו אים טענות? נאָר דינה לייקנט פאַר קיינעם נישט! און ווען זי זאָל אפילו וועלן לייקענען, קען זי שוין אויך נישט. ווייל עטלעכע מאָל האָט זי זיך געלאָזט גיין. אייניקע מאָל האָט זי זיך אַליין מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע צוריק אומגעקערט, ווייל מען האָט דערזען די רומענישע וואַך פון יענער זייט, צי רויטע סאָלדאַטן פון דער זייט, אָדער אַן אַנדער געפאַר. און אַ פאָר מאָל איז זי שוין געווען אַרעסטירט און האָט זיך גליקלעך אויסגעדרייט.

דער עולם ביים טיש האָט מיט גרויס אינטערעס געהערט פעסלען דערציילן. שטיינמאַן איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן הערנדיק און האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט.

— און דאָך וויל דינה ווייטער זיך לאָזן גיין? — האָט בעני געפרעגט.

— יאָ, מען דערציילט, אַז זי האָט געזאָגט, אַז נאָר דער טויט קאָן זי אָפּהאַלטן פון נישט צו גיין, ווייל פון יענער זייט האָט זי שוין קיינעם נישט, און דאָ אויף דער זייט האָט זי אַ חתן... צי עס

איז אמת, ווייס איך נישט.

פלוצלונג האָט מען באַמערקט, ווי שטיינמאַן איז שטאַרק בלאַס געוואָרן, דער קאָפּ האָט זיך ביי אים אַראָפּגעלאָזט און די אויגן האָבן זיך פאַרגלאָצט.

ער חלשט! — איז געוואָרן אַ געשריי. מען האָט געבראַכט וואַסער, און מען האָט אָנגעהייבן שפּריצן אויף אים. דאָדי האָט אים געריבן די שלייפן און מען האָט שטיינמאַנען דערמינטערט.

— נו, גייט זיך אָפּרוען ביי זיך אין צימער! — האָט ביילקע אים אָנגענומען ביי דער האַנט.—שולדיק זענען מיר, בעני! אַ גאַנצן טאָג געלאָזט הונגערן... נו, ה׳ שטיינמאַן, איצט גייט זיך אָפּרוען!

— שולדיק איז דער ווײַן, — האָט ר׳ אַהרן געזאָגט, — דעם ווײַן דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַזוי צו טרינקען און דאָס קענען נאָר אודנזוערע באַסאַראַבער.

שטיינמאַן האָט געזאָגט, אַז ער פילט זיך איצט בעסער און וועט ליבערשט זיצן ביים טיש.

בעני האָט שוין מער פעסלען נישט געפרעגט, נאָר דער עולם, זייענדיק פאַראינטערעסירט מיט יעדער נייס, וואָס עס טוט זיך אויף „יענער זייט״, האָבן געבעטן פעסלען, זי זאָל ווייטער דערציילן.

— עס מאַכט זיך אָפּט, — האָט פעסל ווידער אָנגעהייבן, — ווען איינער אַ ייד גייט זיך אַזוי רויק איבערן שטעטל, וואָס געפינט זיך ביים ברעג, באַגעגנט באַקאַנטע, ענטפערט יעדן אויפן גוט-מאָרגן, שטעלט זיך אָפּ און קוקט זיך צו צו יעדער קלייניקייט, וואָס טוט זיך אין גאַס. אָט האָבן זיך צוויי הינט מיט אָפּגעקראָכענע האָר פון פיל הונגערן געריסן איבער אַ פאַרטריקנטן ביין פון אַ נבלה, אָדער איינער רופט צו דעם צווייטן, שטעלט ער זיך אַלע מאָל אָפּ און קוקט און הערט, ווייטער שטעלט ער זיך ווידער אָפּ... ער הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט ווי פייגעלעך פליען... און אויף מאָרגן אין דערפרי דערוויסט מען זיך, אַז דער ייד, וואָס האָט נעכטן אַזוי רויק שפּאַצירט איבערן גאַס און האָט געהאַט צייט צו קוקן אויף דעם הימל, ווי פייגעלעך פליען, איז מיט אַ פאַרציטערט האַרץ, טראָגנדיק דעם שרעק פון טויט אין זיך, געגאַנגען צום דניעסטער, ערגעץ זיך אויסבאַהאַלטן ביז עס וועט נאַכט ווערן, ווען קומען די קאָנטראַבאַנדיסטן און אים איבערפירן. און דאָ דאַרף ער גיין איבערן שטעטל אַזוי

רויק, ווי נישט אים מיינט מען עס... קיינער זאָל זיך וועגן זיין גיין נישט דערוויסן!..

פעסל האָט אָפּגעאָטעמט און געענדיקט:

— וויפל געזונט, וויפל אברים שטאַרבן אָפּ ביים מענטשן, ווען ער דאַרף אַזאַ „שפּאַציר" מאַכן. איך מיט מיין שוועסטערל האָבן דאָס־זעלבע אויף זיך איבערגעלעבט! און דינה האָט נאָך געפערלעכערע שפּאַצירן איבערגעלעבט און איז נאָך, נעבעך, פון יענער זייט!

— מיר מיט מיין שוועסטערל איז, געלויבט צו גאָט, געלונגען, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז ווען מיר זאָל נישט געווען געלונגען און איך וואָלט נאָכאַמאָל געדאַרפט גיין צום דניעסטער, וואָלט איך זיך אַליין דאָס לעבן גענומען... און דינה איז שוין געגאַנגען צום דניעסטער דאָס פינפטע מאָל און איז נאָך פון יענער זייט!

— פאַרוואָס-זשע קומט איר אָן אַזוי שווער? — האָט שטיינמאַן מיט אַ שוואַכער שטימע געפרעגט. — עס פעלט איר געלט אויף גוט צו באַצאָלן, מען זאָל זי אויף זיכערער איבערפירן דעם דניעסטער?

— ניין. עס ווייזט אויס, אַז קיין געלט פעלט איר נישט, און בכלל, דאַרפט איר וויסן, אַז יעדער, וואָס קומט אַריבערצוגיין דעם דניעסטער, האָט ערגעץ פאַרגראָבן אַ קניפל.

— וואָס איז די אורזאַך, וואָס דינהן קומט אָן אַזוי שווער דאָס אַריבערגיין?

—די אורזאַך איז, וואָס אַ חוץ געלט דאַרף מען האָבן מזל... עס קומען אָפּט צו דער גרענעץ זייער רייכע מענטשן מיט אַ סך גאָלד און ברילִיאַנטן ערגעץ באַגראָבן און צאָלן וויפל מען פאַרלאַנגט פון זיי, נאָר ווען זיי האָבן נישט קיין מזל — פאַלט מען אַריין!

— ווי אַזוי זאָל מען פאַרשטיין דאָס מזל, וועגן וועלכן איר רעדט?—האָט שטיינמאַן געפרעגט.

—ווי זאָל איך אייך עס ריכטיק דערקלערן?—האָט פעסל אַ טראַכט געטון.—איך וויל זאָגן, אַז אַלע גליקלעכע מאָמענטן דאַרפן צופעליק זיך צוזאַמענקומען. עס מוז זיין אַ פאַרוואָלקנטער הימל, און וואָס דער וועטער איז ערגער — איז אַלץ בעסער. צווישן די קאָנטראַבאַנדיסטן געפינען זיך מער אָדער ווייניקער אָרנטלעכע מענטשן, אויף וועלכע מען קען זיך פאַרלאָזן, און עס געפינען זיך, פאַרשטייט זיך, געגנוג אַפּעריסטן... מוז מען אַריינפאַלן צו ד' אָרנטלעכע. די וואַך פוןביידע ברעגן, וועלכע זענען דאָס רוב אונטערגעקויפט, דאַרפן

זיך צופעליק נישט בייטן. דאָס אַלץ איז גערעדט ווען מען קומט שוין צום ברעג. עס איז אָבער אַ סך שווערער ביז מען קומט צום ברעג. דאָס איז אַן אמתער דערנער־וועג. צופעליק דאַרף מען אויף דעם וועג קיינעם נישט באַגעגענען, שוין אָפּגערעדט פון באַגעגענען סאָלדאַטן, נאָר מיט יעדן פּריוואַטן מענטש, וואָס מען באַגעגנט, איז מען אין גרויס געפאַר! אַפילו אַ קינד ווען מען באַגעגנט איז מען שוין אויך נישט רויק. ביי יעדן, וואָס איר באַגעגנט, זענט איר אין חשד אַפילו ווען מען דערזעט אַן אָרנטלעכן מענטשן אָדער אַן אומשולדיק קינד. די דאָזיקע קומען אַהיים און אָן שום מיין דערביי דערציילן זיי די הויז-מענטשן, אַז זיי האָבן באַגעגנט אַזעלכן און אַזעלכן און, דאַכט זיך, אַז ער גייט אויף „יענער זייט".

-דאַכט זיך, גאָרנישט,—האָט פּעסל ווייטער דערציילט,—אַן אומשולדיק קינד האָט דערציילט עטלעכע ווערטער, דאַרף מען אָבער וויסן, אַז אַלע שטעטלעך, וואָס ציען זיך ביי דער לענג פון דניעסטר, זענען פאַרפולט מיט אַלערליי שפּיאָנען, גנבים און מערדער. נישטאָ קיין ווינקל, וווּ זיי זענען נישטאָ. מען קען זאָגן כמעט אין יעדן הויז געפינען זיי זיך אונטער פאַרשידענע מאַסקעס. דער מלוכה־שפּיאָן, ווען ער דערהערט אַזעלכע אומשולדיקע ווערטער, גייט באַלד מודיע זיין ווו מען דאַרף, און מיט רייטער יאָגט מען זיך אויפזוכן דעם אומגליקלעכן. דער גנב לויפט באַרויבן און דער מערדער לויפט הרגענען און שענדן. איצטער פאַרשטייט איר שוין, וואָס פאַר אַ גרויס מזל מען דאַרף האָבן, מען זאָל לעבעדיק איבערגיין דעם דניעסטר. און אַז גאָט העלפט, אַז מען גייט שוין יאָ אַריבער דעם דניעסטר, הייבן זיך אָן ערשט נייע צרות, וואָס מען איז נישט זיכער מיט דעם לעבן.

פּעסל איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער עולם, וואָס איז שטענדיק פאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף „יענער זייט", האָבן איר אָנגעהייבן שטעלן פראַגן, אַז זי זאָל ווייטער דערציילן, נאָר בענים ווייב ביילקע האָט זיך אַריינגעמישט.

— וואָסווילט איר פון איר? זי איז שוין מיד דערציילנדיק. לאָזט זי זיך אָפּרוען, עסט בעסער!—און אָנווייזנדיק איר אויף אַ טעלער מיט בייגעלעך, האָט זי זיך באַרימט:

—איך האָב עס אַליין געבאַקן, זיי צעשיטן זיך אין מויל... עסט און פאַרטרינקט מיט וויין.

פּעסל מיט איר שוועסטערל האָבן זיך אָפּגעזאָגט פונם וויין

און געבעטן אַ גלאָז טיי, און דער עולם האָט זי ווידער געבעטן דער־ציילן.

— יאָ, — האָט זי ווייטער אָנגעהייבן, — די צרות הייבן זיך ערשט אָן, ווען גאָט העלפט שוין אַריבער דעם דניעסטר. איר דאַרפט וויסן, אַז אַריבערגייענדיק, לאָזט מען אָפּ ערגעץ אויף אַ ברעג, ווו עס הייבן זיך אָן בערג און דערנאָך פעלדער און דאָ לאָזט מען אייך אָפּ און אַליין דאַרפט איר בייננאַכט ערגעץ זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל ישוב. נאָר וואָס וועל איך אייך גיין דערציילן... הייינטיקע נאַכט וועל איך נישט ענדיקן!

— אוודאי נישט, — האָט ביילקע, אָנקומענדיק מיטן טיי, זיך אַריינגעמישט.

— נו, גענוג, — האָט בעני זיך אָנגערופן. — איך וועל אייך נאָר פרעגן אַ פּאָר זאַכן. שוין לאַנג, אַז איר האָט געזען דינהן? און וואָס איז געשען אַזוינס, וואָס האָט זי געבראַכט דערצו, זי זאָל הרגע־נען אַ מענטשן?

— צוריק מיט אַ האַלב יאָר, איידער איך האָב זיך געלאָזט גיין צום דניעסטר, האָב איך זי געזען, און אויף אייער צווייטער פראַגע, פאַרוואָס זי האָט געהרגעט דעם רויטן אַרמייעץ, איז דערפאַר, ווייל ווען ער האָט זי געכאַפּט בייננאַכט ביים ברעג, האָט ער זי גע־וואָלט באַליידיקן. האָט זי אים מיט זיין מעסער דערשטאָכן אויף טויט און אַליין זיך איבערגעגעבן אין „טשעקאַ”,וועלכע האָט זי אַרעסטירט און שפּעטער באַפרייט.

— עס איז שרעקלעך! — האָט זיך ביי שטיינמאַנען אַרויסגעריסן אַ האַרצרייסנדיקער געשריי און ער האָט געפרעגט:—שוין לאַנג איז דער אומגליק געשען?

— מיט עטלעכע חדשים פאַר מיין אַריבערגיין.

—איר האָט זיך לאַנג געפונען ביים ברעג ביז איר זענט אַריבער?

— פינף חדשים האָב איך דאָרטן אין טויט־שרעק געלעבט.

— אין וועלכן שטעטל האָט איר אין די פינף חדשים געוווינט?

— אין עטלעכע שטעטלעך, וואָס געפינען זיך אין דער לענג פון ברעג. איך פלעג מיט גרויסע שוועריקייטן איבערפאָרן פון איין שטעטל אין אַנדערן, איך זאָל מיך אַזוי נישט וואַרפן אין די אויגן. נאָר לענגער האָב איך געוווינט אין שטעטל טשאַרניעווסק, וואָס מען זעט דייטלעך פון דעם ברעג, כאָטש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

אין דעם שטעטל האָב איך אין אָנהייב געזען דינהן, און אויך ווען איך האָב זיך געלאָזט גיין צום ברעג, האָב איך זי געזען, זי פאָרט אויך אַרום פון איין שטעטל צום צווייטן.

— צוליב וואָס זיצט מען נישט אויף איין אָרט? — האָט שטיינמאַן געפרעגט.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז מען זאָל זיך צופיל נישט וואַרפן יענעם אין די אויגן. און ווידער זוכט מען און מען נישטערט, ווו עס איז בעסער אריבערצוגיין. אָפטמאָל קומט אויך אויס צו וווינען אין די דערפער, וועלכע שטייען נאָנט ביי די ברעגן

— לאָזט מען דאָרטן וווינען, איז עס נישט געפערלעך פאַר אַ פרעמדן אין אַ דאָרף?

— פאַר גוט געלט באַהאַלט אויס אַ גוי אין דאָרף.

— און ווו, מיינט איר, געפינט זיך איצטער דינה?

— וואָס קען איך וויסן? איך האָב זי איבערגעלאָזט אין טשאַרניוווסק. צי זי געפינט זיך איצטער דאָרטן, דאָס קען איך נישט וויסן.

די זומער־נאַכט איז גיך געפלויגן, פעסל האָט געפרעגט וויפל איז דער זייגער, האָט מען איר געענטפערט:

— עס איז איינס אַ זייגער! באַלד וועט אָנהייבן טאָגן!

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט.

— אַזוי לאַנג זיך פאַרזעסן, נאָר עס האָט געלוינט! געלויבט צו גאָט פאַר דער דאַזיקער נאַכט, נאָר מען דאַרף שוין גיין.

ר׳ אַהרן איז שוין לאַנג געשלאָפן אויף זיין האַנט, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. דאַדי האָט זיך אונטערגענומען אָפּצופירן די „קינדער" אַהיים.

שטיינמאַן האָט זיך אויך אַרויסגערופן, אַז ער וויל גיין. ביילקע האָט אים אָפּגערעדט.

— איר זענט אַזוי בּיד. נאָך אַזאַ טאָג וואָלט בעסער געווען, איר זאָלט גיין זיך אָפּרוען.

— איך פיל זיך איצטער בעסער... איך האָב היינט ווייניק שפּאַצירט. איך וועל בעסער שלאָפן, ווען איך וועל זיך דורכגיין.

און עס האָט זיך געענדיקט מיט דעם, אַז דער גאַנצער עולם צוזאַמען מיט ביילקען זענען געגאַנגען אָפּפירן די „קינדער". נאָר אָפּגייענדיק דאָס ערשטע געסל, האָט ר׳ אַהרן געזאָגט אַ „גוטע נאַכט־

און, קוים שלעפנדיק די פיס, האָט ער זיך פאַרנומען אין אַ זייטיק געסל, וווּ זיין היים האָט זיך געפונען.
אין דרויסן האָט שוין אָנגעהייבן צו טאָגן. אַ שטיק הימל פון דער זייט, וווּ עס האָבן זיך געפונען די בערג, האָט אָנגעהייבן בלויער און העלער צו ווערן. אַ גוטע לופט פון די פאַרוואַקסענע בערג מיט אַ ריח פון לויטערן פרישן וואַסער, האָט זיך געטראָגן פון דניעסטער אין שטעטל אַריין. דער עולם, וואָס האָט פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט אין שטוב, האָט זיך ווי אָפּגעפרישט. דער שלאָף, וואָס איז פריער געפאַלן אויף זייערע פּנימער, איז מיטאַמאָל פאַרשווונדן געוואָרן.
די שוועסטער,ביילקע און שטיינמאַן זענען געגאַנגען פאָרויס, בענ' מיט דאָדין זענען געגאַנגען הינטער זיי און האָבן וועגן עפּעס געשמועסט צווישן זיך
— איך וואָלט נאָך לאַנג איצט געשפּאַצירט, אַזוי גוט פיל איך זיך איצט,—האָט פעסל געזאָגט.
—טאַקע, לאָמיר נאָך גיין שפּאַצירן, — האָט איר שוועסטערל זיך אָנגערופן.
— לאָמיר גיין אויף די בערג צום דניעסטער, — האָט שטיינמאַן פאָרגעלייגט.
— נאָר נישט צום דניעסטער!—האָט פעסל געענטפערט,—איך קען דעם דניעסטער מער נישט אָנקוקן.
— ער איז דען נישט שיין?—האָט ביילקע געפרעגט.
— ווי פאַר וועמען! ער איז ווונדערשיין, נאָר נישט פאַר מיר... איך וואָלט שוין געוואָלט, איך זאָל אים האָבן ווייט-ווייט אונ־טער זיך.
—אינגיכן וועט שויז ענדלעך אייער ווונטש דערפילט ווערן,—האָט ביילקע זי געטרייסט.
—איר האָט אַזוי מורא פאַר וואַסער?—האָט שטיינמאַן געפרעגט.— איר וועט דאָך דאַרפן פאָרן מיט דעם ים.
— ווי דערלעב איך עס שוין! — האָט פעסל געענטפערט.
— איך פאַרשטיי אייך זייער גוט... מען דאַרף דורכגיין דאָס, וואָס איר האָט, נעבעך, איבערגעלעבט, אום מען זאָל אייך פאַרשטיין,— האָט שטיינמאַן באַמערקט, — און דינה וועט דאָס אַלץ נאָך דאַרפן איבערלעבן.
— זאָל איר גאָט העלפן און אַלע פון יענער זייט, זאָל זיי

גאָט העלפֿן! — האָט פּעסל מיט האַרץ געזאָגט.

— זאָגט נאָר, ווי אַזוי רופֿט מען אייך ביי אייער פֿאַמיליע־נאָמען ?—האָט שטיינמאַן פּלוצים געפֿרעגט.

— רופֿט מיך פּעסל... מיין פֿאַמיליע איז ראַבינאָוויטש, נאָר אַלע רופֿן מיך ביים נאָמען... איך האָב ליב, אַז מען רופֿט מיך פּעסל.

— נו, זאָל זיין אַזוי. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי זעט אויס דינה?

— צוליב וואָס ווילט איר דאָס אַלץ וויסן?

— ווען איך פֿרעג, מסתּמא אינטערעסירט עס מיך.

— דאָס איז ווייניק. איך וויל פֿריער וויסן, וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט איר צו דינהן, ווען איר ווילט וועגן איר אַלץ וויסן. דעם גאַנצן אָוונט פֿרעגט איר נאָר וועגן איר? איך האָב אייך שוין לאַנג געוואָלט פֿרעגן.

— איך וועל אייך זאָגן, נאָר איך וויל, אַז קיינער זאָל נישט וויסן. עס איז גלייכער אַזוי

— איך פֿאַרזיכער אייך, אַ קיינער וועט נישט וויסן. מיר פֿון „יענער זייט" האָבן זיך אויסגעלערנט צו האַלטן סודות

— איך גלויב אייך, דעריבער וועל איך אייך זאָגן, איך בין אירער אַן אייגענער און בין געקומען אַהער זי אַריבערנעמען פֿון יענער זייט...

— נו, אויב אַזוי, איז אַנדערע ווערטער! ווייסט זי כאָטש, אַז מען וואַרט דאָ אויף איר?

— דערווייל נישט, מען וועט איר היינט־מאָרגן געבן צו וויסן.

— אוי, וועט זי זיך פֿילן גליקלעך, ווען זי וועט זיך דערוויסן! — האָט פּעסל מיט פֿרייד געזאָגט. — אַלע וועלן זי מקנא זיין, ווען מען וועט זיך דערוויסן, אַז מען וואַרט דאָ אויף איר. אפֿשר איז שוין אויך געקומען איר גליקלעכע שעה!

שטיינמאַן האָט זי איבערגעשלאָגן:

— איר האָט מיר נאָך נישט געענטפֿערט אויף מיין פֿראַגע, ווי זעט דינה אויס?

— זי איז זייער אַ שיינע.

— דאָס איז ווייניק פֿאַר מיר. איך ווייס, אַז זי איז אַ שיינע, נאָר איך וואָלט אייך געבעטן, איר זאָלט מיר אויסמאָלן, ווי אַזוי איר קאָנט נאָר, צי זעט זי אויס געזונט? ווי אַזוי גייט זי געקליידט?

ווי אַזוי לעבט זי? מיט וועמען באַגעגנט זי זיך? ווי גייט ביי איר אַוועק די צייט? אַלץ, אַלץ, וואָס איר ווייסט וועגן איר, דערציילט מיר. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז ווי באַלד איך בין געקומען זי אַרי־בערנעמען, אינטערעסירט מיך אַלץ.

ביי פּעסלען האָט זיך אין אָנהייב אַזש פאַרדרייט דער קאָפּ פון אַזוי פיל פראַגן, און זי האָט אָנגעהייבן דערציילן:

— דינה איז אַזוי שיין, אַז אַלע מוזן זיך אומקוקן אויף איר, און אפשר איז איר שיינקייט איר אומגליק, וואָס אַלע באַמערקן זי און דעריבער געלינגט איר נישט אַריבערצעגיין. שטעלט אייך פאָר, אַן אויסגעגאָסענע, שטאַרקע, שלאַנקע פיגור, אַ סמוגלע טונקעלע הויט, נאָר פול מיט חן און צוויי שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, וואָס נעמען דורך, ווען זי קוקט אויף וועמען. זי איז קלוג און געבילדעט, אַ קלייניקייט — יאָסי בער דעם גבירס איינציקע טאָכטער! ער האָט געהאַט געגוג געלט, צו האַלטן פאַר איר לערערס מיט גוווער־נאַנטקעס.

— איר פרעגט, ווי זי גייט געקליידט? אין שמאַטעס גייט זי גלייך ווי אַלע, נאָר דינה שיינט אַרויס פון די שמאַטעס ווי אַ בריליאַנט... זי גייט שטענדיק אין אַן אַלטן קאָרטענעם פּאַלטן, מיט וועלכן זי צעשיידט זיך קיימאָל נישט, סיי ווינטער, סיי זומער, נאָר פון דעם דאָזיקן אַלטן געלאַטעטן פּאַלטן קוקט אַרויס אַ שיינער שטאָלצער קאָפּ מיט שוואַרצע זיידענע האָר און מיט ברענענדיקע אויגן און מען דערקאָנט באַלד, אַז דאָס איז אַ גבירישע קינד, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין ווילטאָג און אין רייכטום. און דאָך, זאָלט איר זען, ווי מוטיק, ווי העלדיש זי טראָגט איבער איר איצטיקע שרעקלעכע לאַגע! איר לעצטן ביסן גיט זי אָפּ אַוועק די הונגעריקע קינדער, העלפט ניאַנטשען פרעמדע קינדער פון די אומגליקלעכע מאַמעס, זיצט אָפּ שעהן ביי די קראַנקע און העלפט זיי מיט וואָס זי קאָן נאָר. אפילו די „טאָוואַרישטשעס", די באָלשעוויקעס, וועלכע געפינען זיך אין די שטעטלעך ביי דער לענג פון ברעג, קאָנען זי זייער גוט און האָבן פאַר איר דרך־ארץ. אַלע ווייסן, אַז זי געפינט זיך דאָ מיט דעם צוועק, זי זאָל זיך אַריבערכאַפּן איבערן דניעסטר, און מען קוקט אויף איר דורך די פינגער, אָבער דאָך האָט זי, נעבעך, קיין מזל נישט.

שפּיינמאַן, שלינגענדיק אירע ווערטער, האָט זיך אַזוי פאַר־

טיפט אין פעסלס דערציילן, אַז ער האָט נישט באַמערקט, ווי ער מיט פעסלען האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון דער קאָמפּאַניע און זענען געגאַנגען באַזונדער.

פעסל האָט ווייטער גערעדט:

— אַלע האָבן זי ליב און פאַרגעטערן זי... אַלע ווייסן פון איר אומגליק, אַז אירע עלטערן האָט מען אין פּאָגראָם געהרגעט... דאָס ווייסט איר אויך מסתמא?

— יאָ, איך ווייס, בעני האָט מיר געשריבן, און צוליב דעם וואָס זי איז געבליבן עלנט און אַליין, בין איך אַהערגעקומען, — האָט שטיינמאַן געענטפערט מיט אַ זיפץ.

- און ווי לעבט זי? האָט זי גענוג געלט אויף צו לעבן?

- ווי אַזוי זאָל איך עס וויסן? ערשטנס, בין איך נישט אַזוי גוט באַקאַנט מיט איר. אַלע קאָנען זי, אַלע רעדן וועגן דינהן, האָב איך געהערט און וואָס איך האָב געהערט, דאָס דערצייל איך אייך. און צי זי האָט גענוג געלט, דאָס ווייסן אפילו נישט נאָענטע, וואָס עס טוט זיך ביים צווייטן... אויב איינער האָט יאָ געלט, איז דאָס ערגעץ ביי אים באַגראָבן, קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז מען פאַרמאָגט עפּעס. און אויף אייער פראַגע, ווי אַזוי זי לעבט, איז אייך אויך שווער צו ענטפערן. אַלע לעבן דאָרטן גלייך, דאָס הייסט, אַלע הונגערן גלייך, און ווען איינער האָט אַ סך געלט און קאָן טייער באַצאָלן, מען זאָל עפּעס באַקומען, וועט ער עס אויך נישט טון, אויב ער האָט נאָר אַ ביסל שכל. עס זענען דאָ אַזוינע מיאוסע מענטשן, וואָס האָבנדיק מיט זיך גרויסע סומען געלט מיט גאָלד און בריליאַנטן, פאַרנייט ערגעץ אין די שמאַטעס, וואָס זיי טראָגן אויף זיך אָדער ערגעץ אַנדערש, גייען זיי אין די קאָמיטעטן, ווו אָרעמע לייט בעטן הילף, כדי מען זאָל נישט וויסן, אַז זיי זענען רייך. פאַרשטייט זיך, אַז קיין לייטישע מענטשן טוען דאָס נישט, נאָר עס געפינען זיך אַזעלכע מיאוסע באַשעפענישן, וואָס נעמען אין די קאָמיטעטן נדבות און דערנאָך פעלט אויס פאַר די אמתע אָרעמע לייט.

— איר זענט אַ מערקווירדיק מיידל! — האָט שטיינמאַן באַמערקט, — ביי בענין אין שטוב האָט איר געזאָגט, אַז איר ווייסט זייער ווייניק, און איצט זע איך, אַז איר ווייסט אַ סך צו דערציילן.

— יעדער, וואָס קומט פון יענער זייט, ווייסט זייער אַ סך,

נאָר מען לערנט זיך דאָרט אויס דעם כּלל, אַז וואָס ווינציקער גע־רעדט, איז אַלץ געזינטער. אפילו קינדער לערנט מען אויך אויס שווייגן. איר האָט געוויס באַמערקט, אַז מײַן שוועסטערל, וואָס איז שוין נישט קיין קינד, האָט פאַר דער גאַנצער נאַכט כמעט קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט. דאָס דאָרטיקע לעבן און אומשטענדן לער־נען אויס אַלעמען צו שווײַגן... מײַן שווײַגנדיק שוועסטערל ווייסט זייער אַ סך, ווײַל זי האָט אַ סך איבערגעלעבט. נעמט אפילו אַ פינף־זעקס יעריק קינד פון יענער זייט, וועט ער אויך מיט זײַנע צע־שראָקענע שײַנע קינדערשע אויגן אַ סך מער דערציילן ווי דאָ אַ זיב־עציק־יעריקער מענטש, וואָס האָט דורכגעלעבט זײַן וועלט. די קינדער פון יענער זייט זענען שוין אַלטע פּראַקטישע מענטשן און פאַרשטייען דאָס לעבן פיל מער, ווי אַלע דאָ אין דעם שטעטל.

פעסל האָט זיך פלוצלונג צעוויינט און פאַר שטיינמאַנען איז איר וויינען אַזוי געווען אומדערוואַרט, אַז ער האָט זיך דערשראָקן:

— וואָס איז מיט אײַך, פעסל?

— איר ווייסט, — האָט זי געענטפערט, איינהאַלטנדיק די טרערן, — איך האָב זיך צו אַלץ צוגעוויינט, די אויגן זענען בײַ מיר, פון אַזוי פיל איבערלעבענישן, אויסגעטריקנט... קיין זאַך קען בײַ מיר איצט קיין טרערן נישט אַרויסרופן, נאָר אַז איך דערמאָן זיך אין די קינדער פון יענער זייט...

זי האָט זיך היסטעריש ווידער צעוויינט.

נאָכדעם ווי זי האָט מיט אַלע קרעפטן זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט פעסל ווידער אָנגעהייבן:

— ווען איך דערמאָן זיך אין די קינדער פון יענער זייט, זע איך פאַר מיר זייערע צעשראָקענע אויגן פון צרות, לײַדן, שרעק און הונגער... עפּעס אין די קינדערשע אומשולדיקע אייגעלעך זע איך שטענדיק אַ פראַגע־צייכן. וואָס זענען מיר שולדיק? פאַרוואָס דאַרפן מיר לײַדן און הונגערן?

אַזוי רעדנדיק, האָט זיך דער עולם אָפּגעשטעלט בײַ דער שטוב, וווּ די צוויי שוועסטער האָבן געוווינט. דער עולם האָבן זיך אָנגע־הייבן געזעגענען. שטיינמאַן האָט געמוזט איבעררײַסן דעם שמועס.

— נו, איר זענט פון הײַנטיקער נאַכט געוויס מיד, — האָט שטיינמאַן זיך געווענדעט צו פעסלען, — און עס איז שוין טאַקע צײַט, מיר זאָלן אַלע זיך אָפּרוען. איר וועט מיר דערלויבן, מײַן איך,

נאָך היינט, ווען מען וועט זיך אויסשלאָפן פון דער נאַכט, און זאָל קומען צו אייך, וועלן מיר נאָך אַ ביסל רעדן פאַר אייער אַוועקפאָרן. איך האָף, אַז איר וועט אינגיכסטן שוין אַוועקפאָרן.

— צי וואָס דאַרפט איר זיך באַמיען? איך וועל סיי ווי סיי נאָך היינט דאַרפן זיין ביי ר׳ בעני, זיך דערוויסן וואָס איז געוואָרן מיט ר׳ וועלוולען, צי גיט ער אָפּ דאָס געלט?

— אַר מעגט גאַנץ רויק זיין,—האָט פאַרזיכערט בעני, — דאָס געלט וועט ער אייך נאָך היינט אָפּגעבן. איך קען אייך נישט אָנרופן וועלכע שעה, אויף יעדן פאַל נישט שפּעטער ווי היינט פאַרנאַכט. איר קענט קומען אין דער צייט. דאַדי וועט אויך געוויס זיין.

דאָדי, דערהערנדיק, ווי מען דערמאָנט זיין נאָמען, האָט זיך אויך אָנגערופן צו פעסלען:

— אַזוי, אַרום פאַרנאַכט, ווען מען צינדט אָן אַ ליכט, זאָלט איר מיט אייער שוועסטערל זיך מטריח זיין צו ר׳ בענין. עס וועט שוין אַלץ זיין אין בעסטן אָרדענונג. איך און ר׳ אהרן וועלן אויך זיין.

איינער דעם צווייטן האָט געזאָגט אַ „גוטע נאַכט״ און מען איז זיך צעגאַנגען יעדער אַהיים.

ד.

ר׳ וועלוול איז די גאַנצע נאַכט זייער שלעכט געשלאָפן. ער האָט שוין געהאַט אין זיין לעבן אַלערליי אומגליקן און שטענדיק איז אים געלונגען זיך אויסצודרייען. יעדעס מאָל האָט ער עפּעס אויסגעפונען אַ דריידל און אַ״ז אַרויס טרוקן פון דעם נאַסן וואַסער. איצט האָט ער גאָרנישט געקאָנט געפינען, און אָפּגעבן אַזאַ גרויסע סומע געלט, וועלכע ער האָט שוין לאַנג גערעכנט פאַר זיינס, איז אים געווען זייער שווער. די הענט האָבן זיך דערצו נישט געהייבן און דער קאָפּ האָט וועגן דעם נישט געוואָלט טראַכטן. עס האָט זיך אָבער געמוזט טראַכטן און ער האָט נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן.

עס זענען אים אפילו געקראָכן אין קאָפּ זיינע אַלטע פּלענער, איבערצעשרעקן די צוויי מיידלעך אַזוי, אַז זיי זאָלן דאַנקען גאָט, מען זאָל זיי נישט טשעפּען און וואָלטן שוין פאַרגעסן צו מאָנען ביי אים געלט, ווי ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל געטון מיט אַנדערע. נאָר

דאַדי ווייסט פון אַלע זיינע פריערדיקע מעשים און אויך די גאַנצע געשיכטע מיט די מיידלעך.

— דאַדי וועט האַלטן וואָרט, — האָט ער גערעדט צו זיך, — איך וועל שוין פון אים קיין לעבעדיקער נישט אַרויס.

ר׳ וועלוולס ווייב, צירל, אויפבאַפנדיק זיך, האָט דערזען, ווי איר מאַן שלאָפט נאָך נישט.

— וואָס איז היינט מיט דיר, וואָס דו לאָזט קיינעם נישט שלאָפן? פאַרפאַלן געוואָרן ביז שפעט אין דער נאַכט און איצט שלאָפסטו אויך נישט?

— נישט פון פאַרגעניגן.

— וואָס איז געשען? — האָט זי אומרויק געפרעגט.

— איך וועל דאַרפן די צוויי שוועסטער אומקערן דאָס גאַנצע געלט...

— אַ קרענק וועל איך זיי געבן! קאַרג געהאַרעוועט, זיי פרעסן געגעבן און אויסגעהאַלטן מיט אַלעם גוטן...

— זיי האָבן אָבער נישט אויף הוצאות אַוועקצופאָרן.

— ווי זאָל איך זיי נעמען אויף הוצאות? נישקשה, זייער טאַטע קען זיי שיקן אַנדער געלט. ער איז גענוג רייך אין אַמעריקע, און ווען אַפילו נישט, קענען די צוויי געזונטע מיידן זיך שטעלן דינען, וועלן זיי צונויפקלייבן געלט אויף הוצאות.

צירל האָט זיך פלוצים אָנגעצונדן און אויף אַ קול זיך צעשריגן:

— ווי קאָנען זיי האָבן די חוצפה נאָך מאָנען ביי אונדז געלט, ווען דו האָסט זיי געראַטעוועט פון טויט און פאַר זיי נאָך געמאַכט כשרע פאַפירן! אָן אונדז וואָלטן זיי אומגעקומען, און איצט האָבן זיי נאָך טענות! אָט האָסטו דיר אַ דאַנק פאַר אונדזער גוטסקייט.

— אויף וועמען שרייסטו? גיי שריי אויף זיי, נישט אויף מיר!

— איך וועל טאַקע מאָרגן זיי אויסרייסן די צעפּ! איך וועל זיי אַריבערשיקן צוריק אויף יענער זייט און אויף ווייטער וועל איך מיר געבן דאָס וואָרט, איך זאָל אַזעלכע הינט נישט לאָזן איבער מיין שוועל!

— אַזוי, צירל, ביזטו אפשר גערעכט... נאָר וואָס טוט מען, דאַדי איז געוואָרן זייער טאַטע.

— דאַדי? — האָט זי מיט שרעק איבערגעפרעגט, און איר

שטימע האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעביטן אויף עטלעכע נידעריקערע טענער. — ווי קומען זיי צו דאָדין?

— פרעג מיך בחרם! נאָר אַזוי איז דאָס... דאָדי ווייסט פון אַלץ, אַפילו פון מיין טעלעגראַמע צו זייער טאַטן קיין אַמעריקע... אַלץ ווייס ער! איך בין קוים היינטיקע נאַכט אַ לעבעדיקער אַרויס פון זיינע הענט, און מאָרגן מוז איך דאָס געלט אומקערן...

— און דאָס, וואָס קומט אונדז פאַר עסן, וווינונג און אַלדאָס גוטס? זיי זאָלן עס נאָר אויסקרענקען!

— דערפאַר ווילן זיי באַצאָלן, ווער רעדט פון דעם? דערווייל ברעכט מיר דער קאָפּ: ווי אַזוי נעמט מען אַזוי פיל געלט און מען גיט אָפּ צוריק?

— וואָס האָט דיר דאָדי געזאָגט?

— ווילסט וויסן אַקוראַט?

— יאָ, אַלץ וויל איך וויסן, עס איז נישט קיין קלייניקייט!

— טאָ הער-זשע: דאָדי האָט מיר געזאָגט, אַז ווי באַלד איך וועל נישט ברענגען דאָס גאַנצע געלט צו ר׳ בענין, אָדער צו ר׳ אהרנען, וואָס זייער טאַטע האָט געשיקט פאַר זיינע קינדער, מעג איך מיט דיר און מיט אונדזערע קינדער פריער זיך אויסגראָבן אַ גרויסן גרוב און זיך אַלע לעבעדיק באַגראָבן. איצטער, צירל, ווייסטו שוין וואָס דאָדי האָט געזאָגט?

צירל האָט אַזש אָנגעהייבן ציטערן פון די ווערטער.

— אָ, זיך אָנגעהייבן מיט דעם דאָזיקן גזלן, פאַרברענט און פאַרשרפעט זאָל ער ווערן!..

— פון דיין שילטן זיך וועט גאָרנישט אַרויסקומען. זאָג בעסער וואָס טוט מען, וואָס הייבט מען אָן צו טון? עס וועט איבערגיין די נאַכט, עס וועט זיך אָנהייבן דער טאָג, וואָס זאָל איך דאָס ערשטע טון?

— וואָס פרעגסטו ביי מיר? אַז דו האָסט קיין שכל נישט געהאַט ווי אַזוי צו טון, ליגט מען אין דער ערד.

— זע נאָר, דו שילטסט זיך נאָך? זיי-זשע וויסן, אַז דו ביזט אין דעם מער שולדיק, ווי איך.

— ווער, איך? איך האָב קיין טעלעגראַמע נישט געשיקט און נישט אונטערגעשריבן.

— נישט דאָס מיין איך? איך בין זיכער, אַז ווען דו וואָלסט ביי זיי נישט געווען צונעמען דאָס פינגערל מיט דעם קייטעלע,

וואַלטן זיי אויף אונדז אַזוי אין כּעס נישט געווען און זיי וואָלטן אפשר ווי אַזוי עס איז געווען אָפּגעמאַכט מיט מיר פֿאַר עטלעכע טויזנט לײַ. און דאָדי מיט אַלע אַנדערע, ווי ר׳ אהרן און ר׳ בעני, וואָלטן אפילו נישט געוווּסט וועגן דעם...

ציר׳ל האָט זיך פֿון איבעראַשונג אויפגעזעצט אויף דעם בעט:

— וואָס? דאָס פֿינגערל מיט דעם קייטעלע ווילן זיי אויך?.. אַ נישט דערלעבן זאָלן זיי, ווי איך וועל עס זיי אָפּגעבן! איך האָב בײַ זיי עס פֿאַרדינט, זיי זאָלן מיר עס שענקען. קאַרג האָב איך זיי געהאָדעוועט! דאָס פֿינגערל מיט דעם קייטל וועל איך נישט געבן! הערסט, וועלוול, אַלץ קענסטו זיי אָפּגעבן, נאָר נישט דאָס פֿינגערל מיט דעם קייטל! מען דאַרף דאָך משוגע ווערן, אַוועקגעבן אַזאַ שיין פֿינגערל מיט אַזאַ טײַער קייטעלע! נישקשה, אין אַמעריקע וועט זייער טאַטע קויפֿן פֿאַר זיי אַנדערע.

— פֿאַר מיר ביזטו אפשר גערעכט, אָבער וואָס וועסטו זאָגן דאָדין?

— איך וועל אים גאָרנישט זאָגן, איך וועל אים נישט געבן און שוין!

— און וואָס מיינסטו, דאָדי וועט דיר שווײַגן?

— און וואָס וועט ער מיר טון? וואָס סטראַשעסט דו מיך אַזוי מיט דאָדין, פּונקט ווי עס איז שוין קיין העכערס נישטאָ פֿון אים!

— אויב דו ווילסט, איז טאַקע בײַ אונדז אין שטאָט איצטער נישטאָ קיין העכערס... אים וועט גלייבן די גאַנצע שטאָט און אונדז נישט. אונדז וועט יעדער אין אַ לעפֿל וואַסער דערטרינקען, אפילו די פּאָל־צײַ, וואָס קאָסט מיך געגנוג אָפּ, וועט דאָדין מער גלייבן.

— טו וואָס דו ווילסט, איך וועל דאָס פֿינגערל מיט דעם קייטעלע נישט אָפּגעבן!

— און איך זאָג דיר, ציר׳ל, אַז זאָלסט נישט מאַכן קיין לײַטיש געלעכטער און עס יאָ אַוועקגעבן, וואָרום סײַ ווי וועט מען עס בײַ דיר צונעמען און וואָס דאַרפֿסטו עס אַזוי האָבן? וואָס, דו ווילסט שפּילן מיט דעם לעבן?

— איך דאַרף עס דען האָבן פֿאַר מיר, דו נאַר? אָט ווערט אונדזער זון אַ חתן, אין אַ גוטער מזלדיקער שעה, וועלן מיר האָבן צו געבן כּלה־מתּנות... ווי באַקומט מען הײַנט אַזאַ פֿינגערל מיט אַזאַ

קיטעלע? און, ווידער, וויפל געלט דאַרף מען האָבן, אַז מען זאָל אַזעלכע מתנות קענען קויפן!

— עס איז דאָך אָבער נישט דיינס!

צירל איז אויפגעשפּרונגען פון בעט.

— וואָס הייסט, נישט מיינס? איך האָב פאַר זיי וויניק געהאָרעוועט און זיי פּרעסן געגעבן! איך האָב עס ביי זיי פאַרדינט, און איך וועל זאָגן, אַז זיי האָבן עס מיר אַ מתנה געגעבן.

— דאָס איז אַ תּירוץ פאַר מיר, נאָר נישט פאַר זיי!

צירל איז אין כּעס געוואָרן.

— איך וויל מער דערפון נישט רעדן! איך וועל עס נישט צוועקגעבן! איך וועל דאָס פינגערל מיט דעם קיטעלע אַריינוואַרפן אין דניעסטר! זאָל זיין נישט מיר, נישט זיי!

אויף מאָרגן, ווען זיי זענען אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט צירל גערעדט צו איר מאַן שוין ווייכער:

— ווען דו וועסט אָפּטראָגן די טויזנט דאָלאַר, וועל איך אויך מיטגיין... דו וועסט זען, אַז דאָס פינגערל מיט דעם קיטעלע וועט בלייבן ביי מיר.

אויף דער נאַכט, ווען מען האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, זענען זיך אַלע צוזאַמענגעקומען צו ר׳ בענין און ר׳ וועלוול מיט זיין ווייב זענען אויך געקומען.

ר׳ וועלוול האָט אַנידערגעלייגט אויף דעם טיש די טויזנט דאָלאַר מיט אַ חשבון אויף אַכט הונדערט דאָלאַר, וואָס די מיידלעך האָבן אָפּגעקאָסט אין דער צייט, וואָס זיי זענען ביי אים געווען אין שטוב און ער האָט געבעטן אַ צעטעלע פון די מיידלעך, אַז זיי האָבן צו אים קיין שום טענות ומענות נישט.

דאָדי האָט צוגענומען דאָס געלט, עס איבערגעגעבן צו ר׳ אהרנען. אַלע האָבן איבערגעקוקט דעם חשבון און נישט ווילנדיק האָבן זיי זיך צעלאַכט.

— איר וועט באַקומען אַ צעטעלע, — האָט דאָדי זיך געווענדט צו ר׳ וועלוולען, — ווען איר וועט נאָך אָפּגעבן פיר הונדערט דאָלאַר. די איבעריקע פיר הונדערט דאָלאַר, וואָס איר האָט גענומען ביי זיי, וועט זיין איבערגענוג פאַר די קעסט, וואָס איר האָט זיי געגעבן. איר האָט דאָך זיי נישט געהאָדעוועט מיט גאָלדענע זייגער-

לעך? און ווו איז דאָס פינגערל מיט דעם קייטעלע? — האָט ער געפרעגט.

דאָ איז אויפגעשפרונגען צירל. אָבער נאָך פיל טענות האָבן זיי אַלץ געמוזט אַנידערלייגן אויף דעם טיש און דאָס פינגערל מיט דעם קייטעלע אויך.

צירל האָט געוויינט, ווען זי האָט זיך באַדאַרפט צעשיידן מיט די „מתנות".

— באַרויקט אייך, — האָט דאָדי זי געטרייסט, — גאָט מעג יעדן יידן צושיקן אַזוינע געשעפטן ווי פיר הונדערט דאָלאַר פאַר אויסהאַלטן צוויי מענטשן אַ פאָר חדשים. נאָר גאָט זאָל אָפּהיטן יעדן אַריינצעפאַלן אין אייערע הענט. דאַנקט גאָט, וואָס איר, ר' וועלוול, זענט אַריינגעפאַלן צו אונדז, וועט איר ווייטער בלייבן דער שיינער ייד אין מזרח־וואַנט... אַן אַנדערער וואָלט זיך מיט אייך אַנדערש באַגאַנגען פאַר אונטערשרייבן פאַלשע חתימות.

צירל האָט געוויינט.

פעסל האָט אַרויסגענומען הונדערט דאָלאַר און איר געשענקט, און צירל האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעבעטן און געוואָרן ווייך און גוט צו די מיידלעך ווי אַ לאַקריץ און זיי אָנגעווינטשעוועט אַלדאָס גוטס.

ר' וועלוול, באַקומענדיק אַ צעטל פון פעסלען, אַז זי האָט צו אים קיין שום טענות נישט, איז אַוועקגעגאַנגען מיט זיין ווייב ווי דערשלאָגענע.

דאָדי האָט זיי אין דער שטיל מיט קללות באַגלייט און דערנאָך זיך געזעגנט מיט פעסלען.

— צו וואָס האָט איר זיי באַדאַרפט געבן נאָך הונדערט דאָלאַר? זיי האָבן אייך אַזוי אויך גענוג באַראַבעוועט. איר האָט די הונדערט דאָלאַר ווי פאַר הינט אַרויסגעוואָרפן.

— אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן, — האָט פעסל פריילעך געענטפערט, — וויל איך, אַז אפילו קיין הינט זאָלן אויף מיר נישט בילן! איך פאַרמאָג איצט טויזנט מיט דריי הונדערט דאָלאַר! עס וועט מיר נאָך די הוצאות און אויסקליידן זיך אַ ביסל מיט מיין שוועסטערל נאָך בלייבן אַ פאָר הונדערט דאָלאַר.

פעסל האָט פון גרויס פרייד אַרומגעכאַפּט איר שוועסטער און ביילקען, געהאַלדזט און געקושט זיך מיט זיי, געדאַנקט דאָדין און

אַלע, וואָס האָבן אַנטייל גענומען זי אַרויסצוראַטעווען פון ר׳ וועלוולס הענט, און זי האָט געהאַלטן אין איין שרייען:

— גיטעלע, מיין שוועסטערל, מיר פאָרן! מיר פאָרן צו אונדזער טאַטן! דו הערסט! אַ סוף צו אונדזערע ליידן און צרות! מיר פאָרן אַהיים, צו אונדזער טאַטן!

און פעסל האָט זיך היסטעריש צעוויינט, און איר שוועסטערל, גיטעלע, האָט זיך אויך צעכליפּעט.

— צו וואָס וויינען? באַרויקט אייך! — איז צוגעלאָפןביילקע צו זיי.

— לאָזט מיך, מיין טייערע, וויינען... דאָס זענען טרערן פון אונדזער גרעסטער פרייד! — האָט פעסל געענטפערט.

קוקנדיק אויף זיי, האָבן זיך ביי ביילקען אויך אָנגעהייבן גיסן טרערן.

אַלע זענען געווען גערירט, און שטיינמאַן האָט זיך אויך קוים איינגעהאַלטן, ער זאָל זיך ווי אַ קליין קינד נישט צעוויינען.

ער האָט איצט געטראַכט וועגן דינהן.

— שוין־זשע וועט קומען אַזאַ טאָג, ווען איך וועל דינהן אויך זען אַזוי גליקלעך? עס קומען דאָך אַריבער מענטשן, וואָס לעבן אַי־בער אַזעלכע גליקלעכע מינוטן.

ווען פעסל מיט איר שוועסטערל האָבן זיך גוט אויסגעוויינט, האָבן זיי אָנגעהייבן לאַכן, כאָטש זייערע אויגן זענען נאָך געווען פול מיט טרערן, נאָר זייערע פיר אויגן האָבן געשיינט, געלויכטן און געשפּיגלט ווי פיר טייערע עכטע ברילִיאַנטן.

ווען דער עולם האָט זיך באַרויקט, איז געבליבן, אַז מאָרגן זאָלן די שוועסטער פאָרן. דאָדי וועט זיי אָפּפירן קיין בוקאַרעשט, זיי דאַרטן איינאָרדענען אין אַ באַקאַנט אָרנטלעך הויז, צוגרייטן זייערע פּאַפּירן און קויפן פאַר זיי שיפס־קאַרטן.

דאָדין איז נישט דאָס ערשטע מאָל אויסגעקומען אָפּצופירן קיין בוקאַרעשט אַזעלכע עלנטע און זיי איינאָרדענען, אום זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן צו אַזעלכע גוטהאַרציקע מענטשן, ווי ר׳ וועלוול מיט זיין ווייב.

דאָדי מיט ר׳ אהרנען האָבן זיך געזעגנט ביז מאָרגן, און די יוגנט איז פאַרבליבן.

פעסל מיט איר שוועסטערל האָבן אָנגעפילט די שטוב מיט

פרייד, די שוועסטער האָבן אַלעמען אָנגעשטעקט מיט זייער שמחה.

שטיינמאַן, אַלס דאָקטאָר, האָט מיט דער גרעסטער פאַרווונדערונג זיך צוגעקוקט צו די צוויי שוועסטער, ווי זיי האָבן זיך מיט איינמאָל אַזוי איבערגעביטן. ערשט נעכטן האָבן זיי אויסגעזען אַזוי דערשלאָגן, אויסגעמאַטערט, פאַרפינצטערט, קראַנק, עפּעס איינגעבויגן אין דרייען, די אויגן פאַרלאָשן, די וועלט מיט צרות איז געלעגן אויף זיי. אפילו די הויט אויף זייערע געזיכטער איז געווען אָן אַ טראָפּן בלוט. און איצט האָט דער דאָקטאָר שטיינמאַן געזען פאַר זיך צוויי יונגע, בליענדיקע מיידלעך, פול מיט יונג לעבן און בלישטשענדיקע אויגן, וועלכע רייסן זיך צום לעבן. ער האָט אפילו מיטאַמאָל באַמערקט אין זיי צוויי גלייכע שטאַרקע אויסגעגאָסענע פיגורן מיט שטאָלצע געזיכטער.

און שטיינמאַן האָט צו זיך געזאָגט:

— און דאָס אַלץ האָט אין זיי איבערגעאַנדערשט אַ קליין שטיקעלע גליק, אַ ביסעלע פרייד.

— צו וואָס טויגן אָט די אַלע רעצעפּטן, וואָס איך שרייב פאַר אַלערליי קראַנקע, וועלכע קומען צו מיר אין שפּיטאָל און צו מיר אַהיים און בעטן ביי מיר הילף צו זייער קרענק? צו וואָס טויג עס? אָ, ווען איך זאָל פאַר אָט די אומגליקלעכע קאָנען שרייבן אין די רעצעפּטן, אַז אין די אַפּטייקן זאָל מען יעדן קאָנען אַרויסגעבן אַ פּאָר טראָפּן גליק, עטלעכע דאָזעס פרייד, וואָלטן זיי אַלע מיטאַמאָל געזונט געוואָרן... יעדער אומגליקלעכער וואָלט באַלד די רפואה באַקומען. און כּל־זמן מען וועט אין די אַפּטייקן נישט קאָנען אַרויסגעבן אויף מיינע רעצעפּטן טראָפּנס גליק און דאָזעס פרייד, איז אַלץ בלאָטע און פאַר דער קראַנקער מענטשהייט איז נישטאָ קיין רפואה.

און נישט אויפהערנדיק צו באַטראַכטן די צוויי שוועסטער, וועלכע זענען איצטער פול מיט לעבן, האָט ער מיט אַ שמייכל פּלוצים אַ פרעג געטון פעסלען:

— איר געדענקט נאָך אייערע שרעקלעכע ליידן, וואָס איר האָט אַ לענגערע צייט איבערגעטראָגן אויף יענער זייט ביז איר זענט אַריבער דעם דניעסטער?

פעסל האָט זיך צעלאַכט און זיך אָנגערופן:

— ניין, איך געדענק נישט! אין דעם איצטיקן מאָמענט, וואָס איר רעדט מיט מיר, האָב איך נישט נאָר פאַרגעסן, וואָס איך האָב

אויף יענער זייט איבערגעטראָגן און איבערגעלייטן ביז איך בין אַריבער דעם דניעסטר. נאָר איך האָב אויך פֿאַרגעסן אין מיינע ליידן, וואָס איך האָב איבערגעטראָגן שוין אויף דער זייט. איך האָב אַפֿילו פֿאַרגעסן אין דעם נעבעכטיקן טאָג, ווען איך האָב באַדאַרפֿט טענהן מיט דעם מערדער ר׳ וועלוולען, און איך האָב אויך פֿאַרגעסן אָן יענע מאָמענטן, אין וועלכע איך האָב פֿאַרלוירן אַלע האָפֿענונגען, איך זאָל זיך קאָנען אַרויסרייסן פֿון דאַנען און קאָנען פֿאָרן צו מיין טאַטן. ערשט נעכטן זענען ביי מיר געווען מאָמענטן, ווען איך האָב באַשלאָסן זיך צו וואַרפֿן אין דניעסטר און זיך באַפֿרייען פֿון מיינע ליידן און איצטער... איצטער האָב איך אין אַלץ פֿאַרגעסן, אַפֿילו אין ר׳ וועלוולען מיט זיין ווייב, וועלכע האָבן מיר מיט מיין שוועסטער אַזוי אומזיסט און אומנישט פֿאַרביטערט דאָס לעבן... ווייל ווען נישט ר׳ וועלוול, וואָלטן מיר דאָך שוין לאַנג געווען אין דער היים ביי אונדזער טאַטן, און דאָך, — האָט פֿעסל ווייטער גערעדט, — האָב איך אַפֿילו אין ר׳ וועלוולען מיט זיין ווייב אויך פֿאַרגעסן און קיין שונא בין איך זיי נישט געבליבן. איך פֿיל זיך איצטער אַזוי גוט, אַזוי גליקלעך, אַז איך בין קיינעם קיין שונא נישט און איך האָב אַלעמען ליב און בין יעדן דאַנקבאַר.

שטיינמאַן האָט מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט פֿעסלען און ער האָט געזאָגט:

— איך פֿאַרשטיי זייער גוט אייערע איצטיקע איבערלעבונגען, איר זעט איצטער אויס, ווי אייערע אַלע וווּנדן האָבן זיך מיטאַמאָל פֿאַרהיילט...

— איר האָט רעכט, ה׳ דאָקטאָר. איך פֿיל זיך איצטער אַזוי גוט, ווי גלייך איך האָב גאָר קיין וווּנדן נישט געהאַט. אַזוי איז שוין דער מענטש, ער קאָן איבערלעבן דאָס שרעקלעכסטע. מען זאָגט, אַז אַ מענטש איז שטאַרקער פֿון אייזן, דאָס איז ווייניק! איך קאָן אייך פֿאַרזיכערן, אַז אַ מענטש קאָן איבערטראָגן עפּעס שטאַרקערס פֿון אייזן. ווען מען זאָל מיר געווען אַמאָל זאָגן, אַז איך, אַ שוואַך מיידל, וואָלט געקאָנט איבערטראָגן דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, וואָלט איך עס קיינמאָל נישט געגלויבט. נישט איינמאָל האָב איך געהאַט אַזעלכע מאָמענטן, וואָס איך האָב געציילט מיינע טעג, די כּוחות האָבן מיך אָנגעהייבן פֿאַרלאָזן און איך האָב געפֿילט, אַז איך שטאַרב און אַלע אַרומיקע האָבן געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ טויטער.

פעסל האָט זיך אַ ביסל פֿאַרטראַכט און ווייטער דערציילט:

— אָט וועל איך אייך ווייזן איינע פֿון אַ סך אַזעלכע מאָמענטן. איינמאָל, פֿאָרנדיק אין אַ גרויסן פֿראָסט, אָנגעפּאַקט צען מענטשן אויף אַ פֿור, וואָס שלעפּט זיך קוים, נעמט מען אונדז איבער אויף דעם וועג און מען אַרעסטירט אונדז אַלע. מען פֿירט אונדז אַ וויאָרסט דרייסיק ערגעץ אין אַ „שטאַב". אויף דעם וועג באַזוכט מען אונדז און מען נעמט ביי אונדז צו, וואָס מען געפֿינט נאָר, אַ חוץ דאָס וואָס איז ביי יעדן ערגעץ געוועזן גוט באַהאַלטן און פֿאַרנייט. פֿון „שטאַב" פֿירט מען אונדז, מענער, ווייבער און קינדער, אין אַ הייזל, וווּ עס קאָנען אַריין פֿופֿצן מענטשן. נאָר דאָרטן האָבן מיר שוין געטראָפֿן פֿאַרפּאַקט ווי הערינג פֿערציק און אונדז צען שטופּט מען אויך אַריין. הונגעריק און דערפֿראָרן, זיצן מיר איינגעפּאַקט אַ גאַנצן מעת לעת, ביז מען האָט פֿאַר אונדז געבראַכט צו שטיקלעך ברויט מיט עפּעס אַ זופּעכץ פֿון וואַרעמען וואַסער.

איינע פֿון אונז איז טאַקע דאָן דערשטיקט געוואָרן פֿון ווייניק לופֿט אָדער פֿון הונגער. איך האָב זיך דערפֿילט אין דערזעלבער לאַגע, דאָך האָב איך עס איבערגעלעבט! נאָר וואָס וועל איך אייך גיין דער־ציילן? דאָס איז נאָר איין שרעקלעכער מאָמענט, און איך האָב איבער־געלעבט אַ סך נאָך שרעקלעכערע, פֿון וואָס עס איז מיר שווער צו דערציילן. איך האָב אייך נאָר געוואָלט באַווייזן, אַז אַ מענטש איז אַזאַ ווונדערלעך באַשעפֿעניש, וואָס איז אַ סך שטאַרקער פֿון אייזן, און דאָך, ווען איך האָב שוין אַלץ איבערגעטראָגן, און ווען מען האָט מיך נעכטן פֿאַרזיכערט, אַז איך באַקום שוין דאָס געלט און וועל האָבן די מעג־לעכקייט באַלד צו פֿאָרן, האָב איך מיטאַמאָל אין מיינע אַלע איבער־געלעבטע ליידן פֿאַרגעסן! בפֿרט נאָך איצטער, ווען דאָס געלט איז שוין דאָ און איך ווייס שוין אויף זיכער, אַז מאָרגן פֿאָרן מיר!

פּעסל האָט פּלוצים זיך צעלאַכט.

— איר ווייסט, ה' דאָקטאָר, וועגן וואָס איך טראַכט איצטער? — איך טראַכט וועגן שיינע קליידער, אַ שיין היטעלע, שיכלעך און זאָק־טיקלעך. איך האָב אין מיין לעבן קיינמאָל אַזוי נישט געטראַכט וועגן שיין און עלעגאַנט זיך קליידן נאָך דער לעצטער מאָדע, ווי איצטער? עס זענען מיר שוין נמאס געוואָרן די שווערע געלאַטעטע שיך און וואָס קליידל, וואָס איך טראָג אויף זיך.

— איך זע, ה' דאָקטאָר, אַז איר קוקט אויף מיר פֿאַרוווּנדערט.

אפֿשר האַלט איר מיך פֿאַר אַ שאַרלאַטאַנקע אָדער אַן אויסבערענגערין. ניין, גלויבט מיר, אַז איך בין ביידע זאַכן נישט. נאָר אויב מען וויל מיך פֿאַרשטיין, דאַרף מען טראָגן שמאַטעס און לעבן אין שמוץ אַזוי לאַנג ווי איך!

— איך פֿאַרשטיי עס זייער גוט, — האָט בעני זיך אויך אָנגערופֿן. — אָט וועל איך אייך דערציילן, וואָס איך האָב אין בוקאַרעשט עטוואָס ענלעכעס צוגעזען: מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט מען אויף מיר אַרויפֿגעלייגט, אַז איך זאָל אָפּפֿירן אייניקע היימלאָזע און זיי איינאָרדנען אין בוקאַרעשט ביז זיי וועלן ווייטער פֿאָרן. איך האָב דאָרטן, ווי דער שטייגער איז, געהאַט צו טון מיט אַלערליי קאָמיטעטן און איינמאָל, געפֿינענדיק זיך אין קאָמיטעט און רעדנדיק מיט איינעם פֿון די מיטגלידער, זע איך פֿאַר זיך אַ ווייבל מיט דריי קינדער, וועלכע הערט נישט אויף צו וויינען און בעטן, און דער מיטגליד פֿון קאָמיטעט ענטפֿערט איר:

— וואָס קאָן איך אייך העלפֿן! אייער מאַן האָט דאָך אייך שוין געשיקט איינמאָל געלט, וואָס איז געווען איבערגענוג פֿאַר אייך מיט די קינדער אויף הוצאות! איצטער האָט איר שוין קיין געלט נישט און איר האָט נישט מיט וואָס צו פֿאָרן... דאָס איינציקע, וואָס איר קאָנט טון, איז, אַז איר זאָלט שרייבן אייער מאַן, ער זאָל אייך נאָכאַמאָל שיקן געלט. דאָס ווייבל האָט אָבער געבעטן דעם קאָמיטעט, מען זאָל איר אויסלייען אויף הוצאות, ווייל ביז זי וועט שרייבן דעם מאַן און ביז דאָס געלט וועט אָנקומען, איז אַ צו לאַנגע געשיכטע און דערווייל האָט זי נישט פֿון וואַנען צו לעבן.

— איך האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דעם ווייבל, אפֿשר וועט מען איר פֿאָרט מיט עפּעס קאָנען העלפֿן און מען האָט מיר וועגן דעם ווייבל דערציילט אַזאַ געשיכטע.

— אוודאַי האָט דאָס ווייבל אויסגעגעבן אויף שמאַטעס! — האָט ביילקע געוואָלט טרעפֿן.

— געטראָפֿן, ווי איך בין אַ ייִד, ווי גלייך דו ביזט דערביי געווען! נאָר איר מעגט הערן, ווי אַזוי עס איז געשען! באַקומענדיק מיטאַמאָל פֿון איר מאַן צוויי טויזנט דאָלאַר, דאָס הייסט עפּעס מער ווי צוויי הונדערט טויזנט לעי, האָט זיך ביי איר דער קאָפּ פֿאַרדרייט; מיט צוויי הונדערט טויזנט לעי רעכנט מען זיך אין רומעניע פֿאַר אַ גרויסן גביר. זי האָט זיך אָנגעהייבן גרייטן איז וועג, מען קאָן

דאָך אַזוי נישט קומען צום מאַן! האָט זי זיך מיט די קינדער אָנגע־הייבן אַ ביסל אַרומקליידן. זי האָט אָנגעהייבן גיין איבער די מאַגאַזי־נען, צו מאָדיסטקעס, צו שניידער. אין די מאַגאַזינען האָט זי געפֿר־נען אַ סך שיינע זאַכן, וואָס זי האָט שוין לאַנג נישט געזען. און צו איר מאַן האָט זי מיט אירע קינדער געוואָלט קומען אויסגעפּוצט, ווי ליאַלקעס... נאָר וואָס זאָל איך אייך אַ סך דערציילן, גאַנצע טעג איז זי ווי אַ פֿאַרסמטע אַרומגעלאָפֿן בער די מאַגאַזינען. יעדן טאָג האָט זי זיך דערמאָנט, אַז איר אָדער די קינדער פֿעלט עפּעס, און מען איז געלאָפֿן איינקויפֿן. „עפּעס ווי אַ נישט־גוטער האָט מיך גע־שלעפּט און געטראָגן איבער די מאַגאַזינען", האָט דאָס ווייבל דער־ציילט. „פּונקט ווי איינעם טראָגט עס פֿאַרשפּילן אין קאָרטן, אַזוי האָט עס מיך געטראָגן אַוועקגעבן דאָס געלט פֿאַר שמאַטעס

– און ווען דאָס ווייבל האָט זי אַ כאַפּ געטון, אַז זי און אירע קינדער זענען אויסגעקליידט און דאַרפֿן זיך שוין נישט שע־מען קומען צווישן מענטשן, האָט זי מיט שרעק דערזען, אַז עס פֿעלט איר אויף הוצאות. אפֿילו אויף די שיפֿסקאַרטן האָט זי נישט צו באַצאָלן. האָט זי געמאַכט אַ ויצעקו און אָנגעהייבן לויפֿן איבער די קאָמיטעטן, מען זאָל איר אויסלייען געלט און האָט געוויינט, אַז זי וועט אַוועקגעבן אַלע אירע איינגעקויפֿטע שמאַטעס, אַבי מען זאָל איר קויפֿן שיפֿסקאַרטן. „אין קאָרטן האָב איך פֿאַרשפּילט דאָס געלט!" האָט זי געוויינט. „נאָר עפּעס אַ נישט־גוטער האָט זיך אין מיר אַריינ־געכאַפּט און מיך געטריבן, איך זאָל קויפֿן און קויפֿן, אַז איך זאָל דערנאָך נישט האָבן מיט וואָס צו קומען צו מיין מאַן!"

— אַ קעגן וואָס דערצייל איך עס אייך? — האָט בעני געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו פּעסלען. — זעט נאָר, אַז ווען איר וועט קומען קיין בוקאַרעשט און איר וועט זען די דאָרטיקע מאַגאַזיגען מיט די פֿענצטער מיט אַלערליי קליידלעך, היטעלעך, זאָנטיקלעך, שיכלעך און נאָך און נאָך, זאָל זיך צו אייך נישט אַריינכאַפּן אַ נישט־גוטער!

אַלע ביים טיש האָבן זיך צעלאַכט און פּעסל האָט געענטפֿערט:

— זייט רויק, איך וועל נישט געשטרויכלט ווערן. אויף מיר וועט דער נישט־גוטער קיין שליטה נישט האָבן! נאָר דאַן, ווען ביי מיר אין קעשענע וועלן שוין ליגן באַצאָלטע שיפֿסקאַרטן פֿאַר מיר און מיין שוועסטערל, מעג שוין דער נישט־גוטער טון מיט מיר, וואָס ער וויל. קיין קאַפּיטאַלן דאַרף איך צו מיין פֿאָטער

נישט ברענגען. איך דאַרף אים נאָר ברענגען זיינע קינדער און דאָס וועל איך טון.

דאָדי האָט זיך אויפגעהייבן פון זיין אָרט און זיך געווענדט צו די צוויי שוועסטער:

—נו, קינדער, גענוג צו פּלאַפּלען. גייט אַהיים, לייגט זיך פריער שלאָפן און פּאַקעוועט איין אייערע זאַכן. מאָרגן פרי, אַרום צען אַ זייגער, פאָרן מיר.

— מיר דאַרפן זיך נישט פּאַקן. אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן, איז אויף אונדז, — האָט פעסל געענטפערט און זיך געוואָלט געזעגענען מיט דעם עולם, נאָר ביילקע האָט פּראָטעסטירט, אַז אָן „וויעטשערע" וועט זי קיינעם נישט אָפּלאָזן.

דער איבריקער עולם האָט געמוזט בלייבן, נאָר דאָדי האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— איך האָב נאָך אַ סך אַרבעט. די קינדער זענען ביי מיר נישט קיין בת־יחידקעס, עס פאָרן נאָך עטלעכע מענטשן מיט מיר.

און דאָדי האָט זיך ווידער געווענדט צו די שוועסטער:

— זעט זשע, אַז באַלד נאָכן עסן זאָלט איר גיין שלאָפן. איר מוזט וויסן, אַז איצט דאַרפט איר מיך פאָלגן אַזוי ווי איר האָט געמוזט פאָלגן די קאָנטראַבאַנדיסטן, וועלכע האָבן אייך געפירט איבערן דניעסטער.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. דאָדי האָט געזאַגט אַ גוטע נאַכט און איז אַוועק.

— וואָס פאַר אַ טייערער ייד דער דאָזיקער דאָדי איז, — האָט ר׳ אהרן זיך אָנגערופן. — גאָט פאַרלאָזט אונדז נישט! און אין אַזעלכע צרות אויף יידן שיקט ער אונדז צו אַזעלכע דאָדיס... אַ פּראָסטער ייד, נאָר מיט אַ טייער יידיש האַרץ! — און ר׳ אהרן האָט געזאָגט צו די שוועסטער:

— ביי אייך, קינדער, איז היינט די שמחה גרויס, וואָס גאָט האָט אייך געהאָלפן, וואָס איר קאָנט שוין, ווי מענטשן, פאָרן אַהיים צו אייער פאָטער, וואָס וואַרט אויף אייך. נאָר זייט אויך וויסן, אַז יעדעס מאָל, ווען אונדז געלינגט צו העלפן עמעצן, איז ביי אונדז אויך אַ גרויסע שמחה. די אַלע דאַנקען, וואָס מיר באַקומען פון די געהאָלפענע דורך בריוולעך אָדער ווערטלעך, זענען פאַר אונדז גאַנץ איבעריק. אונדזער לוין פאַר אונדזער אַרבעט באַקומען מיר דאָ באַלד

אויפֿן אָרט. אונדזערע הערצער פֿרייען זיך, און וואָס קאָן נאָך זיין בעסער פֿאַר אַ מענטשן, ווען זיין האַרץ פֿרייט זיך פֿון אַ גוטער זאַך, וואָס מען טוט. זייט וויסן, קינדער, אַז דאָדי וועט פֿאָרן מיט אייך, זאָלט איר אים אין אַלץ פֿאָלגן, ווי אַן אייגענעם טאַטן, ווייל אַלץ, וואָס ער טוט, זייט וויסן, קינדער, איז דורך גרויס ליבע און חשק, מיטן אייגענעם גוטן ווילן. איר פֿאָרט אַוועק פֿון דאַנען אויף יענער זייט ים, וויל איך, איר זאָלט וויסן, אַז דאָ, ביים ברעג דניעסטער, צווישן פֿרעמדע און אייגענע, מערדער און רויבער, אַרבעט אויך אַ קליינע צאָל מענטשן, וואָס זענען שטענדיק גרייט זיך מקריב צו זיין, אַבי ווען עס איז פֿון אונדזערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער מיט עטוואָס צו העלפֿן, און אונדזער דאָדי גייט איבער אַלע מיט זיינע מעשים טובים... אַלץ, וואָס ער טוט פֿאַר יענעם, טוט ער עס מיט אַזאַ פּשטות, צו וואָס מיר קאָנען נישט דערגרייכן. דאָס אַלץ דערצייל איך אייך צוליב דעם, ווייל איך ווייס, אַז איר זענט איבערגעשראָקענע און ווייסט נישט וועמען צו גלויבן, ווייל עס דרייען זיך אַרום אַ סך שלעכטע מענטשן... זאָלט איר מיט דאָדין זיין גאַנץ רויק. ער וועט טון אַלץ, וואָס איז נויטיק פֿאַר אייך, איר זאָלט וואָס פֿריער קומען צו אייער פֿאָטער. איצטער וועל איך זיך מיט אייך געזעגענען און אייך ווינטשן אַ גליקלעכן וועג, איר זאָלט אומעטום מצליח זיין.

פּעסל איז געווען גערירט ביז צו טרערן פֿון גרויס דאַנקבאַרקייט צו די אַלע מענטשן, וואָס רינגלען זי איצט אַרום און זי האָט געזאָגט צו ר' אהרנען:

— איך בין אַזוי פֿיל שולדיק אייך דאָ, אויף דער זייט און אויך אויף יענער זייט, וואָס מען האָט געטון פֿאַר מיינעטוועגן, אַז איך ווייס נישט, צי וועל איך אין מיין גאַנץ לעבן אומשטאַנד זיין אָפּצודאַנקען יעדן, וואָס האָט פֿאַר מיר גוטס געטון.

ר' אהרן האָט מיט אַ שמייכל געענטפֿערט:

— אָ, איר זענט אַ גרויסער בטוח. איר וועט קאָנען באַצאָלן, ווען איר וועט אין אייער לעבן טון גוטס פֿאַר יענעם. דאָך מוז איך אייך זאָגן, אַז אויב ווער עס פֿאַרדינט באמת אַ גרויסן שבח, איז נאָר די געציילטע יידן, וועלכע אַרבעטן אויף יענער זייט גרענעץ אום צו העלפֿן די אומגליקלעכע. מיר, וואָס? — מיר אַרבעטן דאָ פֿריי, און קאָנען זיך אָפּן ראַנגלען מיט אונדזערע ר' וועלוולס. דאָרטן אָבער

איז עס שווערלעך און געפערלעכער, און דאָך טוען זיי פיל גוטס פאַר אונדזערע אומגליקלעכע.

ר׳ אהרן האָט ווידער אָנגעהייבן זיך צו געזעגענען. ביילקע האָט אים געבעטן, ער זאָל בלייבן אויף „וויעטשערע״ מיט זיי, זי האָט אים דערמאָנט, אַז אין דעם פעסל איז נאָך געבליבן פון דעם גוטן, פון דעם „אמתן ווייַן״, נאָר ר׳ אהרן האָט געענטפערט.

—ניין, איצטער נישט. אי״ה שבת, מהיכי תיתי, פאַרוואָס נישט? אָבער איצטער?—איצטער דאַרף מען נישט.

און ר׳ אהרן האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען.

ה.

שטיינמאַן האָט דעם גאַנצן אָוונט געשוויגן, ווייל אַלץ, וואָס אַנדערע האָבן גערעדט אַרום טיש, איז פאַר אים יעדעס וואָרט גע־ווען ניי און אינטערעסאַנט. אַ סך, וועגן וואָס מען האָט גערעדט, איז אים, אַלס נייעם מענטשן, וואָס איז נאָך נישט באַקאַנט מיט דעם היגן לעבן, געווען אומפאַרשטענדלעך. אַלץ, וואָס ער האָט געהערט, האָט ער צוגעמאָסטן צו דינהן. קיין אַנדער זאַך האָט אים איצטער נישט אינטערעסירט, נאָר דינה, וועלכע ער מוז נאָך אַריבערברענגען פון דאָרטן אויף דער זייט.

ווען שטיינמאַן האָט געהערט פון ר׳ אהרנען, אַז דאָרטן, אויף יענער זייט, געפינען זיך אויך מענטשן, וואָס מיט נאָך מער מסירת נפש טוען זיי זייער פיל פאַר די אומגליקלעכע, וואָס זענען אָנגעלאָפן צו די ברעגן פון דניעסטער, האָט שטיינמאַן נישט פאַרשטאַנען, פאַר־וואָס קומט זיי אָן שווערער און געפערלעכער, ווי דאָ, אויף דער זייט. פאַרוואָס קאָן מען דאָ, ווען מען וויל נאָר, טון גוטס אָפן, לעגאַל, און דאָרטן מוז מען טון גוטס באַהאַלטן, בסתר.

ער האָט פעסלען געפּרוווט פרעגן. אָבער זי האָט עס נישט געקאָנט אַזוי דייטלעך דערקלערן און ווידער האָט ער מער קיין צייט ביי איר נישט געוואָלט צונעמען, ווייל זי דאַרף זיך גרייטן אין וועג אַריין.

פאַר דער גאַנצער צייט, זינט שטיינמאַן איז געקומען, האָט זיין חבר בעני נישט געהאַט קיין צייט מיט אים איבעררעדן וועגן

אַלץ, צוליב וואָס ער האָט אים אַראָפּגעבראַכט פון בערלין.
אויף מאָרגן, ווען די שוועסטערלעך מיט דאָדין און נאָך עט־לעכע היימלאָזע זענען אוועקגעפאָרן, האָט בעני, קומענדיק אַהיים, גע־זאָגט שטיינמאַנען:
— איצטער וועלן מיר זיך נעמען צו דיר, און גאָט זאָל העלפן. דו האָסט נאָך אפילו נישט געזען דינהס אָריגינעלן בריוו. איך האָב דיר נאָר געשיקט אַ קאָפּיע.
— יאָ, האָסט מיר נאָך שבת צוגעזאָגט צו ווייזן איר בריוו.
בעני איז צוגעגאַנגען צו זיין שרייבטישל, ווו ער האָט אַרויס־גענומען פאַרשידענע פעקלעך בריוו. נאָר איין פעקל האָט ער לאַנג־זאַם און מיט געדולט אויפגעבונדן. פון צווישן פעקל בריוו האָט ער ארויסגענומען אַ שטיקל לייוונט, און שטיינמאַן האָט מיט ציטער־ניש גענומען דאָס שטיקל לייוונט, אויף וועלכן עס איז געווען גע־שריבן.
— דערקלער מיר, וואָס זענען עס פאַר אַ בריוולעך, געשריבן אויף לייוונט? — האָט שטיינמאַן געפרעגט.
— דערקלערן דאָס אַ סך, איז איבעריק. עס איז אַ געווייגלעכער מיטל, אַז די איבערגעשיקטע בריוו זאָלן זיכער אָנקומען. און בעני האָט דערציילט, אַז צווישן די היימלאָזע, וואָס זיי איז געלונגען אַריבער־צוגיין דעם דניעסטער, האָט זיך איינע אַ יידענע דערפרעגט צו אים און איבערגעגעבן דינהס לייוונטענעם בריוו.
— מיט וואָס איז מען זיכער? מען קען דאָך דעם לייוונטענעם בריוו אויך איבערנעמען.
— דאָס איז שווערליך. די לייוונטענע בריוו ווערן איינגענייט אַלס לאַטעס אין די צעריסענע וועש, און אַזוי גייט עס דורך בשלום.
שטיינמאַן האָט גענומען דעם בריוו און דערקענט דינהס פעסטע, קלאָרע האַנטשריפט.
ער האָט דעם בריוו איבערגעלייענט פון אָנהייב ביז אין סוף, כאָטש דער אינהאַלט איז אים געווען גוט באַקאַנט פון דער קאָפּיע, וואָס בעני האָט אים צוגעשיקט און ער האָט עס באַקומען עטלעכע טעג פאַר זיין חופה מיט סאַלטשען, צו וועלכער ער, אַ גליקלעכער, האָט געזאָלט פאָרן.
דער לייוונטענער בריוו איז געווען געשריבן צו בענין:
„איך ווענדע זיך צו אייך, בעני גאָלדשטיין, אויב איר ווייסט

ווי עס געפינט זיך אונדזער פריינט דאָקטאָר שטיינמאַן, אים איבער־צושיקן מיין בריוו אָדער אַ קאָפּיע פון דעם בריוו. איר האָט אפשר שוין געהערט, אַז אין די פּאָגראָמען אין אונדזער געגנט און אויך אין אונדזער שטעטל האָט מען דערהרגעט מיינע עלטערן און איך בין געבליבן אַליין. פאַר מיר איז אין דער וועלט מער נישט געבליבן ווי אונדזער שטיינמאַן. צוליב אים וויל איך מיך נאָך פּרווון לעבן. ווען נישט שטיינמאַן, וואָלט איך שוין לאַנג געמאַכט אַ סוף צו מיר. איך בעט אייך נאָכאַמאָל, געפינט אונדזער שטיינמאַנען און שיקט אים אַוועק מיין בריוו.

ד י נ ה".

— און זי ווייסט שוין, אַז איך בין דאָ? — האָט שטיינמאַן געפרעגט.

— ניין, זי ווייסט נאָך נישט. זי ווייסט נאָר, אַז איך האָב דיר אַרויסגעשיקט איר בריוו.

— ווי אַזוי מאַכט מען עס, אַז דינה זאָל זיך דערוויסן, אַז איך בין דאָ, און אַז איך בין גרייט אַוועקצוגעבן מיין גאַנץ לעבן, זיך מקריב צו זיין, אַבי זי צו ראַטעווען! ווי אַזוי מאַכט עס, בעני?

— עס טוט זיך נישט אַזוי גיך, ווי עס רעדט זיך. וועסט דאָ וווינען אַ פּאָר וואָכן, וועסטו זען, אַז עס גייט נישט אַזוי גרינג, ווי מען שטעלט זיך פאָר...

בעני, וועלנדיק פאַר זיין יוגנט־חבר טון אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, האָט זיך אָנגערופן:

— נאָך היינט וועלן מיר גיין אויף איין אָרט און איך וועל דיך באַקענען מיט אַ פּאָר מענטשן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט איבער־פירן מענטשן איבערן דניעסטער.

— קאָן מען אַזעלכע לייט גלויבן אין דעם, וואָס זיי נעמען זיך אונטער?

— פאַר אונדזער קליינער קאָמפּאַניע, ווי ר׳ אהרן, דאָדי, פאַר מיר און אַנדערע אונדזעריקע, וואָס מיר אַרבעטן אָן שום מאַטעריעלן אינטערעס, האָבן זיי באַזונדערס דרך־ארץ... זיי זענען דאָך היגע איינ־וווינער, טוען זיי אַלץ, זיי זאָלן זיך פאַר אונדז אויסצייכענען...

— ווען־זשע גייען מיר אַהין?

— היינט אין דער נאַכט. און וואָס שפּעטער אין דער נאַכט, איז אַלץ בעסער.

און שטיינמאַן האָט מיט אומגעדולד דערוואַרט די היינטיקע נאַכט.

פול מיט מוט איז שטיינמאַן איצט געווען אַרויסצוראַטעווען דינהן. פאַרשידענע פּלענער זענען אים געפלויגן אין קאָפּ.

— דו ווייסט, בעני, ביי מיר איז געבליבן, אַז אויב איך וועל נישט קאָנען אַריבערנעמען דינהן דורך אַנדערע, וועל איך איינשטעלן מיין לעבן און אַליין אַריבער אויף יענער זייט און איבערפירן דינהן.

בעני האָט זיך צעלאַכט.

— רעד נישט, דוד, וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס דו פאַרשטייסט נישט און האָסט נישט קיין באַגריף. אַז דו וועסט האָבן געדולט, וועט אַלץ זיין גוט. דו זעסט דאָך, אַז אַ סך מענטשן גייען פּאַרט אַריבער. אמת, קיין צרות פעלן נישט, אָבער דו האָסט דאָך אַליין געזען, ווי די צוויי שוועסטער, וואָס זענען היינט אַוועקגעפאָרן, האָבן מיטאַמאָל פאַרגעסן אין זייערע צרות, און זייערע ווונדן האָבן זיך גיך פאַרהיילט.

— פאַר דיר וועט אויך קומען די גוטע צייט, ווען דינה וועט דאָ זיצן מיט אונדז צוזאַמען, אַ בליענדיקע, אַ שיינע, ווי זי איז שטענדיק געווען.

שטיינמאַן איז געזעסן און מער קיין וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט. זיינע פּלענער האָבן זיך ווי גאָלדענע פעדעם אָנגעהייבן וועבן אין זיין קאָפּ: ער וועט מיט דינהן קיין בערלין מער נישט פאָרן. זיי וועלן בלייבן דאָ אַ לאַנגע צייט אין דער געגנט. און ער מיט דינהן וועלן זיך אויך אָנשליסן אין דער קליינער קאָמפּאַניע, וואָס טוען אַזוי פיל גוטס פאַר אומגליקלעכע.

שטיינמאַן האָט באַשלאָסן פון איצטער אָן צו ווערן אַ נייער מענטש. אים האָט אָנגעהייבן שאָקירן, וואָס ער גייט אויסגעפּוצט אין בערלינער קליידער פון די בעסטע שניידער. ער וואַרפט זיך צופיל אין די אויגן מיט זיין עלעגאַנץ.

און עס איז ביי שטיינמאַנען געבליבן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך זיינע בערלינער קליידער און ער וועט זיך אָנהייבן קליידן פּראָסט, איינפאַך, מיט לאַנגע שטיוול און מיט אַ קורצער פּשוטער קורטקע ווי דאָס רוב איינוווינער אין די באַסאַראַבער שטעטלעך.

מיט אומגעדולט האָט ער דערוואַרט, עס זאָל ווערן נאַכט.

— ענדלעך וועט היינט געמאַכט ווערן דער ערשטער שריט צו ראַטעווען דינהן.

די דאָזיקע ווערטער האָט ער געזאָגט פול מיט מוט און שטאַר־

קײט, אַזױ, אַז ער האָט אײַן זיך דערקאָנט און דערפֿילט דעם אַמאָליקן דוד שטײנמאַן, פֿאַר װעלכן עס זענען קײנמאָל נישט געװען קײן שום שטערונגען, װען ער האָט געטראַכט עטװאָס אױסצופֿירן. דער סענטימענטאַלער דוד שטײנמאַן איז איצט מיטאַמאָל פֿאַרשװוּנדן געװאָרן און אױף זײַן אָרט האָט זיך באַװיזן דער אַמאָליקער, ענערגישער און פֿעיִקער שטײנמאַן, װאָס האָט נישט קײן מורא פֿאַר קײן שום געפֿאַר. ער איז מיט דעם געװען אַמאָל באַװוּסט אין דער געגנט, װען באַסאַראַביע מיט פּאָדאָליע זענען נישט געװען אָפּגעשניטן, װי איצט.

שטײנמאַן האָט זיך איצטער דערמאָנט אין פּעסלען, מיט װעלכער ער האָט פֿאַרבראַכט די לעצטע פּאָר טעג בײַ בענין אין הױז און ער איז געװען אַנטציקט פֿון איר פּראַקטישן שכל און געזונטן פֿאַרשטאַנד. ער האָט זײער גוט געקאָנט די ייִדישע מײדלעך אין פּאָדאָליע, און ער האָט באַװוּנדערט פּעסלען מיט איר געזונטן בליק אױף דעם לעבן.

ער האָט דעם דאָזיקן געדאַנק אַרױסגעזאָגט זײַן חבר בעני.

— דו ביזט גערעכט. איך האָב באַמערקט, אַז די, װאָס קומען פֿון דאָרט, װער עס זאָל נישט זײַן, רעדט ער אַזױ פּראַקטיש און ניכטער װעגן לעבן, אַז עס כאַפּט אַזש אָן אַ שרעק, און איך מײן, אַז עס נעמט זיך דערפֿון, װאָס דאָרט פֿירן מענטשן אַן אַנדער לעבן, און מען קוקט דעם לעבן גלײַך אין פּנים אַרײַן און מען זעט עס אַזױ װי עס איז, אָן אַלערלײ ברילן. עס איז נישטאָ קײן פּאָעזיע, קײן שײנקײט, קײן רוחניות און אַזעלכעס, װאָס דערהײבט דעם מענטשן אין די װײטע הימלען און מאַכט װײך און שײן דעם מענטשנס נשמה. צו טרוקן און פֿאַרדאַרט איז דאָס דאָרטיקע לעבן, װו מענטשן ראַנגלען זיך נאָר צוליב דעם עסן...בלױז אײן זאַך—אָנצעפּילן די קישקע און פֿון קײן אַנדערש רעדט מען נישט און מען טראַכט נישט. איך גלױב, אַז אפֿילו דינה האָט זיך בײַ אַזאַ לעבן געמוזט איבערבײטן.

— אַזױ מײנסטו? איך גלױב נישט.

—איך בין כמעט איבערצײגט. װײל כמעט אַלע, װאָס זײ געלינגט אַריבערצוכאַפּן זיך אַהער, זעען אױס די ערשטע צײט אַזױ משונה־דיק... איך װײס נישט, װי אַזױ עס אָנצערופֿן. ערשט שפּעטער, װען זײ געװױנען זיך אײַן און זעטיקן זיך אָן, באַקומען זײ זײער מענטש־לעכע געשטאַלט.

פּלוצלונג האָט שטײנמאַן אומדערװאַרט זיך אַ פֿרעג געטון:

— די יידענע, וועלכע האָט געבראַכט דינהס בריוו, געפינט זיך נאָך דאָ?
— ניין, זי איז שוין לאַנג פון דאַנען אַוועק.
— ווייסטו נישט, ווהיז זי איז געפאָרן און ווו זי געפינט זיך איצט?
— ניין, צו וואָס האָסטו זיך דערמאָנט אין דער יידענע?
— גאָרנישט, עס ווילט זיך מיר אַזוי וויסן און הערן וועגן דינהן!
— זאָג נאָר, — האָט בעני געפרעגט, — די גאַנצע צייט האָסטו פון דינהן קיין בריוו נישט באַקומען?
— ניין. ווי איז עס מעגלעך געווען אין דער צייט פון דער מלחמה צו באַקומען בריוו פון פּאַדאָליע?
— נאָך דער מלחמה האָסטו קיין בריוו אויך נישט געשריבן?
— איך האָב געשריען אַ פּאָר בריוו, אָבער קיין ענטפער האָב איך נישט באַקומען, און דערנאָך, ווען איך האָב געלייענט אין די צייטונגען וועגן די שרעקלעכע פּאָגראָמען אין פּאָדאָליע און אין צעטל פון די געהרגעטע האָב איך געפונען די נעמען פון דינהס עלטערן, האָב איך דינהן שוין אויך גערעכנט פאַר טויט, און האָב איז איר פאַרגעסן ווי אין אַ טויטן.
בעני איז איבערראַשט געוואָרן פון זיין חברס ווערטער.
— ווי איז עס מעגלעך, אַז דו זאָלסט קאָנען אַ מינוט פאַרגעסן אין דינהן! דו האָסט דאָך געהאַט דעמזעלבן וועג זיך צו דערוויסן וועגן דינהן, ווי זי האָט געטון, ווען זי האָט געוואָלט זיך דערוויסן וועגן דיר. דו האָסט באַדאַרפט צו מיר שרייבן און אָנפרעגן. באַסאַראַביע איז נאָך נישט אָפּגעריסן פון דער וועלט.
— די ערשטע צייט איז באַסאַראַביע אויך געווען אָפּגעשלאָסן, און דערנאָך, ווען דאָס לאַנד איז איבערגעגאַנגען צו רומעניע, איז שוין געווען צו שפּעט דיר צו שרייבן.
— איך פאַרשטיי גאָרנישט, וואָס דו רעדסט.
— אָ, דו קענסט עס נישט פאַרשטיין. מיר האָבן נאָך גאָרנישט גערעדט וועגן אונדז... נישט דו און נישט איך האָבן נאָך איינס דאָס אַנדערע גאָרנישט דערציילט.
— איך האָב טאַקע באמת נאָך גאָרנישט גערעדט. נאָר פאַר־וואָס האָסטו געזאָגט, אַז עס איז געווען צו שפּעט מיר צו שרייבן?

שטיינמאַן האָט איבערגענומען זיין אָרט, ווו ער איז געשטאַנען, און זיך אָנגערופן:

— וואָס זאָל איך דיר ענטפערן? — אַ פרוי האָט זיך אַריינגעמישט... דערמיט איז אַלץ געזאָגט! פרעג מיך נישט מער!

בעני האָט זיך פאַרטראַכט, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט זיך געקווענקלט און נישט געוואַגט אַרויסצוזאָגן די ווערטער, וואָס זענען אים געלעגן אויף דער צונג.

שטיינמאַן מיט זיינע טיפע אויגן האָט באַמערקט אין זיין חבר ווי ער וויל עפּעס פאַרבאָרגן פאַר אים, און האָט זיך אָנגערופן:

— בעני, איך באַמערק, אַז דו ווילסט עפּעס באַהאַלטן פאַר מיר. איך גלויב, אַז מיר זענען דיזעלבע גוטע און איבערגעגעבענע פריינט, ווי אַמאָל, און דו דאַרפסט פאַר מיר קיין זאַך נישט פאַרבאָרגן. עס מעג זיין גוטס אָדער שלעכטס, און איך וועל דיר מיט דעמזעלבן צאָלן: אַ גאַנץ פאַרוואונדעט האַרץ דאַרף איך פאַר דיר אויפדעקן!

— איך באַהאַלט פאַר דיר גאָרנישט, נאָר דערהערנדיק פון דיר, אַז אַ פרוי האָט זיך אַריינגעמישט צווישן דיר און דינהן, בין איך איבערראַשט געוואָרן... פאַר מיר איז עס אומגלויבלעך! איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, אַז אויף דער וועלט זאָל זיך געפינען אַזאַ פרוי, וואָס זאָל קאָנען שטערן אַזאַ דינהן אין איר גליק

שטיינמאַן איז געזעסן מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ, אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט, ווי אַ פאַרשולדיקטער. נאָר באַלד איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, ווי דער אַמאָליקער שטאָלצער דאָקטאָר שטיינמאַן, און אויסגעשריגן:

— מיין געוויסן איז ריין! פון דער מינוט, וואָס איך האָב זיך פון דיר דערוווסט, אַז דינה לעבט, האָב איך אַלע מיינע געטער פאַרברענט און בין געקומען אַהער זיך מקריב זיין מיט מיין גאַנץ לעבן פאַר דינהן!

— איך צווייפל נישט אויף קיין איינציקער מינוט, ווי דען קאָן אַנדערש זיין? איך האָב דיר נאָר געוואָלט זאָגן, אַז מיר איז איצט אַ סך קלאָרער געוואָרן אַ געוויסע טעלעגראַמע, וואָס איך האָב באַקומען פון אַ פרוי, וועלכע איז אונטערגעשריבן מיט דעם נאָמען סאַלטשע. איך האָב אין דער קורצער צייט נישט געהאַט קיין פרייע מינוט מיט דיר וועגן אַלץ צו רעדן.

שטיינמאַן איז ווי אַן אָפּגעבריטער אויפגעשפּרונגען פון זיין

אָרט, און מיט אַ בלאַס דערשראָקן פּנים האָט ער עטלעכע מאָל געפרעגט:

סאָלטשע?... סאָלטשע?... איז דאָס מעגלעך?!... וווּ איז די טעלעגראַמע?

— איך וועל זי דיר באַלד געבן...—און מיט די ווערטער זענען זיי ביידע צוגעגאַנגען צום שרייב־טישל, און בעני האָט אָנגעהייבן אַרויסשלעפּן פֿאַרשידענע פּעקלעך מיט בריוו, פֿון וועלכע ער האָט אַרויסגענומען אַ טעלעגראַמע און איבערגעגעבן שטיינמאַנען, וועלכער האָט געלייענט שלינגענדיק יעדעס וואָרט.

— לייען, לייען דוד! אַזאַ לאַנגע טעלעגראַמע זע איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע סאָלטשע איז זייער אַ רייכע, אָדער דער דייטשער מאַרק שטייט הויך...

דוד האָט געלייענט:

„איך ווענד זיך צו אייך, הער גאָלדשטיין, ווי צו אַ יוגנט־פריינט פֿון מיינעם אַ גוטן באַקאַנטן דר. דוד שטיינמאַן, איר זאָלט מיר באַלד אויספירלעך טעלעגראַפירן, צי ער געפינט זיך ביי אייך, אָדער ער איז נאָך אין וועג.

דוד האָט זיך אַ כאַפּ געטוןביים קאָפּ און אויסגעשריען: „פונוואַנען ווייסט זי אַלץ!” נאָר באַלד ווי ער האָט דערזען דעם אַדרעס, אויף וועלכן זי בעט, מען זאָל איר טעלעגראַפיש ענטפערן, האָט אָנגעהייבן פֿאַר שטיינמאַנען ביסלעכוויז קלאָר ווערן. דער אַדרעס איז געווען: בערלין, שאַרלאָטנבורג, אויף דעם נאָמען פֿון זיין באַלעבאָסטע, ווו ער האָט די לעצטע צייט געוווינט.

— נאָר ווי אַזוי האָט זי זיך דערוווּסט מיין אַדרעס, אַז אַפילו מיין דייטשקע, די באַלעבאָסטע, ווייסט אויך ניִשט, ווו אַהין איך בין אַוועקגעפאָרן? — האָט ער געפרעגט בענין

בעני האָט געצויגן מיט די פּלייצעס:

— וואָס קען איך וויסן!

שטיינמאַן האָט זיך לאַנג געבראָכן דעם קאָפּ צו טרעפן דאָס רעטעניש, אָבער ער האָט זיך צו גאָרנישט דערטראַכט, און ווידער געפרעגט:

— און דו האָסט איר געענטפערט?

— יאָ, איך האָב גלייך געענטפערט. עס קומט אונדז אָפּט אויס צו ענטפערן גאַנץ פרעמדע מענטשן אויף פֿאַרשידענע אָנפראַגן, הײנט

פֿאַרוואָס זאָל איך עס פֿאַר איר נישט טאָן, ווען ס׳ שטעלט זיך מער אַלס באַקאַנטע פֿון מײַנעם אַ פֿרײַנט... און ווידער בין איך זיכער געווען, אַז די פֿרוי האָט געוויס פֿרײַנט אויף יענער זײַט, ווײַל זי דורך דיר עפּעס טון פֿאַר זיי. מיר ענטפֿערן כּמעט יעדן אויף אַזעלכע טעלעגראַמעס.

— וואָס־זשע האָסטו איר געענטפֿערט?

— איך האָב איר געענטפֿערט, אַז אין אונדזער שטעטל דאַר־בּרעשקטי ביזטו נאָך נישט געקומען, און אַז דו געפֿינסט זיך אפֿשר אין וועג.

שטיינמאַן האָט אַ ציטער געטון און האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ:

— איך האָב מורא, אַז אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן זאָל זי נישט קומען אַהער...

— וואָס־זשע האָסטו אַזוי מורא? עפּעס ביזטו פֿול מיט סודות וואָס אַפֿילו איך ווייס נישט פֿון זיי.

— וועסט אַלץ וויסן, האָב געדולט!

עס איז אָנגעקומען ביילקע און געזאָגט איר מאַן:

— וואָס האָט איר זיך פֿאַרקליבן אין צימער, ווען אין דרויסן איז אַזאַ שיינער פֿאַרנאַכט? עס איז דאָך איצטער דאָ דערשטיקט צו ווערן!

נאָר ביילקע האָט באַלד באַמערקט, אַז איר מאַן מיט זײַן יוגנט־חבר האָבן ביידע פֿאַרלוירן זייערע פּנימער, אַזוי פֿאַרדרייט און פֿאַר־טראַכט האָבן זיי זיך, און זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ איז זי אַן איבעריקע, און איז אַוועקגעגאַנגען, טראַכטנדיק: צוויי חברים פֿון די קינדער־יאָרן האָבן זיך אַזוי לאַנג נישט געזען, מסתּמא האָבן זיי פֿון וואָס צו רעדן.

ביידע חברים האָבן באַלד פֿאַרגעסן איר אַרײַנקומען און אַפֿילו נישט באַמערקט איר אַוועקגיין — אַזוי פֿאַרטיפֿט און פֿאַרטראַכט זענען זיי געווען.

שטיינמאַנען, רעדנדיק מיט זײַן חבר, האָט די גאַנצע צײַט נישט אָפּגעלאָזט דער געדאַנק: ווי אַזוי האָט סאַלטשע זיך דערוווּסט זײַן חברס אַדרעס, און אַז זי פֿאָרט צו אים... ער האָט אָנגעשטרענגט זײַן מוח צו טרעפֿן דאָס רעטעניש און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ווען ער האָט אין גרויס איבערעגונג געשריבן אַ בריוו זײַן חבר, האָט ער אפֿשר דעם אָנהייב פֿונעם בריוו אַוועקגעלייגט, ווײַל ער האָט געפֿונען

אַז ער שרייבט נישט וואָס ער דענקט און וואָס ער וויל, ווי דאָס פלעגט זיך אָפט טרעפן מיט איםביים שרייבן בריוו, און ער האָט גענומען אַ נייעם בריוו שרייבן, און דעם פריער אָנגעהייבענעם בריוו האָט ער אַוועקגעלייגט אויף זיין שרייב־טיש. און ווען סאָלטשע איז דאָרטן געווען, האָט זי עס אפשר באַמערקט, און זיך דערוווּסט וווּהין ער פאָרט.

— עס קען זיין, אַז אַזוי איז עס געשען,—האָט ער אָנגעהייבן טראַכטן,—אָבער ווי אַזוי האָט זי זיך דערוווּסט בעניס ריכטיקן אַדרעס.

נאָך לאַנג האָט ער, רעדנדיק מיט זיין חבר, נישט אויפגעהערט אין געדאַנק צו זוכן פאַרשידענע קאָמבינאַציעס, צו געפינען דעם ריכטיקן שליסל צו דעם סוד. נאָר ענדלעך האָט ער אָפּגעשטויסן פון זיך דאָס טראַכטן און טרעפן, וואָס האָט אים געשטערט אַריינצודרינגען אין דעם שמועס מיט זיין חבר און וואָס עס האָט פאַרכאַפּט זיין גאַנצע נשמה, זיין גאַנץ האַרץ.

—איך וועל סיי ווי סיי נישט טרעפן!—האָט ער געזאָגט, אַוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט און האָט זיך מיט אַלע זיינע חושים איבערגעגעבן דעם שמועס מיט בענין.

— דו פרעגסט, בעני, וואָס האָב איך מורא פאַר סאָלטשעס קרמען? עס וואָלט געווען זייער שלעכט. נאָר זי וועט נישט קומען! זי קען נישט קומען!

— ווייל דו ווילסט נישט, דעריבער וועט זי נישט קומען? אַזוי פאַרשטיי איך דיך...

— ניין, זי וועט נישט קומען דערפאַר, ווייל סאָלטשע איז צו פיין און לייטיש דערצויגן. זי קען נישט טון אַזאַ שרעקלעכע זאַך! און, ווידער, וואָס קען זי האָבן צו מיר? איך האָב פון איר גאָרנישט געלייקנט... איך האָב איר ביי מיין ערשטער באַקאַנטשאַפט דערקלערט, ווי איך האָט ליב געהאַט דינהן.

— דוד!—איז בעני אים אַריינגעפאַלן אין די רייד.—הער אויף צו רעדן צו מיר מיט רמזים... איך פאַרשטיי נישט סיי־ווי־סיי קיין איינציק וואָרט. איך דערקען דיך נישט, דוד!

אין צימער איז די לופט געוואָרן אַזוי הייס און דושנע, אַז זייערע פנימער האָבן זיך באַדעקט מיט שוויים. נאָר זיי זענען אַזוי געווען פאַרכאַפּט מיט זייער שמועס, אַז זיי האָבן עס נישט עפילט, נאָר איצטער, וועלנדיק ענדלעך עפענען זיין האַרץ פאַר זיין:

חבר, האָט שטיינמאַן דערפילט, ווי עס שטיקט אים אין האַלדז און ער האָט פאַרגעלייגט אַרויסגיין אויף דער לופט.

— מיר וועלן אַריינגיין אין אונדזער גערטנדל, — האָט בענעי פאַר־געלייגט, און זייענדיק אומגעדולדיק, איז ער בישט אַרויס פון שטוב און דערנאָך אין גאָרטן, נאָר גלייך פון פענצטער אַריינגעשפּרונגען אין גאָרטן און נאָך אים שטיינמאַן.

ביידע האָבן טיף אָפּגעאָטעמט.

—איצטער וועל איך קאָנען דערציילן און דו וועסט שוין פאַר־שטיין, אויב דו וועסט מיך אויך וועלן פאַרשטיין זון אויב דו האָסט אַ באַגריף, וואָס אַ מענטשנס האַרץ איז אַזוינס! איך גלויב, אַז יאָ. דו האָסט דאָך אויך אַמאָל ליב געהאַט און איך ווייס, אַז דיין בייל־קע איז דיר אַזוי גרינג נישט אָנגעקומען. איך ווייס, אַז דו האָסט מקריב געווען פאַר איר גאַנץ בערלין מיטן אוניווערזיטעט פאַר איר. דו האָסט דאָך אויך געוואָלט פאָרן הונגערן קיין אויסלאַנד און שטודירן גלייך מיט מיר, נאָר איין קליין מיידעלע, ביילקע, פון דאַר־בערעשקטי האָט אין דיין מוח אַלץ איבערגעקערט, און ביזט צו־ליב איר געוואָרן אַ היגער תושב און פירסט זיך דאָ דיין לעבן. יאָ, דו וועסט מיך פאַרשטיין, בענעי!

ווי בענעי איז איצטער ערנסט געווען, האָט ער זיך דערמאָנט אין יענע צייטן, ווען ביילקע איז נאָך דאַן געווען אַ זיבעצן־יעריק מיידעלע מיט אַ קיילעכדיק אומשולדיק פּנימל און מיט גרויסע אויגן. האָט זי אַ פּנים געהאַט ווי אַ מלאכל, וואָס מען דאַרף צוקנעפּלען לעבן די אַקסלען אַ פּאָר בלויע פליגלען. און בענעי האָט אַ שמייכל געטון.

שטיינמאַן האָט פאַרשטאַנען זיין חברס שמייכל און האָט נאָכ־אַמאָל געזאָגט:

— דו וועסט מיך פאַרשטיין, בענעי!

ער האָט אַ קוק געטון אויף דעם לויטערן בלווילעכן הימל און מיט דער האַנט אָנגעוויזן:

—אָט אַזאַ שיינער פאַרנאַכט, ווי איצטער, איז דאַן געווען. און איך האָב אין דעם גאָלדענעם פאַרנאַכט געשפּאַצירט מיט אַ מיידל און איך האָב נישט געקאָנט אָפּשאַצן, וועמ עס איז שענער: דער הימל, צי מיין באַגלייטערין? און איך האָב געזען אין איר נישט נאָר שיינקייט, נאָר אַ סך נשמה און קלאָרן פאַרשטאַנד, און בי־

אונדזערע פיס איז געלאָפן דער טייך ריין און מיר זענען לאַנג געגאַנגען און געגאַנגען ביי די ברעגן און איך האָב דערפילט ווי אירע אויגן פאַרברענען מיך מיט איר ליבע, און דאָך האָב איך נישט פאַרגעסן אין מיין אומגליקלעכער דינה! און זי, סאַלטשע האָט געהייסן דאָס מיידל, האָט געוווּסט וועגן איר און ווי איך פאַרגעטער זי, אָבער נישט האָבנדיק פון איר עטלעכע יאָר קיין בריוו, נישט הערנדיק קיין וואָרט און דערוויסנדיק זיך פון די ציַיטונגען, אַז איר שטעטל איז אין גרעסטן פייער פון פּאָגראָמען, אַז אַ שטיין אויף אַ שטיין איז נישט געבליבן, האָב איך זי גערעכנט פאַר טויט צוזאַמען מיט אירע עלטערן, וועלכע זענען נאָך אין ערשטן פּאָגראָם דערהרגעט געוואָרן. איך האָב אפילו אין דער טויטער דינהן נישט פאַרגעסן, אפילו אין די גליקלעכע מינוטן, ווען סאַלטשע האָט מיך אַזוי באַצויבערט, נאָר עס האָט נישט געדויערט לאַנג און איך בין פאַר איר אַ גליקלעכער חתן געוואָרן...

— וואָס?! — איז בעני אויפגעשפּרונגען און מיט האַרץ אויסגעשריגן, — וואָס רעדסטו? וואָס פאַר אַ חתן?..

— פרעג נישט און שפּרינג נישט, בעני! הער בעסער וואָס איך רעד. אַ מענטש עפּנט פאַר דיר זיין האַרץ, האָב געדולט און הער אויס פריער, און דערנאָך וועסטו מעגן זיך גריבלען אין מיין האַרצן וויפיל דיין האַרץ וועט נאָר גלוסטען... מיך וועט מער נישט ווי טון. איך האָב שוין אַזוי פיל געליטן!

בעני איז ווייכער געוואָרן. זיין אַמאָליקע ליבע צו זיין אַלטן פריינט האָט זיך אין אים דערוועקט, און ער איז איצטער געווען גרייט מיט אַלץ, וואָס נאָר מעגלעכס צו העלפן, אום צו פאַרגרינגערן זיין חברס ליידן, וועגן וועלכן ער האָט זיך ערשט איצטער אָנגעהייבן אָנשטויסן און צו ביסלעכווייז פאַרשטיין, און עס איז ביי אים געבליבן, נישט אויסרעדן קיין איינציק וואָרט, נישט אַרויסזאָגן קיין מיינונג, ביז ער וועט נישט אויסהערן זיין חבר ביזן סוף.

בעני האָט געוואַרט ביז זיין חבר וועט ווידער אָנהייבן, און שטיינמאַן האָט געשוויגן. בעני האָט דאָס ערשטע מאָל באַמערקט אויף זיין חברס שיינעם שטערן, אַז ער קנייטשט זיך. ענדלעך האָט שטיינמאַן זיך אָנגערופן:

— איך האָב אַלץ געטראַכט פון וואַנען אָנצוהייבן און האָב באַשלאָסן אָנצעפאַנגען פון סוף. ער איז אַ קורצער, אָבער ער וועט

זיין איבערגעגוג: דינסטיק איז דאָס געווען. מאָרגן האָב איך באַ־דאַרפט אַרויספאָרן פון בערלין קיין פוילן צו מיין חתונה מיט סאַל־טשען, וועלכע איז איינע פון די שענסטע מיידלעך, וואָס איך האָב נאָר אַמאָל געזען. קלוג, גוט, לייטיש און דערצו זייער אַ טאַלאַנט־פולע... איר שפּילן פּיאַנאָ קאָנען מקנא זיין די גרעסטע אַרטיסטן. אַליין פון זייער אַ רייכער און פיינער יידישער פאַמיליע. אָט די סאַל־טשע איז געווען מיין כלה און צו איר בין איך אַ גליקלעכער גע־פאָרן. די חופה איז געווען באַשטימט אויף פרייטיק. אין גאַנצן דריי טעג איז געבליבן, איך זאָל קומען צו מיין גליק.

— איך האָב געפּאַקט מיינע נייע מלבושים צו דער חתונה, און ווי יעדער גליקלעכער חתן, ווען ער באַדאַרף פאָרן צו זיין חתונה, האָב איך געציילט די מינוטן איך זאָל שוין אַוועקפאָרן... און אין יענעם דינסטיק דערלאַנגט מען מיר דיין בריוו... אַ זינגענדיקער, אַ פריילעכער, האָב איך אים אויפגעעפנט און אָנגעהייבן לייענען, און איך זע פאַר מיר די טויטע דינה לעבן!...

שטיינמאַנען איז שווער געוואָרן צו רעדן ווייטער. ער האָט אָפּגערוט ווי פון אַ שווערער אַרבעט און בעני איז געזעסן און זיך איינגעגעסן מיט זיינע אויגן אין זיין חבר.

— איך געדענק, אַז איך בין ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. איך האָב זיך נישט געקאָנט רירן מיט קיין אבר און האָב קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן. איך בין געפאַלן אויף מיין דיוואַן, ווי אַ דערהרגעטער. דערנאָך האָב איך געוואָלט מיט עמעצן רעדן, נאָר איך האָב נישט געהאַט מיט וועמען. איך קען דאָך נישט רעדן מיט מיין דייטשקע! איך האָב זיך אויף אַ גאַנצן טאָג פאַרשלאָסן ביי מיר אין קאַבינעט און אין מיין קאָפּ האָט ווי עמיצער געקלאַפּט מיט האַמערס: וואָס טוט מען? און אַ שטימע האָט זיך דעם גאַנצן טאָג הינטער די קלאַפּנדיקע האַמערס געהערט: „נעם פון דיין דאָקטאָר־שאַפּקעלע אָט דאָס בלויע קליינע פלעשעלע... נאָר אַ פּאָר טראָפּן און שוין!...

—און אַזוי, מיין טייערער בעני, וואָלט עס געווען, ווען דינה וואָלט שוין געזעסן אויף דער זייט דניעסטר און זי וואָלט נישט גע־בעטן, מען זאָל זי ראַטעווען! און דאָרטן אין פוילן, לעבן דעם וייכסל וואַרט מיין כלה מיט דער חופה אויף מיר. עלטערן, פריינט, מחותנים, געסט, כלי־זמר, אַלע, אַלע וואַרטן אויף דעם גליקלעכן חתן! און ביים דניעסטר וואַרט מיין האַלב טויטע דינה, איך זאָל זי

ראַטעווען פון טויט... און איך האָב איבערגעלאָזט די שענסטע כּחל זין איר וויסן ויידענעם חופּה־ק״יד, צ״ק, אַלץ האָב איך איבער־געלאָזט צוליב דינהן און בין געקומען צום דניעסטר!...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. בעני האָב אויך געשוויגן און גע־וואַרט, ער זאָל ווייטער אָנהייבן. שטיינמאַן האָט דאָס באַמערקט און זיך אָנגערופן:

— דו וואַרטסט, איך זאָל נאָך עפּעס דיר דערציילן? איך האָב מער נישט דיר וואָס צו זאָגן!

— איך מוז דיר אָבער זאָגן, אַז דו האָסט געטון דאָס, וואָס קיין אַנדערער וואָלט נישט בכּוח געווען אַזוינס צו טון. אויף אַזעל־כעס צו באַשליסן זיך! מען מוז זיין פון אייזן, אַזוי ווי דו ביזט שטענדיק געווען! איך באַוואונדער דיין גרויסקייט און שטאַרקייט!

און בעני, זייענדיק זייער גערירט, האָט זיך געוואָרפן אויף זיין חבר אים האַלדזן און קושן.

שטיינמאַן האָט אים ווי אָפּגעשטויסן פון זיך און האָט עפּעס אַ „רעווע" געטון נישט מיט קיין מענטשלעכן קול:

— קיינער און נישט דו איז אומשטאַנד מיר אָפּצעדאַנקען מיט געפילן פאַר מיין באַשלוס. דער דאָזיקער באַשלוס קאָסט מיר אומ־מענטשלעכע כּוחות... אַזוי האָב איך זיך באַשלאָסן און עס איז נישטאָ אַזאַ שטערונג, וואָס זאָל מיך פון עפּעס אָפּהאַלטן. דער גרויזאַמער בלוטיקער דניעסטר וועט פאַר מיר נישט זיין קיין שטערונג. איך וועל אים גובר זיין און איך מוז דינהן ברענגען אַהער, אויב זי לעבט נאָך! די אומשולדיקע סאַלטשע שטייט שטענדיק פאַר מיינע אויגן און מיט אייזערנע גליענדיקע צוואַנגען רייסט זי שטיקערווייז פון מיין האַרצן. נאָר איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן ביז מיין לעצטן טראָפּן בלוט. דינהן מוז איך ברענגען, סיידן דער טויט וועט מיך צונעמען!

בעני האָט געזען פאַר זיך דעם גרויסן שטאַרקן מענטשן, וועלכן ער האָט שטענדיק געזען אין זיין חבר דודן, און מיט גרויס דרך־ארץ געקוקט אויף אים.

שטיינמאַן, קענענדיק גוט זיין חבר, האָט פאַרשטאַנען זיינע גע־דאַנקען און זיך אָנגערופן:

— ווייסטו, אין וואָס איז מיין שטאַרקייט, וואָס איך האָב גע־קאָנט קומען צו אַזאַ באַשלוס און פיל זיך בכּוח אַלץ צו קאָנען אַריבערטראָגן? דאָס איז, וואָס נאָך אַ לאַנגן איבערטראַכטן, האָב איך

זיך געזען אומשולדיק, אַז מיין געוויסן איז ריין און אַז איך קאָן דינהן קוקן גלייך אין די אויגן! איך האָב נישט געקאָנט אָפּשטעלן דאָס לעבן, וואָס האָט מיך אַרומגערינגלט. איך האָב נישט געקאָנט ביישטיין קעגן אַזאַ באַגלייטערין אין לעבן, ווי סאַלטשע, וואָס דער שיקזאַל האָט מיר צוגעשיקט. אָבער עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז איך מוז זיך אָפּזאָגן פון איר, מוז עס אַזוי זיין! איך ווייס נאָר, אַז מיין האַרץ איז מיר ריין און אַז מיינע ליידן זענען בלויז מיין פּערזענלעכע זאַך, און מיט זיך מעג איך טון וואָס איך וויל. גענוג דערפון! מער רעד איך נישט! גענוג צו רעדן, עס איז שוין צייט צו אַרבעטן! יע־דע איבעריקע שעה איז מער ליידן פאַר דינהן. ווען דאַרפן מיר גיין זיך זען מיט די חברה־לייט?

— איך מיין, היינט אַרום צען ביינאַכט.

שטיינמאַן האָט אַ קוק געטון אויף זיין זייגער און געזאָגט:

— עס איז דאָ נאָך גענוג צייט! אָט וואָס איך וועל דיך בעטן, איך וויל אינגאַנצן אויס פריץ ווערן, אויס דאָקטאָר און גע־לערנטער! ביז דינה וועט קומען, וויל איך זיין און אויסזען גלייך מיט אַלע. קאָן מען מיר באַלד שיקן איינעם, וואָס האַנדלט מיט פּאַר־טיקע קליידער?

— געוויס, איינער פון זיי וווינט נישט וויט פון אונדז.

— זיי זשע אַזוי גוט און שיק נאָך אים.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט מען דעם עלעגאַנטן בערלי־נער דאָקטאָר שטיינמאַן שוין נישט דערקאָנט. נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער היץ, האָט ער אָנגעטון אַ פּאָר לאַנגע שטיוול און אַ רעקל מיט אַ שטייענדיקן קאָלנער, אַזוי, אַז ער האָט פאַרשפּאָרט, ווי פריער, צו טראָגן געפּרעסטע וועש מיט אַ שיינעם האַלדזטוך.

אין דער האַנט האָט שטיינמאַן געהאַלטן אַ ווייך היטל און גע־פּרעגט ביי בענין מיט זיין פרוי, וועלכע איז אין דער צייט אָנגע־קומען:

— נו, מיינע ליבע, ווי זע איך איצטער אויס?

— ווי אַ באַנדיט, וואָס פאַלט אָן אויף די אומגליקלעכע היימ־לאָזע, וועלכע גנבענען די גרענעץ! — האָט בעני געלאַכט.

— אויסגעצייכנט! — האָט שטיינמאַן געזאָגט צופרידן און דער־ביי געמאַכט אַ באַוועגונג מיט זיינע געזונטע מוסקולן.

אַרויסגייענדיק פון שטוב צוזאַמען מיט בענין, נאָך ניין אַ

זייגער, האָט ער טיף אַריינגעאָטעמט אין זיך די קילע זומערדיקע באַכט־לופט, און ער האָט זיך געפילט יונג און שטאַרק, ווי מיט אַ יאָר צען צוריק.

אַלץ, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל שוועריקייטן דורכגעמאַכט די לעצטע צען יאָר אין אויסלאַנד, ווען עס זענען געווען צייטן, וואָס ער האָט אַזוי פיל געהונגערט און נויט געליטן, איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן. ער גייט פאַרביי די אַלע געסלעך מיט די שטיבלעך, ווו אַלץ איז אים פון אַמאָל אַזוי גוט באַקאַנט. אָט פאָרט פאַרביי אַ גרויסע פויערשע פור מיט אַ פּאָר גרויסע אָקסן. אויף דער פור ליגט אַ גרויס פאַס וויין. דער מאָלדאַוואַן באָרוועס, שטאַרק און געזונט, גייט צופוס גלייך מיט די אָקסן, לעבן זייערע אויערן, און ער רעדט זיך עפּעס איבער מיט זיי, ווי מיט געטרייע איבערגעגעבענע חברים.

שטיינמאַן פאַרשטייט זייער גוט די מאָלדאַוואַנישע שפּראַך, ווייל יעדער ייד, וואָס וווינט אין שטח פון פופציק־זעכציק וויאָרסט פון די ברעגן ביים דניעסטער, וועלכע טיילן אָפּ פאָדאָליע און אוקראַינע מיט באָסאַראַביע, קענען אַלע מער אָדער ווייניקער רעדן אוקראַיניש און מאָלדאַוואַניש.

און שטיינמאַן איז אין די געגנטן געבוירן געוואָרן און געלעבט ביז ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין אויסלאַנד.

אַליין, אָן שום הילף, אַזוי ווי ער שטייט און גייט, מיט אַ קליין אָרעם פּעקעלע און מיט געציילטע מטבעות אויף אַ באַן־בילעט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער וועלט, וווהין עס האָט אים געצויגן זיין געוואַלדיקער חשק און גרויסער ווילן צו לערנען, צו וויסנשאַפט.

זיין אָרעמער טאַטע, דער שוחט, וועלכער האָט באַדאַרפט לעבן מיט זיין גרויסע פאַמיליע פון די פּאָר רובל, וואָס דאָס שטעטל האָט אים געצאָלט יעדע וואָך, האָט זיך מיט אים געזעגנט כמעט אָן ווערטער, ווייל ער האָט געטראַכט, אַז אַ טאַטע, וואָס איז נישט בכוח מיטצוהעלפן זיינע קינדער, וועלכע קענען נאָך נישט שטיין אויף זייערע פיס, טאָר קיין דעות נישט זאָגן.

— זאָל דיר גאָט פירן אין גוטן און גליקלעכן וועג, — האָט ער אים געזאָגט און אַ באַהאַלטענע טרער האָט זיך ערגעץ אין זיין טאַטנס האַלב גרויער באָרד אויסגעגאָסן.

זיין מוטער האָט דאָס אויך נישט געזאָגט. אָן ווערטער האָט זי־

זיך געשטעלט פֿאַר דער טיר און מיט אויגן פֿול מיט טרערן האָט זי באַגלייט איר ליבן זון דוד, וועלכער פֿלעגט זיי פֿון זיינע לעקציעס אַמאָל, אין אַן ענגער צייט, אַריינוואַרפֿן אַ פּאָר רובל און מען האָט די וואָך אַ ביסל אָפּגעאָטעמט פֿון דער שווערער צייט.

און דער אַלטער שוחט האָט נאָך דערביי געזאָגט:

— נישטאָ קיין גרעסערע ליידן פֿאַר אַ מענטשן אויף דער וועלט, ווען אַ טאַטע קען נישט העלפֿן זיינע קינדער, ווען זיי שטייען נאָך נישט פֿעסט אויף זייערע פֿיס.

נישט ווייניקער האָט דערפֿון געליטן דוד, וועלכער האָט זיינע עלטערן זייער ליב געהאַט און זיי געווען זייער איבערגעגעבן, אָבער זיי נישט געקענט העלפֿן.

און, אַוועקגייענדיק פֿון זיינע אָרעמע עלטערנס הויז, האָט ער זיך געטראָגן נאָר מיט איין איינציקער מחשבה:

— ווען איך וועל קומען אַמאָל צו מיין צוועק, וועל איך מיינע עלטערן איינאָרדנען אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך אין קיין זאַך נישט נייטיקן און זיי וועלן האָבן אַ גליקלעכע עלטער. איך וועל זייערע עלטערע יאָרן פֿאַרזיכערן פֿאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי האָבן אַזוי פֿיל געליטן.

צום וואָקזאַל, וועלכער איז געווען ווייט פֿון שטעטל עטלעכע וויאָרסט, האָט דינה אָפּגעפֿירט איר לערער שטיינמאַן אין איר „קאַרעטע“ מיט צוויי ברענענדיקע פֿערד, וועלכע זי האָט אַליין אָנגעטריבן.

זיי האָבן זיך שוין דאַן גערעכנט פֿאַר חתן-כּלה, אָבער וועגן דעם האָט קיין מענטש נישט געוווסט, אפֿילו נישט אירע עלטערן.

ביי דינהן איז דאָס געווען אַ באַשלאָסענע זאַך. און ווען עס וועט קומען די גוטע צייט, וועט זי נאָר דאַרפֿן זאָגן איר פֿאָטער.

עס איז איר אויף דעם געדאַנק נישט אַרויפֿגעקומען, אַז איר פֿאָטער זאָל זיין דאַקעגן, וואָס זי נעמט אַן אָרעמען חתן. זי איז שוין פֿון קינדוויַיז אָן געווען צוגעוויינט, אַז וואָס זי זאָגט, וואָס זי רעדט אַרויס אַ וואָרט, איז הייליק, און וואָס זי פֿאַרלאַנגט, ווערט פֿון איר פֿאָטער באַלד דערפֿילט.

גאָדל גרינבערג, דינהס פֿאָטער, איז נישט נאָר געווען דער שטאַרקסטער מענטש ביי זיך אין שטעטלווישקאָוויטש, נאָר אין דער

אנצער געגנט. אפילו די פריצים, גוט־באַזיצער, וועלכע האָבן געהאַט גים אים גרויסע געשעפטן, האָבן פאַר דעם ווישקאָוויטשער גביר אָדל גרינבערג געציטערט.

אַז גאָדל האָט עפּעס געזאָגט אָדער עפּעס געוואָלט, האָט געמוזט זיין אַזוי. די וועלט זאָל זיך איבערקערן, האָט אַנדערש נישט געטאָרט זיין.

אַ חוץ זיין געבוירענעם פעסטן כאַראַקטער, האט אים נאָך צו־געגעבן שטאַרקייט זיין גרויס רייכטום און גרויס מזל ביי זיינע גע־שעפטן.

ער האָט געהאַט „פּאַסעסיעס", און זעלטן ווען ביי אים איז נישט געווען קיין גערעטעניש. ער האָט געהאַט פאַבריקן און קיין איינציק מאָל איז ביי אים קיין שטרייק נישט פאָרגעקומען.

אָט די זאַכן פלעגן אַלעמען בדיל הדל שטעלן און ער האָט דערפון נישט געליטן.

אַ טייל האָבן עס צוגעשריבן צו זיין גרויסן מזל און אַ טייל האָבן איינגעפונען, אַז מיט זיין גוטן קאָפּ און באַזונדערע פעיקייטן האָט ער גוט געפירט די באַלעבאַטישקייט פון זיינע „פּאָסעסיעס" און צו אַ שטרייק האָט ער קיינמאָל נישט צוגעלאָזט. ביים ערשטן אויסברוך פון אַ שטרייק האָט ער באַלד די אַרבעטער, ווילנ־דיק, נישט ווילנדיק, באַפרידיקט.

און גאָדל גרינבערג האָט ליב געהאַט זיך צו באַרימען צווישן די גוטבאַזיצער און פאַבריקאַנטן:

— ביי מיר איז קיין אומגערעטעניש נישטאָ! ביי מיר איז קיין שטרייק נישט פאָרגעקומען!

און ווען איינער האָט אים אַמאָל געפרעגט:

— ווי אַזוי קאָן דאָס אַ מענטש אַזוי זאָגן און זיכער זיין? אַ גערעטעניש אָדער נישט קיין גערעטעניש איז דאָך אַ גאָט־זאַך!

פלעגט גאָדל גרינבערג נאָך מיט אַ העכערער און פעסטערער שטימע ענטפערן:

— איך זאָג עס דערפאַר, ווייל איך וויל אַזוי! ווייל מיר שטייט עס נישט אָן, אַז ביי מיר זאָל גאָט זאָגן אַ דעה אויף די פעלדער און די אַרבעטער אין מיינע פאַבריקן זאָלן שטרייקן!

גאָדל גרינבערג איז געווען דער גרויסער תקיף פאַר אַלעמען און אומעטום, נאָר אַז עס איז געקומען צו זיין בת־יחידקע דינה,

איז מיטאַמאָל אַוועק זיין תקיפות און איז געוואָרן ווייך ווי פוטער.

פאַר קיינעם האָט גאָדל גרינבערג קיין דרך־ארץ נישט געהאַט, אומעטום און קעגן יעדן האָט ער זיך געהאַלטן גרעסער און קליי־גער, נאָר ווי עס איז געקומען צו זיין טאָכטער, איז זיין גרויסקייט און שטאַרקייט מיטאַמאָל ווי רויך פאַרשוווּנדן געוואָרן.

און ווען איינער פון זיינע נאָנטע האָט אַמאָל וועגן דעם ביי אים געפרעגט, האָט ער מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— ווייל מיין טאָכטער איז מיט אַלעמען געראָטן אין מיר. זי האָט נאָך אַ בעסערן קאָפּ, ווי איך, און איר כאַראַקטער איז ביי איר נאָך שטאַרקער ווי ביי מיר, און פאַר אַזעלכע מענטשן האָב איך גרויס דרך־ארץ, בפרט נאָך, ווען זי איז דערצו מיין איינציקע טאָכ־טער, מיין אויג אין קאָפּ. זי איז ביי מיר אַלץ אין דער וועלט, הייסט ווי קאָן איך איר אין עפּעס אָפּזאָגן אָדער זיין מיט עטוואָס קעגן איר?

ווייטער האָט גאָדל גרינבערג געזאָגט:

— בכלל מוז איך מודה זיין, אַז איך האָב פיינט מענטשן מיט פוטער־הערצער, נאָר מענטשן שטאַרקע און פעסטע האָב איך ליב.

צווישן אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס אַ רייכע בת־יחידקע קאָן זיך דערלויבן, האָט דינה אויך געהאַט איר באַזונדערע „קאַרעטקע“, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן אַזוי, אַז זי זאָל קאָנען זיצן אויף דער קעל־ניע, אָנטרייבן די פערד און אונטער איר איז שטענדיק געזעסן אַ יינגל, צו באַדינען, ווען מען האָט באַדאַרפט.

איצטער איז זי געפאָרן צום וואָקזאַל אַליין מיט איר לערער שטיינבאַן. זי האָט געוווּסט, אַז ער פאָרט אָן געלט אויף הונגער און ליידן, נאָר זי האָט אים נישט פאָרגעלייגט קיין געלט. זי האָט אים צופיל געקאָנט, אַז ער וועט ביי איר נישט נעמען. זי האָט געקאָנט זיין שטאָלץ, זי האָט געוווּסט פון זיין גרויסן חשק צום לערנען און האָט געגלויבט, אַז נישט קוקנדיק אויף זיין אָרעמקייט, וועט ער צו אַלעם דערגרייכן, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען.

דינה איז געווען רייך, אַן איינציקע טאָכטער פון דעם גרויסן גביר גאָדל גרינבערג, און ער, דוד, דעם שוחטס זון, איז גע־וועזן אָרעם, נאָר זי האָט אים געהאַלטן רייכער פון זיך. זיינע זעל־טענע פעיקייטן, זיין גוטן קאָפּ, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך, דער שטאַרקער ווילן און פיזישע קראַפט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט,

זן דערצו אַזאַ שיינער מיט אַ גוט שיין האַרץ! דאָס אַלץ האָט דוד פאַרמאָגט און קיינער האָט עס ביי אים נישט געקענט צונעמען. און מיט אַזאַ רייכטום האָט ער זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין און ער איז איר חתן און האָט זי אַזוי ליב!

דינה האָט אַ סך געלערנט ביי דודן און האָט געוווּסט, אַז איר דערציונג און בילדונג האָט זי צו פאַרדאַנקען נישט אירע גוווערנאַנט־קעס און לערערינס, נאָר דודן. ער האָט איר אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג אין לעבן, און נאָר אַ דאַנק אים האָט זי באַקומען אַ סך אַ שע־נערע דערציונג, ווי אַלע אַנדערע רייכע קינדער. ער האָט זי אויך באַקענט מיט דעם לעבן און ווי אַזוי צו קוקן אויף מענטשן מיט אָפענע אויגן.

איר לעבן און איר צוקונפט איז געווען איינגאַנצן אין דודן, וועמען זי האָט געשוואָרן טרייקייט אויף דעם גאַנצן לעבן.

מיט די געדאַנקען זענען די צוויי גליקלעכע יונגע מענטשן צו־געפאָרן צום וואָקזאַל, זיך צעזעגנט און זיך צעשיידט ביז ער וועט ענדיקן די אוניווערזיטעט און דערנאָך וועלן זיי זיך פאַרבינדן אויף אייביק.

* * *

געשען איז דאָס אַלץ צוריק מיט אַ יאָר זעקס. נאָר דוד שטיינ־מאַן האָט עס איצטער נאָכאַמאָל איבערגעלעבט, גייענדיק מיט זיין חבר בענין גאָלדשטיין אויף איין אָרט, ווו מען זאָל איבערשמועסן וועגן אַריבערברענגען דינהן פון יענער זייט.

עס איז שוין געווען אַרום עלף אַ זייגער ביינאַכט, ווען זיי זע־נען צוגעקומען צו אַ גרויס הויז פון איין שטאָק, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַמאָליקע קרעטשמע: אין מיטן אַ טויער און פון ביידע זייטן גרעסערע און קלענערע צימערן. איצטער הייסט עס נישט קיין קרעטשמע, נאָר אַ „ווינשענק". נעבן דער געביידע ליגן אַ סך גרויסע ליידיקע פעסער פון וויין, וועלכע האַלטן זיך נישט רויק און פון פוסטקייט באַוועגן זיי זיך.

עס שטייען אַ פּאָר פורן מיט פערד און גרויסע וועגנס מיט אָקסן און קייען צעשניטענע שטרוי מיט „רעטשקע".

און אַלע פענצטער פון דעם „ווינשענק" זענען באַלויכטן מיט בלאַסע לאָמפּן פון „קעראָסין". מענטשן גייען אַרויס און אַריין, און וואָס עס ווערט שפעטער אין דער נאַכט, ווערט לעבעדיקער ביי דעם

ווייַנשענק: אַלערליי מענטשן, איינציקווייז און פּאָרלעך, פּאָרן־צו אויף „בורקעס" פון צוויי רעדער, רייטנדיק אויף אָנגעזאָטלטע פערדלעך, מען קומט און מען פאָרט אַוועק און איניקע בלייבן אין ווייַנשענק.

— ווייסטו, פאַרוואָס איך גיי מיט דיר אין דעם ווייגשענק? — האָט בעני זיך אָנגערופן.

— וואָס קאָן איך וויסן? וווהין דו פירסט מיך, אַהין גיי איך. אַפילו אין גיהנום אַריין וועל איך אויך גיין, ווען מען וועט נאָר דאַרפן צוליב דינהן.

— דאָ וועלן מיר זיך גלאַט אַזוי אַרייַנגיין אויף אַ גלעזל וויין, און דאָ ווערט מען דערווייל געוואָר, ווי עס שטייט דער „קורס", צי עס איז „טייערער" אָדער „ביליקער", צי עס איז „שווערער" אָדער „גרינגער". די לעצטע צייטן, זינט עס האָבן זיך אָנגעהייבן די גרויסע אומגליקן, מוז איך דאָ זיין אַן אָפטער גאַסט. קומען אַהער קום איך, כּלומרשט, צוליב מיינע געשעפטן... דו ווייסט דאָך, אַז איך האַנדל מיט טאַבאַק. מיין טאַטע האָט מיר איבערגעלאָזט ירושה—„פּלאַנטאַציעס", בערך אַ „דעסיאַטין" ערד, באַאַרבייט איך עס צוזאַמען מיט אַ פּאָר געדונגענע אַרבייטער. דערצו, אַז עס מאַכט זיך, קויף איך ביי אַנדערע פּלאַנטאַטאָרס טאַבאַק און פאַרקויף. איבער מיין מסחר מיט טאַבאַק איז מיר קיינער נישט חושד, אַז איך אינטערעסיר זיך שטאַ־ק מיט דעם דניעסטר. ווינטער־צייט, למשל, אינטערעסיר איך זיך שטאַרק, ווען דער דניעסטר ווערט פאַרפרוירן און ווען דאָס אייז הייבט אָן צו גיין, און זומער־צייט דאַרף מען וויסן, ווען דאָס וואַסער קומט צו און ווען עס פאַלט אָפּ. דאָס אַלץ זענען אַזעלכע פראַגן, וואָס האָבן אַ גרויסע שייכות מיט די אומגליקלעכע, וואָס דאַרפן איבערגיין דעם דניעסטר. דאָס איז אַ פראַגע וועגן פּרייז און נאָך מער וועגן דער געפאַר איבערצוגיין. דאָ, אין ווייַנשענק ווייסט מען פון אַלץ און דער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט די אומגליקלעכע היימלאָזע, מוז דאָ אין ווייַנשענק זיין אַן אָפטער גאַסט.

שטיינבערג האָט געהערט זיין חבר מיט גרויס אינטערעס און געשלונגען יעדעס וואָרט און זיך אָנגערופן:

— דו דערציי״סט מיר עפּעס פון איין אַנדער נייער וועלט.

— יאָ, דו וועסט זיך דאָ באַקענען מיט אַ נייער פאַרברעכערי־שער וועלט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אויף דעם באָדן פון יידישן אומגליק. די פּאָגראָמען פון אַלערליי באַנדעס פון איין זייט, און דער

נייער רעזשים פון די באָלשעוויקעס, וואָס האָט צוגענומען בײַם יידן זיין קרעמל, פון וואָס דער ייד האָט הונדערטער יאָרן געצויגן זיין שטיקל פרנסה, דאָס אַלץ טרייבט ווי אַ שטורם־ווינט די יידן, וועלכע פאַרקויפן פאַר אַ שבוש, פאַר אַ קליינינקייט דאָס לעצטע און לויפן מיט ווייב און קינדער צום דניעסטר. צענער טויזנטער, הונדערטער טויזנטער יידישע נפשות לויפן און טויזנטער אַלערליי פאַרברעכער האָבן זיך אויף זייער אומגליק איינגעאָרדנט און זויגן זייער בלוט. און אַז דידאָזיקע פאַרברעכער זאָלן נישט קאָנען אַזוי פראַנק און פריי בושעווען, מוז מען זיך מיט זיי באַגעגענען און אָפט געלינגט אונדז צו ראַטעווען אַ טייל אומגליקלעכע פון זייערע רויבערישע הענט.

אין אַלע שטעטלעך, וואָס געפינען זיך ביי דער גאַנצער לענג פון ביידע ברעגעס דניעסטר, געפינען זיך אַ קליינע צאָל מענטשן, וואָס גיבן אַוועק זייער צייט. זיי זענען זיך מפקיר און פאַרגריבגערן די שרעקלעכע לאַגע פון די אומגליקלעכע. דידאָזיקע מערדער טוען נאָר זייער אַרבעט, ווען זיי ווייסן, אַז קיינער שטערט זיי נישט. זיי דערשרעקן זיך אָבער תמיד פאַר יעדן, וואָס קען זיי שטערן אין זייער שוואַרצער אַרבעט.

— שוין זשע אַזעלכע ווי דו און אַנדערע יידן, איך קען דאָך דיך און אַלע אַזוי ווי דו, — האָט שטיינמאַן געפרעגט, — האָבן קיין מורא נישט פאַר אַזעלכע באַנדיטן?

— דיין פראַגע איז אַ ריכטיקע, דוד, נאָר דו האָסט נישט געלעבט דאָ אין דער גאַנצער מהומה פון דער כמעט פינפיעריקער וועלט־מלחמה און אין די אַלע איבערקערענישן... אַלץ האָט זיך איבערגעדרייט, נישט נאָר אין דעם געוועזענעם גרויסן רוסלאַנד, נאָר אפילו דאָ אין באַסאַראַביע, וואָס ווערט געפירט אונטער אַ שטרענגער רעגירונגס־אָרדנונג. און מיר, יידן, וועלכע דו האָסט געקענט פון אַמאָל פון פאַר דער וועלט־מלחמה, האָבן זיך אויך אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט.

— מיט וואָס האָבן זיך די יידן איבערגעאַנדערשט?

— מיט אַלעמען! אפילו וועגן דעם וואָס דו פרעגסט, צי אַזאַ ייד, ווי איך, אָדער אַנדערע יידן האָבן מורא פאַר באַנדיטן, — ניין, קאָן איך דיר ענטפערן! אַ ייד האָט היינט קיין מורא נישט בכלל! דער שרעק, דאָס פחדנות, וואָס האָט אין פריערדיקע צייטן געהערט ביי יידן, איז ווי פאַרשוונדן געוואָרן. אפילו פאַרן טויט האָט מען

זיך אויפגעהערט צו שרעקן. דעם מענטשנס לעבן איז צו ביליק געוואָרן ביי יעדן, אַז מען זאָל מורא האָבן!

—פון די געשעהענישן, וואָס די שרעקלעכע מלחמה און די וועלט־איבערקערענישן האָבן געבראַכט, האָבן יידן מער פון אַלעמען געליטן. דעם מענטשנס לעבן איז ביי יידן מער ביליקער געוואָרן ווי ביי אַלע אַנדערע, און דעריבער איז דער יידישער פחדן אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן. דער היינטיקער ייד איז איצטער שטענדיק גרייט מיט מוט און העלדישקייט צו פאַרטיידיטן זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיינע ברידער. און ווען מען דערלויבט נאָר יידן זיך פאַרטיידיקן, דאָס הייסט האָבן ביי זיך געווער, וואָלטן זיי קיינמאָל נישט מורא געהאַט פאַר פּאָגראָמען. דאָס האָט אונדז באַוויזן, אַז אין די שטעט, ווו עס איז דערלויבט געוואָרן יידן זיך צו פאַרטיידיקן, זענען דאָרט קיינמאָל קיין פּאָגראָמען נישט פאָרגעקומען. אַ גוי האָט היינט מורא פאַר אַ יידן, ווען ער ווייסט נאָר, אַז דער ייד האָט זיך מיט וואָס צו פאַרטיידיקן,—האָט בעני געענדיקט, אַריינגייענדיק מיט שטיינמאַנען אין ווײַנשענק אַריין.

אין ווײַנשענק זענען ביי לאַנגע טישלעך געזעסן מענטשן ביי גרויסע „קאַראַפקעס" ווײַן און האָבן געטרונקען און פאַרביסן. בעני מיט זיין חבר האָבן זיך געזעצט אין דער זייט ביי אַ קליין טישל און זיך געהייסן געבן אַן „אָקע" ווײַן. זיי האָבן געטרונקען און באַטראַכט דעם עולם, און באַזונדערס נייגעריק איז געוועזן שטיינמאַן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין די מענטשן, וואָס זענען געזעסן ביי די טישן און טישלעך, וועלכע האָבן געטרונקען, גערעדט און געאַמפּערט זיך. ער האָט נישט געקאָנט זיך פאַרשטעלן, צו וועלכע קלאַסן געהערן אָט דידאָזיקע מענטשן. זייער קליידונג און אויפפירונג האָט אים גאָרנישט געזאָגט. עפּעס נייע מענטשן, נייע באַשעפענישן האָבן זיך אין דער געגנט באַוויזן, וואָס פריער ערשט מיט אַ זעקס יאָר צוריק האָט ער זיי נישט געזען.

ערשט ניט אַ צייט צוריק, מיט אַ יאָר זעקס האָט שטיינמאַן אין דער געגנט יעדן דערקענט, צו וואָס פאַר אַ קלאַס מענטשן ער געהערט; דעם פויער פון דאָרף, דעם שטאָטישן גוי, דער „מיעשטשאַנין", דעם „טשינאָווניק", דעם בעל־מלאכה, באַלעבאָס, גביר, סוחר, אַדוואָקאַטלעך, קרעמער און אַלערליי מענטשן, וואָס לעבן פון לופט און ווינט.

מיט דעם אויג האָט מען יעדן, נאָך זיינע קליידער און באַוועגונג, געקענט דערקענען, און איצטער, זיצנדיק אין ווײַנשענק, האָט שטיינמאַן געזען פאַר זיך נייע מענטשן, אומבאַקאַנטע געשטאַלטן.

וואָס שפּעטער אין דער נאַכט, האָט אין ווײַנשענק אָנגעהייבן מער צו רעשן. די באַזוכער האָבן זיך אָפּט געביטן, אַ סך זענען אַוועק און אַנדערע זענען געקומען.

מען האָט דאָ געזען גוים, יידן, אַ פּאָר רומענישע סאָלדאַטן און אויך אַ צוויי, דריי פון דער אָרטיקער פּאָליציי.

דאָ זענען זיי נישט געקומען אַכטונג צו געבן אויף די בירגער. פּאַרקערט, זייער קומען האָט ביי די באַזוכער אַרויסגערופן אַ צופרידנקייט, ווייל זייער קומען באַווייזט, אַז זיי באַקומען זיך זייערס פון ווײַנשענקער און די באַזוכער מעגן זיך דאָ זיצן רויק, וויפל זייער האַרץ גלוסט.

דאָס האָט מען אויך געקענט באַלד באַמערקן פון די צוויי אָקעס ווײַן, וואָס דער באַלעבאָס פון ווײַנשענק האָט אַליין צוגעטראָגן מיט גרויס כבוד צו דעם טיש, וווּ זיי זענען געזעסן.

דאָ האָט געהערשט פולשטענדיקע פרייהייט. אַהער איז מען געקומען טרינקען אַ גלעזל ווײַן, באַגעגענען זיך מיט באַקאַנטע, אָפּרעדן פון געשעפטן און ווייטער זופן דעם באַסאַראַבער ווײַן, ביז וואַנען עס לאָזט זיך נאָר, אַפילו ביזן ווייסן טאָג אַריין!

פאַרבייגייענדיק ביי בעניס טיש, האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט אַ האַלב פאַרשכורט פנים, געזאָגט בענין אַ גוטן אָוונט און געוואָרפן אַ חשד-פולן בליק אויף שטיינמאַנ.ען, זאָגנדיק אויף מאָלדאַוואַניש צו בענין:

— עפּעס אַ נייער העכּס, איך זע אים דאָס ערשטע מאָל!

שטיינמאַן האָט אים גלייך אָפּגעענטפערט אויך אויף מאָלדאַוואַניש מיט אַזעלכע טערפּקע ווערטער, אַז יענער האָט זיך מיטאַמאָל ווי אויסגעניכטערט און האָט שיער דעם שלאַק נישט באַקומען אויף דעם אָרט און האָט אָנגעהייבן צו רעדן:

— אַזאַ באַלוואַן ווי איך בין! נישט דערקענט, אַז עס איז אַ היימישער און רעדט אויף מאָלדאַוואַניש... דאָס זענען גאָר אַנדערע ווערטער!

און דערביי האָט ער זיך אָנגעהויבן בויגן און קניען פאַר

שטיינמאַנען, און אַלץ געקראָכן צו אים זיך קושן און נישט אויפגעהערט אים איבערצובעטן.

שטיינמאַן האָט אים אָפּגעשטויסן און געוואָרנט, ער זאָל אַוועקגיין מיט גוטן. בעני האָט אים אויך געראָטן דאָסזעלבע.

— איך פאָלג, איך גיי אַוועק! — האָט ער זיך אויסגעצויגן מיט דרך ארץ, ווי אַ סאָלדאַט אין פראָנט, געזאָגט דריי מאָל: מאַרש, מאַרש, מאַרש! און איז זיך אַוועק זיין וועג.

ביים עולם האָט די סצענע אַרויסגערופן אַ געלעכטער און מען האָט מיט גרויס כוונה ווייטער געזופּט פון די גלעזער.

— דו ווייסט, וואָס פאַר אַ נפש דאָס מענטשעלע איז? אים, ווי נאָך פיל אַזעלכע, האָט אויך באַשאַפן די שרעקלעכע לאַגע פון אונדזערע אומגליקלעכע היימלאָזע, וואָס לויפן פון יענער זייט. דעם פאַרשוין רופט מען „יאַגאָדאַ". פאַרוואָס ווייס איך נישט. אים האָבן אויך די געשעעניש אָפּגעריסן פון זיין וואָרצל און ער בלאָנקעט זיך אונטער די פיס. דאָס איז אַ געוועזענער טשינאָווניק ביי ניקאָלאַיען ערגעץ אין אַ קאַנצעלאַריע... ער פלעגט נעמען ביי יידן אין יד אַריין קליינע סומען, ווען זיי האָבן באַדאַרפט אָנקומען צו אים נאָך „פאַפּירן". איצטער איז ער שוין לאַנג אָפּגעריסן פון זיין קאַנצעלאַריע, וועלכע עקזיסטירט שוין נישט אויף דער וועלט. נאָר זינט עס האָבן זיך אָנגעהייבן אויף יענער זייט די פּאָגראָמען און אַלע אַנדערע צרות, און יידן האָבן אָנגעהייבן צו לויפן איבערן דניעסטר, האָט זיך דער „יאַגאָדאַ" אויך געמאַכט פון יידישן אומגליק אַ פּרנסה. ער הרגעט נישט, ער ראַבירט נישט, נאָר ער שרעקט יידן! און אָט דאָס איז זיין געשעפט!

— למשל, — האָט בעני ווייטער דערציילט, — ווען דו ענטפערסט אים נישט אויף מאָלדאַוואַניש, וואָלט ער דיך אָנגענומען פאַר אַ פרעמדן, וואָס דו ביזט נאָר וואָס אַריבער פון יענער זייט. ער וואָלט שוין שפּיאָנירט נאָך דיר... ער וואָלט דיך געפּאַקט ערגעץ אַליין און דיך „איבערגעשראָקן", אַז דו ביזט אַ „באָלשעוויק" און ער מוז דאָס מודיע זיין דער רומענישער פּאָליציי און גיט דיר טאַקע באַלד צו וויסן, אַז מיט געלט קענסטו ביי אים זיך אויסקויפן. די אַלע אָנגעקומענע פון יענער זייט, ווי דו ווייסט שוין, זענען זייער איבערגעשראָקענע... מען שרעקט זיך פאַר יעדן, אַפילו פאַרן אייגענעם שאָטן, כאַפּט יאַגאָדאַ אָפּט לעיס און האָט אויף צו שכורן. אַמאָל פאַלט ער אַריין

און כאַפּט געשלאָגן, איז אויך פֿאַרפֿאַלן.

— און אָט די איבעריקע נפשות, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, ווער זענען זיי?—האָט שטיינמאַן געפֿרעגט.

— עס איז שווער אויסצורעכענען. כמעט אַלע האָבן דאָ אַ שייכות מיט דעם יידישן גרויסן אומגליק. דאָ געפֿינען זיך קאָנטראַבאַנדיסטן, אויך פּראָסטע מערדער, וואָס זיי טוען גאָרנישט, נאָר זיי לאָקערן אין די פֿינצטערע נעכט ביים דניעסטר. פֿאַלן אַריין צו זיי אומגליקלעכע און קיינער זעט נישט, הרגענען זיי און ראַבעווען. דאָ קענסטו באַגעגענען אַ סך פֿאַגראָמשטשיקעס פֿון דעניקינס און פּעטליורעס צעשלאָגענע סאָלדאַטן און פֿון אַלערליי באַנדעס, וועלכע זענען פֿון די באָלשעוויקעס אַנטלאָפֿן. זיי זיצן דאָ אין דער שטיל, טרינקען וויין און אָפּט פֿאַרקויפֿן זיי זילבערנע חפֿצים, וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט ביי יידן; עס געפֿינען זיך דאָ אויך אַ סך קלענערע פּאַראַזיטן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אויף דעם צעבלוטיקטן, צעוווּנדעוועטן יידישן קערפּער.

— עס כאַפּט מיך אָן אַ שרעק!—האָט שטיינמאַן אַ ציטער געטון.

— עס קומען אויך אַמאָל אַהער אין דעם שענק יענטשן אָנגעפּאָרענע, וואָס דאַרפֿן זיך באַגעגענען מיט די קאָנטראַבאַנדיסטן, ווייל דורך אַגענטן און מעקלערס פֿאַלט מען אָפּט אַריין. דעם גרעסטן חלק נעמען זיי צו פֿאַר זיך און דעם קלענערן גיבן זיי אַוועק די קאָנטראַבאַנדיסטן און דערפֿאַר קומען אָפּט אַרויס שלעכטע רעזולטאַטן. אויך מיר וועלן זיך מוזן מיט זיי פּערזענלעך באַגעגענען. ווען עס וועט אונדז נישט געראָטן היינטיקן אָוונט, וועט עס געשען דאָס צווייטע מאָל.

אין ווייַנשענק איז אַלע מאָל געוואָרן געדיכטער פֿון מענטשן. דער עולם האָט געהאַלטן אין איין טרינקען, ביים שענקער מיט זיינע משרתים האָט זיך פֿאַרגרעסערט די אַרבעט פֿון דערלאַנגען אַלע מאָל אָקעס וויין צום טיש. עס האָט זיך געהערט דאָס קלינגען פֿון גלעזער, אין דער לופֿט האָט זיך אויפֿגעהייבן אַ פּאַרע.

שטיינמאַן האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין דעם אומבאַקאַנטן עולם און האָט כמעט אויסגעשריגן צו זיין חבר:

— עס כאַפּט מיך אָן אַ שרעק! דער דאָזיקער יאריד איז דאָך צוליב אונדזערע אומגליקלעכע, דאָס דאָזיקע וויין־טרינקען און דאָס

גאַנצע הוליען איז פאַר דעם געלט פון די דערשלאָגענע היימלאָזע...
אַ יאַריד! מען איז פריילעך און מען טרינקט יידיש בלוט! דער דאָזיקער יאַריד דערמאָנט מיר די אַמאָליקע „קיעווער קאָנטראַקטן". געדענקסט, ווו מיר זענען אַמאָל געווען צוזאַמען? דאָרטן פלעגט מען זיך צוזאַמענפאָרן פון דער גאַנצער וועלט און מ׳פלעגט האַנדלען מיט אַלערליי סחורות. סוחרים האָבן פאַרדינט געלט און אין די ווייַנשענקען איז געווען פריילעך. דאָ האַנדלט מען מיט מענטשן, מיט זייער בלוט און מען טרינקט אויך ווייַן און עס איז פריילעך! אַ שרעק! דער דאָזיקער רויטער ווייַן איז יידיש בלוט!

בעני האָט טרויעריק צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ און זיך אָנגערופן:

— וואָס קאָן מען טון? אַזוי איז דאָס! ווער עס וויל ראַטעווען זיינע אייגענע, מוז זיך באַגעגענען מיט די דאָזיקע לייט און דווקא ביי אַן אָקע ווייַן, אַנדערש גייט עס נישט!

ביי זיין טיש האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ יונגערמאַן, אַ שטאַרקער, אַ ברייט־בייניקער מיט אַ ברוין געזיכט און מיט ליידנדיקע גלאַנצנדיקע אויגן. ער האָט דערלאַנגט בענין אַ געזונטע האַנט מיט מאָזאָליעס און שטיל זיך אָנגערופן:

— וואָס מאַכט איר, ה׳ גאָלדשטיין, ווי גייען עס די געשעפטן?

אונטער דעם וואָרט „געשעפטן" האָט זיך פאַרשטאַנען, וואָס הערט זיך מיט די „דניעסטער־געשעפטן".

— ער הערט זיך אַמאָל גוט און אַמאָל שלעכט, — האָט בעני געענטפערט און אים פאָרגעשטעלט מיט דעם נאָמען יוסף ראָזענפעלד, געוועזענער סטודענט פון קראַקאָווער אוניווערזיטעט. ער האָט אים געבעטן זיך צוזעצן ביים טיש און געהייסן ברענגען נאָך אַ גלאָז.

ראָזענפעלד האָט אָפּגעדאַנקט און פאָרגעהאַלטן בענין, וואָס ער האָט אים פאָרגעשטעלט מיט דעם טיטל סטודענט.

— וואָס פאַר אַ סטודענט בין איך? איך האָב שוין לאַנג אפילו קיין בוך נישט געזען. איך בין אַ פּראָסטער טאָג־אַרבעטער און בין גליקלעך, ווען עס געלינגט מיר צו פאַרדינען דעם טאָג לעבן און איך דאַרף נישט אָנקומען צו קיין מענטשן.

— ווי זשע גייט עס אייך, ה׳ ראָזענפעלד?

— ווי זאָל עס גיין? היינט איז געווען גוט, איך האָב

בעקאַטשעט אין די קעלערס פעסער ווײַן און האָב פֿאַרדינט, און מאָרגן וועט מסתמא אויך זײַן אַרבעט. וועגן דעם זאָרג איך זיך ווײניק. ווען מען קאָן אַרבעטן און מען וויל אַרבעטן, הונגערט מען נישט, אַלץ וועט איבערגיין. נאָר אָט וואָס איז שלעכט: איך וואָלט שוין דאָ געוואָלט זען מײַן שוועסטער און מיר זאָלן קאָנען ווײַטער פֿאָרן.

— אויף ווען דערוואַרט איר זי?

ראָזענפעלד האָט זיך ביטער צעלאַכט.

— אויף ווען? צוריק מיט אַ חודש האָט זי באַדאַרפֿט שוין זײַן... יעדע נאַכט ריכט איך מיך אויף איר.

— מיט וועמען האָט איר אָפּגעמאַכט?

ער האָט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון אַ געוויסן קאָנטראַבאַנדיסט.

— אויף אים קאָן מען זיך פֿאַרלאָזן, ער איז איינער פֿון די בעסטע.

— וואָס קומט אַרויס, דערווײַל האָב איך נאָך נישט מײַן שוועסטער.

— איר קאָנט אָבער זיכער זײַן, אַז הײַנט־מאָרגן וועט זי קו־מען,—האָט אים בעני אָנגעהייבן צו באַרויקן.

— ווי קאָן מען זיכער זײַן! גאָרנישט, מען מוז האָבן געדולט און האָפֿן.

—אַוודאי, עס וועס קומען די גוטע צײַט, וועט זי קומען... און ווי האָט איר מיט אים אָפּגעמאַכט? — האָט בעני געפֿרעגט.

— ווי, פֿרעגט איר? אַזוי ווי עס פֿירט זיך. האַלב געלט האָב איך אים געגעבן און דאָס איבעריקע האָבן מיר אײַנגעלייגט בײַ ר׳ אהרנען. מיט אַלץ בין איך זיכער, נאָר מײַן שוועסטער וואָלט איך שוין געוואָלט זען!

— ווען איר זענט אַריבער דעם דניעסטר, איז אײַך אויך אָנ־געקומען אַזוי שווער?

— גרינג קומט קיינעם נישט אָן, נאָר מאַנסבילן איז עפּעס אַנ־דערש. מען שטעלט אין ריזיקע דאָס לעבן: אָדער מען פֿאַרלירט אָדער מען געווינט... מיט אַ פֿרוי איז עפּעס אַנדערש!

— זײַט מיר מוחל, — האָט זיך שטיינמאַן פּלוצים געווענדט צום יונגנמאַן, — וואָס בײַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט דערלויב איך זיך צו פֿרעגן: איז מעגלעך, איר זאָלט מיר אויספֿירלעך דערציילן ווי אַזוי זענט איר אַריבער דעם דניעסטר?

— עס איז צופיל צו דערציילן, ה׳ גאָלדשטיין וויים אַלץ, ער וועט אייך שוין וועגן אַלץ איבערגעבן, אויב אייך אינטערעסטיר, איך קאָן אייך נאָר זאָגן, אַז מיר זענען געווען זעכציק יונגע לייט, פון יונגע דאָקטוירים ביז פּראָסטע יידישע אַרבייטער... נאָר דאָס מוז איך אייך זאָגן, אַז מיר זענען אַלע געווען האַראָפּאַשנע יונגעלייט, נאָר אַזוי פיל געלט צו באַצאָלן די קאָנטראַבאַנדיסטן האָבן מיר נישט געהאַט, זענען מיר געזעסן ביים דניעסטר אַ האַלבן ווינטער ביז ער וועט פאַרפרוירן ווערן און דאַן וועלן מיר זען! נאָר ווי אויף צוזעי־צעניש, ווען ער האָט אָנגעהייבן פרירן, האָט ער אין צוויי טעג ארום ווידער אָנגעהייבן לאָזן, דאָך האָבן זיך צווישן אונדז געפונען אַזעלכע יונגע לייט, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אויף אַזאַ שוואַכן פאַרפרוירענעם אייז. עס האָבן אָנגעהייבן גיין צו פיר אָדער פינף מענטשן. איינער איז דערטרונקען, איינעם האָט מען דערשאָסן און די איבעריקע זענען אַריבער. אַזוי איז מען ווילד געלאָפן עטלעכע און דרייסיר נפשות...

קער יונגערמאַן האָט געכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער דער־ציילט:ד

— ענדלעך איז געקומען דער לאַנג־דערוואַרטער פראָסט, און דאַן האָט אונדזער קאָמפּאַניע אינגאַנצן זיך געלאָזט לויפן איבערן דניעסטר, אָבער...

ער האָט ווייטער נישט געקאָנט רעדן. ער האָט זיך אָפּגערוט, אָפּגעטרונקען פון גלאָז אַ ביסל ווייַן און געענדיקט:

— פון אונדזערע זעקס און דרייסיק יינגע לייט זענען זעכצן דערשאָסן געוואָרן פון די קוילן, וואָס מען האָט זיי נאָכגעשיקט און צוואַנציק זענען אַריבער לעבעדיק... איך בין איינער פון די צוואַנציק.

דער יונגערמאַן איז שטיל געבליבן, שטיינמאַן האָט אים מער נישט געפרעגט און בעני האָט אָנגעפילט זיין גלאָז ווייַן.

אַלע דריי זענען געזעסן און געשוויגן און יעדער האָט זיך פאַרטיפט אין זיינע טרויעריקע געדאַנקען.

ביי שטיינמאַנען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער קאָפּ און עפּעס ווי אַ וואָלקן האָט זיך אָנגערוקט אויף זיין פּנים.

בעני האָט עס באַמערקט און זיך אָנגערופן צו זיין חבר:

— איך דערקען דיך נישט, דוד... שוין אַזוי גיך האָסטו זיך פאַרזאָרגט? דאָ דאַרף מען זיין מוטיק, לעבעדיק, מען דאַרף אַרבעטן

און דערבײַ האַלטן קאָפּ, און אַז מען דאַרף אַמאָל אַ גאַנצע נאַכט פאַרברענגען אין אַזאַ שענק, אָדער אין נאָך אַן ערגערן „קאַבאַק", דאַרף מען עס אויך טון ערנסט. בײַ די ברעגן פון דניעסטער ווערט געטון די ערנסטע אַרבייט, מען דאַרף זײַן שטאַרק און בײַ זיך קיינמאָל נישט אַראָפּפאַלן, אַפילו ווען עס געלינגט נישט. מען דאַרף זיך שטענדיק זאָגן: עס מוז געלינגען! ווען נישט הײַנט, וועט געלינגען מאָרגן, שפּעטער! אָט לערן זיך בײַ דעם יונגן ראָזענפעלדן. מעגסט זיכער זײַן, אַז נישט קוקנדיק אויף די אַלע שוועריקייטן, וועט ער זײַן צוועק דערגרייכן.

— איך האָב זיך טאַקע וועגן דעם פאַרטראַכט, אַז איך האָב זיך אַ סך וואָס צו לערנען בײַ ה' ראָזענפעלדן, בײַ ר' אַהרנען, בײַ דאָדין און בײַ דיר, בעני. בײַ מיר אין מײַנע אויגן זענט איר העלדן, גבורים פון דער הײַנטיקער צײַט, און איר טוט גרויסע ערנסטע זאַכן. און איך, אין מײַנע בעסטע יאָרן, בײַ מײַנע בעסטע קרעפטן, בין איך געלעגן אין בערלין און האָב געדאָקטאָרט, און די איבעריקע צײַט האָב איך זיך פאַרנומען מיט נאַרישקייטן.

— דו זאָלסט אַזוי רעדן! אַלע דײַנע חברים האָבן דיך מקנא געווען! אַ קלייניקייט, צו וואָס דו האָסט מיט דײַן שטודירן דערגרייכט!

שטיינמאַן האָט זיך מיטאַמאָל ווי אָפּגעריסן פון זײַן אָרט:

— פריער, אַמאָל, ווען עס איז געווען רויק אויף דער וועלט, וואָלט מען געקענט אַזוי רעדן וועגן מיר, אָבער נישט איצטער! איצטער איז דאָ וויכטיקערס צו טון, ווי דאָס, מיט וואָס איך האָב זיך פאַרנומען.

— די גאַנצע וועלט קען דאָך נישט ליגן בײַם ברעג דניעסטער. אין בערלין דאַרף מען אויך האָבן דאָקטורים מיט געלערנטע.

— נישט איך, נישט איך! — האָט ער ענערגיש אָוועקגעמאַכט מיט די הענט.

— נישט איך האָב באַדאַרפט אין אַזאַ צײַט דאָרטן זײַן! דאָ, דאָ, מיט דיר, מיט דאָדין, מיט ר' אהרנען און מיט אײַך אַלע וואָלט איך לאַנג באַדאַרפט זײַן. דאָ אויף די פעלדער, וואָס זענען אָנגעזאַפּט מיט יידיש בלוט און טרערן, בין איך געבוירן, מיט אײַך דאַרף איך זײַן אין ווײַנשענק און אין אַנדערע שמוציקע ערטער! אין די פינצטערע נעכט אונטער רעגנס און קעלטן, ווען די אומגליקלעכע

-טעלן איין דאָס לעבן און לאָזן זיך אַריבערגיין דעם דניעסטר,—אָט דאָרטן וואָלט איך אויך באַדאַרפט זיין, און ווען איך זאָל ראַטעווען כאָטש איין יידישע נשמה, האָט עס ביי מיר מער ווערט פון אַלעם אין מיין לעבן.

שטיינמאַן האָט זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטון:

— איך האָב זיך פאַררעדט, פאַגעסנדיק, אַז איך האָב זיך ערשט נאָר וואָס באַקאַנט מיט אַ נייעם מענטשן, איך מיין מיט ה׳ ראָזענפעלד.

— עס מאַכט נישט אויס, — האָט בעני זיך אָנגערופן, —ראָזענפעלד איז אונדזערער מיט לייב און לעבן. דו קענסט פאַר אים רעדן, ווי פאַר מיר.

שטיינמאַן האָט זיך באַרויקט און שטאַרק געדריקט ראָזענפעלדס האַנט.

— עס פרייט מיך זייער, וואָס איך זע נאָך אַ יידן פון בעניס חברים, פאַר וועלכע מען קאָן מיט צוטרוי אָפן רעדן.

ביידע נייע באַקאַנטע האָבן עפּעס דערפילט אַ פריינטשאַפט איינס צום אַנדערן, ווי גלייך זיי האָבן זיך פון לאַנג געקענט און האָבן זיך נאָך פיל צייט ווידער באַגעגנט.

זיי האָבן צווישן זיך אָנגעהייבן צו רעדן, נאָר בעניס אויגן האָבן זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט צו דער זייט פוו דער טיר, וועלכע עפנט זיך פון דרויסן.

בעני האָט זיך געווענדט צו זיינע חברים׳

- מיר דאַכט זיך, אַז „חיים” גייט.

ראָזענפעלד האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— ווער ווייסט, אפשר וועל איך זיך עפּעס דערוויסן...

קיינער איז אים נישט געגאַנגען אַנטקעגן, נאָר מען האָט געוואַרט, ער זאָל זיי באַמערקן און אליין צוקומען צום טישל.

מען האָט אַוועקגעוואָרפן אַלע שמועסן און אָן ווערטער האָט מען געקוקט אין דער זייט, ווו „חיים” האָט זיך צווישן די טישלעך באַוועגט.

מיט אומגעדולט האָבן די יונגע לייט געוואַרט, ער זאָל צוגיין צו זייער טישל, אָבער ער איז שוין פאַרבייגעגאַנגען און זיי נישט באַמערקט.

— צו יעדער זאַך דאַרף מען האָבן געדולט און זיין קאַלטבלו-

טיק, אפילו צו אַזעלכע זאַכן, — האָט זיך בעני אָנגערופן. — חייב האָט נישט ליב, אַז מען רופט אים. ער קומט אַליין צו, ווען מען דאַרף.

— איך ווייס דאָס, — האָט ראָזענפעלד געזאָגט, — נאָר פון וואָס זשע האָט ער אונדז נישט באַמערקט? מיר האָבן דאָך אַלע געקוקט אויף אים? — האָט ראָזענפעלד געפרעגט.

— אַז חיים זאָל אונדז באַמערקן, דאַרף מען נישט קוקן אויף אים. איך בין זיכער, אַז ער זעט יעדן, וועמען ער דאַרף דאָ. מען דאַרף צו אים נישט קוקן. ווען ער דאַרף, באַמערקט ער אַפילו, ווען מען זיצט באַגראָבן אין אַ ווינקעלע. איך בין זיכער, אַז ער האָט אונדז איצטער אויך באַמערקט, נאָר מסתמא פּאַסט אים נישט איצטער צו־צוגיין צו אונדז.

ראָזענפעלד איז טרויעריק געוואָרן.

— ווייזט־אויס, אַז ער האָט מיר קיין נייס נישט וואָס צו זאָגן.

— דאָס איז נישט קיין באַווייז. אומזיסט לייגט איר זיך אויס שלעכטס, — טרייסט אים בעני.

— מיין האַרץ זאָגט מיר אַזוי.

— לאָזט צורו אייער האַרץ... היינטיקע צייטן גלויבט מען נישט אין אַזעלכע בבא מעשיות. איך פאַרזיכער אייך, אַז מיר וועלן נאָך היינטיקע נאַכט זיך זען מיט אים... איך דאַרף אים אויך זייער נויטיק זען! — און בעני האָט אינסטינקטיוו, נישט ווילנדיק, אַ קוק געטון אויף שטיינמאַנען.

אַ שטראַל פון אַ גוטער האָפענונג האָט זיך באַוויזן אויף ראָזענ־פעלדס פּנים.

— וואָס פאַר אַ נאַכט! וואָס פאַר אַ נאַכט! — האָט שטיינמאַן מיט אַ טיפן זיפץ כמעט אויסגעשריגן. — ווו נעמט מען כּוחות דאָס אַלץ איבערצולעבן! מען לעבט דאָ איבער אין איין נאַכט אַזוי פיל, וואָס אַנדערע טראָגן עס נישט איבער דאָס גאַנצע לעבן!

— שעם זיך, דוד, און דו ביזט נאָך אַ יונגערמאַן! — האָט בעני אים באַמערקט.

— איר זענט פון אייזן, נישט פון קיין פליייש.

— דו וועסט זיך דאָ איינלעבן און צווען אַזוי פיל ליידן, וועסטו אויך ווערן פון אייזן.

— דערווייל פאַרלאָזן מיר מיינע כּוחות! — האָט שטיינמאַן געזאָגט פאַרצווייפלט.

— באַרויק זיך, דו וועסט זיך צוגעוויינען, וועט דיר זיין גרינגער איבערצוטראָגן, — האָט אים בעני געטרייסט.

— איך בין אין אָנהייב אויך אַזוי געווען, — האָט ראָזענפעלד זיך אָנגערופן. — איך האָב זיך אַליין נישט פאָרגעשטעלט, איך זאָל זיין פעיק אַלץ איבערצולעבן, און איצטער איז נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל מיך איבערשרעקן. און ווען איך זע פאַר מיר אַ געפאַר, ווער איך מיטאַמאָל שטאַרקער און מוטיקער. פון וואַנען עס נעמט זיך צו מיר אַזוי פיל מוט און קרעפטן, ווייס איך נישט! עס ווייזט אויס, אַז אין יעדן מענטשן זענען דאָ פאַרבאָרגענע קרעפטן. אין אַ פאַל פון אומגליק באַווייזן זיי זיך.

פלוצים האָבן זיי באַמערקט, ווי חיים מיט אַ ברייטן שמייכל אויף די ליפּן, דערנענטערט זיך צו זייער טישל.

ביי אַלעמען האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט...

חיים איז געווען באַוווּסט אַלס סוחר פון שאָפענע פעלכלעך און פון געטריקנטע פרוכטן, וואָס ער פלעגט אויפקויפן אין די דערפער ביי דער גאַנצער לענג פון דניעסטר. אַלע פויערים-מאָלדאַוואַנעס האָבן אים זייער געשעצט און ליב געהאַט.

—אַזאַ גוטער סוחר, ווי חיים איז נישטאָ!—פלעגן זיי אים לויבן, און נישט נאָר די פויערים, נאָר אַפילו זייערע ווייבער און קינדער.

אַ פויער האָט ליבערשט חיימען פאַרקויפט מיט עפּעס ביליקער, אַבי מיט קיין אַנדער סוחר נישט האָבן קיין געשעפטן, ווייל חיים האָט זיי קיינמאָל נישט אָפּגענאַרט און האָט זיי שטענדיק געזאָגט די ריכטיקע פּרייזן, וועלכע שטייען אויפן מאַרק. און טאָמער איז אַ פויער אַריינגעפאַלן אין אַ צרה און האָט באַדאַרפט האָבן געלט, און קיין סחורה האָט ער דערווייל נישט געהאַט, פלעגט ער גלייך גיין צו חיימען און חיים האָט געגעבן געלט, אַז מען זאָל אָפּגעבן מיט סחורה אויף דעם צווייטן יאָר.

דאָס האָבן די פויערים גאָרנישט געוווּסט, ווי אַזוי אָפּצושאַצן, און פאַר זיי איז נישט געווען אַזאַ טייערע זאַך, אין וואָס זיי זאָלן חיימען קענען אָפּזאָגן.

חיים איז געווען פאַר זיי אַלץ און אויך זייער בעל-עצה, און קיין זאַך פלעגן זיי נישט טון, אַז זיי זאָלן נישט פרעגן

ביי חיימען. און וואָס ער האָט געזאָגט, איז פאַר זיי געווען קלוג, פראַקטיש און הייליק.

ווײַל עס האָט נישט געקענט חיימען, האָט קיינמאָל נישט געקענט דערקענען, אַז ער איז אַ ייד. אַליין אַ מענטש פון אַ יאָר פינף און פערציק, ברייט, הויך און שטאַרק געוואַקסן און מיט אַ ברייטער באָרד, איז ער שטענדיק געגאַנגען מיט אַ פויערשער דיקער גרויער „סוויטע" און מיט אַ הויך-שפּיציק גרוי-שמויסן היטל, מיט וועלכן ער האָט אַפילו זומער-צייט אין די גרויסע היצן זיך נישט צעשיידט.

אויף זיין ברוין געזיכט מיט שוואַרצע קאַרשענע טיפע אויגן האָט שטענדיק געשוועבט אַ ברייטער גוטער שמייכל פון אַ פּראָסטן גוטן מענטשן, וואָס ציט צו יעדן צו זיך.

יידיש פלעגט ער רעדן געמישט מיט מאָלדאַוואַניש און אוק־ראַיניש, און ווען ער האָט גערעדט מיט פויערים, האָט קיינעם נישט געקענט איינפאַלן, אַז דאָס רעדט אַזוי אַ ייד.

אַליין געבוירן און אויסגעוואַקסן אין אַ דאָרף ביים ברעג דניעסטער, האָט ער זיך באַזעצט אין אַ שטעטל לעבן דניעסטער, ווו ער האָט חתונה געהאַט און אַ סוחר געוואָרן.

זיינע קינדער זענען געגאַנגען אין חדר, און ער האָט ליב גע־האַט אָפט צו זאָגן זייער מלמד:

— איך בין אויסגעוואַקסן אין אַ וואַלד אַ גראָבער יונג און מיינע קינדער, וויל איך, זיי זאָלן קאָנען לערנען און זיין פרומע יידן — געלט „ניעפּאָטשאָם!"

יעדן מאָנטיק פלעגט ער אַרומפאָרן איבער די דערפער, און אויף שבת פלעגט ער זיך אומקערן אַהיים.

ער פלעגט שטאָלצירן מיט זיין קעלער וויין, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר דעם בעסטן אין שטעטל, און אויך האָט ער ליב גע־האַט זיינע צוויי שטאַרקע פערד מיט דער געקאָוועטער און געפאַרב־טער ברישקע, וועלכע האָבן זיך אויך גערעכנט פאַר די בעסטע אין שטעטל.

און ווען ער פלעגט יעדן מאָנטיק פרי איינשפּאַנען זיינע פערד, זיך אַריינזעצן אין ברישקע און מיט זיינע געזונטע הענט אָננעמען די לייצעס פון די צוויי ברענענדיקע פערד, פלעגט די ערד פון שטעטל ממש אויפציטערן.

אַזוי האָט זיך חיים לאַנגע יאָרן געפירט זיינע מסחרים מיט שאָפּענעם פעל און מיט געטריקנטע פרוכטן און מען פלעגט זאָגן, אַז ער האָט שיין פרנסה, און מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ שטיקל גביר.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהייבן די גרויסע אומגליקן ביים דניעסטר, האָט מען זיך אין אָנהייב אָנגעהייבן ווענדן צו אים מיט בקשות: אַזוי ווי ער האָט פיל פריינט און באַקאַנטע צווישן פויערים, וואָס וווינען ביי די ברעגן פון דניעסטר, זאָל מען דורך זיי אַריבערשיקן בריוו פון אייגענע. דערנאָך האָט מען אים געבעטן, ער זאָל דורך זיינע פויערים אַריבערברענגען אַ פּאָר מענטשן, פאַר וועלכע מען וועט זיי גוט באַצאָלן.

און אַזוי, צוביסלעכווייז, איז חיים, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, אַריינגעדרייט געוואָרן און האָט דורך זיינע „געשוווירענע" פויערים אָנגעהויבן פון צייט צו צייט אַריבערפירן מענטשן פון יענער זייט דניעסטר

מיט דער צייט איז עס ביי חיימען געוואָרן אַ פּראָפעסיע, און עס האָבן זיך ביי אים אויסגעאַרבעט אייגענע מעטאָדן און באַזונדערע וועגן ווי צו פירן זיין ניי געשעפט, גאָר אַנדערש ווי ביי געוויינלעכע קאָנטראַבאַנדיסטן.

אַבי ווען האָט ער נישט איבערגעפירט, נאָר אַזעלכע, וואָס די היגע אָנגעזעענע באַלעבאַטים האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זיי זענען לייטישע מענטשן.

דערצו האָט ער זיך געהייסן זייער טייער באַצאָלן, און קיין אַנדער געלט, ווי רומענישע לעיס האָט ער נישט גענומען. רוסיש געלט און אפילו „ניקאָלאַיעווסקע", האָט ער אומזיסט נישט געוואָלט נעמען. ווינציקער ווי צען טויזנט לעי אַ „קאָפּ" איז ביי אים נישט געווען, און וואָס עס געהער זיך אָן די „בורזשוקעס", ווי ער פלעגט רופן די באַנקירן, פאַבריקאַנטן און אַנדערע רייכע לייט, וואָס פלעגן זיך לאָזן גנבענען דעם דניעסטר, האָט חיים קיין פּרייז נישט געוווּסט, וויפל צו פאַרלאַנגען. ער פלעגט נעמען צוואָנציק, דרייסיק און אַמאָל ביז פופציק טויזנט לעי פאַר אַ „קאָפּ".

און דאָך האָבן אַלע נאָר געוואָלט האַנדלען מיט חיימען, ווייל מיט אים איז מען געווען אין אַלעמען זיכערער. פון אַלע בריליאַנטן, גאָלד און „וואַליוטע", וואָס די „בורזשוקעס" פלעגן מיטפירן, האָט

בײַ חײמען נישט געפעלט װאָס אַ גראָשן איז װערט. מען האָט אים נאָר באַדאַרפט צאָלן זײַן פּרײַז און מיט דעם איבעריקן איז מען געװען זיכער.

נאָר אײן זאַך איז געװען שלעכט מיט חײמען, װאָס מען האָט לאַנג באַדאַרפט װאַרטן ביז מען איז „געגאַנגען", און דערצו פלעגט זיך אויך אָפט טרעפן, אַז װען מען איז שוין יאָ „געגאַנגען", האָט מען זיך געהײסן צוריק אומקערן און מען האָט געמוזט פאָלגן. דערפאַר אָבער, װען מען איז „געגאַנגען", איז מען געװען זיכער, און דער, װאָס האָט נאָר געהאַט געגוג געלט, פלעגט זיך יאָגן נאָר נאָר חײמען און נישט װעלן בײַ אַנדערע האַנדלען כּשרע מציאות.

װען מען פלעגט מיט חײמען האַנדלען װעגן איבערפירן אַ מענטשן, פלעגט ער רעדן פעסט און זיכער.

— איר מײנט, אַז איך נעם טײַער און איך װער רײַך דערפון, האָט איר אַ טעות. מיר בלײַבט װײניקער װי אַנדערע, װאָס נעמען אַ פערטל פון מײַן פּרײַז. איך האָב ליב צו זײַן אין אַלעמען זיכער און זאָרגן פאַר דעם לעבן פון דעם מענטשן. דעריבער בעט איך אומעטום ברײט. איך צאָל אויף רעכטס און לינקס, און מײַנע פּויערים, װעלכע גײען פאַר מיר אין פײַער און אין װאַסער, האָב איך אװדאי ליב גוט צו באַצאָלן. אַנדערש קאָן איך נישט, מען זאָל מיר אפילו צאָלן מיליאָנען, נאָר אויף זיכער קאָן איך אַרבעטן! איך קאָן נישט שפּילן מיט יענעמס לעבן.

װעגן חײמס אַרבעט גײען אַרום װוּנדערלעכע מעשׂיות, װאָס מען קאָן זײ נאָר אָננעמען פאַר לעגענדן

חײמס הויפּט־אַרבעטער איז אײנער פון זײַנע פּויערשע פרײַנט מיט דעם נאָמען „װאַסילי".

דער דאָזיקער װאַסילי װוינט אין זײַן שטיבל בײַם סאַמע ברעג דניעסטר. אַלײן איז ער גרױס און שטאַרק װי גוג־ומגוג. װאַסילי פאַרמאָגט אַ לאָדקע, און װען ער זעצט אַרײַן די „פּאַסאַזשירן" נאָך האַלבער נאַכט און לײגט צו זײַן יד צו דער „װיאָסלע", פליט דאָס שיפל אַזוי געשװינט, אַז אין אײן מינוט איז מען שוין אויף דער זײַט ברעג און מען איז געראַטעװעט.

מען דערצײלט, אַז װען מען האָט אומדערװאַרט פאַר דער צײַט איבערגעביטן די װאַך און מען האָט באַמערקט װאַסילין אויפן טײַך מיט „פּאַסאַזשירן". האט מען אים באַגעגנט אויפן ברעג און

מען האָט געפונען די לאָדקע אָן מענטשן.

— וואָס טוסטו אַזוי שפּעט ביינאַכט אויפן דניעסטר? — האָט מען אים געפרעגט.

— איך האָב געכאַפּט פיש, — און דערביי האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון דער לאָדקע אַ „נעוואָד" מיט לעבעדיקע פישלעך, און מען האָט אים באַפרייט. און טאַקע אין דערזעלבער נאַכט האָט ער דערנאָך פון יענער זייט ברעג, וווהין ער האָט זיי צוריקגעפירט, דערהערנדיק, אַז דאָ איז נישט אין אָרדנונג, איצט נאָכאַמאָל זיי גענומען אויף זיין לאָדקע און זיי בשלום געבראַכט אויף דער זייט

חיים אַליין אין אַזעלכע נעכט וואַכט די גאַנצע צייט ביז עס גייט איבער, בשלום און טאָמער זאָל זיך טרעפן עפּעס אַן אומגליק, ווייסט ער שוין ווי צו ראַטעווען מיט גרויסע געלטער, נישט רעכע־נענדיק זיך מיט קיין שום פאַרדינסטן, אַבי דורך אים זאלן נישט אומקומען קיין מענטשן און אומגליקלעך ווערן.

זאַ גוטן שם האָט חיים ביי אַלע, וואָס לויפן איבערן דניעסטר.

*

*

די דריי יונגעלייט זענען געזעסן ביים טיש און מיט אומגע־דולט געוואַרט, אַז חיים זאָל צוגיין.

נדלעך איז ער צוגעקומען און אויף גיך אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער:

— גייט נישט אַוועק, איך האָב פאַר אייך נייס. איך וועל באַלד קומען. איך בין איצט זייער באַשעפטיקט, — און חיים איז באַלד פאַרשוונדן געוואָרן אין די איבריקע צימערן

אויף חיימס געזיכט האָבן זיי אַלע איבערגעלייענט, אַז ער האָט זיי פריילעכע נייס צו דערציילן און זיי זענען אַליין אויך פריילעך געוואָרן.

בעני האָט געהייסן דערלאַנגען נאָך אַן אָקע וויין און מען האָט פריילעך צווישן זיך גערעדט

— ווער ווייסט, — האָט בעני געזאגט, — אפשר האָט ער גע־בראַכט אַ גוטע ידיעה פון דינהן.

— אפשר וועט היינטיקע נאַכט מיין שוועסטער קומען, — האָט

ראָזענפעלד זיך אָנגערופן, — און עס וועט קומען אַ סוף צו אונדזערע צרות.

— זאָל גאָט העלפן, — האָט בעני געווונטשן, און פריילעך זיך פלוצלונג געווענדט צו ראָזענפעלדן:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי קומט איר צו חיימען? איך מיין, ווי קומט עס, אַז חיים זאָל זיך אונטערנעמען אַריבערצופירן אייער שוועסטער? איר האָט דאָך קיין צען טויזנט לײַ אים נישט צו באַצאָלן? איר זענט דאָך נישט קיין באַנקיר... איך האָב שוין לאַנג וועגן דעם אייך געוואָלט פרעגן?

— עס איז אַ מערקווירדיקע און קאָמישע געשיכטע, — האָט ראָזענפעלד נעענטפערט מיט אַ שמייכל.

און ראָזענפעלד האָט אָנגעהייבן דערציילן:

— וועגן חיימען האָב איך לאַנג געהערט און געוווסט, און איך האָב שטענדיק געטראַכט, אַז מיין שוועסטער, וואָס איז מיר טייערער פון מיין לעבן, זאָל נאָר חיים איבערפירן, נאָר אים זאָל איך זי פאַרטרויען. אָבער ווי האָב איך גאָר געקאָנט טראַכטן דערפון? ווי זאָגט איר: איך בין דאָך נישט קײן באַנקיר! בין איך געבליבן ביים טראַכטן. גאָר, ווי זאָגט מען, אַז ס'איז באַשערט, קומט עס אַקעגן. איינמאָל האָב איך אין שניט־צייט געאַרבעט ביי אַ פּאַרמעגלעכן פויער אויפן פעלד אַ וואָך צוויי. און אָט ווי איך אַרבעט אַזוי, דערזע איך, ווי צו מיין באַלעבאָס, וועלכער האָט אויך מיט מיר געאַרבעט אויפן פעלד, קומט־אָן מיט זיין ברייטשקע חיים. ער האָט מיט אים גערעדט וועגן געשעפט. פלוצלונג האָט ער מיך באַמערקט און גע־פרעגט דעם פויער, ווער איך בין. ער האָט אים דערציילט, אַז איך בין אַ ייד און איך אַרבעט אויפן טאָג. ווייזט אויס, אַז דער פויער האָט געלויבט מיין אַרבעט, אַרויסגעזאָגט זיין צופרידנקייט מיט מיר, דאַן איז חיים צוגעגאַנגען צו מיר און מיך אָנגעהייבן אויספרעגן אויף יידיש, ווער און וואָס איך בין און וואָס טו איך דאָ? האָב איך אים דערציילט, אַז איך בין איינער פון די זעלביקע „חלוצים", וואָס האָבן זיך מיט מסירת נפש געלאָזט איבער דעם דניעסטער, אַז אַ טייל פון אונדז זענען אומגעקומען און אַז נאָר פערציק זענען געקומען לעבעדיק און איך בין איינער פון זיי.

— אויף זיין פראַגע, וואָס איז אַזוינס „חלוצים", האָב איך אים דערקלערט, האָט ער זיך אָנגערופן, אַז ער האָט געהערט פון דידאזוי־

קע זעכציק יונגעלייט, וועלכע פאָרן קיין ארץ־ישראל אַרבעטן.

— וואָס־זשע אַרבעט איר דאָ ביים פויער און נישט אין ארץ־ישראל? — האָט ער מיך געפרעגט. דאַן האָב איך אים דערציילט, אַז איך וואַרט דאָ אויף מיינע אַ שוועסטער. איך האָב אים דערציילט, אַז מיין שוועסטער איז ביי מיר דאָס גאַנצע לעבן. זי איז געבליבן אַליין, איר מאַן האָט מען דאָרט געהרגעט און זי האָט קיינעם נישט אויף דער וועלט, אַ חוץ מיר. און אַז ווי באַלד זי וועט נאָר אַריבער־קומען, פאָרן מיר פון קישעניעוו אַ גאַנצע קאָמפּאַניע חלוצים גלייך קיין ארץ־ישראל.

— וואָס־זשע האָט איר געטון, אַז אייער שוועסטער זאָל קו־מען? — האָט ער מיך געפרעגט.

— איך האָב דאָך דערוויילע גאָרנישט געטון, ווייל איך האָב מורא צו האַנדלען מיט מענטשן, וועלכע איך קען נישט און האָב נישט קיין צוטרוי צו זיי. איך טראַכט שטענדיק זיך צו ווענדן צו אייך, ר׳ חיים... איך האָב אַ סך גוטס געהערט וועגן אייך... האָב איך אָבער אַזוי פיל געלט נישט

ער האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן און גלייך געפרעגט:

— וויפל קען אייער שוועסטער באַצאָלן?

— זי פאַרמאָגט צוויי טויזנט לעי, וועלכע געפינען זיך ביי מיר. דאָס איז איר גאַנצער קאַפּיטאַל, וואָס זי פאַרמאָגט.

ער האָט מיר פריילעך אַ קלאַפּ געטון אין דער פּלייצע און געזאָגט:

— גוט, איך וועל אייך ברענגען אייער שוועסטער! טויזנט לעי זאָלט איר, ווי עס פירט זיך, איינלייגן פאַר מיר ביי ר׳ אהרנען, וועלכער וווינט אין דאר־ברעשקטי, פינף הונדערט לעי זאָלט איר מיר געבן און דאָס איבריקע לאָזט איבער פאַר אייער שוועסטער. עס וועט אייך צוניץ קומען.

דערנאָך האָט חיים אָפּגעאָטעמט און מיט היץ זיך אָנגערופן צו מיר:

— איר זאָלט וויסן, יונגערמאַן, אַז צו אייער געשעפט וועל איך נאָך דערלייגן. די פויערים, וואָס פירן איבער, וועלן אַ סך מער ביי מיר נעמען, נאָר גאָרנישט. איר זענט מיר געפעלן. איך האָב ליב אַ יידן, וואָס אַרבעט, בפרט נאָך, אַז ער וויל פאָרן אַרבעטן אין אונדזער לאַנד ארץ־ישראל... וועל איך אייך בעטן, איר זאָלט מיר

בוזאָגן איין זאַך: איר וועט דאָך מסתמא זיין אויף אונדזער מוטער רחלס קבר, זאָלט איר אַריינוואַרפן דאָרט אַ פּאָר גוטע ווערטער וועגן מיר און מיין ווייב און קינדער...

דערנאָך האָט חיים פאַרלאַנגט, איך זאָל ביי מיר אין טאַשן־ביכל פאַרשרייבן זיין נאָמען, זייי ווייבס נאָמען און די נעמען פון זיינע קינדער.

איך האָב אים געגעבן פינף הונדערט לעי, און האָב אים אָנגעוויזן, וווּ מיין שוועסטער געפינט זיך אויף יענער זייט, אין דערזעלבער נאַכט בין איך אַוועק אין שטאָט צו ר׳ אהרנעז און ביי אים איינגעלייגט פאַר חיימען טויזנט לעי.

— אָט אַזוי בין איך געקומען צום „גרויסן חיימען", כאָטש איך בין נישט קיין באַנקיר! — האָט ראָזענפעלד געענדיקט.

דער עולם איז פון דער געשיכטע נאָך פרייליכער געוואָרן.

ענדלעך איז צוגעקומען דער לאַנג־דערוואַרטער חיים.

— נו, איצט האָב איך שוין אָפּגעפּטרט אַלע מיינע געשעפטן, וועל איך קאָנען אַ ביסל זיצן מיט אייך.

בעני האָט געהייסן דערלאַנגען אַ פרישע אָקע וויין.

חיים האָט ווייטער גערעדט און זיך געווענדט צו ראָזענפעלדן, אַרויפלייגנדיק אויף זיין אַקסל די האַנט.

— איך קען אייך זאָגן, אַז היינטיקע וואָך וועט איר האָבן דאָ אייער שוועסטער, אַזוי ווי זי שטייט און גייט. קיין האָר וועט פון איר נישט פעלן. זי וואָלט נאָך יענע וואָך דאָ געווען, נאָר דאָס וואַסער האָט זיך פּלוצלונג שטאַרק אויפגעהייבן און מיט ווייבער, פאַרשטייט איר מיך, דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיק. איצט האָט דאָס וואַסער אָנגעהייבן צוביסלעכווייז פאַלן... מיט איין וואָרט, יונגערמאַן, האָט חיים ווידער געזאָגט צו ראָזענפעלדן, — מיינס האָב איך שוין אָפּגעטון. נאָר איר געדענקט, פאַרגעסט נישט אין אונדזער מוטער רחלס קבר. איר האָט נאָך דאָס פאַרשריבענע שטיקל פּאַפּיר מיט אונדזערע נעמען? וואַרפט אַריין דאָרט, גוטער ברודער, אַ גוט וואָרט פאַר מיר און פאַר מיין ווייב און קינדער. עס שאַדט נישט,— האָט חיים געענדיקט מיט אַ שמייכל.

ראָזענפעלד האָט אַרויסגענומען זיין טאַשן־ביכעלע און אים געוויזן די פאַרשריבענע נעמען.

— אַזוי האָב איך אייך ליב! — האָט חיים געזאָגט.

—און איר פּאַרט טאַקע אין אונדזער לאַנד ארץ־ישראל?—האָט חיים ווידער געפרעגט.

— געוויס!—האָט ראָזענפעלד געענטפערט.—זאָל נאָר מיין שוועס־טער שוין קומען. גאַנצע קאָמפּאַניעס פאָרן מיר קיין ארץ־ישראל אַרבעטן.

— מאָלאָדצי!—האָט ער געענטפערט מיט דעם לשון, ווי מען לויבט סאָלדאַטן און אים אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע. — און ווען אייער שוועסטער פאַרגעסט, דאָס זאָגט אייך חיים!

ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז ווײַן און מיטאַמאָל אויסגע־טרונקען ביז דעם דנאָ. זיין פּנים האָט זיך אַ ביסל אַ קרים געטון, ער האָט געזאָגט:

— צו מיין ווײַן קומט עס נישט! איך וואָלט געוואָלט, קינדער, איר זאָלט אַמאָל פאַרזוכן פון מיין קעלער, וואָלט איר געוווּסט וואָס הייסט ווײַן! ווען איר וועט מיט אייער שוועסטער אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל, מוזט איר, יונגערמאַן, ביי מיר פּריער פאַרזוכן מיין ווײַן.

— און מיך בעט איר גאָרנישט?—האָט בעני זיך געוואָרטלט.

— אַ צו גרויסער כבוד פאַר מיר, אַז ר׳ בעני זאָל גיין צו מיר טרינקען ווײַן! ווען איר ווילט נאָר, איז פאַר אייך אָפן מיין קעלער און פאַרגעסט נישט מיטנעמען דעם יונגנמאַן אויך, — האָט ער אָנגע־וויזן אויף שטיינמאַנען,—יאָ, ר׳ בעני, איך האָב צו אייך אַ בריוול פון יענער זייט. צוליב דעם האָב איך אייך געזאָגט, איר זאָלט נישט אַוועקגיין און וואַרטן אויף מיר.

און, אַזוי רעדנדיק, האָט ער איבערגעגעבן אַ צעקנייטשט בריוול בענין.

בעני האָט אויף גיך אויפגעריסן דעם קאָנווערט, און דערקע־נענדיק דאָס כּתב, האָט ער באַלד אַ קוק געטון אויף שטיינמאַנען, וועלכער האָט אַ ציטער געטון פון גרויס פרייד, פאַרשטייענדיק, אַז דער בריוו איז פון דינהן.

בעני האָט גלייך דעם בריוו איבערגעגעבן שטיינמאַנען, וועל־כער האָט נערוועז אָנגעהייבן צו לייענען.

ער האָט באַלד דערקענט דינהס האַנטשריפט, די ווערטער זע־נען געשפּרונגען אין זיינע אויגן און מיט אָנשטרענגונג, נאָך פיל מאָל איינקוקן זיך אין זיי, האָט ער ענדלעך איבערגעלייענט.

אין בריוול איז געווען געשריבן:

„ענדלעך איז געקומען פאַר מיר דער גליקלעכער טאָג, אויף וועלכן איך האָב אַזוי לאַנג, מיט אַזוי פיל לײדן און אוממענטשלעכן געדולט זיך דערוואַרט. ענדלעך האָב איך באַקומען אײַער ענטפער, ווו איר שרײַבט מיר, אַז מײַן דוד איז שוין אין וועג צו מיר, מיך אַרויסצוראַטעווען פון דעם גיהנם. אין וועלכן איך בראָט זיך אין מײַן אײגן זאַפט, איך ברען אין מײַן אײגן פײַער און ווער נישט פאַרברענט.

„אָבער, פאַרוואָס האָב איך שוין נישט פון יודן קײן בריוו? לויט מײַן רעכענונג דאַרף ער שוין זײַן בײַ אײַך, פאַר וואָס זשע האָב איך קײן בריוו נישט פון אים? איך באַשולדיק אים נישט אין דעם. געוויס וויל ער מיר שרײַבן, נאָר ער האָט נישט קײן געלעגנהײט מיר דעם בריוו צו שיקן. איך האָב אויך געמוזט לאַנג וואַרטן ביז דער צופאַל איז געקומען און איך האָב דעם בריוו געקאָנט שיקן.

„אַזאַ, איך וואַרט אויף דער גליקלעכער שעה, מיר זאָלן זיך שוין זען און בעט דודן, אַז ער זאָל אָננעמען אַלע מיטלען און מיר גלײַך שרײַבן. איך בין זיכער, אַז ער איז שוין דאָ בײַ אײַך.

אײַער דינה".

נאָכדעם ווי שטײנמאַן האָט איבערגעלײענט דעם בריוו און זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט בעני פאָרגעשטעלט שטײנמאַנען פאַר חײמען.

— איך קען אײַך, — האָט חײם זיך אָנגערופן, — ווען איר זענט נאָך געווען אַ קלײן ײנגעלע און דערנאָך אַ לערער בײַ דעם ווישקאָוויטשער גביר ר׳ גאָדל גרינבערג. אָט דאָס איז געווען אַ מענטש! אַ גאַנצע גובערניע האָט פאַר אים געציטערט! אפילו דער גובערנאַטאָר האָט געקענט גאָדלען, און ווען ער איז אַמאָל דורכגעפאָרן ווישקאָוויטש, האָט ער זיך בײַ אים אָפּגעשטעלט. וואָס פאַר אַ ווערט האָט בײַ גאָדלען געהאַט אַ „פּריסטאַוו" און אפילו אַן איספּראַוו-ניק — גאָרנישט! און פערד האָט ער געהאַט די בעסטע אין דער גובערניע... ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף פערד. איך אַלײן האָב אים אַמאָל פאַרקויפט אַ פּאָר פערד. אמת, ער האָט מיר גוט באַצאָלט פאַר זײ, איך האָב בײַ זײ שײן פאַרדינט, נאָר עס טוט מיר נאָך איצטער באַנג די פּאָר פערד. מען זעט גאָר הײַנט נישט אַזוינע!

דאָט חיים געענדיקט פריילעך, נאָר באַלד איז ער מיטאַמאָל טרויעריק געוואָרן און ווייטער גערעדט:

— ווען עס האָבן זיך אָנגעהייבן די פּאָגראָמען, האָט מען אים מיט זיין ווייב די ערשטע דערהרגעט, אַ קליינינקייט! ווער האָט אים נישט געקענט? דער גרעסטער גבור געווען, שונאים האָט ער געהאַט אַ סך, נו, האָט מען זיך צום ערשטן געוואָרפן אויף זיין הויז! און ווי אַזוי האָט זיך דינה געראַטעוועט, פאַרשטיי איך עד היום נישט. עפּעס גאָר אַ גרויסער נס איז געשען, וואָס זי איז געבליבן לעבן?

חיים האָט ווייטער דערציילט:

— פון דעם גאַנצן עשירות איז אַ תל געוואָרן. די פאַבריקן, די מילן, די הייזער, אַלץ, אַלץ איז ווי אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד, קיין סימן איז נישט געבליבן, ווי גלייך דער גרויסער גאָדל גרינבערג איז גאר אויף דער וועלט נישט געווען. נאָר איין דינה איז געבליבן...

חיים האָט אַ זופּ געטון פון זיין גלאָז ווין.

— און וואָס פאַר אַ מיידל איז דינה! דעם טאַטנס קאָפּ האָט זי אויף זיך! און איר הייסט עס, ר׳ דוד, — האָט ער זיך געווענדט צו שטיינמאַנען, — איר זענט איר חתן, האָב איך געהערט... זייער שיין פון אייך, וואָס איר האָט אַלץ אַוועקגעוואָרפן און זי געקומען ראַטעווען. דאָס איז זייער שיין פון אייער זייט, דאָס געפעלט מיר! זייט רויק, פון מיין זייט וועל איך טון אַלץ, איך זאָל זי וואָס גיכער בשלום ברענגען צו אייך.

שטיינמאַן האָט פריינטלעך לאַנג געדריקט חיימס האַנט און זיך אָנגערופן:

— איך צווייפל נישט אויף אַ מינוט, אַז איר וועט אַלץ טון, זי זאָל קומען אַהער ווי צום גיכסטן. נאָר דערווייל וויל איך אייך זייער בעטן אָננעמען אַלע מיטלען און איר איבערגעבן אַ קורצן בריוו פון מיר, וואָס איך וועל באַלד אָנשרייבן.

— גוט, איר קאָנט אָנשרייבן, איך פון מיין זייט וועל טון אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, אָבער נישט אַלץ איז געווענדט אָן מיר. עס דאַרף זיין דער גוטער צופאַל דערצו. און בכלל מוז איך אייך זאָגן, אַז איר זאָלט נאָר נישט וועלן, אַז אַלץ זאָל געטון ווערן מיטאַמאָל. מען מוז זיך אָנבאַמען מיט אַ סך געדולד און איבערהויפּט זיין רויק. ר׳ בעני ווייסט שוין דערפון און דער יונגערמאַנטשיק ראָזענפעלד האָט זיך שוין

ביי מיר אויך אויסגעלערנט רויק צו זיין, און נאָר מיט אַזעלכע האָב איך ליב צו האַנדלען.

— מיין חבר בעני האָט מיך שוין פיל אויסגעלערנט און איך בין אַ גוטער תּלמיד.

— נו, איז גוט! וועלן מיר איינגיכן האָבן ביי אייך אַ חתונה. — האָט חיים זיך צעלאַכט. — שרייבט אָן אייער בריוו, איך האָב קיין צייט נישט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך דאַרף זיך נאָך דאָ זען מיט אַ מענטשן, איך וועל באַלד קומען נאָך דעם בריוו.

האָט ווער פון אייך אַ קאָנווערט? — האָט זיך שטיינמאַן געווענדט צו בעניןאון צו ראָזענפעלדן.

ביידע האָבן זיך צעלאַכט און בעני האָט זיך אָפּגערופן

— דו מיינסט, דוד, אַז דו ביזט אין בערלין... אויף יענער זייט איבערשיקן אַ בריוו איז נישט נויטיק קיין קאָנווערט. שרייב אָן אויף עפּעס אַ שטיקל פּאַפּיר און דו וועסט עס איבערגעבן חיימען.

שטיינמאַן האָט זיך גענומען שרייבן און בעני מיט ראָזענפעלדן האָבן פריילעך גערעדט צווישן זיך.

— נו, אַ נאַכט! אַ געלונגענע נאַכט, אַזוי פיל גוטע נייס מיט איין מאָל! — האָט ראָזענפעלד געזאָגט. — אַז מען לעבט, דערלעבט מען אַלץ... ווער ווייסט זיין גלייך צו מיר, אַז מיין שוועסטער וועט קומען! מיט איר קומען בין איך גרייט נאָך מער צו אַרבייטן.

אין די פענצטער האָט אָנגעהייבן צו טאָגן.

— אָ, אָ, — האָט ראָזענפעלד זיך אָנגערופן, — די נאַכט איז ווי איין מינוט איבערגעלאָפן! פאַרפאַלן מיין שלאָפן! אין אַ שעה אַרום דאַרף איך שוין גיין צו דער אַרבעט. אָבער סיי ווי סיי וועל איך אין אַזאַ נאַכט שוין נישט קאָנען שלאָפן!

באַלד איז אָנגעקומען חיים און געפרעגט:

— נו, דער בריוו איז שוין פאַרטיק?

שטיינמאַן האָט אים איבערגעגעבן דעם בריוו און דער עולם האָט זיך פריילעך געזעגנט און מען איז זיך צעגאַנגען אַהיים.

ווען בעני מיט זיין חבר זענען געבליבן אַליין, האָט שטיינמאַן, גייענדיק צוזאַמען אַהיים, אים געפרעגט:

— ווי איז דיין מיינונג, וויפל קאָן געדויערן אַמשפּעטסטן ביז דינה וועט קומען?

בעני האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און געענטפערט:

— אויף דיין פראַגע קאָן נישט קיינער, נישט איך, דיר ענטפערן. ווייזט אויס, אַז דו ביזט נאָך זייער ווייניק באַקאַנט מיט דער לאַגע. מען קאָן קיינמאָל נישט זאָגן, ווען זי וועט קומען. עס קאָן דויערן צוויי וואָכן, אַ חודש און נאָך מער. אויף ווייטער גיב איך דיר אַן עצה, זאָלסט קיינמאָל נישט פרעגן און נישט טראַכטן וועגן דער צייט פון איר קומען. מען דאַרף נאָר טון, וואָס עס איז נויטיק, און דאָס האָב איך געטון נאָך איידער דו ביזט געקומען. די האָסט פון הייַנטיקער נאַכט זיך שוין געקאָנט איבערצייגן, אין וואָסערע הענט איך האָב דינהן איבערגעלאָזט. אַ קלייניקייט צו זאָגן: היים! און וואָס קאָן נאָך זיין בעסערס!

— יאָ, דאָס האָב איך געזען און פיל זיך פאַר דעם גליקלעכסטן... ער קאָן דאָך מיך, ער קאָן אויך דינהן און אַלע, דאָס אַליין וויפל איז ווערט?

— הייַנט וואָס האָסטו זיך צו באַאומרויקן? זיץ און שווייג און וואַרט ביז עס וועט קומען די גוטע מינוט.

— גרינג צו זאָגן שווייגן און וואַרטן און אפילו נישט טראַכטן!

— גרינג, נישט גרינג, דאָ וועסטו זען אַ סך זאַכן, וואָס איז נישט אַזוי גרינג צוצוזען, נאָר וואָס קאָן מען טון?

— יאָ, עס העלפט נישט, עס מוז אַזוי זיין! — האָט שטיינמאַן צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ.

אָן ווערטער און מיד פון דער נאַכט האָבן זיי זיך דערשלעפּט אַהיים און געפאַלן אויף זייערע געלעגערס. ווי דערהרגעטע.

די צייט איז געגאַנגען, שטיינמאַן האָט געפונען פאַר זיך אַ גרויסן אינטערעס אין דעם היגן לעבן, זיין גאַנצע צייט פלעגט ער פאַרברענגען צווישן די היימלאָזע, וועלכע זענען מיטאַמאָל אָפּגעריסן געוואָרן פון זייערע ערטער און בלאָנקען זיך אַרום און ווייסן נישט וואָס דער מאָרגן וועט זיי ברענגען.

שטיינמאַן האָט זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן צו בעגין און צו ר׳ אהרנען.

זיי האָבן שוין געפונען פאַר אים אַרבעט.

— אומגליקלעכע זענען דאָ אַ סך, און מענטשן, וואָס זאָלן טון עפּעס פאַר זיי, זייער ווייניק, — האָט ר׳ אהרן געזאָגט. — אַרבעט איז דאָ איבערגענוג!

און שטיינמאַן האָט זיין גאַנצע צייט אָוועקגעגעבן די היימ־לאָזע. אין אַ טאָג צען אַרום האָט בעני מיט ר׳ אהרנען באַקומען אַ בריוו פון בוקאַרעשט, ווו דאָדי שרייבט וועגן זיין דאָרטיקער אַרבעט.

„מיט די צוויי שוועסטער פעסל און גיטל האָב איך ווייניק אַרבעט געהאַט. זייערע פּאַפּירן זענען אין בעסטן אָרדענונג. זייער פֿאָטער רופט זיי קיין אַמעריקע און דער קאָנסול וועט זיי נאָך אפשר מאָרגן געבן אַ וויזע. באַלד דערנאָך וועל איך פאַר זיי קויפן שיפסקאַרטן און זיי וועלן זיך פאָרן געזונטערהייט. דערפאַר האָב איך צרות מיט די איבעריקע, וועלכע זענען מיט מיר געפאָרן. איינער האָט כמעט נישט קיין שום האָפענונג, ער זאָל פאָרן. ביי אַ צווייטן זענען די פּאַפּירן פול מיט פעלערן און מען דאַרף וואַרטן ביז מען וועט צושיקן נייע, און דערווייל גייט אַוועק דאָס געלט און דערנאָך וועט פעלן אויף הוצאות. איינער איז שוין מיט מזל אַוועקגעפאָרן און מיט די איבעריקע ווייס איך נישט וואָס צו טון און קאָן מיר קיין עצה נישט געבן. איך וואָלט נאָך באַדאַרפט צוליב זיי נאָך בלייבן אַ פּאָר וואָכן אין בוקאַרעשט, האָב איך קיין צייט נישט און מוז פאָרן אַהיים. אפשר וואָלט ר׳ בעני געפאָרן אויף מיין אָרט?״

ווען מען האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט ר׳ אהרן פאָר־געלייגט, אַז שטיינמאַן זאָל פאָרן קיין בוקאַרעשט, ווייל ער געפינט, אַז ער וועט זייער פּאַסטן צו דער דאָזיקער אַרבעט. ער ווייסט, ווי זיך צו באַגיין מיט היימלאָזע און זיי וועלן האָבן צו אים צוטרוי.

שטיינמאַן האָט זיך באַלד אָנגערופן, אַז ער איז גרייט צו פאָרן, נאָר בעני האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— ביז דינהס קומען קאָנסטו אויף אַ מינוט נישט אַוועקפאָרן. דו ווייסט נישט, וואָס מאָרגן קאָן פאָרקומען

— איך ווייס, אַז דאָרט, אין בוקאַרעשט וואָלט איך אַ סך גוטע אַרבעט געקאָנט טון.

איך ווייס עס אויך, אַז דו וואָלסט פאַר אונדז זייער ניצלעך געווען דאָרט, נאָר וואָס קאָן מען טון? דו טאָרסט נישט אוועקפאָרן פון דאַנען.

— ווער־זשע וועט פאָרן, דו?

— איך קאָן נישט, איך האָב דאָ גענוג אַרבעט

— וואָס-זשע וועט זיין? דאָדי שרייבט דאַך, אַז ער קאָן דאָרט לענגער נישט בלייבן.

ער שרייבט שטענדיק אַזוי, אָבער ער וועט נישט אַוועקפאָרן ביז ער וועט זיין אַרבעט אינגאַנצן נישט אָפּטון. עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, מיר קאָנען זיך אויף אים פאַרלאָזן.

דאַך, ווען עס איז אָנגעקומען אַ צווייטער בריוו פון דאָדין, אַז ער קאָן נישט איבערלאָזן די היימלאָזע, וועלכע זענען געפאָרן מיט אים און וועלכע מען האָט אים דערנאָך צוגעשיקט און אַז ער מוז פאָרן אַהיים, איז בעני אַוועקגעפאָרן קיין בוקאַרעשט, ווי אים איז נישט דאָס ערשטע מאָל וועגן אַזעלכע ענינים אויסגעקומען דאָרט צו זיין.

ו.

ווער עס איז געווען אין בוקאַרעשט פאַר דער וועלט-מלחמה, וואָלט איצט די שטאָט נישט דערקענט. אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָס האָט פריער געהאַט נישט קיין גרויסע באַפעלקערונג, האָבן זיך איצט אויף דעמזעלבן שטח ערד אָנגעשטופּט ביז אַכט הונדערט טויזנט און אפשר דער גאַנצער מיליאָן איינוואוינער. די גאַסן זענען ענג, אַז עס איז נישטאָ ווו אַ שפּילקע צו וואַרפן. מען קאָן נישט גיין דער ברייט, נאָר מען מוז גיין מיט דער זייט פון גרויס ענגשאַפט. קיין וואוינונג, קיין צימער איז נישט צו באַקומען. אין די האָטעלן מוז מען באַצאָלן באַקשיש און וואַלגערן זיך אין קאָרידאָר אַ פּאָר טעג ביז מען באַקומט אַ צימער.

די שטאָט איז פול מיט היימלאָזע, וועלכע זענען דאָ צוווייערליי, אָרעמע און עלנטע, וועלכע וואַלגערן זיך אין די קאַמיטעטן אָדער אונטערן הימל, אין די אונטער-גאַסן אָדער אונטער דער שטאָט, און רייכע, וועלכע ווילן דאָ אַריינכאַפּן אַ גוט לעבן פאַר דער צייט, וואָס אויף יענער זייט דניעסטער האָבן זיי געהונגערט, געפרוירן פון קעלט און זיך געפּלאָגט.

די האָטעלן, רעסטאָראַנען, צוקערניעס און טעאַטערן זענען פול מיט אָט די רייכע היימלאָזע.

און די שטאָט בוקאַרעשט ווערט רייך פון די דאָזיקע היימלאָזע. אפילו אין דער צייט פון דער מלחמה האָבן די קראָמען אין אַלע עפנטלעכע פּלעצער אַזוי פיל געלט נישט געלייזט, ווי פון דער

צייט זינט מען האָט אָנגעהייבן לויפן איבערן דניעסטר.

דאָס גאַנצע געלט, וואָס אָרעם און רייך האָבן דאָרט אויף פאַרשידענע אופנים איבערגעפירט איבערן דניעסטר, בלייבט אין רו־מעניע און נאָך מער אין דער הויפּט־שטאָט בוקאַרעשט, און דאָס לאַנד ווערט רייך פון יידישן אומגליק.

באַזונדערס זענען פול געפּאַקט די יידישע רעסטאָראַנען, וועל־כע זענען פול מיט מער אָדער ווייניקער פאַרמעגלעכע הימלאָזע.

אין בוקאַרעשט עפענען זיך אַלע מאָל נייע כשרע רעסטאָראַנען. אָדעסער יידן, וועלכע האָבן שוין יאָרן לאַנג קיין כשרס נישט גע־געסן, אַנטלויפנדיק פון זייערע איינגעזעסענע ערטער, האָבן זיך מיטאַמאָל פאַרבענקט נאָך פרומקייט און אָנגעהייבן גיין אין די יידי־שע רעסטאָראַנען עסן כשרס, און מען קנאַקט יידיש אויף וואָס די וועלט שטייט.

פיל געדענקען זיי נאָך, ווען זיי מיט זייערע קינדער פלעגן זיך שעמען מיט אַלץ, וואָס האָט נאָר דערמאַנט אין עפּעס יידישעס, און איצט זענען זיי מיט אַמאָל פרום געוואָרן.

ביים עסן באַקענט מען זיך, מען רעדט וועגן פאָרן ערגעץ אין אַ נייער היים. מען רעדט וועגן אַמעריקע, קאַנאַדע, אַרגענטינע, בראַזיליע, מעקסיקע. מען רעדט אויך וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל...

און משונהדיק און קאָמיש קומט אויס, ווען מען קוקט אויף די געוועזענע מאָסקווער, פעטערבורגער, קיעווער און אַנדערע גבירים, געוועזענע מיליאָנערן, געוועזענע פאַבריקאַנטן, זאַוואָדטשיקעס, ביי וועלכע ארץ ישראל איז אפילו אין דער לינקער פאה נישט בעלעגן, און ווען עס האָט זיך געטראָפן, ווען איינער האָט אַמאָל דערמאָנט „פּאַלעסטינע" אַלס אַ לאַנד, וואָס מען דאַרף ווידער אויפ־בויען פאַר יידן, פלעגט דאָס ביי זיי אַרויסרופן נאָר אַ חוזק־שמייכל אויף די ליפן.

וואָס האָט זיך מיט זיי אָנגעקערט ארץ־ישראל? זיי האָבן דאָ געפירט אַ רייך לעבן מיט וווילטאָג און גוטס און איצטער מיט איינ־מאָל „באַוויליקן" זיי שוין אויך צו פאָרן קיין ארץ ישראל?

פריער פלעגן זיי זיך דערווייטערן פון יידן און יידישקייט, געמאַכט בעלער פאַר גענעראַלן און רייכע קריסטן, בענעבן גרויסע נדבות פאַר קריסטלעכע אַנשטאַלטן און אפילו אויף בויען קלויס־טערס, און איצטער, ווען מען האָט ביי זיי זייערע פאַבריקן און

רייכטום צוגענומען און זיי זענען קוים מיטן לעבן אנטלאפן, נאר מיט זייערע ברילייאנטן, וואס זיי האבן ערגעץ פארנייט אין פארשידענע באהאלטעניש, דערנעטערן זיי זיך צו יידן, גייען אין כשרע רעס־טאראנען און רעדן וועגן פארן קיין ארץ ישראל...

בעני גאלדשטיין, וועלכער איז געזעסן אין רעסטאראן אין א זייט ביי א קליין טישל צוזאמען מיט זיינעם א פריינט יעקב רייד־מאן, וועלכער דארף אינגיכסטן מיט דער זעקסטער קאמפאניע חלוצים אפפארן קיין ארץ ישראל, באטראכטנדיק די דאזיקע נייע ארץ ישראל־יידן, האט ער זיך אנגערופן:

— אן עקל האבן די דאזיקע פארשוינען ארויסגערופן ביי יעדן יידן, ווען זיי זענען געווען מיליאנערן איך נאך מער עקל רופן זיי איצטער ארויס מיט זייער קריכן אין די כשרע רעסטאראנען און מיט זייער אומקערן זיך צו יידן

— וואס טוען זיי דא, מיט וואס באשעפטיקן זיי זיך?—האט רייזמאן געפרעגט.

— עס זענען דא אלערליי. א קליינע צאל זענען דא צווישן זיי, וואס צופעליק האבן זיי געהאט פון פריערדיקע גוטע יארן א סך געלט ליגן אין די אויסלענדישע בענק... פון די איז אפגערעדט, זיי זענען מיליאנערן ווי פריער. און ווידער זענען דא אזעלכע, וואס פארמאגן מער נישט ווי די ברילייאנטן. דאס רוב פון זיי פארקויפן די ברילייאנטן, בייטן אויס דאס געלט און לעבן ביז עס וועט זיך אויס־לאזן... ביי פיל האט זיך שוין אויסגעלאזט און זיי גייען שוין איצטער ארום צווישן זייערע רייכע באקאנטע און קרובים בעטן גמילות־חסדים... די לאגע פון די, ביי וועלכע עס לאזט זיך אויס דאס געלט, איז שרעקלעך. זיי זענען אלע זייערע יארן געוווינט געווען צו פירן א לעבן נאר פון קאפיטאלן, האבן זיך די קאפיטאלן ביי זיי אויסגע־לאזט. טויגן זיי מיט זייערע ווייבער און קינדער צו גארנישט. קיי־נער פון זיי איז נישט אימשטאנד צו פארדינען זיך אויף א טרוקן שטיקל ברויט און זיי מוזן בעטלען ביי זייערע רייכע באקאנטע און קרובים. די לאגע פון אט די געוועזענע גבירים איז פיל שרעקלעכער ווי פון די היימלאזע, וועלכע דרייען זיך ארום אין די פארשידענע קאמי־טעטן. די דאזיקע לייט קאן מען גרינג דערקענען: זיי גייען אויסגע־פוצט און עלעגאנט, ווי פריער, אין די אמאליקע יארן, נאר די הויט הענגט אויף זיי ווי א זאק, ווייל זיי זענען שוין נישט אימשטאנד

זיך אָנצוזעטיקן מיט די אַלערליי פּאַרגעניגנס, צו וואָס זיי זענען צוגע־וווינט אין זייערע אַמאָליקע יאָרן. זייער אויסזעה רופט אַרויס רחמנות, אָבער אויך ־־־

אין יידישן רעסטאָראַן האָט שטאַרק גערעשט. מענטשן זענען אָנגעקומען און אַוועקגעגאַנגען. עס האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון טעלער און גלעזער ווייי

ווי דער שטייגער צווישן יידן, האָבן זיך אַלע געפילט היימיש. מען האָט גערעדט אויפן קול וועגן „וויזעס", „שיפסקאַרטן" און וועגן אַלערליי לענדער, וווהין מען קלויבט זיך צו פאָרן. אייניקע האָבן פריילעך גערעדט, אַז זייערע פּאַפּירן זענען שוין אין דער בעסטער אָרדנונג און מען פאָרט שוין, און די איבריקע האָבן זיך אומגעקוקט אויף זיי און מקנא געווע

אין אַ אַנדער ווינקל האָבן זיך געהערט טרויעריקע טענער. מען האָט דערציילט וועגן די צרות, וואָס מען שטייט אויס ביי די קאָנסולן און דאָ לאָזט מען ווייטער נישט וווינען. איינס דאָס אַנדערע גיט עצות, אַז מיט געלט קען מען אַלץ אויספירן און פון אַלע זייטן לויבט מען רומעניע, אַז עס איז אַ טייער פעט לאַנד, אַז בוקאַרעשט איז אַ קליין פּאַריז און אַז פאַר געלט קאָן מען אַלץ באַקומען אַפילו דאָס רעכט צו וווינען, וויפל מען וויל נאָר.

און ווען אייניקע ווערן שוין גאָר טרויעריק, איז גענוג צו דער־מאָנען דאָס לעבן פון יענער זייט דניעסטר, ווערן אַלע פריילעך, וואָס מען איי שוין דאָ און נישט דאָרט. אַלע פאַרגעסן מיטאַמאָל די אַלע צרות און ליידן, מען ווערט פריילעך און מען פאַרטרינקט מיט וויין, וואָס גיסט זיך דאָ ווי וואַסער

בעני מיט זיין פריינט רייזמאַנען האָבן שוין געענדיקט זייער מיטאָג און רייזמאַן האָט זיך שוין אויפגעהייבן אַוועקצוגיין, נאָר בעני האָט זיך אָנגערופן:

— איך מוז נאָך בלייבן. איך וואַרט דאָ אויף צוויי מיידלעך, וועלכע דאַרפן אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע און איך דאַרף זיי איינאָרד־נען. זיי זענען איצט ביים קאָנסול און דאַרפן באַלד קומען!

און אַזוי ווי זיי רעדן, איז אָנגעקומען פעסל מיט איר שוועסטערל ביטל,ביידע אָנגעטון אין נייע מאָדנע קליידלעך מיט היטעלעך. עס איז זיי געווען קוים צו דערקענען—אַזוי לעבעדיק און פריילעך זע־נען זיי איצט געווען.

נאָך אײדער פּעסל האָט זיך באַגריסט מיט בעניִן, האָט זי דער־לאַנגט בעניִן אַ פּאַפּיר און ער האָט דערזען די „וויזע".

אַ צופרידענער האָט ער די שוועסטערלעך אָפּגעגעבן מזל־טוב און זײ געזאָגט:

— איצטער האָב איך שוין מיט אײַך מער קײן אַרבעט נישט. מאָרגן און אפשר נאָך הײַנט, קויף איך פאַר אײַך שיפסקאַרטן און איר וועט פאָרן געזונטערהייט. דערווײַל אָבער, האָט בעני צוגעגעבן, האָב איך געהערט, אַז אַ צוויי, דרײַ וואָכן און אפשר אַ חודש וועט איר דאַרפן וואַרטן אויף דער שיף.

— וואָס איז געשען?—האָט פּעסל געפרעגט דערשראָקן.

— עס איז גאָרנישט געשען, עס איז פּראָסט קײן פּלעצער פון צווייטן קלאַס נישטאָ. דער עולם האַלט אין אײן פאָרן, וועט מען מוזן וואַרטן, נאָר די שיפסקאַרטע וועלן מיר מאָרגן קויפן. נו, באַרויקט אײַך און זעצט זיך עסן. איר זענט צוודאי הונגעריק.

— און נאָך ווי אַזוי! האָט פּעסל געזאָגט און זי מיט איר שוועסטערל האָבן זיך צוגעזעצט צום טיש.

— נו, איצטער ר' בעני, וואָס הערט זיך בײַ אײַך אין דאַר־בּרעשקטי? וואָס מאַכט אײַער פרוי, ר' אַהרן? יאָ, איך האָב גאָר פאַר־געסן, וואָס מאַכט אײַער פריינט דער דאָקטאָר שטיינמאַן? ווען קומט אַריבער זײַן כלה

— אַלע זענען, ב"ה, געזונט און לאָזן אײַך גרוסן. עסט בעסער, איר זענט הונגעריק.

פון צווייטן טישל, ווו עס איז געזעסן אַ שײנע בלאָנדע פריילן מיט בלויע אויגן, האָט זיך מיט איר גאַנצן שלאַנקן קערפּער אומ־געקערט צו דעם טישל, ווו בעני מיט זײַן קאָמפּאַניע איז געזעסן און מיט אירע בלויע אויגן האָט זי נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף זײ.

— וואָס האָסטו אַ ציטער געטון? — האָט דער בלאָנדער פריילן געפרעגט אַ פרוי, וועלכע איז צוזאַמען מיט איר געזעסן בײַם טישל און געגעסן מיטאָג.

— איך וועל דיר שפּעטער דערציילן. כ'וויל מיך באַרויקן...

— אָבער, מײַן ליבע, עס פּאַסט דאָך נישט אַזוי צו קוקן אויף פרעמדע מענטשן.

— ביזט גערעכט, נאַר לאָז מיך צורו... אין שטוב וועל איך דיר אַלץ דערציילן.

דאָס פריילן האָט אויפגעהערט צו קוקן, נאָר זי האָט זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס מען האָט גערעדט ביי דעם טישל, וווּ בעני מיט זיין קאָמפּאַניע זענען געזעסן.

די פרוי, וואָס איז געזעסן צוזאַמען מיט דער בלאָנדער פריילן, איז אַן עלטערע מיידל פון אַריבער דרייסיק, נישט רייך געקליידט, נאָר איינפאַך און ריין. אויף איר געזיכט זענען געווען סימנים פון פאַרגאַנגענער שיינקייט, אָבער אירע אויגן האָבן נאָך גאָרנישט פאַרלאָרן פון זייער חיין.

גערופן האָט מען זי ראָזע. איר פאַמיליע־נאָמען האָט כמעט קיינער נישט געוווּסט און אירע נאָנטע באַקאַנטע, וועלכע האָבן יאָ געוווּסט, האָבן פאַרגעסן.

די באַציִונג פון ראָזען צו דער בלאָנדער מיידל, איז געווען ווי אַן עלטערע שוועסטער, וואָס זאָרגט פאַר דער יינגערער, ווי גלייך זי איז ביי איר געבליבן איין און איינציק געטרייע נשמה אויף דער וועלט.

— וואָס עסטו נישט? — האָט ראָזע איר געפרעגט. — די לעצטע צייט זעסטו אויס נישט אַזוי גוט, און דער דאָקטאָר האָט דאָך דיר געזאָגט, אַז דו דאַרפסט זיין רויק און עסן וואָס מער

— לאָז מיך צורו מיט דעם עסן! איך קען דאָך אין זיך נישט שטופּן מיט גוואַלד! איך בעט דיך איצט מיר נישט צו שטערן. מיך אינטערעסירן זייער די מענטשן פון צווייטן טישל. פרעג מיר איצט נישט, אין שטוב וועל איך דיר אַלץ דערציילן

ראָזע איז אַנטשוויגן געוואָרן.

פּלוצלונג האָט דאָס בלאָנדע מיידל זיך אָנגערופן:

— איך וועל דיך בעטן, ראָזע, דו זאָלסט דאָ זיצן. איך וויל צוגיין צו יענעם טישל, איך האָב די מענטשן עטוואָס צו פרעגן.

ראָזע האָט זיך אומרויק אַ כאַפּ געטון:

— וואָס ווילסטו טון? ווי פּאַסט עס, דו זאָלסט צוגיין צו גאַנץ פרעמדע מענטשן? אפשר וואָלט איך צוגעגאַנגען?

ניין, איך מוז עס אַליין טון... ווען איך וועל דיר שפּעטער דערציילן, וועסטו אַליין זאָגן, אַז איך בין נישט משוגע און איך דאַרף אַזוי טון

ראָזע האָט פון פאַרווּנדערונג געצויגן מיט די פּלייצעס און, ווייסנדיק, אַז זי וועט נישט פאָלגן, האָט זי, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, געשוויגן.

דאָס בלאָנדע מיידל האָט זי איבערגעלאָזט אַליין, און איז צו־געגאַנגען צו דעם טיש, וווּ בעני איז מיט זיין קאָמפּאַניע געזעסן.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, — האָט דאָס בלאָנדע מיידל זיך געווענדט צו אַלע, וואָס זענען געזעסן ביים טיש, — וואָס איך וועל אייך פרעגן וועגן אַן ענין, וואָס מיך אינטערעסירט זייער! אפשר שטער איך אייך?

— איר שטערט אונדז מיט קיין זאַך נישט, — האָט בעני זיך אָנגערופן און דערביי אונטערגערוקט פאַר איר אַ שטול.

—איך דאַנק אייך... איך וועל שטיין... איך וויל אייך נאָר פרעגן וועגן אַ פּאָר מענטשן, וואָס וווינען אין דאַר־ברעשקטי... איך האָב דעם נאָמען פון דעם שטעטל צופעליק דערהערט פון אייך, זיצנדיק נישט וויית פון אייער טיש.

— וועגן וועמען ווילט איר וויסן? — האָט בעני געפרעגט און דערביי האָט ער נאָכאַמאָל זי געבעטן זיצן. נאָר דאָס בלאָנדע מיידל האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— דאָרט וווינט איינער בעני גאָלדשטיין...

בעני האָט מיט אַ שמייכל זיך אָנגערופן:

— איר דאַרפט ווייטער נישט פרעגן, דאָס בין איך דער בעני גאָלדשטיין, אויף וועלכן איר פרעגט.

דאָס בלאָנדע מיידל איז בלאַס געוואָרן און נישט וואַרטנדיק, מען זאָל זי ווידער בעטן זיצן, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר, און איז געבליבן זיצן אָן ווערטער.

בעני האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז אַזוינס געשען מיט דער פרעמדער מיידל און ער האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס־זשע וועט איר עפּעס זאָגן גוטס, ווען איר פרעגט אַזוי אויף מיר?

— איך בין די, וועלכע האָט צו אייך געשריבן אַ בריוו פון בערלין...

בעני האָט אַ טראַכט געטאָן, ווי ער האָט געוואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנען און זיך אָנגערופן:

— אויב איך האָב נישט קיין טעות, זענט איר אפשר סאַלטשע פיינזילבע.

— דיזעלבע, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שוואַכער שטים.

בעניס פנים האָט זיך אויך ווי עפּעס איבערגעביטן, אַזוי איבערראַשט איז ער געוואָרן.

— שוין לאַנג זענט איר אין בוקאַרעשט? — האָט ער געפרעגט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין און עפּעס האָט ביי אים זיך איבערנעהאַקט אין האַלדז, אַז ער האָט נישט געקאָנט און נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו רעדן.

— איך וועל אייך אויף אַלעם ענטפערן, — האָט סאַלטשע געזאָגט, — איך וועל אייך נאָר בעטן, איר זאָלט מיר געבן אייער אַדרעס און מיר זאָגן, ווען איך קאָן אייך טרעפן צו הויז, וועל איך קומען צו אייך און וועל אייך אַלץ דערציילן.

— צו וואָס? — האָט זיך בעני אַ כאַפּ געטון. — איך קאָן קרמען צו אייך אין וועלכער צייט איר וועט נאָר וועלן.

— ניין, איך קאָן אייך אויף אַזוי פיל נישט שטערן... איך וועל קומען צו אייך, — איז סאַלטשע נישט אָפּגעשטאַנען.

— עס איז אוממעגלעך, איך בין דאָ באַשעפטיקט פון גאַנץ פרי ביז שפעט ביינאַכט. אין האָטעל קום איך נאָר שלאָפן נאָך האַלבער נאַכט, פון גאַס וועט מיר גרינגער זיין אַריינצוכאַפּן זיך צו אייך אויף וויפל צייט איר וועט נאָר פאַרלאַנגען.

יעקב רייזמאַן, וואָס איז געזעסן ביים טיש, זעענדיק, אַז דאָ הייבט זיך אָן אַ לאַנגער געשפּרעך, האָט זיך געזעגנט מיט זיין פריינט בעני און מיט אַלע איבעריקע און איז צוועקגעגאַנגען.

פעסל האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער שיינער בלאָנדער פריילן, וועלכע איז געגאַנגען אַזוי שיין געקליידט און מיט זייער אַ מאָדערן היטעלע און זי האָט געטראַכט, אַז ווען די פריילן זאָל נישט זיין אַזוי פאַרנומען מיט ר' בעניק, וואָלט זי איר געפרעגט, אין וועלכן מאַגאַזין זי האָט געקויפט דאָס היטעלע און וויפל זי האָט באַצאָלט.

— אויב אַזוי, — האָט סאַלטשע געזאָגט צו בעניך, — וועל איך אייך בעטן, איר זאָלט זיין ביי מיר אין וועלכער צייט עס וועט זיין פאַר אייך בעסער. איז מעגלעך, איר זאָלט זיין ביי מיר היינט?

—צום באַדויערן, איז היינט נישט מעגלעך. מאָרגן יאָ, נאָר ווען

בעני האָט אַ טראַכט געטון און זיך אָנגערופן:

— מאָרגן פאַרנאַכט וועט זיין גוט?

— זייער גוט. איך וועל וואַרטן אויף אייך, — האָט סאַלטשע געזאָגט און אים געגעבן איר אַדרעס.

בעני האָט איר געגעבן דעם אַדרעס פון זיין האָטעל און זיי האָבן זיך פריינטלעך צעזעגנט ביז מאָרגן פאַרנאַכט.

סאַלטשע איז אַ פריילעכע אַוועקגעגאַנגען צו איר טישל, וווּ ראָזע האָט מיט אומגעדולט געוואַרט אויף איר.

פעסל האָט פון דערווייטנס נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון סאַלטשעס היטעלע און זיך געווענדט צו איר שוועסטערל:

— זע נאָר, גיטעלע, וואָס פאַר אַ שיין היטעלע דאָס פריילן טראָגט... אין קיין מאַגאַזין האָבן מיר אַזאַ היטעלע נישט געזען!

— ווייסטו וואָס, פעסל, מען דאַרף זי פרעגן, אין וועלכן מאַגאַזין זי האָט עס געקויפט.

— איך ווייס? עפעס פאַסט נישט, מיר זענען דאָך אפילו נישט באַקאַנט!

— ווייסט וואָס? איך וועל זי פרעגן... זי האָט דאָך אונדז דאָ געזען, ווען זי האָט גערעדט מיט ר׳ בעניק, ווייסט זי דאָך ווער מיר זע־נען, — און, אַזוי רעדנדיק, איז גיטל אונטערגעשפרונגען צום טישל, ווו סאַלטשע איז געזעסן און זי געפרעגט:

— מיין שוועסטער האָט אייך געבעטן, איר זאָלט איר זאָגן, אין וועלכן מאַגאַזין איר האָט געקויפט אייער היטעלע, וואָס איר טראָגט... ס׳איז אַזאַ שיינס...

סאַלטשע האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט, אַז זי האָט עס שוין לאַנג געקויפט אין וואַרשע.

און ווען פעסל האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס היטעלע איז נישט געקויפט געוואָרן אין בוקאַרעשט, האָט זי זיך ענדלעך באַרויקט.

* * *

ווען סאַלטשע מיט ראָזען זענען פון רעסטאָראַן געקומען צו זיך אין האָטעל, האָט סאַלטשע היסטעריש זיך צעוויינט אויף אַ קול, דער־נאָך האָט זי זיך הילכעדיק צעלאַכט און אָנגעהייבן צו טאַנצן ביי זיך אין צימער, אַרומכאַפּנדיק ראָזען, זיך געדרייט מיט איר און גע־

זיינט און געלאַכט און אין אירע אויגן זענען געשטאַנען לאַכנדיקע טרערן.

— ביזט משוגע געוואָרן, צי וואָס? — האָט ראָזע געזאָגט און זיך געריסן פון אירע הענט.

— וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ באַגעגעניש? — האָט סאַלטשע מיט פרייד אויסגעשריגן.

- און דו פאַרשטייסט נישט, דו פאַרשטייסט נישט ווי גליקלעך איך בין פון דעם באַגעגעניש! דו קאָנסט עס נישט פאַרשטיין!

— וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? וואָס פאַר אַ גליק האָט דיך דאָ געטראָפן, ווייס איך נישט?

— אָ, אַ גרויס גליק, זייער אַ גרויס גליק! — האָט סאַלטשע אויסגעשריגן און דערביי נישט אויפגעהערט זיך צו דרייען אין אַ וואַלס איבערן צימער. דערנאָך איז זי צוגעלאָפן צו דער פּיאַנאָ און האָט אַרויסגעלאָזט ווילדע, נאָר שיינע אַקאָרדן, צווינגענדיק דערביי.

ראָזע איז געשטאַנען ווי צעמישט, און מיט גרויס פאַרוווּנדערונג געקוקט אויף איר. און דאָך האָט איר הנאה געטון, וואָס זי זעט סאַלטשען אין אַזאַ גוטער און פריילעכער שטימונג. פאַר דער גאַנצער צייט, זינט זי איז מיט איר אַרויסגעפאָרן פון בערלין, האָט זי דאָס ערשטע מאָל געזען סאַלטשען אַזוי פריילעך.

— דו זאָלסט וויסן, ווי איך פיל זיך גליקלעך!

— אָבער איך פאַרשטיי נישט, וואָס פאַר אַ גליק דיך האָט היינט געטראָפן.

— עס וועט נעמען אַ סוף, אַן ענדע וועט נעמען! איך וועל זיך אויפהערן צו פּלאָגן, איך וועל אויפהערן צו בלאָנדזשען און צו זוכן דעם נעכטיקן טאָג!

— זיי מיר מוחל, מיין טייערע סאַלטשע, איך פאַרשטיי קיין איינציק וואָרט נישט.

— וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין! דאָס היינטיקע באַגעגעניש וועט ברענגען דערצו, אַז איך וועל זיך זען מיט דודן, מיט מיין דודן! פאַרשטייסט?

ראָזע האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט דער גרעסטער באַדויערונג און אומרחמנותדיק געזאָגט:

— און וואָס וועט אַרויסקומען פון אייער זעען זיך?

— אָ, איך פאַרשטיי דיך, ראָזע, וואָס דו ווילסט ווייטער

זאָגן! איך פאַרשטײ דיך זייער גוט פון דיינע, ווי אייז־קאַלטע ווער־טער. דו פרעגסט, וואָס וועט אַרויסקומען? — האָט סאַלטשע זיך אַ כאַפּ געטון, גלייך ווי עמעצער האָט זי אַ ביס געגעבן. —דו פרעגסט, וואָס וועט אַרויסקומען דערפון? — האָט זי די פראַגע נאָכאַמאָל אי־בערגעחזרט. — אַ סך, זייער אַ סך וועט אַרויסקומען! אָדער לעבן, דאָס שיינע טייערע זיסע לעבן, אָדער טויט, דער מיאוסער קאַלטער טויט! און ווען עס זאָל אפילו געשען דער צווייטער שרעקלעכער פאַל, וועט פאָרט בעסער זיין ווי מיין איצטיק לעבן.

סאַלטשע האָט אָפּגעאָטעמט און ווייטער גערעדט מיט אַ הע־בערער שטים:

— פאַרשטייסט, ראָזע, איך קאָן ווייטער אַזוי נישט לעבן, איך קאָן נישט! און דאָס היינטיקע באַגעגעניש איז פאַר מיר דער גרעס־טער גליק. ווי דערלעבט מען שוין ביז מאָרגן! מען דאַרף וואַרטן ביז פאַרנאַכט, דערנאָך די גאַנצע נאַכט און דערנאָך דעם גאַנצן לאַנגן טאָג... עס איז דאָך אַן אייביקייט!

ראָזע האָט געקוקט אויף איר און קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט, נאָר אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן.

סאַלטשע האָט באַמערקט אירע טרערן און האָט זי ווי אַ קינד אָנגעהייבן גלעטן איבערן קאָפּ.

—מיין אַלטער געטרייער פריינט, צו וואָס טרערן? דו דאַרפסט זיך פרייען גלייך מיט מיר! האָסט דען נישט באַמערקט מיינע ליידן? זע, און אַ צווייטער וועט שוין זיין גוט, זייער גוט!

סאַלטשע האָט מיט איר טאַשן־טיכל אויסגעווישט די פאַרוויינטע אויגן פון איר געטרייער חברטע און געזאָגט:

— מען דאַרף נישט וויינען, ראָזע! מען דאַרף נישט.

און סאַלטשע האָט זיך צוגעטוליעט צו איר, זי אַרומגענומען און געקושט און דערביי האָט זי געטראַכט ווי גוט עס איז צו האָבן אַזאַ איבערגעגעבענעם און געטרייען פריינט, ווי ראָזע. און זי האָט זיך דערמאָנט אין בערלין, ווען זי איז געווען אַזוי אומגליקלעך, עלנט און אַליין און מיט קיינעם האָט זי זיך נישט געקאָנט אַזוי אָפנהאַרציק זיך באַראַטן, אפילו מיט איר פריינט און קלוגן מוזיק־לערער יעקב לערנער. נאָר דאָ האָט זי אין איר חתנס צימער געפו־נען אַ קאָפּיע פון אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן זיין חבר בעני

גאָלדשטיין און אַלץ איז פֿאַר איר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, וווהין איר חתן איז אַוועקגעפֿאָרן. דאַן האָט זי געפֿילט אַ באַדערפֿעניש צו זיין אַליין, אָן אפוטרופותן, אפֿילו אָן לערנערן, וועלכן זי האָט הויך געשעצט, נאָר ער האָט זי נישט פֿאַרשטאַנען.

סאַלטשע האָט געוואָלט זיין אַליין און אויספֿירן אירע פּלענער, ווי זי אַליין פֿאַרשטייט, אַנדערש וועט זי זיך קיינמאָל נישט באַרויקן.

אָבער גאַנץ אַליין צו זיין האָט זי דאָך נישט געקאָנט. זי האָט זיך אָנגעהייבן צו שרעקן פֿאַר דעם אַליין זיין, האָט זי זיך דאַן דערמאָנט אין ראָזען, וועלכע האָט געוווינט אין בערלין. זי איז אַמאָל אירע אַ לערערין געווען, ביי אירע עלטערן אין הויז, און זי האָט ראָזען זייער ליב געהאַט און זיך נישט אויפֿגעהערט איבערצושרייבן מיט איר.

זי איז אַוועק צו ראָזען און איר פֿאָרגעלייגט, זי זאָל ביטפֿאָרן מיט איר און אַוועקוואַרפֿן אירע אָרעמע לעקציעס, וואָס זי האָט געגעבן אין פֿאַרשידענע הייזער.

ראָזע האָט קיין וואָרט נישט גערעדט און האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן איר אַמאָליקער שילערין.

דאַן איז סאַלטשע מיט איר אַוועקגעפֿאָרן אויף דעמזעלבן וועג, ווו איר חתן. פֿון וועג האָט זי געשריבן אַ בריוו צו אירע עלטערן, אַז זי האָט זיך צעשיידט מיט איר מוזיק־לערער און פֿאָרט מיט ראָזען און זיי זאָלן זיין רויק

איר מוזיק־לערער האָט זי אויך געשריבן אַ בריוו קיין באַזעל, צו איר באַקאַנטער אידאַ, און זי געבעטן, זי זאָל איבערשיקן דעם בריוו צו יעקב לערנערן. אין איר בריוו האָט זי אים דערקלערט, אַז איבער פֿאַרשידענע אורזאַכן קאָן זי מיט אים איר רייזע נישט מאַכן צוזאַמען. זי פֿאַרמאָגט נאָר איין לעבן און מוז עס איינאָרדענען ווי זי אַליין פֿאַרשטייט, און דערביי אויך צוגעגעבן, אַז זי פֿאָרט נישט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט איר אַמאָליקער לערערין, וועלכע זי האָט זייער ליב און וועלכע איז איר זייער איבערגעגעבן. סאַלטשע האָט אפֿילו נישט אָנגעגעבן איר אַדרעס און האָט צוגעשריבן, אַז ביז אין אַ געוויסער צייט מוזן אירע פֿריינט אין איר פֿאַרזעסן.

אין דעם אַלעמען האָט זיך סאַלטשע איצטער דערמאָנט, צערומבעמענדיק ראָזען, וועלכע איז איר געווען אַזוי געטריי און איבערגעגעבן.

ראָזע, וועלכע האָט די לעצטע יאָרן געלעבט אין בערלין אַליין און עלנט, האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו סאַלטשען. זי האָט איצטער געפֿילט, אַז זי לעבט מער נישט אַליין, זי איז מער נישט עלנט. איר האַרץ האָט שטענדיק געגלוסט צו לעבן פֿאַר יעמעם און איר גאַנץ האַרץ האָט זיך איצטער איבערגעגעבן סאַלטשען. זי האָט געליטן מיט אירע ליידן און זיך געפֿילט גליקלעך מיט אירע פֿרייד.

ראָזע האָט זיך געפֿילט גליקלעך, וואָס זי איז שוין מער נישט אַליין און האָט אויך אַ פֿריינט אויף דער וועלט.

ווען די צוויי פֿריינט זענען אַזוי געזעסן און געשוויגן, האָט זיך פּלוצלונג ראָזע אָנגערופֿן:

— ווייסט, וואָס מיר איז איינגעפֿאַלן, סאַלטשע?

— וואָס, אַ שטייגער?

— טאָמער וואָלטן מיר היינט געגאַנגען אין טעאַטער? איך וואָלט זייער געוואָלט היינט גיין אין טעאַטער.

סאַלטשע האָט זיך פֿאַרטראַכט און זיך אָנגערופֿן:

— צוליב דעם היינטיקן באַגעגעניש וועל איך דיר צוליב טון; דו זעסט דאָך נישט די ווייסע וועלט צוליב מיר, איך גיי.

ראָזע איז געווען איבערגליקלעך. זי האָט נישט דערוואַרט, אַז זי זאָל אַזאַ זאַך אַזוי גיך פּועלן ביי סאַלטשען.

— און נאָר צוליב מיר גייסטו אין טעאַטער!

— אַוודאי צוליב דיר, איך דאַרף נישט קיין טעאַטער.

— שעם זיך, סאַלטשע, וואָס דו רעדסט אַזוי. אַ יוגנט, בלוט און מילך, זאָל אַזוי זאָגן!

— וואָס זאָל איך טון, אַז מיר פֿעלט גאָרנישט און איך דאַרף גאָרנישט.

— דו מאַכסט פֿעלער איינער גרעסער פֿון דעם אַנדערן... דו מאַכסט דיזעלבע פֿעלער, וואָס איך האָב אַמאָל געמאַכט, ווען איך בין יונג און שיין געווען. דו געדענקסט נאָך אַוודאי, דו ביזט נאָך גאָר אַ יונג מיידל געווען, וויפֿל יונגע לייט האָבן זיך געדרייט אַרום מיר און כאָטש איך בין געווען אַן אָרעמע, האָבן זיך דאָך געפֿונען פֿאַרמעגלעכע מענטשן, וואָס האָבן מיך געוואָלט נעמען אַזוי ווי איך שטיי און גיי, און איך האָב זיי אָפּגעשטויסן... איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אייביק זיין יונג און שיין. און איצטער האָבן אַלע אין מיר פֿאַרגעסן, אַליין און עלנט בין איך געבליבן, קיין איינציקע געטרייע

נשמה איז מיר אויף דער וועלט נישט געבליבן, וואָס זאָל מיר אַ גוט וואָרט זאָגן, און אַליין אויף דער וועלט איז שרעקלעך... אַליין הייסט אַ לעבעדיקער אין קבר באַגראָבן. דער טאָג און די נאַכט איז אַלץ איינס. זומער און ווינטער האָט ביי מיר איין פּנים... אַ מענטש, וואָס איז געצווונגען נאָר צו לעבן פאַר זיך אַליין, נישט האָבנדיק מיט וועמען צו טיילן די ליידן און פריידן, איז פאַר אים נישטאָ קיין גרעסערער אומגליק אויף דער וועלט.

סאַלטשע האָט זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמ־קייט, וואָס דאָס איז ביי סאַלטשען זעלטן פאָרגעקומען.

ראָזע האָט ווייטער גערעדט:

— אַ גליק, וואָס גאָט האָט דיך צוגעשיקט פאַר מיר און איך האָב זיך צו וועמען צוצובינדן. איצטער פיל איך זיך גליקלעך, אָן דיר וואָלט איך נישט געקענט לעבן. איך וועל דיר אַלץ איצטער אָנ־רופן מיט דעם ריכטיקן נאָמען: איך בין אַן עלטער מיידל, אָדער ווי די וועלט רופט עס אָן פּראָסט און ווולגאַר, אָן שום רחמנות: „אַלטע מויד"... קיין גרעסערע קללה פאַר אַ מיידל איז נישטאָ אויף דער וועלט! אַלע דערווייטערן זיך פון דער „אַלטער מויד" און זי דינט צו שפּאָט און געלעכטער פאַר יעדן, פאַר דער גאַנצער וועלט. סיי גוטע און סיי שלעכטע מענטשן באַגייען זיך אומברחמנותדיק צו דער „אַלטער מויד".

סאַלטשע האָט זיך געפּרוווט זי איבערשלאָגן און טרייסטן. נאָר ראָזע האָט זי נישט דערלאָזט צו קומען צום וואָרט:

— לאָז מיך פריער ענדיקן! איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט קומען צו דער מדרגה פון אַן אַלטער מויד... וויפל איך האָב נאָר קרעפטן און מיט וואָס איך קען נאָר ווירקן אויף דיר, וועל איך נישט דערלאָזן, אַז דו זאָלסט מאַכן דיזע.בע פעלער, וואָס איך! געדענק, אַז לאַנג טאָרסטו נישט וואַרטן. נאָך אַ זעקס, זיבן יאָר–וועסטו אַלץ אויף אייביק פאַרשפּילן. זאָגאַר דיינע רייכע עלטערן צוזאַמען מיט זייער געטריי־שאַפט און גרויסער ליבע צו דיר וועלן דיר נישט קענען העלפן. ראַ־טעווע זיך, כל זמן עס איז נאָך נישט צו־שפּעט. איצטער קענסטו אַלץ אויספירן, די גאַנצע וועלט איז פאַר דיר! גאָט האָט דיך געבענטשט מיט אַזוי פיל מעלות, אַז דו קענסט אַלץ נעמען, וואָס דיין האַרץ גלוסט נאָר...

ראָזע האָט אַ ביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און נאָך אַ קליינער הפסקה האָט זי זיך ווידער אָנגערופן:

— איך בין שטענדיק מיט דיר געווען אָפנהאַרציק, נאָר קיינ־מאָל נישט אַזוי ווי איצטער. איך האָב באַשלאָסן אַלץ דיר צו זאָגן, די צייט שטייט נישט, זי לויפט!

— דו זאָגסט דאָך, ראָזע, אַז עס איז נאָך דאָ צו וואַרטן אַ יאָר זעקס, זיבן, האָט עס דאָך נאָך צייט,—האָט סאַלטשע זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרביטערטן שמייכל.

— לאָך נישט, איך בעט דיך! איך רעד און איך מיר פּלאַצט מיין האַרץ, צוקוקנדיק אויף דיר. דו ביזט בלינד און זעסט נישט וואָס עס טוט זיך אַרום דיר. אַ זייטיקע, ווי איך, וואָס איך בין שטענדיק מיט דיר צוזאַמען, זעט עס קלאָר און דייטלעך. איך מוז צו דיר שרייען: גוואַלד, סאַלטשע, ראַטעווע זיך! לאָמיר זיך נישט נאַרן, פון דעם דאָקטאָר שטיינמאַן, דיין געוועזענעם חתן, וועט גאָרנישט אַרויסקומען. אומזיסט יאָגסטו זיך נאָך אים... איך ווייס נישט, צי זאָל איך אים באַשולדיקן אָדער נישט, איין זאַך איז קלאָר, אַז לויט דיינע אייגענע ווערטער און לויט ווי איך קען דעם דאָקטאָר, זענען געוויס דאָ אַזעלכע וויכטיקע אורזאַכן, וואָס האָבן געמוזט אויף שטענדיק אי־בעררייסן אייערע באַציונגען...

— און ווידער,—האָט ראָזע זיך אויפגעכאַפּט פון איר אָרט, — ווו איז דיין שטאָלץ, וואָס דו האָסט אַלץ אַוועקגעוואָרפן און יאָגסט זיך נאָך אים דאַן, ווען ער לאָזט פון זיך נישט הערן?

ראָזע האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער, נאָר סאַלטשע האָט אַרויס־געלאָזט עטלעכע ווערטער, טראַכטנדיק פון וואַנען אָנצוהייבן און ענד־לעך האָט זי זיך אָנגערופן:

— אויף דיין פראַגע, ווו איז אַהינגעקומען מיין שטאָלץ, קען איך דיר ענטפערן מיט דיינע אייגענע ווערטער,—איך האָב דיך זייער אויפמערקזאַם געהערט. נאָר פון דיינע אַלע רייד איז מיר געבליבן דער סך הכל, אַז איצטער, אַ דאַנק די אַלע מעלות מיט וואָס גאָט האָט מיך געבענטשט, איז די גאַנצע וועלט פאַר מיר און איך קען אַלץ נעמען, וואָס מיין האַרץ געלוסט! — סאַלטשע האָט צעצויגן די ווערטער „וואָס נאָר מיין האַרץ געלוסט”. — דערמיט ווידער־שפּרעכסט דו זיך אַליין, וואָס דו האָסט גערעדט, אַז איך קען נעמען פון דער וועלט, וואָס מיין האַרץ געלוסט. מיין אומגליק איז אבער וואָס

איך קען נישט נעמען דאָס, וואָס מיין האַרץ געלוסט, און אין דעם, מיין טייערע ראָזע, איז די גאַנצע טראַגעדיע. מיין האַרץ ציט נאָר צו דודן, ווייטער גלוסט מיין האַרץ צו גאָרנישט. מיין אומגליק איז מיין האַרץ, איך בין אַ קנעכט, אַ שקלאַפן צו מיין האַרץ.

— אָבער, סאַלטשע, ווען דאָס קען נישט זיין, ווען דוד איז געשטאָרבן, ווען ער איז מער נישטאָ אויף דער וועלט, קען מען דאָך נישט מיטשטאַרבן! מיט דער צייט מוז מען דאָך פאַרגעסן.

— נו, איז ווידער גוט, וועל איך וואַרטן ביז איך וועל פאַר־געסן.

— דערנאָך, ווען דו וועסט פאַרגעסן און זיך אויסניכטערן, וועט שוין זיין צו שפּעט: וועמען דו וועסט וועלן, וועט דיך נישט וועלן. איצטער איז די בעסטע צייט. אָט, למשל, אַזאַ מענטשן ווי באָריס פיינשטיין קען מען נישט אַזוי מיט אַ גרינג האַרץ אַוועקמאַכן. ער איז אַ שיינער געזונטער יונגערמאַן, זייער רייך און נישט אָן בילדונג. ער וואָלט דיך געקאָנט גליקלעך מאַכן, ער וואַרט נאָר פון דיר איין גוט וואָרט... און ווידער, טאָמער ציט נישט דיין האַרץ צו אַ סוחר, איך קען דאָך דיך און ווייס דיין מיינונג וועגן אָט די אַלערליי רייכע סוחרים, איז נאָך דאָ אַ מענטש לויט דיין גוסט און ער וואָלט דיך געוויס געקענט גליקלעך מאַכן.

— נאָך איינער איז דאָ! — האָט זיך אין סאַלטשען אָנגערופן די די נייגעריקייט פון אַ פרוי. — און איך ווייס נישט, ווער ער איז?

— דו קענסט אים זייער גוט, דו שעצט אים זייער הויך...

פלאָג מיך נישט, זאָג מיר, ווער איז ער? — האָט אין סאַל־טשען גערעדט אַ צערייצטע פרוי.

— איך וויל, דו זאָלסט אַליין טרעפן. דו קענסט אים צופיל, נאָך בעסער פון מיר, און ווער ווייסט, אפשר, ווען דו זאָלסט אַ ביסל טיפער אַריינקוקן אין זיך, וועסטו אויך געפינען ליבע צו אים...

— ווער איז ער? — האָט סאַלטשע אויסגעשריען. — איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו קענסט אַזוי פייניקן אַ מענטשן.

— איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דו זאָלסט נישט טרעפן, ווער ער איז. נאָר איך וועל דיר מער נישט פלאָגן: איך מיין דיין מוזיק־לערער יעקב לערנער...

ווי פון אַן אומגעריכטן דונער, האָט סאַלטשע אַ שפּרונג געטון פון אָרט. אַלע מענער פון דער וועלט האָט ראָזע געקענט אָנרופן,

אָבער נישט יעקב לערנערן.

סאַלטשע האָט זיך אַזוי שטאַרק צעלאַכט, אַז זי האָט נישט געקאָנט ווייטער רעדן. האָט זי נאָר געפּרוּווט באַוועגן מיט דער צונג, האָט זיך יעדעס מאָל פון איר נאָך שטאַרקער אַרויסגעזעצט אַ הילכיק געלעכטער.

ענדליך, ווען זי האָט זיך אַ ביסל באַרויקט און זיך אויסגעווישט די טרערן, וואָס איר געלעכטער האָט אַרויסגערופן, האָט זי געזאָגט:

— אַלע מענער פון דער וועלט, האָב איך דערוואַרט, אַז דו זאָלסט מיר שדכנען, נאָר נישט אונדזער ליבן טייערן לערנערן!

— איך בין נישט קיין שדכנטע און שדכן דיך קיינעם נישט. איך האָב דיר נאָר אָנגערופן צוויי יונגע לייט, וועלכע זענען פאַרליבט אין דיר איבער די אויערן, באַזונדערס איז פאַרקאָכט אין דיר לערנער.

סאַלטשע האָט זיך ווידער שטאַרק צעלאַכט און זיך אָנגערופן:

— לערנער איז אויך פאַרליבט אין מיר! אים געפעלן דען אויך פרויען! איך האָב עס קיינמאָל נישט געגלויבט. און מערקווירדיק איז וואָס כמעט אַ יאָר צוויי בין איך געווען אַזאַ פריינט מיט אים, אַזוי נאָענט, אַזוי היימיש, באַזונדערס אין דער צייט, ווען מיר האָבן אַרומגערייזט צוזאַמען, און איך האָב עס קיינמאָל נישט באַמערקט!

— נישט דו און נישט קיין אַנדערע אויף דיין אָרט האָט עס נישט געקאָנט באַמערקן, ווייל לערנער איז צו אַנשטענדיק, צו לייטיש און אָרנטלעך!

זוודאי, וועך רעדט דען דערפון? אַזאַ שיינע אויפפירונג מיט מיר פּאַסט נאָר צו לערנערן. אָבער. מיין ליבע, פון וואַנען ווייסטו אַלץ?

— פון וואַנען איך ווייס? איך זע, אַז קאָנסט נישט דיין מוזיק־לערער. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דו ביזט אַ צייט געווען מיט אים אַזוי נאָענט. אָט האָט זיך ביי דיר אַרויסגעכאַפּט אַ פראַזע: „לערנערן געפעלן אויך פרויען?״ דאָס באַווייזט, אַז דו קענסט אים זייער ווייניק... ווען איך בין אַמאָל געווען יונג און שיין, שטעל זיך פאָר, איז לערנער אויך געווען צווישן די יונגע לייט, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום מיר. איך האָב זיך דאַן, ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, זייער ווייניק אומגעקוקט אויף זיי. פאַרשטייט זיך, אַז מיט קיין זאַך האָט ער מיר נישט געגעבן צו באַמערקן, אַז איך געפעל

אים, נאָר איך האָב געפילט, אַז ער איז נישט גלייכגילטיק צו מיר און אַז ער האָט אַ שיינע נשמה, אַז ער קען אָפּשאַצן די שיינקייט און צאַרטקייט פון פרויען גאָר אַנדערש און איידעלער, ווי אַלע אַנ־דערע יונגע לייט... פאַר אים איז אַ באַגאַבטע פרוי דאָסזעלבע, וואָס שיינע מוזיק. דאָס ענטפער איך דיר דערויף, וואָס דו וווּנדערסט זיך אויף לערנערן, אַז ער איז בכלל נישט פעיק צו ליבן פרויען...

— איך בין מודה, אַז איך האָב געהאַט אַ מיינונג וועגן מיין מוזיק־לערער, אַז ער האַלט ווייניק פון פרויען, און איינמאָל האָט ער זיך אפילו אויסגעדריקט, נאַטירלעך, אין אַ ווערטל, אַז פרויען געהערן צו אַ נידעריקן מין, און ווי זאָגט מען: אין יעדן ווערטל איז דאָ אַ שטיקל אמת. דו אָבער דערציילסט מיר עפּעס אַזעלכעס וועגן לער־נערן, וואָס איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן... איך מוז דיר זאָגן, אַז אויב דאָס אַלץ, וואָס דו דערציילסט מיר, איז אמת, באַווייזט, אַז איך קאָן זייער ווייניק מענטשן... אַלץ, וואָס דו דערציילסט, איז פאַר מיר געוואַלדיק אינטערעסאַנט. אָבער פאַרוואָס ענטפערסטו מיר נישט אויף מיין פראַגע?

— וואָס פאַר אַ פראַגע?

— פון וואַנען ווייסטו, אַז מיין מוזיק־לערער איז פאַרליבט אין מיר ביז איבער די אויערן, ווי דו האָסט זיך אויסגעדריקט?

— פון וואַנען איך ווייס? — ער האָט עס מיר אַליין דערציילט... זיין גאַנץ ביטער האַרץ האָט ער אויסגעגאָסן פאַר מיר און איך האָב באמת באַוווּנדערט זיין מוט און טאַקט צו דיר, וויסנדיק, ווי שטאַרק דו ביזט פאַרליבט אין דיין געוועזענעם חתן...

— ווען האָסטו אים געזען?

— וואָס הייסט? ווען איר זענט געווען אין בערלין. מיט אַ טאָג פריער, איידער דו ביזט געוועזן ביי מיר, האָט זיך געעפנט די טיר און יעקב לערנער איז אַריינגעקומען. מיר האָבן זיך ביידע געפרייט ווי צווי גוטע פריינט. אַ שיינע שעה האָט ער ביי מיר פאַר־בראַכט, מיר האָבן אַ סך געשמועסט און אַ סך זאַכן דערמאָנט... ענדלעך האָט ער געעפנט זיין האַרץ פאַר מיר און דערציילט אַלץ. ער האָט מיר געזאָגט, אַז זיינע ליידן זענען אַזוי גרויס און אַזוי איבערפולט, אַז ער פילט פאַר נויטיק זיך צו טיילן מיט אַ צווייטן. וויפל מוט און טאַקט איך האָב אין זיך, האָט ער געזאָגט, פיל איך דאָך, אַז אַלע וועט ביי מיר פלאַצן און איך וועל, ווילנדיק, אָדער

נישט ווילנדיק, , אַרויסשפּרינגען מיט נאַרישקייטן קעגן סאַלטשען. איך האָב זיך געמוזט טיילן מיט עמעצן און איך בין דעריבער געקומען צו אייך, ווי יעדער פאַרליבטער, וואָס ווייסט נישט פון חשבונות... אפילו אַזאַ בארעכנטער, ווי יעקב לערנער, האָט ביי מיר געפרעגט עצות. נאָר גאָרנישט, גיי דערצייל אַלץ, וואָס אַ פאַרליבטער רעדט!...

— ניין, מיין טייערע ראָזע, — האָט סאַלטשע זי אַרומגעכאַפּט און אָנגעהייבן קושן און האַלדזן, — דערצייל מיר, וואָס פאַר אַן עצה האָט ער ביי דיר געפרעגט? עס אינטערעסירט מיך זייער!

ראָזען האָט זייער געפרייט, וואָס סאַלטשע אינטערעסירט זיך אַזוי שטאַרק וועגן לערנערס ליבע צו איר. זי האָט עס אָנגענומען פאַר אַ גוטן סימן און אויף סאַלטשעס פאַרלאַנג האָט זי מיט פאַרגעניגן ווייטער דערציילט:

— נאָכדעם, ווי ער האָט זיך זיין גאַנץ ביטער האַרץ אויסגערעדט, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אים זאָגן מיין מיינונג, צי קאָן ער האָפן כאָטש דערויף, אַז דו זאָלסט נישט קוקן אויף אים ווי אויף אַ משוגענעם און פאַרשטיין, ווי שטאַרק ער איז צוגעבונדן צו דיר. דאָס זענען געווען זיינע ווערטער, נאָר איך וועל עס דיר קלאָרער פאַרטייטשן מיט מיינע אייגענע ווערטער: ער האָט פּראָסט ביי מיר געפרעגט, צי קאָן ער האָפן, אַז שפּעטער, אַמאָל, ווען דו וועסט פאַרגעסן אין דודן, צי עס קאָן מעגלעך זיין, דו זאָלסט ווערן, מיט דער צייט, זיין פרוי...

די גאַנצע פריערדיקע פריילעכקייט איז מיטאַמאָל אַוועק פון סאַלטשען, אַ וואָלקן פון טרויער האָט פלוצים באַדעקט איר פּנים און זי האָט מיט אַ זיפץ געזאָגט:

— אָרעמער, אָרעמער לערנער! ווי האָט ער באַדאַרפט ליידן די גאַנצע צייט, ווען ער איז געפאָרן מיט מיר צוזאַמען און אויסגעהערט און צוגעזען פון מיר אַזוי פיל ליבע צו מיין דודן! אוממענטשלעכע ליידן האָט ער באַדאַרפט איבערלעבן!

דערנאָך האָט זיך סאַלטשע אַ כאַפּ געטון:

— עס איז גוט, זייער גוט, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך האָב מיך געשיידט מיט אים. פון דערווייטנס וועט ער מיט דער צייט פאַרגעסן אין מיר. ווארום ווען מיר וואָלטן נאָך ווייטער געווען צוזאַמען, ווער ווייסט מיט וואָס עס וואָלט זיך געווען געענדיקט!..

דערנאָך האָט סאַלטשע ווידער זיך אָנגערופן:

— און מיר האָט ער קיין וואָרט נישט געזאָגט, אַז ער האָט זיך געזעגנט מיט דיר! און דו, ראָזע, ביזט אויך אַ ווילינקע: האָסט מיר די גאַנצע צייט אויך נישט דערמאָנט, אַז לערנער איז געוועזן ביי דיר אין בערלין!

— לערנער האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל דיר וועגן דעם קיין וואָרט נישט זאָגן און אַלץ, וואָס מיר האָבן גערעדט צווישן זיך, זאָל עס ווי אין וואַסער אַריין...

— צוליב וואָס זשע איז ער געקומען דיר דערציילן? וואָס פאַר אַ צוועק האָט ער דערביי געהאַט?

— קיין שום צוועק נישט! ער האָט נאָר געפילט אַ באַדערפעניש, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אויסצוגיסן זיין האַרץ פאַר אַן אַלטן פריינט און זיך באַראַטן, וואָס ער זאָל ווייטער טון.

— און וואָס האָסטו אים געענטפערט?

— וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן? איך האָב אים געזאָגט, ער זאָל אַלץ איבערלאָזן דער צייט... שפּעטער, ווען דו, סאַלטשע, וועסט זיך איבערצייגן, אַז דיין געוועזענער חתן איז פאַר דיר אויף אייביק אָפּגעשטאָרבן, וועט מען דאַמאָלס זען. די צייט איז דער בעסטער דאָקטאָר אויף אויסצוהיילן פאַרליבטע...

סאַלטשע האָט פּלוצלונג א פרעג געטון:

— ווו געפינט זיך איצט לערנער?

— אין באַזעל. איך האָב נישט לאַנג געהאַט פון אים אַ בריוו.

— דו שרייבסט זיך איבער מיט אים און איך האָב פון דעם נישט געוווּסט? — האָט זי געפרעגט מיט גרויס פאַרוווּנדערונג.

— יאָ, איך שרייב זיך מיט אים איבער די גאַנצע צייט.

— וואָס־זשע שרייבט ער דיר?

ראָזע האָט אין איר גרויסן אינטערעס צו לערנערן באַשלאָסן, אַז דער איצטיקער געשפּרעך וועט האָבן אַ געוויסן ערפאָלג און זי האָט געענטפערט:

אין די בריוו זענען נישטאָ קיין סודות... דו קאָנסט זיי איר־בערלעזן, -- און דערביי האָט ראָזע זיך אויפגעהייבן פון איר אָרט און באַלד געבראַכט אַ קליין פּעקל מיט בריוו און איבערגעגעבן סאַלטשען.

— מ׳טאָר קאָן זיי לעזן?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז אין זיי זענען נישטאָ קיין סודות און דו קאָנסט זיי לייענען.

סאַלטשע האָט לויט די דאַטעס זיי צוזאַמענגעלייגט אין אָרדע־נונג און אָנגעהייבן לייענען.

ראָזע איז געזעסן און געקוקט אויף איר געזיכט, וואָס פאַר אַן איינדרוק דער אינהאַלט פון די בריוו מאַכט אויף איר און זי האָט שטאַרק אָנגעקוואָלן, וואָס זי אינטערעסירט זיך אַזוי מיט לערנערן.

די בריוו האָבן כמעט געהאַט איין אינהאַלט. אַלץ ווערט דאָרט געשריבן וועגן סאַלטשען, וואָס מאַכט זי אין געזונט, ווי אַזוי לעבט זיך איר, ווי פאַרברענגט זי די צייט און צי האָט זי זיך שוין איבער־צייגט, אַז די האָפענונגען אויף איר געוועזענעם חתן זענען אומזיסט. אויך שרייבט ער כמעט אין יעדן בריוו, אַז זי, ראָזע, זאָל קיינמאָל נישט פרווון ווירקן אויף סאַלטשען, זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון איר גע־וועזענעם חתן... אַרויסגעוואָרפענע רייד! סאַלטשע מוז אַליין מיט אַ נאַטירלעכן גאַנג קומען דערצו און זיך איבערצייגן, אַז פאַר איר איז דער דאָקטאָר שטיינמאַן געשטאָרבן... דאַן וועט עס האָבן אַ קיום, אָבער נישט קיין ווערטער פון דער זייט.

ווען סאַלטשע איז געקומען אין די בריוו צו דעם אָרט, האָט זי געזאָגט ראָזען:

— אָט דאָס הייסט קלוג! לערנער איז אַן אמתער חכם, און שוין דערפאַר אַליין פאַרדינט ער, מען זאָל אים שעצן און ליבן. זיינע קלוגע ווערטער אין דעם בריוו זענען אַן ענטפער אויף דיינע אַלע אַרויסגעוואָרפענע רייד וועגן באָריס פיינשטיין און וועגן יעקב לערנערן... אַז דו האָסט מורא, טאָמער וועל איך ווערן אַן אַלטע מויד, קען איך דיר פאַרזיכערן, אַז איך וועל גאָרנישט דערלעבן צו זיין אַן אַלטע מויד, ווייל פון די אַלע שרעקלעכע איבערלעבונגען אין דער לעצטער צייט פיל איך זיך שוואַך און קראַנק... איך פיל אין זיך נישט די פריערדיקע כוחות און מוט. איין זאַך פיל איך גאָר, אַז אָן דודן קען איך מער נישט לעבן... און לעב איך דאָך, איז עס דערפאַר, ווייל איך גלויב נאָך, איך האָף נאָך, אַז ער איז פאַר מיר אינגאַנצן נאָך נישט פאַרלוירן. אָט ביז מאָרגן איז נישט ווייט. דידס יוגנט־פריינט, בעני גאָלדשטיין, וועט מאָרגן ביי מיר זיין און איך גלויב, אַז איך וועל פון אים אַ סך זיך דערוויסן.

ראָזע איז פון אירע ווערטער ביטאמאָל טרויעריק געוואָרן און

געקוקט האָט זי אויף סאַלטשען מיט גרויס רחמנות, זי האָט מער קיין וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט.

פּלוצלונג האָט זיך סאַלטשע אָנגערופן:

— דו ווייסט, אַז מיר טוט שוין באַנג, וואָס איך האָב איינגעשטימט צו גיין מיט דיר אין טעאַטער. דו האָסט מיר היינט אַזוי פיל נייס דערציילט, אַז איך בין אינגאַנצן ווי צושרויפט.

— נו, דאַרף מען נישט גיין, ווען דו פילסט זיך אַזוי שוואַך.

סאַלטשע האָט זיך פאַרטראַכט און זיך ווידער אָנגערופן:

— ניין, אפשר איז טאַקע גלייכער, מיר זאָלן היינט גיין אין טעאַטער... צו וואָס זאָל איך דאָ דעם גאַנצן אָוונט בלייבן מיט מיינע טרויעריקע געדאַנקען... יאָ, מיר גייען, ראָזע! — האָט סאַלטשע ווידער געזאָגט און איז פריילעכער געוואָרן.

צום טעאַטער זענען נאָך געבליבן גאַנצע צוויי שעה און סאַלטשע האָט פאָרגעלייגט, זיך אַ ביסל דורכצוגיין איבער די גאַסן, און טאַקע אַזוי רעדנדיק, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם באַרימטן בוקאַרעשטער גאָרטן „טשוש מעדזשויע". זענען זיי אַריינגעגאַנגען אַהין און זיך געזעצט אויף אַ באַנק לעבן טייך, אויף וועלכן פאַרשידענע פאָרלעך האָבן זיך געשיפט מיט שיפלעך.

אין מיטן וואַסער, אויף אַ „קעמפּע", האָט זיך געפונען אונטערן הימל אַן אָפענער רעסטאָראַן, ווו עס האָט געשפּילט מוזיק.

דער ברייטער שלענגלדיקער טייך מיט די פאַרפּוצטע ברעגן, באַזעצט מיט בלומען, האָבן אַרומגערינגלט אַלטע ביימער, הונדערטיעריקע גרינע טאַפּאָלן און גרויסע דעמבעס.

נאָך דעם הייסן טאָג איז איצט די היץ געפאַלן און עס האָט זיך לייכטער און געזינטער געאָטעמט. עס האָט געהערשט אַ פאַרכשופטע שטילקייט און עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פון די „וויאָסלעס" איבערן וואַסער.

סאַלטשע און ראָזע זענען געזעסן אויף דער באַנק שטיל, אָן ווערטער. עפּעס האָבן זיי ביידע געפילט גרויס פאַרגעניגן אין זייער שטיל שווייגן.

סאַלטשע האָט געקוקט אויף די ביימער און האָט באַמערקט, ווי זיי קיין איינציק צווייגל, קיין איין בלעטל רירט זיך נישט. דערנאָך האָט זי דערזען פליען צוויי פייגעלעך, וועלכע האָבן זיך געאַמפּערט, זיך

אַרומגעקריגט מיט אַ קוויטשעריי אין דער לופט. דערנאָך האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף אַצווייגל פון אַ בוים און פון זייער געשלעג האָט דאָס צווייגל זיך אָנגעהייבן באַוועגן און אַ פריש גרין בלטעלע איז צוגעפאַלן צו סאַלטשעס פוס.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן צום שיינעם, פרישן גרינעם בלעטעלע און מיט אַ זיפץ זיך אָנגערופן:

— טויט, נעבעך... עס האָט נאָר וואָס געלעבט, געקוקט אין וואַסער, אָנגעקוואָלן פון זיין שיין וועלטל אין דעם באַצויבערטן גאָרטן. און איצט איז עס, נעבעך, טויט. באַלד וועלן מענטשן דאָ פאַרבייגיין און מיט זייערע פיס עס צעטרעטן. איצט גוססעט עס נאָך...

פלוצים איז צו דעם ברעג, וו סאַלטשע מיט ראָזען זענען געזעסן, צוגעשווומען אַ יונגערמאַן מיט זיין שיפל, אַוועקגעלייגט די „וויאָסלעס", פריילעך אַרויסגעשפרונגען פון שיפל אויף דעם ברעג און מיט אַ שטראַלנדיק גליקלעך געזיכט אויסגעשריגן:

— סאַלטשע! אַזאַ גליק, אַזאַ גליק אייך אַזוי פלוצלונג צו טרעפן, און ווו? דאָ, וווּ עס איז אַזוי שיין און גוט! און איר וואָס מאַכט, פריילן ראָזע?

דער יונגערמאַן איז געשטאַנען פאַר סאַלטשען אָן די אַרבל און אויסגעפּרוווט זיינע יונגע שטאַרקע מוסקולן.

— וואָס טוט איר דאָ, ה' פיינשטיין?

— איך לעב אַ גוטן טאָג. קאַרג פאַרשוואַרצט געוואָרן ביי די באָלשעוויקעס? באַלוין איך זיך איצט פאַר יענע שלעכטע צייטן, ווען איך האָב זיך דאָרטן געמאַטערט. יאָ, איך וויל אייך זאָגן, אַז איך פאָר נאָך אפשר היינטיקע וואָך קיין וואַרשע, וועל איך איבערגעבן פון אייך אַ גרוס אייערע עלטערן. נישט שפּעטער, ווי נאָך שבת, פאָר איך געוויס. נאָר וועגן דעם וועלן מיר נאָך האָבן צייט צו רעדן. דערווייל לייג איך פאָר מיין שיפל. עס איז איצט אויסגעצייכנט זיך צו שיפן, אויפן וואַסער איז די לופט צוויי מאָל בעסער ווי אויף דער יבשה.

צו ראָזעס גרויס וווּנדער, האָט סאַלטשע זיך נישט געלאָזט בעטן און אָן ווערטער איז זי צוגעגאַנגען צום ברעג, אַריינגעשפרונגען אין שיפל און גענומען די „וויאָסלעס" אין אירע הענט.

— איצט וועל איך פירן דאָס שיפל! — האָט זי געזאָגט

באָריס, אַ גליקלעכער, וואָס סאַלטשע האָט אַזוי גרינג אָנגענו-

מען זיין פֿאָרשלאָג, האָט געהאָלפֿן ראָזען אַריינגיין אין שיפֿל, זי־ אַנידערגעזעצט און אַליין איז ער געבליבן שטיין.

— זעצט זיך, — האָט סאַלטשע געזאָגט. — זיצט שטיל, רעדט קיין וואָרט נישט און שטערט מיר נישט אין דער אַרבייט, ווייל צוויי אַרבעטן קאָן איך נישט טון.

זי האָט גענומען די וויאָסלעס שטאַרק אין דער האַנט און דאָס שיפֿל האָט זיך שטיל געטראָגן איבער דעם גלאַטן, שפּיגלדיקן וואַסער.

לאַנג לאַנג, האָבן זיי זיך אַזוי געטראָגן איבערן וואַסער, און קענענדיק סאַלטשעס קאַפּריזן, האָט קיינער קיין וואָרט נישט אויס־ גערעדט.

עס האָט שוין אָנגעהייבן טונקל צו ווערן. פֿון דעם אָפֿענעם רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף דער „קעמפּע״ אונטערן הימל, האָבן זיך אָנגעצונדן הונדערטער עלעקטרישע לעמפּלעך פֿון אַלערליי קאָלירן און האָבן ווי בריליאַנטן זיך אָפּגעשפּיגלט איבער דעם גלאַטן וואַסער.

סאַלטשע האָט איבערגעגעבן די „וויאָסלעס״ פּיינשטיינען, זאָגנ־ דיק דערביי

איצט אַרבעט איר, פֿאַר מיר איז שוין גענוג!

זיי האָבן זיך איבערגעביטן מיט די ערטער, דאָס שיפֿל האָט דערביי געשאָקלט און ראָזע האָט נישט אויפֿגעהערט צו קווי־ טשען, מורא האָבנדיק, אַז זי פֿאַלט אַריין אין וואַסער. ענדליך, ווען זיי האָבי זיך אַנידערגעזעצט אויף זייערע ערטער, האָט דאָס שיפֿל אָנגעהייבן רויק זיך גליטשן איבערן וואַסער.

— פֿאָרט איר, הייסט עס באַלד קיין וואַרשע? — האָט סאַלטשע געפֿרעגט פּיינשטיינען.

— געוויס פֿאָר איך! שוין צייט, מיין איך, עפּעס צו טון און אויפֿהערן אַרומצוגיין ליידיק. איך קען דאָך, ווי אַ סך אַנדערע אַזוי אויפֿעסן מיינע בריליאַנטן, וואָס מיר איז געלונגען אַריבערצושוואַרצן פֿון יענער זייט דניעסטר... שוין צייט צו ווערן צוריק אַ שטיקל מענטש!

— נו, אויב אַזוי, וועל איך אייך בעטן, אַז אַ טאָג פֿאַר אייער אַוועקפֿאָרן זאָלט איר אַריינקומען צו מיר. אפֿשר וועל איך האָבן עפּעס איבעצוגעבן מיינע עלטערן.

— מיט דעם גרעסטן פֿאַרגעניגן וועל איך זיין ביי אייך. ווי־

גייט עס עפּעס אייערע עלטערן? — האָט פיינשטיין פלוצלונג אַ פרעג געטון. — איך האָב געהערט, אַז אייער פאָטער איז אין די לעצטע יאָרן זייער רייך געוואָרן און ער פירט גרויסע געשעפטן? און ס'איז קיין וווּנדער נישט... ביי אייך אין פוילן, באַלד ווי עס האָט אויפגע־הערט די מלחמה, האָט מען געקאָנט מאַכן די גרעסטע געשעפטן און איך בין כּאַרקראַכן צו די באָלשעוויקעס... נישט אַריין און נישט אַרויס... און ענדלעך קוים אַרויסגעראַטעוועט זיך מיטן לעבן! איצט דאַרף מען זיך ווידער נעמען צו געשעפט.

פיינשטיין האָט אָנגעהייבן דערציילן זיינע פּלענער וועגן זיינע געשעפטן, וואָס ער רעכנט צו טון, נאָר סאָלטשע האָט אים איבערגע־שלאָגן:

— הערט אויף צו רעדן וועגן געשעפטן, וועלכע אינטערעסירן מיך זייער ווייניק, און ווי קאָן אַ יונגערמאַן רעדן וועגן מסחר, ווען אַרום און אַרום איז אַזוי שיין, ווען מען שפּאַצירט מיט מיידלעך אין אַ שיפל, די מוזיק שפּילט און דער הימל איז אַזוי בלוי! עס ווייזט אויס, אַז איר, סוחרים, זענט קיינמאָל נישט יונג. אין מוזיק און אפילו אין אַזאַ שיינעם הימל זעט איר נאָר מסחר!

פיינשטיין האָט זיך אַ כאַפּ געטון און געזאָגט:

— איר זענט גערעכט, סאָלטשע. מער קיין איינציק וואָרט נישט!

ער האָט זי אָפּגעשיט מיט פראַגן, נאָר סאָלטשע האָט אים אָפּ־געענטפערט מיט האַלבע ווערטער.

סאָלטשע האָט אים געקאָנט נאָך אַלס דערוואַקסענעם בחור, ווען זיין פאָטער האָט געהאַט בשותּפותדיקע געשעפטן מיט איר פאָטער און די צוויי פאַמיליעס פלעגן אָפט קומען איינס צום אַנדערן. ווען באָריס פיינשטיין האָט געענדיקט די וואַרשעווער האַנדלס־שולע, איז ער אַריינגעטרעטן אין זיין פאָטערס געשעפטן, ווו ער האָט זיך אַרויסגע־וויזן אַלס פעיקער סוחר. דערנאָך איז ער געוואָרן זעלבשטענדיק, געפירט גרויסע מסחרים אויף זיין אייגענעם חשבון און אין דער צייט, ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין רוסלאַנד, איז ער גראַדע צוליב זיינע געשעפטן געווען אין מאָסקווע. דערנאָך איז ער אַריבערגעפאָרן קיין קיעוו און ערשט אין אַ יאָר צוויי אַרום איז אים געלונגען זיך אַרויסצורייסן קיין רומעניע. דאָ האָט ער זיך באַגעגנט מיט דער רייצנדיקער סאָלטשען און ער האָט אָנגעהייבן

אַרום איר זיך צו דרייען, אָבער אָן ערפאָלג.

און איצט האָט ער זיך געפילט איבערגליקלעך, וואָס ער האָט באַגעגנט און ער קען פאַרברענגען מיט איר אַ שטיקל צייט.

דערהויפּט איז ער ביי זיך געוואָרן פעסטער, ווען זיי זענען צוגעפאָרן צום ברעג און ער האָט גלאַט, פון יוצא וועגן, זי מיט ראָ־זען איינגעלאַדן אין רעסטאָראַן אויף אָוונט־ברויט. נישט גלויבנדיק, אַז די שטאָלצע סאַלטשע זאָל אָננעמען זיין איינלאַדונג, האָט ער נישט געגלויבט זיין גרויס גליק, ווען סאַלטשע האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— איך וואָלט זיך שוין טאַקע גוט אויסגעהונגערט... שוין לאַנג צייט געווען אונדז איינצולאַדן אויף אָוונט־ברויט... אין וואַרשע פלעגט איר זיך אַמאָל אויסצייכענען, אַלס עלעגאַנטער קאַוואַליער און ביי די באָלשעוויקעס, ווייזט אויס, האָט איר זיך אויסגעוועפּט.

— דאָרט קאָן מען אין אַלץ פאַרגעסן, אפילו ווי אויפצופירן זיך אין דער געזעלשאַפט פון אַ פריילן,—האָט ער, לאַכנדיק, זיך פאַרענטפערט.

זיי זענען געקומען אין רעסטאָראַן אויף דער „קעמפּע", וועלכע איז פון אַלע זייטן געווען אַרומגערינגלט מיט וואַסער און מיט שיפ־לעך, אין וועלכע מען האָט נישט אויפגעהערט צו שיפן זיך הין און צוריק.

ביים עסן האָט סאַלטשע זיך אָנגערופן:

— היינטיקן אָוונט וועל איך זיך דערלויבן צו טרינקען אַ גלאָז ביר... איך האָב שוין לאַנג קיין ביר נישט געטרונקען...

פיינשטיין האָט זיך אַ כאַפּ געטון און פאַרגעלייגט:

— אויסלענדישן ביר!

— אפילו טערקישן, אַבי ביר.

ער האָט גערופן דעם קעלנער און אויסגעשריגן:

— אַ האַלב טוץ אויסלענדישן ביר!

— וואָס טויג אייך אַ האַלב טוץ, ווער וועט עס טרינקען? — האָט סאַלטשע באַמערקט.

— אַז איר ווילט ביר, זאָל זיך גיסן ביר! — האָט פיינשטיין זיך אָנגעצונדן מיט סוחרישן פייער.

ווען דער קעלנער איז צוגעלאָפן און דערהערט „אַ האַלב טוץ אויסלענדישן ביר", האָט ער גענומען שמייכלען.

— נישטאָ היינט קיין אויסלענדישן ביר...

— וואָס הייסט, עס איז נישטאָ? פּילזענער, מינכענער, ביר פון דייטשלאַנד, פאַרשטייסטו שוין?

דער קעלנער האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— ווו זענען היינט די דייטשן? און ווו איז מינכענער מיט פּילזע־נער ביר! דאָס איז געווען אַמאָל, פאַר דער מלחמה און נישט היינט...

דער הער מיינט בוקאַרעשטער ביר, אָבער די בעסטע מאַר־קע! — האָט סאַלטשע באַמערקט.

— אָט אַזוי פאַרשטיי איך, — האָט דער קעלנער צופרידן גע־ענטפערט און באַלד געבראַכט דריי גרויסע גלעזער ביר.

נאָכן אָוונט-ברויט האָט פיינשטיין אָפּגעפירט סאַלטשען מיט ראָזען אין האָטעל.

סאַלטשע האָט אים פאַר דעם היינטיקן אָוונט אָפּגעדאַנקט און אים ווידעראַמאָל געבעטן, ער זאָל פאַרן אָפּפאָרן אַריינקומען צו איר. זיי האָבן זיך געזעגנט און פיינשטיין, בלייבנדיק אַליין, האָט אַ דאַנק דעם היינטיקן אָוונט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט סאַל־טשען, אָנגעהייבן בויען פאַרשידענע לופט־שלעסער. דאָס ערשטע מאָל האָט ער געזען אַזאַ גוטע באַציונג צו אים פון סאַלטשען.

ווען די ביידע מיידלעך זענען אַריין צו זיך אין צימער, האָט סאַלטשע זיך אָנגערופן:

— דער אָוונט איז איבערגעפלויגן. איך האָף היינטיקע נאַכט געשמאַק איינצושלאָפן, און מאָרגן וועט קומען בעני גאָלדשטיין!.. ווען דו, ראָזע, זאָלסט קענען וויסן און פאַרשטיין, ווי איך וואַרט אויף דער מינוט, ווען גאָלדשטיין וועט קומען — ווען דו זאָלסט קענען פאַרשטיין!

ראָזע האָט אויסגעהערט סאַלטשען און איז ווי אַלע מאָל אַריינגעפאַלן אין גרויס אומעט.

* * *

ווען בעני גאָלדשטיין האָט אויף מאָרגן פאַרנאַכט זיך אויפגעע־הייבן אויף די טרעפּ אין האָטעל צו סאַלטשען, האָט ער צו זיך געזאָגט:

— איך האָב אַזוי פיל אַרבעט מיט אָט די אומגליקלעכע היימ־לאָזע, אַז איך קאָן זיך נישט צערייסן, און דאָ וועל איך מסתמא מוזן פאַרברענגען אַ גאַנצן אָוונט מיט דודס געוועזענער כלה, וועלכע איז נאָך איצטער אין אים פאַרליבט. אַ געשעפט פאַר מיר! איך האָב

מער נישט וואָס צו טון? און וואָס וועט פון מיין איצטיקן וויזיט אַרויסקומען? גאָרנישט, אַן עבירה נאָר מיין צייט! איך האָב עפּעס וויכטיקערע אַרבעט צו טון. נאָר גאָרנישט, די וועלט איז אַ וועלט, אַפילו אין דער איצטיקער שרעקלעכער צייט פאַרליבט מען זיך אויך, און מען קאָן עס נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. איך מוז פאַר־לירן מיין טייערע צייט און אויסהערן אַ שווער האַרץ, און, ווידער, מען מוז זי אויסניכטערן, זאָל זי זיך נישט אַרומטראָגן מיט פּוסטע חלומות. אַ רחמנות אויף איר, און פאַר דודן מיט דינהן איז אויך גלייכער, עס זאָל אַרום זייער גליק נישט נאָכגיין ערגעץ אין דער וועלט אַ שוואַרצער שאָטן. מען מוז און עס איז זייער נויטיק זיך דורכצורעדן אָפנהאַרציק מיט דער פריילן פיינזילבער.

מיט די געדאַנקען האָט גאָלדשטיין אָנגעקלאַפּט אין טיר צו סאַלטשען.

די טיר האָט זיך באַלד געעפנט. סאַלטשע האָט אים מיט דער גרעסטער פרייד באַגעגנט. אויסער סאַלטשען איז קיינער נישט געווען אין צימער.

סאַלטשע האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ ווייכן פאָטעל און אים געבעטן זיצן. גאָלדשטיין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין פאָטעל און האָט געפילט ווי זיינע ביינער גלייכן זיך אויס פון דעם גאַנצן טאָג אַרומלויפעניש.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין צימער, וועלכעס איז געווען זייער שיין מעבלירט, און אין ווינקל איז געשטאַנען אַ פּיאַנאָ. אויף די אָפענע פענצטער זענען געהאָנגען שווערע פאָרהאַנגען. פון גאַס האָט מען נישט געהערט קיין שום רעש, און אין צימער האָט גע־הערשט אַן אָנגענעמע שטילקייט.

— אַ פאַרגעניגן דאָ זיך אָפּצורוען נאָך אַ טאָג שווערער אַר־בעט. איך מוז אייך זאָגן, פריילן פיינזילבער, ווען איך בין געגאַנ־גען צו אייך...

סאַלטשע האָט אים באַלד איבערגעשלאָגן די רייד.

— איך וועל אייך בעטן, ה׳ גאָלדשטיין, רופט מיך נישט ביי דעם פאַמיליע־נאָמען... רופט מיך פּראָסט ביי מיין נאָמען „סאַלטשע“. איר זענט דאָך אַ יוגנט־פריינט פון מיין חתן, וועלכער האָט צו אייך אַזוי פיל צוטרוי, רופט מיך אַזוי ווי ער האָט מיך גערופן: „סאַל־טשע“...

גאָלדשטיין האָט שווער אַראָפּגעשלונגען אירע צוויי ווערטער „מיין חתן”, נאָר ער האָט זיך בייגעקומען און געענטפערט:

— אַז איר ווילט, אַז עס זאָל זיין אַזוי, וועל איך אייך רופן ביי אייער נאָמען. יאָ, וואָס זשע האָב איך אייך געוואָלט זאָגן? ווען איך בין געגאַנגען צו אייך, האָב איך געטראַכט: איך בין אַזוי פאַרנומען, איך האָב אַזוי פיל צו טון מיט אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע גלויבן, אַז איך קאָן זיי עפּעס העלפן, זאָל איך גאָר אַזאַ אָוונט אַוועקגעבן אייך און דאַרפן אויסהערן אייער שווער האַרץ. איך האָב געטראַכט, גייענדיק צו אייך: אוודאי פילט איר זיך אומגליקלעך, אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט אייער אומגליק קעגן די הונדערטער און טויזנטער אומגליקלעכע, וועלכע וואַלגערן זיך דאָ אין רומעניע מיט קליינע קינדער און ווייסן נישט ווי דעם קאָפּ אַנידערצולייגן, וווהין ווייטער צו לויפן, און דאָ טרייבט מען זיי. אַזוי האָב איך זיך געטראַכט, גייענדיק צו אייך און האָב זיך געזאָגט: איך האָב נישט קיין רעכט אייך אַוועקצוגעבן צייט, דאַן ווען זי געהערט צו די אומגליקלעכע... אפשר וועל איך איינעם פון זיי קאָנען מיט עפּעס העלפן. נאָר איצטער, — האָט גאָלדשטיין ווייטער געזאָגט, — טוט מיר הנאה, וואָס איך בין געקומען צו אייך. אַ מענטש דאַרף זיך אָפּרוען. און ווען איר זאָלט מיר קאָנען מכבד זיין מיט אַ גלעזל טיי, וואָלט גאָר גוט געווען.

סאַלטשע האָט באַלד אָנגעקלונגען צום קעלנער און אים געהייסן ברענגען טיי מיט צובייסן.

—איצט וועט איר מיר דערלויבן אַ ביסל צו רעדן מיט אייך, — האָט סאַלטשע געזאָגט, זיך צוגערוקט אַ ווייכן פאָטעל און זיך געזעצט אַנטקעגן אים.

— איר האָט דאָ, ה׳ גאָלדשטיין, אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער, פון וועלכע עס קומט אויס, אַז איך נעם ביי אייך צו צייט, אין וועלכער איר וואָלט געקאָנט מער נוצן ברענגען די אומגליקלעכע היימלאָזע, אַז מיין אומגליק קעגן זיי איז גאָרנישט... עס קומט אויס, אַז איך לעב אין עשירות, עס פעלט מיר גאָרנישט, נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס איך קאָן נישט באַקומען פאַר געלט... היינט וואָס פאַר אַ ווערט האָט מיין אומגליק? אמת, עס איז זייער נישט אָנגענעם, ווען אַ כלה שטייט אונטער דער חופה און דער חתן קומט נישט און פאַרלאָזט זי. אמת, עס איז זייער שווער צו לעבן, ווען

מען האָט ליב אַ מענטשן, וואָס ער איז שוין געווען דיינער אויף אייביק און ער האָט דיך פאַרלאָזן און וויל מער פון דיר נישט וויסן... נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס קעגן אייערע אומגליקלעכע? אַזוי, ה׳ גאָלדשטיין, קאָנט איר און אַלע אַנדערע טראַכטן. אָבער, ה׳ גאָלדשטיין, — האָט סאַלטשע ווייטער גערעדט און צוגערוקט איר שטול נענטער צו אים, — איך וועל אייך דערציילן, אין וואָס איך האָב זיך דערמאָנט איצט: ווען איך בין אַ קליין מיידעלע געווען, געדענק איך, ווי זיצנדיק ביים טיש ביי אונדז אין דערהיים, האָט מיין פאָטער, וואָס האָט ליב צו דערציילן מעשיות פון יידישע ספרים, דאַן דערציילט, ווי איינער אַ געוועזענער גביר איז אַראָפּ צו דער מדרגה, אַז ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער בעטן נדבות. דער געוועזענער גביר איז געוויינט געווען ביים עסן צו טרינקען ווין, פלעגט ער גייענדיק איבער די הייזער אויך בעטן, מען זאָל אים געבן אַ ביסל ווין. און מיין טאַטע האָט געזאָגט, אַז אַזאַ אָרעמאַן איז אַ גרויסע מצווה צו געבן ווין... די דאָזיקע געשיכטע האָט אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. איך האָב פיל וועגן דעם געטראַכט און געדענק עס עד היום. איך גלויב, ה׳ גאָלדשטיין, ווען איר זענט דודס אַ חבר און האָט געלערנט מיט אים צוזאַמען, דאַרף איך אייך די דאָזיקע געשיכטע פון אַזאַ אָפּגעקומענעם גביר נישט צעקייען. איר פאַרשטייט אַליין דעם טיפן געדאַנק פון די ווערטער, אַז אַזאַ אָרעמאַן איז אַ גרויסע מצווה צו געבן ווין. דער געוויינלעכער עולם פאַרשטייט עס אַנדערש און עס רופט אַרויס ביי זיי אַ פאַרדרוס: „אַזאַ העזה פון אַן אָרעמאַן! אַנדערע בעטן ברויט צו שטילן דעם הונגער, און דער בעט גאָר ווין!" די ווערטער האָב איך געהערט פון איינעם, וואָס איז דאַן אויך געזעסן ביים טיש און עס געהערט פון מיין פאָטער דערציילן, און מיר האָבן עס פאַרשידן פאַרשטאַנען. און ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז ביי דאָס רוב מענטשן דער אָפּגעקומענער גביר אַן עזותניק. איך וויל אָבער גלויבן, אַז איר פאַרשטייט דעם אָפּגעקומענעם גביר אַזוי ווי איך...

—עס איז שווער, ה׳ גאָלדשטיין, אָפּצומעסטן יעדנס אומגליק מיט אַן אַרשין, און מען קאָן נישט וויסן וועמענס אומגליק עס איז גרעסער, לענגער, ברייטער און שוידערלעכער!

און פון סאַלטשעס האַרץ האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי:

— איר קאָנט נישט וויסן, ווער עס איז אומגליקלעכער: איך

אָדער די אַלע אומגליקלעכע, וואָס וואַלגערן זיך אויף די פעלדער און וועגן פון דניעסטער ביז בוקאַרעשט, וואָס זענען באַנעצט מיט יידיש בלוט און טרערן! איר קאָנט נישט וויסן! נישטאָ אַזאַ אַרשין, ה׳ גאָלדשטיין, מיט וועלכן מען זאָל קענען אויסמעסטן אַן אומגליק!.. זאָגט דאָס דודן, זאָל ער כאָטש וויסן!

- איך פאַרשפּאָר אים דאָס צו זאָגן, ער ווייסט אייערע לײַדן, ער פילט אייער אומגליק אפשר נאָך מער ווי איר!

סאַלטשע איז מיטאַמאָל פריילעך געוואָרן, טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן, לאַכעדיקע, גליקלעכע טרערן.

— וואָס־זשע זאָגט איר, ה׳ גאָלדשטיין, דוד ווייסט יאָ פון מיינע לײַדן, ער פילט יאָ מיין אומגליק... דאָס איז פאַר מיר די גרעסטע טרייסט! — האָט סאַלטשע לאַכנדיק און וויינענדיק איבערגעחזרט בעניס ווערטער, וועלכע האָבן געקלונגען אין אירע אויערן, ווי די שענסטע מוזיקאַלישע קלאַנגען.

— וואָס־זשע האָט איר געטראַכט וועגן דודן? — האָט בעני געפרעגט. — ער איז אַן אָפּנאַרער, אַ שווינדלער, צי וואָס? איך גלויב, אַז ווערנדיק זיין כלה, האָט איר אים גוט געקענט און איך גלויב, אַז איר ווייסט, אַז דוד איז נישט פעיק אויף קיין שלעכטע מעשים.

— אַ סך פון מיינע באַקאַנטע און בעסטע פריינט האָבן אים באַשולדיקט, נאָר איך מיט קיין זאַך נישט... איך האָב קיינמאָל אויף איין רגע נישט געצווייפלט אין זיין אָרנטלעכקייט און לייטישקייט, און טאַקע נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב אין אים אַזאַ גלויבן, האָב איך ביז איצטער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אים דאָס שענסטע און דאָס בעסטע... ווען איך זאָל כאָטש אויף איין מאָמענט קאָנען טראַכטן וועגן אים שלעכטס קעגן מיר, וואָלט איך מער זיין באַמען נישט דערמאָנט און וואָלט מיין גרויס אומגליק אַראָפּגעשלונגען אין זיך און דאָרטן אים מקבר געווען. נאָר איך קען דודן, אַז ער איז נאָר פעיק אויף שיינע און גוטע מעשים... דאָך ווייס איך ביז איצטער נישט, וואָס איז אַזוינס געשען, אַז ער האָט געמוזט מיך פאַרלאָזן אַפילו אָן אַ גוט וואָרט, און די אַלע סיבות, וואָס האָבן געבראַכט צו מיין אומגליק, ווייס איך אויך נישט... איך וויל ביי אייך אָדער דורך אייך זיך עפּעס דערוויסן... איך וויל נישט אויסמעקן פון מיין האַרצן דודן און בלייבן אויף אייביק אין דער פינצטער. און וואָס פאַר אַ שרעקלעכעס איך זאָל זיך איצט נישט דערוויסן, איז נישט אַזוי שרעק־

לעך, ווי דאָס נישט וויסן און בלאָנדזשען!.. ראַטעוועט, ה׳ גאָלדשטיין, מײַן צעבראָכן, צעוויטאָקט האַרץ און דערציילט מיר אַלץ, אַלץ! איך בין זיכער, אַז איך איז אַלץ באַוווּסט. איך ווייס, אַז דוד האָט צו אײַך צוטרויען! ער האָט מיט מיר נישט איינמאָל גערעדט מיט אַזוי פיל פריינטשאַפט און איבערגעגעבנקייט וועגן אײַך. האָט רחמנות אויף מיר!

ביי סאַלטשען האָט זיך ווידער באַוויזן טרערן. בעני האָט באַ־מערקט, ווי זי האַלט אין פאַלן אויף די קני און אים איז געלונגען אין דער צייט זי אָנצוכאַפּן פאַר די הענט און צוריק אַנידערזעצן אויף איר אָרט.

— באַרויקט אײַך, סאַלטשע. איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז ביי אַזאַ לאַגע וועט מיר אוממעגלעך זיין צו רעדן מיט אײַך. פריער פאַר אַלץ נעמט אײַך אָן מיט מוט און באַרויקט זיך, דאַן וועל איך אײַך אָפּן אַלץ דערציילן.

סאַלטשע האָט קוים געזאָגט:

— איר האָט רעכט. איך וועל זיין רויק

דער קעלנער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און אַריינגעבראַכט אַ טאַץ מיט צוויי גלעזער טיי און פאַרבייסן.

— זייער גוט, — האָט סאַלטשע זיך אַ כאַפּ געטון, דערזעענדיק דעם קעלנער מיט דער טאַץ. — אָ, ווי אַזוי איך נעם אויף געסט! טרינקט טיי און פאַרבייסט... איך זאָג אײַך צו, אַז איך וועל זיך אויפפירן זייער רויק.

דער קעלנער איז אַוועקגעגאַנגען און בעני האָט רויק און לאַנג־זאַם אַ פרעג געטון:

— זאָגט מיר נאָר, סאַלטשע, איר ווייסט גאָרנישט, וואָס עס איז פאָרגעקומען?

— ניין, — האָט זי רויק געענטפערט נאָך אַ ביסל טראַכטן.

— שוין־זשע גאָרנישט? דערמאָנט זיך? ניין, איך פרעג אײַך נישט ריכטיק, איך וועל עס אײַך דייטלעכער זאָגן: צי די גאַנצע צייט איז אײַך נישט איינגעפאַלן אַ חשד, ווער און וואָס עס איז שול־דיק אין דעם אומגליק? נאָך דייטלעכער: צי האָט איר זיך נישט משער געווען, פאַרוואָס איז דאָס אַזוי פלוצים געשען?

— יאָ, נאָך פיל איבערטראַכטן בין איך געקומען צו אַ באַשלוס, אַז צווישן דודן און מיר איז דאָ נאָך אַ פרוי.

— איר גייט אויף דעם ריכטיקן וועג און ווער איז די פרוי, דאַרפט איר אויך וויסן...

— וועגן דעם האָב איך אויך פיל געטראַכט, אַז די פרוי איז איינע דינה, וועגן וועלכער דודס באַקאַנטע האָבן מיר דערציילט נאָך איידער איך האָב זיך מיט אים נאָנט באַקענט.

— און דוד אַליין האָט אייך קיינמאָל וועגן איר נישט דערציילט?

— יאָ, ער פלעגט אַמאָל מיר דערציילן וועגן איר, ווי וועגן אַ שיין גערעטן מיידל, וועלכע ער האָט אַמאָל געקאָנט און אפשר געליבט, נאָר וועגן וועלכער ער האָט שוין לאַנג נישט געהערט, און אפשר איז זי שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ... אין אַזאַ טאָן פלעגט ער אַמאָל רעדן מיט מיר וועגן איר און זיך פאַרטראַכטן.

— ווייסט איר דאָך, סאַלטשע, כמעט אַלץ. היינט וואָס זאָל איך אייך דערציילן?

— איך פאַרשטיי אייך נישט, הער גאָלדשטיין! איר זאָגט, אַז איך ווייס אַלץ — איך ווייס גאָרנישט! איך בעט אייך נאָכאַמאָל, ה׳ גאָלדשטיין, מיר אַלץ צו דערציילן. איך זוך קלאָרקייט...

— אוודאי וועל איך אייך אַלץ דערציילן. איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך האָב אייך געשטעלט עטלעכע פראַגן, ווייל עס איז מיר זייער ווייטיק געווען צו וויסן, צי עס איז אייך געווען באַקאַנט דער נאָמען דינה.

אַ גאַנצע שעה האָט בעני איר דערציילט וועגן די באַציונגען פון דינהן מיט דודן, ווען זיי זענען נאָך גאָר יונג געווען ביז אין דער לעצטער מינוט, ווען ער, בעני, האָט באַקומען דינהס בריוו, אויף לייוונט געשריבן, וועלכן ער האָט אים איבערגעשיקט קיין בערלין און דוד האָט אים באַקומען מיט אַ פּאָר טעג פריער, ווען ער האָט זיך געקליבן צו פאָרן צו זיין חתונה מיט סאַלטשען.

סאַלטשע איז די גאַנצע צייט געזעסן און געשלונגען יעדעס וואָרט און אַליין האָט זי קיין וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט. און ווען בעני האָט געענדיקט זיין לאַנגע דערציילונג, האָט ער זיך געווענדט צו סאַלטשען:

— איצט זאָגט מיר, צי קאָנט איר באַשולדיקן דודן? ער האָט קיין זאַך פאַר אייך נישט באַהאַלטן. איר האָט וועגן אַלץ געוווסט. ווער איז שולדיק, וואָס דינה איז פון טויט לעבעדיק געוואָרן. און

דער צופאַל האָט אַזוי געוואָלט, אַז זי האָט גראַדע פאַר זיין חתונה מיט אייך געגעבן צו וויסן, אַז זי לעבט. האָט ער דען אַן אַנדער וועג געהאַט? איך פרעג אייך, צי יעדער אָרנטלעכער מענטש וואָלט זיך אַנדערש אויפגעפירט אָדער אויף עפּעס אַנדערש זיך געקאָנט באַשליסן?

סאַלטשע האָט געשוויגן און בעני האָט ווייטער גערעדט:

— איך ווייס אַלץ וועגן דודן און וועגן אייך. ער האָט מיר וועגן אַלץ דערציילט. איך קען אים און קען אייך. ער האָט גאָרנישט באַהאַלטן פאַר מיר. נאָר זיין פאַרוואונדעט האַרץ מיט אַלע זיינע גרויסע אוממענטשלעכע ליידן האָט ער באַהאַלטן אין זיך. ווייטער האָט ער זיין גאַנץ האַרץ, זיין גאַנצע שיינע נשמה געעפנט פאַר מיר, און איך האָב אייך אַלץ איבערגעגעבן. און איצט פרעג איך אייך נאָך אַמאָל: צי קאָן מען אים כאָטש אין עפּעס באַשולדיקן?

סאַלטשע איז ווייטער רויק געזעסן אויף איר אָרט און קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט.

עטלעכע מינוט זענען זיי אַזוי געזעסן, שווייגנדיק.

ענדלעך האָט זיך סאַלטשע רויק און שטיל אָנגערופן:

— ה׳ גאָלדשטיין, איר האָט שוין אַלץ געענדיקט?

— דאַכט זיך, יאָ... אויב אייך איז עפּעס געבליבן נישט קלאָר, פרעגט מיך. איך מיין, אַז איך האָב גענוג קלאָר דערציילט.

— אויף נאָך איין פראַגע וויל איך, איר זאָלט מיר ענטפערן: ווי איז אייער מיינונג, איר קענט דאָך דודן, אפשר נאָך מער ווי איך, ווי קומט עס פאָרט, ער זאָל זיך באַשליסן צו ווערן מיין חתן, דאַן ווען ער האָט אַמאָל אַזוי געליבט דינהן, אַפילו ווען ער האָט זי שוין גערעכנט פאַר טויט?

— שטעלט אייך פאָר, — האָט בעני זיך אַ כאַפּ געטון, — אַז ווען ער האָט מיר וועגן אַלץ דערציילט, האָב איך אים דאָסזעלבע געפרעגט, און ער האָט מיר געענטפערט, אַז איר ווייסט זייער גוט פאַרוואָס עס איז אַזוי געשען.

— איך ווייס? — האָט סאַלטשע געצויגן מיט די אַקסלען.

— יאָ! אַזוי האָט ער מיר געזאָגט, און אויב איר האָט פאַרגעסן, וועל איך פרוון אייך דערמאָנען, לויט ווי ער האָט מיר איבערגעגעבן... יאָ, אין באַזעל איז דאָס געוועזן?.. איר האָט שפּאַצירט ביי די ברעגן פון מייך ריין... ער האָט גערעדט וועגן די פאַרבלוטיקטע

פּאָדאָליער און אוקראַינער פעלדער און ער האָט אייך געזאָגט, אַז ווען ער זאָל זיך מיט אייך נישט באַגעגענען, וואָלט ער נאָך דינהן קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. נאָר אין אייך האָט ער געפונען אַ סך ענליכעס צו דינהן. דוד האָט זיך דאַן בכלל געהאַלטן ווייט פון פרויען, נאָר צו אייך האָט ער זיך צוגעבונדן, ווייל ער האָט אין אייך געפונען פיל ענלעכעס צו דינהן. איר האָט דערפון געוווסט, און,ווירקלעך, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס איך קאָן אייך זייער אַ קורצע צייט, זענט איר מיט דינהן זייער ענלעך נישט נאָר אין אויסזען, נאָר אויך אין אייערע מעלות. אייך טיילט נאָר אָפּ, וואָס איר האָט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן, און זי — שוואַרצע האָר און נאָך שוואַרצערע אויגן. איר האָט אַלץ געוווסט, סאַלטשע, אַזוי האָט מיר דוד געזאָגט.

סאַלטשטע האָט נישט אָפּגעלייקנט און האָט געשוויגן.

בעני, ווענדיק זי אַרויסרופן פון איר שווייגן, האָט ווידער אָנגעהייבן רעדן:

— אין אייער לעבן, איך וויל זאָגן, אין דעם אומגליק, וואָס האָט נישט נאָר אייך געטראָפן, נאָר אויך דודן, איז געווען שולדיק אייער באַגעגעניש, און דערנאָך ווידער אַן אומגליקלעכער צופאַל, דאָס הייסט, דינהס בריוו, אַז זי לעבט און וואַרט, אַז ער זאָל קומען זי ראַטעווען... דער בריוו איז אָנגעקומען אַ פּאָר טעג פאַר אייער חתונה. ווען ער קומט אָן צו אים אַ פּאָר טעג נאָך דער חתונה, וואָלט שוין אַנדערש געווען.

סאַלטשע האָט זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטון פון איר אָרט.

— איר זאָגט, אַז דער בריוו איז געווען אַן אומגליקלעכער צופאַל. אוי, ניין! פאַרקערט! דאָס, וואָס דער בריוו איז אָנגעקומען פאַר דער חתונה, איז געווען אַ גרויס גליק אין מיין אומגליק, ווייל נאָך דער חתונה וואָלט געווען אַ סך ערגער. איר האָט אַ טעות, ה׳ גאָלדשטיין, אַ גליק איז דאָס געווען, וואָס איר האָט אים צוגעשיקט דינהס בריוו אין דער ריכטיקער צייט. ווען איר פאַרשפּעטיקט צופעליק, וואָלט געשען דער גרעסטער אומגליק.

סאַלטשע האָט נאָך אַ קורצער פּויזע ווייטער געזאָגט:

— ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט דודן אין באַזעל און ווען מיט אַ צייט שפּעטער האָט עס געהאַלטן דערביי, איך זאָל באַשליסן אַ כלה צו ווערן פאַר אים, האָב איך, וויסנדיק זייער גוט זיין

פאַרגאַנגענהייט — דאָס איז אמת, דוד האָט פון מיר גאָרנישט באַ־האַלטן און איך האָב אַלץ געוווּסט — האָט מיר געשטערט צו מיין פּולקומענעם גליק דאָס, וואָס דוד האָט אַמאָל ליב געהאַט... און ווער ווייס, האָב איך געטראַכט, אפשר האָט דינה נאָך איצט איבערגעלאָזן סימנים אין זיין האַרצן? נאָר איך האָב צו זיך געזאָגט: מיט מיין פּערזאָן האָב איך דאָס רעכט צו טון, וואָס איך וויל, און ליב האָבנ־דיק דודן ביז משוגעת, האָב איך ביי מיר באַשלאָסן: בעסער ביי דודן זיין אַ קאָפּיע פון דינהן, איידער ביי אַן אַנדערן דער אָריגי־נאַל... אָבער איך האָב געוווּסט, אַז איך בין ביי דודן אַ קאָפּיע פון אַ געשטאָרבענער, אַ קאָפּיע פון אַ חלום. ווען אָבער איר בריוו קומט אָן צו אים נאָך אונדזער חתונה, וואָלט איך געווען אַ קאָפּיע פון אַ לעבעדיקן אָריגינאַל... אויף דעם וואָלט איך קיינמאָל נישט באַשטאַנען, און ווער ווייסט, וואָס דאַן וואָלט געשען מיט מיר און מיט דודן. יאָ, ה׳ גאָלדשטיין, בעסער וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט. אייער בריוו האָט איר צוגעשיקט צו דער רעכטער צייט...

— און איך האָב אַנדערש געדענקט. אפשר זענט איר גע־רעכט...

— געוויס בין איך גערעכט. דאָס איז געווען נישט קיין אומ־גליקלעכער, נאָר אַ גליקלעכער צופאַל

בייביידן האָבן זיך אויסגעלאָזט די רייד און זיי האָבן גע־שוויגן. בעני האָט געזוכט אַ פּאָר ווערטער, ער זאָל קאָנען פאַרענ־דיקן זיין שמועס, און זיך געזעגענען מיט איר, אָבער ער האָט נישט געפונען קיין ווערטער. ער האָט באַמערקט, ווי פון אירע אויגן גיסן זיך טרערן

— איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט צו זיין רויק און נישט וויי־נען, — האָט גאָלדשטיין זי גערירט דערמאָנט.

— איר זעט דאָך? אַז איך בין גאַנץ רויק און שטיל. די טרערן גיסן זיך אָן מיין וויסן. איך קאָן איצטער איבער זיי נישט געוועלטיקן.

י האָט אויסגעווישט די טרערן און זיך אָנגערופן׳

— באַלד וועלן מיר זיך מסתמא געזעגענען און מיר וועלן זיך געוויס מער נישט טרעפן... ביז איצט האָט אין מיר גערעדט דער מענטש, איצט וועט אין מיר רעדן די פרוי: איז דינה טאַקע אַזאַ

מיידל, וואָס איז געוואָרן פֿון דודן? איר קענט זי דאָך גוט פֿון אירע קינדער־יאָרן.

— יאָ, זי איז ווערט...

סאַלטשע איז ווידער אָן ווערטער געבליבן און דערנאָך זיך אָנגערופֿן:

— זאָגט דודן, ער זאָל זיין גליקלעך און אַז איך וועל קיינמאָל זיין גליק נישט שטערן. ער וועט קיינמאָל פֿון מיר נישט הערן...

נאָך אַ פּאָר מינוט שווייגעניש האָט זיך בעני אָנגערופֿן

— דאַכט זיך, אַז אונדזער שמועס האָט זיך געענדיקט. אויב איר האָט נאָך עפּעס צו פֿרעגן ביי מיר, פֿרעגט. איך גלויב, אַז איר וועט מיר דערלויבן זיך געזעגענען מיט אייך.

—אויב איר ווילט נאָך זיצן ביי מיר, איז מיט פֿאַרגעניגן, נאָר מער פֿרעגן האָב איך נישט וואָס. איך דאַנק אייך פֿאַר אַלץ און פֿאַר אייער גוטסקייט, וואָס איר זענט געקומען צו מיר.

— נישטאָ פֿאַר וואָס צו דאַנקען... נאָך אונדזער באַגעגעניש איז געווען מיין חוב צו זיין ביי אייך און אויפֿקלערן דעם ענין...

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט בעני זיך אויפֿגעהייבן פֿון אָרט און געוואָלט זיך געזעגענען, נאָר סאַלטשע האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— איך וואָלט אייך בעטן בלייבן ביז מיין חברטע וועט קומען, איך וויל היינט נישט בלייבן אַליין...

בעני איז געבליבן און איז גלייך איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנ־דער שמועס: ער האָט דערציילט וואָס פֿאַר אַ שווערע אַרבעט ער האָט געהאַט מיט די היימלאָזע, וועלכע געפֿינען זיך אין בוקאַרעשט און וואָס אַמאָל, ווערט די לאַגע אַלץ ערגער.

— ווי בין איך אייך מקנא, וואָס איר באַשעפֿטיקט זיך מיט אַזאַ נוצלעכער אַרבעט...

— מקנא זיין איז נישטאָ וואָס. עס העלפֿט נישט, מען מוז יענעם העלפֿן! די אַלע, וואָס קומען אַריבער פֿון יענער זייט דניעסטער, בעטן זיך אין הילף. אַליין זענען זיי נישט אומשטאַנד זיך צו העלפֿן, ווי קליינע שוואַכע קינדער... אַלע זענען דערשראָקן און אַלע אומבאַהאָלפֿן און אומגליקלעך. מען מוז זיי העלפֿן אַוועקפֿאָרן.

— פֿאָרן אַ סך אַוועק?

— זייער ווייניק. אַלע טירן זענען פֿאַר זיי פֿאַרמאַכט. נאָר וויפֿל מען קאָן ראַטעווען, איז אויך גוט. אָט די צוויי מיידלעך, וואָס איר

האָט נעכטן אין רעסטאָראַן געזעצן מיט מיר, פאָרן שוין ענדלעך מאָרגן אין אַ גוטער שעה.

— די, יועלכע עס איז שטאַרק געפעלן מיין אַלט וואַרשעווער היטעלע? — האָט סאַלטשע מיט אַ שמייכל זיך דערמאָנט.

— יאָ, דיזעלבע... די צוויי שוועסטער האָבן זיך, נעבעך, געגנוג אָנגעליטן. אויף אַזעלכע יונגע קינדער דאַרף מען אַכטונג געבן, זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן צו קיין שווינדלער. איצטער בין איך שוין מיט זיי רויק.

— איך האָב שוין וועגן אַזעלכע שווינדלער געהערט:

— עס שווימלט און גריבלט מיט זיי אין גאַנץ באַסאַראַביע, אין גאַנץ רומעניע, מען האָט זיך געמאַכט פרנסות פון די היימלאָזע און מען זויגט זייער בלוט! מען מוז דערויף אַכטונג געבן. נישט אַלעמען אָבער געלינגט צו ראַטעווען.

— זאָגט מיר, ה' גאָלדשטיין, ווי אַזוי איז מעגלעך, איך זאָל אייך קענען זיין נוצלעך פאַר די אומגליקלעכע? — האָט סאַלטשע פלוצים אַ פרעג געטון

— וואָס אייך פאַלט איין... מיט וואָס קענט איר זיי העלפן?

— אָט דאָס פרעג איך דאָך אייך טאַקע?

ער האָט געזאָגט:

— נישט פאַר אייך. מען דאַרף האָבן דערצו אַנדערע כוחות. ניין, נישט איר, נישט פאַר אייך איז אַזאַ אַרבעט.

אין שמועס האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען ראָזע מיט באָריס פיינשטיין, וועלכער איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון דער טיר און געפרעגט, צי איז אים דערלויבט אַריינצוקומען.

סאַלטשע האָט אים אַריינגעבעטן.

בעני האָט נישט געוואַרט, מען זאָל אים באַקאָנען מיט די נייע אָנגעקומענע. ער האָט זיך פריינטלעך געזעגנט מיט סאַלטשען, וועלכע האָט אים באַגלייט אָן ווערטער ביז די טרעפ.

און אָן ווערטער זענען זיי זיך צעגאַנגען און סאַלטשע איז געבליבן שטיין ביי די טרעפ און לאַנג אים נאָכגעקוקט.

ווען זי איז אַריין צוריק אין צימער, האָט זי פיינשטיין פריילעך באַגעגנט:

— איר וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב נישט טעלעפאָנירט

און בין געקומען צו אייך אָן אַ דערלויבעניש... איך האָב אָפּגעפּירט ראָזען. מיר זענען צוזאַמען געווען אין אַ „קינאָ". אפשר וואָלטן מיר זיך איצט אַלע דורכגעפאָרן אין אַ אויטאָמאָביל? די נאַכט איז אַזוי שיין!

— ניין, איך דאַנק אייך. אפשר מאָרגן, קומט צוגיין פאַרנאַכט... איך פיל זיך איצטער נישט אַזוי גוט און וויל זיך פריער לייגן שלאָפן.

— נו, אויב אַזוי, וועט איר מיר אַנטשולדיקן, מאָרגן וועל איך זיין ביי אייך..

ווען פיינשטיין איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך סאַלטשע מיד אַראָפּגעלאָזט אין איר ווייכן שטול, וווּ זי איז פריער געזעסן אַקעגן בעני גאָלדשטיין און איז געבליבן זיצן, ווי אַ שטומע. זי האָט נישט געפרעגט ראָזען, וווּ זי איז געווען, ווי גלייך זי וואָלט פאַר זיך קיין שום מענטשן נישט געזען

זי האָט זיך אָנגעהייבן צו דערמאנען אָן אַלעם, וואָס גאָלדשטיין האָט איר דערציי..ט און זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די גליקלעכע טעג אין באַזעל, ווען זי איז דעם יונגן דאָקטאָרס כלה געוואָרן און אַלע מיידלעך האָבן זי מקנא געווען. דערנאָך האָט זי זיך געוואָלט דערמאַנען אָן זיין לעצטן שמועס מיט איר וועגן די אומגליקלעכע היימלאָזע, אָבער זי האָט גאָרנישט געדענקט, ווייל זי האָט געהערט איין וואָרט איבער דעם צענטן. זי האָט זיך נאָר דערמאַנט אָן זיינע ווערטער, ווי גאָלדשטיין האָט געענטפערט אויף איר בקשה, אַז זי וויל אויך אַרבעטן און נוצ עך זיין די אומגליקלעכע היימלאָזע: „נישט פאַר אייך אַזאַ אַרבעט, מען דאַרף דערצו האָבן אַנדערע כוחות", האָט ער געזאָגט.

ראָזע האָט זיך אויסגעטון, געקוקט אויף איר און אויך זיך מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן. זי האָט גוט געוווּסט, וואָס סאַלטשע לעבט איבער נאָך גאָלדשטיינס וויזיט.

פלוצים האָט זיך סאַלטשע אָנגערופן

— דו הערסט, ראָזע

— וואָס איז? איך הער...

— גאָלדשטיין, דודס בעסטער פריינט, איז דאָ געווען ביי מיר.

— איך ווייס... איך האָב דאָך אים געזען, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען.

— ווייסטו, אַז ער איז געשטאָרבן פֿאַר מיר?

— ווער איז געשטאָרבן? — האָט ראָזע געפֿרעגט, כאָטש זי האָט ווייער גוט געוווּסט וועגן וועמען זי רעדט.

— דוד איז געשטאָרבן!...

ראָזע האָט שטיל געזאָגט:

— ווער ווייסט עס נישט, אַז ער איז שוין לאַנג פֿאַר דיר געשטאָרבן. נאָר דו האָסט עס נישט געוואָלט וויסן...

— יאָ, איצטער ווייס איך שוין אויך!

— עס איז געזינטער פֿאַר דיר, וואָס דו ווייסט שוין אויך.

— זאָג מיר, ראָזע, — האָט זי געפֿרעגט נאָך אַ ביסל טראַכטן, — צו וואָס, אַ שטייגער, לעב איך אויף דער וועלט?

ראָזע, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר דעם שפּיגל און פֿאַרפֿלאָכטן אירע האָר, האָט אומגעקערט דעם קאָפּ צו איר, זי אָנגעקוקט און געענטפֿערט:

— ווייל דו ביזט באַשאַפֿן געוואָרן אויף דער וועלט, לעבסטו, גלייך ווי אַלע...

— ניין, נישט ווי אַלע! בעני גאָלדשטיין און פֿיל אַנדערע טוען אַ סך גוטס אויף דער וועלט, זיי ברענגען נוצן מיט זייער לעבן, און איך — גאָרנישט... איך האָב נישט וואָס צו טון אויף דער וועלט!

— ווען דו וועסט וועלן, וועסטו אויך האָבן וואָס צו טון!..

— ניין, איך טויג צו גאָרנישט... אָט האָב איך ערשט נישט לאַנג געזאָגט גאָלדשטיינען, אַז איך וויל אויך אַרבעטן און העלפֿן די אומגליקלעכע היימלאָזע, וועלכע נייטיקן זיך אַזוי אין הילף. האָט ער מיר געענטפֿערט: „נישט פֿאַר אייך אַזאַ אַרבעט, נישט פֿאַר אייערע כּוחות".

— דאָס זענען נאָר ווערטער. יעדער מענטש, וואָס וויל טון גוטס פֿאַר יענעם, קען עס טון אומעטום, וווּ ער געפֿינט זיך. אומעטום זענען דאָ אומגליקלעכע, וועלכע נייטיקן זיך אין הילף, מען דאַרף נאָר וועלן!

— און איך טויג צו קיין זאַך נישט. איך בין אויף דער וועלט אַן איבעריקע. איך פּלאָנטער זיך אַרום, קיינער דאַרף מיך נישט!

— הער שוין אויף צו רעדן נאַרישקייטן! זיי אַ מענטש גלייך מיט אַלע... אָט בין איך איצטער געוועזן מיט פֿיינשטיינען אין אַ קינא, פֿול געפּאַקט מיט מענטשן. מען לאַכט, מען פֿאַרברענגט, עס

איז פריילעך, מען לעבט... און דערנאָך זענען אַלע מענטשן זיך צע־גאַנגען און נייע זענען געקומען און ווידער פאַרפולט דעם גרויסן זאַל...

— דאַרף מען דאָך קענען אַזוי לעבן, ווי אַנדערע...

— מען מוז עס קענען, אַז נישט, טויג נישט. וואָס האָסטו זיך אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ דודן... און אַז נישט דוד, איז שוין אויס וועלט? אָט האָסטו אַזאַ טייערן, געזונטן, שיינעם יונגנמאַן, ווי באָריס פײַנשטיין... דו וואָלסט דאָך גליקלעך געווען מיט אים!

— ברררר! — האָט סאַלטשע מיט עקעל זיך אָנגערופן. — איך קען נישט קוקן אויף דעם שטיק פלייש מיט די שמאַלציקע אייגעלעך.

— ווען ער געפעלט דיר נישט, איז דאָ יעקב לערנער... עס פעלן נישט קיין יונגע לייט פאַר אַזאַ מיידל, ווי דו!

— הער אויף צו רעדן, איך בעט דיך.

— כאָ רעד איך נישט! ווי דו ווילסט זיך! טו נאָר אַ קוק, וואָס פאַר אַ שיינע נאַכט היינט איז און דו דאַרפסט זיצן אין שטוב אין דער שטיקעניש, זיך געמאַכט אַ יום־טוב תשעה־באב...

ראָזע האָט איר געטייטלט מיטן פינגער:

— געדענק, סאַלטשע, אַז דו וועסט זיך נישט איבעראַנדערשן און קליגער ווערן, קען, חס ושלום, קומען אַזאַ צייט, אַז דו וועסט זוכן אין אַזאַ שיינער נאַכט גוט צו פאַרברענגען און וועסט קיינעם נישט געפינען... אין די זומער־נעכט וועסטו זיך לייגן שלאָפן גלייך מיט די הינער און משוגע ווערן פון אומעט און לאַנגווייל...

— דו ביזט גערעכט, ראָזע, ביי מיר איז היינט תשעה־באב. מיין בית-המקדש איז פאַרברענט געוואָרן... וואָס געהער זיך איצטער אָן צו מיר די שיינע נאַכט?

— איך האָב מיט דיר מער נישט וואָס צו רעדן! — האָט ראָזע אַ ברוגזע געזאָגט און אויף גיך אָנגעהייבן אַראָפּוואַרפן די שיך, זיך אַריינגעכאַפּט אין בעט און אַריינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן.

— האָסטו שוין עפּעס געגעסן, וואָס דו האָסט שוין געמאַכט נאַכט? — האָט סאַלטשע געפרעגט.

— געוועזן מיט פײַנשטיינען אין אַ קאָנדיטעריי. וואָס דען, אַזוי ווי דו?!...

אין אַ האַלבע שעה שפּעטער איז שוין אין סאַלטשעס צימער

געוועזן פינצטער אין פון איר געלעגער האָט זיך געהערט אַ שטיל געוויין.

ראָזע האָט זיך אויפגעכאַפּט:

— שוין ווידער טרערן?

—איך וועל מער נישט וויינען, — האָט סאָלטשע געזאָגט און אין צימער איז שטיל געוואָרן ווי אין אַ יום־כיפּורדיקער נאַכט.

* *

*

צומאָרגנס פאַרנאַכט, ווען באָריס פיינשטיין איז געקומען, איז סאָל־טשעס בעט געווען פאַרשטעלט מיט אַ שפּאַניש ווענטל.

ראָזע האָט אין דער שטיל געזאָגט, אַז סאָלטשע איז נישט געזונט. זי האָט היינט גערופן דעם דאָקטאָר און ער האָט געזאָגט, אַז זי זאָל אַ פּאָר טעג נישט אַרויס פון בעט. זי דאַרף האָבן אומ־באַדינגטע מנוחה. איצט דרעמלט זי.

ראָזע האָט אים ווייטער דערציילט, אַז זי האָט זיך מיטאַמאָל איינגעאַנצן געענדערט. זי רעדט ווייניק און האָט נישט קיין אַפּעטיט צום עסן. היינט האָט זי נאָך נישט גענומען אין מויל אַריין, כאָטש דער דאָקטאָר האָט איר דווקא געהייסן עסן וואָס זי וויל נאָר. זי איז זייער אָפּגעשוואַכט און האָט פאַרלוירן דעם חשק צו לעבן.

זי האָט זיך מיט פיינשטיינען געהאַלטן אַן עצה: אפשר זאָל מען טעלעגראַפירן אָדער שרייבן אירע עלטערן, אַז איינער פון זיי זאָל קומען צופאָרן?

— איך האָב אָבער מורא סאָלטשען דאָס צו טון. זי וועט גע־וויס דערויף נישט באַשטיין, — האָט ראָזע באַמערקט.

— לאָמיר וואַרטן נאָך אַ פּאָר טעג, — האָט פיינשטיין געראַטן.

סאָלטשע האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערפילט, אַז אין צימער געפינט זיך אַ פרעמדער מענטש. זי האָט געפרעגט, ווער איז דאָ אין צימער.

זי האָט געהייסן ראָזען אָפּרוקן דאָס שפּאַניער ווענטל און פיינ־שטיינען זאָל צוגיין נענטער.

ער האָט באַמערקט, ווי זי האָט זיך מיטאַמאָל זייער געענ־דערט. אָבער איר קאָפּ, וואָס איז געלעגן אין אַ וואַלד גאָלדענע האָר, צעשאָטן אויף אַ ווייסן קישן, האָט אויסגעזען רייצנדיק שיין.

— וואָס זשע איז מיט אייך? — האָט פיינשטיין געפרעגט.

— איר זעט דאָך, אַז איך בין קראַנק... זאָגט נאַר, פיינשטיין, ווען רעכנט איר צו פאָרן קיין וואַרשע?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז נישט שפּעטער, ווי נאָך שבת.

— איך וועל אייך בעטן, איר זאָלט גאָרנישט זאָגן מיינע על־טערן, אַז איך בין קראַנק... ביז איר וועט אַוועקפאָרן, וועל איך געוויס געזונט ווערן.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט זאָגן? פאַרקערט, אייערע עלטערן דאַרפן וויסן... איך מיין, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט אפילו זיי צו טעלעגראַפירן.

סאַלטשע האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ.

— וואָס רעדט איר? נאָך טעלעגראַפירן! [illegible] וועלן זיך דאָך דערשרעקן און קומען צולויפן.

— נו, קאָן מען שרייבן.

— ניין, מען דאַרף נישט... איך וויל טאַקע וועגן דעם בעטן.

— איר זעט דאָך אָבער אַזוי שלעכט אויס... מיטאַמאָל האָט איר זיך אינגאַנצן געענדערט.

— אַזוי מיינט איר?.. — האָט זי מיט אַ קראַנקן שמייכל גע־פרעגט און געבעטן ראָזען דערלאַנגען איר דאָס שפּיגעלע, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם קליינעם טישל.

סאַלטשע האָט אָנטקעגן איר געזיכט געדרייט דאָס שפּיגעלע אויף אַלע זייטן און זיך אָנגערופן:

— עס, נאַרישקייטן! איך בין דערזעלבער נאַר, וואָס פריער..

פיינשטיין האָט געשמייכלט.

— גאָר אַ נאַר, דאָס וועלן אויף אייך די גרעסטע שונאים נישט זאָגן.

— איך האָב דען שונאים?

— עס רעדט זיך אַזוי. ווי קומען צו אייך שונאים? איר האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון.

— הייסט עס, איר זאָגט אויך, אַז איך האָב קיין שונאים נישט און אַז איך האָב קיינעם אין מיין לעבן קיין שלעכטס נישט געטון. פאַרוואָס־זשע לייד איך אַזוי אויף דער וועלט און קאָן נישט לעבן, אַרבעטן און גליקלעך זיין, ווי אַ סך אַנדערע? איך האָב אפילו נישט קיינעם צו באַשולדיקן אין מיין אומגליק, נאַר זיך אַליין...

פיינשטיין האָט קיין איינציק וואָרט נישט פאַרשטאַנען פון אירע רייד און ער האָט עס אָנגענומען, אַז זי רעדט בלאָט אַזוי אין דער וועלט אַריין, ווייל זי איז אָפּגעשוואַכט.

דערפאַר האָט ראָזע פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט.

פיינשטיין האָט זיך געזעגנט און געזאָגט, אַז מאָרגן וועט ער אַריינקומען.

*

*

אין דעמזעלבן פאַרנאַכט איז בעני גאָלדשטיין אָפּגעפאָרן פון בוקאַרעשט צו זיך אַהיים קיין דאַר־ברעשקטי. ער איז געווען זייער צופרידן פון זיין אַרבעט אין בוקאַרעשט. אמת, נישט אַלעמען איז אים געלונגען צו העלפן, נאָר אייניקע האָט ער דאָך איינגעאָרדנט. ער האָט היינט באַגלייט די צוויי שוועסטער צום באַן, און זיי זענען אַוועקגעפאָרן צו דער שיף. צוזאַמען מיט זיי זענען, אַ דאַנק זיין אַרבעט, אויך אַוועקגעפאָרן נאָך עטלעכע נפשות. אַ דרייסיק נפשות האָט ער איינגעאָרדנט מיט אַ וווינונג און באַקומען פאַר זיי פּאַפּירן, זיי זאָלן מעגן וווינען אין בוקאַרעשט, ביז זיי וועלן זיך דערוואַרטן אויף די „וויזעס". נאָר זיצנדיק אין וואַגאָן, האָט ער מער געטראַכט פון זיין חבר דוד און באַזונדערס פון זיין געוועזענער כּלה סאַלטשען.

— וואָס פאַר אַ לייטיש קינד זי איז! ווי קלוג און ווי שיין! ערשט איצט פאַרשטיי איך דודן! די גאַנצע צייט האָב איך אים נישט פאַרשטאַנען, ווי קומט עס, אַז ער, דוד, זאָל אָפּטון אַזאַ געשיכטע! איצטער איז מיר אַלץ קלאָר... און איך שטעל זיך פאָר די גרויסע ליידן, וואָס דוד טראָגט אין זיך און ווי אומגליקלעך איז, נעבעך, די אומשולדיקע סאַלטשע! נאָר וואָס קאָן ווער העלפן דערצו, אַז דאָס לעבן באַשאַפט אַזעלכע שרעקלעכע אומשטענדן און פּלאָנטערס!

בעני האָט זיך פאַרטראַכט און ווידער צו זיך געזאָגט:

— איך וועל דודן קיין וואָרט נישט זאָגן, אַז איך האָב זיך מיט איר באַגעגנט. צו וואָס צערייצן די שרעקלעכע ווונדן! קיין וואָרט נישט! זאָל נאָר דינה בשלום וואָס גיכער קומען. זיי וועלן חתונה האָבן און זיך אַוועקפאָרן געזונטערהייט קיין בערלין.

ווידער האָט ער נישט ווילנדיק געטראַכט וועגן סאַלטשען.

— וואָס־זשע? דאָס איז אַ גאָט־זאַך! די צייט וועט אפשר

אויסהיילן אירע וווּנדן, זי וועט אויך חתונה האָבן און וועט גליק־לעך זיין. זי איז שיין און רייך, זי דאַרף זיך נאָר באַגעגענען מיט אַ פיינעם יונגנמאַן... און אַזאַ יונגערמאַן וועט זיך מסתמא אויך אויס־געפינען.

בעני האָט זיך באַרויקט, בלייבנדיק ביי דעם באַשלוס, אַז ער וועט דודן קיין וואָרט נישט זאָגן וועגן זיין באַגעגעניש מיט סאַל־טשען.

דער צוג, אין וועלכן בעני האָט זיך געפונען, איז צוגעפאָרן צו דער סטאַציע יאסי, ווו מען דאַרף וואַרטן אַ פּאָר שעה אויף אַן אַנדער צוג.

בעני האָט נישט געוואָלט זיך אַרומפּלאָנטערן אויפן וואָקזאַל, איז ער געפאָרן מיטן טראַמוויי אין שטאָט אַריין, אָנקוקן יאסי, זיך זען מיט באַקאַנטע, אויב עס וועט זיך מאַכן, אָדער אַזוי גלאַט פאַר־ברענגען די צייט אין אַ רעסטאָראַן אָדער אין אַ קאָנדיטעריי.

אַראָפּגייענדיק פון טראַמוויי, האָט בעני פּלוצים באַגעגנט דאָר־דין צוזאַמען מיטן דאָקטאָר שטיינמאַן.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט בעני אויסגעבראָכן מיטביידע הענט און אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן. — און דו, דוד וואָס טוסטו דאָ?

— אַ גאַנצע געשיכטע צו דערציילן! — האָט דאָדי געענט־פערט.

— געשיכטע? — האָט בעני מיט שרעק געפרעגט.

— שרעקט זיך נישט, עס איז אַ געוויינלעכע זאַך... איר זענט דאָך אוודאי הונגעריק פון וועג, ווען מיר ערגעץ אַריינגיין. דאָרט וועלן מיר שוין שמועסן...

בעני האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון חבר דודן, וועלכער האָט געשמייכלט און דאָס האָט אים אַ ביסל באַרויקט.

און, אַזוי רעדנדיק, זענען זיי אַריין אין רעסטאָראַן מיט אַ סך שלעך אויף דער גאַס, ווי עס איז איינגעפירט, זומער־צייט, אין גרעסערע רומענישע שטעט.

דאָדי, וואָס איז גוט באַקאַנט געווען מיט יאסי און האָט אָפּ-טער באַזוכט דעם דאָזיקן רעסטאָראַן, האָט געהייסן דערלאַנגען צום

טיש ביר פאַר זיך און פאַרן דאָקטאָר. פאַר בענין האָט ער באַשטעלט אַ מיטאָג.

— שטעלט אייך פאָר, ר׳ בעני, אַז ווען איך בין געקומען פון בוקאַרעשט אַהיים און זיך געוואָלט אַ ביסל אָפּרוען, געדויערט עס נישט קיין צוויי טעג און עס קומט צו מיר ר׳ אהרן אַליין מיט אַ לאַנגער טעלעגראַמע פון יאסי, נאָך לענגער ווי אַ בריוו און לייענט פאַר מיר, אַז פערציק יידן מיט ווייבער און קינדער זענען מיט אַלע פּאַפּירן געפאָרן קיין בוקאַרעשט צום קאָנסול נאָך „וויזעס״, נאָר ווען זיי זענען געקומען קיין יאסי, וווּ מען דאַרף וואַרטן עטלעכע שעה אויף דעם בוקאַרעשטער צוג, האָט מען זיי אַלע אַרעסטירט און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי ראַטעווען. דעריבער, אַזוי ווי איך קאָן גוט יאסי מיט אַלע טשינאָווניקעס, זאָגט ר׳ אהרן, איך זאָל קיין אי־בעריקע שעה נישט פאַרלירן און גלייך פאָרן, ווייל עס איז נישט קיין קלייניקייט: פערציק יידישע נפשות מאַטערן זיך אין תפיסה! פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט געמאַכט קיין לאַנגן ישוב הדעת און בין געפאָרן. מען האָט נישט געהאַט פאַרוואָס צו אַרעסטירן די יידן, נאָר עס איז קיינער נישט געווען אויפן וואָקזאַל, וואָס זאָל וויסן ווי צו רעדן מיט די טשינאָווניקעס. די דערשראָקענע יידן האָבן נישט געוווּסט, ווי אַזוי צו רעדן, און, אגב, פאַרשטייען זיי נישט קיין רומעניש, און געבן עפּעס אין יד אַריין האָבן זיי מורא געהאַט... וואָס זאָל איך אייך לאַנג דערציילן? עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט געלט און דווקא מיט שיין געלט, אַבי די יידן זענען היינט באַפרייט געוואָרן. איצטער דאַרף מען זיי ערשט אָפּפירן קיין בוקאַרעשט און זיי דאָרטן איינאָרדענען. און, ווידער, ווי קאָן מען זיי לאָזן אַליין? אין בוקאַרעשט קאָן זיך מיט זיי אויף דעם וואָקזאַל טרעפן דאָס־זעלבע, ווי אין יאסי.

— נו, און דו, ווי קומסטו אַהער? — האָט בעני זיך געווענדט צו זיין חבר דוד, וועלכער האָט, שווייגנדיק געשמייכלט, ווי אַ ייִנגל, וואָס איז אַנטלאָפן פון חדר.

— דער דאָקטאָר האָט זיך געבעטן מיטצופאָרן, און איז טאַקע צונוץ געקומען, — האָט דאָדי אים פאַרענטפערט.

— איך האָב געמיינט, אַז איך וועל משוגע ווערן אָן אַרבעט אין שטעטל, בפרט נאָך, אַז דו ביזט אַוועקגעפאָרן, — האָט דוד צו־געגעבן.

— מיט וואָס־זשע איז אייך דער דאָקטאָר צונויץ געקומען? — האָט בעני געפרעגט דאַדין, זייענדיק אין דעם זייער פאַראינטערעסירט.

— וואָס הייסט מיט וואָס? מען האָט באַדאַרפט האָבן אַזוי פיל געלט, ווי האָב איך עס גענומען? אויך האָט מען באַדאַרפט זאָרגן, אַז די אַרעסטירטע זאָלן האָבן וואָס צו עסן און דער דאָקטאָר, לעבן זאָל ער, האָט מיר אין דעם זייער פיל מיטגעהאָלפן. ער האָט אַ ביסל אויפגעטרייסלט די יאַסער יידן, וועלכע מאַכן זיך געבגרט, ווען עס קומט צו דער קעשענע. די דאָרטיקע יידן האָבן געטענהט: וואָס האָבן ביי אונדז אין שטאָט צו טון הימלאָזע? ביי אונדז זענען נישטאָ קיין „קאָנסולן", קיין „קאָמיטעטן", זאָלן זיי פאָרן קיין בוקאַרעשט, דאָרטן איז אַלץ דאָ, און, אַגב, אויך ווייכע יידן. נו, האָט דער דאָקטאָר צוזאַמענגענומען די יאַסער יידן אויף אַן אסיפה, און דוקא די רייכערע, און האָט זיי געזאָגט אַזעלכע ווערטער, וואָס זיי האָבן, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געהערט און מען האָט געגעבן געלט. מיט וואָס פאַר אַ כשוף אונדזער דאָקטאָר האָט צוזאַמענגעשלעפט די היגע גבירים, פאַרשטיי איך נישט. מען דאַרף האָבן אַזאַ געשליפן צינגל, ווי אונדזער דאָקטאָר. איצטער איז שוין יאַסי אויך געוואָרן אַ קאָמיטעט צו העלפן די הימלאָזע יידן.

— ווען־זשע פירט איר אָפּ די פערציק יידן קיין בוקאַרעשט? — האָט בעני געפרעגט ביי דאָדין.

— וואָס הייסט איך? די הויט ברענט אויף מיר, איך דאַרף זיין אין דערהיים, איז דעריבער ביי אונדז געבליבן, דער דאָקטאָר זאָל זיי אָפּפירן קיין בוקאַרעשט. נישקשה, מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן. איך האָב זיי שוין איבערגעגעבן אַלע אַדרעסן, צו וועמען זיי זאָלן זיך ווענדן, מען זאָל מיטהעלפן זיי איינאָרדנען זיך.

— דער דאָקטאָר קען אויף אַ מינוט נישט אַוועקפאָרן פון אונדזער שטעטל. איר ווייסט דאָך, אַז ער וואַרט פון טאָג צו טאָג אויף זיין קרובה פון יענעם זייט דניעסטר.

— פון דאַנען קיין בוקאַרעשט איז אינגאַנצן צו פאָרן אַ שעה צען־צוועלף, און דאָרטן אַ פאַר טעג... דאַן וועט ער קענען פאָרן צוריק.

— ער טאָר עס נישט טון. ער מוז זיצן ביי אונדז אין דאָרבּרעשקטי.

— אפשר איז פֿאָרט מעגלעך, איך זאָל פֿאָרן קיין בוקאַרעשט אויף אַ פּאָר טעג? — האָט שטיינמאַן זיך אָנגערופֿן.

— דו טאָרסט עס נישט טון. דו האָסט נישט געטאָרט אַוועקפֿאָרן אויף קיין איין מינוט. ווער ווייסט, אפשר איז זי שוין געקומען. און שטעל זיך פֿאָר, אַז זי האָט דיך נישט געטראָפֿן! צו וואָס איבעריקע ליידן? זי האָט שוין גענוג געליטן!

ביים דאָקטאָר שטיינמאַן איז באַלד אַוועק דער חשק צו פֿאָרן קיין בוקאַרעשט.

— ווער־זשע וועט פֿאָרן מיט די פּערציק יידן קיין בוקאַרעשט? — האָט דאָדי געפֿרעגט.

— וואָס הייסט ווער — איר!

— איך אַוודאי נישט! איך האָב געהאַט גענוג אין יאַסי.

— ווער־זשע וועט דאָרט מיט די אומגליקלעכע פֿאָרן? — האָט שטיינמאַן געפֿרעגט ביי ביידן.

— זאָרג זיך נישט! דאָדי וועט נישט איבערלאָזן קיין פּערציק יידן אויף הפקר און דו פֿאָרסט מיט מיר באַלד אַהיים.

— וואָס־זשע האָט איר, ר׳ בעני, עפּעס אויפֿגעטון בוקאַרעשט? — האָט דאָדי זיך אינטערעסירט צו פֿרעגן.

בעני האָט אים אָנגערופֿן עטלעכע נעמען און אויך צוויי שוועסטער, וואָס האָבן באַקומען וויזעס און זיי זענען שוין אַוועקגעפֿאָרן צו דער שיף. ער האָט אויך געהאָלפֿן אַ סך אַנדערע, פֿאַר וועלכע ער האָט באַקומען דערלויבנישן צו וווינען אין בוקאַרעשט ביז זיי וועלן קאָנען פֿאָרן.

— אַזוי? האָט איר דאָך טאַקע עפּעס אויפֿגעטון...— און דאָדי האָט זיך געפֿרייט מיט בעניס ערפֿאָלג.

ער האָט שוין ווייך געפֿרעגט דער דאָקטאָר:

— וואָס־זשע, איר פֿאָרט טאַקע נישט קיין בוקאַרעשט?

— איר האָט דאָך געהערט, אַז איך מוז גייטיק פֿאָרן יק קיין דאַר־ברעשקטי.

— נו, אויב אַזוי, העלפֿט נישט, — האָט זיך דאָדי אָנגעהייבן קראַצן אין קאָפּ.

די צייט צום צוג האָט זיך דערנענטערט. בעני און שטיינמאַן האָבן זיך געזעגנט מיט דאָדין און זענען אַוועקגעפֿאָרן צום וואָקזאַל זעצנדיק זיך אויף אַ טראַמוויי.

בעני האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס עס איז אים איינגעפאַלן דער געדאַנק צו גיין פון וואָקזאַל אין שטאָט אַריין און אַזוי אַרום זיך באַגעגנט מיט זיין חבר.

מיט שרעק האָט בעני אַ טראַכט געטון: וואָס וואָלט געווען, ווען ער זאָל אַרויסקומען, קיין בוקאַרעשט און צופעליק זיך טרעפן מיט סאַלטשען, אַזוי ווי עס האָט זיך געטראָפן מיט אים.

ווען ביידע חברים זענען שוין געזעסן אין וואַגאָן און אָפּגעפאָרן עטלעכע סטאַציעס, האָט אים בעני געפרעגט:

— דערציייל מיר, ווי אַזוי האָסטו אויפגעמונטערט די פאַרשלאָפענע יאַסער יידן?

— גאַנץ פּראָסט, איך האָב זיך דאָרט פאָרגעשטעלט פאַר אייניקע דאָקטוירים, און גראַדע האָב איך דאָרטן געפונען אַן אָנגעזעענעם דאָקטאָר, וועלכער האָט אויך געענדיקט אין אויסלאַנד און ווייסט פון מיר. איך האָב מיך שטאַרק געחידושט, ווי ווייניק ער ווייסט פון אונדזערע אומגליקלעכע היימלאָזע, און ווען איך האָב אים איבערגעפרעגט, האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז יאַסי, נישט קוקנדיק, וואָס זי רעכנט זיך פאַר איינע פון די גרויסע שטעט אין רומעניע, שטייט זי געאָגראַפיש אין דער זייט פון דער וועלט. נישטאָ דאָ קיין קאָנסולן, ווי אין בוקאַרעשט, אַהער קומען זייער ווייניק היימלאָזע, אין בוקאַרעשט איז עפּעס אַנדערש, דאָרטן זענען דאָ קאָנסולן און אַלערליי קאָמיטעטן.

— איך האָב מער נישט באַדאַרפט. איך האָב גענומען דעם דאָקטאָר און האָב אים געפירט אין תפיסה, ווו עס זענען געזעסן די פערציק יידן און נאָך אַנדערע, וואָס איך האָב אויך נישט געוווסט פון זיי, און האָב אים דערוויזן, אַז עס וואַלגערן זיך געבוג אין יאַסי אומגליקלעכע היימלאָזע, וועלכע פלאָגן זיך דאָ, נאָר די יאַסער יידן ווילן פון זיי נישט וויסן. דאַן האָט ער מיר געהאָלפן צונויפרופן אַן אסיפה פון מיינע קאָלעגן דאָקטוירים און דערנאָך איז עס שוין געגאַנגען ווי אַ מזמור. מען האָט איינגעלאַדן אויך די פאַרמעגלעכע באַליבאַטים. עס איז געוואָרן געלט און אויך איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט צו העלפן היימלאָזע.

— איז אָנגעקומען עפּעס אַ בריוו פון דינהן אָדער עפּעס אַ ידיעה? — האָט בעני געפרעגט.

— דערווייל גאָרנישט. אפשר, אַז מיר וועלן קומען אַהיים, וועט עפּעס זיין...

— איך בין זיכער, אַז די צייט פון דינהס אָנקומען איז נישט ווייט.

—הלוואי, איך זאָל שוין דערלעבן די דאָזיקע גליקלעכע צייט!

וועןביידע חברים זענען געקומען אַהיים, האָט זיי בעניס ווייב, ביילקע, איבערגעגעבן, אַז זי האָט זיך צופעליק באַגעגנט מיט חיימען און ער האָט איר געזאָגט, אַז ער האָפט, אַז גאָר אינגיכן וועט מען דינהן „אַריבערברענגען". מען דאַרף מער נישט שרייבן קיין בריוולעך און מען ברויכט נאָר רויק וואַרטן.

ז.

די איינציקע טרייסט פאַר די איינוווינער אין שטעטל טשאַר־ניווסק — דער ליבער זומער — איז שוין אַוועק. עטלעכע חדשים האָט עס געוואַרעמט זייערע ביינער, אַריינגעאָטעמט אין זייערע אויס־געמוטשעטע נשמות פריש לעבן און זיי אויפגעמונטערט אויף ווייטער: אפשר וועט פון ערגעץ קומען די ישועה... איצטער איז ער אַוועק און אויף זיין אָרט איז געקומען דער קאַלטער נאַסער הערבסט און די אויסגעמוטשעטע גלידער פון די הונגעריקע איינוווינער האָבן געכאַפּט אַ ציטער.

דאָס פּאָדאָליער שטעטל טשאַרניווסק, אויף יענער זייט דניעסטר, האָט איצט געזונקען אין דער הערבסט־בלאָטע. אַ דראָב־נער רעגן גיסט זיך שוין דעם דריטן טאָג און עס איז נישט צו באַ־מערקן, צי גיסט עס פון הימל אָדער פון דער ערד, און עס ווייזט אויס, אַז עס גייט פון ביידע צוזאַמען. אַלע קוואַלן האָבן זיך גע־עפנט און פאַרפלייצט דאָס שטעטל.

שוין אַ חדשים צוואַנציק, אַז דאָס פּאָדאָליער שטעטל טשאַרניווסק געהער צו די „רויטע". ד ערשטע חדשים זענען קיין „נאַטשאַלניקעס" דאָ נישט געווען. יעדער האָט געטון, וואָס מען האָט געוואָלט. עס האָט זיך געלעבט פריי, און אַלע האָבן געלויבט דעם, וואָס לעבט אייביק, וואָס טשאַרניווסק געהער צו די „רויטע", וועלכע האָבן גע־געבן אַלע איינוווינער פרייהייט.

די רויטע זענען געווען פאַרנומען מיט מאַכן אָרדענונג אין די

גרויסע שטעט און האָבן אַ צייט גאָר פאַרגעסן אין טשאַרניעווסק. נאָר מיט אַ יאָר צוריק האָבן זיי זיך אין דעם שטעטל דערמאָנט, און אַראָפּגעשיקט זייערע קאָמיסאַרן צו מאַכן דאָ אָרדענונג. צוזאַמען מיט די היגע קרעפטן, פריש געבאַקענע „קאָמוניסטלעך" פון געוועזענע ליידיקגייער און אייניקע פאַרברעכער, האָט מען אָנגעהייבן מאַכן דאָ אַן אָרדענונג, וואָס האָט איבערגעשטיגן די גרויסע שטעט, ווי קיעוו, כאַרקאָוו, אָדעס און אפילו מאָסקווע מיט פּעטערבורג צוזאַמען. די פּראָווינצער קאָמוניסטלעך האָבן געוואָלט איבערשטייגן די גרויס־שטעטישע. די אָנגעקומענע קאָמיסאַרן זענען אַוועק און זיי איבערגעלאָזט די מאַכט.

און מען האָט אָנגעהייבן מאַכן אָרדענונג: צוגענומען די סחורות ביי אַלע קרעמער, צעהאַקט אויף האָלץ אַלע הילצערנע קלייטן אויפן מאַרק, אַ פּאָר צענדליק בורזשועס דערשאָסן און אין אַ קורצער צייט איז דאָס שטעטל, וואָס האָט ווי עס איז געלעבט, אָפּגעשטאָרבן: נישטאָ קיין ברויט, קיין האָלץ, קיין באַלייכטונג — גאָרנישט! אַלץ האָט מען צוגענומען, אויסגעליידיקט און ערגעץ אַוועקגעפירט אָדער אויפן אָרט אַ תל געמאַכט.

אַזוי לעבט מען שוין מער ווי אַ יאָר.

אין דעמדאָזיקן שטעטל זענען זיך אָנגעפאָרן הונדערטער היימלאָזע פון נאָענטע פּאָגראָמירטע ערטער און פון ווייטע גרויסע שטעט אָזער גלאַט הונגעריקע מענטשן, און אַלע ווילן אַנטלויפן איבערן דניעסטר. מען וואַלגערט זיך דאָ חדשים לאַנג ביז עס מאַכט זיך דער גוטער צופאַל.

דינה גרינבערג געפינט זיך אויך דאָ, כמעט אַ יאָר, אַז זי וואַלגערט זיך אין טשאַרניעווסק. זי איז שוין געווען כמעט אין אַלע שטעטלעך און דערפער, וועלכע ליגן ביי די ברעגן פון דניעסטר און בלייבט אַלץ זיצן אין דעם שטעטל טשאַרניעווסק.

זי האָט דערצו קיין מזל נישט. איר איז שווערער ווי אַלע אַנדערע, ווייל כמעט אַלע קאָנען זי. מיט איר אויסזען און אויפפירונג וואַרפט זי זיך יעדן אין די אויגן און איז זייער פּאָפּולער.

נישט איינמאָל האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך געלאָזט גיין צום דניעסטר. עטלעכע מאָל איז זי אַרעסטירט געוואָרן און דורך אַ וווּנדער זיך באַפרייט. אירע יידן זענען פאַרגרעסערט געוואָרן, אָבער דער גוטער צופאַל איז נישט געקומען.

סוף זומער האָט זי זיך דערוווסט, אַז דוד וואַרט זי אָפּ אויף יענער זייט. אַ גליקלעכע האָט זי געוואַרט אויף דער גוטער שעה, זי האָט גערעכנט, אַז היינט, מאָרגן, וועט איר גליק געשען. דערווייל אָבער אַנטלויפט דאָס גליק.

דינה האָט זייט דודס קומען גאָרנישט פאַרגענומען, זי זאָל קאָנען אַליין זיך לאָזן „גיין". זי איז געווען זיכער, אַז אויף יענער זייט טוט מען אַלץ, אַרויסצוראַטעווען זי פון דאַנען און זי האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אויב דאָס איז ביז איצטער נישט געשען, מסתמא זענען דאָ גרויסע שוועריקייטן, צו וואָס מען מוז האָבן געדולט און איבערוואַרטן ביז די גוטע צייט וועט קומען, און געדולט האָט דינה געהאַט זייער אַ סך.

ווען אין דרויסן האָט אָן אויפהער שוין דעם דריטן טאָג געגאָסן דער נודנער הערבסט-רעגן, איז דינה געזעסן ביי זיך אין אַ קליין צימערל צוזאַמען מיט אירע אַן אומגליקלעכע באַקאַנטע פון איר געבורטס-שטעטל ווישקאָוויטש, וועלכע פלעגט קומען אָפט צו איר.

די באַקאַנטע האָט געהייסן לאה קויפמאַן. זי איז געווען אַ שיין געזונט מיידל. איר פאָטער האָט זיך גערעכנט פאַר דעם ערשטן שניידער אין ווישקאָוויטש. איר מוטער איז שוין לאַנג געשטאָרבן, און זי האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט אין שטוב. זי איז געווען אַ כּלה פאַר זייער אַ ווילן יונגנמאַן, וועלכער האָט געאַרבעט ביי דינהס עלטערן אין פאַבריק. ווען עס האָט אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם אין שטעטל, האָט מען איר חתן געהרגעט, אויף זייער הויז איז מען אויך אָנגעפאַלן. איר פאָטער, וואָס איז געווען אַ שוואַכער און אַ הוסטנדיקער, איז פון שרעק באַלד געשטאָרבן און לאהן איז געלונגען זיך צו ראַטעווען פון שאַנד און טויט, אָבער זי האָט באַצאָלט מיט אַלע אירע פּאָדערשטע ציין, וואָס מען האָט איר אויסגעזעצט, נאָך מיט אַ צולאָג פון אַ צעשפּאָלטענער ליפּ, וואָס האָט זי געמאַכט פאַר אַ פאַרזעעניש. עטלעכע וווּנדן האָט זי אויך באַקומען אין קאָפּ. פון די דאָזיקע וווּנדן איז איר אָפּגעשוואַכט עטוואָס דער שׂכל און דער זכּרון

די אומגליקלעכע לאה האָט געהאַט אַ ברודער, אויך אַ שניידער, וואָס האָט געאַרבעט ערגעץ אין דער פרעמד און זיך מיט אים

איבערגעשריבן, נאָר אין די לעצטע יאָרן האָט אויפגעהערט צו גיין די פּאָסט און זי האָט מער וועגן אים קיין ידיעות נישט געהאַט.

לאה, קענענדיק דינהן פון איר געבורטס-שטעטל און זייענדיק אַליין איינזאַם און עלנט, האָט זיך צוגעבונדן צו דינהן מיט דער געטרייישאַפט און איבערגעגעבנקייט פון אַ הינטל.

לאה פלעגט איר נאָכגיין טריט ביי טריט און איבערזיצן ביי איר גאַנצע טעג. ווען לאה פלעגט קומען און נישט טרעפן דינהן, פלעגט זי שעהנווייז זיצן אויף דער שוועל און וואַרטן אַזוי לאַנג, ביז זי האָט זיך דערוואַרט אויף דינהן. דעמאָלט האָט זי אָנגעהייבן לאַכן פון גרויס פרייד און גליק.

איז דינה אַוועקגעפאָרן און פאַרפאַלן געוואָרן אויף עטלעכע טעג, פלעגט לאה וויינען, ווי אַ קליין קינד, וואָס אַ מאַמע רייסט עס אָפּ פון דער ברוסט.

פון גרויס רחמנות האָט דינה די גאַנצע צייט, ווען זי האָט זיך געפונען אין טשאַרניווסק, דערנענטערט לאהן צו זיך און איז פאַר איר געווען אַ געטרייע עלטערע שוועסטער און ווי זי האָט געזאָרגט פאַר זיך, אַזוי האָט זי געזאָרגט פאַר לאהן.

לאה פלעגט שטענדיק נאָר רעדן וועגן איר ברודער, דעם איינציקן לעבעדיקן נפש, וואָס זי האָט געהאַט אויף דער וועלט, און דינה, נישט צוזאָגנדיק גאָרנישט, האָט אויף זיך גענומען, אַז ווען איר וועט אַמאָל געלינגען זיך אַרויסצוראַטעווען פון דאַנען אויף יענער זייט דניעסטר, וועט זי אונטער דער ערד אויסזוכן לאהס ברודער.

לאה האָט נישט געוווסט, אַז דינה וויל שוואַרצן דעם דניעסטר.

דינה האָט בכלל מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן אַריבער־שוואַרצן דעם דניעסטר און מיט לאהן אוודאי נישט, ווייל אַזוי, ווי געזאָגט, איז שוין ביים גאַנצן ברעג אָנגענומען, אַז וועגן אַזעלכע זאַכן דערציילט מען נישט אַפילו „אַן אייגענעם טאַטן". די קנאה צו יעדן, וואָס לאָזט זיך גיין צום דניעסטר, איז אַזוי גרויס, אַז מען איז נישט זיכער, צי דער באַגלויביקסטער זאָל פון קנאה, וואָס אַן אַנדערער גייט און ער נישט — נישט אַרויסגעבן.

דאָס איז אַ כלל פאַר אַלעמען און קיינער רעדט נישט דערפון. מען רעדט פון וואָס מען וויל נאָר, נישט פון „אַריבערגיין".

דעם גרויסן סוד האַלט יעדער ביי זיך אין די טיפסטע באַהעלטענישן פון האַרצן. נאָר די אומגליקלעכע לאה פ.עגט וועגן דעם נישט אויפהערן צו רעדן אָפן און פריי, כאָטש זי האָט קיין שום מעגלעכקייטן דערצו נישט געהאַט... נישט קיין געלט און קיין מוט, נאָר זי איז געווען שטענדיק פול מיט האָפענונגען, אַז אין אַ שיינער אויסגעשטערנטער נאַכט וועט איר דער ברודער שטיל אָנקלאַפּן אין פענצטער. ער וועט זי שטיל אַרויספירן פון שטוב, און מיט איר גיין דורך די הינטערגעסלעך ביז צום דניעסטר. דאַן וועט ער איר אַריינזעצן אין אַ שיפל און וועט זי איבערפירן אויף יענער זייט דניעסטר.

צוליב אירע האָפענונגען אויף איר ברודער איז זי באַלד נאָכן פּאָגראָם געקומען קיין טשאַרניווסק און פּאָרט פון דאַנען נישט אַוועק.

ווען לאה פלעגט דערציילן וועגן איר ברודער, וואָס וועט קומען מיט אַ שיפל נאָך איר, פלעגט קיינער נישט לאַכן פון דער אומגליקלעכער און זי האָט ווייטער געלעבט מיט אירע גאָלדענע האָפענונגען.

איצטער איז דינה געזעסן מיט לאהן ביי איר אין שטיבל און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערל, ווי דער רעגן גיסט, און לאה האָט איר מיט דער גרעסטער שמחה דערציילט, ווי היינט ביינאַכט האָט זי געזען איר ברודער אין חלום. און אַ חלום — דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז ער וועט אינגיכסטן קומען מיט זיין שיפל.

דינה האָט זי אויסגעהערט מיט דער גרעסטער ערנסטקייט און האָט אויך איינגעשטימט, אַז איר ברודער וועט אינגיכן קומען נאָך איר, און לאה האָט זיך געפילט גליקלעך.

קיינער האָט קיין האַרץ נישט געהאַט צו שטערן אירע גוטע האָפנונגען, מיט וועלכע זי האָט געלעבט.

ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט זי לאהן געגעבן עפעס צו עסן.

דערנאָך האָט זי איר געזאָגט:

— עס ווערט נאַכט, שוין צייט צו גיין אַהיים. שפּעטער וועסטו נישט קענען גיין.

לאה האָט קיינמאָל נישט איינגעווענדט, ווען דינה האָט עפעס געזאָגט, זי האָט גענומען אַן אַלטן זאַק, איבערגעדעקט דעם קאָפּ און אָפּגעלאָפן עטלעכע הייזער, טאַקע אויף דערזעלבער גאַס, ווו זי האָט געהאַט עפעס אַ לאָך אויף איבערצונעכטיקן.

דינה איז געבליבן אַליין מיט אירע טרויעריקע געדאַנקען און

ווייטער געקוקט דורכן פענצטערל אויף דער גאַס.

די באַלעבאָסטע פון דער וווינונג, ביי וועלכער דינה האָט געהאַט איר צימערל, איז אַריינגעקומען.

— איר ווייסט, — האָט דינה געזאָגט, — און איך האָב ליב אַזאַ וועטער...

— איך ווייס נישט, וואָס איז דאָ ליב צו האָבן, מישטיינס־געזאָגט... מען קען דאָך אַפּילו אין גאַס נישט אַרויסגיין... מען ווערט פּיטש נאַס...

— מיר קענען שוין איצטער אַלץ... אַז מען דאַרף, גייט מען אין אַזאַ וועטער אויך. אַמאָל האָט מען נישט געקענט אַרויסגיין אָן אַ פּאַראַסאָלעכל, אָן קאַלאָשן, היינט ליגן מיר אין בלאָטע פון קאָפּ ביז די פּיס. מיר זענען אַליין בלאָטע...

— איר האָט רעכט, טייערינקע, אַזאַ לעבן דערלעבט! מען קען, מיינע שונאים, משוגע ווערן צו זיצן אַזוי אין שטוב. מען קען דאָך אומקומען פון נאַסקייט און קעלט. מיט אַ יאָר צוויי צוריק האָט מען שוין געהייצט ביי מיר אין שטוב אין אַלע הרובעס, אַ פולע קאַמער מיט האָלץ איז שוין געווען אָנגעגרייט אויפן גאַנצן ווינטער. עס איז געווען אַ מחיה צו זיצן אין שטוב, אָבער איצטער פאַרמעג איך ערגעץ אויפן בוידעם אַ פּאָר אַלטע ברעטלעך, דאַרף מען עס באַהאַלטן אויף די גרויסע פרעסט, אויב די „חברים" וועלן פריער נישט דערשמעקן און זיי נישט צונעמען...

דינה האָט געזאָגט:

— ווייסט איר וואָס, באַלעבאָסטע? אַז איר זאָלט נישט מורא האָבן, זיי זאָלן צונעמען, לאָמיר איצטער אָנהייצן אין איין הרובע, וועט כאָטש זיין וואַרעם...

— גאָט איז מיט אייך! — האָט זיך די באַלעבאָסטע אַ כאַפּ געטון. — וואָס וועלן מיר טון אין די גרויסע פרעסט? מיר מיט די קינדערלעך וועלן דאָך אויף טויט דערפרוירן ווערן! כאָטש, מישטיינס־געזאָגט, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט אָנצווווערן... איידער אַזאַ לעבן, איז שוין גלייכער דער טויט... נאָר גאָרנישט, עס ווילט זיך נאָך לעבן און האָפן, אפשר וועט זיך גאָט מרחם זיין און אונדז צושיקן בעסערע צייטן. יאָ, אַנטקעגן וואָס דערצייל איך עס? אַנטקעגן דעם, וואָס איר זאָגט, אַז איר האָט ליב אַזאַ רעגנדיקן וועטער...

— יאָ, איך האָב ליב, — האָט דינה געענטפערט, — ווען דער

הימל איז פאַרוואָלקנט און עס גיסט אַ רעגן, ווייל עס פּאַסט זיך צום איצטיקן פאַרשאָלטענעם לעבן. אַן אויסגעשטערנטער הימל, אַ ליכטיקע לבנה-נאַכט, אָדער אַ לויטערער זון-טאָג רייצט מיך... איך קען דאָ קיין שיינע טעג און ליכטיקע נעכט נישט איבערטראָגן...

דינה האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אַנטקעגן און געזאָגט:

— זעט איר, באַלעבאָסטע, דאָרטן אַנטקעגן, אויף דעם באַרג, ווו מיר זענען פון דאַנען אויסגעשיט דאָס באַסאַראַבער שטעטל דאַר־ברעשקטי, דאָרטן דאַרף מען האָבן אַ שיין וועטער. אָבער דאָ צו־וואָס? זאָטער וועלן די מענטשן דאָ פון שיינעם וועטער נישט ווערן... שוין גלייכער, ווען דער הימל איז פאַרוואָלקנט און עס גיסט אַ רעגן, עס פּאַסט צום הימל...

— איר זענט גערעכט, מיין טייערינקע... וואָרים וואָס וועל איך האָבן, אַז דער רעגן וועט אויפהערן און דער הימל וועט זיך אויס־לייטערן? אַמאָל האָט מען געהאַט פאַרגעניגן, ווען מען איז אין אַ שיינעם טרוקענעם וועטער געגאַנגען אויפן מאַרק, ווו די פּויערים האָבן אָנגעבראַכט אַלדאָס גוטס און מען האָט אַלץ איינגעקויפט, וואָס דאָס האַרץ האָט נאָר געגלוסט, אָדער מען איז געגאַנגען צווישן די קראָמען האַנדלען מציאות... אָבער איצטער, וואָס? דער מאַרק איז אויס־געקערט, ווי מיט אַ בעזים, די קליטן האָט מען אַראָפּגעוואָרפן. וווהין איז דאָ צו גיין? איר זאָגט זייער קלוג... ווער מען אַרט עס, ווען עס גייט יאָ אַ רעגן אָדער נישט, אַלץ איין שוואַרץ-יאָר. אַזוי ווי אין דרויסן, אַזוי אויפן האַרצן.

די באַלעבאָסטע האָט געזאָגט „אַ גוטע נאַכט“ און דערביי צו געגעבן:

— כאָטש עס איז נאָך זייער פרי, נאָר וואָס איז היינט דאָ צו טון, אַז נישט שלאָפן? דאָס איינציקע גליק איז היינט, ווען מען פאַרמאַכט די אויגן און מען ווערט אַנטשלאָפן. ערשטנס, פאַרשפּאָרט מען צו עסן, און, צווייטנס, פאַרגעסט מען אָן די צרות אַ ביסל. דער אומגליק איז נאָר, וואָס נישט יעדער קען שלאָפן. — אַ גוטע נאַכט. פאָלגט מיך און לייגט זיך אויך שלאָפן, וואָס דען וועט איר טון ביי דעם קאַגאַנעץ, וואָס מאַכט נאָר קאַליע די אויגן... מען זעט דען עפּעס? גלאַט עס צאַנקט און מאַכט אָן אַ שלעכטן גערוך, אַז מען קען נאָך פאַרטשאַדעט ווערן.

די באַלעבאָסטע איז אַוועקגעגאַנגען, דינה איז געבליבן אַליין.

עטוואָס צו טון, אַז די צייט זאָל איבערלויפֿן, איז נישט געווען. זיצט מען אַזוי מיט פֿאַרלייגטע הענט און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פֿאַרשידענע געדאַנקען קריכן און קריכן אין מוח. אַזוי יעדן אויף דער נאַכט, און היינט אויך. און דינה האָט זיך שוין צו אַזעלכע נעכט צוגעוויינט. ווי דער אַרעסטירטער אין תּפֿיסה, איז זי געזעסן און פֿאַרשידענע מחשבות זענען איר געקראָכן אין קאָפּ אַריין. אָט האָט זי געזען אַ בילד, ווי זי קומט אויף יענער זייט דניעסטר, ווי דוד, אַ יונגער דאָקטאָר און געלערנטער, צוזאַמען מיט באַקאַנטע און פֿריינט באַגעגענען זי און מיט איינמאָל נעמט אַ סוף צו אַלע אירע ליידן און צרות! זי ווערט צוריק אַ מענטש מיט אַלע מענטשן צוגלייך. און פּלוצלונג זעט זי אַן אַנדער בילד: זי קומט צום דניעסטר און באַדאַרף זיך אַריינזעצן אין שיפֿל, זענען ווי פֿון אונטער דער ערד מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן רויטע סאָלדאַטן, מען האָט זי ווידער געכאַפּט און מען שלאָגט זי און מען צעפּלויטיקט זי און מען נעמט פֿון איר צו אַלץ, וואָס זי האָט ביי זיך און מען פֿירט זי אָפּ אין „טשעקאַ“. דאָרט באַזוכט מען זי ווידער און מען צעשניידט איר אַלטן פּאַלטאָ און מען געפֿינט דאָרטן איר גאַנץ פֿאַרמעגן...

און ווען מען געפֿינט ביי איר אַזאַ מין פֿאַרמעגן, נעמט מען זי שוין אָן פֿאַר אַן ערנסטע פֿאַרברעכערין, וואָס וויל אַריבערשוואַרצן גאָלד און בריליאַנטן קיין אויסלאַנד און זי ווערט פֿאַרמשפּט צום טויט.

אַ שרעק כאַפּט זי אָן, עס ווערט איר נאָך קעלטער, זי טוט אַ ציטער און וויקלט זיך נאָכמער איין אין איר אַלטן פֿאַרלאַטעטן וואַטאָווען פּאַלטאָ.

איר פּאַלטאָ איז שוין אַזוי אַלט און מיט אַזוי פֿיל לאַטעס, וואָס אפֿילו אין דעם חרובֿדיקן פּאָדאָליע, ווו קליידער איז מיט גאָלד צוגלייך, האָט עס שוין קיין ווערט נישט געהאַט. זי טראָגט אים זומער און ווינטער און שיידט זיך מיט אים קיינמאָל נישט, ווייל אין דעם פּאַלטאָ איז אין פֿאַרשידענע באַהאַלטענע ווינקעלעך פֿאַרניייט דאָס, וואָס איז איר געלונגען צו ראַטעווען פֿון איר טאַטנס גרויסן פֿאַרמעגן.

אַן איינציקע ירושה פֿון איר רייכן טאַטן, האָט זי איבערגעלאָזט הייזער, פֿאַבריקן און געלט, נאָר די בריליאַנטן און גאָלד, וואָס זי האָט געפֿונען, האָט זי פֿאַרכאַפּט און איינגענייט אין זיי

קנעפּלעך און אין אַנדערע פאַרבאַהאַלטענע ווינקעלעך פון איר פּאַלטאָ.

באַזונדערס האָט זי אַ סך ברילִיאַנטן, וואָס טרעפט אָן אַ גרויס פאַרמעגן, און אויף אַ פּאָר הונדערט רובל האָט זי גאָלדענע אימפּעריאַלן, וועלכע האָבן איצט אַ ווערט פון אַ סך מיליאָנען. פאַר דער גאַנצער צייט, זינט זי וואַלגערט זיך אַזוי אַרום, איז איר בסוד סודות געלונגען צו פאַרקויפן צוויי גאָלד־שטיקלעך, לעבט זי נאָך פון זיי ביז היינטיקן טאָג.

כמעט אין יעדער שטאָט, אין יעדן שטעטל, באַזונדערס ביי די גרענעצן, געפינען זיך אַ פּאָר מענטשן, וועלכע זענען זיך פשוט מקריב פאַר די אומגליקלעכע היימלאָזע און בייטן אויס קליינע סומען גאָלד, לויט דעם ריכטיקן קורס פון די אָרטיקע געלטער און נעמען נישט דערביי קיין שום פאַרדינסט.

דאָס טוט מען, אַז מענטשן זאָלן מיט דעם גאָלד נישט שטאַרבן פון הונגער.

אויסער די פּאָר פאַרטרויטע מענטשן, ווייסט קיינער נישט, ווער עס פאַרמאָגט עפּעס.

פיל זענען געצוווּנגען צו מאַכן אַן אָנשטעל, אַז מען געפינט זיך אין דער גרעסטער נויט, מען מוז פון צייט צו צייט אָנקומען צו פרעמדער הילף און דאָס מוז מען טון אַלץ צוליב דעם, עס זאָל ביי קיינעם נישט פאַלן קיין חשד, אַז מען פאַרמאָגט עפּעס. וואָרים ווען מען דערוויסט זיך, צי די מאַכט, צי פּריוואַטע מענטשן, איז דער מענטש נישט זיכער נישט נאָר מיטן פאַרמעגן, נאָר אויך מיטן לעבן.

דינהן האָט מען אויך געהאַלטן פאַר איינע פון די נויטבאַדאַרפטיקע און אפשר דערפאַר איז איר געלונגען, אויסצובאַהאַלטן אין מאַנטל איר פאַרמעגן.

פאַרקערט, דער עולם האָט ליב געהאַט איינער דעם צווייטן צו דערציילן וועגן איר, ווי אַזוי איין־איינציקע טאָכטער פון רייכע עלטערן איז געבליבן אַזוי אָרעם, אַז זי האָט נישט מיט וואָס צו קויפן פאַר זיך אַ שטיקל ברויט.

נאָר איינמאָל איז איר אויסגעקומען אויף אַ געוויסע צייט זיך צו שיידן מיט איר צעלאַטעטן מאַנטל.

נאָך דעמסטמאָל האָט זי בכלל ווייניק געטראַכט וועגן פאַר־

מעגנס, ווייל דאַן איז איר אויסגעקומען אויך ווייניק צו טראַכטן וועגן איר אייגן לעבן.

דאָס איז פאָרגעקומען דאַן, ווען אַ געוויסע צייט נאָכן פּאָגראָם איז זי אַריינגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק, זיך מאַכן אַן אָפּעראַציע. מיט דער דאָזיקער אָפּעראַציע זענען געווען פאַרבונדן אירע בעסטע האָפענונגען. זי האָט געגלויבט, אַז די אָפּעראַציע וועט נישט געלינגען און דאַן וועט ענדלעך זיין אַ סוף צו אירע גרויסע ליידן.

צו וואָס האָט זי דאַן באַדאַרפט האָבן פאַרמעגנס? און ווען זי איז אַריין אין שפּיטאָל, וואָס האָט געהערט צו אַ געוויסן דאָקטער, וועלכער האָט זיך ספּעציעל בסוד פאַרנומען מיט אַזעלכע אָפּעראַציעס, האָבן די שפּיטאָל־באַדינער ביי איר צוגענומען אירע קליידער, באַהאַלטן ביז נאָך דער אָפּעראַציע, ווען זי וועט געזונט ווערן. אַלע אירע מלבושים, וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך צוזאַמען מיט איר וואַטאָוון מאַנטל, האָט זי געמוזט אַוועקגעבן.

דינה האָט וועגן דעם גאָרנישט געטראַכט, נאָר וועגן איין זאַך: עס זאָל שוין וואָס גיכער פאָרקומען די אָפּעראַציע און זאָל נעמען אַ סוף...

דינה האָט אַפילו נישט געטראַכט וועגן דעם איינציקן מענטשן, וואָס איז איר איבערגעבליבן אויף דער וועלט — וועגן דודן, וועלכן זי האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, און נאָך ווייניקער האָט זי געטראַכט וועגן איר מאַנטל מיט די איינגענייטע בריליאַנטן. איר איז געווען אַלץ איינס, און זי פלעגט זיך זאָגן: „וואָס האָב איך צו טראַכטן איצטער וועגן די נאַרישע טייערע שטיינער, ווען איך טראַכט נישט וועגן מיין לעבן און ווען איך גיי שטאַרבן. זאָל מיין פאַרמעגן אַריינפאַלן צו וועמען עס איז. מיר איז אַלץ איינס, אַזוי ווי עס איז ביי מיר, קיין חלוק נישט, ווו מיין קערפּער וועט פוילן".

נאָר וועגן איין זאַך האָט דינה יאָ געטראַכט: וואָס גיכער זיך באַפרייען פון אירע שרעקלעכע ליידן און עקעל, וואָס אונטער איר האַרץ טראָגט זי עפּעס אַ מיאוסע זאַך, אַ העסלעכן שרץ פון איינעם פון אירע עלטערנס מערדער...

אַלע אירע קרעפטן האָט זי אָנגעווענדט, זי זאָל פון יענע שרעקלעכע מאָמענטן נישט טראַכטן, ווייל זי האָט געפילט, אַז זי וועט משוגע ווערן. נאָר אונטער איר האַרצן האָט זי עפּעס געפילט

און דאָס האָט זי געבראַכט אין שפּיטאָל צו דעם געוויסן דאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט אין אַזעלכע אָפּעראַציעס.

מיט דער גרעסטער שמחה, ווי אַ כּלה גרייט זיך צו דער חתונה מיט אַ חתן, וועלכן זי האָט לאַנג ליב געהאַט, האָט זיך דינה אויך צוגעגרייט צו דער אָפּעראַציע. זי איז געווען פריילעך און גליקלעך.

און אַז עס איז געקומען די גליקלעכע מינוט, ווען די צוויי פרויען פון די שפּיטאָל־מענטשן זענען צוגעקומען צו איר בעט, פאַרן שלאָף, און איר געזאָגט, אַז מאָרגן פרי זאָל זי זיין גרייט, ווייל מען וועט מאַכן די אָפּעראַציע, האָט דינה געוואָלט אַרומכאַפּן די צוויי פרעמדע פרויען און זיך הייס צעקושן מיט זיי פון גרויס שמחה, ווי גלייך זיי וואָלטן איר אָנגעזאָגט, אַז מאָרגן וועט זי מיט איר חתן דודן דאַרפן גיין אונטער דער חופּה און די צוויי שפּיטאָל־ווייבער וועלן זיין אירע אונטערפירערינס.

און דינה האָט זיך טאַקע נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט מיט הייסע ליפּן געקושט די צוויי שפּיטאָל־ווייבער און טרערן פון פרייד האָבן זיך אין אירע אויגן באַוויזן...

— זייט רויק, פריילן, וויינט נישט, עס איז נישטאָ וואָס צו זאָרגן, — האָבן די ווייבער זי געטרייסט און מוטערלעך געגלעט איר שיינעם קאָפּ האָר, — עס וועט לאַנג נישט געדויערן און איר וועט געזונט און שטאַרק ווערן... ביי אונדז קומט עס אָפט פאָר, עס איז אַ קליי ניקייט...

אין דער פּאַלאַטע, וווּ דינה איז געלעגן, זענען די קראַנקע נישט געשלאָפן, ווייל מען האָט געוואַרט אויפן דאָקטאָר, ער זאָל זאָגן „אַ גוטע נאַכט". אַזוי האָט זיך אויפגעפירט דער אַלטער דאָקטאָר אין זיין שפּיטאָל. פאַרן שלאָף האָט ער באַזוכט אַלע קראַנקע, אַלעמען אויסגעפרעגט, ווי אַזוי ער פילט זיך, געזאָגט יעדן איינעם אַ גוט וואָרט און אַ „גוטע נאַכט". ביי יענע חולאים אָבער, וואָס מען האָט זיי באַדאַרפט צומאָרגנס אָפּערירן, האָט ער זיך לענגער אָפּגעשטעלט און אַמאָל זיך צוגעזעצט אפילו און גערעדט אַ ביסל.

די קראַנקע פלעגן זיך, ווי קליינע קינדער, פרייען מיטן אַלטן דאָקטאָרס גוטע ווערטער און „גוטע נאַכט", נישט אַנטשלאָפן געוואָרן און געוואַרט אויף זיין אַריינקומען.

די באַדינטע האָבן זיך אַרומגעקוקט אין אַלע פיר זייטן אין

דער פּאַלאַטקע, צי אַלץ איז אין אָרדענונג און ווי האָבן מודיע גע־וועזן, אַז דער דאָקטאָר וועט באַלד אַריינקומען.

פאַרבייגייענדיק אַלע קראַנקע און יעדן אַריינגעוואָרפן אַ גוט וואָרט מיט אַ „גוטער נאַכט", האָט ער זיך צום סוף אָפּגעשטעלט ביי דינהס בעט און זיך צוגעזעצט.

— ווי אַזוי פילט איר זיך, פריילן? — האָט ער זי געפרעגט.

— אַ דאַנק, הער דאָקטאָר, גאַנץ גוט, — האָט דינה געענט־פערט.

דער דאָקטאָר האָט גענומען איר האַנט, געפּרוווט דעם פּולס און דערנאָך צוגעלייגט זיין האַנט צו איר שטערן און זיך אָנגערופן אַ צופרידענער:

— אויסגעצייכנט, פריילן! אייך האָט מען שוין געוויס איבער־געגעבן, אַז מאָרגן וועט מען אייך אָפּערירן... ברויכט איר זיך גאָר נישט שרעקן, עס איז אַ קלייניקייט... איר וועט זיך גאָר באַדאַרפן אָפּרוען ביי מיר אַ טאָג צען און דערנאָך וועט איר זיין פריש און געזונט. געדענקט, נאָר זיך נישט שרעקן! עס איז נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן...

דער דאָקטאָר האָט זיך שוין געוואָלט אויפהייבן פון אָרט, זאָגן נאָך אַ פּאָר גוטע ווערטער און אַ „גוטע נאַכט", נאָר דינה האָט זיך אָנגערופן:

— זאָגט מיר, ה' דאָקטאָר, וואָס איך וועל זיך דערלויבן אייך צו פרעגן...

— שטערט אייך נישט, מיין ליבע פריילן, פרעגט, וואָס איר ווילט, איך וועל אייך ענטפערן.

— אין אייער לאַנגער און רייכער פּראַקטיק זענען אַמאָל פאָר־געקומען אומגליקס־צופאַלן?

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— איך מיין, צי עס איז פאָרגעקומען אַ טויט־פאַל פון אַן אָפּעראַציע?

דער דאָקטאָר איז געוואָרן ערנסט, געטראַכט אַ ביסל און גע־ענטפערט:

— אויף מיין דרייסיק־יעריקער פּראַקטיק זענען פאָרגעקומען פינף טויט־פאַלן...

און דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעהייבן צו פאַרטיידיקן, אַז אין

די דאָזיקע טויט־פּאַלן זענען די אומגליקלעכע פרויען אַליין שולדיק געווען. זיי זענען געקומען צו אים צו שפּעט און נישט אָפּגעטרעטן פון אים. אין דער מעדיצין טרעפט עס אַמאָל, אַז אַ פאַרשפּעטיקטע אָפּעראַציע געלינגט אויך. אָבער עס טרעפט אויך, אַז עס געלינגט נישט...

— און איך בין געקומען צו שפּעט?—האָט דינה געפרעגט.

— אָ, ניין, איר זענט צו מיר געקומען אין דער ריכטיקער צייט. אייער אָפּעראַציע איז אַ זיכערע.

דינה איז מיטאַמאָל טרויעריק געוואָרן, נאָר ווען דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט אַ „גוטע נאַכט" און איז אַוועקגעגאַנגען, איז זי געוואָרן פרייליכער, טראַכטנדיק דערביי:

— פינף טויט־פּאַלן זענען דאָך פאָרגעקומען, פאַרוואָס קאָן נישט זיין קיין זעקסטער טויט־פּאַל?

און זי האָט זיך דערביי דערמאָנט, אַז ווען איר מוטער האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַ קליינע אָפּעראַציע פון אַ געשווילעכטס, און זי, דינה, איז דאַן מיטגעפאָרן מיט איר מוטער קיין אָדעס, האָט איר דער אָדעסער דאָקטאָר געזאָגט, אַז יעדע אָפּעראַציע, ווי קליין זי זאָל נישט זיין, איז ריזיקאַליש. היינט פאַרוואָס קאָן נישט פאָרקומען קיין אומגליק מיט איר ביי אַ מער קאָמפּליצירטער אָפּעראַציע?

דינה, האָט, זינט אירע שרעקלעכע איבערלעבונגען פון פּאָגראָם, אויף יעדן שריט און טריט געזוכט אויף זיך דעם טויט. זי האָט געפילט, אַז זי האָט גענוג מוט זיך צו נעמען אַליין דאָס לעבן. זי האָט עס אָבער געהאַלטן פאַר אַ ווילדע טאַט. לויט איר מיינונג, קאָן אַ קלאָרער מענטש, ווי אומגליקלעך ער זאָל נישט זיין, זיך נישט נעמען דאָס לעבן, און דינה האָט עס דעריבער נישט געוואָלט טון. אָבער דערפאַר האָט זי אויף יעדן טריט און שריט געזוכט דעם טויט, און זי האָט געגלויבט, אַז די היינטיקע נאַכט איז פאַר איר די לעצטע אויף דער וועלט.

זי האָט וועגן קיינעם די נאַכט נישט געטראַכט, נישט וועגן פריינט און באַקאַנטע און אַפילו נישט וועגן איר חתן דוד. זי האָט נאָר געטראַכט וועגן דער וועלט, וואָס איז אין אירע אויגן מיאוס, פאַרדאָרבן און פאַרברעכעריש. קיין איינציקע שיינע זאַך, וואָס עס זאָל זיך לוינען צוליב דעם צו לעבן, האט זי אין דער דאָזיקער מיאוסער וועלט נישט געפונען, און מיט אומגעדולט האָט זי געוואַרט

אויפן מאָרגנדיקן טאָג, וועלכער דאַרף זיין דער לעצטער.

די פּאַלאַטע איז געווען באַלויכטן האַלב־טונקל, עס האָט זיך געהערט דאָס אָטעמען פון די שלאָפנדיקע און האַלב־שלאָפנדיקע חולאים. מאַנכע האָבן עפּעס שווער אָפּגעזיפצט.

דינה האָט זיך צוגעהערט צו יעדן אָטעם, צו יעדן זיפץ און זיך געטראַכט:

— אומגליקלעכע, אַלע ווילן לעבן! צוליב וואָס? צו וועלכן צוועק? בלינדע, פּאַרפּירטע, צוליב וואָס דראַפּעט מען זיך מיט די לעצטע כוחות צו דערהאַלטן דאָס לעבן! עס איז דאָך אַרום און אַרום אַזוי מיאוס! ווי גוט וועט מיר זיין מאָרגן אין דער צייט, איך וועל שוין נישט זיין דאָ, נאָר ד אָ ר ט ן — איך וועל גאָרנישט זיין! אין רויך און לופט וועט זיך מיין נשמה פּאַרוואַנדלען און וועט זיך אַרום־טראָגן אין דער הויך, אונטער די בלויע הימלען, ווייט פון דער מיאוסער העסלעכער ערד, וווּ די מענטשעלעך קריכן אַרום ווי די זשאַבעס, שרצים ורמשים און פּראָווען זייער נאַריש לעבן. פוי! — האָט זי אויסגעשפּיגן.

און ווידעראַמאָל איז איר געוואָרן זייער פריילעך און פון קיין זאַך און פון קיינעם האָט זי נישט געוואָלט טראַכטן, און ווידער האָט זי זיך צוגעהערט צו די שלאָפנדיקע, צו זייערע שווערע אָטעמס און קרעכצן. אין דער פּאַלאַטע איז געווען שטיל, אַלע זענען געשלאָפן.

זי האָט אָנגערירט דאָס עלעקטרישע קנעפּל און עס איז אַריינ־געקומען די וועכטערין.

— איר האָט עפּעס געוואָלט, פריילין? — האָט די וועכטערין גע־פרעגט.

דינה האָט געזאָגט:

— ניין, עס איז מיר זייער לאַנגווייליק. די נאַכט איז גרויס... דערציילט מיר עפּעס...

— וואָס זאָל איך אייך דערציילן?

— וואָס איר ווילט... אָט, למשל, ווי לעבט זיך אייך?

און די וועכטערין האָט איר אָנגעהייבן צו דערציילן וועגן איר לעבן, ווי זי איז אַמאָל יונג און גליקלעך געווען און ווי אַזוי איר מזל האָט זיך איבערגעדרייט. זי איז עלטער און שוואַכער געוואָרן, אַלע האָבן זי פאַרלאָזט און זי איז טרעפנווייז געגאַנגען און געגאַנגען אַראָפּ

ביז זי איז דערגאַנגען צו איר איצטיקער אַרבעט: זי איז געוואָרן אַ וועכטערין אין שפּיטאָל.

דינה האָט זי געהערט דערציילן מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, ביז זי איז געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן, און די וועכטעריז איז שטיל אַוועקגעגאַנגען פון איר בעט.

•

אויף מאָרגן אין דער פרי איז צו דינהס בעט צוגעקומען אַ פרוי מיט אַ ווייס פאַרטוך און מיט ליבלעכע ווערטער זי איינגע-לאַדן אין אָפּעראַציע־זאַל, וו דער דאָקטאָר האָט אויף איר געוואַרט.

דינה איז פריילעך אַראָפּ פון בעט, אָנגעטון איר שפּיטאָל־כאַ-לאַט און איז נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן צו דער אָפּעראַציע, ווי צום טאַנץ.

אין זאַל איז זי אַריינגעגאַנגען מונטער און פריילעך.

— נו, וואָס מאַכט איר? ווי פילט איר זיך, פריילן? — האָט זי באַגעגנט דער דאָקטאָר.

— ווי איר זעט, פיל איך זיך אויסגעצייכנט!

— איך בין זייער צופרידן מיט אייך, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. — איך האָב נישט ליב קיין וויינענדיקע און ציטעריקע פאַציענטן...

דער דאָקטאָר האָט פון ערשטן טאָג אָן באַזונדערס גוט און אויפ־מערקזאַם זיך באַצויגן צו דינהן. ער האָט נישט געוווּסט, ווער זי איז, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז פון די אומגליקלעכע פּאָגראָם־קרבנות, וועלכע קומען צו אים זייער אָפט.

זי איז נישט געווען איינע ביי אים אין שפּיטאָל. ער האָט שוין געהאַט גענוג אַזעלכע און צו דעם מין חולאים האָט ער זיך באַ־זונדערס האַרציק באַצויגן.

ער האָט געשמייכלט.

— ביי אַזאַ גוטער מוטיקער האַלטונג איז דאָך אַ פאַרגעניגן צו אַרבעטן מיטן מעסער... — האָט דער דאָקטאָר שטיל געזאָגט זיין פאַציענטקע, ווען דינה איז מיט אַ פעסטער באַוועגונג אַרויפגעגאַנגען אויפן אָפּעראַציע־טיש.

* *
*

אין אַ שעה אַרום איז דינה ווידער געלעגן אין פּאַלאַטע אויף איר בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן און רויק געשלאָפן פון כלאָראָפאָרם, וואָס מען האָט איר איינגעשפּריצט פאַר דער אָפּעראַציע.

די שלאָפנדיקע קראַנקע איז געלעגן גוט אַרומגעדעקט מיט צוויי וואַרעמע קאָלדרעס.

זי איז געלעגן רויק, גלייך אויסגעצויגן און מיט קיין אבר נישט גערירט, נאָר אַ שטילער, שוואַכער אָטעם האָט זיך רויק געצויגן.

לעבן איר בעט איז געשטאַנען אַ פרוי אין אַ ווייסן פאַרטוך און פון צייט צו צייט גענומען דער קראַנקערס האַנט און געפּרוווט איר פּולס. זי איז נישט אַוועקגעגאַנגען פון דער קראַנקער, געקוקט אויף איר פּנים און געוואַרט, ווען זי וועט זיך אויפכאַפּן פון איר נאַר־קאָטישן שלאָף.

די פרוי האָט געקוקט אויף דער קראַנקערס שיינעם קאָפּ, וועל־כער איז געלעגן אין אַ וואַלד שוואַרצע האָר און האָט זיך נישט גע־קאָנט אָפּרייסן פון דער שיינער יונגער, שוואַרץ־חנעוודיקער פרוילן.

אַ קראַנקע, וועלכע האָט שוין אָנגעהייבן געזונט צו ווערן און איז געוועזן אויף די פיס, איז אויך צוגעגאַנגען צו דינהס בעט און צו־זאַמען מיט דער פרוי אין ווייסן פאַרטוך באַוווּנדערט איר שיינקייט.

ענדלעך האָט דינה געעפנט אירע אויגן און זיך אַרומגעקוקט: לעבן איר בעט איז געשטאַנען די פרוי אין ווייסן פאַרטוך, וועלכע האָט איר מיט דער גרעסטער שמחה געזאָגט:

— איר זאָלט נאָר ליגן רויק, זיך נישט רירן פון אָרט, קיין שום באַוועגונג... איר זאָלט אַזוי ליגן, ווי איר ליגט איצטער, וועט זיין גוט...

— ווו בין איך? — האָט דינה מיט אַ שוואַכער שטימע געפרעגט ביי דער פרוי.

— אין שפּיטאָל, מיט מיר... איר דערקענט מיך נישט?

— יאָ, נאָר ווען וועט פאָרקומען די אָפּעראַציע? איר האָט דאָך בעכטן געזאָגט, אַז היינט וועט זי פאָרקומען?

— זי איז שוין פאָרגעקומען און זייער געלונגען, האָט דער דאָקטאָר מיר געזאָגט... איר האָט זיך שוין פון אַלץ באַפרייט און איך קען אייך אָפּגעבן מזל טוב מיט אייער גליקלעכער אָפּעראַציע. ליגט

נאָר רויק, רעדט ווינציקער, אין אַ שעה אַרום וועל איך אייך ברענגען אַ ביס, בוליאָן, און איצטער וועל איך גיין... ליגט רויק און באַוועגט זיך נישט...

די פרוי איז אַוועקגעגאַנגען.

דינה איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, וועלכע האָבן געשטראַלט פון גרויס גליק, וואָס זי האָט זיך באַפרייט. און קיינמאָל האָט זי נישט געוואָלט לעבן אַזוי ווי איצטער. קיינמאָל האָבן די שטראַלן פון דער פרי־מאָרגנדיקער זון, וואָס האָבן אַריינגעשיינט אין די פענצטער פון דער גרויסער פּאַלאַטע, נישט אויסגעזען אַזוי שיין און העל ווי איצט. די גאַנצע וועלט, אין וועלכער זי לעבט איצטער, איז איר געוואָרן ליב.

זי האָט זיך דערמאָנט אין אירע אומגליקלעכע עלטערן און האָט געפילט אַ גרויס באַדערפעניש, אַז זיי זאָלן ביידע זיצן ביי איר בעט און זי זאָל קוקן אויף זייערע ליבע געזיכטער.

— מאַמע, טאַטע... — האָט זי שטיל געשטאַמלט. — מיינע ליבע און טייערע... ווו זענט איר?

נאָכדעם האָט זי אָנגערופן דעם נאָמען פון איר חתן...

— מיינע אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע לעבן מער נישט, אָבער דוד, לעבט דאָך! ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען ער זיצט לעבן מיין קראַנקן בעט!

איר גאַנצע ליבע צו אירע עלטערן איז ביי איר איבערגע־גאַנגען צו איין לעבעדיקן און געזונטן מענטשן — צו דודן.

זי האָט דערפילט, אַז זי האָט קיינמאָל אַזוי שטאַרק נישט ליב געהאַט דודן, ווי היינט. ער איז פאַר איר איצטער געווען נישט נאָר דער געליבטער חתן, נאָר אויך איר טאַטע־מאַמע, וועלכע זי האָט אַזוי הייס געליבט. דוד איז פאַר איר געווען אַלץ אין דער וועלט. די גאַנצע וועלט. ווי גליקלעך וואָלט זי געווען, ווען ער זאָל איצ־טער זיין לעבן איר.

— איך וויל לעבן און איך האָב פאַר וועמען צו לעבן! — האָט זי זיך געזאָגט. און טראַכטנדיק וועגן דער געלונגענער אָפּעראַציע און וועגן דעם, אַז זי האָט זיך פון איר גרויס אומגליק באַפרייט, איז איר פול געוואָרן דאָס האַרץ מיט ליכט און שמחה.

אין אַ שעה אַרום, ווען די פרוי האָט פאַר איר געבראַכט אַ טעלער בוליאָן און אין איר פאַרטריקנט מויל אַריינגעגאָסן עטלעכע

לעפל, האָבן זיך אירע באַקן אָנגעהייבן עטוואָס צו רויטלען.

די פרוי האָט עס מיט דער גרעסטער פרייד באַמערקט און זי געפרעגט:

— ווי פילט איר זיך, מיין טייערע?

— אויסגעצייכנט! ווען איר זאָלט מיר דערלויבן, וואָלט איך אַראָפּ פון בעט און געלאָפט אַ טענצל מיט אייך!...

* * *

אין צוויי וואָכן אַרום האָט דינה זיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, אַ געזונטע, אַ שטאַרקע, פול מיט מוט צום לעבן.

מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן האָט זי זיך באַפרייט פון איר שפּי-טאָל-כאַלאַט און זיך אַריינגעוואָרפן אין איר אַלטן צעלאַטעטן מאַנטל...

זי האָט נאָך פאַרבראַכט אין· שטאָט עטלעכע וואָכן און דער-נאָך זיך אַוועקגעלאָזט צו דער רומענישער גרענעץ מיטן פעסטן באַ-שלוס—אָדער דער טויט, אָדער אַריבערשווימען דעם דניעסטר צו איר דודן, וועלכער וואַרט אויף איר און זיי קאָנען זיך אפילו נישט איבערשרייבן.

* * *

זיצנדיק איצטער אין איר קליין צימערל ביים טונקעל-געלבלעכן קאַגאַנעץ און נישט קאָנענדיק לייענען אָדער עפּעס טון, האָט דינה, אונטער דעם טאַקט פון גוס-רעגן, נאָכאַמאָל איבערגעלעבט אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין די אָנדערטאַלבן יאָר, ביז זי האָט זיך דערשלאָגן צו דעם פּאָדאָליער שטעטל טשאַרניוווסק, ביים ברעג דניעסטר.

זי האָט אַלץ איבערגעלעבט, ווי גלייך עס איז ערשט נעכטן מיט איר פאָרגעקומען.

און אַ שרעק האָט זי אַרומגעכאַפּט, ווען זי האָט זיך דערמאָנט אָן אירע איבערלעבונגען, ווען זי איז עטלעכע מאָל אַרעסטירט גע-וואָרן.

דינה האָט פון זיך געטריבן די אַלע געדאַנקען, וואָס זענען איר געקראָכן, נישט ווילנדיק, אין קאָפּ. זי האָט זיי ווי מיט די הענט אָפּגעשטויסן, נאָר זיי זענען ווי בייזע זלידנע פליגן געקראָכן און געקראָכן אין קאָפּ און נישט געלאָזט זי צורו.

— ווען וועט דאָס נעמען אַ סוף! — האָט זיך דינה אַ ריס געטון

פון אָרט. — נאָך אַלע סימנים, איז ער אין דאַר־ברעשקטי, איגנאַנצן אַ שפּאַן איבערן דניעסטער פון מיר. אַ גרוס האָב איך שוין געהאַט פון אים, נאָר קיין בריוו מיט זיין אייגענער האַנטשריפט קיין איינ־ציק מאָל נישט! שוין-זשע איז אים אַזוי שווער אַ בריוו איבערצו־שיקן? אָבער מען מוז זיך אָננעמען מיט געדולט און וויטער ליידן ביזן סוף.

דער קאַגאַנעץ האָט זיך פּלוצים אָנגעהייבן צו לעשן און שפּריצן מיט פעטע נאַסע בלאָטיקע ברעקלעך. און זי האָט מיט עקל אָנגע־הייבן פאַרריכטן די פעטע פעדעם.

— ווען וועט שוין צו אַזאַ באַלייכטונג נעמען אַ סוף! דער סוף וועט דאָך אַמאָל קומען, אַזוי אָדער אַזוי...

און זי האָט זיך אָנגעהייבן פאָרשטעלן דעם בעסערן סוף: פּלו־צים וועט זי פון דודן באַקומען אַ בריוו, וווּ ער זאָגט איר אָן די גליקלעכע בשורה, אַז עס ענדיקן זיך אירע ליידן, אַז זי איז פריי פון נויט און פּיין. דער דאָזיקער טאָג וועט ביי איר זיין דער גליקלעכסטער אין איר לעבן.

דער קאַגאַנעץ האָט זיך ווידער פאַרקאַפּריזעט, אָנגעהייבן שפּריצן מיט פעטס און נישט געוואָלט ברענען.

מיט כעס האָט זי אים איינגאַנצן פאַרלאָשן און האָט זיך געלייגט שלאָפן אין די קליידער, אַזוי ווי זי איז געגאַנגען, ווייל עס איז געווען קאַלט זיך אויסצוטון. זי האָט בלויז פון זיך אַראָפּגעצויגן דעם מאַנטל און זיך צוגעדעקט מיט אים.

אין דרויסן האָט דער רעגן אַלץ געפּאַטשט אין די פענצטער.

ח.

אין צוויי טעג אַרום האָט אויפגעהערט דער רעגן און ביינאַכט האָט געכאַפּט אַ פראָסטל.

עס איז קעלטער געוואָרן, דער עולם האָט אָנגעהייבן שטאַר־קער צו פרירן, נאָר דערפאַר איז געווען אַ ביסל טרוקענער און מען האָט געקאָנט אַרויסגיין אין גאַס.

און איינמאָל, ביי אַזאַ פראָסטיקן טאָג, ווען דינה איז דורכ־געלאָפן דעם מאַרק, האָט זי אָפּגעשטעלט אַ פרוי און געפרעגט איר נאָמען און וווּ זי וווינט, און דינה האָט אָנגערופן איר נאָמען און

געזאָגט ביי וועמען זי וווינט, האָט איר די פרוי דערלאַנגט אַ בריוו.

אַ ציטערדיקע האָט זי גענומען דעם בריוו, אים אַריינגעלייגט אין בוזעם און אָנגעהייבן איבערפרעגן די פרוי: פון וועמען איז דער בריוו? די פרוי האָט איר קאַלט געענטפערט:

— פרעגט מיך נישט, ווייל איך ווייס גאָרנישט... מען האָט מיר געגעבן דעם בריוו, איך זאָל אייך אָפּגעבן, האָב איך עס געטון, ווייל מען האָט מיר גוט באַצאָלט.

און די פרוי האָט אָנגעהייבן אַוועקגיין.

— אָבער, מיין ליבע יידענע, לאָזט מיך אייך כאָטש אָפּדאַנקען און זאָגט מיר ווי אַזוי קאָנט איר מיך, ווען איר האָט מיך אָפּגע־שטעלט אין מיטן מאַרק?

—ווער קאָן אייך דען דאָ נישט ביי די ברעגן פון דניעסטר!— האָט די פרוי געענטפערט, גייענדיק, און איז מיט גיכע טריט אַוועק איבערן מאַרק און זיך באַלד אַריינגעכאַפּט אין אַ זייטיק געסל.

— צו דאָס איז מיין אומגליק, וואָס אַלע קענען מיך! — האָט דינה צו זיך געזאָגט און האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים. דער וועג האָט איר איצטער אויסגעוויזן צו לאַנג און זי איז מער געלאָפן, ווי געגאַנגען.

קומענדיק אין איר צימער, האָט זי פאַרקייטלט די טיר, וואָס האָט געפירט צו איר באַלעבאָסטע, האָט אַרויסגענומען דעם בריוו פון בוזעם און אַ קוק געטון אויף דעם קאָנווערט. ער איז געווען אינגאַנצן ליידיק, נישט באַשריבן מיט קיין איינציקן בוכשטאַב. מיט ציטערדיקע הענט האָט זי אויפגעריסן דעם קאָנווערט און דערזען אַ באַקאַנטע האַנטשריפט, און איידער זי האָט אָנגעהייבן לייענען, האָט זי אַ קוק געטון אויף דער אונטערשריפט און איבערגעלייענט „דיין דוד". זי האָט דעם בריוו צוגעדריקט צום האַרצן, אַ קוש געגעבן דאָס קליינע בייגעלע פּאַפּיר און זיך צעוויינט.

און ווען זי האָט זיך אַ ביסל באַרויקט און אויסגעווישט די טרערן — טאָמער קומט אָן די באַלעבאָסטע, זאָל זי נישט האָבן קיין פאַרוויינטע אויגן, האָט זי ערשט דענסטמאָל אָנגעהייבן לייענען דעם בריוו, וווּ דוד בעט זי אין קורצע ווערטער, זי זאָל זיין רויק און וואַרטן אויף דער גליקלעכער שעה, וועלכע איז שוין נאָענט.

דערביי האָט ער צוגעשריבן, אַז פון איר האָט ער קיין איינ־ציקן בריוו נישט באַקומען. ער האָט איר שוין דריי בריוו געשיקט.

— חיינט גיי ווייס, — האָט זי צו זיך געזאָגט, — פּראָוואָט מיר באַקומען נישט אונדזערע בריוו!

אַ מאָל צען האָט זי איבערגעלייענט דעם בריוו, באַטראַכט און צוגעקוקט זיך צו יעדער שורה, צו יעדן וואָרט. עס איז איר געוואָרן וואַרעם און לייכט אויף דער נשמה. עטלעכע מאָל האָט זי געוויינט פון פרייד און פון נייע גוטע האָפענונגען, נאָר באַלד איז זי מיטאַמאָל טרויעריק געוואָרן, און זי האָט זיך פּיינלעך געזאָגט:

— נאָך אַ וואָך, נאָך אַ חודש און איך וועל זען מיין דודן... ווי וועל איך אים אָבער קאָנען קוקן גלייך אין די אויגן? ער ווייס דאָך נישט, וואָס מיט מיר איז געשען? איך וועל דאָך פאַר אים קיין זאַך נישט באַהאַלטן! און ווער ווייסט, וואָס מיט אים קאָן פאָרקומען, ווען ער וועט מיך אויסהערן!

אַ שווערע מרה־שחורה האָט זי אַרומגעכאַפּט.

— ניין, איך האָב נישט געטאָרט אַזוי טון! איך האָב אים נישט באַדאַרפט אַרויסרופן פון זיין רויק, ערלעך שיין לעבן, ער זאָל קומען מיך ראַטעווען! מיר האָבן זיך שוין אַזוי לאַנג נישט געזען און נישט איבערגעשריבן. עס וואָלט אַוועקגעגאַנגען נאָך אַ ביסל צייט און ער וואָלט מיך געמוזט פאַרגעסן... ער וואָלט זיך באַגעגנט מיט אַן אַנדער פרוי און וואָלט גליקלעך געלעבט. וואָס האָב איך געהאַט צו אים? וואָס איז ער שולדיק, וואָס איך בין אַזוי שרעקלעך פאַראומגליקט געוואָרן! וועט ער דען קאָנען לעבן מיט מיר און זיך פילן גליקלעך? — קיינמאָל נישט! ניין, איך האָב נישט גוט געטון, וואָס איך האָב אים געגעבן צו וויסן וועגן זיך.

דינה האָט זיך אַ כאַפּ געטון ביי אירע האָר פון קאָפּ.

— איך האָב נישט געטאָרט! נישט געטאָרט! אַזעלכע, ווי איך, האָט באַדאַרפט פאַרשווונדן ווערן אויף אייביק, אויף שטענדיק! צום ווייניקסטנס פאַר דודן האָב איך באַדאַרפט פאַרשווונדן ווערן.

דינה האָט אויף זיך געריסן די האָר.

און ווען זי האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, איז איר אַ שרעקלעכער געדאַנק געקומען אין קאָפּ.

— איך טאָר נישט פאָרן צו אים... איך וועל אַוועקפאָרן פון דאַנען, ווייט, וייט פון דניעסטר... איך וועל פאַרפאַלן ווערן! איך טאָר צו דודן נישט קומען! איך דאַרף אים נישט אומגליקלעך מאַכן!

ער איז נישט שולדיק אין מיין גרויסן אומגליק! וואָס האָב איך צו אים?

אַ שרעקלעכער טרויער האָט איר פּנים באַדעקט. די שטימונגען אירע האָבן זיך אָבער געוואַלדיק שנעל געענדערט.

אין אַ טאָג שפּעטער איז זי מיטאַמאָל פריילעך געוואָרן.

— איך וועל אים אַלץ דערציילן, קיין זאַך וועל איך נישט פון אים אויסבאַהאַלטן... ער איז דאָך אַזאַ גוטער, אַזאַ קלוגער, ער וועט דאָך פאַרשטיין... ביי וועמען קען איך בעטן אַ שטיקעלע נשמה, ווען נישט ביי אים?

אַלע מאָל האָט זיך ביי איר געביטן די דעה: אָט גייט זי אַריבער דעם דניעסטר. און קומט צו דודן, און אָט פאָרט זי אינגאַנצן אַוועק פון טשאַרניוווסק אויף שטענדיק, אויף אייביק און ווערט ערגעץ פאַרפאַלן, און דוד וועט שוין קיינמאָל מער נישט וויסן, מער נישט הערן פון איר, און אָט ווערט זי ווידער פריילעך און ציילט די מינוטן, ווען די גליקלעכע שעה וועט קומען און זי וועט אַריבער דעם דניעסטר...

די צייט איז דערווייל געגאַנגען, דער ווינטער איז געוועזן זייער אַ שלעכטער — נישט מיט קיין וואָגן און נישט מיט קיין שליטן צו פאָרן. אָט גייט אַ רעגן, אָט פאַלט אַ שניי, און אָט נעמט אַ פראָסט. קומט אָבער באַלד ווידער אַ רעגן און דער דניעסטר ווערט נישט פאַרפרוירן, מען זאָל קאָנען אַריבערגיין אויפן אייז און רייניקט זיך נישט אָפּ פון אייז, אַז מען זאָל קאָנען אַריבער מיט אַ שיפל.

עס איז שוין באַלד שבט און קיין איינציקער פון די אָנגעלאָפענע היימלאָזע קאָן נישט אַריבער דעם דניעסטר.

אַזוי רעדט מען וועגן דעם אין שטעטל.

אפילו די גרעסטע בריות לאָזן זיך איצטער נישט איבערן דניעסטר, און קיין איינציקער קאָנטראַבאַנדיסט נעמט זיך נישט אונטער פאַר קיין געלט איבערצופירן. מען מוז וואַרטן ביז אַ גרויסער פראָסט וועט האַלטן עטלעכע טעג און דער טייך וועט פאַרפרוירן ווערן. אָדער עס יועלן אַרויספאַלן עטלעכע גוטע רעגנס און דער דניעסטר וועט זיך אָפּרייניקן פון די שטיקער אייז, וואָס שווימען איבערן טייך.

און אַלע אָנגעלאָפענע היימלאָזע קוקן אַלע טאָג אויפן הימל, וואָס פאַר אַ וועטער עס וועט זיין.

אַלע לעבן נאָר מיטן וועטער, אַלע האָפענונגען זענען אויפן הימל.

אין טשאַרניוווסק איז שטיל און רויק. שוין לאַנג האָט מען נישט געהערט, אַז עמעצער זאָל אַריבערגיין דעם דניעסטער, און נאָר איין מאָל האָט מען דערציילט, אַז צוויי יונגע לייט האָבן זיך יאָ געלאָזט גיין, האָבן שטיקער אייז איבערגעקערט זייער שיפל און זיי זענען דערטרונקען געוואָרן.

בכלל איז דאָס אַריבערגיין דעם דניעסטער וואָס אַמאָל שווערער געוואָרן. רומעניע און די באָלשעוויקעס האָבן אין דער לעצטער צייט ווידער אָנגעהייבן נישט בשלום צו לעבן און פון ביידע זייטן דניעסטער האָט מען שטאַרק אָנגעהייבן היטן די גרענעץ. פיל אַנטלאָפענע האָבן שוין פאַרלאָרן אַלע האָפענונגען, מען זאָל קענען אַמאָל אַריבער אויף דער צווייטער זייט.

דערצו איז פון דער דאָרטיקער מאַכט פלוצים אַרויס אַ באַפעל, אַז קיין נישט־דאָרטיקע איינוווינער טאָרן נישט וווינען פערציק ווייאָרסט נאָענט פון דניעסטער, און אַז אין אַ משך פון צוויי וואָכן מוזן אַלע פרעמדע אַרויספאָרן פון דאַנען.

אַ באַקאַנטער באַפעל פאַר יידן. ביי ניקאָלאַיען האָבן יידן נישט געטאָרט וווינען צוואַנציק ווייאָרסט פון דער גרענעץ און ביי די באָל־שעוויקעס פערציק ווייאָרסט.

אַ ציטער האָט אַרומגעכאַפּט די אַנטלאָפענע: ווי אַזוי פאָרט מען אין אַזוינע קעלטן, נאַקעטע און הונגעריקע? און ווו אַהין פאָרט מען? בלייבן אויפן אָרט און נישט פאָרן, וועט מען האָבן צו טון מיט דער „טשעקאַ", וואָס האָט מודיע געוועזן אין איר באַפעל, אַז אויב מען וועט געפינען, נאָך די צוויי וואָכן, אין די פערציק ווייאָרסט פון דניעסטער פרעמדע, וועט מען זיך מיט זיי באַגיין ווי מיט שפּיאָנען.

אייניקע האָבן זיך אָנגעהייבן שלעפן מיט שליטנס, מיט וועגנס ערגעץ אין דער וועלט אַריין. אַ טייל פון זיי איז פאַרפרוירן געוואָרן אָדער אַזוי געשטאָרבן פון הונגער און פיל האָבן באַשלאָסן נישט צו רירן זיך פון אָרט און ליבערשט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער „טשעקאַ", אָדער זיך אַריינוואַרפן אין דניעסטער, איידער זיך לאָזן אין אַזאַ וועג.

אַ שרעקלעכער ווינטער איז געוועזן פאַר די אַנטלאָפענע.

וואָס שטרענגער עס איז געוואָרן דאָס אַריבערגיין דעם דניעסטער,

אַלץ שטאַרקער האָט זיך דינהן געוואָלט אַריבערגיין אויף „יענער זייט", און זי האָט באַשלאָסן זיך נישט צו רירן פון אָרט,—זאָל זיין, וואָס עס וועט זיין.

דינה האָט געקוקט דעם טויט גלייך אין די אויגן. וועט ער קומען, וועט ער ביי איר זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט. וועט זיך טרעפן עפּעס אַ נס און זי וועט אַריבערגיין דעם דניעסטר, וועט זי זיין גליקלעך. זי איז געבליבן גלייכגילטיק צו דעם אַלעם, וואָס אַרום איר איז פאָרגעקומען.

פיל פון די אומגליקלעכע אָנגעלאָפענע האָבן צו איר זיך גע־ווענדט מיט עצות, וואָס זאָל מען טון? און זי האָט יעדן געענטפערט:

— קיין עצות קען איך נישט געבן. זאָל יעדער טון מיט זיך, ווי ער פאַרשטייט.

—נו, און איר, וואָס רעכנט איר צו טון?

— איך ווייס נאָך אַלץ נישט.

דאָס האַרץ האָט זי איר צעריסן אויף שטיקער, צוזעענדיק די אַלע אומגליקלעכע און באַזונדערס האָט איר ווי געטון פאַר דעם אומ־גליקלעכן מיידל לאה פון איר געבורט־שטעטל ווישקאָוויטש, וועלכע איז פון פּאָגראָם געבליבן אַ קאַליקע. און איינמאָל, ווען לאה איז ביי איר געזעסן אין צימער, האָט דינה איר געגעבן געלט און געזאָגט:

— נעם דאָס געלט און באַהאַלט עס גוט.

און יענע האָט געפרעגט:

— וואָס דאַרף איך געלט, אַז איך האָב אייך?

— מאַלע וואָס עס מאַכט זיך און איך וועל נישט זיין אָדער איך וועל אַוועקפאָרן.

— וועל איך אויך מיטפאָרן.

— נאַרעלע, דו קענסט מיט מיר נישט פאָרן.

— ווי אַזוי־זשע וועל איך לעבן אָן אייך?

— ווי אַלע לעבן.

— איך וויל אָן אייך נישט לעבן!—האָט די אומגליקלעכע זיך צעוויינט.

דינה האָט זי קוים איינגענומען און אָנגעשריגן אויף איר, אַז זי זאָל דאָס געלט נעמען, קיינעם נישט דערציילן, אַז דינה האָט עס איר געגעבן, און טאַקע דאָ אין צימער האָט דינה איר איינגענייט דאָס געלט אין די זוימען פון איר קליידל און נאָכאַמאָל איר אָנ־

בעזאָגט, אַז קיינער זאָל נישט וויסן פון דעם געלט.

לאה, וואָס איז געווײנט געוווען אַלץ צו פאָלגן, וואָס דינה זאָגט, האָט איצטער אויך געפאָלגט און צוגעזאָגט, אַז זי וועט אַזוי טון, ווי זי הייסט איר.

דינה האָט לאהן געהייסן גיין אַהיים און איז אַליין געבליבן ביי זיך אין צימער. זי איז געבליבן זיצן זייער טרויעריק, איבער דעם וואָס זי האָט שוין אַ צוויי טעג באַמערקט, ווי איינער שפּירט איר נאָך טריט ביי טריט. זי האָט זיך זייער באַאומרויקט, און ווי יעדער, וואָס שרעקט זיך, האָט זי אויסגעטראַכט אויף זיך אַלערליי אומגליקן. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אפשר האָט מען זיך דערוווּסט, אַז זי האָט אין איר מאַנטל פאַרנייט בריליאַנטן, און אפשר וויל מען זי נאָכאַמאָל אַרעסטירן... אפשר האָט די „טשעקאַ" חרטה געקריגן, וואָס מען האָט זי עטלעכע מאָל באַפרייט? ביי דער „טשעקאַ" קומען אָפּט פאָר אַזעלכע זאַכן... וואָס דען שפּירט מען איר נאָך? מען וויל זי אוודאי אַרעסטירן דערפאַר, וואָס זי האַלט זיך אויף אין די פאַרבאָטענע פערציק ווייאָרסט פון דניעסטער.

אַזוי האָט דינה פאַרשטאַנען דאָס נאָכשפּירן איר, און זי האָט די לעצטע צייט געלעבט אין גרויס שרעק. טאַקע דערפאַר האָט זי געוואָלט מיט עפּעס באַוואָרענען דאָס אומגליקלעכע מיידל פון איר שטעטל און האָט איר געגעבן געלט אויפן פאַל, טאָמער קומט עפּעס פאָר מיט איר און עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל דער אומגליקלעכער לאהן יהעלפן.

* *

*

נישט קוקנדיק אויף די אַלע לעצטע שטרענגקייטן, ביי די ברעגן פון דניעסטער, האָבן דאָך פיל געהאָפט, אַז ווען דער טייך זאָל נאָר פאַרפרוירן ווערן, וועט מען נעמען לויפן איבערן אייז, און וואָס ס'איז באַשערט, זאָל זיין! מען דאַרף נאָר אָפּלויפן אַ האַלבן טייך אין דער ברייט, די צווייטע העלפט געהער שוין צו רומעניע און פון דאַנען טאָר מען אַזוי ווייט נישט שיסן. די רומענער וועלן אַרעסטירן, אָבער ברויט אין תפיסה וועלן זיי געבן. זיי וועלן דאָך נישט איינזאַלצן קיין מענטשן. סוף כל סוף וועט מען זיך באַפרייען, סאָלדאַטן פון אַן איינגעאָרדנטער רעגירונג זענען דאָך נישט קיין מערדער? זייערע „נאַטשאַלניקעס" זענען דאָך אויך מענטשן. עס עקזיסטירן דאָך דאָרטן

געזעצן. וועט מען זיך אַזוי לאַנג וואַלגערן אין די טורמעס, ביז מען וועט באַפרייען...

אַזוי האָבן די אומגליקלעכע אָנגעלאָפענע געטראַכט, גערעדט אין דער שטיל צווישן זיך און געהאַפּט, ווי מענטשן, וואָס טרינקען זיך, כאַפּן זיך אָן אין אַ שטרוי און גלויבן, אַז זיי וועלן געראַטע־וועט ווערן.

— דער דניעסטער איז שוין פאַרצויגן מיט אייז, — האָט איינער דערציילט.

— נאָך אַ פּאָר טעג, — האָט גערעדט אַ צווייטער, — ווען עס זאָל האַלטן אַזוי דער פראָסט, ווער רעדט נאָך, ווען עס וועט אַ כאַפּ טון אַ גוטער פראָסט, וועט זיך שטעלן דער דניעסטער און מען וועט קאָנען גיין. קיין שום שטרענגע באַפעלן וועלן אונדז נישט אָפּהאַלטן, ווען מען וועט קאָנען גיין איבערן אייז. מיט אַ שיפל איז עפּעס אַנ־דערש, אָבער מיטן אייז קאָן געלינגען!

קיינער איז נישט אַזוי אימשטאַנד צו בויען לופט־שלעסער און גלויבן, אַז זיי זענען שטאַרק און פעסט, ווי אַזעלכע אומגליקלעכע, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע אַלע פריערדיקע האָפענונגען זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן.

יעדן טאָג ווערן געשאַפן נייע פּלענער און מען גלויבט און מען האָפט, אַז מען וועט זיך ראַטעווען.

און דערווייל זענען די פרעסטלעך זייער שוואַכע. מער ווי אַ „שמאַלץ" איז נישט איבערגעצויגן איבערן דניעסטער און ווען די זון שיינט, באַווייזט זיך ערטערווייז וואַסער.

די אָנגעלאָפענע פרעגן ביי די אַלטע איינוווינער, צי שטענדיק קומט דאָ אַזוי שפּעט דער ווינטער מיט זיינע גרויסע פרעסט און זיי דערציילן, אַז שוין זייער לאַנג איז דאָ נישט געווען אַזאַ שווע־רער ווינטער. פאַר צוויי יאָרן אין דער צייט זענען געלאָפן די דע־ניקינצעס דורך אונדזער שטעטל. די באָלשעוויקעס האָבן זיי גע־טריבן אַזש פון ניקאָלאַיעוו. האָבן זיי זיך דאָ אָפּגערוט צוויי טעג און געמאַכט אַ פּאָגראָם. האָבן זיך כּיל יידן מיט ווייבער און קינדער געראַטעוועט פון טויט, וואָס זיי זענען געלאָפן איבער דעם פאַרפרוי־רענעם דניעסטער קיין רומעניע. אָבער מען האָט די יידן קיין רומע־ניע נישט געוואָלט אַריינלאָזן. זענען זיי געבליבן שטיין אויף דעם אייז גאַנצע צוויי טעג, ביז די דעניקינצעס זענען אַוועק פון שטעטל.

פיל יידן זענען פֿאַרפֿרוירן געוואָרן, נאָר פיל האָבן געראַטעוועט זייער לעבן, ווייל די דעניקינצעס האָבן מורא געהאַט זיך צו יאָגן נאָך די יידן אויפֿן דניעסטר, די רומענער זאָלן אויף זיי נישט שיסן.

— פֿאַראַיאָרן אין דער צייט, — האָבן די טשאַרניוווסקער איינוווינער ווייטער דערציילט, — איז דער דניעסטר אויך געווען פֿאַרפֿרוירן און אַ סך היימלאָזע זענען בשלום אַריבערגעגאַנגען. נאָר הייַנטיקס יאָר איז עפּעס אַן אומגליק. עס רעגנט און רעגנט, און ווען עס מאַכט זיך בייַנאַכט אַ פֿרעסטל, צעגייט עס אויף מאָרגן, ווי די זון טוט נאָר אַ שיין. דער ווינטער אָבער, — האָבן די שטענדיקע איינוווינער געטרייסט די פֿרעמדע, — וועט זיינס נישט שענקען. ער וועט קומען מיט זיינע גרויסע פֿרעסט. מען וועט זיך נאָך גענוג אָנפֿרירן, זאָרגט זיך נישט.

* *

*

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ווידער אָנגעהייבן גיין אַ רעגן. די גאַנצע נאַכט האָט געגאָסן און אויף מאָרגן פֿרי האָט מען דערציילט, אַז דער גאַנצער „שמאַלץ" איבערן דניעסטר איז זיך צעגאַנגען, נאָר שטיקער אייז שווימען אַרום.

אויף יעדן איז אָנגעפֿאַלן אַ מרה־שחורה. אַלע האָפֿענונגען האָט מען פֿאַרלוירן.

דינה האָט בייַנאַכט נישט געקאָנט שלאָפֿן. דער רעגן, וואָס האָט נישט אויפֿגעהערט צו קלאַפּן אין איר פֿענצטערל, האָט זי געשטאָכן ווי מיט שפּילקעס. זי האָט זיך אייַנגעדרייט אין דרייען אין איר מאַנטל איבערן קאָפּ, זי זאָל נישט הערן דאָס קלאַפּן פֿון רעגן, וואָס האָט געפּאַטשט אין איר פֿענצטערל און האָט איר אָפּגעשלאָגן אין האַרצן. און זי האָט זיך געפֿרעגט: ווען וועט נעמען אַ סוף צו מייַנע ליידן?

פּלוצים האָט זי מיט שרעק דערהערט, ווי מען קלאַפּט ביי איר אין פֿענצטער און זי האָט דערזען סאָלדאַטן.

— עפֿנט באַלד, די מינוט! — האָט איינער שטרענג געזאָגט. — ווען נישט, וועלן מיר אויפֿרייסן די טיר.

דינה האָט אויפֿגעוועקט די באַלעבאָסטע, אַלע אין שטוב האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, ביי יעדן האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— באַלד עפענען מיר, — האָט דינה געענטפערט.

מיט ציטערדיקע הענט האָט מען אָנגעצונדן אַ קאַגאַניעץ און מען האָט געעפנט די טיר.

עס האָבן זיך אַריינגעשאָטן דריי סאָלדאַטן, אָנגעלאָדן מיט געווער פון קאָפּ ביז די פיס.

איינער פון זיי האָט געפרעגט דינהן איר נאָמען, און ווען זי האָט זיך אָנגערופן, האָט ער געזאָגט:

— איר זענט אַרעסטירט! נעמט אייערע אַבן און קומט מיט אונדז. אָבער באַלד, פאַרלירט נישט קיין איבעריקע צייט.

איינער פון די שווייגנדיקע סאָלדאַטן האָט אַרויסגענומען פון קעשענע שוועבעלעך מיט אַ ליכט און אָנגעצונדן. עס איז געוואָרן ליכטיקער אין צימערל.

— איך האָב נישט קיין זאַכן, — האָט דינה געענטפערט.—נישטאָ וואָס מיטצונעמען.

— נאָך בעסער, אויסגעצייכנט! — האָט דער סאָלדאַט זיך אָנגערופן.—איר זענט אַן אמתע באָלשעוויטשקע... אַלץ, וואָס מען פאַרמאָגט, טראָגט מען אויף זיך. נו, קומט!

און די דריי סאָלדאַטן מיט דינהן זענען אַרויס פון שטוב.

די באַלעבאָסטע האָט נאָך זיי פאַרמאַכט די טיר און אָפּגעזיפצט פון שרעק, ווייל זי האָט פריער מורא געהאַט, אַז מען וועט זי מיט אירע קינדער אויך אַרעסטירן.

נאָכדעם האָט זי זיך צעוויינט און באַקלאָגט דינהן, ווי אַ טויטע.

אירע קינדער האָבן זי אויך באַוויינט.

—אַזאַ טייער מיידל, אַזאַ גוטע נשמה, אַזאַ קלוגע... אַ רחמנות, נעבעך!—האָט די באַלעבאָסטע נישט אויפגעהערט צו באַקלאָגן דינהן.

זי האָט פאַרלאָשן דעם קאַגאַניעץ און אַלע אין שטוב האָבן זיך געלייגט צוריק שלאָפן. קײנער אָבער האָט נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן און מען האָט זיך איבערגערעדט פון די געלעגערס.

— אַזאַ אומגליק! וואָס האָט מען צו איר? זי טשעפּעט דאָך נישט קיין פליג אויף דער וואַנט... אַזאַ ווילדע! דאָס לעצטע וועט זי דאָך יענעם אַוועקגעבן, אַזאַ לייטישע! — האָט די באַלעבאָסטע נישט אויפגעהערט צו רעדן.

— די „טשעקאַ" קוקט טאַקע דערויף, ווער עס איז לייטיש

און ווער נישט, — האָט געענטפערט איר טאָכטער, — ווען זי וויל נאָר, אַרעסטירט זי. מען מעג זיין שולדיק אָדער נישט שולדיק...

— אפשר וועט גאָט העלפן, מען וועט זי איצטער אויך באַפרייען? זי איז דאָך נישט איינמאָל געווען אַרעסטירט. ווי זאָגסטו, מאַמע?

— וואָס קען איך וויסן? אַריינפאַלן אין זייערע הענט, איז זייער גרינג, נאָר אַרויס פון זייערע הענט, איז זייער, זייער שווער, מיין קינד.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי גערעדט פון די געלעגערס, און ערשט פאַרטאָג, ווען די הענער האָבן אָנגעהייבן קרייען, זענען אַלע אין שטוב געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן.

ח.

אַז דינה איז אַרויס מיט די דריי סאָלדאַטן פון שטוב, איז נישט ווייט געשטאַנען אַ פורמאַן מיט אַ געקאָוועטן וואָגן. מען האָט זיך אַריינגעזעצט אין דעם דאָזיקן וואָגן, שנעל אַדורכגעפאָרן דעם מאַרק און באַלד זיך פאַרקירעוועט אין אַ זייטיק געסל.

נישט די סאָלדאַטן און נישט דינה האָבן קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט.

ווען זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון שטעטל, האָט דינה באַמערקט ווי מען פאָרט אויפן וועג, וואָס גייט גלייך קיין טיראַספּאָל איבער דעם טייך.

דער וועג איז איר געווען גוט באַקאַנט פון אירע פריערדיקע אַרעסטן. נאָר איין זאַך האָט זי נישט פאַרשטאַנען: געוויינלעך, ווען מען אַרעסטירט עמעצן, האַלט מען אים פריער פאַרשלאָסן אַ געוויסע צייט אין דערזעלבער שטאָט. מען שרייבט זיך פריער איבער מיט טיראַספּאָל, ווו עס געפינט זיך די „הויפּט־טשעקאַ", וועלכע האָט צו שאַפן איבער דער גאַנצער לענג פון דניעסטער און ערשט דערנאָך, ווען עס קומט אַן ענטפער, שיקט מען איבער די אַרעסטירטע דורך הונדערט און פופציק וויאָרסט קיין טיראַספּאָל. אויפן וועג וואַלגערט מען זיך אויס אין פאַרשידענע טורמעס און אין טיראַספּאָל ווערט באַשלאָסן דער גורל פון די אַרעסטירטע.

איצטער האָט מען דינהן נישט אָפּגעפירט אין דער אָרטיקער

טורמע, נאָר מען לויפט מיט איר גלייך קיין טיראַספּאָל.

— ווייזט אויס, — האָט דינה געטראַכט, — אַז איך בין ביי זיי פאַררעכנט פאַר אַ וויכטיקע אַרעסטאַנטקע... מען פירט מיך גלייך קיין טיראַספּאָל.

דינה איז ביי זיך זיכער געווען, אַז אירע טעג זענען געציילטע, וואָרים נאָכאַמאָל וועט מען זי שוין נישט באַפרייען. קיינמאָל ביי אירע אַרעסטן האָט מען זי אַזוי שטרענג נישט געפירט, אַזש מיט דריי סאָלדאַטן באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס און גלייך אין טיראַספּאָלער גיהנום.

זי האָט זיך נישט געשראָקן, איר לעבן האָט זי שוין לאַנג מפקיר געווען און צו אַלץ איז זי געווען גלייכגילטיק.

זי איז געזעסן רויק אויף דער פור, מיט איין סאָלדאַט ביי דער זייט און צוויי אַקעגן מיט די ביקסן אין דער הויך.

זי האָט אַ קוק געטון אויפן הימל און האָט באַמערקט, אַז דער רעגן האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט. די וואָלקנס האָבן זיך צעשלאָגן אויף שטיקלעך און די לבנה האָט אַלעמאָל אַרויסגעקוקט און זיך באַהאַלטן.

דער סאָלדאַט, וואָס האָט זי אַרעסטירט, האָט אויך אַ קוק געטון אויפן הימל און דאָס ערשטע מאָל אויפן וואָגן האָט ער זיך אָנגערופן צו זיינע חברים:

— אַ פאַרשאָלטן וועטער! נאָכן אויסלייטערן זיך וועט פאַרטאָג ווידער נעמען אַ פרעסטל!

דינה האָט נישט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס דער סאָלדאַט שעלט אַזוי דעם אויסגעלייטערטן הימל, און זיך געטראַכט: ער זאָגט עס גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, ווייל עס איז אים נמאס געוואָרן דאָס שווייגן.

זי האָט געקוקט אויף דעם וועג, וואָס איז איר אַזוי גוט באַקאַנט געווען און וואָס ביי די אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן,-היימלאָזע האָט ער געהייסן: „דער וועג פון טרערן"...

וויפל אומגליקלעכע אומשולדיקע מענטשן, מאַנסלייט, פרויען און קינדער, געכאַפּטע אויף דער גאַנצער לענג פון דניעסטער, האָט מען געפירט אין די ברענענדיקע פרעסט מיט פורן און צופוס קיין טיראַספּאָל!

דער גאַנצער וועג שלענגלט זיך ביי די ברעגן פון דניעסטער

און מען זעט אַרויס דעם טייך, סיידן אַ וועלדל אָדער אַ ברעג פאַר־שטעלט אים ערטערווייז.

פלוצים האָט דינה דערזען ווי זייער פור האָט אָנגעיאָגט עט־לעכע פויערשע פורלעך מיט קליינע פערדלעך. אויף איינער פון די פורן איז געזעסן, איינגעהילט אין שמאַטעס, אַ שוואַכע פרוי און קינדער, און דערביי זענען געגאַנגען צופוס מאַנסביל, אַלטע און יונגע, און נאָך זיי, ווידער, זענען נאָכגעגאַנגען סאָלדאַטן מיט ביקסן.

איינער פון די סאָלדאַטן, וואָס איז געפאָרן מיט דינהן, האָט זיך אָנגערופן צו די סאָלדאַטן, וועלכע זענען געגאַנגען צופוס מיט די אַרעסטירטע:

—אַ גוטער אָוונט אייך, חברים, וואָס פאַר אַ מיסט פירט איר דאָ?

— אַ גוטער אָוונט אייך אויך! אָט איר זעט דאָך: געכאַפּט ביים דניעסטר! קיין טיראַספּאָל פירט מען זיי! און וואָס איז ביי אייך עפּעס פאַר אַ „קאָנטר-רעוואָלוציע", וואָס איר פאָרט אַליין אַזש מיט צוויי חברים און מיט אַזוינע גוטע פערד און נאָך אַ מיידל דערצו. איר פירט שוין, ווייזט אויס, דעם אמתן פייגל! — האָבן זיך די סאָלדאַטן צעלאַכט.

דינה האָט זיך גלייכגילטיק צוגעהערט צו די רייד פון די סאָל־דאַטן, פּונקט ווי עס געהערט זיך נישט אָן צו איר און מען רעדט וועגן אַן אַנדערער.

צוגעטריבן די פערד, האָט דער וואָגן מיט דינהן אויסגעמיטן אַלע פורן מיט די אַרעסטירטע, ביז מען האָט זיי אינגאַנצן פאַר־לוירן פון אויג.

מיט אַ פופצן מינוט שפּעטער האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט אַ פויעריש פורל, אויף וועלכן עס זענען געלעגן עטלעכע סאָלדאַטן מיט ביקסן, נאָר אָן אַרעסטירטע.

ביידע פורן האָבן זיך געגריסט.

— אַ גוטער אָוונט אייך, חברים! פון וואַנען פאָרט איר עס?

— אַ גוטער אָוונט! — ענטפערן די סאָלדאַטן. — אָט מיר פאָרן פון דובאַסאַר. אָפּגעפירט די „בורזשואַזיע", אַ פופציק שטיק... מיר האָבן זיי, די „בורזשואַזיע", הייסט עס, איבערגעגעבן אונדזערע חברים, זיי זאָלן זיי אָפּפירן קיין טיראַספּאָל. פאָרן מיר איצט צוריק קיין טשאַרניוווסק.

און די סאָלדאַטן פון פאָדערשטן פורל האָבן אַ קוק געטון

אויף דינהן, ווי זי איז אַרומגעזעצט מיט דריי סאָלדאַטן מיט ביקסן, און זיי האָבן געפרעגט:

— און וווהין פאָרט איר?

— אַ באַוווסטע זאַך — קיין טיראַספּאָל.

— צו וואָס פירט איר די „בורזשואַזיע" אַזוי ווייט? מען קאָן עס מאַכן שנעלער...

— אָן „נאַטשאַלסטווע" טאָר מען נישט. מיר האָבן אַ באַפעל זי צוצושטעלן צו נאַטשאַלסטווע קיין טיראַספּאָל.

— ריכטיק! אַ באַוווסטע זאַך, אַז אָן דעם באַפעל פון נאַ־טשאַלסטווע טאָר מען נישט...

— ריכטיק רעדט איר, חברים! די „בורזשואַזיע" וועט שוין סיי ווי באַקומען איר סוף אין טיראַספּאָל — פאָרט געזונטערהייט!

די צוויי פורן האָבן זיך אויסגעמיידט און זענען זיך צעפאָרן יעדע זיין וועג.

דינה האָט ווידער רויק און גלייכגילטיק אויסגעהערט דעם דאָ־זיקן אויסטערלישן שמועס פון די סאָלדאַטן, פונקט ווי זיי וואָלטן גע־רעדט נישט וועגן איר, נאָר וועגן אַן אַנדערער.

עס איז שוין געווען אַרום צוועלף אַ זייגער ביינאַכט. שוין מער ווי אַ האַלבע שעה, אַז זיי פאָרן. די צוויי שטאַרקע פערד פאָרן נישט, נאָר זיי פליען. דער אָנטרייבער האַלט פעסט די לייצעס אין די הענט, ער ברויכט זיינע פערד נישט צו טרייבן מיט קיין בייטש. איין פיפס זיינער — און זיי טראָגן.

דער וועטער האָט זיך וואָס ווייטער אויסגעלייטערט און די לבנה האָט אָפטער אָנגעהייבן אַרויסצוקוקן פון צווישן די וואָלקנס. דער סאָלדאַט, וואָס האָט זי אַרעסטירט, האָט ווידער אָנגעהייבן רעדן און שעלטן דעם וועטער, ווענדנדיק זיך צו זיינע חברים:

— איר פילט, ווי עס הייבט אָן צו נעמען אַ פרעסטל? אַ פאַר־שאָלטענער וועטער!

די איבעריקע צוויי סאָלדאַטן האָבן מיט זייערע נעז אָנגעהייבן צו שמעקן אין דער לופט און האָבן באַשטעטיקט, אַז עס כאַפּט אַ פרעסטל. זיי האָבן געזאָגט:

— אין דער פרי, ווען די זון וועט זיך באַווייזן, וועט דאָס פרעסטל צוגיין.

— אַזוי מיינט איר? — האָט דער דריטער סאָלדאַט געפרעגט.

— גערויס, דאָס הייסט דען אַ פראַכט? דאָס איז אַ שפּילעכל, נישט קיין פּראָסט!

ביי די...הן האָט עס אויסגעוויזן משונה און קאָמיש, וואָס די סאָלדאַטן רעדן אַזוי פיל וועגן וועטער און באַזונדערס וועגן פרעסטל, וואָס הייבט אָן צו נעמען און זי האָט געטראַכט: סאָלדאַטן, זיי האָבן נישט וואָס צו טון... עס איז זיי נמאס געוואָרן צו שווייגן, מעלה-גרהט מען מיט דער צונג.

די פור איז ווייטער האַסטיק געפאָרן אויפן גלאַטן אויסגעריבע־נעם וועג, און אָפּפאָרנדיק נאָך עטלעכע וויאָרסט, האָט זיך דער וואָגן פלוצים האַסטיק אַ קערעווע געטון אין דער זייט און אָנגע־הייבן שפּרינגען איבער אַ שמאָלן, נישט איינגעריבענעם שטעגל, וווּ נאָר צוויי רעדער קאָנען גיין.

דינה האָט דאָס באַמערקט און אין אָנהייב האָט זי געמיינט, אַז מען פאָרט ביי דער זייט, ווי דער שטייגער איז, ווען מען באַגעגנט אַ שלעכט שטיקל וועג, אָבער זי האָט געזען ווי מען פאָרט גלייך, אין דער זייט, ווו עס לויפט דער דניעסטר. זי האָט באַמערקט פון דערווייטנס, ווי עס שוואַרצט זיך אַ וועלדל און גלייך צום וועלדל פאָרט מען, און וואָס נענטער צום וועלדל, אַלץ שטאַרקער שפּרינגען די רעדער — אַ סימן, אַז מען פאָרט שוין אָן אַ וועג, נאָר מיט די פעלדער...

דינה, וואָס האָט זיך ביז איצטער געהאַלטן רויק און איז צו אַלץ געווען גלייכגילטיק, ווי גלייך נישט זי מיינט מען, האָט זיך דערשראָקן און האָט אָנגעהייבן ציטערן אין וואָגן, ווי אַ טויב אין די הענט פון אַ טויבן־כאַפּער.

טויזנטער פון די שרעקלעכסטע און שוידערלעכסטע געדאַנקען זענען איר געקומען אויפן מוח. זי האָט געוואָלט שרייען מיט אַלע אירע כוחות, מען זאָל זי ראַטעווען, טרערן האָבן זי געשטיקט, דאָס האַרץ האָט זיך עפּעטער אָפּגעשטעלט. נאָר זי האָט געוווּסט, אַז עס איז אַלץ אומזיסט, און עס איז איר איינגעפאַלן אַ פּלאַן, אַז אַזוי פאָרנדיק, זאָל זי זיך האַסטיק אַראָפּוואַרפן פון דער פור און דערהר־געט ווערן, אָדער, לכל הפחות, שווער זיך פאַרווונדן.

זי האָט עס פּעסט באַשלאָסן. זי האָט מיט איר באַשלוס נאָר געוואַרט, ווען די פערד וועלן אַרויף אויפן גלייכערן וועג אָדער

זיי וועלן גיין באַרג אַראָפּ, וועלן זיי גיכער לויפן און דער פּאַל וועט זיין אַ שטאַרקערער.

זי האָט זיך געפילט איבערגליקלעך, וואָס איר איז איינגעפאַלן אַזאַ גוטער פּלאַן און מיט דער גרעסטער אומגעדולט האָט זי גע-וואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען זי וועט זיך האַסטיק אַ וואָרף טון מיטן קאָפּ אַראָפּ גלייך אויף דער ערד און נאָך בעסער, ווען זי וועט פאַלן אויף שטיינער.

נאָר ווען זי איז אַזוי געווען פאַרטראַכט אין אירע פייגלעכע געדאַנקען, האָט זי זיך פּלוצים דערזען אין וואַלד צווישן געדיכטע ביימער. די פור האָט זיך איצט לאַנגזאַם געשלעפּט, זוכנדיק אַ וועג צווישן די ביימער.

פּלוצים האָט זיך דער וואָגן מיט די פערד אָפּגעשטעלט. די דריי סאָלדאַטן מיט דעם אָנטרייבער פון די פערד זענען גיך אַראָפּ-געשפּרונגען און געהייסן דינהן אויך אַראָפּגיין.

דינה האָט זיך נאָך מער דערשראָקן. אַ צאָן אָן אַ צאָן האָט איר אָנגעהייבן צו קלאַפּן און זי האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

די סאָלדאַטן האָבן באַמערקט איר שרעק, האָט מען זי אויף די הענט אַראָפּגענומען פון וואָגן און דער סאָלדאַט, וואָס האָט זי אַרעסטירט, האָט מיט אַ ווייכע שטימער זיך אָנגערופן:

— פריילן, שרעקט זיך נישט, מען וועט אייך קיין שום שלעכטס נישט טון... זייט רויק און גייט מיט אונדז...

אין דעם סאָלדאַטס שטימע האָט זיך געפילט אַזוי פיל ווייכ-קייט און פריינטשאַפט, אַז זי האָט זיך באַלד באַרויקט. אין אַלע אי-רע אברים איז איר וואַרעם געוואָרן. זאָל זיין, אַז דער סאָלדאַט זאָגט אַ ליגן, אָבער זיין שטימע קלינגט דאָך אַזוי ווייך און אויפריכטיק.

דער וואָגן מיט די פערד זענען געבליבן שטיין און צוויי סאָלדאַטן מיט די ביקסן אויף די רעכטע אַקסלען, האָבן אַרומגע-רינגלט דינהן און מען האָט אָנגעהייבן גיין...

אין וואַלד איז געווען פינצטער און פון צייט צו צייט האָט די לבנה אַריינגעקוקט און מען האָט דאַן געקאָנט דייטלעכער זען. מען האָט געזוכט דעם וועג און מען איז געגאַנגען טריט ביי טריט, אָבער עס איז געווען צו באַמערקן, אַז די סאָלדאַטן ווייסן גוט דעם וועג און שטעלן זיכער זייערע טריט.

אָפּגעגאַנגען אַזוי אַ צוואָנציק מינוט האָט אָנגעהייבן ווערן ליכ־טיקער, — אַ סימן, אַז דער וואַלד ענדיקט זיך. וואָס ווייטער, זענען געווען ווייניקער ביימער.

דינה האָט אַ לאַנגן זיפץ געטון.

— נאָר וווהין פירן זיי מיך? — האָט איר נישט אויפגעהערט צו בויערן אין קאָפּ, און ווידער איז אויף איר אָנגעפאַלן אַ שרעק מיט טויזנטער שוידערלעכע געדאַנקען.

ווען זיי זענען אינגאַנצן אַרויס פון וואַלד, האָט מען טיף, טיף באַרג אַראָפּ דערזען דעם שלענגלדיקן דניעסטר, ערטערווייז באַשיט מיט שניי אויף שטיקער אייז און ערטערווייז וואַסער.

דאָ האָבן די שווייגנדיקע סאָלדאַטן זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן.

אויף דעם באַרג, לעבן וואַלד, האָבן זיך געפונען אַ פּאָר קליי־נע פויערשע הייזלעך מיט איינציקע קליינע פענצטערלעך, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט צום דניעסטר. אומעטום איז געווען פינצטער, אין ערגעץ האָט נישט געלויכטן.

איינער פון די סאָלדאַטן האָט זיך אָפּגעטיילט און איז אַוועק אין דער זייט צום פויערשן שטיבל. עס האָט נישט געדויערט קיין פינף מינוט, האָט זיך אין דעם פענצטערל פון פויערשן שטיבל באַ־וויזן אַ שיין. באַלד דערנאָך האָט זיך באַוויזן נאָך אַ שיין אין אַ פענצטערל פון אַ פויעריש שטיבל אויף יענער זייט דניעסטר.

דינה האָט נישט אָנגעהייבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר. זי האָט נאָר באַמערקט, אַז ווען עס איז ליכטיק אין דעם פענצטערל פון שטיבל אויף יענער זייט דניעסטר, גייען מיט איר די צוויי סאָל־דאַטן און ווען עס איז פינצטער בלייבן זיי מיטאַמאָל שטיין און קוקן זיך אַרום אויף אַלע זייטן און הערן זיך צו צו יעדן שאָרך.

און דינה האָט צוביסלעכווייז אָנגעהייבן צו פאַרשטיין, אַז דורך די פייערלעך פון די פויערשע שטיבלעך אין די פענצטערלעך גיט מען צייכנס און מען רעדט זיך איבער. נאָר צוליב וואָס רעדט מען זיך איבער אויף אַזאַ אופן און וווהין פירט מען זי — האָט זי נישט פאַרשטאַנען.

צווישן אַלע אַנדערע טויזנטער געדאַנקען, וואָס זענען איר איצטער, ווי בליצן, געפלויגן אין קאָפּ, איז געווען נאָך איין שרעק־לעכער געדאַנק, אַז מען פירט זי אַריינוואַרפן אין דניעסטר און

באַרויבן איר אַלטן מאַנטל, אין וועלכן עס זענען געווען באַגראָבן אירע עלטערנס בריליאַנטן. נאָר זי האָט דעם דאָזיקן געדאַנק באַלד אָפּגעשלאָגן פון זיך.

— דאָס קען נישט זיין, דאָס איז נישט מעגלעך. ווי אַזוי האָבן זיי זיך דערפון דערוווסט? און ווען אַפילו יאָ, האָבן זיי זי דאָך גע־קענט באַראַבעווען באַלד אונטערן שטעטל טשאַרניוווסק? צו וואָס האָבן זיי באַדאַרפט זי פירן אַזוי ווייט צום דניעסטער, ווען דער טייך גע־פינט זיך אין טשאַרניוווסק אויך?

אין פענצטערל האָט זיך ווידער באַוויזן אַ שיין און די סאָל־דאַטן מיט דינהן האָבן ווידער אָנגעהייבן צו גיין.

זיי האָבן זיך איצטער אָנגעהייבן אַראָפּלאָזן אַראָפּ באַרג.

איינער פון די סאָלדאַטן האָט זיך אָנגערופן צו דינהן:

— איצטער גייט פאָרזיכטיק, איר זאָלט נישט אַראָפּפאַלן פון באַרג... איר פילט דאָך מסתמא, אַז איר טרעט אויף קליינע שטיינדלעך, עס איז זיך נישטאָ ביי וואָס אָנצוהאַלטן און מען קען זיך אַראָפּ־קאַטשען פון באַרג, אַז מען זאָל שוין קיינמאָל נישט אויפשטיין קיין לעבעדיקער... האַלט זיך שטאַרק אָן אונדז, מיר וועלן אייך העלפן...

די סאָלדאַטן האָבן פאַרוואָרפן זייערע ביקסן אויף די פלייצעס און האָבן דינהן אָנגענומען ביי די הענט און זי געפירט, כמעט געטראָגן.

דינה האָט דאָס ערשטע מאָל דערפילט, אַז מיט איר גייען גוטע איבערגעגעבענע פריינט, און אַ געדאַנק האָט ווי אַ זון־שטראַל אַ בליץ געטון איר אין מח:

— שוין־זשע וועט עס געשען?...

און זי האָט דערפילט, ווי אַ גוטער באַלזאַם צעגיסט זיך איבער אירע אַלע אָפּגעשוואַכטע אברים.

טריט ביי טריט זענען זיי געגאַנגען אַראָפּ באַרג. די שטיינד־לעך האָבן זיך אונטער די פיס געשאָטן, מען האָט זיך גע־דראַפּעט און געקראָכן אויף אַלע פיר, זוכנדיק אויף עפּעס זיך אָנצוהאַלטן, מען זאָל זיך נישט אַראָפּקאַטשען.

דינה האָט שוין געהאַט צעבלוטיקטע און צעשטאָכענע הענט פון האַרטע צווייגן און שטעקלעך, וואָס האָבן געוואַקסן אויפן גרויסן באַרג, נאָר זי האָט נישט געפילט קיין ווייטיק. דאָס האַרץ איז איר אָנגעפילט געווען מיט פרייד.

דאָס פייערל אין פענצטערל האָט די גאַנצע צייט געשיינט און דער עולם איז געקראָכן אַלץ אַראָפּ און אַראָפּ, און ווען אין פענצטערל איז פינצטער געוואָרן, האָט איינער פון די סאָלדאַטן אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל נישט רעדן און נישט הוסטן, און כּל זמן אין פענצטערל איז געווען פינצטער, איז מען געשטאַנען אויף איין אָרט. מען האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און מען האָט זיך צוגעהערט.

פּלוצים האָט זיך שטיל אָנגערופן איין סאָלדאַט:

— איר הערט, הינט האָבן שוין אָנגעהייבן צו בילן פון אַ נאָנט דערפל... זיי, די פאַרשאָלטענע, האָבן מיט זייער הינטישע נעז שוין דערפילט, אַז מענטשן גנבענען זיך...

און ער האָט אָנגעהייבן שעלטן אַלע הינט פון דער גאַנצער וועלט.

איינער פון די סאָלדאַטן האָט געגעבן אַן עצה, מען זאָל ווייניקער אָטעמען, ווי מעגלעך אָפּהאַלטן דעם אָטעם, ווען די הינט וועלן שפּירן, אַז מענטשן גייען און זיי וועלן ווייניקער בילן.

דינה האָט אַלץ געפּאָלגט. זי האָט געפּרוווט ווי מעגלעך איינצוהאַלטן דעם אָטעם, האָט איר אָנגעהייבן צו שטיקן און זי האָט אַ הוסט געטון.

— אָטעמט שוין בעסער, איידער הוסטן...—האָט דער סאָלדאַט מיט שרעק זיך אַ כאַפּ געטון.

נאָך אַ גאַנצער שעה קריכן און דראַפּען זיך מיט די גרעסטע שוועריקייטן, זענען זיי ענדלעך געקומען צום ברעג טייך.

דאָ ערגעץ, צווישן שטיינער, האָבן זיך אַלע אַנידערגעלייגט אָפּרוען. זיי האָבן געשוויגן און נישט אַרויסגעלאָזט קיין איינציק וואָרט.

דינה האָט נאָנט געהערט דעם גערויש פון דניעסטר, ווי שטיקלעך אייז האָבן זיך איינס אָן דעם צווייטן אָנגעשלאָגן. זי האָט געהערט דעם גאַנג פון וואַסער, און פון צווישן די שטיינער, ווו זי מיט די סאָלדאַטן זענען געווען פאַרשטעלט, האָט זי דייטלעך געזען יענעם ברעג מיט אַלע הייזלעך, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען.

נאָך אַ צוואַנציק מינוט אָפּרוען זיך, האָט זיך איין סאָלדאַט אָנגערופן צו דינהן:

— איצטער וועל איך גיין און באַלד קומען... זייט רויק, מאַמזעל, נאָר רויק זאָלט איר זיין... באַלד וועל איך קומען...

דינה איז געווען אַזוי מיד, אַז זי האָט געפילט, ווי אַלע ביינער

זענען איר צעבראָכן. זי האָט אין דעם מאָמענט נאָר פון איין זאַך געטראַכט: מען זאָל זי לאָזן ליגן רויק אָט דאָ צווישן די שטיינער, ווו עס איז איר איצטער אַזוי גוט, אַזוי גרינג, אַזוי שטיל אויף דער נשמה.

איר מידקייט און צעבראָכנקייט און אירע איבערלעבונגען אין דער היינטיקער נאַכט און דערנאָך דאָס שלעפּן זיך מיט אַזעלכע שווע־ריקייטן איבערן באַרג, וועלכער איז כמעט גלייך ווי אַ וואַנט, איז דערגאַנגען ביז צו דער לעצטער מדרגה. אַ געוואַלטיקע קראַפט האָט זי נאָר געצויגן צו דער ערד, ווו עס וואָלט זיך איר, דאַכט זיך, וועלן ליגן אויסגעצויגן דאָס גאַנצע לעבן, אַז זי זאָל שוין קיינמאָל נישט אויפשטיין. פון קיין זאַך האָט דינה איצטער נישט געטראַכט און קיין זאַך האָט זיך איר איצטער נישט געוואָלט, נאָר רוען און רוען.

און ליגנדיק אַזוי אויסגעצויגן אויף דער ערד, האָט זי זיך געפילט אַזוי גוט, אַזוי גוט. קיין קעלט, קיין הונגער האָט זי נישט געפילט, נאָר עס איז געווען גוט, מחיהדיק און זי האָט אויסגע־הערט דעם צווייטן סאָלדאַטס ווערטער, אַז ער גייט אַוועק, מיט אַזאַ קאַלטקייט, פונקט ווי ער וואָלט איר גאָרנישט אָנגעגאַנגען.

אין אַ פופצן מינוט אַרום איז דער צווייטער סאָלדאַט געקומען און געזאָגט צעפרידן צו דינהן:

—שטייט אויף, איצטער וועט איר אַריבער דעם דניעסטר! באַלד וועלן מיר אייך איבערגעבן איינעם וואַסילי, וואָס וואַרט אויף אייך מיט זיין שיפל. איר זאָלט נאָר זיין רויק און זיך נישט שרעקן פאַר אים. ער איז אַ גוטער און אַן אָרנטלעכער מענטש, כאָטש ער זעט אויס ווי אַ בער... איר קאָנט זיך אים געטרויען, און וואָס ער וועט אייך הייסן, זאָלט איר אים פאָלגן... ער וועט אייך קיין שלעכטס נישט טון, און דאָס איבעריקע דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויף גאָט...

דינה האָט זיך געפּרוווט אויפהייבן, נאָר הענט און פיס האָבן נישט געדינט, שווער ווי בליי זענען זיי געווען.

די סאָלדאַטן האָבן זי אויפגעהייבן, אָבער אין אירע אויערן האָבן געקלונגען ווי שיינע מוזיקאַלישע קלאַנגען די ווערטער, אַז זי גייט שוין באַלד אַריבער דעם דניעסטר. און מיטאַמאָל האָבן זיך אומגע־קערט צו איר אַלע אירע יונגע כוחות און מוט, מיט וואָס זי האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט צווישן אירע חברטעס.

גייענדיק אַזוי די גאַנצע צייט ביים ברעג, האָבן זיי מער

נישט געהערט די טריט הינטער זיך, ווייל דער רויש פון דעם לויפנ־דיקן וואַסער און פון די טויזנטער שטיקער אייז, וואָס זענען מיט רעש געשווומען און זיך אָנגעשלאָגן איינס אָן דאָס צווייטע, האָט אַלץ פאַרטויבט, און אָן שרעק, אַז עמעצער זאָל קאָנען דערהערן זייערע טריט, זענען זיי רויק געגאַנגען, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַ ברעג, ווו עס האָבן געוואַקסן נידעריקע ביימלעך. זיי זענען אַריין אין דעם דאָזיקן קליינעם וועלדל.

דינה האָט דערפילט, ווי עס איז איר נאַס אין די פיס און אַז זי טרעט אין וואַסער. זי האָט געוואָלט וועגן דעם זאָגן אירע באַגלייטער, נאָר פלוצים האָט זיך ווי פון אונטער דער ערד אויפ־געהייבן אַ געוואַלטיק הויכע ברייטע פיגור, דער קאָפּ און דאָס פּנים פאַרוואַקסן מיט געדיכטע האָר און אויף דינהן האָבן געקוקט אַ פּאָר היהשע אויגן מיט דיקע פאַרוואַקסענע ברעמען.

אונטער זיינע פיס האָט זיך באַוועגט אַ קליין שיפל, וואָס הייסט ביי די שיפערס „דושעגובקע".

די צוויי סאָלדאַטן האָבן אין איין קול געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט און מיט מזל.

און זענען ווי שאָטנס פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די ביימלעך.

דינה איז געבליבן מיט דעם „בער" וואַסילי, ווי די סאָלדאַטן האָבן אים אָנגערופן.

— הער נאָר, מיידל! — האָט זיך פלוצים דערהערט פון דעם האַלב ווילדן מענטשן אַ ווייכע, פריינטלעכע שטימע. — אויפן דניעסטער גייען איצטער שטיקער אייז, אמת, נישט קיין דיקע, אָבער זיי זענען אויך געפערלעך פאַר אונדזער דושעגובקע. איך גלויב, אַז איך וועל זיי דאָך אויסמיידן. איך מיט מיין שיפל, מיידל, האָב זיך שוין אין מיין לעבן באַגעגנט מיט גרעסערע און שטאַרקערע שונאים!...

וואַסילי האָט איבערגעהאַקט זיין רעדן, צוהערנדיק זיך צו עפּעס, נאָר באַלד האָט ער אָנגעמאַכט מיט דער האַנט און געזאָגט, אַז עס איז גאָרנישט און ער האָט ווייטער גערעדט:

— יאָ, אין מיין לעבן האָט זיך מיין שיפל באַגעגנט מיט דיקע גרויסע שטיקער אייז, אָט, פאַר „פּאַסכאַ", ווען דער דניעסטער רירט זיך... און דאָך האָב איך זיי גובר געווען. אָבער אפילו אַזאַ דינער אייז איז אויך אַמאָל געפערלעך... דעריבער זאָג איך דיר, מיידל, אַז דו זאָלסט מיך פאָלגן, איך מיין אויף דעם פאַל, טאָמער שלאָגט

זיך אָן דער אייז און קערט איבער אונדזער שיפל... זאָלסטו זיך אָנ־כאַפּן אין מיר און שטאַרק זיך האַלטן ביי מיין גאַרטל, און איך וועל דיך שוין אַרויסשלעפּן אויף יענער זייט ברעג! זיי נאָר רויק, נישט געזאָרגט און דערהויפּט זיך נישט שרעקן און פאַרלאָזן זיך אויף גאָט און אויף וואַסילין!

נאָך דער רעדע איז וואַסילי צוגעגאַנגען צום שיפל, אויפגעהייבן זיי־נע ברייטע געזונטע הענט, אַ כאַפּ געטון דינהן, ווי אַ קינד און זי אַריינגעזעצט אין שיפל.

דינה האָט באַלד דערפילט דעם ריח פון אַ נאָר וואָס אויסגע־ליידיקטן פאַס וויין. וואַסילי איז איצט געווען ניכטער, נאָר עס האָט געשמעקט פון אים מיט זויערן וויין, נישט נאָר פון מויל, נאָר פון זיין גאַנצן קערפּער, אפילו פון די הענט.

וואַסילי האָט מיט איין „וויאָסלאָ" אָפּגעשטופּט דאָס שיפל, זיך איבערגעצלמט, נאָך איינמאָל אַ שטופּ געטון מיט דער „וויאָסלע" און דאָס שיפל האָט זיך אָנגעהייבן גליטשן גלאַט און שטיל, און מען האָט אפילו נישט געהערט זיין גאַנג. דינה האָט נאָר באַמערקט, אַז מען האָט זיך דערווייטערט פון ברעג.

קיין ווינט איז נישט געווען, נאָר דאָך זענען גאַנצע מחנות אייז געשוווּמען איבערן וואַסער, נישט איינגעשטאַנען אויף איין אָרט, געלאָפן כסדר איינס נאָך דעם אַנדערן, איינס איבער דעם אַנדערן. שטאַרקערע האָבן צעבראָכן שוואַכערע, גרעסערע—קלענערע און עס האָט זיך נאָר געהערט אַ קראַכן און אַ ברעכן פון אייז־שטיקער. און דינה האָט זיך, נישט ווילנדיק, דערמאָנט אין דעם שרעקלעכן פּאָגראָם, וואָס איז פאָרגעקומען אין איר געבורטס־שטעטל. דאָסזעלבע גערויש, דאָסזעלבע ווילדע לויפן און דאָס אָנפאַלן פון די שטאַרקערע אויף די שוואַכערע. אָט שווימען זיך, שפּילנדיק, קליינע שטיקער אייז, קומען צולויפן די גרויסע געזונטע, דיקערע און צעברעכן די קלענערע אויף שטיק־שטיקלעך און זיי ווערן צעזייט און צעשפּרייט גלידערווייז איבער דעם גאַנצן טייך.

אָט גייען גרויסע שטיקער אייז גלייך אויפן שיפל, נאָר וואַסילי מיט זיינע שטאַרקע וויאָסלעס און זיינע געזונטע הענט ראַנגלט זיך מיט זיי, דערלאַנגט זיי אַלע מאָל איבער די קעפּ, צעשפּאַלט זיי אויף צוויי, אויף דריי אָדער אויף אַ סך שטיקלעך, און זיי צעגייען זיך אויף אַלע זייטן און דאָס שיפל גייט זיך ווייטער זיין גאַנג. אָפט מאַכט

זיך, אַז דאָס שפּיל דרייט זיך אויף אַלע זייטן און אַנטלויפט זיגזאַג־גיש פון די שונאים און ראַטעוועט זיך מיטן לעבן.

וואַסילי מיט זיינע פלי־זין — די „וויאָסלעס" ראַנגלט זיך, ווי אַ גבור, וואָס איז שוין פיל מאָל אין גרויסע סכנות געווען, נאָר איצט זעט דינה, ווי דער גרויסער גבור וואַסילי הייבט אָן שוואַך צו אָטעמען, ווערט מיד און פאַלט פון די כוחות. מען וואָלט שוין באַדאַרפט קומען צו יענעם ברעג, נאָר דאָ מוז מען אַלע מאָל זיך דרייען און אַרומגיין, ווו עס איז דאָ מער וואַסער און ווייניקער שטיקער אייז, און מען דרייט זיך אויף איין אָרט, כאָטש דעם ברעג זעט מען אזוי נאָענט, נאָר מיט דער האַנט צו דערלאַנגען...

דינה זעט און פילט די גרויסע געפאַר, נאָר זי שרעקט זיך נישט. זי פאַרשטייט, אַז איצטער טאָר מען זיך נישט שרעקן און זי נעמט זיך אָן מיט מוט. זי פילט, אַז מיט איר געפינט זיך אַ שטאַרקער מענטש און זי פילט זיך אויך שטאַרקער.

דינה זעט איצטער, אַז עס קאָן קומען אַ מאָמענט, ווען די שטיקער אייז וועלן איבערקערן דאָס שיפל צוזאַמען מיט זיי און מען וועט זיך דאַרפן לאָזן שווימען צווישן שטיקער אייז און קאַלטן וואַסער... און זי איז גרייט יעדע מינוט זיך אָנצוכאַפּן אין וואַסילין, ווי ער האָט איר אָנגעזאָגט.

וואַסילי פילט אויך, אַז דער שרעקלעכער מאָמענט קאָן קומען און מען מוז שפּאָרן כוחות אויף שפּעטער, מען זאָל קאָנען צושווימען צום ברעג.

דינה באַמערקט, אַז וואַסילי האָט פאַר דער גאַנצער צייט דאָס ערשטע מאָל אַ קוק געטון אויף איר.

און זי פאַרשטייט פון זיין קוק, אַז ער איז צופרידן פון איר, וואָס זי האָט קיין איינציק מאָל, אויף קיין איין מינוט נישט אַרויסגעוויזן קיין שרעק און דאָס גיט אים צו שטאַרקייט און גלויבן, אַז ער וועט זיינע שונאים גובר זיין.

וואַסילי האָט זיך אָבער געשראָקן נאָך פאַר גרעסערע שונאים פון די, וועלכע יאָגן זיך אויף זיין שיפל איבערן וואַסער.

זיין גרעסטער שונא איז איצטער געווען דער טאָג. טאָמער הייבט אָן צו טאָגן פריער, איידער ער קומט מיט זיין פּאַסאַזשיר צום ברעג. עס איז שוין נישט ווייט צו טאָג און ער דרייט זיך נאָך און שלאָגט זיך נאָך מיט די שטיקער אייז.

עס בלייבט ביי אים, אַז ער וועט אויפהערן ווי ביז איצ־טער צו מאַכן קרומע וועגן, נאָר ער וועט גיין גלייך פאָרויס, און וואָס עס איז באַשערט, וועט זיין. דינה האָט פון זיין שרעקלעכן פּלאַן נישט געוווּסט און איז רויק און מוטיק געזעסן אין שיפל.

וואָס נעענטער צו טאָג, איז דאָס פּרעסטל שטאַרקער געוואָרן און די שטיקער אייז האָבן אָנגעהייבן גיין לאַנגזאַמער, וואַטילי האָט אַ ביסל גרינגער אָנגעהייבן צו אָטעמען און זיינע וויאָסלעס האָבן אויך געאַרבעט לאַנגזאַמער.

די הענער פון די נאָענטע דערפלעך האָבן אָנגעהייבן צו קרייען אויף פאַרטאָג, אָבער עס איז נאָך געווען געגוג פינצטער. צו טאָג איז נאָך געבליבן נישט קיין גאַנצע שעה...

ט.

נאָענטע קרובים, וואָס זענען געקומען פון ווייט אינם שטעטל דאַר־בּרעשקטי אַריבערנעמען זייערע קרובים פון אוקראַינע, זענען היינטיקן פרימאָרגן אויפגעשטאַנען פריילעכער צוליב דעם פּרעסטל, וואָס האָט געכאַפּט היינטיקע נאַכט. און נייע האָפענונגען האָבן זיי באַקומען, אַז נאָך אַ פּאָר אַזעלכע פּרעסטלעך וועט זיך ענדלעך שטעלן דער דניעסטער און זייערע קרובים וועלן קאָנען אַריבערגיין. זיי וועלן קאָנען מיט זיי אָפּפאָרן אַהיים און זיך אויפהערן דאָ צו נודיען, פאַרלירן אַזוי פיל צייט און געלט. נאָר דער דאָקטאָר שטיינ־מאַן, דערזעענדיק דורכן פענצטער דאָס פּרעסטל, איז אויפגעשטאַנען ווי מען זאָגט „אויף דער לינקער זייט" און אין זייער אַ שלעכטער שטימונג, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז היינט, מאָרגן וועט דינה קו־מען. אַזוי האָט אים פאַרזיכערט חיים, נאָכדעם ווי שטיינמאַן האָט אים היינטיקע וואָך געגעבן נייע טווינט לעי, אַ חוץ דער סומע, וואָס זיי האָבן זיך באַדונגען.

און אַז דער דאָקטאָר האָט חיימען געזאָגט, אַז ער וועט משוגע ווערן, וואַרטנדיק שוין חדשים לאַנג אויף דינהן און אַז עס נעמט נישט קיין סוף, האָט חיים זיך אָנגערופן:

— גלויבט מיר, ה׳ דאָקטאָר, אַז נישט ווייניקער, ווי איר, וויל איך דינהן אַריבערנעמען ווי צום גיכסטן. נאָר איר זעט דאָך, אַז עס איז איצטער אוממעגלעך, עס מוז פאַרפרוירן ווערן דער דניעסטער

אָדער אײנגאַנצן זיך אָפּרײניקן פֿונם אײז — װאָס זאָל מען טון? אַז דער הײנטיקער װינטער האָט אַזױ פֿאַרשפּעטיקט?

שטײנמאַן האָט זיך געקרימט און נישט געװוּסט, װאָס צו ענט־פֿערן אױף חײמס װערטער.

חײם האָט זיך אַ ביסל פֿאַרטראַכט און פֿרײלעך זיך אָנגערופֿן צום דאָקטאָר:

— איר װײסט, ה׳ דאָקטאָר, װאָס מיר איז אײנגעפֿאַלן? קײ־נעם װאָלט איך עס נישט פֿאָרגעלײגט, נאָר אײך יאָ. די געשיכטע דערפֿון איז, װאָס איך גלױב זײער אין מײן װאַסילין. פֿאַר אים איז נישטאָ קײן פֿאַרשפּעטיקטער װינטער מיט שלעכטע װעטערן. ער קאָן אַלץ, װען ער װיל נאָר! אים דאַרף מען עפּעס צוװאַרפֿן אַזױ, ער זאָל װערן איבערראַשט. דעריבער איז מײן עצה, מען זאָל אים צוװאַרפֿן אַ מתּנה, חוץ װאָס ער האָט שױן זײנס לאַנג באַקומען, נאָך טױזנט לעי... אַן אַנדערן װאָלט איך עס נישט פֿאָרגעלײגט, מען זאָל נישט מײנען, אַז איך װיל מער פֿאַרדינען און אױספּרעסן נאָך געלט, װי עס טוען אַ סך אַנדערע, נאָר איר, ה, דאָקטאָר, קאָנט דאָך מיך... דעריבער לײג איך עס אײך פֿאָר, אפֿשר װעט עס העלפֿן... װאַסילי דאַרף נאָר שטאַרק װעלן, און אַז ער זאָל שטאַרק װעלן, מוז מען אים צושמעלצן מיט טױזנט לעי... אױב איר װילט, װעלן מיר נאָך מאַכן די פּראָבע... װי מײנט איר?

שטײנמאַן האָט נישט געענטפֿערט מיט קײן צװײ װערטער, נאָר גלײך אַרױסגענומען טױזנט לעי און געגעבן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט חײם געגעבן צו װיסן, אַז הײנטי־קע װאָך װעט דינה זײן אױף „דער זײט"...

װען שטײנמאַן האָט עס דערצײלט אין דער הײם, איז בענ־י מיט בײלקען ממש געשפּרונגען פֿאַר שׂמחה.

בײלקע האָט זיך אָנגעהױבן ריכטן אױף דעם טײַערן גאַסט. זי האָט אױפֿגעראָמט פֿאַר איר דאָס בעסטע צימער מיט די פֿענצטער אין גאָרטן אַרײן, װי שטײנמאַן האָט ביז איצטער געװוּנט און דאָס גאַנצע הױז האָט מען אױסגעפּוצט װי פֿאַר אַ גרױסן יום־טוב.

— דינה װעט זיך דאַרפֿן גוט אָפּרוען, — האָט בײלקע געזאָגט, און אײך, ה׳ שטײנמאַן, װעל איך משלח זײן אױף דער צװײטער זײט אין אַ קלענערן צימער... מיט דינהן דאַרף מען זיך באַגײן, װי מיט אַ חולה.

— אַפילו אויפן בוידעם אָדער אין קעלער וועל איך וווינען, אַבי זאָל זי שוין קומען! — האָט שטיינמאַן געענטפערט אַ גליקלעכער.

יעדע נאַכט האָט מען ביי בענין אין הויז געוואַרט אויף דינהס אָנקומען. מען איז איבערגעזעסן די נעכט און מען האָט אַלץ גערעדט וועגן דינהן. פון יעדן שאָרך אין די לאָדן אָדער אין דער טיר האָט זיך איינער מיט דעם צווייטן איבערגעקוקט: אפשר קלאַפּט דינה.

יעדן אָוונט האָט מען זיך געלייגט שפּעט שלאָפן און אויך דער שלאָף איז געווען אומרויק. דוד האָט די גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט, און היינטיקן פרימאָרגן, ווען ער האָט דערזען דעם פראָסט, האָט ער זיך מיטאַמאָל אַזוי פאַרענדערט, אַז אַלע אין שטוב האָבן עס באַמערקט און אים געשטראָפט, וואָס ער האָט זיך אַזוי פאַרלאָרן.

— וואָס קאָן איך טון? — האָט שטיינמאַן געענטפערט. — מיינע נערוון האַלטן עס שוין מער נישט אויס און איך האָב פאַרלאָרן אַלע האָפענונגען, איך זאָל ביי דעם היינטיקן פאַרשאַלטענעם ווינטער קאָנען דאָ זען דינהן...

— אַז חיים האָט פאַרזיכערט, אַז היינטיקע וואָך וועט זי דאָ זיין, קאָן מען אים גלויבן, — האָט ביילקע אים געזאָגט. — מיר גלויבן חיימען און איר וועט זען, אַז היינטיקע וואָך וועט דאָ זיין דינה און אומזיסט פאַלט איר אַזוי אַראָפּ ביי זיך...

— איך גלויב אויך חיימען, איך גלויב, אַז ער וויל אַריבער־ברענגען דינהן. ער איז דאָך אָבער מער נישט ווי אַ מענטש. מיט דער נאַטור קאָן מען זיך דאָך נישט ראַנגלען! וואָס קאָן מען טון, אַז דער פאַרשאָלטענער וועטער איז אַזעלכער, וואָס עס איז נישט צו גיין און זיך נישט צו שיפן איבערן דניעסטער? — איר זעט דאָך וואָס פאַר אַ פראָסט עס האָט גענומען היינטיקע נאַכט?

— און נאָך מיטאָג קאָן דער פראָסט נאָכלאָזן! — האָט ביילקע אים געטרייסט.

נאָך מיטאָג האָט דער פראָסט נישט נאָכגעלאָזט. פאַרקערט, וואָס נענטער צו נאַכט, האָט דער פראָסט גענומען שטאַרקער, נאָר צווישן טאָג און נאַכט איז פלוצים אַריינגעקומען צו בענין חיימס ווייב, פייגע, מיט אַ שיינענדיק געזיכט.

אַלע האָבן אויף איר פּנים געזען, אַז זי האָט געבראַכט אַ פריילעכע בשורה, און איידער מען האָט זי אָנגעהייבן אויספרעגן,

האָט פייגע אויסגעשריגן „מזל־טוב!" און אָנגעהייבן דערציילן:

— דינה איז היינט פאַרטאָג אַריבער דעם דניעסטר מיט גרויסע שוועריקייטן... וואָסילי מיט איר האָבן געשפּילט מיטן לעבן... נאָר גאָט האָט געהאָלפן, זיי זענען געקומען לעבעדיקע... דינה געפינט זיך איצטער אַ פּופצן וויאָרסט פון דאַנען, ביי מיין מאַנס אַ באַקאַנטן פּויער, און ווי נאָר מיין מאַן האָט זיך דערוווּסט, ווו זי געפינט זיך, האָט ער געהייסן שפּאַנען די ברישטקע, מיר געהייסן מיטנעמען פון מיין וועש אַ פּאָר העמדער, ליילעכער, אַ קאָלדרע, אַ שאַל, אַ פּאָר קליידלעך און אַ פּאַלטאָ, און מיר זענען אַוועקגעפאָרן.

— ווען מיר זענען אַהין געקומען, האָבן מיר דינהן געטראָפן ליגן אויף אַ וואַרעמען אויוון, צוגעדעקט מיט פּויערשע פּעלצן. זי איז געשלאָפן ווי אַ דערהרגעטע... מיין מאַן איז אַוועק אין דאָרף וועגן זיינע געשעפטן און איך בין געבליבן וואַרטן... ערשט אין צוויי שעה אַרום האָט זי געעפנט די אויגן און איך האָב מיט איר גערעדט... איך וועל אייך נישט איבערגעבן אונדזער שמועס. זי וועט אייך אַליין דערציילן, דאָס איז יציאת מצרים... זי האָט מיר נאָר געבעטן, אַז מאָרגן פרי זאָלט איר, ביילקע, קומען צו איר, נישט אייער מאַן און נישט דער דאָקטאָר שטיינמאַן, נאָר איר, ביילקע... איך וועל אויך מאָרגן פאָרן מיט אייך... זי האָט אייך געבעטן, אַז איר זאָלט איר ברענגען אַ פּאָר קליידלעך און קויפן פאַר איר אַ פּאָר שיך מיט קאַלאָשן... מיינע קליידלעך טויגן נישט פאַר איר, נאָר אייערע וועלן זיין גוט...

דוד איז געזעסן ווי פאַרשטיינערט, געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס פייגע האָט דערציילט און דערנאָך געפרעגט:

— איז זי געזונט?

— זי וועט זיין געזונט, אָבער זי דאַרף זיך נאָך גוט אויס־רוען...

— און איר האָט טאַקע מיט דינהן אַליין גערעדט? — האָט ער פּלוצים געפרעגט חיימס ווייב.

זי האָט אויף שטיינמאַנען משונהדיק אַ קוק געטון און זיך אָנ־גערופן:

— אוודאי האָב איך מיט איר אַ גאַנצע שעה גערעדט, ביז מיין מאַן איז געקומען. וואָס דען דערצייל איך אייך?

פון גרויס פרייד און גליק האָבן זיך ביי שפּיינמאַנען באַוויזן

טרערן, און פּלוצים האָט ער חיימס ווייב אַרומגעכאַפּט און געקושט.

פייגע האָט זיך פון זיינע הענט אַרויסגעריסן שטאַרק פאַררויטלט.

אַלע אין שטוב האָבן זיך צעלאַכט.

— פאַר אַזאַ טייערע בשורה, — האָט שטיינמאַן זיך פאַרענטפערט, — האָב איך געמוזט אייך קושן!

— אַ גליק, וואָס מיין מאַן איז נישטאָ, — האָט פייגע געשפּאַסט.

אַלע האָבן ווידער שטאַרק זיך צעלאַכט.

ביילקע מיט פייגען האָבן זיך צונויפגערעדט, אַז מאָרגן אין דערפרי וועט זי קומען צו איר און זיי וועלן ביידע אַוועקפאָרן צו דינהן אין דאָרף.

ווען פייגע האָט זיך געזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דוד געזאָגט צו ביילקען:

— מען וועט דאַרפן אויפשטיין גאַנץ פרי, גיין אין גאַס און דערווייל קויפן פאַר דינהן אַ קליינעם גאַרדעראָב. איך פאַרשטיי, אַז מיט אירע מלבושים, וואָס זי האָט פון דאָרטן געבראַכט, קען זי נישט קומען אין שטאָט אַריין... איר ווייסט דאָך, ווי מען גייט דאָרט...

— מען דאַרף גאָרנישט קויפן, נאָר אַ פאָר שיך מיט קאַלאָשן און אפשר אַ וואַרעמען פאַלטאָ. דאָס איבעריקע, ווי קליידלעך און וועש, וועל איך מיטנעמען פון מיינע.

— וועלן דען אייערע קליידלעך זיין גוט אויף איר?

— דערווייל וועט זיין גוט... זי געדענקט מיך, אפנים, זייער גוט... ווען זי וועט קומען אין שטאָט אַריין, וועט זי קויפן, וואָס זי וועט וועלן. דערווייל וועלן זיין גוט מיינע קליידלעך און וועש. איך האָב עס איבערגעצוג. זעט איר, אַ פאַלטאָ און אפשר אַ וואַרעם היטעלע וועלן מיר מאָרגן קויפן. זייט רויק, איר וועט גאָרנישט פעלן.

— הער שוין אויף זיך צו זאָרגן פאַר דינהן! — האָט בעני אויף זיין חבר אָנגעשריגן. — דו קאָנסט זיך שוין פאַרלאָזן אויף ביילקען און אויך אויף חיימס ווייב מיט איר מאַנס מאָלדאַוואַנעס! אַבי דינה איז שוין אויף דער זייט! דאָס איבעריקע וועט מען שוין איינאָרדענען. זע נאָר בעסער, אַז דו אַליין זאָלסט ווערן אַ שטיקל מענטש, וואָרים די לעצטע צייט האָסטו זיך גאָר אַראָפּגעלאָזט.

— ווער, איך? — האָט זיך דוד, אַ פריילעכער, אויפגעכאַפּט. —

איצט איז צו מיר קיינער נישט גלייך. איך בין דער גליקלעכסטער אין דער וועלט! — און ער האָט אַרומגעכאַפּט זיין חבר בעני און אָנגעהייבן זיך דרייען מיט אים טאַנצנדיק.

אין דעם איז אָנגעקומען ר׳ אַהרן און דאָדי, און שטיינמאַן האָט זיי אויך אַריינגעכאַפּט אין „רעדל״.

בעני האָט געזאָגט:

— פריער איז ער געווען משוגע, פאַרוואָס דינה איז נישט געקומען, און איצט איז ער משוגע, וואָס ער האָט זי שוין דאָ...

— לאָזט אים זיך פרייען, — האָט ר׳ אהרן געזאָגט. — ער האָט גענוג איבערגעליטן, ביז גאָט האָט אים געהאָלפן.

צוליב דינהס אָנקומען האָטביילקע דערלאַנגט פאַרבייסן צום טיש. בעני האָט פון קעלער אַרויפגעבראַכט וויין פון יענעם פעסל, וואָס איז געווען שטאַרק באַליבט ביי ר׳ אהרנען און דער עולם האָט זיך משמח געווען.

—איך מיט דאָדין האָבן וועגן איר אַריבערגיין זיך נאָר וואָס דער־וווסט, זענען מיר געקומען אייך אָפּגעבן מזל־טוב, ה׳ דאָקטאָר! — האָט ר׳ אהרן געזאָגט צו שטיינמאַנען. — מיר האָט אַלץ חיים דערציילט. זי האָט געהאַט אַ שרעקלעכן וועג, נאָר זי וועט זיין געזונט. נישט יעדער איז זוכה איצט, אין אַזאַ וועטער, אַריבערצוקומען פון יענער זייט. אוי, זי האָט, נעבעך, אַזוי פיל איבערגעליטן! אָבער זי איז נישט קיין איינציקע... קיינער איז נאָך נישט אַריבער דעם דניעסטר, מען זאָל נישט איבערלעבן קיין טויט־שרעק. אַבי זי איז שוין דאָ, געלויבט דער אויבערשטער!

— איך וואָלט זי שוין געוואָלט זען, — האָט דוד געזאָגט.

—איר האָט אַזוי פיל געוואַרט, וועט איר נאָך אַ פּאָר טעג וואַרטן... איצט איז שוין גרינגער, — האָט דאָדי זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל, אויסטרינקענדיק דערביי דאָס דריטע גלאָז וויין.

דער עולם איז אַוועק, און ביי בענין אין הויז האָט מען פרי געמאַכט נאַכט. מען האָט אָפּגעשמועסט, אַז מאָרגן זאָל מען, ווי מעג־לעך פרי, אויפשטיין.

* *

*

אויף מאָרגן צען אַ זייגער איז שוין ביילקע מיט פייגען גע־

וועגן אין דאָרף ביים פויער, ווו דינה האָט זיך געפונען.

זי איז שוין געלעגן אויף אַ הילצערן פויעריש בעט, אונטער־געבעט מיט אַ סך קישנס. דינה האָט זיי באַגעגנט מיט אַ גליקלעכן שמייכל און זיך צעקושט מיט ביילקען.

— דו ביזט עלטער געוואָרן, ביילקע, מוז איך דיר זאָגן.

— וואָס־זשע, שוין אַ יאָר פינף—זעקס זיך נישט געזען! אוודאי ווערט מען נישט יינגער. נאָר אָן קאָמפּלימענטן מוז איך דיר זאָגן, דינה, אַז דו ביזט שענער געוואָרן!

— פון אַזאַ שרעקלעך לעבן גאָר שענער געוואָרן! — האָט דינה זיך צעלאַכט.

— וואָס־זשע, אַז מען איז יונג, קאָן מען אַלץ איבערלעבן! מיר וועלן נאָך פון דיר פיל נחת האָבן!

דינה האָט טרויעריק אַװעקגעמאַכט מיט דער האַנט.

אויף איר אַוועקמאַכן מיטן האַנט האָט ביילקע געוואָלט זי אויסשטראָפן. נאָר עס איז אָנגעקומען וואַסילי, וועלכער האָט אָנגע־בויגן דעם קאָפּ: דאָס פויערשע הייזל איז געווען צו קליין פאַר אים. ער איז צוגעגאַנגען צו דינהס בעט און מיט אַ שמייכל, וואָס האָט זיך קוים אויסגעלייגט אין זיין מגושמדיק געזיכט, האָט ער זי גע־פרעגט:

— נו, מיידל, ווי פילסטו זיך אין געזונט?

דינה האָט פון אונטער איר קאָלדרע אַרויסגענומען איר ווייסע שיינע יונגע נאַקעטע האַנט און אָנגענומען וואַסיליס שוואַרצע ברייטע געזונטע האַנט, פול מיט מאַזאָליעס פון שווערער אַרבעט.

— אַ דאַנק, וואַסילי, פאַרן פרעגן! אַ סך בעסער, ווי נעכטן, ווער רעדט נאָך פון אייערנעכטן!..—האָט זי געענטפערט מיט אַ פריינט־לעכן שמייכל.

און זי האָט דערציילט ביילקען מיט פייגען, אַז וואַסילי איז נעכטן געווען עטלעכע מאָל פרעגן אויף איר געזונט, און ער זאָרגט פאַר איר, זי זאָל אַלץ האָבן: פּוטער, מילך, אייער, ווייס ברויט, וואָס דאָס אַלץ האָט זי שוין לאַנג נישט געזען.

— איך האָב ליב אַזאַ באַבע! — האָט וואַסילי אַ זאָג געטאָן. — מיט אַזאַ באַבע איז נישט שלעכט... זי קאָן פאַרשטעקן אין אַרבל הונדערט מאַנסביל! מיט אַן אַנדערן וואָלט איך אין דער דאָזיקער נאַכט שוין לאַנג דערטרונקען געוואָרן. אַזאַ נאַכט געדענק איך נישט

אין מיין גאַנץ לאַנג לעבן! און זי, — האָט ער אָנגעוויזן אויף דינהן, — האָט זיך אפילו אַ קרים נישט געטון און מיט קיין אויג נישט געפינטלט. יעדעס מאָל, ווען איך האָב זי געפרעגט, צי זי איז מיד, האָט זי געענטפערט: ניין, און ווען עטלעכע שטיקער אייז האָבן מיטאַמאָל פּלוצלונג איבערגעקערט אונדזער שיפל, האָט זי זיך מיט איין האַנט אָנגעכאַפּט ביי מיין גאַרטל און מיט דער צווייטער האַנט געשווומען און אָפּגעשטופּט שטיקער אייז אויף אונדזער וועג. איך מיין לעבן האָב איך אַזאַ באַבע נישט געזען!

דערנאָך האָט וואַסילי, ווי זיין שטייגער איז, זיך אַ קראַץ געטון אין קאָפּ און מיט התפעלות זיך אָנגערופן:

— אַזאַ באַבע וואָלטן מיר באַדאַרפט האָבן אין דאָרף. וואָס וועט זי טון אין שטאָט? דאָ וואָלט זי געווען אַ גוטע באַלעבאָסטע!

דינה האָט די גאַנצע צייט פון זיין דערציילן נישט אויפגעהערט פריילעך צו לאַכן, און שפּאַסנדיק האָט זי אים געזאָגט:

— איך וועל דיך, וואַסילי, מיטנעמען אין שטאָט. קיין אויסלאַנד וועסטו מיט מיר פאָרן, אין בערלין, ביי די דייטשן, וועלן מיר וווינען, אין טעאַטער וועל איך דיך פירן...

וואַסילי האָט זיך ווידער אַ קראַץ געטון אין קאָפּ און געענטפערט:

— ווייס איך וואָס? — שוין נישט די יאָרן! אָט דאָ, אין מיין דאָרף, וועל איך שוין שטאַרבן לעבן דניעסטער... אַ ווילער טייך, דער דניעסטער! איך האָב אים ליב, כאָטש ער איז אָפט זייער אַ בייזער... נישטאָ אַזאַ טייך אויף דער גאַנצער וועלט! נאָך ווען איך בין אַ קינד געווען, האָב איך ליב געהאַט אויפן דניעסטער צו שווימען פון פרי ביז נאַכט!

ווען וואַסילי איז אַוועקגעגאַנגען און זיך געזעגנט, האָט ער אָנגעזאָגט דער באַלעבאָסטע, דער אַלטער פּויערטע, אַז זי זאָל דינהן געבן וואָס מער עסן. פאַר אַלץ וועט מען איר גוט באַצאָלן.

— אַ זעלטענער מענטש, אָט דער וואַסילי! — האָט דינה נאָך זיין אַוועקגיין געזאָגט צו ביילקען מיט פייגען. — ווי אַן אייגענער טאַטע זאָרגט ער פאַר מיר און אַלץ דערפאַר בין איך אים אַזוי געפעלן, וואָס איך האָב אין דער שרעקלעכער נאַכט זיך נישט דערשראָקן און נישט געשטערט זיין אַרבעט, ווען ער האָט זיך באַדאַרפט ראַנגלען מיטן טויט. עס איז געווען אַ שרעקלעכע נאַכט!

— אָבער ווי פילסטו זיך איצט? — האָט ביילקע געפרעגט.

— זייער גוט! ערשט איצט, ווען איך האָב זיך אָפגערוט, אויסגעשלאָפן און זיך אָנגעגעסן, האָב איך דערפילט, ווי אַלע מיינע ביינער זענען צעבראָכן און אַלע אברים טוען מיר וויי. אָבער נאָך אַ פּאָר טעג וועט אַלץ איבערגיין און איך וועל זיין געזונט און שטאַרק! איצט דערצייל, וואָס מאַכט דיין בעני? ער איז אוודאי אויך עלטער געוואָרן?

— אַלע ווערן מיר עלטער, אַ חוץ דיר, נאַטירלעך... אָבער אַזוי זעט ער אויס זייער גוט!

דינה האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט, אַ טרויער האָט באַדעקט איר פּנים און דערנאָך האָט זי געפרעגט:

—און וואָס מאַכט דוד? ווי זעט ער אויס? דערציילט...

— דעם אמת זאָגנדיק, ווען ער איז געקומען פון בערלין צו אונדז, האָט ער אויסגעזען שיין, געזונט און איז געווען זייער פריילעך, אָבער דאָס דאָזיקע לאַנגע וואַרטן אויף דיר האָט פון אים געמאַכט אַ תל. אָבער ווען ער האָט זיך דערוווּסט פון דיין אָנקומען, האָט ער זיך באַלד געענדערט. ער איז משוגע געוואָרן פון פרייד... פון שמחה טאַנצט ער און שפּרינגט, ווי אַ יינגל, און ווען היימס ווייב, — האָט זי אָנגעוויזן אויף פייגען, — האָט אים די ערשטע געבראַכט די בשורה, האָט ער זי אַרומגעכאַפּט און זיך צעקושט מיט איר.

— גיי שוין אַוועק, גיי! — האָט פייגע אָפּגעשטופּט ביילקען מיט דער האַנט.

— האָב קיין מורא נישט, דיין מאַן וועל איך נישט דערציילן... נאָר דינה וועט נישט ברוגז זיין, איאָ?

אַלע דריי פרויען האָבן זיך האַרציק צעלאַכט.

י.

עטלעכע טעג האָט דינה פאַרבראַכט אין דאָרף. אין דעם קליינעם פויערישן שטיבל האָט מען זי אָפּגעהיטן, ווי אין אַ סאַנאַטאָריום. מיט יעדן טאָג האָט זי געפילט, ווי זי קומט צו איר אַמאָליקן געזונט.

ביילקע איז געפאָרן זי אָפּנעמען. דעם גאַנצן וועג פון דאָרף

אין שטאָט אַריין איז דינה געווען פֿריילעך. זי איז מיטאַמאָל אויפֿגעלעבט געוואָרן.

— אוי, ווען זיך דוד פֿרייען מיט דיין קומען! — האָט בײלקע איר געזאָגט. — דו קענסט זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן, ווי ער ליידט, ווייסנדיק, אַז דו ביזט שוין פֿון „דער זייט" און ער קען דיך נישט זען! ער קען זיך קיין אָרט נישט געפֿינען. נישט ער שלאָפֿט, נישט ער לעבט! איך שטעל זיך פֿאָר זיין שמחה, ווען ער וועט דיך דערזען!

אָבער בײלקע האָט באַמערקט, אַז וואָס נענטער מען קומט צו דער שטאָט, אַלץ אומעטיקער ווערט דינה. אַ טרויער איז געפֿאַלן אויף איר, ווי אַ וואָלקן.

בײלקע האָט געשוויגן. זי האָט דינהס טרויער פֿאַרשטאַנען. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז נאָך אינגאַנצן נישט געקומען צו איר געזונט פֿון אירע שרעקלעכע איבערלעבונגען, און אַז עס ציטערט איר דאָס האַרץ ביים באַגעגעניש מיט דודן.

שטיינמאַן האָט געוווסט, אַז דינה דאַרף באַלד אָנקומען, און ער מיט זיין חבר בעני האָבן געוואַרט אין שטוב.

נאָך נעכטן האָט בײלקע געזאָגט שטיינמאַנען, אַז זי פֿאָרט מאָרגן אין דאָרף ברענגען דינהן. שטיינמאַן האָט זיך ענדלעך באַרויקט. ער איז די נאַכט, דאָס ערשטע מאָל פֿאַר דער לעצטער צייט, געשלאָפֿן רויק, אויפֿגעשטאַנען אין דערפֿרי געזונט, מוטיק און פֿריילעך. זיין חבר האָט אין אים דערקענט דעם אַמאָליקן לעבעדיקן דודן און איצטער האָבן זיי ביידע געוואַרט אויף דינהס אָנקומען.

ענדלעך האָט זיך געעפֿנט ברייט די טיר און בײלקע מיט דינהן זענען אַריין. דוד האָט זיך געוואָלט וואַרפֿן אין דינהס אָרעמס, אָבער ער האָט דערזען קאַלטע טרויעריקע בליקן, יענע פֿרויען־בליקן, וואָס האַלטן די מאַנספֿערזאָנען אויף אַ געוויסער ווייטקייט פֿון זיך און גלייכצייטיק זענען זיי זייער ליבלעך און פֿריינטלעך.

שטיינמאַן איז געבליבן שטיין, ווי פֿאַרגליווערט און האָט נישט געוווסט וואָס צו טון.

— וואָס מאַכסטו, דינה, ווי פֿילסטו זיך? — האָט ער שטיל געפֿרעגט און ער האָט געפֿילט, ווי זיין שטימע ציטערט.

— זייער גוט! איך בין געזונט און בין שוין געקומען צו זיך... און ווי פֿילסטו זיך? — האָט זי געפֿרעגט, און שטיינמאַנען האָט זיך

אויסגעוויזן, אַז זי רעדט קאַלט און ציילט יעדעס וואָרט, וואָס זי לאָזט אַרויס פון מויל.

ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן און נישט געפינען וואָס צו רעדן.

— און וואָס מאַכסטו? — האָט זי געפרעגט בענין. — ביילקע האָט מיר שוין וועגן אַלץ דערציילט. איצטער וויל איך הערן פון דיר.

אין דער צייט, ווען דינה האָט גערעדט מיט בענין, האָט שטיינמאַן באַטראַכט זיין כלה. זי האָט אויסגעזען אין זיינע אויגן נאָך שענער, ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט. איר שיינקייט איז עפּעס אין איר אויסגעוואַקסן, ווי אַ רויז, ווען זי צעבליט זיך. אירע אויגן האָבן באַקומען אַ שענערן גלאַנץ און אַ טיפע פאַרטראַכטקייט אין זיי. איר פיגור איז געווען שלאַנק און שטאַרק, נאָר אַרום אירע קלוגע אויגן האָט ער דאָס ערשטע מאָל דערזען בלויע רינגען, וועלכע זענען נישט געווען צו באַמערקן אין דער ערשטער מינוט. דאָך האָט שטיינמאַן איינגעפונען, אַז די בלויע רינגען פּאַסן אַזוי צו אירע שוואַרצע קאַרשן־אויגן, וועלכע האָבן ערגעץ פון דער טיפעניש געקוקט מיט אַזוי פיל טרויער.

— זי האָט אַזוי פיל איבערגעלעבט און אַזוי לאַנג געליטן! נישט קיין וווּנדער! — האָט שטיינמאַן געטראַכט. — נאָר פאַרוואָס איז זי צו מיר אַזוי גלייכגילטיק? צווישן די שורות פון אירע פּאָר בריוו, וואָס זי האָט געשריבן צו בענין און צו מיר, האָב איך געפונען אַזוי פיל ליבע און איבערגעגעבנקייט צו מיר, און איצטער אַזוי קאַלט!... איך דערקען זי נישט!... און טאַקע באַלד האָט ער זי פאַרענטפערט. אַזאַ לאַנגע צייט זיך נישט געזען. אַ מענטש בייט זיך אַפילו איז מאַניערן, אין באַוועגונג, אין אויסדרוקן.

ביילקע האָט דינהן אַריינגעפירט אין איר צימער און געזאָגט:

— איך האָב פון דאַנען אַרויסגעטריבן דיין דודן אין אַ קלענערן צימער און איצטער ווערט עס זיין דיינס.

— צו וואָס? — האָט יענע געזאָגט מיט אַ רויקן שמייכל. — איך בין שוין געוווינט צו אַלץ, אַפילו אויף דער נאַקעטער ערד צו שלאָפן. וואָס האָט איר, נעבעך, צו דודן? ער איז דאָך אַנדערש צוגעוויינט אין בערלין...

דער עולם האָט זי איבערגעלאָזט אויף אַ קורצער צייט אַליין.

זי האָט זיך אַרומגעוואַשן און איבערגעטון און אַ פריילעכע אַריינ־
געקומען אין שטוב, ווו אַלע האָבן געוואַרט אויף איר מיט מיטאָג.

ערשט איצטער האָט שטיינמאַן ווידער באַמערקט, ווי שיין זי
איז. איר שוואַרצער קאָפּ האָר, טונקל־מאַט געזיכט, פול מיט
יונגן חן, איר שלאַנקע באַוועגלעכע פיגור האָבן געזונגען מיט יונג
לעבן.

מיט יעדן איז זי געווען פריילעך און לעבעדיק, אָבער אַז זי
האָט אָנגעהייבן רעדן מיט שטיינמאַנען, האָט זיך אויף איר פּנים אָנ־
געררוקט אַ וואָלקן, און ווען זי האָט געשמייכלט, האָט ער באַמערקט,
ווי עס איז געקינסטלט און עס קאָסט איר פיל מי.

נאָך מיטאָג איז דינה מיט שטיינמאַנען געבליבן אַליין. זיי האָבן
פיל גערעדט און דערציילט איינע די אַנדערע וועגן זייערע איבער־
לעבונגען פאַר דער לאַנגער צייט, וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען.

אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען דער טאָג און דער אָוונט, ביז מען איז
געגאַנגען שלאָפן.

אויך מאָרגן זענען זיי געגאַנגען אין גאַס איבער די קראָמען,
איינגעקויפט אַלץ, וואָס זי האָט אין דער ערשטער צייט נויטיק באַדאַרפט
און ווידער האָבן זיי פיל גערעדט וועגן זייערע איבערלעבונגען,
וואָס האָבן אַזוי ווי גאָר קיין סוף נישט געהאַט.

עס זענען אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טעג, אומבאַמערקט איז אי־
בערגעפלויגן אַ גאַנצע וואָך און זיי האָבן אַלץ דערציילט איינער דעם
צווייטן פון פיר־זעקס יאָר איבערלעבונגען.

— פון אַזעלכע איבערלעבונגען, — האָט שטיינמאַן געזאָגט,—וועט
זיין צו דערציילן דאָס גאַנצע לעבן.

דינה האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט.

שטיינמאַן האָט אַלץ דערציילט, געעפנט זיין גאַנץ האַרץ, קיין
זאַך נישט באַהאַלטן פאַר דינהן, אַפילו וועגן דעם ווי אַזוי ער האָט
זי שוין גערעכנט פאַר אַ געשטאָרבענע און ווי ער האָט זיך אין באַזעל
באַגעגנט מיט אַ יידיש מיידל פון פוילן, וועלכע האָט אים מיט איר
רייץ זייער פיל דערמאָנט אָן דינהן; ווי ער איז אַ חתן געוואָרן און
ווי ער האָט שוין געוואָלט גיין מיט איר אונטער די חופּה; ווי ער
האָט פון בעגין באַקומען דינהס בריוו און, נאָך פיל ראַנגלען זיך מיט
זיך, איז ער געקומען קיין בוקאַרעשט.

דינה האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, אַ שרעקלעכער טרויער האָט זי אַרומגעכאַפּט. זי האָט גענומען זיינע ביידע הענט און שטיל, אָן ווערטער, זיי שטאַרק געדריקט אין אירע הענט, און ענדלעך האָט זי אַרויסגערעדט:

— דוד, דו ביזט דערזעלבער, וואָס דו ביזט געוועזן. איך האָב אין דיר קיין טעות נישט געהאַט. מיינע האָפענונגען האָבן מיך קיינמאָל נישט אָפּגענאַרט. דו ביזט דערזעלבער גוטער אָרנטלעכער און קלוגער דוד! נאָר איך בין אומגליקלעך, קיין אומגליקלעכערע פאַר מיר איז גאָר נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. און גאָר אומזיסט בין איך געקומען אַהער. איך האָב נישט געטאָרט און נישט באַדאַרפט קומען אויף דער זייט דניעסטר. מיר האָבן באַדאַרפט איינער אין דעם צווייטן אויף שטענדיק, אויף אייביק פאַרגעסן!..

— פאַרוואָס? גאָט איז מיט דיר! — האָט ער פיינלעך געפרעגט.

— דערפאַר, וואָס איך קאָן נישט אַזוי אָפּנהאַרציק דיר דערציילן וועגן מיינע איבערלעבונגען, ווי דו האָסט עס געטון. איך קאָן נישט, איך קאָן נישט! צוליב וואָס בין איך געקומען אַהער, צו וואָס? וואָס האָב איך געהאַט צו דיר! דו וואָלסט געקאָנט גליקלעך זיין און אַנדערע גליקלעך מאַכן! אָבער איך? איך קאָן דיר קיין גליק נישט געבן! איך קאָן נישט! איך האָב נישט געטאָרט אַהער קומען! אומזיסט האָט דער גוטער וואַסילי איינגעשטעלט דאָס לעבן מיך צו ראַטעווען! אומזיסט, ווייל מיין לעבן וועט קיין שום גליק קיינעם נישט געבן!... דו הערסט? קיינעם נישט!...

און זי האָט זיך צעוויינט.

שטיינמאַן, אַלס דאָקטאָר, האָט זיך אָנגעהייבן שרעקן פאַר איר און האָט זי געלאָזט אַזוי לאַנג רעדן און וויינען, ביז זי זאָל זיך אַ ביסל באַרויקן. דערנאָך האָט ער זי, ווי אַ דאָקטאָר מיט זיינער אַ פּאַציענטקע, רויק אָנגעהייבן אויספרעגן:

— אָבער, דינה, וואָס איז אַזוינס שרעקלעכעס געשען? דו ביזט דאָ אויף „דער זייט“ מיט מיר, קיין זאַך קאָן נישט שטערן אונדזער גליק. לאָמיר באַלד פאָרן צו מיר קיין בערלין און פאַרגעסן אין די ברעגן פון בלוטיקן דניעסטר. גענוג! דאָ קאָן דער געזינטסטער מענטש קראַנק ווערן! לאָמיר אפילו היינט אָפּפאָרן.

— איך האָב נישט וווהין צו פאָרן... מיין אומגליק וועט מיט

מיר אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט מיטפאָרן.

— איך פאַרשטיי גאָרנישט, ביז דו וועסט נישט דערציילן, וואָס איז פּלוצים אַזוינס געשען? איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז וואָס עס זאָל נישט זיין, קאָן קיין זאַך נישט שטערן אונדזער גליק! איך זע, אַז עטוואָס שטערט דיר און דריקט דיך... דו מוזט מיר דערציילן, וואָס עס זאָל נישט זיין! דו מוזט דאָס, ווייל דו ביזט קראַנק... דאָס זאָגט דיר נישט דוד, נאָר דער דאָקטאָר שטיינמאַן. איך האָב דיר מיין גאַנץ האַרץ געעפנט, אַלץ דיר דערציילט, וואָס ווילסטו נאָך פון מיר?

שטיינמאַן האָט זי באַרויקט, ווי וויט ער האָט נאָר געקאָנט און דינה האָט אָנגעהייבן דערציילן. זי האָט, ווי שטיינמאַן, אויך געעפנט איר האַרץ צוזאַמען מיט אַ קוואַל טרערן און קיין זאַך נישט פאַרבאָרגן פאַר אים.

דינה האָט געענדיקט מיט אַ נייעם קוואַל טרערן און שטיינמאַן האָט זיך אויך צעוויינט...

אַ האַלבע שעה איז אַזוי אַוועקגעגאַנגען. קיינער פון זיי האָט די גאַנצע צייט קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט. ביידע זענען געזעסן איינס לעבן דעם צווייטן און האָבן געשוויגן. דערנאָך האָט דוד שטיל זיך אָנגעבויגן צו דינהן, אָנגענומען אירע ביידע הענט און שטיל געזאָגט:

— דו ביזט אַ הייליקע דינה... דו ביזט מיין גאָט... איך וועל קניען פאַר דיר!

און פון דעם טאָג אָן האָבן זיי זיך ווידער דערפילט ווי חתן־כלה, פּונקט ווי מיט זעקס יאָר צוריק אין זייער פּאָדאָליער שטעטל ווישקאָוויטש.

און פון דעם טאָג אָן האָבן זיי זיך אויך גענומען קלייבן אין וועג אַריין.

דינה האָט נישט איינמאָל געזאָגט צו איר חתן:

— מיר דאַרפן דאָ בלייבן... דאָ געפינען זיך אַזוי פיל אומגליקלעכע...

און ער האָט געענטפערט דערויף:

— דו מוזט אָבער פריער געזונט ווערן! דיינע נערוון זענען צעשרויפט פון אַזוי פיל איבערלעבונגען! זיי וועלן לאַנג נישט ציען און פּלאַצן, ווען מיר בלייבן דאָ. דו מוזט פריער געזונט ווערן!

און דינה האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

י״א.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז סאַלטשע אַרויסגעפאָרן קיין אי־טאַליע. זי איז געקומען קיין סאַן־רעמאָ, ווו יעקב לערנער האָט זי אָפּגעוואַרט. ראָזע, וואָס איז מיט איר מיטגעפאָרן, האָט איינגעאָרדנט די דאָזיקע באַגעגעניש. זי האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז סאַלטשע וועט געזונט ווערן און וועט סוף כל סוף חתונה האָבן מיט איר מוזיק־לערער.

יעקב לערנער האָט זי זייער וואַרעם אויפגענומען, אָבער גע־רעדט האָט ער ווייניק. ער האָט געקוקט אין אירע שיינע בלויע אויגן, אין וועלכע אַ שטיק לעבן האָט זיך שוין אויסגעלאָשן און האָט געטראַכט, אַז פריער איז געווען אַ געזונטע לעבנסלוסטיקע סאַל־טשע און איצט זעט ער נאָר אַ שאָטן פון יענער.

אָבער דער דאָזיקער שאָטן איז אים אויך טייער געווען און ער האָט שטאַרק געוואָלט זיך פאַרבינדן מיט איר אויפן גאַנצן לעבן. פאַר דער גאַנצער צייט איז זיין געפיל צו איר קיין אײן מינוט נישט שוואַכער געוואָרן.

אין דעם שטילן זוניקן סאַן־רעמאָ איז סאַלטשע דריי טעג גע־לעגן אין בעט און אויפן פערטן טאָג איז זי אויפגעשטאַנען.

זי האָט שטיל, מיט אַ זיסער קרענקלעכקייט, געזאָגט:

— צו וואָס זאָל איך ליגן? איך בין דאָך נישט קראַנק... נאָר אַזוי אָפּגעשוואַכט אַ ביסל... מען דאַרף זיך נאָר נעמען גוט אין די הענט אַריין און מען דאַרף טראַכטן, אַז מען איז געזונט...

זי האָט עטוואָס צוגעהוסט און האָט אַלץ געשמייכלט מיט דעם זיסן שמייכל פון אַ חולה, וואָס רוקט זיך אַרויס פון לעבן, אַליין נישט פילנדיק עס.

יעקב לערנער האָט זי אָנגענומען פאַר די קאַלטע בלאַסע פינ־גער און האָפערדיק געזאָגט:

— נו, סאַלטשע, אין איטאַליע וועט איר פון דאָסניי געבוירן ווערן... עס דאַרף איצט אויפשטיין אַ נייע געזונטע שטאַרקע סאַלטשע, וואָס האָט איבערגעריסן מיט איר עבר, מיט אירע פריערדיקע חלו־מות און האָפענונגען און אָנהייבן אַ ניי קלוג לעבן...

און, נישט אַרויסלאָזנדיק אירע קאַלטע פינגער פון זיינע וואַרע־

מע הענט, האָט ער איר ווייך געקוקט אין די אויגן אריין און ווײַ־
טער געזאָגט:

— עס דאַרף זיך אָנהייבן אַ לעבן פון מוזיק, טייערע... איצט
וועט איר זיך ערשט רעכט באַהעפטן מיטן קלאַוויר... ביז אַהער האָט
איר געזוכט און געבלאָנדזשעט אין רוישיקן לעבן פון דער גאַס און
אין די טונקעלע נישט זיכערע ווינקעלעך פון געגנאַרטן פערזענלעכן
גליק... אָבער איצט וועט איר צֹרייַנטרעטן אין דעם הערלעכן, זיכערן
און זוניקן לעבן פון קלאַוויר... איר וועט אַוועק, טייערע, מיט די
שטרענגע אייביקע שטעגעלעך פון קלאַנגען און טענער... און אַך
וועל נאָך זיין אייער לערער, סאָלטשע... איך האָב פאַר אייך הארץ
און געדולט און חשק.

אַ מאַטע רויטקייט האָט זיך צעשפּריצט, ווי אַ פלעק, איבער אירע
בלאַסע באַקן. איר אויג האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אומעט און זי האָט
שווער אָפּגעאָטעמט. זי האָט נאָר געזאָגט:

— דאָס זענען שיינע ווערטער, לערנער, ברודער מיינער...
מעג איך אַזוי זאָגן? אָבער איך ווייס נישט, צי מיר וועט באַ־
שערט זיין פון דאָסניי דאָ געבוירן צו ווערן...

— פאַרוואָס נישט? — האָט ראָזע געפרעגט.

סאָלטשע האָט אַ ווײַלע אָפּגעוואַרט.

— ווייל אַ צעבראָכן הארץ, — האָט זי נאָכדעם שטיל געזאָגט, —
ווערט קיינמאָל נישט גאַנץ צוריק. אַ צעבראָכן הארץ לאָזט זיך נישט
אָפּבויען פון דאָסניי, ווי אַ הויז, ווי אַ בגד, ווי אַ טעפּל...

יעקב לערנער האָט זי נישט געוואָלט באַאומרויקן מיט איינווענ־
דונגען און וויכוחים.

ער האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן. עס
איז צו שיין אין דרויסן, אַז מען זאָל זיצן אין שטוב.

סאָלטשע האָט צוריפגעוואָרפן אויף זיך אַ לייכט מאַנטעלע און
מען איז אַרויס אין גאַס.

עס איז געווען אַ הייסער טאָג, וואָס האָט דערמאָנט אין פרי־
לינגדיקן פרילינג, ווען די זון צעשפּילט זיך שטאַרק. אַ בלענדנדיקע
ווייסקייט איז געלעגן אויף די שטילע הייזלעך, געסלעך, הויפן, אַרומ־
גערינגלט מיט ביימער און גרינסן. דער בלויער הימל איז געווען אַזוי
הויך און ווייט פון דער ערד.

סאָלטשע איז געגאַנגען און געאָטעמט מיט אָפּגעשוואַכטע לונ־

גען, מיט אַ קראַנק האַרץ. אַז זי האָט נישט גערעדט און זיך נישט באַאומרויקט, איז צוגעפאַלן עפּעס אַ טויטע בלאַסקייט צו אירע צאַרטע באַקן. עפּטער האָט זי זיך געמוזט צושטעלן.

זי האָט אָבער געשמייכלט און געזאָגט:

— איך בין געזונט, נאָר איך מוז מיך אויסרוען...

זי האָט זיך אַזוי ווי פאַרענטפערט, נאָר פאַר וועמען: פאַר זיך? פאַר ראָזען? פאַר יעקב לערנער?

זיי זענען אַריין אין אַ שטיל געסל און פון געסל אין אַ ווייל-שאָטנדיקער אַליע מיט אַ ווייסער געפלאָכטענער באַנק.

אַלע דריי האָבן זיך אַנידערגעזעצט.

קיינער האָט נישט גערעדט. לערנער האָט עפּעס אויסגעפייפט פון בעטהאָווענען.

סאַלטשע האָט פּלוצים באַמערקט:

— און אָט בין איך אין איטאַליע... לערנער, פאַרוואָס איז מיר אָבער אַזוי אומעטיק?

לערנער האָט איר ווייך אַ גלעט געטון די האַנט, וואָס איז איר געלעגן אויף די קני און געזאָגט:

— מיט אייך, מיין טייערע, איז געשען אַן אומגליק... איר זענט פאַרסמט געוואָרן פון ליבע, סאַלטשע... צו סם נעמט מען טייל-מאָל קעגנגיפט, אָבער פאַר אייך גילט אפילו נישט אויך אָט דאָס מיטל. נישטאָ קיין קעגנגיפט פאַר אייך...

ראָזע האָט זיך אָנגערופן:

— איך שטעל מיך נישט פאָר, אַז מען זאָל זיך נישט קענען ראַטעווען פון אַן אומגליקלעכער ליבע. דאָס לעבן שטייט העכער פון ליבע, און, יאָ, דער שכל שטייט אויך העכער פון ליבע... סאַלטשע דאַרף נאָר קומען צום שכל און דאַמאָלס וועט זי אַליין איינזען, אַז זי דאַרף לעבן און זי וועט לעבן...

— ניין, זי מוז זיך אויסהיילן ביי אונדז, — האָט לערנער געזאָגט. — מיר מוזן דאָך אויסגעפינען עפּעס אַ מיטל פאַר איר און צו דעמדראַזיקן מיטל וועלן מיר צוגעבן באַלן, מאַצאַרטן, בעטהאָווענען...

סאַלטשע האָט אָפּגעאָטעמט, ווי אָפּגעזיפצט. אַ רויטער פלעק, וואָס האָט פאַרציילט פון אַ שווערער אינערלעכער קראַנקהייט, האָט זיך ווידער באַוויזן אויף אירע באַקן. זי האָט געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ קינד:

—דער זכרון איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַרץ... און דאָס האַרץ זעט און געדענקט בלויז איין מענטשן, וואָס האָט מיך פאַרכישופט און פאַרווונדעט...

ווי עס איז נישט געווען הייס און שיין אין דרויסן, דאָך האָט מען מיט סאַלטשען נישט געקענט זיצן לאַנג אויף דער באַנק אין דער אַלייע.

זי האָט געזאָגט, אַז עס ציט זי ווידער צום בעט און האָט אַליין געלאַכט פון זיך.

— עפּעס קאַלטע ווינטן דרייען זיך אַרום אין מיר... מיר איז הייס און קאַלט...

זי האָט געקוקט מיט אַ טרוקענעם פייער אין די אויגן. אויפן צאַרטן שטערן האָבן גענומען בלישטשען קליינינקע טראָפּעלעך שווייס.

מען האָט געמוזט גיין צוריק אין האָטעל אַריין.

סאַלטשען האָט מען צוריק אַריינגעפּאַקט אין בעט און זי האָט באַלד צוגעמאַכט די אויגן, ווי אַ שווערער חולה. דער האָטעל־דינער איז אַוועק נאָכן דאָקטאָר און ראָזע האָט אין צווייטן צימער צוגע־וואָרפן דעם מוזיק־לערער:

— לערנער, מיט סאַלטשען איז שלעכט...

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

— איך זע... מען דאַרף נישט זיין קיין דאָקטאָר דערצו...

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט:

— איך מיין אָבער, אַז זי וועט אין איטאַליע קומען צו די כּוחות. זי מוז זיין אויסגעשעפּט, נישט מער

ראָזע האָט שטיל געשעפּטשעט:

— אָבער, לערנער, דאָס האַרץ איז ביי איר אָנגערירט...

— פאַרוואָס דאָס האַרץ? — האָט לערנער כּמעט מיט כּעס גע־פרעגט.

ראָזע האָט נישט געענטפערט.ביידע זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אָבער לערנער האָט בעת מעשה געטראַכט, אַז עס וועט איר איבערגיין. ער האָט בשום אופן נישט געקענט פועלן ביי זיך, אַז סאַלטשע איז ערנסט קראַנק.

ערשט פאַרנאַכט איז געקומען דער דאָקטאָר.

אַן אַלטער שווייגנדיקער מאַן מיט גרויסע שפּאַקולן אויף דער

נאָז האָט אויסגעקלאַפּט און אויסגעהערט סאָלטשען. ער האָט זי אויסגעהערט מיט אַ טרייבל און מיטן אויער, אויסגעפּרוווט איר פּולס מיטן זייגער אין דער האַנט, באַטראַכט אירע פיס און געפרעגט, צי זי פּילט נישט, אַז זיי זענען איר געשוואָלן. און סאָלטשע האָט זיך געלאָזט באַקוקן און באַטראַכטן און האָט געענטפערט, אַז אירע פיס זענען באמת אַ ביסל נישט אין אָרדענונג.

דער אַלטער דאָקטאָר האָט געשוויגן.

נאָכדעם האָט ער אָראָפּגענומען די גרויסע שפּאַקולן פון דער נאָז און האָט פאַרשריבן אַ רעצעפּט. ער האָט זיך אויפגעהייבן, זיך פאַרנויגט פאַר סאָלטשען מיט דער עלעגאַנץ פון אַן איטאַליענער און איז אַרויס פון צימער.

ראָזע איז אים נאָכגעגאַנגען, האָט אים אַריינגערוקט אין האַנט אַריין אַן איטאַליעניש פּאַפּירל און דער אַלטער דאָקטאָר האָט איר געלאָסן באַמערקט:

— עס גייט שנעל, סעניאָראַ...

און ער האָט שאַרף און דייטלעך צוגעגעבן, ווי אויף אַ לעקציע:

— דאָס איז, סעניאָראַ, שווינדזוכט, גאַלאָפּירנדיקע שווינדזוכט... מיט אַ צוגאָב פון אַ האַרץ-פעלער. עס גייט שנעל... דאָס האַרץ און די לונגען—ביידע טויגן נישט...

און פאַרנויגנדיק זיך מיט דערזעלבער עלעגאַנץ, ווי פריער פאַר סאָלטשען, האָט ער מיט געמאָסטענע טריט פאַרלאָזט דעם האָטעל.

ראָזע האָט זיך באַלד פאַרלאָרן.

די „אַלטע איינזאַמע מויד" האָט אַרויפגעוואָרפן די הענט אויף די אויגן און האָט זיך צעכליפּעט און צעוויינט, ווי אַ קינד, וואָס האָט מיטאַמאָל פאַרלאָרן דער מאַמען.

זי האָט זיך אָבער באַהערשט און איז ראַש אַריינגעלאָפן צו לערנערן אין צימער.

— לערנער, — האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם, — מיר פאַרלירן סאָלטשען! דער דאָקטאָר האָט געזאָגט...

לערנער האָט טאַקע געוואַרט, אַז זי זאָל איצט קומען פאַרציילן, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אָבער אַז ער האָט דערזען ראָזעס פּנים מיט די פאַרקילטע טרערן אויף די אויגן, האָט ער פאַרשטאַ-

נען, אַז דער דאָקטאָר האָט די לאַנגע פּאַר געפּערלעך.

אָבער ווי אַ געזונטער מענטש, וואָס האָט קיינמאָל אין לעבן ערנסט נישט געקרענקט, האָט זיך לערנער נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז מען זאָל פאַרלירן סאַלטשען פון עפּעס אַ מחלה. ווי נעמט עס און שטאַרבט אַוועק אַ יונג מיידל אין אַ הייסער זוניקער איטאַליע?

— וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט? — האָט ער ראָזען גע־פרעגט.

יענע האָט קוים אַדורכגעזייט דורך די ציין:

— שווינדזוכט... גאַלאָפּירנדיקע שווינדזיכט... אַ האַרץ־פּעלער...

לערנער האָט זיך איינגעקוקט אין איר, ווי אַ קורצזיכטיקער און האָט איר נאָכגעקרימט:

— שווינדזוכט... האַרץ־פּעלער... נאַרישקייטן!...

און ער איז מיט געזונטע פּיס אַריין צו סאַלטשען אין צימער. אַ צעבראָכענע, איז איר ראָזע פּאַוואָליע פון הינטן נאָכגעקראָכן.

סאַלטשע איז געלעגן אין בעט אַ לופטיקע, עפּעס אַ ווייטע פון דער ערד, אַ גרינגע, אַן אויסגעטרייסלטע און אַן אָפּגעשאָקלטע, מיט אַ קליין, שוואַך פּיצעלע לעבן, וואָס האָט איר געזעגט אין האַרץ. דאָס האַרץ האָט זיך געהאַלטן ביי דעם דאָזיקן שטיקעלע לעבן, וואָס האָט, קענטיק, געוואָלט אַנטלויפן פון אים, און דעריבער האָט עס אַזוי שווער געזעגט.

די קראַנקע האָט געקוקט מיט האַלב אָפענע אויגן, ווי פון אַ ווייטן דורכזיכטיקן נעבל.

— נו, לערנער, — האָט זי געזאָגט מיט אַ טרוקענעם האַלדז, — די זאַך איז געענדיקט... אָט איז דער סוף...

לערנער האָט צוגעשטעלט אַ שטול צו איר בעט און האָט זיך אַנידערגעזעצט. ער האָט איר געהאַט וואָס צו זאָגן, וואָס צו ענט־פערן מיט דער זיכערקייט פון אַ געזונטן מענטשן. ער האָט בשום אופן נישט געגלויבט אין דער סכנה פון איר קראַנקהייט און האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז ער איז ערוב אין איר אויפשטיין. אין דריי־פיר טעג אַרום הייבט זי זיך אויף פון בעט. אָבער צו זיין מוזיקאַ־ליש און ראַפינירט געהער איז צוגעפאַלן אַ כריפּעדיקע נאָטקע פון איר אָטעם, ווי עפּעס אַ פאַלשער העסלעכער קלאַנג און זיין אויג האָט דערזען אויף איר איינגעפאַלענעם האַלדז, ווי אַ דין אָדערל ציטערט, הייבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ. און לערנערן, אָט

דעם געזונטן שטאַרקן מענטשן איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז סאַל־טשעס לעבן לעשט זיך אויס און אַז דער כריפּעדיקער אָטעם, דאָס איז די מוזיק פון טויט.

ער האָט זיך דערשראָקן מיט עפּעס אַ פייגלעכער אומבאַקאַנטער שרעק און איז געבליבן זיצן אָן לשון לעבן סאַלטשעס בעט.

אירע טרוקן־פלאַמעדיקע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט זיינע. צוויי קאַלטע פינגער אירע האָבן אָנגערירט זיין האַנט.

יעקב לערנער האָט זיך באַהערשט. ער האָט זיך געזאָגט אין געדאַנק, אַז ער איז אַ פּחדן און האָט מיט געוואַלד אַרויסגעאָטעמט פון זיך די שרעק.

— סאַלטשע, — האָט ער געזאָגט און האָט זיך איבערגעווישט דעם שטערן, — טייערע... איך וועל דיר זאָגן „דו"... ניין, דאָס איז נישט דער סוף, טייערע... דו מוזט נאָך זיין מיין שילערין און מוזט נאָך לעבן אַ לאַנג, לאַנג לעבן...

אַ צעטרייסלטער, זענען די ווערטער געווען שטאַרקער פון אים. ער האָט זיי נישט געקענט רעגולירן און באַהערשן, און ער האָט איר איצט געזאָגט דאָס, וואָס ער וואָלט איר קיינמאָל נישט געזאָגט.

אַראָפּווישנדיק לייכט מיט דער האַנט דעם קאַלטן שווייס פון איר שטערן, האָט ער שטיל גערעדט, אָבער עס איז געווען נישט זיין קול און נישט זיין שטייגער רעדן.

ער האָט געזאָגט:

— איך האָב געוואָלט, דו זאָלסט זיין מיין געליבטע, מיין ווייב... איך האָב געוואַרט אויף דיר. איך האָב געפילט, אַז דו מוזט קומען קיין איטאַליע... איך גלויב אין אַ געפיל, ווי אין מוזיק. עס באַרט קיינמאָל נישט... יאָ, איך מיין דערמיט נישט צו זאָגן, אַז איך האָב עפּעס דערוועקט אין דיר, טייערע... ניין, דאָס נישט, דו ביזט דיזעלבע סאַלטשע, וואָס פריער, אין באַצוג צו מיר, אָבער דו ביזט דאָך געקומען אַהער, דאָס הייסט נישט צו מיר, נאָר צו יעקב לער־נערן, צו דיין בעסטן און טייערכטן פריינט אויף דער וועלט. טייע־רע, יעקב לערנער האָט דיך באַגעגנט מיט הייסער ליבע, און דו האָסט אים באַגעגנט מיט הייסער פריינטשאַפט... אָבער איך באַנוגן מיך מיט דיין פריינטשאַפט. איך שטעל זי כמעט אויף איין מדרגה מיט ליבע... פאַר מיר איז דאָס גענוג. איך בין קליגער געוואָרן, פון יסורים בין איך קליגער געוואָרן. לאָמיר נאָר איבערקומען דיין

שוואַכקייט... דו מוזט דאָ געזונט ווערן!

סאַלטשע האָט מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן צוגעשאָקלט מיטן בלאָנדן קאָפּ אויפֿן ווייסן קישן.

זי האָט נישט גערעדט, און דער בעסטער ענטפֿער איז געווען איר כּריפֿעדיקער אָטעם. דאָס איז געווען אַן ענטפֿער אויף אַלץ, אויפֿן גאַנצן לעבן.

יעקב לערנער איז אַנטשוויגן געוואָרן, צונויף, ביים בעט, איז געשטאַנען ראָזע, מיט אַ פאַרעלטערט אַלט-מיידלש געזיכט. זי האָט געהאַט טרערן אויף די אויגן.

צו די פענצטער איז צוגעפאַלן דער אָוונט, אַ בלויער, אַ וואַרעמער, איינער פון יענע בלויע אָוונטן, וואָס וועקן און רופן און ציען אין גאַס, וואָס דערציילן פון ליבע און ליידנשאַפט און פון שטילע לבנהדיקע און האַלב-שאָטנדיקע ווינקעלעך.

— „אין אַזאַ נאַכט דאַרף מען לעבן!" — האָט די בלויקייט געשלאָגן אין די הויכע האָטעל-פענצטער.

נאָר אין צימער איז אַריין דער דינער מיט פלעשעלעך רפואות, מיט שמירעכטסן און צאַראַטקעס צו קאָמפּרעסן. די לופט איז אָנגעפילט געוואָרן מיטן שאַרפן חלשות-ריח פון אַפּטייק, און די אַלע מענטשן, וואָס איינע פון זיי איז געלעגן מיט אַ שווערן אָטעם, איינער איז געזעסן מיט פאַרדריקטע ציין און איינע איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין זייערע באַציונגען האָט זיך אַריינגעמישט אַ פרעמדער, און דער דאָזיקער פרעמדער איז אַ מעכטיקער, אַ שטאַרקער, שטאַרקער פאַר אַלע דריי, און זיין נאָמען איז דער טויט.

סאַלטשע איז אַריינגעפאַלן אין אַ דרעמל מיט היץ און שווייס.

די באַקן האָבן איר געברענט ווי פייער, נאָר אין די בלאָנדע האָר האָבן געבלישטשעט טראָפּעלעך שווייס.

יעקב לערנער האָט זיך אויפגעהייבן פון אָרט. ער האָט געוואָלט שרייען, ברעכן די שויבן, שלאָגן דעם קאָפּ אין דער וואַנט.

אין אים האָט געבונטעוועט די געזונטקייט, דער שטאַרקער מאַנסבילשער גוף, די ברייטע אַקסלען, געבונטעוועט קעגן דעם, וואָס דער טויט גנבעט זיך דאָ אין צימער... אָבער ביי אַלע זיינע כּוחות איז יעקב לערנער געבליבן אָנמעכטיק, ווי אַ שטרויעלע און ער האָט נישט געקענט העלפן סאַלטשען.

און די גאַנצע נאַכט, וואָס איז אויך געווען אַ בלויע, ווי דער אויגוסט, איז אַוועק פאַר דער קראַנקער אין היץ און אין שוויים.

לערנער מיט ראָזען־האָבן נישט אָפּגעטראָטן פון איר בעט, אָבער זיי האָבן נישט געקענט לינדערן אירע יסורים. זיי האָבן איר נישט געקענט אַריינשטעלן אַ געזונט האַרץ.

און סאַלטשען איז געווען אַזוי שלעכט און זיי האָבן אַפילו נישט פאַרשטאַנען, ווי ווייט און טיף עס איז איר שלעכט. נישט די רפואות, נישט די שמירעכטסן, נישט די קאָמפּרעסן — קיין זאַך האָט איר נישט געהאָלפן, זי איז געשלאָפן, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין שלאָף, נאָר אַ וואַרפן זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, אַ קרעכצן און אַ זיפצן און אַ פייגלעך לעכצן נאָך אַ שטיקל געזונט האַרץ, לונגען...

זי האָט געאָטעמט, ווי אַ צעלעכערטער זאַק.

די אַריינגעאָטעמטע לופט האָט איר נישט דערקוויקט. די לופט האָט איר נישט געזעטיקט. סאַלטשע האָט זי נישט געפילט.

די שווערע נאַכט איז, ווי אַן אייביקע, קוים מיט צרות אַוועק, איבערלאָזנדיק אויף סאַלטשעס געזיכט דער חותם פון טויט און עפּעס אַן איבערגעשראָקענע בלאַסקייט אויף ראָזעס און לערנערס פּנים.

אין דער פרי האָט זיך ווידעראַמאָל געוויזן דער הויכער אַלטער העפלעכער דאָקטאָר מיט די גרויסע שפּאַקולן אויף דער נאָז. דער דאָזיקער וויזיט איז, קענטיק, געווען נישט מער, ווי פאַר יוצא וועגן.

דאָס מאָל האָט ער שוין סאַלטשען נישט באַטראַכט, נישט בעקלאַפּט איר אין די אויסגעפּייניקטע ביינער ביי דער ברוסט און ביים רוקן. ער האָט נאָר אויסגעפרעגט ראָזען, ווי אַזוי זי איז געשלאָפן די נאַכט און געוואָרפן אַ בליק אויף די רפואות, וואָס זענען געשטאַנען אויף אַ קליין טישל ביים בעט.

אַרויסגייענדיק, האָט ער געזאָגט ראָזען, אַז ס'איז גלייכער, מען זאָל זי איבערפירן אין אַ סאַנאַטאָריום און האָט העפלעך צוגעגעבן:

— אָבער די טעג זענען געציילטע, סעניאָרע... און אפשר די שעהן. זי האָט נישט קיין האַרץ־אַפּאַראַט, קיין לונגען, סעניאָרע... עס גייט גיך, גיך...

צוויי טעג איז סאַלטשע געלעגן אין דעם דאָזיקן שלאָף—נישט־שלאָף, טויט—נישט־טויט, לעבן—נישט־לעבן און האָט כסדר געפּאָכט

מיט דער נשמה. אָבער אויפן דריטן טאָג האָט זי פּלוצלונג געעפנט צווײ רײנע, לעבעדיקע אויגן און האָט שוואַך אַ שמייכל געטון.

זי האָט גענומען שעפּטשען אָן שום מעטאַל אין קול, אָבער מען האָט געקאָנט הערן:

— נו, לערנער, וואָס איז איצט?

לערנער איז צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו איר האַנט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט, ווי נישט אירע, אויף דער לײכטער קאָלדרע.

— סאָלטשע, — האָט ער געזאָגט מיט אַזוי פיל אויפריכטיקייט און ליבע, אַז ער האָט אַליין גענומען גלויבן אין זײנע ווערטער, — סאָלטשע, דו וועסט אויפשטײן! דו וועסט זיין געזונט! דאָס איז נישט מער ווי אָפּגעשוואַכטקייט...

ער האָט ווייטער געקושט די פרעמדע האַנט אוז זי האָט געשעפּטשעט אָן שום מעטאַל אין קול:

— ניין, לערנער, דאָס איז דער סוף...

און אין אַ ווײלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— אויף זיך קען איך באמת זאָגן, אַז איך בין אַ קרבן...

ער האָט נישט פאַרשטאַנען און האָט געפרעגט:

— אַ קרבן, טײערע?

און צו אים איז דערגאַנגען איר הייסער טרוקענער אָטעם מיט ווערטער:

— אַ קרבן פון אַ שטאַרקן געפיל... אָט דאָס געפיל האָט מיך פאַרברענט...

זי האָט געמאַכט אַ קלײנע הפסקה און ווידעראַמאָל צוגעגעבן:

— דו פאַרשטײסט, איך האָב מיך אַוועקגעשטעלט אין רעכטן מיטן פײער פון דעם דאָזיקן געפיל... דאָס איז באַלד אין אָנהײב געווען געפערלעך...

ראָזע האָט זיך אַרײנגעמישט און האָט איר נישט געלאָזט רעדן. זי איז געשטאַנען מיט אַ פולווערײזאַטאָר אין האַנט און האָט אָפּגעפרישט דאָס צימער מיט וואַלד-וואַסער.

— ליג בעסער שטיל, נשמהלע מײנס, — האָט זי גערעדט און געשפּריצט — פאַר דיר איז געזינטער צו שווײגן.

סאָלטשע האָט שוואַך געשמײכלט, און אין דעם דאָזיקן שוואַכן שמײכל איז אַפילו אַרײנגעפאַלן אַ שאָטן פון איראָניע.

— אַך, ראָזע, ראָזע, — האָט זי געשעפּטשעט, — איך האָב אין

מיין לעבן געטון אַ סך זאַכן, וואָס זענען געווען נישט געזונט פאַר מיר... און...

זי האָט זיך פאַרהאַקט מיט אָנגעלאָפן בלוט אין די טרוקענע באַקן און דאָך געענדיקט דייטלעך פאַרענדיקט:

— און איך האָב קיין חרטה נישט...

באַלד דערויף איז זי ווידער אַריינגעפאַלן אין פיינלעכן דרעמל מיט אַ וואַרפן זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. די היץ איז מיטאַמאָל אָפּגעפאַלן און זי האָט גענומען גליווערן.

לערנער האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן.

ער איז אַריינגעלאָפן מיט ראָזען אין צווייטן צימער און ביי־דע האָבן זיך גענומען איבערשמועסן מיט ציטערדיקע ליפּן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, צי מען זאָל טעלעגראַפירן אַהיים קיין וואַרשע, צי נישט.

— איך שרעק מיך נישט פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איך נעם דאָ אויף זיך, — האָט לערנער געטענהט, ווי אַ צעמיש־טער, — אָבער אין אַזאַ מאָמענט מוז דאָך זיין אַ טאַטע, אַ מאַמע... זיי מוזן דאָ זיין צוליב זיך און צוליב סאַלטשען... אפשר וויל זי זיי זען? איר פאַרשטייט, ראָזע...

און ראָזע האָט אים געענטפערט מיט דערזועלבער צעמישטקייט:

— איך זאָג אויך—אַ טאַטע און אַ מאַמע מוזן זיין... אוודאי, לערנער... ווי קען עס זיין אַנדערש...

אָבער ביידע האָבן נישט געקענט אַרויסציען פון איינאַנדער קיין באַשטימטקייט. זיי האָט זיך געדאַכט, אַז מיטן טעלעגראַפירן ווערט צעבראָכן די לעצטע האָפענונג, אין וועלכער זיי האָבן זיך געוואָלט אַריינגנבענען, אָפּנאַרנדיק זיך, און עס ווערט באַשטעטיקט דער טויט...

פונדעסטוועגן האָט מען דעפּעשירט קיין וואַרשע, אַז סאַלטשע איז קראַנק און זי בעט, מען זאָל קומען צו איר. דערזעלבער דינער, וואָס האָט געבראַכט די רפואות, האָט אַוועקגעטראָגן די טעלעגראַמע אויף דער פּאָסט, און לערנער מיט ראָזען, ביידע אויסגעמוטשעטע, נישט קיין אויסגעשלאָפענע, מיט ליידיקע מאָגנס, אָבער אָן שום אַפּעטיט צום עסן, האָבן אַרומגעבלאָנקעט אויף די שפּיץ פינגער אין סאַלטשעס צימער.

ביז נאַכט האָט מען געבראַכט נאָך צוויי דאָקטוירים — אַ יונגן

און אַן אַלטן — אפשר וועלן זיי העלפן. אַריין זענען די דאָקטוירים מיט דאָקטאָרשער העפלעכקייט, מיט צעפרידענע שמייכעלעך, מיט אַ שאַרן מיט די פיס, האָפנדיק מסתמא, אַז מען וועט דאָ גוט באַצאָלן פאַר אַ לייכטן וויזיט. אָבער אַז זיי האָבן אַ קוק געטון אויפן חולה, בלויז איין קוק געטון, זענען באַלד אָפּגעווישט געוואָרן די שמייכע־לעך און אַ שווערער וואָלקן האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף זייערע פּנימער.

זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו טון, און צו זייער פּאַרדרוס האָבן זיי געדאַרפט באַשטעטיקן אַ זאַך, וואָס קיין שום מענטש קען זי נישט אָנ־עמען: זיי האָבן געדאַרפט באַשטעטיקן דעם גאַנג פון טויט...

סאַלטשע האָט משונה געגליוערט אין בעט און לערנער מיט ראָזען האָבן זיך געמוטשעט אין צימער. זיי האָבן אויך געגליוערט. די קראַנקע האָט זיי סוגעסטירט און זיי האָבן געגליוערט פון פּחד און צער.

אין דרויסן איז ווידעראַמאָל געהאָנגען אַ בלויע נאַכט מיט ווייטע קלאַנגען פון מענטשלעכן יונגן געלעכטער, מיט קלאַנגען פון עמעצנס מונטערע טריט, שמחה און לעבן.

אין די אָפענע פענצטער האָט זיך אַריינגעגאָסן דאָס נאַכט־לעבן פון אַן איטאַליענישער שטאָט: ערגעץ האָט עמעצער געשפּילט קלאַוויר און האָט געוואָרפן אין דער נאַכט־בלו־קייט איטאַליעניש־זי־סע בעטנדיקע קלאַנגען און ערגעץ האָט עמעצער מיט אַ ווייכן יידישן טענאָר געזונגען אַן איטאַליענישן ראָמאַנס באַגלייט מיט אַ סאָפּראַן. אונטערן פענצטער האָבן זיך נאָך אַלץ געהערט יונגע לייכטע טריט, פאַרגאָסן מיט געלעכטער.

לערנער האָט צום ערשטן מאָל איבערגעלעבט אַזאַ נאַכט. ער, דער געזונטער בחור, מיטן גוטן מוזיקאַלישן געהער, וואָס האָט ביז אַהער געלעבט אַ פריי לעבן, אָן שום זאָרג און צאַנגסט און צער, האָט פּלוצים דערשפּירט, אַז אויף דער וועלט עקזיסטירן זייער טרויעריקע געזעצן, וואָס קיינער קען זיך נישט ווערן מיט זיי. זיי־ענדיק שטענדיק פאַרנומען מיט מוזיק, מיט לעקציעס, מיט אַ וועלט פון קלאַנגען און פאַרבן, אין וועלכע ער האָט איינגעוועבט זיינע גע־פילן דורך סאַלטשען, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן אין טויט. און אָט איז ער איצט געקומען אַהער דאָ, אין דעם דאַזיקן האָטעל־צימער,

אויף זיינע אויגן, און לערנערס שכל און זיינע געזונטע הענט קע־נען גאָרנישט העלפן דערצו.

ווי אַ פייגל מיט געבונדענע פליגלען, האָט ער אַרומגעשפּאַ־צירט איבערן צימער אויף די שפּיץ פינגער, מיט אַ ליידיקן מאָגן, מיט אַ פאַרלאָרענעם אַפּעטיט צום עסן, טרינקען און שלאָפן, מיט אַ הייסן קאָפּ און אַ טרוקענעם האַלדז, אָנגעפילט מיט פריקרע ריחות פון רפואות און שמירעכטסן.

טיילמאָל האָט זיך אים אויסגעשניטן אין צעציטערטן זכרון נישט די סאַלטשע, וואָס ליגט איצט כמעט אָן אָטעם אין בעט, נאָר יענע סאַלטשע, וואָס האָט געוווינט אין שווידער און געוואַרט אויפן חתן מיט אַזוי פיל גאָלד אין די האָר, אין די אויגן, אין שמייכל. יענע סאַלטשע, וואָס האָט דערמאָנט דעם מונטערן רויטן באַגינען פון פרילינג. פון יענער סאַלטשען ביז דער, וואָס ליגט איצט אין אַן איטאַליענישן האָטעל־צימער, איז אַוועק אַ קליין שטיקל צייט, נישט קיין יאָרן, נאָר חדשים, געציילטע חדשים, און סאַלטשע, דער פרילינג־באַגינען דערמאָנט איצט דעם גרויען כמאַרנעם הערבסט.

— עס גייט שנעל, זייער שנעל, ווי דער אַלטער דאָקטאָר זאָגט... — האָט ער געשעפּטשעט, שפּרייזנדיק, און איז מיטאַמאָל גע־בליבן שטיין אַ פאַרציטערטער.

אין בעט האָט עפּעס אָפּגעזעצט און באַלד דערויף איז גע־וואָרן שטיל, פונקט ווי אַ הייזעריקער זייגער וואָלט זיך אָפּגע־שטעלט.

ראָזע האָט אויסגעבראָכן מיט אַ היסטערישן געוויין און זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ און לערנער, דער געזונטער מאַנסביק, איז אַני־דערגעפאַלן אויף אַ שטול.

ער האָט נישט געוויינט און נישט געקענט וויינען, נאָר ער איז געוואָרן מיד און מאַט און צעטרייסלט, אָן שום חשק און ווילן.

אין די אויגן איז אים געשטאַנען די בלויע נאַכט, און אין די אויערן האָבן אים פון צוויי זייטן געקלאַפּט דער קלאַוויר מיטן ווייכן טענאָר, געקלאַפּט פונקט ווי איבער האַלץ. ער האָט זיי נישט גע־פילט. ער האָט בכלל גאָרנישט געפילט.

אָבער אויפן בעט, ווו עס האָט זיך געהייבן עפּעס שווייגעדיקס אונטער די קנייטשן פון דער לייכטער קאָלדרע, האָט ער מורא גע־

האָט צו קוקן. פון אַלע געפילן איז אים געבליבן בלויז איין געפיל — שרעק...

שרעק פון אַ בּאַזיגטן געזונטן מענטשן.

* *

*

די אַדמיניסטראַציע פון האָטעל האָט אַרויסגענומען די נויטיקע פּאַפּירן ביי דער מאַכט, און סאַלטשע איז געקומען צו דער קבורה אויף אַ קליינינטשקן שטילן יידישן בית־עולם.

עס איז געווען אַ קליינע אומבּאַקאַנטע לויה. דער וואָגן מיטן ארון האָט פאַרנומען מער אָרט, ווי די מענטשן, וואָס האָבן אים בּאַגלייט.

צו לערנערן מיט ראָזען האָבן זיך אָנגעשלאָסן צוויי האָטעל־בּאַדינער און אַ מענטש מיט לאַנגע שוואַרצע וואָנסן פון דער אַדמיניסטראַציע.

געדונגענע הענט, אומבּאַקאַנטע מענטשן מיט אַ פרעמדן לשון אויף דער צונג האָבן שנעל פאַרטיק געמאַכט דעם גרוב און געדונגענע הענט האָבן זי פאַרשאָטן. לערנער איז געשטאַנען, ווי אַ שטומער. ער האָט נישט געוויינט און נישט גערעדט.

אין דער שטילקייט איז פון צייט צו צייט אַריינגעפאַלן ראָזעס כליפּען...

סאַלטשעס על־ערן האָבן נישט בּאַוויזן צו קומען.

אַז לערנער האָט זיך אַ וואַקלדיקער אומגעקערט צוריק אין האָטעל, האָט מען אים דערלאַנגט אַ שיין קליין ראָז קאָנווערטל, אַדרעסירט פון פוילן פאַר סאַלטשען.

ער האָט גאָרנישט געפילט, נאָר ער האָט געהאַט אין אינסטינקט, אַז דאָס, וואָס געהערט צו סאַלטשען, געהערט פון איצט אָן אויך צו אים, און ער האָט אויפגעריסן דאָס שיינע קאָנווערטל. ער האָט געפונען דערין אַ קליין ראָז בויגעלע פּאַפּיר, פאַרשריבן מיט דראָבנע אותיות, אין פויליש.

און לערנער האָט מעכאַניש געלייענט:

„סאַלטשע טייערע.

איך האָב אַ שאַרף אויג און ווייט הערט מיין אויער. איך ווייס דעם גאַנצן מאַרשרוט, וואָס דו האָסט דורכגעמאַכט פון וואַרשע ביז

באַזעל, פון באַזעל ביז בערלין, פון בערלין ביז בוקאַרעשט און פון בוקאַרעשט ביז סאַן־רעמאָ...

טייערע, ווו דו זאָלסט נישט זיין, וועט דיר אומעטום נאָכפליען מיין אָרעם האַרץ, וואָס קען זיך נישט באַרויקן. מיר האָבן איין גורל, טייערע... דו קענסט נישט דערגרייכן דעם, וואָס דו האָסט ליב און איך קען נישט דערגרייכן די, וואָס איך האָב ליב... מעגלעך, אַז דאָ באָמבלט זיך אַרום נאָך אַ צווייטער, וואָס ליידט אויך פון ליבע צו דיר. לערנער איז זיין נאָמען...

איך בעט דיך, טייערע, נעם נישט אָן די דאָזיקע ווערטער פאַר אַן אויסדרוק פון לייכטזין אָדער פון עפּעס אַ נקמה־געפיל. ניין, דאָס רעדט צו דיר אַ פאַרבלוטיקט האַרץ, וואָס איז אומבאַהאָלפן, ווי אַ געשאָכטענער פייגל.

איך קוק אויף מיין לעבן, ווי אויף אַ פאַרלאָרן שפּיל און באַרויקן וועל איך מיך מסתמא אין קבר, דאָרט, ווו אַלע באַרויקן זיך...

סטאַש".

לערנער האָט דאָס בריוועלע נישט אַוועקגעוואָרפן, נאָר אַריינגעלייגט אין קעשענע. צו וואָס האָט ער עס אַזוי געטון, האָט ער אַליין נישט געוווסט, ווי ער האָט נישט געוווסט, למאי איז ער באַלד דערויף אַרומגעלאָפן, אָן שום זין, גאַס־איין, גאַס־אויס.

ער איז געלאָפן מיט סאַלטשען אין זכרון. ער האָט זי געזען אַ געזונטע, אַ פריילעכע און אַ לאַכעדיקע, מיט גרויסע פעיקייטן צום קלאַוויר, אָבער ער איז געווען אַזוי מיד און אָפּגעשוואַכט, אַז ער האָט זי נישט געקאָנט איינהאַלטן אין אָט דער געשטאַלט און זי איז אים ווידעראַמאָל געשטאָרבן אין זכרון...

אין דעם אייגענעם טאָג, פאַרנאַכט, האָט ער זיך צעשיידט מיט ראָזען. סאַן־רעמאָ, די דאָזיקע זוניקע שטאָט איז זיי פּלוצלונג נמאס געוואָרן, ווי אַ שפּיטאָל, ווי אַ בית־הקברות. ראָזע איז אַרויסגעפאָרן קיין בערלין און לערנער קיין באַזעל.

פאַרוואָס עפּעס קיין באַזעל?

ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט און דערפראָרן קינד, איז ער געפאָרן זוכן עטוואָס טרייסט ביי אידען.

אין וועג האָט לאַנג אים נאָכגעיאָגט דער זיס־פריקרער ריח פון סאַלטשעס רפואות און דאָס בילד פון דער לייכטער קאָלדרע,

וואָס האָט מיט דינע פּאָלדן באַדעקט דעם לאַנגן פאַרגליווערטן גוף, וואָס האָט געהייסן סאָלטשע.

יב.

אין אַ יאָר אַרום, שוין אַלס מאַן און פרוי, האָבן שטיינמאַן און דינה געמאַכט זייער חתונה-רייזע.

זיי האָבן עס נאָר אָנגערופן „חתונה-רייזע," אָבער געפאָרן זע־נען זיי נאָר צוליב דעם, ווייל די בערלינער פּראָפעסאָרן האָבן גע־הייסן דינהן אַרומפאָרן, צו באַרויקן אירע נערוון, וואָס האָבן זיך אַלץ נישט געקאָנט באַרויקן.

און רייזנדיק איבער איטאַליע, איז אויף זייער וועג געלעגן די שטאָט סאַן־רעמאָ, און זיי האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט, ווייל זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן אַ קבר, וואָס איז געלעגן אין דער דאָזיקער שטאָט.

צו נאָנט איז זיי ביידן געווען דער דאָזיקער קבר, זיי זאָלן קענען פאַרבייפאָרן און זיך נישט אָפּשטעלן. צופיל האָט דער קבר זיי דערמאָנט און גערעדט צו זייערע הערצער.

שטיינמאַן האָט שוין געוווסט, ווען, ווי אַזוי און ווו סאָלטשע איז געשטאָרבן.

זיי זענען אַראָפּגעפאָרן אין דער רויק־שיינער שטאָט, וואָס האָט זיך געטונקען אין גרינס. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ האָ־טעל, ווו זיי האָבן איבערגענעכטיקט און אויף מאָרגן גאַנץ פרי זע־נען זיי מיט אַ גרויסן קראַנץ בלומען געפאָרן אויפן בית־עולם.

דער קברות-ייד, אויסגעפּוצט אין שוואַרצן, האָט זיי געפרעגט, צו וועלכן קבר זיי דאַרפן.

— סאָליע פיינזילבער פון פוילן... מען האָט זי אויך גערופן זיסל... — האָט שטיינמאַן געענטפערט.

— יאָ, איך ווייס...— האָט דער קברות-ייד מיט גרויס דרך־ארץ געענטפערט. — איך פאַרשפּאָר צו גיין אין קאַנטאָר זוכן אין די ביכער. אָט וועל איך אייך באַלד ווייזן.

שטיינמאַן און דינה, טראָגנדיק דעם גרויסן קראַנץ בלומען, זע־נען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ נאָכגעגאַנגען דעם קברות־ייד, איבער

גרינע שיינע אַלעע, וווּ פון ביידע זייטן האָבן אַרויסגעלאָכט פאַרבי־
קע בלומען — רויט, ווייס, גרין.

דער קברות־ייִד האָט דעם גאַנצן וועג נישט אויפגעהערט צו
רעדן.

— דער שענסטער טייל פון אונדזער בית־הקברות איז פאַר די
„פרעמדע". דאָרטן געפינען זיך די שענסטע און טייערסטע מצבות.
דאָרטן געפינט זיך אויך דער קבר, וואָס איר זוכט.

אויפן וועג איז צו זיי צוגעקומען נאָך אַ ייִד, אויסגעפוצט אין
שוואַרצן און מיט אַ פּירעקעדיקער יאַרמולקע און איז מיט זיי מיטגע־
גאַנגען און אויך נישט אויפגעהערט צו דערציילן פון די רייכע
„פרעמדע" ייִדן, וועלכע זענען געקומען אַהער קראַנקע, האָבן דאָ
געוווינט צוליבן וואַרעמען און גרינגן קלימאַט און זענען דא געשטאָרבן.

די ייִדן האָבן זיי צוגעפירט צו אַ קבר, וווּ עס איז געשטאַנען
אַ מצבה: אַ בוים מיט געבויגענע צווייגן, אויסגעהאַקט פון ווייסן
מאַרמאָר.

דער קבר איז געווען באַדעקט מיט פאַרטריקנטע בלומען.

שווייגנדיק, האָט דוד און דינה איבערגעלייענט די אויסגעקריצ־
טע ווערטער אויף דער מצבה און שווייגנדיק האָבן זיי אַנידערגע־
לייגט דעם קראַנץ בלומען אויפן קבר. דינה האָט שטיל געוויינט.

דער צווייטער ייִד מיט דער יאַרמולקע האָט מיט אַ טרויעריקער
האַרצרייסנדיקער שטימע געזאָגט „אל מלא רחמים"...

נאָכדעם זענען די צוויי ייִדן אַוועקגעגאַנגען און דוד מיט
דינהן זענען נאָך לאַנג געבליבן שטיין ביים קבר

ביידע האָבן קיין ווערטער נישט געפונען.

צוריקגייענדיק, האָט דינה זיך אָנגערופן:

— קרבנות... די גאַנצע וועלט באַשטייט פון נויט, אַנגסט און
קרבנות... דאָס פּוילישע מיידל האָט נישט געוווּסט פון נויט, האָט זי
אָבער געענדיקט, ווי אַ קרבן...

זיי זענען געגאַנגען צווישן בלומען, אונטער אַ בלויען הימל,
אין אַ זוניקער לופט און דינה האָט זיך צוגעטוליעט צו שטיינמאַנען.
זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און זיך געלאָזט פירן פון אים.

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און זיך געפילט, ווי אַ קראַנק קינד,
וואָס ווערט געפירט פון אַ טאַטן.

ער האָט זי אַרויסגעפירט פון בית־עולם.

אָבער אין גאַס איז אויך געווען אַזוי שטיל, אַזוי בלומענדיק, און דיזעלבע גאָלדענע לופט, וואָס אויפן בית־עולם, איז געהאָנגען איבער דער שטאָט.

און שטיינמאַן האָט זי ווייטער געפירט און שטיל געשעפטשעט צו איר:

— באַרויק דיך, דינהלע, באַרויק דיך... אויב דו ווילסט לינדערן עמעצנס נויט און צער, מוזטו פריער געזונט ווערן. באַהאַלט דיין געזונט פאַר אַנדערע, פאַר שוואַכע און איך וועל דיר העלפן דערין...

און דינה איז געגאַנגען גלייך מיט אים, שטאַרק צוגעטוליעט צו זיין אָרעם, מיט נאָך אַלץ צוגעמאַכטע אויגן און געענטפערט, ווי אַ בלינדע:

— אויך גלויב דיר, טייערער, איך גלויב דיר!.. אָט דאָס גלויבן היילט מיך בעסער פון אַלע פּראָפעסאָרישע רפואות...

זי האָט געעפנט די אויגן און האָט אים מיטאַמאָל, אין גאַס, פאַר אַלע דורכגייער אַ קוש געטון אין אַקסל.

— איך ווער געזונטער!.. — האָט זי אים שטיל צוגעוואָרפן דורכן קוש.

פארלאג „אחיספר", ווארשע

אלע ווערק פון מרדכי ספעקטאר

א נייע אויסגאבע פון אלע זיינע בארימטע ראמאנען; מאנכע פון זיי דערשיינען איצט צום ערשטן מאל אין בוך־פארם.

שוין דערשינען:

I ב. **סודות** ראמאן פון דער לעצטער צייט 2 טייל. 455 זייטן.

II ב. **די קללה פון שיינקייט** ראמאן פון דער וועלט־קריג־צייט אין צוויי טייל.

III ב. **אויף א נייעם וועג** (ראמאן) **קאוואלירן** (ראמאן פון סטודענטן־לעבן)

אין דרוק:

IV ב. **דער יידישער מוזשיק** (ראמאן אין 4 טייל)

V ב. **עניים ואביונים** (ראמאן אין צוויי טייל)

VI ב. **די פארבלאנדזשעטע** (ראמאן)

VII ב. **ר' טרייטל**

VIII ב. **זכרונות**

IX ב. **ארטיקלען און זכרונות וועגן מרדכי ספעקטאר** (מיט זיין ביאגראפיע)